STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05566

OPGERISENE BLETER

David Ignatoff

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Sam & Shirley Zemsky
in honor of
Goldie Kushner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד איגנאַטאָוו

דוד איגנאַטאָוו

„אַפּגעריסענע בלעטער“

דוד איגנאַטאָוו

„אָפּגעריסענע בלעטער“

(עסייען, פאַרבליבענע כתבים און פראַגמענטן)

פאַרלאַג „יידבוך“

ביי דער
„געזעלשאַפט פאַר יידיש-וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע“
בוענאָס-איירעס

1957

דרוקעריי ברידער זלאָטאָפּיורא — סאַן־לואיס 3149 — בוענאָס־איירעס

אינהאַלט:

פאָרוואָרט — יהודה טאָפּאָל — — — — — — — — — — — — — 7
אַ בריוו צו די אייניקלעך — דניאל איגנאַטאָוו — — — — — — 8

אַריינפיר

עס רויטלען זיך די בלעטער — — — — — — — — — — — — — — — — 19

„די יונגע"

אברהם משה דילאָן — — — — — — — — — — — — — — — — 25
וועגן שווערד און שייד (זישע לאַנדוי) — — — — — — — 33
אייזיק ראַבאָי — — — — — — — — — — — — — — — — — 52
פאַר דעם מאָרגנדיקן טאָג (וועגן ראַבאָי) — — — — — — — — 64
אַ קאַפּיטל „יונגע" (אין שייכות מיט עטלעכע יובילייען) — — 67
פון מיינע זכרונות — — — — — — — — — — — — — — — — 87

ברידער

דער מענטש וואָס איז דאָ און איז נישטאָ (פרץ הירשביין) — 99
ווי אַזוי זאָלן מיר דאָס טאָן? (א. ליעסין) — — — — — — — — 107
מיר צינדן ליכט (בן אדיר) — — — — — — — — — — — — 119
חיים קרול — — — — — — — — — — — — — — — — — — 123

קונסט און קינסטלער

סטיגליץ — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 153
מאַרק שאַגאַל — — — — — — — — — — — — — — — — — 174
אברהם וואָלקאָוויץ — — — — — — — — — — — — — — — 182

רעליגיעזע מאָטיוון

וואָס איז רעליגיע? — — — — — — — — — — — — — — — 191
לא תעשה לך פּסל — — — — — — — — — — — — — — — 199
שולדיק — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 210

פאַרבליבענע כתבים

באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ (פראַגמענט פון אַ ראָמאַן) — — — 227
אַ בריוו צו זיין זון — — — — — — — — — — — — — — — 339

פאָרוואָרט

דאָס איז איגנאַטאָווס לעצט בוך.

עס איז צוזאַמענגעשטעלט פון אַ פראַגמענט פון אַ ראָמאַן און אַ צאָל עסייען און אַרטיקלען. טייל פון דעם איז שוין אָפּגעדרוקט אין פאַרשידענע זשורנאַלן. טייל איז נאָך געלעגן אין כתב־יד. די אלמנה, מיני איגנאַטאָוו, און זייער זון דניאל האָבן עס גענומען אויף זיך אַלס זייער חוב צוזאַמענצוקלייבן די צעוואָרפענע אַרבעטן, דאָס צוגרייטן און אַרויסגעבן אין אַ בוך אויף צו דערהאַלטן צוזאַמען מיט די אַנדערע פאַרעפנטלעכטע ווערק פונעם פאַרשטאָרבענעם שרייבער.

דאָס איצטיקע בוך איז זיכער נישט פאַרגעזען געוואָרן אינעם ברייטן פּלאַן פון דוד איגנאַטאָוו גופא. אין זיין סדר האָט איצט געזאָלט קומען אַ דריט בוך אין דער עפּישער טרילאָגיע: „פאַר אַ נייע וועלט" — פון וועלכע עס איז קוים מעגלעך געווען, אַז דאָס צווייטע בוך זאָל דערשיינען כמעט אין די לעצטע ביטערע טעג פון זיין לעבן. איגנאַטאָוו האָט זיך אויך געריסן ווייטער צו פירן זיין ראָמאַן.

איך מיט מיין פרוי האָבן מיר אים געפונען, אויף אַ באַזוך איין שבת נאָכמיטיק, זיצן ביי זיך אין שטוב אין טונקעלן בין־השמשות איבערן כתב־יד פונעם ראָמאַן. די געליימטע האַנט איז שוין פון שעהן געלעגן מאַכטלאָז אויפן פּאַפּיר. סיי־ווי, דער מוח האָט זיך מער נישט געקענט רעכט אָנקניפּן אָן די פריערדיקע ליכטיקע וויזיעס פונעם היימישן אַמאָל. אַזאַ ביטערער צער איז דעמאָלט געלעגן אויף זיין פּנים, אַזאַ אַנטוישונג און שרעק אין די אויגן.

איצט איז דער שטורמישער ווילן, דער עמפּינדלעכסטער צווישן שרייבער, דער גרויסער דיכטער באַגראָבן אין קבר — און עס וועט מער שוין קיין זאַך נישט קומען פון זיין האַנט.

דוד איגנאַטאָוו האָט זיין ראָמאַן נישט פאַרענדיקט, דעם דריטן טייל פון זיין טרילאָגיע נישט אָנגעשריבן. אָבער מיר מעגן זיך טרייסטן מיט דעם וואָס עס איז אונדז פאַרבליבן: די ווערק פון אַ וווּנדערלעכן מייסטער פון שפּראַך, פון אַ גרויסן דיכטער און זעער.

יהודה טאָפּעל

אַ בריוו צו די אייניקלעך

ליבע אלישע, שאול און חנה.

שוין דריי יאָר ווי דער זיידע איז געשטאָרבן. אפשר געדענקט איר נאָך ווי ער האָט זיך געפּרייט מיט אייך, ווי אַזוי ער האָט זיך לוסטיק געשפּילט מיט אייך און געאַרבעט מיט אייך אַרום דעם הויז אין ברוקלין? אפשר געדענקט איר זיין שטאָלצן גאַנג, זיין ריין אויסזען, און ווי שטורמיש ער פלעגט זיך נעמען צו יעדער אַרבעט.

אפשר אָבער זייט איר געווען צו יונג דאָס אַלץ צו געדענקען. אָבער די לעצטע יאָרן געדענקט איר יאָ, די לעצטע יאָרן ווען זיין קראַנקייט האָט אים געבונדן און געליימט. איר געדענקט ווי דער דראַנג צו לעבן, צו טון, צו שאַפן, האָט קיינמאָל נישט שלום געמאַכט מיט זיין קראַנקייט. דער דאָזיקער דראַנג האָט שטענדיק געטריבן זיין קראַנקן גוף צו גרעסערע פּאַרמעסטן. עס איז פאַרגעקומען אַ געראַנגל צווישן זיין שטרעבנדיקן גייסט און זיין שטאַרבנדיקן קערפּער. דאָס האָט געשאַפן אַ מוראדיקע אומרו, וואָס האָט אויפגערודערט דאָס גאַנצע הויז. אַ געפּענטעטער לייב וויל זיך באַפרייען פון די פּענטעס. און דער נאָענטער אַרום ווערט אויפגעציטערט. אויך אייך האָט דער שטורעם מיטגעריסן. אויך איר זייט אויפגעציטערט געוואָרן פון דעם געראַנגל, נאָכמער — פון דעם פּלוצימדיקן סוף, ווען „די בלאַנקע שווערד האָט זיך ענדלעך אַרויסגעריסן פון איר שלאַבערדיקער שייד". אַזוי פלעגט זיך אויסדריקן אייער זיידע.

„די שייד האָבן מיר מיט דריי יאָר צוריק אַריינגעלייגט אין קבר און איר שווערד בלאַנקט און שוועבט נאָך פאַר אונדז".

***

אונדזער יידישע ליטעראַטור אין אייער זיידנס יוגנט איז געווען ווי די האַסטיקע, רוישיקע פרילינגסטייכן וואָס שטורעמען אַרויס פון די פאַרשנייטע באַרגשפּיצן אין די ערשטע אויפלעבנדיקע פרילינג־טעג. זיי האָבן אַן אימפּעט

און אַ געוואַלד וואָס הילכט און שרייט און ראַנגלט זיך מיט זייערע ברעגן און באָדנס, וואַסער שטורצט און קעמפט מיט אייגענע וואַסער. אַזעלכע טייכן האָבן אַ קראַפט וואָס טראָגט און וואַרפט ריזיקע לאַסטן פון צעבראָכענע ביימער אין גרויסע שטיקער אייזפעלדער ווי זיי וואָלטן געווען שפּענער. — זיי האָבן אויך פּלוצימדיקע וווּנדערבאַרע טיפן און שיינקייטן.

אָבער כמעט אַלעמאָל זענען אַזעלכע טייכן קורצע און לויפן שנעל אָפּ אין די גרעסערע שטראָמען. און נאָך דעם פרילינג־אַפּלויף, אין די לאַנגע זומער־היצן ווערן זיי רויִק און שוואַך ביז זיי ווערן ווידער פאַרגליווערט און שטיל אין די ווינטערקעלטן.

דער זיידע, דער קראַנקער געליימטער ווי איר האָט אים געקענט, איז געווען אַ טייל פון אַזאַ שטראָם און איר האָט אים געקענט אין זיינע קאַלטע ווינטערטעג, אין יענע טעג ווען דער שטראָם האָט אָנגעהויבן איינגעגליווערט צו ווערן.

אָבער אין זיינע יונגע יאָרן, ווי איר זעט אים אויף די בילדער וואָס די באָבע האָט נאָך, אַ יונגער בחור צווישן זיינע פריינט, אַלע מיט אַ ווייכקייט איז די רונדע פּנימער און אַ ברען אין די אויגן, איז ער געווען אַ פירנדיקע טייל פון אַזאַ ברויזנדיקן שטראָם. יענער שטראָם, יענע גרופּע, יענע שרייבער, פּאָעטן און קינסטלער האָט מען אַ נאָמען געגעבן די „יונגע“.

געננוי ווי יענע פרילינגס טייכן זענען זיי געווען באַפרייט פון אַ הונדערט־יאָריקן לאַנגן ווינטערדיקן מיטלאַלטער פון יידישן פאָלק. געבאָרן זענען זיי אַלע צווישן 1880 און 1885. אַ קורצע 30—40 יאָר פריִער איז פאָרגעקומען אין זייערע מזרח־אייראָפּעיִשע היימלענדער אַ גרויסע פרילינגס זונאויפגאַנג פון רעוואָלוציע און השכלה. אַלס יונגע לייט האָבן זיי געפילט דעם פולן אָנוואָרעמען פון זייער באַפרייונג פונעם פאַרגליווערטן מיטלאַלטערלעכן קליינשטעטל און אין אַ ברויזנדן באַפרייטן שטראָם זענען זיי אַריינגעפלאָסן אין דעם 20סטן יאָרהונדערט אין דער אַמעריקאַנער מעטראָפּאָליס, ניו־יאָרק.

מיטגעבראַכט האָבן זיי אַ באַגאַזש פול מיט נאָענטן קאָנטאַקט מיט אָפּגייענדיקן אייראָפּעיִשן ראָמאַנטיציזם און זיינע עטישע פּראָבלעמען, האָפענונגען, מיסטיציזם און אַ בענקשאַפט נאָך די היימישע קינדעריאָרן. און אַריינגעשווומען זענען זיי אין די נייערע קאָנפליקטן פון רעאַליזם, סימבאָליזם און אימפּרעסיאָניזם.

ווי יענע פרילינגס־טייכן האָבן זיי געשטורעמט און געקעמפט מיט זיך אַליין ווי וואַסער מיט אייגענע וואַסער. געריסן און געשלאָגן האָבן זיי זיך מיט אייגענע ברעג און באָדן, מיט דער אַרומיקער יידישער סביבה און אירע אייגענע שרייבער און קינסטלער. און געטראָגן האָבן זיי ריזיקע לאַסטן ווי שפּענער, געאַרבעט לאַנגע שעהן אין די „סוועט־שאָפּס“ און אין די אָוונטן און אין פרייע טעג געשריבן אַ ווונדערבאַרע ליטעראַטור פון לידער, מעשיות און ראָמאַנען, אַרויסגעגעבן פּראַכט־פולע זאַמלביכער מיט די אייגענע כוחות און מיט די לעצטע גראָשנס ביז זיי און זייערע פרויען און קינדער האָבן קוים געהאַט צום לעבן.

אין יענעם שטראָם, וואָס מען האָט עס אַ נאָמען געגעבן „די יונגע", איז אייער זיידע געווען אַ פירנדיקע טרייבקראַפט, אַ רעדאַקטאָר און פּערזענלעכער קריטיקער פון יעדן וואָס איז געווען אַ טייל פון יענער גרופּע. און אין אונדזער הויז זענען די אַלע טעאָריעס פון קונסטשאַפן, און די אַלע וואַרעמע פריינטשאַפטן צווישן די יונגע, ווי אויך די ביטערע מלחמות וואָס זיי האָבן געפירט, געווען ברויזנדיק און קעמפנדיק באַלעבט.

מיינע ערשטע דערינערונגען, ווען איך בין געווען אפשר מיט אַ פּאָר יאָר עלטער, און שאול און חנהס מוטער, מיין שוועסטער יהודית, איז געווען אַזוי אַלט, ווי איר זייט איצט, זענען פאַרבונדן מיט אונדזער פּירצימערדיקער וווינונג אין ברוקלין אויף דער צווייטער גאַס לעבן טשווירטש־עוועניו. דאָס איז געווען אַן אָרעמע דירה. די ווענט זענען אָבער געווען באַהאָנגען מיט אָריגינעלע אויל־בילדער און האַלצשניטן ראַדירונגען געמאַכט פון קינסטלער ווי טאָפּעל, קאַפּמאַן, וואַלקאָוויץ, וועבער און אַנדערע וואָס זענען געווען נאָענט צו דער גרופּע „יונגע". אויך די לאָמפּן זענען געווען באַהאָנגען מיט שירעמס, האַנט־בעמאָלן, מיט ביל־דער גענומען פון דעם זיידנס וווּנדער־מעשיות. פון די ווענט, ווי פון די ליכט, האָט געפינקלט פאַרב און פאָרעם ווי ביי די רייכסטע בילדער־אויסשטעלונגען און גאַלעריען אויף 57סטע גאַס אין מאַנהעטן. און אונדזערע צימערן זענען גע־ווען פול מיט קלאַנג און מוזיק פון דער באָבעס ווונדערלעך פּיאַנאָ־שפּילן.

שבתים און אָוונטן, ווען דער זיידע איז געווען אין דער היים און עס זענען נישט געקומען קיין געסט, פלעגט די באָבע שפּילן און ער איז געזעסן שעהן־לאַנג ביים טיש און געשריבן. ער האָט געשריבן מיט דער האַנט, נישט מיט קיין שרייבמאַשין ווי מיר טוען דאָס איצט ווען מע שרייבט אַ סך. פון מיינע ערשטע קינדער־יאָרן געדענק איך אַ הויז פול מיט בילדער און מוזיק, און פול מיט מאַנוסקריפּטן, גרויסע הויפנס פאַרשריבענע פּאַפּירן און לאַנגע שלאַנגען גאַלע קאָרעקטורן.

דער זיידע האָט אויך ליב געהאַט אויפצונעמען אַ פולע שטוב מיט געסט. און געסט האָבן נישט געפעלט ביי אונדז. איך געדענק ווי די געסט פלעגן אַריינ־קומען צו וועטשערע אָדער גלייך נאָך דעם. דער זיידע איז נישט געווען קיין גרויסער פאַרדינער אין יענע יאָרן. און ווי אַזוי די מאַמע האָט זיך אַן עצה געגעבן, ווייסט קיינער נישט, זי אויך נישט עד היום הזה. ביי אונדז איז אַלעמאָל געווען אַ פולער טיש. דער זיידע האָט זיך עקשנותדיק איינגעשטעלט מ'זאָל עסן און טרינקען. האָט איינער חלילה נישט גענומען גענוג, איז דער זיידע גלייך אויפגעשפּרונגען, צוגעגאַנגען און, אַן רחמנות, אים אָנגעלייגט אַ פולן טעלער. איך הער נאָך היינט ווי טאָפּעל, אַ דעליקאַטער מענטש, האָט אַ דערשראָקענער שטענדיק געוואָרנט דעם זיידן: „איגנאַטאָוו, טו דאָס נישט, ניין! ניין! איך קען נישט..." אָדער ווי מאַני־לייב איז אָפט אויפגעשפּרונגען האַלב אין כעס, און האַלב מיט זיין נערוועזן געלעכטער: „גאָטעניו, איגנאַטאָוו! וואָס איז מיט דיר?!".

אָבער וויכטיק אין יענע מסיבות זענען געווען נישט די טאָג־טעגלעכע גע־שעענישן, אַפילו נישט דאָס שפּילן זיך מיט מיר און מיין שוועסטער, אָדער אונדז

אַזוי ערנסט אַריינצײַען אין שמועסן, וואָס מיר האָבן געטון יענעם טאָג, וועגן אונדזערע מיינונגען אָדער געדאַנקען, מיר זאָלן כלומרשט מיינען, אַז מיר זענען אויך דערוואַקסענע וואָס האָבן אַ דעה. וויכטיקער איז געווען דער שפּעטער, ווען טעלער און קאַווע־טעפּעלעך זענען שוין געווען ליידיק. פון דעם פּרוכט אין גרויסן טיפן פּרוכטשיסל זענען געבליבן בלויז שאָלעכצשנורן געשניטן אין איין נישט־געבראָכענער שלאַנגענלענג. די שוועסטער און מיך האָט מען געלייגט שלאָפן, דעם פאַרהאַנג פון אונדזער קליין שלאָפצימער פאַרצויגן און פאַרגעסן אָן אונדז. אָבער איך האָב נישט געקאָנט איינשלאָפן. יענע נעכט קען איך ביז היינט נישט פאַרגעסן. כמעט דרייסיק יאָר, טויזנטער מיילן דורכגעפאָרן, געווען אין אַ וועלט־קריג, געוווינט אין צוואַנציק הייזער און אַ סך לענדער. דאָך ליגט מיר עס נאָך היינט אין זינען — יענער קליין, טונקל, רוישיק שלאָפצימערל ווי אַ ווינקל הינטער דער נאָענטסטער וואַנט.

טונקל איז דאָרטן געווען. אָבער דאָס ליכט פון עס־צימער האָט דורכגעשיינט דורכן שפּאַלט צווישן די טיילן פון פאַרהאַנג און אויך דורכגעשפּאַרט פון אונטן. און דער טומל פון די וויכוחים, דאָס זיסע פאַרלייענען, די פּיאַנאָ־מוזיק האָט אָנגעפילט אונדזער צימערל. פון מיין בעט האָב איך נישט געקענט אַריינקוקן דורכן פאַרהאַנג־שפּאַלט אין עסצימער אַריין. אָבער נישט ווייט, אָן אַ זייט, איז געשטאַנען אַ גרויסער קופערט. איך האָב ליב געהאַט אַרויסקריכן פון בעט, איינוויקלען זיך אין דער קאָלדרע, זיך אַוועקזעצן אויפן קופערט און דורכן שפּאַלט באַוווּנדערן דעם טומל, גערויש און אויפברויז.

דער זיידע האָט גערעדט הויך אויפן קול, קלאַפּנדיק מיט דער פויסט אין טיש. דילאָן האָט געפּלאַנטערט און געשוווּמען אין געשוווּמען אין ווערטער. לאַנדוי האָט ציניש געלאַכט און אַריינגעוואָרפן אַ שאַרף וואָרט. טאַפּעל האָט גערעדט רויק, מיט געמאָסטענע ווערטער. מאַני לייב איז געזעסן מיט די פיס פאַרלייגט, דעם רוקן איינגעבויגן אין עלנבויגן אויף אַן אויפגעהויבענער קני, די האַנט אונטערן קין, אַ ציגאַרעט אין די פינגער אַז דער רויך איז אַריין אין די אויגן. דאָס צימער איז געווען פול מיט רויך און טומל. אָפט האָט מען לאַנג געבעטן ביי דער באָבען זי זאָל שפּילן. זי איז געווען זייער נערוועז און צו אויפגערעגט, איז איר שווער געווען זיך אַוועקזעצן און אָנהייבן שפּילן. עס האָט לאַנג גענומען ביז מען האָט עס געפּועלט ביי איר. ווען עס איז ענדלעך שטיל געוואָרן, האָב איך געוווּסט אַז זי האָט איינגעשטימט צו שפּילן. האָט זי נאָר אָנגעהויבן, איז די זיכערקייט צוריקגעקומען. דעמאָלט האָט זי געקענט שעהן נאָכאַנאַנד וווּנדערלעך שפּילן — שאָפּען, שומאַן, בעטהאָווען... דער זיידע און מאַני־לייב און לאַנדוי האָבן אַלע באַשריבן דער באָבעס שפּילן...

„זי שפּילט. איך וויין. די לאַנגע ציטערדיקע פינגער
ווי ווייסע לאַנדישן, פאַרבענקטע אין דער פינצטער —
פאַרבענקטע זוכן זיי, און בלאָנדזשען און געפינען...“

אַמאָל, ווען עס איז שטיל געוואָרן האָט איינער פּאַרגעלייענט זיינע נייעסטע לידער אָדער אַ קאַפּיטל פון זיינס אַ בוך אָדער אַן עסיי. איך ווייס נישט וואָס איך האָב פאַרשטאַנען אין יענע יונגע יאָרן. איך ווייס אויך נישט ווען איך האָב די זאַך אָדער אַן אַנדער זאַך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין אָדער וואָס איך האָב געהערט צום ערשטן מאָל. איך ווייס אַז ביז היינטיקן טאָג האָב איך אַליין זיך נאָך נישט אָוועקגעזעצט און געלייענט אַלץ וואָס זיי האָבן געשריבן. אָבער עס איז אַריין אין מיין בלוט און ביינער. כמעט יעדער מאָל ווען איך לייען אָדער הער עפּעס פּאַרגעלייענט פון אייער זיידנס פילאָזאָפיעס אָדער די לידער פון יענע פּאָעטן, לויכטן אויף אין מיר די ווערטער ווי וואַרעמע, אַלטע קינדער־זכרונות.

עס קען זיין, אַז איר געדענקט די אַלע מענטשן ווי אַלטע קראַנקע לייט. אָבער איך זיץ דאָ און קוק אויף זייערע בילדער פון 1903 ביז 1920 און איך זע זיי ווי פרישע יונגעלייט. די אַלטע פאָטאָגראַפיעס זענען אָפּגעבליאַקעוועט. דאָך שפּירט מען נאָך די יונגע מילך אין הויט פון פנים, דאָס ברענענדיקע, שטרעבנדיקע יונגע בלוט וואָס בליצט אַרויס פון אויג און די אומרויִקע, ווילדע האָר. און איך האָב זיי געזען אַרום טיש דאָרטן, אויף דער צווייטער גאַס אין ברוקלין, — שפּעטער אין אונדזערע אַנדערע וווינונגען. איך האָב זיי געזען מיט זייער יונגן, מענלעכן ברען און פייער, געהערט זיי שרייען און טומלען און פירן וויכוחים אַרום טיש, אָדער זייער באַגייסטערט פּאַרלייענען. געזען ווי זיי האָבן גלויביק זיך איינגעהערט צו גרויסע שאַפונגען. עכט ראָמאַנטיש האָבן זיי דורכגעלעבט יעדע קונסט־דערשיינונג. זיי האָבן געאָטעמט מיט קונסט, מיט קונסט־שאַפן.

**
*

...איך בין געזעסן אַ האַלבע נאַכט ביי מאַני לייבס ארון. און טראָץ אַלע ראַנגלענישן און ביטערע ווערטער, אַרטיקלען און פעליעטאָנישע לידער, האָט דער זיידע נישט געקענט איבערלעבן דעם טויט פון זיין חבר. אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָב איך געזען דעם זיידנס לעצטע נאַכט... נאָך דעם פּולבלוטיק לעבן און אימפּעט, נאָך דער אומשטערבלעכער ליבע צו מענטש און וואָרט און געדאַנק, האָט מען דעם זיידנס טויט נישט געקאָנט אָננעמען ווי אַן אמת. אַזוי האָט מען אויך נישט געקענט אָננעמען דאָס פּריציייטיקע אַוועקגיין פון זיינע חברים. טייל האָב איך געזען אין אָרון, געהאַלטן אַ קאַלטע האַנט צי געגלעט אַ קאַלטע באַק, און כ׳האָב נאָך אַלץ געפילט דעם שטורמישן שטראָם פון אַמאָל. עס איז מיר אויפגעקומען אין געדאַנק — דער מענטש, דאָס געשטאַלט איז געשוווּמען אין יענע זינגענדיקע וואַסערן. זיי האָבן עס געזען, געטרונקען, געלעבט און געקעמפט. אונדז האָבן זיי גענומען מיט איין האַנט און ווי אַ קייט אַזאַ, מיט דער אַנדערער האַנט אונדז צונויפגעהעפט מיט יענע ברויזנדיקע צייטן.

„ווי אַ פֿאָדעם, ווי פֿעדים אין אַ טעפּיך, וואָס האַלט זיך נאָך ערשט אין וועבן, וועבן מיר זיך אַריין אין דער מעשה פֿון דער וועלט און קיינעמס לעבן און קיינעמס גוטע אָדער שלעכטע טואונג ווערט נישט פֿאַרלאָרן. אויף אייביק בלייבן מיר אַריינגעוועבט אין דער מעשה פֿון דער וועלט".

**
*

ליבע קינדער, עס איז שווער און כמעט אוממעגלעך צו באַשרייבן אַלץ וואָס עס איז צו זאָגן אין אַן איינלייטונג צו אַ ליטעראַרישן ווערק וואָס גייט טיף אַריין אין עטישע און עסטעטישע פּראָבלעמען ווי דאָס דאָזיקע בוך, און אין די אָנגעהעפֿטע פֿראַגעס פֿון ליטעראַרישער פֿאַרוואַנדשאַפֿט. אַז יונגע קינדער ווי איר זאָלט דאָס אַלץ פֿאַרשטיין. מיר זענען שוין אַ ביסל ווייט געפֿאָרן. אפשר, אַז איר וועט עלטער ווערן און האָבן אַן אינטערעס און שטודירן די עסטעטיק פֿון פֿאַרשיידענע קונסט־באַוועגונגען וועט איר נאָכאַמאָל אַריינקוקן אַהער צו זען ווי אייער זיידע און זיין גרופּע „יונגע" פּאַסן זיך אַריין.

און אַז איר וועט ווערן עלטער און פֿאַרשטענדלעכער וועט איר זען, אַז דאָ אין דעם בוך וועט איר געפֿינען דוד איגנאַטאָווס אני־מאמין ווי אויך דעם אני־מאמין פֿון דער גרופּע „יונגע" אויף וויפֿל ער איז געווען זייער אַן אָנפֿירער, רעדאַקטאָר און פֿאַרלעגער. די אויסצוגן זענען צוזאַמענגענומען פֿון דעם, וואָס ער האָט געשריבן אין זיינע רייפֿע יאָרן, ווען ער איז געווען אין די פֿופֿציקער. געוויסע טיילן זענען קיינמאָל פֿריִער נישט געווען געדרוקט. אַנדערע טיילן האָבן מיר צוזאַמענגענומען פֿון ציטונגען און זשורנאַלן.

איגנאַטאָווס וויכטיקייט און די וויכטיקייט פֿון דער גרופּע „יונגע" האָט מען טראָץ אַלגעמיינע אָנערקענונג, צו אָפֿט איבערפֿלעכלעך אָוועקגעמאַכט אַלס נישט מער ווי אַן אינטערעסאַנטע גרופּע אין אונדזער ליטעראַטור. מען מוז זיי אָבער באַטראַכטן פֿון דעם קולטור־געשיכטלעכן שטאַנדפּונקט ווי אַ ספּעציפֿישן שטראָם אין וועלט־ראָמאַנטיזם, פֿאַרשטאַנען אין דעם ברייטסטן זין, אַלס קעגנזאַץ צו קלאַסיציזם אין ליטעראַטור. אין זייערע קונסטשאַפֿונגען באַוויזן זיי אויך ספּעציפֿיש, ענגערע, ראָמאַנטישע כאַראַקטעריסטיק אויך אין וואָרט, טעכניק, פֿילאָזאָפֿיע און שטימונג. און ווי ווייט דער וועלטלעכער ראָמאַנטיזם פֿון סוף 18טן און אָנפֿאַנג 19טן יאָרהונדערט האָט באַאיינפֿלוסט אַזעלכע ספּעציפֿישע באַוועגונגען פֿון סוף 19טן און אָנפֿאַנג 20סטן יאָרהונדערט ווי אימפּרעסיאָניזם און סימבאָליזם האָבן זיי אַזעלכע טענדענצן אויך באַוויזן, אָבער אַלעמאָל אָנגעגריפֿן פֿון דעם ראָמאַנטישן צוגאַנג. און ווי ווייט ראָמאַנטיזם האָט זיך אין סוף 19טן און אָנפֿאַנג 20סטן יאָרהונדערט אויסגעדריקט אין רעאַליזם און נאַטוראַליזם איז עס זיי געווען פֿרעמד און זיי האָבן עס באַקעמפֿט ביי די עלטערע שרייבער וואָס זיי האָבן דאָ געפֿונען אין אַמעריקע ווי אויך זייערע צייטגענאָסן וועלכע זענען צו שטאַרק באַאיינפֿלוסט געוואָרן אין יענע ריכטונגען פֿון די לינקע פּאַר־

ליטישע פּאַרטייען און פּרעסע. טראָץ דעם וואָס זיי האָבן באַשריבן די זעלבע מאָדערנע סצענע ווי אויך די אַלע שטימונגען און מאָטיוון פונעם ייִדישן עמיגראַנט, אַרבעטער־פאָלק פון יענע יאָרן ווי עס האָבן אויך די רעאַליסטישע און נאַטוראַליסטישע שרייבער, זענען זייערע באַגריפן און געשטאַלטן געווען סימבאָלישע און אימפּרעסיאָניסטישע אנשטאט רעאַליסטישע.

אין קעגנזאַץ צו פריִערדיקע וועלטלעכע ראָמאַנטישע סימבאָלן, ווי דער „בלויער פויגל", למשל, האָט איגנאַטאָוו געפּרוווט אַוועקשטעלן זיינע ייִדישע סימבאָלן ווי „דאָס ליכט פון דער וועלט" און די „מעשה פון דער וועלט". ווען מען לעבט זיך אַריין און מען גלייבט זיך אַריין אין די דאָזיקע סימבאָלן מיטן זעלבן ראָמאַנטישן, מיסטישן עקסטאַז ווי איגנאַטאָוו האָט דאָס געטון, באַקומען זיי אַ געוויסן איבער־ראַציאָנעלן און איבער־רעאַליסטישן זין און אמת.

אויף ווי ווייט עטיש־סאָציאָלאָגישע זוכענישן און קאַמפן זענען אַ טייל פון ראָמאַנטיזם, איז עס אויך געווען אַ טייל פון איגנאַטאָווס קינסטלערישע שאַפן. דער לייענער וועט עס געפינען דורכגעוועבט אין זיינע עסייען. דאָ ליגט אפשר בעיקר איגנאַטאָווס ייִדישע אויסטייטשונג פון וועלטלעכן ראָמאַנטיזם. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געקענט באַפרייען פון ייִדישער גלייביקייט. דער סענסיטיווער לייענער וועט אין די עסייען דערפילן איגנאַטאָווס זוכעניש נאָך אַ סינטעז צווישן אַלטער ייִדישער עטיק און מאָראַל מיט דעם סאָציאַליזם פון אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט. די דאָזיקע זוכענישן זענען אפשר אַן אומבאַוווסטזיניקע אָפּשפּיגלונג פון דעם וועלטלעכן ראָמאַנטיזם מיט זיין אינטערעס אין דער פראַנצויזישער און די שפּעטערדיקע אייראָפּעיִשע רעוואָלוציעס פון 1837 און 1848.

פאַראַן ביי איגנאַטאָוון נאָך אַ קרובהשאַפט מיט די פריִע ראָמאַנטיקער. אַזוי ווי וווידזווירט, שעלי און בייראָן זענען אַנטוישט געוואָרן אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און היינע און די „יונג דייטשלאַנד" באַוועגונג זענען שפּעטער אַנטוישט געוואָרן אין דער רעוואָלוציע פון 1848, געפינען מיר ביי איגנאַטאָוון די טיפּישע, ראָמאַנטישע אַנטוישונג אין דער רוסישער רעוואָלוציע. דאָס האָט אים געפירט פון זיין באַזינגען די רוסישע רעוואָלוציע, אַלס אַ דערלייזונג און צוזאָג אין סוף פון זיין „אויף ווייטע וועגן", צו די סובלימירטע סאָציאָלאָגישע ראַנגלענישן, און מענטשלעכן טראַגיזם פון זיינע שפּעטערע ביבלישע דראַמעס „פאַר אַ נייער וועלט" און „גדעון".

אין זיינע סאָציאָלאָגישע ראָמאַנען באַשרייבט איגנאַטאָוו דעם געזעלשאַפטלעכן אויפבדויז פון זיין דור, דעם אויפקום פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע. די אמתע אידעאָלאָגישע דערגרייכונגען און דורכפאַלן פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע ווערט ראָמאַנטיש, אַנשטאָט רעאַליסטיש, געמאָלן אין זיין „קעסלגרוב" און „אויף ווייטע וועגן".

אַ לעצטע ייִדישע אויפפאַסונג וואָס איגנאַטאָוו האָט געגעבן זיין ראָמאַנטיזם, איז זיין ראָמאַנטישער מיסטיציזם. ביי אים איז דער ראָמאַנטישער מיסטיציזם דורכגענומען מיט אַ טיפער נטיה צו קבלה.

די עסייען און דער טייל פון אַ ראָמאַן אין איצטיקן בוך דאַרף מען זען קעגן דעם הינטערגרונט פון מיסטישע מסעות אין ראָמאַנטיזם.

כמעט אין יעדער עסיי זעט מען דעם מעטאָד פון ראָמאַנטישער און אימ־פּרעסיאָניסטישער קריטיק. דאָס איז די קריטיק, וואָס פליסט אַרויס פון פּער־זענלעכן סוביעקטיוון שטאַנדפּונקט, להיפּוך דער אַזוי גערופענער „אָביעקטי־ווער" קריטיק. אין יעדער עסיי וועגן אַן אַנדער שרייבער באַשרייבט איגנאַ־טאָוו אויך זיך אַליין. ער בלייבט אַ לעבעדיקער טייל פון דעם אינהאַלט. טיילווייז איז דאָס צוליב דעם, וואָס אין זיין ראָלע ווי אַן אָנפירער, רעדאַקטאָר און פאַר־לעגער פון דער גרופּע „יונגע" איז איגנאַטאָוו געווען אַ טייל פון יעדן איינציקן, און טיילווייז איז דאָס דער מעטאָד אַליין. נאָר אַ טיף־קינסטלערישער גייסט איז מסוגל אַזוי אינטים זיך איינצולעבן מיט זיין טעמע. ווי גרויס עס איז געווען זיין דערפאָלג אין דעם דאָזיקן מעטאָד קען מען דערשפּירן ווען מען לייענט די עסייען און מען פילט ווי לעבעדיק און ממשותדיק עס ווערן די געשטאַלטן, די געדאַנקען און איגנאַטאָוו אַליין ווען ער באַשרייבט זיינע חברים.

***

איגנאַטאָווס אַרטיקל וועגן זישא לאַנדוי וואָס איך האָב עס אַ נאָמען געגעבן „וועגן שווערד און שייד", האָבן מיר געפונען אויף זיין שרייבטיש. עס זענען געווען באַווייזן, אַז ער האָט עס עטלעכע מאָל איבערגעאַרבעט. ער האָט, קאָנ־טיק, געפּרוווט צונויפוועבן וויניקסטנס צוויי רעדעס און אַ קריטישן אַרטיקל וועגן לאַנדויען אין איין אַרטיקל. איין רעדע האָט איגנאַטאָוו געהאַלטן ביי לאַנ־דויס אָרון, אַ צווייטע רעדע אויפן בית־עולם, אַ יאָר שפּעטער ביים שטעלן די מצבה. דער דריטער טייל האָט געזאָלט זיין אַ פאָרוואָרט צו לאַנדויס בוך אָדער אַן אַרטיקל, וואָס זאָל צוזאַמענבינדן די צוויי רעדעס. דאָס האָט ער קיינמאָל נישט פאַרענדיקט. איך האָב עס געפּרוווט צוזאַמענבינדן פון פאַרשידענע פאַרבליבענע נישט־נומערירטע מאַנוסקריפּטן.

„באַרג־אַרויף באַרג־אַראָפּ" איז געווען אַ טייל פון אַן אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן וואָס ער האָט אָנגעהויבן שרייבן. במשך די לעצטע 10 יאָרן פון זיין לעבן האָט ער געדרוקט אַ פּאָר אויסצוגן. ער האָט דעם דאָזיקן ראָמאַן אָוועק־געלייגט אין אַ זייט, כדי צו קענען ענדיקן זיינע לעצטע צוויי ביבלישע דראַמעס, וואָס האָבן געזאָלט זיין אַ טריִלאָגיע. דעם לעצטן טייל פון דער ביבלישער טריִלאָגיע, „אבימלך", האָט ער שוין פון לאַנג פאַרטראַכט. אָבער ער האָט עס נישט אָנגעהויבן שרייבן. אַנשטאָט דעם האָט ער מיט די לעצטע כוחות זיך גענומען צו דעם אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן. וועגן דעם פראַגמענט און איגנאַ־טאָווס לעצטע חדשים שרייבט זיין אַלטער פריינד, דער מאָלער, טאָפּעל, אַ פּאָר ווערטער וואָס קומען נאָך דעם אַריינפיר. איגנאַטאָוו האָט שטענדיק איבער־געאַרבעט און איבערגעשריבן זיינע זאַכן, אפשר אַ הונדערט מאָל. פון דעם דערמאָנטן ראָמאַן־פראַגמענט זענען געבליבן פאַרשידענע טיילן אין אַ סך קאָ־

פיעס. געוויסע טיילן זענען פול מיט אויסבעסערונגען, אַז מען קען זיי קוים דעשיפרירן. דעריבער זאָל מען דאָס באַטראַכטן ווי אַ ווערק אין פּראָצעס פון שאַפן און נישט ווי אַ פאַרטיקע זאַך. ווי ווייט דאָס איז אים געלונגען, איז דאָס זיין אויפטו. ווי ווייט דאָס איז נישט אינגאַנצן אין אָרדענונג, בעט איך, מ׳זאָל מיר מוחל זיין.

צום סוף ווילן מיר אויך דאָ באַדאַנקען די פריינט און חברים, וואָס האָבן אונדז געהאָלפן אין צוגרייטן דאָס בוך — ל. א. בערגער, בעריש וויינשטיין, יהודה טאָפּעל און נ. ב. מינקאָוו.

דניאל איגנאַטאָוו

דעצעמבער, 1956.

ארײנפיר

עס רויטלען זיך די בלעטער

.1

ווי פייערדיקע רויטע רויזן
האָבן אין דעם מאָרגן אויפגעשיינט
די ערשטע רויטע האַרבסט־בלעטער
אין מיין גאָרטן.

מיט שויבן און מיט ליכט
איז רייך מיין קליינע הויז.
אין אַלע פענצטער בלעטערן זיך צווייגן.

די צעבליטע מאָרגן־לופט איז גאָלדיק,
איז האָניק, — כאָטש מיט די ציין צו בייסן.
איך ליג אין בעט,
לעבן מיר — מיין ווייב, וואָס איך האָב ליב.

אין צימער קעגנאיבער —
שלאָפט מיין שלאַנקע יונגע טאָכטער,
אין דעם אַנדערן — מיין אומרויִקער זון.
זיי זענען אויסגעוואַקסן שוין העכער פון אונדז ביידן.

מיין פיל־פענצטערדיקע הויז —
אַ לאַמטערן
מיט פיר
לייכטנדיקע ליכט.

ד ו ד א י ג נ אָ ט אָ ו

דאָס ווייכע נאַכט־העמד
גיט ווייך און לאָקנדיק
אַרויס דאָס לייב דאָס גוטע
פון מיין ווייב.

דער ריח פון האָניק מאַכט זינגען די בין,
דער ריח פון האָניק מאַכט שיכור דעם בער,
דער ריח פון האָניק מאַכט זיס די צונג צום גומען,
פילט אָן די נאָזלעכער מיט זיסקייט און מיט וויין.

פון מיין באַרירונג עפענען זיך צעעפנט
די גרויסע, טונקל־ברוינע אויגן פון מיין ווייב.
— ווי אַלט איז אונדזער ליבע ?
— קוים ערשט צוואַנציק יאָר דאָך בלויז.

גוט און ליכטיק און נאָך ליכטיקער
איז די גערונדיקטע רייפקייט,
איז דאָס שיין געפורעמט לייב אירס.

און נאָך ליכטיקער פון ליכט
איז די פינקלדיקע שוואַרצקייט
וואָס צינדט זיך גליִענדיק אַרויס
פון אירע פאַרליבטע אויגן.

— ווי אַלט איז אונדזער ליבע ?
— קוים צוואַנציק יאָר.
פאַרב, ליכט, לייב און פינקלענדיקע אויגן
— ווי אַלט איז אונדזער ליבע ?

פאַר די פענצטער — ביימער, שטוירכן
פון אַנדערע און פון מיר אַליין געפלאַנצטע.
גרינע בייגונגען צייכענען זיך רייף און פול מיט זאַפט,
נעמען און געבן פאַרב דער לופט.

און ווי פייערדיקע רויטע רויזן, ווי צעגליטער מאָן,
ווי דורכזיכטיק און בלעטערדיק געפרעסטער וויין,
ברענען און צינדן זיך די ערשטע רויטע האַרבסט־בלעטער
אין דעם גאָרטן . . .

.2

דער זון איז אומרויק.
ער שפילט שוין ליבעס.
ער ווייסט: —
די יוגנט דאַרף נישט נאָכגיין נאָך דער עלטער.
מיט דער מאַמע, און נאָך מער — מיט מיר.
ווילט זיך אים קריגן אַלץ...
מען טאָר נישט גיין אין די טריט פון עלטער.
די עלטער האָט פאַרלייגט די וועלט
מיט בייזע צאַמען,
די יוגנט דאַרף זיי ברעכן.
געפערלעך איז דער שכל פון דער עלטער,
שיין און נוצלעך איז
דער ברויזנדיקער כח
פון דער יוגנט.

נאָר, אַ מיידל וויל ער,
וואָס זאָל זיין געראָטן אין זיין מאַמען
וואָס ער זאָל קאָנען ליבן ווי דער טאַטע.

.3

אויפן הימל אָקסן, חיות ווילדע.
קעפּ פון מענטשן אויף שטולן,
אויף שטיינער און אויף שטעקנס.

קעפּ פון מענטשן אויף חיות,
קעפּ פון מענטשן, וואָס קוקן ערנסט.
קעפּ פון מענטשן און פון חיות פילן אָן דעם הימל.
און פאַר זיי אַלע ווייזט וווּנדער
אַ גרויסער וואַל־פיש. —
ער צעעפנט זיין מויל
און שטעקט אַרויס, ווי זיין צונג
דעם שפּיץ פון אַ האַלבער לבנה...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ד ו ד   א י ג נ אָ ט אָ וו

איך בין אַ שרייבער
און פֿאַר אַ לעבן דאַרף איך אַרבעטן שווער,
שווער אַרבעטן אויך און האָוועז די אַלע מענטשן אַרום מיר,
מיין זון זאָגט — ניטאָ קיין אָביעקטיווע שיינקייט,
ניטאָ קיין אָביעקטיווער אמת,
ווייל אַזוי טאַקע דאַרף ער זאָגן.
איז ווער זאָל איך איצט דערציילן
די מעשה פון דעם גרויסן פיש,
וואָס האָט זיך אויסגעצויגן איבער אַ האַלבן הימל,
און פֿאַר אַלעמען אַרויסגעשטעקט
די שאַרפֿע האַלבע לבנה
ווי אַ בלאַנקע צונג פון מויל?...

„די יונגע"

אברהם־משה דילאָן

1

מיר פילן זיך אַלע שולדיק פאַר דעם פריצייטיקן טויט פון אונדזער אברהם משה דילאָן. דער אמת אָבער איז, אַז מיר פילן זיך בכלל שולדיק פאַר דעם טויט פון אַ מענטשן. מיר ווייסן נישט, פאַר וואָס און מיט וואָס מיר זענען שולדיק, נאָר עס העלפט נישט, מיר פילן זיך פאַרט שולדיק. מיר, וואָס זענען געבוירן געוואָרן, ווער ווייס פון וואַנען און ווי אַזוי, טראָגן דאָך מיט זיך אָט דאָס שולדיק געפיל שוין דורות און דורות, ווי אַן אויסגעברענטן קין־צייכן אויף אונדזער שטערן. — וואָס איז געשען מיט דייע געפאַלענעם ברודער? פאַרוואָס איז געפאַלן דיין ברודער? און — ווייל מיר קענען אויף דעם נישט ענטפערן, בייגן מיר די קעפּ.

מיר ווייסן, אַז ווען עס פאַלט אַן אייגענער מענטש, לאָזט דאָס איבער אַ ווייטיק אין אונדז, ווי אַ שטיק וואָלט זיך אָפּגעריסן פון אונדזער אייגן לייב. אונדזער לייב ממש ווייטיקט פון דעם ריס, און אונדזער געדאַנק ווייטיקט מיט אַ שולד־ווייטיק, אָט ווי מיר וואָלטן דעם געשטאָרבענעם באמת געוועזן געקענט העלפן און האָבן נישט געהאָלפן. אָט דאָס געפיל איז געוויס אויך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם אַלטן יידישן מנהג צו בעטן און בעטן מחילה ביי דעם טויטן.

און אברהם משה האָט זיך דאָך טאַקע אָפּגעריסן ווי אַ שטיק פון אונדז. ער איז דאָך געווען אַזוי שטאַרק איינגעוואַקסן אין יעדן פון אונדז, און זיך אַזוי פּלוצלינג און ביטער ווייטיקדיק אָפּגעריסן פון אונדז, דערפון — אָט דאָס אויפגערייצטע, דאָס דורות־אַלטע, וווּנדנדיקע געפיל פון נישט שולדיקע מענטשן, וואָס שטייען שולדיקע פאַר דעם טויט פון אַ טויטן.

ניין, דאָס לייב אונדזערס איז נאָך ווייט נישט אויסגעלייזט געוואָרן פון אונדזער געדאַנק. וואָרעם אָט האָב איך אייך געזאָגט אָט־די רייד, כאָטש איך גלויב גאָר נישט אין פּשוטן זיין פון טויט. איך גלויב אין תחית־המתים,

און נאָך גראָד אין אַ צוגעאײַלטן תחית־המתים. איך גלויב, אַז גלײַך, בײַ דעם ברעג וואָס מיר רופן טויט, הייבט זיך אָן דעם מענטשנס נײַע לעבן.

ווי די זון, וואָס גייט אויף, ווי די זון וואָס פאַרגייט, אַזוי גייט אויף און פאַרגייט דאָס לעבן פון דעם מענטשן. און ווי די זון וואָס פאַרגייט, כדי זיכער אויפגיין פון דאָס נײַ, אַזוי גייט זיכער ווידער אויף דאָס לעבן פון דעם מענטשן, אויף וועלכן מיר זאָגן — ער איז געשטאָרבן.

דער מענטש איז, און אברהם משה האָט דאָס אויך געזאָגט אין אַ ליד.

„אין טויט און אין לעבן ווי אַ רונדע רינג אין קייט."

אברהם משה האָט זיך אין זײַנע לידער עטלעכע מאָל מטהר געווען, זיך באַגראָבן און געקומען צוריק צו די שבעה־זיצער, געשטאַנען הינטער זייערע פענצטער, און שוין מיט יאָרן שפּעטער נאָכן טויט ווידער געקומען און:

„דאָס אַמאָליקע הויז דערקענט מיט די איצטיקע אויגן"

אין:

„מאַמע, מאַמע! — דו ביסט דאָך מײַן מאַמע!"

אברהם משהס ליד, ווי אַן אויפגעבראָכן שטיק ערד וואָלט צעעפנט אַ מויל און גענומען ריידן. און עס איז דאָך גראָד אַט די שווערע ערדישע אומבאַהאָלפנקייט, וואָס גיט צו כאַראַקטער, ווערט און ספּעציפישע אמתדיקייט צו זײַן ליד.

אַ פאַרוואָרלאָזטער איז געווען אברהם משה און דאָך — כאָטש פאַרוואָרלאָזט — שטענדיק עקזאַלטירט. ער האָט נישט געהאַט קיין קול צום זינגען, אַ מין שווערע נישט־געהובעלטקייט איז דעם קלאַנג פון זײַן קול, און דאָך האָט ער מיט אַט דעם קול געקענט נאָכזינגען מיט אַ אומדערוואַרטער מוזיקאַלישקייט גאַנצע פּאַסאַזשן פון בראַמס, בעטהאָווען, שאָפּען, באַך אָדער גאָר וויוואַלדי, סקאַרלאַטי און אַנדערע פּאַסטאַראַלע מוזיקער. מוזיקער פלעגן שטוינען, הערנדיק ווי ער טוט דאָס. און דאָך האָט דאָס אים נישט געהאָלפן אַרײַנצוברענגען גרינגערע ריטמישקייט אין זײַן ליד. שווער איז געווען זײַן ליד. ווי געבראָכענע שטיקער ערד, ווי זײַן עלנט, ווי זײַן מאַטעריעלע אָרעמקייט. עס פלעגן אין אים געוויינלעך אויפלייכטן בליציק די ערשטע דרײַ אָדער פינף שורות פון זײַנס אַ ליד און נאָכדעם פלעגט ער לויפן פון חבר צו חבר לייענען די ערשטע שורות און דערבײַ, ווי אַ בין, וואָס פליט פון בלום צו בלום, זוכנדיק דעם בלומען־שטויב פאַר איר האָניק — זוכן די שורות, די ווערטער, די ריטמען, וואָס האָבן אים אויסגעפעלט אויף צו פאַרגאַנצן זײַן ליד. עס איז געווען אַ שווערער, מידיקער וועג, אָבער נאָך דער שווערער מי איז פאַרט אַרויסגעקומען אַ ליד מיט אַ דילאַנשער אייגנאַרטיקייט. אַט די אַלע שווערע שטערונגען פון

זיין לעבן האָבן דאָך געהאַט זייערע ווערטן און האָבן אים געגעבן דאָס רעכט צו שרייבן:

די וואָס גייען אין שווערן יאָך פון לעבן
שטיל און מוטיק טראָט נאָך טראָט
גייען אויף ווי שטערן אויף די וועגן.

2

אין קלערמאַנס פּאַרק איז פון אונטער אַ פעלז אויף אַ בערגל געוואַקסן אַ גרויסער בוים. נאָך די שווערע הייסע טעג אין די פאַבריקן פלעגן מיר זיך אין די אָוונטן צונויפקומען אונטער דעם בוים, לייענען נאָרוואָס געשריבענע, אָפּט נאָך נישט פאַרענדיקטע לידער, דערציילן וועגן פלענער פון דערציילונגען און ראָמאַנען, זיך באַגייסטערן איינער פון צווייטן. מיין באַגייסטערונג פלעגט געוויינלעך אַריבער אַלע ברעגן, ווען איך פלעג האָבן צו דערציילן וועגן אַ נייעם טאַלאַנט, וואָס איך האָב „אַנטדעקט", אָדער אפילו וועגן אַ נייער גוטער זאַך, וואָס איך האָב אַריינגעקראָגן פון עמיצן פאַרן זאַמלבוך „ליטעראַטור" (צווייטן זאַמלבוך), אברהם משה, אָפט אַ הונגעריקער, פלעגט אָדער מיט האַלבע ווערטער אַריינוואַרפן אַז ער האָט געקענט, אָדער גערעדט אין וואַרשע מיט פרישמאַנען, בעל מחשבותן און דאַכט זיך אויך דערמאַנען פרצעס נאָמען. פרישער און פרייער פלעגט ער דערציילן מעשות פון אויסגעטראַכטע געליבטע, אָדער גאָר זינגען פאַר אונדז שטיקער פון מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס. די פּאָזיציע פון אונדזער בערגל אין דעם פאַרק איז געווען אַזאַ, אַז עס איז אויסגעקומען, אַז מיר זענען — איינינעם מיט דעם פעלז און מיט אונדזער ברייט צעוואַקסענעם בוים — געזעסן אַזוי ווי אונטערן סאַמע הימל.

קיינעם פון אונדז איז נישט איינגעפאַלן, אַז אברהם משה שרייבט. מיר האָבן אים געהאַלטן פאַר גלאַט אַזוי אַ ליבהאָבער פון אונדזער חברותא, פאַר אַ „פריבלודנעם" מענטשן, וואָס האָט זיך „פּרילאַנטשעט" צו אונדז. און איינמאָל אַזוי זיצנדיק „אונטערן הימל", רוקט זיך צו מיר צו אברהם משה. גראָד דעמאָלט ווען איך האָב זיך אויסגעצויגן אויף מיין רוקן אָן אַ זייט פון אַלעמען און געקוקט מיט די אויגן צום געוועב פון די צווייגן און צום הימל.

— איגנאַטאָוו?

— אברהם משה, אָבער דאָס מאָל וועט דאָס זיין וועגן אַ אמתער געליבטער? זאָל זיין אפילו נישט קיין שיינע, נאָר אָן אמתע.

— הם, הם! — הוסט אונטער אברהם משה און זאָגט פאַרזיכערנדיק: אָן אמתע! אָט הערט:

און אויפשפרינגען וויל איך פאַר שאַנד און פאַר שפּאָט,
צערייצטערהייט לויפן אין וואַלד ווייט אַליין,
עס וועט יענע נאַכט אַ שוואַרץ פינצטערע זיין
און איך פון דעם חושך וועל פלעכטן אַ קרוין
און ווייזן וועל איך זי ביים שיין פון דער זון,
עס זאָלן זי זען די מענטשן אין גאַס
און לויפן צוריק אַ צערייצטער
און זאָל פון דעם וואַנזין זיך שמידן אַ כעס.

פאַר יענע יאָרן אַזוינע פּלוצלינגע שאַרפע אינדיווידועלע רייד. דער גאַנ־צער איינפאַל! און אַט דעם אופן פון דערזען די פינצטערניש ווי אַ פּלאַסטישע מאַסע, פון וועלכער מען קען פלעכטן אַ קרוין און זי נאָכדעם ווייזן ביי דעם שיין פון דער זון, אַט דער צוגעבן אַז דאָס איז אַ וואַנזין, נאָר — „און זאָל פון דעם וואַנזין זיך שמידן אַ כעס...״

איך האָב זיך אויפגעהויבן פון גראָז ווי אַ היפּנאָטיזירטער: — אַ נייער טאַלאַנט! אַלץ אַרום אונדז איז פול מיט טאַלאַנט! אפילו אַט דער פּריבלודנער אברהם משה!

— אברהם משה, פאַרוואָס האָט איר נישט געזאָגט די גאַנצע צייט, אַז איר שרייבט?

— אָבער... אָבער... עס געפעלט אייך?

איך קוק אים אָן, דאָס האַרטע כמעט פאַרווילדטע פּנים מיט די בלויע קינדערשע אויגן קוקט צו מיר און פרעגט אַלץ „אָבער, עס געפעלט אייך?״ איך שפּרינג אויף, איך ווער ממש אויפגעהויבן פון אַט דער דערשיינונג, כאַפּ אים פאַר דער האַנט, שלעפּ אים אַריין אין מיטן פון דעם קרייז, שריי אויס ווי אַ פאַרשיכורטער:

— חברה, הימל און ערד! פאַר אייך שטייט דאָ אַ נייער טאַלאַנט, אַ נייער דיכטער — אברהם משה!

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז דער שווערער צעטומלטער און שעמעוודיקער אברהם משה געזעסן צווישן אונדז ווי אין מיטן פון אַ ראָד, זיך לויט זיין שטייגער אָפּגעהוסט אַ פּאָר מאָל, און פונדאַסניי געלייענט זיין אַכט־שורהדיק ליד פאַר אונדז, פאַר דער נאַכט, פאַר דעם בוים און פאַר דעם הימל.

— אברהם משה, ווי איז אייער צווייטער נאָמען?

— זוכאָוויצקי, נאָר מיין טאַטנס מאַמעס צווייטער נאָמען איז געווען דילאָן, פון די גרויסע דילאָנס, פון דער אַלטער שפּאַנישער דע־לאַן משפּחה.

איך און י. י. שוואַרץ (מיט וועלכן איך האָב דעמאָלט רעדאַקטירט דעם

צווייטן זאַמלבוך „ליטעראַטור“) האָבן זיך בײדע גלײך אַ הויב געטון איבער אים און מיט לוסטיקייט, וואָס איז געמישט מיט אַ נישט וועלנדיקן ערנסט, אָפּגעזאָגט: על כן יקרא שמו בשמי בני ישראל — אברהם משה דילאָן מעתה ועד עולם.

— נו, אברהם משה, איצט גיט עפּעס נאָך אַ ליד.

ער האָט נישט.

ווי איז דאָס שייך? אַ מענטש וואָס שרייבט אַן איין גוט ליד מוז ערגעץ האָבן נאָך לידער.

נאָך שווערע דינגענישן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז... ער האָט טאַקע נאָך אַ ליד, נאָר זי איז נאָך געווען צופיל אַרײנגעוואַקסן אין דער ערד. מען האָט דאָס ליד נאָך ערשט געדאַרפט אַרויסשלעפּן. אָבער דער אינהאַלט פון דעם, נאָך נישט גאָר אַרויסגעשיילטן ליד איז געווען באַדייטנדיקער, האָט נאָך אַ סך מער צוגעזאָגט. האָבן מיר זיך מיט שמחה אַלע איינעם אַרונטערגעלאָזט פון דעם בערגל און בוים וואָס אונטערן הימל מיט שמחה פירנדיק אברהם משהן ווי אַ חתן און זענען אַוועק צו שוואַרצן (ער האָט דעמאָלט נאָר וואָס חתונה געהאַט און שוין „געהאַט אַ הויז“ טאַקע נישט ווייט פון פּאַרק) פייערן די אַנטדעקונג און אויסבעסערן דאָס צווייטע ליד. און דאָ איז געקומען די שטראָף פאַר דעם נישט פאַרשטיין דעם ספּעציפישן דילאָנישן מעטאָד. זיין מעטאָד איז, ווי געזאָגט, באַשטאַנען אין געדולדיקן זוכן די אויסדריקן וואָס האָבן אים ציטערווייליק אויסגעפעלט. עס איז געווען אַ בהדרגהדיקער וועג פון אָפּגעהיטן זוכן און צוקלייבן די נויטיקע ווערטער, ריטמען און אויסדריק־פאָרמען צווישן זיינע קאָלעגן די דיכטער און אַזוי דורך פאַרגלייכונגען און אָפּוואָרפונגען קריס־טאַליזירן זיין ליד. דאָ אָבער האָבן מיר אָט דעם וועג זיינעם פאַרגוואַלדיקט. מיר האָבן זיך אַלע אָנגעוואָרפן, און איינס־צוויי אים „געהאָלפן“ „אויסבעסערן“ זיין נאָך נישט אין גאַנצן דורכגעלעבט, נישט אין גאַנצן דורכגעשפּירט ליד. מיר האָבן דאָס ליד אַזוי רואינירט און אברהם משהן אַזוי צעטומלט, אַז ער אַליין האָט שוין נאָכדעם פאַרגעסן וואָס ער האָט לכתחילה געהאַט און געוואָלט זאָגן. די שולד איז דאָ געווען אינגאַנצן מיינע, ווייל איך האָב זיך דאָס איינגעעקשנט, אַז עס האָט נישט קיין פּנים אַרויסצופירן אַ נייעם טאַלאַנט מיט בלויז איין ליד פון אַכט שורות.

ווען איך מיט יאָרן שפּעטער געוואָלט אַז אויך אברהם משה זאָל האָבן זיינעם אַ בוך צווישן די אונדזעריקע, האָב איך דאָס צווייטע ליד אויסגעלאָזן, (זישאַ לאַנדוי, וואָס האָט קורץ פאַר זיין אייגענעם, לאַנדויס טויט מיט די לעצטע ביסל כוחות אַרויסגעגעבן אַ פולערע זאַמלונג פון דילאָנס לידער, האָט דאָס דערמאָנטע צווייטע ליד אויך אויסגעלאָזן). אין דער צייט וואָס איך האָב אַרויסגעגעבן דילאָנס ערשטע זאַמלונג האָב איך זי געקענט צונויפשטעלן פון

בלויז אַכצן לידער, און כּדי דעם בוך צוגעבן מער אָנזען, איז ז. מאוד אײנגע־גאַנגען אויף מײַן פֿאָרשלאָג און געכתבעט און אילוסטרירט די לידער און נאָכדעם האָב איך דאָס געלאָזט דרוקן אויף גרויסע צווייפּאַך געבויגענע זײַטן.

3

אברהם משה איז נאָכדעם געוואַקסן און זיך געלײַטערט אויף זײַן אײגענעם אופֿן. ער פֿלעגט אונדז כּמעט שטענדיק איבעראַשן מיט זײַנע אומדערוואַרטקייטן.

ער האָט זיך צו קיין אַרבעט נישט געקענט צושלאָגן, פֿלעגט ער דערפֿאַר גאָר אָפֿט הונגערן, דערצו איז ער נאָך געווען אַ שעמעוודיקער, און טיף אין זיך אַ ביז גאָר שטאָלצער. ווען ער האָט געהונגערט, פֿלעגט דערפֿאַר אָנקומען זייער שווער אים באַוועגן ער זאָל זיך לאָזן אײַנלאַדן צו אַ מאָלצײַט, אָדער אים אײַנרעדן ער זאָל נעמען אַ פּאָר סענט כּדי צו באַצאָלן פֿאַר נאַכט־לעגער. זײַן ליד,

איך ליג אין פּאַרק צונויפֿגעקאָרטשעט אויף דער האַרטער ערד,
איך שפּיר די האַרטקייט פֿון דער גאַנצער וועלט,

איז צו אים געקומען פֿון ביטערער דערפֿאַרונג, אָבער אויף מאָרגן, נאָך אַזאַ דערפֿאַרונג פֿלעגט אים גראָד זײַן גרינגער צו נעמען אַ פּאָר סענט בײַ אַ חבֿר. עס איז אויסגעקומען, אַזוי ווי ער וואָלט געפֿילט אַז ער האָט אָט די „זינד“ אויסגעקויפֿט דורך דער שווערער נאַכט אויף דער האַרטער ערד אין סטאַטישן פּאַרק.

איבער אָט דעם סאָרט לעבן און איבער זײַן פֿאַרמעסט צו עקזאַלטירן דאָס פּשוטסטע און אויך דאָס גראָטעסקע, האָבן אים מיר פֿאַר אַ צײַט גערופֿן „אונדזער רעמבאָ“.

דער שטאָלצער אברהם משה איז געווען אײַנגעגליווערט אין די חבֿרים וואָס ער האָט געהאַלטן פֿאַר „זײַנע“. געקעמפֿט פֿאַר זיי בײַ די קאַפֿע־טישלעך, אויף די גאַסן, אין הײַזער און אַפֿילו דורך ליד. ער האָט קײנמאָל נישט פֿאַראַטן. די פֿרייד און די דערגרייכונגען פֿון זײַנע פֿרײַנט זענען זײַנע פֿרייד און זײַנע דערגרייכונגען געוואָרן. און נאָך מער ווי זײַנע פֿלעגט ער זיי יובלענדיק טראָגן פֿון מענטש צו מענטש, פֿון קאַפֿע צו קאַפֿע, פֿון טיש צו טיש: „האָט איר געהערט?“, „האָט איר געזען?“, „האָט איר געלייענט?“ — אָט די ספּעציעלע דילאַנישע אַקטיוויטעט איז געוואָרן אַ טייל פֿון זײַן לעבן, פֿון אונדזער לעבן.

אין זײַנע גרעסטע לײַדן האָט ער געזען זין, וועלט־זין, נבֿיאישן זין, און דאָס האָט אים ערגעץ געבראַכט צו פֿרייד אַפֿילו. און אין דער צײַט פֿון זײַן גרעסטער עקזאַלטירטער פֿרייד האָט ער טיף געליטן. עס איז פֿאַר אים נישט

געווען קיין צופאַל צו זען זיך, ווי אַ בלודנער הונט וואַגלענדיק אויף וועגן און האָט גאָר ווי אַ שטערן און ווי „צווײַט פון צווייגן", אָדער הערן ווי אויף זיינע וועגן זינגען זיינע טריט, און — שוין גאָר אַ מינוט פאַר זיין טויט — שרייבן ליגנדיק אויף דעם ווייסן האָספּיטאַל בעט:

עס איז ברייט די ערד, אומענדלעך איז דער הימל,
נאָר איך בין נאָך אומענדלעכער.

אומענדלעכער, גליקלעכער אברהם משה! דורכלייכטנדיקע פרייד איז אפשר אַ טיפערער ווייטיק אַזאַ. אָט זע איך דיך, אָט הער איך דיך:

איך גיי אַרום אין פעלד אַליין
איך זע די זון פאַרגייט, פאַרגייט.
און איך אַליין פאַרגיי דאָ אויך.
איך נאָך שנעלער פון דער זון.
ווייסט דען עמיצער דערפון?
ווייסט דען עמיצער דערפון?

אברהם משה האָט דאָ געטראָגן זיין דערלייזנדיק ליכט ווי אַ שווערן דערנער־קראַנץ אויף זיין קאָפּ. עס איז ווייזט אויס, פאַר געוויסע מענטשן נישט גענוג אפילו דאָס, וואָס זיי ווייסן, אַז זיי זענען „נאָך שענער פון דער זון". זייער דערפאַרונג מוז ווערן אַלעמענס דערפאַרונג, זייער אמת, אַלעמענס, זייער דורכ־געלויכטנקייט מוז פריִער ווערן אַלעמענס, ווען נישט האָסטו דיין ליכט אַזוי גוט ווי נישט געצונדן, און... אַזאַ „נישט געצונדן" ליכט ברענט בריִענדיק אינעווייניק אין דעם מענטשן, און שווער איז אים פון דעם.

ביי דערלייזונג זענען פאַראַנען צווייערליי מענטשן: איין מין איז צופרידן ווען ער דערלייזט זיך אַליין. עס איז דער „כל המקיים נפש אחת" פּרינציפּ. דער צווייטער אָבער איז אַזאַ סאָרט, וואָס פילט אַז אויב דיין אַנטפּלעקונג איז נישט געוואָרן אַלעמענס אַנטפּלעקונג, אויב דיין דערלייזונג איז אַזאַ וואָס קיינער ווייסט גאָרנישט פון איר, האָסטו אויך זיך אַליין נישט דערלייזט און בלייבסט אָפּטריניק און אָפּגעשלאָסן.

ווי אַנדערש וועט באמת אויסזען דער מענטש, ווען נישט נאָר ער, נאָר אַ צווייטער וועט אים דערזען און דערפילן: — זע, אָט גייט אַ מענטש וואָס איז ווי די זון, און נאָך פיל שענער ווי דער זון.

4

אונדזער אַלעמענס אויסטערלישער, רוי־ערדישער, ליכטיקער אברהם משה! ריין און דערנדיק שווער איז געווען זיין וועג, דורך זיינע אייגנאַרטיקע קאַמף־

מעטאָדן, האָט ער אַזױ געזונט און אַטעמדיק אײַנגעװאָקסן אין אונדז, אַז מיט זײַן אַװעקגײן האָט ער מיט זיך ממש מיטגעריסן אַ שטיק פון אונדזער אײגן לײב און אונדז געלאָזט פאַרשװלדיקטע שטײן פאַר זײַן קבר. עס דאַכט זיך אַלץ — מיר האָבן נישט געװוסט װי אַזױ אונטערצולײגן אונדזערע הענט אונטער אים.

אָבער, איז דען נישט אמת אַז די זון װאָס פאַרגײט, גײט װידער אױף פון דאָס נײ? און פונקט אַזױ פאַרגײט און גײט װידער אױף דאָס לעבן פון דעם מענטשן? אפילו פון דעם אײנזאַמסטן און אומגליקלעכסטן מענטשן? דו האָסט דאָך אונדז בײ דײן לעבן דערצײלט, אַז דו קענסט אַװעקגײן און קומען. און מיר זעען אַז דו ביסט געװען גערעכט. דו גײסט אױף פאַר אונדז, אברהם משה. אַ שטיק רױ־ערד האָט דורך דיר צעעפנט איר מױל און גענומען רעדן און זינגען און זיך רײסן צו ליכט. אַלס אַזױנער ביזטו איצט װידער דאָ צװישן אונדז. דורך דײנע שװער דערגרײכטע לידער, דורך דײן איבערגעגעבענער חברשאַפט. דורך דײן שװער אױסגעלעבט און נישט אױסגעלעבט לעבן, גײסטו אױף װי אַ זון און נאָך פיל שענער פון אַ זון, און װעסט בלײבן צװישן אונדז, אברהם משה.

און אפשר זענען מיר טאַקע מיט עפּעס שולדיק קעגן דיר, — פאַרגיב.

פאַראומערט און פאַרװאַרלאָזט איז געװען דײן מאָדנע עקזאַלטירט און אײגנאַרטיק דורכלױכטן לעבן. פאַרגיב, פרגיב.

(„פרײע אַרבעטער שטימע“, 31טן מערץ, 1939).

ווען שווערד און שייד...

צום אָנדענק זישאַ לאַנדוי

עס האָט אונדז געלערנט זישאַ לאַנדוי:

„עס וועקט זיך ווי אַ שטילער שיין
און וויגט זיך, וויגט זיך שוואַך און מיד,
פאַראומערט האַרץ מיינס, דרימל איין!
עס וועקט זיך ווי אַ שטילער שיין."

און אָט שטיי איך דאָ פאַר זישאַס אָרון:

„פאַראומערט האַרץ מיינס, דרימל איין!
עס וועקט זיך ווי אַ שטילער שיין."

מיט זעקס און צוואַנציק הונדערט יאָר צוריק האָבן זיך מענטשן צונויפגענומען אין דעם טויטן חדר פון איינעם וואָס איז געווען פאַרמשפּט צום טויט און האָבן צווישן זיך גערעדט ווי עס דאַרפן דערוואַקסענע מענטשן רעדן ווען לעבן און טויט. אַ מענטש, איינער פון זייערע מיטשמועסער, מוז נאָך אין דעם היינטיקן טאָג אַוועק פון דער וועלט און גראָד אָט דער פאַרמשפּטער מענטש ווייזט אַרויס מער רויִקייט און זיכערקייט אין דעם שמועס, נאָך מער — ער פירט אָן מיט דער דעבאַטע. ביז די לעצטע מינוטן, ביז דער סאַמע לעצטער רגע האָט דער מענטש אַזוי דערוואַקסן, מענטשלעך, געפירט זיינע געזונטע שלוסן ווען לעבן און טויט. דאָס אמתדיקע, דאָס פיינע, דאָס גערעכטע און דאָס גוטע, אפילו ווען געטראָגן בלויז פון יחידים קויפט אויס דאָס לעבן, קויפט אויס דעם טויט.

טויט אַליין איז דאָרט אין יענעם טויטן צימער געווען וויכטיק ווי אַן ערנסטער מענטשלעכער ענין אָבער נישט ווי אַן אומגליק. בלויז איינער, דער יינגסטער צווישן זיי האָט איינמאָל אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. האָט אים דער פאַרמשפּטער צום טויט, מיט אַן ערנסטן שמייכל פון אַ דערוואַקסענעם, געטרייסט און באַרויִקט. געבליבן זענען די דעמאָלטדיקע שמועסן ווי אַ גרויסע ירושה פאַר דער וועלט און פאַר מענטשן. האָט דען אָט די ירושה נישט דערגרייכט ביז צו

אונדז? און פאַרוואָס שטייען מיר דאָ אַלע צעבראָכן? פאַרוואָס קענען מיר אַזוי ווייניק איינהאַלטן אונדזערע טרערן? פאַרוואָס קענען מיר דאָ דערביי נישט רעדן ווי דערוואַקסענע מענטשן דאַרפן רעדן? ווייל, ווייל ערגעץ זענען מיר מיט אונדזער פילפאַכיק, אַנגעזאַמלטן וויסן ערגעץ מיט עפּעס פּאַרט פאַרבליבן אומ־באַהאָלפן און נישט דערוואַקסן. איך וואָס גלויב בכלל נישט אַז טויט איז דער סוף פון מענטשנס לעבן, איך וואָס פיל מיט אַלע מיינע חושים אַז דער לעבעדי־קער לאַנדוי וועט בלייבן מיט אונדז, קען פונדעסטוועגן זיך פּאַרט נישט קאָנ־טראָלירן און רעדן וועגן דעם מיט אָט יענער רו און ווירדע ווי עס האָבן דאָס געטון די מענטשן מיט עטלעכע און צוואַנציק הונדערט יאָר צוריק.

יענער, מיט זעקס און צוואַנציק הונדערט יאָר צוריק, האָט נישט געוווּסט אַזוי פיל ווי עס ווייסט אַ היינטיקער מענטש. ער האָט אָפן צוגעגעבן, אַז ער ווייסט נישט צי עס זענען טאַקע דאָ געטער צי נישט, צי עס איז פאַראַן אַ יענע וועלט צי נישט. נאָר אַזוי ווי ער האָט נישט קיין צייט דאָס אַלץ נאָכ־צוטראַכטן, נעמט ער אָן אַז זיי זענען פאַראַן. מיר אָבער ווייסן דאָך שוין אַ סך מער. מיר ווייסן, אַז די וועלט אויף וועלכער מיר טרעטן מיט די פיס איז אי די אי יענע וועלט. און אַז מיר בלייבן דאָ מיט די לעבעדיקע אפילו נאָכדעם ווי מיר גייען אַוועק. פונדעסטוועגן פאַרגלייכט אונדזער אומרו מיט דער דערוואַק־סענער אומרו פון יענע מענטשן.

יענער פאַרמשפּטער האָט אגב אויך געהאַט „גוטע האָפענונגען", אַז דער קערפּער מיט זיינע מאַנונגען און שוואַכקייטן שטערט דעם ריינעם דענקען, וועט דערפאַר דאָס דענקען דורך דעם טויט באַפרייט ווערן פון אָט דער שטערונג פון דעם גוף.

איך און איר, מיר פאַרשטייען דעם ענין אַ סך אַנדערש. איך ווייס אַז אפילו אַ קינד וואָס ווערט געבוירן און לאָזט בלויז אַרויס איין געשריי און שטאַרבט, בלייבט דאָס פונדעסטוועגן לעבן מיט די לעבעדיקע און ווערט אַ טייל פון דער מענטשלעכער דערפאַרונג. איך וואָס ווייס, אַז אין דער מינוט פון טויט שטייט דער מענטש באמת אויף צו אַ ניי לעבן צווישן אונדז, איך וואָס ווייס אַז דער לעבעדיקער לאַנדוי וועט בלייבן מיט אונדז, איך...

וואָס וויינען דאָ מיינע אויגן? וואָס טרויערט איר דאָ אַלע? אַ מענטש שטייט דאָך פאַר אונדז אויף צו דעם וואונדער פון אַ ניי לעבן. אָבער ווי גרויס עס זאָל נישט זיין אונדזער באַנעם, פאַראַט אונדז פונדעסטוועגן פּאַרט אונדזער קול און אונדזער טרער, ווייל ערגעץ זענען מיר פּאַרט מיט עפּעס געבליבן נישט־דערוואַקסענע מענטשן.

***

אונדזער ליבער, גוטער זישאַ.

מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק איז מיר אָנגעקומען פון אים אַ

פּאָסט־קאַרטל, אַז אַזוי ווי ער האָט איבערגעלייענט מיינע אַן ערשטע אָדער אַ צווייטע זאַך אין „אידישן אַרבעטער" האָט ער זיך באַשלאָסן צו באַקענען מיט מיר. איך האָב געאַרבעט אין אַ פאַבריק. ער האָט דאַכט זיך דעמאָלט געשמירט ווענט. זונטיק איז געווען דער איינציקער פרייער טאָג פאַר אונדז ביידן און דעם קומענדיקן זונטיק איז ער שוין געווען ביי מיר אין מיין צימערל אויף אַן אויבערשטן שטאָק אויף הענרי סטריט.

זישאַ איז דעמאָלט געווען אַ ניינצן אָדער איין־און־צוואַנציק יאָר. איך אַ צוויי אָדער פיר־און־צוואַנציק יאָר. זיין הויט־קאָליר פאַרצערטלט און דורכזיכ־טיק בלאַס. אַ נערוועזער איז נאָך דעמאָלט געווען זישאַ. אַ דינער מיט האַרט צוגעפּרעסטע נאָזלעכער, בלויע אויגן און געקרייזלטע בלאָנדע האָר. די פולע ליפּן שטענדיק אַ ביסל צעעפנטע.

ער האָט מיר געגעבן דעם קאָמפּלימענט, אַז גראָד מיט מיר האָט ער באַשלאָסן זיך צו באַקענען. מיין אַדרעס האָט ער געקראָגן ביי אונדזער אַלגע־מיינעם רעדאַקטאָר, דוד פּינסקי.

ער האָט געוווינט ביי אַ מומע. זי איז געווען רייך ביז נישט לאַנג צוריק. זי היט אים זייער אָפּ. זי וואָלט נאָך אויך איצט געווען צופרידן, אַז ער זאָל זיצן אין הויז און לייענען דייטש, פּוילישע און רוסישע ביכער און שרייבן. אָבער ער פילט, אַז ער מוז אַרבעטן. דאָס זיצן אַזוי ביי דער מומע אין הויז, לייענען ביכער, טרינקען קאַווע, רויכערן סיגאַרעטלעך מאַכט אים נערוועז און קרענקלעך. ער מוז אַרבעטן. ער קומט פון גוט־יידישע עלטערן און זיי, דאָרט, טאָרן פון דעם נישט וויסן. דער מומען איז דאָס שווער. זי פילט זיך שולדיק. אָבער דאָ איז אַמעריקע, מען דאַרף אַרבעטן.

און אַזוי אין דעם אָרעמען, קליינעם צימערל, קעגן דעם בלאַסן שיין פון אַן איינציק פענצטער וואָס האָט געקראָגן זיין ליכט, נישט פון דעם אָפענעם דרויסן, נאָר פון אַ ליק (אַ שעפט), איז דער בלאַסער, דין און דורכזיכטיק־הויטיקער לאַנדוי געזעסן און גערעדט. דער בלאָנד־געקרייזטער קאָפּ איז געווען צוגעקאַמט מיט פּאָמאַדע — ער האָט נישט ליב פּאָמאַדע, נאָר ער וויל נישט אַז די קרייזלעך זאָלן זיך אַרויסריפּנדיק וואַרפן איבער זיין קאָפּ. קעגן דעם בלאַסן ליכט פון דעם פענצטער האָט זיך מיט אַ באַזונדער איידלקייט אַרויסגעצייגט דאָס דורכזיכטיקע פּנים און זיין האַנט וואָס האָט אַלעמאָל געבראַכט דעם ציגאַרעט צום מויל. די פולע ליפּן האָבן יעדעס מאָל אָנגענומען דעם ציגאַרעט מיט אַ כוחדיקער, הונגעריקער ליידנשאַפט. דאָס איז דאַכט זיך געווען אין קעגנזאַץ צו דער דינקייט און בלאַסקייט פון דעם דעליקאַטן לאַנדוי און האָט אים פאַרט אַזוי מאָדנע פאַרגאַנצט.

מיר האָבן גענומען רעדן וועגן ליטעראַרישע פּלענער. ער האָט נאָך יעדן שטאַרקן צי אָפּגעברענט אַן אַנזעוודיק שטיק פון ציגאַרעט, אָפּגעהאַלטן אין זיך דעם רויך פאַר אַ וויל, אַרויסגעלאָזט פריִער אַ וואָלקנדל צי צוויי, און

נאָכדעם מיט אַ פולע ברייטקייט פּריגעלאָזט דעם רויך פון זיין מויל און פון זיינע נאָזלעכער איינעם מיט אַ שטראָם ווערטער. וואָרט און רויך האָבן זיך געמישט, האָבן זיך אַקצענטירט. דער ציגאַרעט איז געווען פאַר לאַנדוי ממש ווי אַ רודער אין די הענט פון אַ שיפער מיט וועלכן ער שטויערט זיין שיף. דאָס בלאַסע פּנים האָט זיך דערביי געמינעט דורך שאַטירונגען און ניואַנסן פון וואָרט, געדאַנק און געפיל. פאַרטרויונג, ריינקייט און דורכדרינגענדיקע טיפקייט קוקן פון זיינע בלויע אויגן אַרויס. פון מאָל צו מאָל האָט זיך ביי אים נערוועז צונויפגעצויגן דער שטערן און אַזוי ווי אַ שטעל געטון איבער דער נאָז. אַן אויג האָט זיך פאַרזשמורעט, די אויבערשטע פולע ליפּ האָט אַ ציטער געטון, שאַרף און כמעט נישט באַוועגלעך זענען אויף דעם דינעם פּנים נאָר געבליבן די צוויי דין צונויפגעפּרעסטע נאָזלעכער.

און אָט גייען מיר אַראָפּ. איך פיר לאַנדוין אַריין אין „שלומס קאַפע". איך שטעל אים פאַר פאַר די פּאָר אונדזעריקע — אַ נייער מענטש האָט בלאַס און דורכזיכטיק זיך באַוויזן צווישן אונדז. אַ נייער ערנסט, אַ נייער אַנגעשטרענגטער ווילן. מאַני לייב קעגן אים זעט אויס ווי אַ יונגער ציגיינער; האַלפּערן — אַ צעטראָגענער טיראָלער דייטש מיט גרויסע הענט און גרויסע אויגן, וואָס קען אין דער פרעמד זיין עלנט נישט באַהאַלטן. מיר צערעדן זיך ביי אַ גלאָז טיי. מיר מוזן שרייבן אַנדערש, אפילו אַנדערש ווי מיר אַליין שרייבן איצט. לאַנדוי ווערט איינגאַנצן אַן אונדזעריקער, אַן אייגענער, אַ לייבלעכער ברודער.

***

וואָלטן מיר געווען דערוואַקסענע מענטשן, וואָלטן מיר אַזעלכע און נאָך אַנדערע זאַכן געקענט דערציילן אַן טרערן, אַן אַ וויינענדיק קול ביי זיין ארון. אַזוי אָבער בין איך געשטאַנען ווי אַ נישט־דערוואַקסענער מענטש. דער זאַל איז געווען פול. איך, זיך אויפשטעלנדיק צו זאָגן די ערשטע פּאָר ווערטער וועגן אים, האָב צופעליק געהאָט אַרומגעלייגט די הענט אַרום זיך. די פינגער פון מיינע פאַרלייגטע הענט האָבן דערגרייכט דיביידע אַנטקעגנדיקע ריפּן־ביינער פון די ביידע זייטן פון מיין קערפּער. איך האָב דאָס דערפילט און האָב נאָכדעם די גאַנצע צייט שטייף געהאַלטן אַזוי די הענט אַרום זיך. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז ווי נאָר איך זאָל אַוועקנעמען פון די ריפּן מיינע הענט, וועל איך צונויפברעכן ווי אַ זאַך וואָס האָט גאָר קיין סקעלעט נישט אין זיך.

אָ לאַנדוי, ברודער, ווי נאָענט עס קוקט נאָך צו מיר דער ערשטער טאָג פון אונדזער באַגעגעניש. און שוין גראָד דעם ערשטן טאָג האָסטו פאַרגעלייענט אַ נאָך נישט פאַרענדיקט ליד וועגן טויט.

אָוונט, לבנה,
עס בילן הינט אין דער לבנה
און אין דער נאַכט אַריין.

„אָפּגעריסענע בלעטער"

אומרו וואַקסט.
אַלע ווייסן,
מיט אויגן טויזנטער
מיט טריט געמאָסטענע, זיכערע,
דערנענטערט לייכטנדיק
דער טויט.
נאַכט, לבנה,
עס הילכן זיך
אַלץ ווייענדיקער פאַנאַנדער
די ווייענדיקע הינט.
עמיצן קומט איצט נעמען —
דער מלאך מיט די טויזנטדיקע אויגן...

איך גיב דאָ איבער אויסנווייניק בלויז אַ שטיקל שאָטן פון דעם ליד. אין דעם ליד האָט זיך שוין אָנזעעוודיק געריסן לאַנדויס אָטעמפאַרכאַפּנדיקער צויבער צום יידישן פאָלק עפּאָס. איך האָב ביי אים נאָכדעם לאַנג געמאָנט דאָס ליד אָבער גראָד דאָס ליד האָט ער נישט פאַרענדיקט. אָבער געווען איז גראָד דאָס ליד פון טויט צווישן די ערשטע לידער וואָס ער האָט פאַרגעלייענט ביי אונדזער באַגעגעניש. האָסטו דאָס אפשר איצט, אַזוי פאַרענדיקט דאָס דעמאָלט אָנגע־הויבענע און נאָכדעם פאַרלוירענע ליד?

זישאַ האָט געקעמפט אינאיינעם מיט אונדז. דער קאַמף איז נאָך ווייט נישט פאַריבער. ער וועט נאָך מוזן ווייטער קעמפן. איך וואָס ווין דאָ איבער דעם טויט פון זישאַן גלויב פונדעסטוועגן פאַרט נישט אין טויט. איך גלויב אין דער שטענדיק לעבעדיקער מעשה פון דער וועלט וואָס וועבט אַיין דעם מענטשן אין זיך און האַלט אים אפילו נאָכדעם ווי מיר זאָגן אויף איינעם — ער איז געשטאָרבן.

אַוועק איז משה לייב, אַוועק איז אברהם משה, איצט זישאַ, ליבער — דו. און די וואָס זענען זענען אַוועק נישט אַוועק. עס קומט מיר אויס — מיר זיצן אַלע אַרום אַ רונדן טיש. און מיר האָבן דאָך פאַר אייך רייך אַזוי און שיין געגרייט דעם טיש. און אָט ווי מיר זיצן אַזוי אַרום דעם פייערלעכן רונדן טיש וואָס מיר האָבן פאַר אייך געגרייט ווערט מיט אַמאָל ברוטאַל און פלוצלינג אויסגעריסן אַ פוס פון טיש לעבן איינעם פון אונדז, עפּעס געשעט מיט דעם איינעם, דער טיש אָבער האַלט פאַרט. דער, לעבן וועמען די פיס פון אונטערן טיש איז אַזוי פלוצלינג אַרויסגעריסן געוואָרן, בלייבט אָבער פאַרט אויף זיין אָרט. אַ ביסל געאַנדערשט ווערט דאָס ליכט פון זיין געשטאַלט נאָר זיין אָרט וועט פון אים אָפּגעהיט און עס קומען צו נייע, יונגערע און פאַרגרעסערן דעם טיש און פאַר־פילפאַכן די פייערלעכקייט און דאָס ליכט. יאָ, דער טיש מוז געוויס האָבן אַ סך מער פון פיר פיס אויב ער האַלט זיך נאָך אַזוי שטאַרק.

דוד איגנאַטאָוו

וואָס איך זאָג אייך דאָ איז אַן אַנטפּלעקונג און אַן אמת. איז צוליב וואָס פאַרט ווײנט אַזוי דאָס הארץ און דאָס קול? ווייל... ווייל מיר זענען נישט דער־וואַקסענע מענטשן. מיר האָבן אָפּגעלעבט נאָך זעקס און צוואַנציק הונדערט יאָר. מיר האָבן אויף אַזויפיל פאַרגרעסערט אונדזער וועלט באַנעם און זענען פאַרט ערגעץ מיט עפּעס געוואָרן אַ ביסל אומבאַהאָלפענער ווער פון אונדז וואָלט געוועזן פעיק צו זאָגן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, נאָכדעם ווי דער סם האָט שוין אָפּ־געטויט אַ האַלבן קערפּער, ברענג אַ קרבן אַ האָן צו גאָט — — —

לאַנדוי האָט אָנגערופן זיין לעצטן בוך: „עס איז גאָרנישט ניט געשען". עס איז געזאָגט געוואָרן אין אָט דעם פיינעם יִדישן זין פון „עכשו שנצרת כאילו לא נצרת" — איצט אַז דו ביסט געבוירן געוואָרן איז גלייך ווי דו ביסט נישט געבוירן געוואָרן. און אָט, זעט, עס איז דאָך דאָ טאַקע גאָרנישט נישט געשען. אַ מענטש האָט געלעבט, האָט איינגעוועבט זיין פאָדעם אין דעם טעפּיך פון אונדזער לעבן, אין דער מעשה וואָס מיר אַלע וועבן פאַר דער מעשה פון אונדזער לעבן און זעט וואָס איז דען דאָ געשען? אַ מענטש איז אַוועק בדרך כל האדם. זישא אַליין האָט אונדז טאַקע געלערנט:

איך בין דאָך, ערד, פון דיר געקומען,
איצטער גיי איך צו דיר צוריק.
עס איז דאָס לעבן בלויז אַ חלום ,
בלויז אַ קורצער אויגנבליק.

איך האָב אַזוי ביי גאָט געבעטן:
גאָט, אוי גאָט, מיין טאָג פאַרשווינדט,
מאַך מיך ווי אַ הירש אַ פלינקן,
ווי אַ לייכטן יונגן אינד,

וועל איך תשובה טאָן זיך אַליין,
ווייל מיין טאָג פאַרגייט, פאַרווייט;
און אַרום מיט שלאַנגען־רינגען .
ליגט די שוואַרצע נאַכט צעשפּרייט.

גאָט מיין תפילה האָט פאַרנומען;
מיט אַ הארץ באַפרייט פון זינד,
קומט זיך ווידער איצט באַהעפטן,
מאַמע ערד ,מיט דיר, דיין קינד. .

איז וואָס איז דאָ געשען? „עס איז גאָרנישט ניט געשען".

יענע מיט זעקס און צוואַנציק הונדערט יאָר צוריק האָבן געגלויבט אַז דאָס לעבן ענדיקט זיך נישט מיטן טויט, אַז מען גייט נאָכדעם אַוועק צו די

געטער. מיר, די היינטיקע, ווייסן אַ סך מער. מיר ווייסן אויך, אַז דאָס לעבן פון דעם מענטשן ענדיקט זיך נישט מיטן טויט, אָבער נישט דערפאַר ווייל דער מענטש גייט נאָכדעם אַוועק צו די געטער, נייַן.

דער מענטש קומט נאָכדעם צוריק צו די מענטשן, קומט אויף צו פאַר־בלייבן מיט זיי, אויף צו העלפן זיי. עס איז נישט נאָר אַ שיין־געגרייטער רונדער טיש אַרום וועלכן עס האָט זיך אויסגעזעצט אונדזער חברותא, עס איז אַ גרויסער לעבעדיקער רינג פון פריערדיקע און איצטיקן דורות. אָט דער „עס איז גאָר נישט ניט געשען" איז פאַר דעם אויג וואָס זעט און פאַר דעם אויער וואָס פאַר־נעמט — אַ גרויס געשעעניש גאָר. אונדזער לעבן און פאַרגיין איז אַ ווונדערלעכע מעשה. ווי אַן אַנטפּלעקונג פאַר די אויגן זע איך איצט די אָבות פון אונדזער ליטעראַטור. פּרץ, מענדעלע, נאָמבערג און נאָך. אַ יום־טוב איז איצט ביי זיי. אַ גאַסט איז צו זיי געקומען, אברהם משה דילאָן און משה לייב האַלפּערן פירן אים איצט צו זיי, — ווי מען פירט אַ חתן צו דער חופּה. זיי שטעלן אים פאָר:

— זעט, דאָס איז זישא. מיר ברענגען אייך איצט אונדזער ליבן, ריינעם חבר, מיר ברענגען אייך איצט אונדזער יונגן, שיינעם זישאן, דאָס איז זישקאָ, זישא לאַנדוי!

איך גיי אָפּ אַ פּאָר טריט פון זיין אָרון, אָט ווי עס גייט אָפּ אַ ייִד ביים סוף פון קדיש, און דערמאָן זיך און זאָג פאַרענדיקנדיק:

„עס וועגט זיך ווי אַ שטילער שיין
פאַראומערט האַרץ מיינס, דרימל איין!
עס וועגט זיך ווי אַ שטילער שיין...

IV

און יאָרן זענען געלאָפן און מיר זענען געוואַקסן אונטער שווערע, ביטערע אומשטענדן, געוואַקסן ווי אויף צו־להכעיס די אומשטענדן. און לאַנדוי האָט זיך אַנטוויקלט אויף זיין וועג צו גרויסע דיכטערישע אחריות פאַר וואָרט, געדאַנק, געפיל און פאָרעם. אין דעם עכטן לאַנדוישן ליד איז וואָרט, געדאַנק, געפיל און פאָרעם צונויפגעגאָסן אין אַ לעבעדיקן איינס ווי סקעלעט, לייב און פולסירנדיק בלוט זענען עכט און איינס ווי אין יעדער געזונטער לעבעדיקער באַשעפעניש. ווייניק זענען אין יעדער ליטעראַטור די וואָס קאָנען אַרויסשטעלן אַזוינע מייס־טערהאַפטע גאַנצע לידער.

זישא, דער מענטשלעכסטער פון אַלע ייִדישע דיכטער, האָט אַזוי ליב געהאַט דאָס פּשוטע ווי דאָס פיינסטע אין דעם לעבן. מיט וויפל ליבע, צוגעקליבענער ריינקייט ער האָט געשריבן וועגן די טאָג־טעגלעכסטע זאַכן, אָט ווי:

דוד איגנאַטאָוו

אַ גרויסע פור מיט האָלץ האָב איך
געקויפט מיר און צעזעגט,
צעהאַקט עס אויך, אָװעקגעלייגט
און גוט עס צוגעדעקט.

עס צוגעדעקט אַזוי, עס זאָל
קיין רעגן נישט אַריין:
פון נאַסן האָלץ וועט קיינמאָל נישט
קיין גוטער פייער זיין.

נאָר קוילן דאַרף מען קריגן אויך,
ווייל האָלץ מאַכט אויס צו טייער,
דאַרפסט שיטלעך לייגן איינס נאָך איינס,
ווען ווילסט אַ גוטן פייער.

ערשט איז עס גוט אויף קאָכן נאָר
און ס׳קען דיר נישט געראָטן,
ווען ווילסט אַן קוילן באַקן וואָס,
צי גאָר אַן ענטל בראָטן.

בלויז אַ מענטש מיט אַ גאָר גרויסן חוש פאַר דעם פיינעם קאָן אַזוי דערזען און אַזוי רייך איבערגעבן די שיינקייט אין דעם טריוויאַלן, אין דעם מאָנאָטיק־דינסטיקדיקן אַרום. די קריטיק האָט אָט די ביז גאָר פיינע לאַנדוויישע, מענטש־לעך, קינסטלערישע אייגנשאַפטן נישט פאַרשטאַנען. די נייערע דיכטער אָבער וואָס זענען געקומען נאָך לאַנדוין האָבן פון אַזוינע און אַנדערע לאַנדויס לידער פאַר זיך דערזען ניי־צעעפנטע טירן און טויערן. מיט וויפיל אינטימער, מענטש־לעכער נאַטעקייט ער האָט גערעדט וועגן גלויבן, וועגן היים, וועגן ווייב און קינד. ווי פאָלקסטימלעך עכט ער האָט געזונגען וועגן אַן אומגליקלעך פאָלקס־מיידל, וועמען עס פלאַמט דער אויערל ווייל, „עס טרייבט רכילות ווער".

אוי, ווי ס׳פלאַמט מיין אויער —
ס׳טרייבט רכילות ווער.
איך באַדויער גאָרנישט,
דאָך ווערט אָפטמאָל שווער.

נאָר אַ טרייסט געוועזן
וואָלט מיך אין מיין פּיין,
ס׳קינד, וואָס דאַרף באַלד קומען,
זאָל אַ מיידל זיין.

„אָפּגעריסענע בלעטער״

ווערט זי עלטער, זאָג איך
אַלעס איר אַליין. —
ס'משפּט נישט אַ מאַכטער,
זי וועט מיך פאַרשטיין.

זיינע צאינה־וראינה־לידער אַרויסברענגענדיק דערביי זייער אייגנטימ־לעכע מאַן און ווייב אָפּשאַצונגען ווי פונדאַמענטאַלע געזעצמעסיקייט, ווי איי־ביקע רעאַליטעט... אָדער די לידער וועגן זיינע גוט יידישע אבות, זיין ליד וועגן דער סטריקאָווער רביצין, וואָס דערזעענדיק אַזויפיל קינדער און אייניקלעך אַרום דעם סדר־טיש און מורא־האָבנדיק זיי צו ציילן זי זאָל זיי חלילה נישט געבן אַן עין־הרע, פאַלט אויף אַן עצה, זי שיט אויס אויפן טיש „אוודאי הונ־דערט כוסות״

איך וויל אייך, קינדער גאָלדענע נישט ציילן
קלינגט מיט דער זילבער גלייך דער באָבעס קול.

אַפילו לאַנדויס ביזאַרע, גראָטעסקע לידער וואָס האָבן אָפט אַרויסגערופן בייז בלוט האָבן דאָך אויך זיין פיינעם געפיל פאַר דעם וואָרט און האָבן דאָך זייער פיל געהאָלפן פאַנאַנדערשפּרייטן די גרענעצן פון דעם יידישן ליד.

ווער נאָך ווי לאַנדוי, האָט מיט אַן עכטער דורכדרינגענדיקער רעליגיע־זיטעט געקאָנט קומען צו אונדז און זאָגן:

איך פאַל פאַר אייך. ווער ס'האָט אַ פוס זאָל טרעטן
און אין דעם פּנים מיר זאָל יעדער שפּייען.
אוי, אפשר וועט דאָס מיין נשמה רעטן,
פון נישטיקייט מיין אָרעם הארץ באַפרייען.
און קליין, אַליין זאָל איך זיך לאָזן
אויף אַ באַנייטן און באַפרייטן וועג,
און נידעריקער נאָך פון גראָזן
פאַרגייען זאָלן מיינע טעג.

אָדער:

אַ, וויג מיך, וויג מיך, וויג
אַ, וויג מיך שעה נאָך שעה,
דו, מיין ניטדאָיק גליק,
ווי לאַנג איך בין נאָך דאָ.

איך פיל אין יעדן ריר,
אַ גוטע, ווייטע פרייד,
אַז דו האָסט איבער מיר
די פליגלען אויסגעשפּרייט.

דוד איגנאַטאָוו

ס׳וועדט גוט אַזוי און לייכט,
(אָ, וויג מיך, וויג מיך, וויג!)
גלייך ווי פון טוי איז פייכט
און גלאַנצנדיק מיין בליק —

אָ, ווייט, ניטדאָ׳יק גליק.

V

מיר שטאַרבן און דער אמת וועט אויך פון דער ערד שפּראָצן, ליגן מיר זיך אויס ווי מתים אין די קברים, שטעלן מיר זיך אויס ווי מצבה־שטיינער אויף פעלדער, אַלץ איינס, עס וועט דער אמת אויך פון דער ערד שפּראָצן.

פאַרוואָס איז דאָס מינדערוויכטיקע אין אונדזער נייערער ליטעראַטור אַזוי גיך געקומען צום פאָדערגרונט? ווייל דער מינדערוויכטיקער גייט מיט אַנדערע טריט. ער ווייס, אַז דאָס וואָס ער וועט היינט נישט אַריינכאַפּן, וועט ער מאָרגן נישט האָבן. דער וויכטיקערער לאָזט זיך אויף גאַנץ אַנדערע וועגן — ער ווייסט אַז דער אמת וועט אויך פון דער ערד שפּראָצן —

„וואָס איז דען אַ מענטש? —

אַ מענטש — דאָס איז אַ שווערד און שייד. אַ שווערד וואָס רייסט זיך פון דער שייד אַרויס, אַ שייד וואָס האַלט דעם שווערד און לאָזט אים נישט זיך באַפרייען".

אין דער מינוט פון טויט רייסט זיך דער מענטש ווי אַ בלאַנקע שווערד פון שייד אַרויס, און גייט ערשט נאָכדעם אַרויס אויסצוקעמפן זיין אָרט צווישן מענטשן.

דאָס וואָס מען רופט ביי אונדז איינגעשטעלטע קריטיק מוז אין בעסטן פאַל גוט־מיינענדיקע פּלוידעריי, אָפט פּשוטע חוצפּה, גערופן זיין. זי ווערט גע־טריבן פון מענטשן וואָס האָבן נישט קיין קונסט־באַנעם, זיי שטייען אינגאַנצן אינדרויסן פון דער קונסט־מחנה.

איך האָב אַמאָל אַזאַ קריטיקער געהאַט אויף אַן אויסשטעלונג פון בילדער. (פאַרשטייט זיך פון אַ יידישן מאָלער, ווייל פאַרוואָס דאַרף ער נאָך ליידן פון נישט־יידישע מאָלער?). איך האָב געפּרוווט רעדן צו אים וועגן דעם אָדער יענעם בילד און דערביי אַ קוק־געטון אויף זיין פּנים. די ליידיקייט פון יעדן אויסדרוק וואָס זאָל דאָס פּנים אויף וועלכן נישט איז אופן פאַרבינדן מיטן בילד אויף וועלכן עס קוקט, האָט אַזוי ביטער דערמאָנט אויף דעם האָן וואָס קוקט אין בני־אדם. מיט אַזאַ קריטיקער וואָס איז לחלוטין אין דרויסן פון יעדן קונסט־געביט איז אייגנטלעך אַ געפאַר צו שלאָפן אפילו ווען בלויז ליטעראַריש אין איין צימער.

לאַנדויס רייף ליד (און די ווייניקער זענען דאָך די נייטיקע טרעפּ וואָס גיבן צו איבערצייגנדיקע לעבעדיקייט צו דעם קינסטלערס שטייגן), איז אַזוי פיין און קינסטלעריש אויפגעפּאַסט, אַז עס פילט זיך דורך דער עכט־קינסטלע־רישער מאָדעלירונג פון דער שורה, אַז דאָס וואָרט איז אַ געטרייער טייל פון סקעלעט פון דעם לאַנדויזשן ליד.

און לאַנדויס סקעלעט איז אַ קערנדיקער, אַ ריין־מענטשלעכער, — צי דאָס איז אַ מיידל וועמען עס פלאַמט דער אויער און וואָס גלייבט אַז דאָס טרייבט רכילות ווער, ווייל זי ווייסט אַז זי שוואַנגערט, צי דאָס זענען די פּאַרלאַמטערנ־דיקטע טאָלן, וואָס שפּרייטן זיך פּאַר אים אין די קעטסקיל־בערג, צי דאָס זענען לידער אין וועלכע ער באַזינגט היים, ווייב און קינד, צי גאָר קאָלאָמבינען, זענען דאָס אַלץ מעלאָדיש און מענטשלעך, קינסטלעריש עכט געזונגענע לידער. אָבער צו מענטשלעך און צו קינסטלעריש עכט, אַז עמעצער פון אונדזערע איינגע־שטעלטע קריטיקער זאָלן זיי קאָנען דערזען און באַנעמען. פאַרצווייפלען אָבער דאַרף מען נישט. עס באַווייזן זיך שוין שפּורן פון נייע קריטיקער, פון מענטשן מיט קינסטלערישן באַנעם. זאָלן זיין געגריסט די פיס פון די טרעטער בשורה־ברענגער וואָס באַווייזן זיך שוין אויף די שפּיצן פון די בערג.

זישא לאַנדוי, גרויסער עכטער דיכטער אונדזערער, פון דיין קבר אַרויס, פון דיין קבר אַוועק! מיט דיין בלאַנקן שווערד פאָרויס, גיי! — זיי קומען נאָך! אַנדערשדיק וועט נאָך ווערן דער באַנעם און דער אָפּשאַל פון אונדזער לעבן און אין דעם געאַנדערשטן באַנעם וועט אויפגיין, וועט אויפשיינען דיין שטערן...

**
*

און איך האָב אַנגערירט לאַנדויס טויטן קערפּער אין דעם ארון, דעם ערשטן טויטן קערפּער וואָס מיין האַנט האָט ווען אַנגערירט אין מיין לעבן. די גאַנצע פון וויטיק אויפגעטרייסלטע צאַרטקייט האָט געגרייכט די פינגער פון מיין האַנט. די פינגער האָבן געוואָלט און איך האָב זיי געלאָזט ציטערדיק אָנרירן דעם שטערן פון מיין חבר, וואָס איז געוואַקסן אינאיינעם מיט מיר די אַלע יאָרן, איינמאָל און נאָכאַמאָל.

אָ, זישא, זישא, נאָך פון יענעם זונטיק אין מיין צימערל אויף הענרי־סטריט. זישא וואָס האָט געקעמפט מיט מיר און אָפט אַפילו קעגן מיר, אָט די אַלע טעג און יאָרן! מיינע אויגן האָבן דיר אַזוי אָפט געגלעט ווי אַ חבר אין קאַמף. איצט וויל דיך אויך מיין האַנט גלעטן, צום לעצטן מאָל באַרירן דיך, זישאַ ליבער. זע, — דאָס איז נישט מיין חבר, לאַנדוי, דאָס איז אַ פיגור פון קאַלטן וואַקס...

— חבר, חבר! דאָס איז דאָך נישט דו; דאָס איז דאָך אַ פיגור פון וואַקס! און זע, זישא שטייט לעבן מיין רעכטער זייט, שטייט אַזוי ווי גראָד ער

וואָלט עס דווקא נישט וועלן קוקן אויף דעם טויטן זישא. דאָס לעבן וואָס האָט זיך באַפרייט פון טויט ווי עס באַפרייט זיך אין צייט אַ שווערד פון שייד, וויל ווייזט אויס, מער גאָרנישט האָבן צו טון מיט דעם טויט. און עס זאָגט צו מיר פאַרטרויט:

— היט זיך, איגנאַטאָוו, ווער נישט צעטומלט. עס איז דאָ גאָרנישט נישט געשען.

— די געשעעניש איז אַ גרויסע? —

— יאָ.

— נאָר...

— „עס איז גאָרנישט נישט געשען".

— און די געשעעניש איז אַ גרויסע?

— יאָ.

VI

און אונדזערע קריטיקער זענען גוטע מענטשן, זיי מיינען גוט, זיי וואָלטן וועלן אַרויסברענגען דעם שכל פאַרן לייענער פון די צייטונגען ווו זיי האָבן זייערע שטענדיקע ווינקלען. נאָר עס איז שוין ביי אונדז אַזוי איינגעשטעלט, אַז סיי דער קריטיקער, סיי דער לעזער פון דער טעגלעכער צייטונג, האָבן כמעט אַלע קלוגע שכלס פון דער וועלט נאָר נישט קיין קינסטלערישן פאַרשטייז, נישט קיין קינסטלערישן באַנעם, נישט קיין קינסטלערישן שכל, נעמען זיי פאַר אַן אָנלען דאָס געזאָגטע וואָרט און נישט דאָס וואָס עס שטייט אונטער דעם וואָרט. נאָכמער — דער קינסטלערישער אָטעם אונטער דעם וואָרט איז זיי פרעמד און נאָך ערגער אָט דער קינסטלערישער אָטעם איז פאַר זיי אַן אָפּשטויסנדיקער עלעמענט. זיי איז, ווייזט אויס, בכלל בעסער מיט מענטשן וואָס האָבן וואָס ווייניקער קינסטלערישן אָטעם.

און אַז זישאַ האָט זיין בוך, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן מיט די לעצטע רגעס פון זיין לעבן אַ נאָמען געגעבן „עס איז גאָרנישט ניט געשען", האָבן זיי זיך דערפילט באַפרייטע. הערסט, ער זאָגט דאָך אַליין אַז „עס איז גאָרנישט ניט געשען". און זיי האָבן גענומען פילאָזאָפירן: זישא האָט געמאַכט אַ קולט פון גאָרנישט. און ווייטער, דאָרט אינעווייניק, זאָגט ער דאָך אַליין:

„שטימען (פון פאַרשידענע ווינקלען פון טעאַטער):

מען וועט נישט שטעלן
דעם צווייטן אַקט! ס'איז אַ סקאַנדאַל!
— די ווירקונג קען זיין גאַנץ פאַטאַל!
— דער מענטש האָט נישט קיין פונק מאָראַל;
— דער גאַנצער איינפאַל איז באַנאַל!

— סקאַנדאַל, סקאַנדאַל, סקאַנדאַל, סקאַנדאַל!
— מען וועט איצט לאַכט איבעראַל!
— ס'איז נישט געהערט נאָך אַזאַ פאַל!
— דעם חברה־מאַן איז אַלץ עגאַל!
— דאָס ווייסט נישט פון אַן אידעאַל!
— סקאַנדאַל, סקאַנדאַל, סקאַנדאַל, סקאַנדאַל!״

(„עס איז גאָרנישט נישט געשען״ — ז' 21)

און ווייטער:

„ווער דאַרף עס האָבן, זאָג, צו וואָס?
איך ווייס אַליין נישט צי איך וויל עס טון
עס איז איצט אין דער מאָדע וויצלען זיך
אויף דעם, וואָס איז אַלטמאָדיש; און די קונסט,
יאָ, קונסט פאַר קונסט איז פאַר בטלנים בלויז״.

(„עס איז גאָרנישט נישט געשען״ — ז' 106)

איז אָט האָט איר דאָס. וואָס דאַרפט איר נאָכמער, ער זאָגט דאָך דאָס אַליין, און אָט דער גרויסער געדאַנק ווערט דאָ נאָך אונטערגעשפּאַרט מיט קלוגע פּי־לאָזאָפיעס און ציטאַטן וואָס רירן סוף כל סוף דעם עצם פון דעם בוך אינגאַנצן נישט אָן. און דאָס בוך בלייבט שטיין אונטער זייערע פּלייצעס ווי עס איז לעבן מיר געבליבן שטיין דער לעבעדיקער לאַנדוי און מיט מיר געקוקט אויף דעם טויטן בר־מנן, וואָס מען האָט אונדז אַלס אַ מין נאָכמאַכונג פון דעם לעבעדיקן זישאַ, אין ארון געוויזן. נאָר איך האָב כאָטש געהאַט דאָס גליק צו זען גלייך לעבן לאַנדויס ארון אויך דעם לעבעדיקן לאַנדוי. פאַר זיי אָבער.. זיי זעען דעם טויטן קערפּער פון אַ לעבעדיקן בוך.

— היט זיך, איגנאַטאָוו, ווער נישט צעטומלט. עס איז דאָ גאָרנישט ניט געשען.

— די געשעעניש איז אַ גרויסע.

— יאָ.

***

און מיט וויפל ליבשאַפט לאַנדוי האָט דאָס אַרויסגעגעבן אָט דאָס בוך, אָט דעם „עס איז גאָרנישט ניט געשען״. לויט די בעסטע טראַדיציעס פון די „יונגע״. ער, וואָס איז אַלעמאָל געווען קעגן מיר, פאַר מיין דרוקן פּלאַסטישע קונסט אין די „שריפטן״, האָט אין די לעצטע יאָרן דערפילט, אַז גיין אין אונ־דזער ליטעראַטור אינאיינעם מיט אונדזערע פּלאַסטיקער מיינט אַ פאַרגרעסע־רונג און פאַרטיפערונג פון אונדזער קונסט און וועלט־באַנעם. זיין אָפּגעבן זיך מיט קויפן אויסגעאַרבעטע אַלטע זילבער־אַנטיקן איז שוין געווען זיין ערשטער

טראַט אויף אַט דעם וועג. נאָכדעם זענען געקומען בילדער אויף די ווענט. עס האָט דערביי נישט נאָר געדאַרפט זיין דאָס קונסט־בילד, נאָר אינאיינעם מיט דעם האָט אויך געדאַרפט זיין, אַז דאָס זענען בילדער פון חברים קינסטלער וואָס ער האָט ליב. דאָס אַלץ האָט געהאָלפן צו פאַרברייטערן און פאַרטיפערונג פון דער אייגענער קונסט־פאַרוואַנדשאַפט. און אַזוי איז דאָס געקומען צו דעם, אַז לאַנדוי האָט נישט נאָר געוואָלט האָבן בילדער צו זיין בוך נאָר האָט מיט אַ פאַרכאַפּטן אייפער אָפּגעגעבן מיט פּלאַנירן און אָפט ענדערן די פּלענער ווי אַזוי און וואָסער גרויס און אויף וועלכע פּאָזיציע די בילדער זאָלן געדרוקט ווערן. אַט ממש ווי זיין אייגענע קינסטלערישע רעפּוטאַציע וואָלט אָפּגעהאַנגען פון דעם.

זישא האָט שוין אין די לעצטע טעג אויף קיין טרעפּ נישט געקאָנט גיין. פלעגט ער מיך אויפן טעלעפאָן אָפּרופן, אין גאַס מיר ווייזן די צייכענונגען, נאָכדעם די אָפּדרוקן און זיך אַלץ ישובן.

מיר איז געווען גוט פון דעם וואָס די פיינסטע אַספּיראַציעס פון די יונגע האָבן דאָ אַזוי אויפריכטיק גענומען קומען צום אויסדרוק דורך זישאן און שלעכט איז מיר געווען פון דעם וואָס זישאַ איז קראַנק. אָט גיי איך מיט אים אַריין אין אַ רעסטאָראַן, ער זאָל זיך קענען צוזעצן. דאָרטן לייגן מיר פון דאָסניי פאַנאַנדער דאָס האַלב־פאַרטיקע בוך און פּרווון שטעלן די צייכענונגען און אין אויך אַריינגעלע ראַדירונגען וועלכע זענען נאָכדעם אַריין בלויז אין אַ קליינע נומערירטע צאָל עקזעמפּלאַרן. מיט אַ שמייכל זאָג איך נאָכדעם צו אים:

— זישא, אָט דער נאָמען: „עס איז גאָרנישט ניט געשען" וועט אויף אַזוי־פיל גרינגער מאַכן די אַרבעט פון מיזערנער קריטיק. און — אָט די גאַנצע פיינע מי וועט פאַר זיי זיין ווי אַ זאַך וואָס עס איז גאָר נישט געשען און אַזוי וועלן אויך זיין פאַר זיי די פיינסטע קוואַליטעטן פון דיין פערז, פון דיין ליד, פון דיין קינסטלערישן זשעסט. דיין „עס איז גאָרנישט ניט געשען" וועט דאָך אינגאַנצן נישט אַריין אין דער ספערע פון זייער באַנעם.

ווי אַמאָל אויף העענרי־סטריט, ציט זישא פון זיין טערקישן סיגאַרעט אַריין אַ געדיכט־אָנגעצונדענעם וואָלקן רויך. נישט קיין קראַנקער מענטש, אַ זיגרייכער שיפער טרייבט זיכער זיין שיף איבער אַ וואַסער, אַ וואַרעמער שמייכל אויף די פולע ליפּן, פריידיק און זיכער קוקן אויף מיר זיינע בלויע אויגן:

— זאָרגסט זיך דערפאַר, — פרעגט ער מיך.

— ניין — ענטפער איך — זישא, דיין בוך וועט פון דעם בלייבן ריינער און אויפגעהיטער פאַר די נייערע מענטשן וואָס האַלטן אין קומען.

שפּעטער ווען מיר זענען אַרויס פון רעסטאָראַן, פרעגט מיך זישע מיט אַ פאַרדעכטיקטער געהיטקייט:

— האָסט זיך גוט צוגעקוקט צו דער שלוס־צייכענונג?

— יאָ, נאָר פאַרוואָס גראָד די שלוס־צייכענונג. איך האָב זיי אַלע גוט געזען. איך זע זיי נאָך איצט פאַר זיך.

לאַנדוי האָט זיך דאָ מיטאַמאָל שטאַרק געענדערט, ווי אַ שאַרפער נער־וועזער צוק אויף איין זייט פון מויל, די אויגן אַראָפּגעלאָזט, דאָס פּנים גרוי.

— לאָז מיך נאָכאַמאָל אַ קוק־טון אויף דעם בילד.

זישא צעגעמט די „דאַמי“; איך נעם די צייכענונג אין האַנט. עס איז אַ פיינער שאַרזש אויף זישאַן אַליין: זישא נייגט זיך דאָס פאַרן עולם צום סוף פון דעם לעצטן שפּיל.

— איז וואָס ווילסטו, זישקאַ, עס איז זייער אַ ווױלע צייכענונג, פול מיט אַנהאַלטנדיקער וויבראַציע פון איינעם וואָס האַלט זיך אין „פאַרנעמלעכן“ דראַ־מאַטישן נייגן.

— זעסט וואָס עס איז אונטערגעשריבן אונטער דער צייכענונג?

איך קוק און דערשרעק זיך אינאיינעם מיט זישאַן. אונטער דער צייכענונג שטייט אָנגעשריבן:

דער פאַרפאַסער פאַרנייגט זיך דאָ פאַר זיין פובליקום צום לעצטן מאָל.

אַט דער „פאַרנייגט זיך פאַר דעם פובליקום צום לעצטן מאָל“, האָט דאָ פאַר לאַנדוי אָנגענומען אַ גאַנץ גרויזאַמע פאַטאַלע באַדייטונג, הויפּטזעכלעך דערפאַר, מן־הסתם, ווייל לאַנדוי האָט אינסטינקטיוו געפילט אַז די כוחות גייען אים אויס.

— זישא, — נעם איך צו אים רעדן מיט אָפּזיכטלעכן געלעכטער און מונ־טערקייט, — קאַפּמאַן האָט דאָס אונטערגעשריבן מיט דעם אייגענעם אָפּלאַכערישן שמייכל וואָס איז אויסגעגאָסן איבער דער גאַנצער „טראַגישקייט“ פון דער צייכענונג.

— יאָ, געוויס, נאָר מיינע טעכטער האָבן דאָס דערזען און האָבן זיך דער־שראָקן...

מיט גאָר גרויסע שוועריקייטן איז נאָך אָנגעקומען אים איינצורעדן, אַז די אונטערשריפט מוז געענדערט ווערן. עס האָט זיך נאָכדעם אַרויסגעוויזן, אַז אַט די אונטערשריפט האָט ער אַליין געגעבן קאַפּמאַנען און נאָכדעם מיט מורא געטענהט, אַז ווען זי איז שוין דאָ מוז זי שטיין. זישאַן איז אין די לעצטע טעג זייער אָפט באַפאַלן די מורא פון טויט. ער פלעגט זיך אויפכאַפּן אינמיטן ביינאַכט און מיטאַמאָל אָנצינדן אַלע עלעקטרישע ליכט אין הויז. פלעגט זיך אָפט אַוועק־שטעלן פאַרן שפּיגל און קוקן אויף זיך. קוקן אויף דעם זישאַ לאַנדוי וואָס גייט אַוועק. נאָר... עס איז גאָרנישט ניט געשען...

און די געשעעניש איז אַ גרויסע.

דער פאַרפאַסער האָט זיך סוף־כל־סוף פאַרנייגט פאַר זיין פובליקום צום לעצטן מאָל. כאָטש די פאַרנייגונג איז בלויז אַ שטענדיקע וויבראַציע אַזאַ. כאָטש נאָך אַט דער דראַמאַטישער פאַרנייגונג קומט דער מענטש צוריק.

VII

איבעריקנס איז די קריטיק דאָ גאָרנישט אַזוי פיל שולדיק.

אָט געדענק איך, אַז אין 1916, ווען איך האָב דורכגעלייענט דעם „בלויען נאַכטיגאַל״ (די ערשטע פון די שפּילן אין דעם איצטיקן בוך „עס איז גאָרנישט נישט געשען״), האָב איך געזאָגט לאַנדוין און אויך צו חברים, אַז דאָ גייען פאַרלוירן אַ סך גוטע לאַנדוישע לידער. מען וואָלט עפּעס געדאַרפט טון אויף אויסצולייזן אָט די לידער פון גלות אין וועלכן זיי זענען דאָרט פאַרטריבן.

לאַנדוי פלעגט זיך אַלץ ראַנגלען מיט זיך. ער פלעגט וועלן אַנטלויפן פון זיין איך. אונטער געוויסע אומשטענדן מאַכט כמעט יעדער מענטש דורך אַזאַ פּראָצעס. זאָגסט אָפּט אומיסטן דאָס וואָס דו ווילסט נישט, טוסט דאָס וואָס דו דאַרפסט נישט. ווילסט עפּעס פון עמעצן פאַרשטעלן, אָפּט ניט נאָר פון עמעצן, נאָר טאַקע פון זיך אַליין. ביי לאַנדוין איז אָט דער דראַנג פון אויסבאַהאַלטן זיך געווען שטאַרקער און האָט רכילות־טרייבער אָפּט געגעבן אַ געלעגנהייט פאַר אַלערליי רכילותן. אָט לאַנדוי רעדט פון קעז, מאַכט ממש אַ קולט פון עסן קעז און רעדן וועגן די אַלערליי אויסלענדישע קעזן. און אַז דאָס הערט מיט דער צייט אויף צו ווירקן, קומט אויף אַ קולט פון פלייש, צי גאָר פון איינגעמאַכטסן, פון פּרעזערוון, אַן אַנדער מאָל זענען דאָס ליקערן. ער דערציילט יעדן מיט באַגייסטערונג, ווי אַזוי ער מאַכט אייגענעם בענעדיקטין, קרעם דע מינט און אַזוי ווייטער; ווי אַזוי ער נעמט דעם מין און יענעם מין, מישט דאָס מיט אַ דריטל ריינעם שפּירט און אַ דריטל געקאָכט וואַסער, האַלטן דאָס אין אַן ערדענער פלאַש און אַזוי ווייטער און ווייטער. לאַנדוי לאַדט איין מענטשן, איז זיי מכבד אי מיט דער משקה, אי מיט די עסנס, אי מיט די דערקלערונגען. ער פאַרגייט אַזש מיט פאַרגעניגן וועגן די איינצלהייטן און וועגן זיין, ווי ער מיינט, פיינעם גאַסטראָנאָמישן פאַרשטיין. אָדער ער נעמט זיך גאָר צו קויפן אַלטע זילבערזאַכן און נעמט ווי אַ גאָר גרויסער מומחה רעדן וועגן זיי.

און דאָס אַלץ איז אַ מין אַנטלויפן פון שרייבן, אַ מין אַנטלויפן פון זיך אַליין. און אַזוי טרעפט איר אָפּט אין זיינע לידער, ווי אויך אין זיין לעצטן בוך „עס איז גאָרנישט נישט געשען״, פּלוצימדיקע שפּרינגען פון איינעם וואָס וויל ערגעץ אַנטלויפן פון זיך אַליין און זיך אויסבאַהאַלטן אונטער עקזאָטיק. דער קינסטלער איז אים דאָ אָבער נישט שטענדיק בייגעשטאַנען און דאָס עכט לאַנדויישע האָט האָט זיך דורכגעריסן פון אונטער אַלע באַהעלטענישן.

די מורא פאַר דערטרונקען ווערן אין אויסגעדראָשענע ווערטער און באַנאַלע באַגריפן טרייבט דעם שאַפנדיקן מענטשן, האָט געטריבן לאַנדויען צו קאַפּריזן און עס זענען געווען אָט די קאַפּריזן וואָס האָבן אים געהאָלפן צו גרייכן זיך אַליין, צו גרייכן עכטקייט, אַנדערשדיקייט.

עכטע אַנדערשדיקייט רעגט אָן, ווירקט און באַווירקט. זישא האָט געוואָלט

זיך אַ שפּיל־טון מיט אונדזערע גרויסע נאַציאָנאַלע אָבער פּאַרט לאָקאַלע בעל־שמס און שרה־בת־טובימס. ער האָט זיי דורך דעם אַרייגעפּירט אין דעם רעלם פון אַלוועלטלעכע מעגלעכקייטן און אַלוועלטלעכע העלדן. דערוואַקסענער מענטש־לעכער שכל, פיינער זשעסט און מייסטערשאַפט פון דער שורה, שפּילעוודיקייט פון געדאַנק גייען דאָ האַנט אין האַנט מיט פאַלקסטימלעכער פאַרערונג און סטי־ליזירטער פראָסט־פאָלקישער און פראָסט־וועלטלעכער „אונטערגעכאַפּטקייט".

זישאס וווּנדערלעכע „דאָן קיכאָטס" פאַרמאָגן די פיינע גראַציע, טראַגיזם, נאָבלקייט, עלעגאַנץ און טיף־מענטשלעכן מיטגעפיל וואָס עס פאַרמאָגן די וווּנ־דערלעכע דאָן קיכאָטס־לייוונטן פון דעם געניאַלן דאָמיע.

צוריק מיט צוויי יאָר איז מיר אויסגעקומען צו לייענען נאָכאַמאָל „דעם בלויען נאַכטיגאַל" און איך בין איבערגעפילט געוואָרן פון פריידי. וויפל פיינער קינסטלערישער זשעסט, וויפל קריסטאַליזירט ליכט, אינאיינעם מיט פיינער קינסטלערישער שפּילעוודיקייט פון געדאַנק. אונדזער ליטעראַטור איז דאָך טאָקע גאָר איינגאַנצן נישט געוווינט צו דעם. ווער זאָל ביי אונדז דערזען און ווער זאָל דאָס ביי אונדז אָפּשאַצן? און דערצו נאָך אָט די פיינע אוניווערסאַלע פאַרמענטש־לעכונג פון דעם בעל־שם, שרה־בת־טובים. קאָנסט מיט זיי אַרויסגיין אין גאַס, אין דער וועלט ווי מיט אַ מאַטיאַנען, מיט אַ לענסקין, מיט אַ דאָן קיכאָט און מיט אַנדערע אוניווערסאַלע העלדן. די הארליקינאַדע ווערט דאָ געיידישט און דאָס איבערנאַטירלעך יידישע קריגט דאָ אַ תיקון אַ נייעם, אַן אַראָמאַט אַ נייעם, אַן אַלוועלטלעכן און אַ מענטשלעך ערדישן. פון צופיל פרייד האָב איך זיך אַן אַ שיעור מאָל געמוזט אָפּשטעלן, כאַפּן דעם אָטעם, זיך טיילן:

וויפל פיינער קאַפּריז, וויפל קינסטלערישע קלוגשאַפט, וויפל ליכט, וויפל אויסגעהאַמערט ליכט! זע נאָר ווי אים האָט זיך דאָס איינגעגעבן, אים האָט זיך דאָך אַזוי גליקלעך, אַזוי גרויס מייסטעריש איינגעגעבן! ווער זאָל דאָס ביי אונדז דערזען? ווער זאָל דאָס ביי אונדז אָפּשאַצן?

זישא האָט דורך דעם געעפנט אַ טיר אין אונדזער ליטעראַטור. עס האָט געווירקט. אָבער זיינע נאָכפאָלגער זענען, ווי עס פאַסירט כמעט שטענדיק אין אַזאַ פאַל, אויפגענומען געוואָרן פאַר אים. פאַר אונדזער יוגנט, וואָס ווערט דער־צויגן אין וועלטלעכע שולן און איז דאָך יידיש, וועט זישא לאַנדויס פאַרפיינערט און אָפּגעהיט ליד זיין אַן אָנלען, אַ טרייסט, אַ שטאָלץ.

איך בין דעמאָלט געווען אויסער ניו־יאָרק און האָב אים וועגן דעם אויך אַזאַ בריוו געשריבן.

**
*

און אָט איז אַוועק אַ יאָר. מיר שטייען אויפן וויס־באַשנייטן בית־עולם, פאַר דעם באַשנייטן קבר פון אונדזער זישא לאַנדוי. מיר שטייען ביז די קני אין שניי. איך ווייס נישט צי מען קאָן גאָר געפינען די פּאַסנדיקע ווערטער וואָס

דאַרפֿן אין אַזאַ פֿאַל געזאָגט ווערן. ווער ווייס, ווער ווייס וואָס מען קאָן זאָגן און ווי אַזוי עס דאַרף אַרויסגעזאָגט ווערן. דאָס וואָרט אין אַזאַ פֿאַל — איך דערצייל צו די אַרומגעשטעקטע חברים אין דעם שניי, — אַז נעכטן, אייערנעכטן און דעם גאַנצן פֿרימאָרגן, איידער מיר זענען געקומען אַהער, האָב איך אַלץ געזען פֿאַר זיך אַ גרופּע מענטשן אויף דעם ווייס־פֿאַרשנייטן בית־עולם, פֿאַרזאַמלט אַרום דעם פֿאַרשנייטן קבר פֿון אונדזער זישא און ווי איך האָב אייך אין זיך אַזוי געזען, האָב איך צווישן אונדזער עולם אויך געזען אונדזער לאַנדויען. דעם לעבעדיקן לאַנדויען האָט מען דאָך אין קבר פֿאַרט נישט באַגראָבן. ער איז געבליבן מיט אונדז און אַז מיר זענען געגאַנגען צו זיין קבר, איז ער, לאַנדוי, אַליין אויך געקומען אַהער און שטייט דאָ איצט צווישן אונדז, אינאיינעם מיט אונדז שטייט אויך זישא לאַנדוי פֿאַר זיין קבר.

לאַנדוי האָט בכלל געהאַט די פֿעיִקייט צו קוקן אין זיך און פֿאַר זיך ווי אין אַ שפּיגל און זעען זיך דאָרט אַ טויטן. ווי איינער וואָלט אויפֿן ברעג טייך פֿאַר אַ שפּיגלדיק וואַסער געשטאַנען און געזען פֿאַר זיך שווימענדיק זיין אייגענעם טויטן קערפּער.

אַזאַ איז לאַנדוי געווען נאָך אין די ערשטע לידער זיינע פֿון 1911 ביז 1916. אויך ביי אברהם־משה דילאָן איז אפֿשר געווען אַ פּאַראַגראַף און אַן אָנזאָג אויף אַ פֿריִען טויט. לאַנדוי האָט זיך אַזוי ווי צעצווייט און זיך אַליין ווי צוגעפֿירט צום קבר און אַריינגעוואָרפֿן אַהין זיין טויטן קערפּער ווי עס האָט דער קאַפּיטאַן פֿון זיינעם אַ ליד אַריינגעוואָרפֿן אין ים זיין קאָמפּאַס וואָס ער האָט אַליין צעבראָכן און זיך נאָכדעם איבערגעגעבן „אויף גאָטס באַראָט". אין דער אונטערשטער שורה אָבער הייסט דאָס —דער קאַפּיטאַן— לאַנדוי, האָט דאָ בלויז איבערגעביטן דעם קאָמפּאַס. ווייל דאָס לאָזן זיך אויף גאָטס באַראָט איז ערגעץ אויך אַ מין קאָמפּאַס אַזאַ. זישא לאַנדוי, וואָס שטייט איצט צווישן אונדז האָט דאָס געטון כמעט מיט אַ קינדערשער איינגעגלויבטקייט און קינדערשן קאַפּריז.

דאָס קינדערשע איז אין תוך דאָס מענטשלעכע אין אונדזער לעבן. דאָס קינדערשע וואָס הערט אויף צו זיין צופֿאַל, נאָר ווערט דערוואַקסענער מענטשלעכער באַוווּסטזיין, האָט אַ סך געהאָלפֿן לאַנדויען אין זיין אַרבעט. עס איז אַ מוז פֿאַר דעם מענטשן צו זיין קינדעריש גלויביק, קינדעריש זוכנדיק, ווייל אָן דעם וואָלט דער מענטש שוין לאַנג אָפּגעווישט זיין שפּור פֿון דעם פּנים פֿון דער ערד. קינדעריש ריין און קינסטלעריש דערוואַקסן האָט ער זיך מיט וועלטלעכער גרויסקייט דערהויבן צו פֿאָלקסטימלעכקייט, תּפֿילהדיקייט (מענלעכער און ווייבלעכער), און צו זיינע גוט־ייִדישע אבות.

זישא לאַנדוי, וואָס האָט געוווּסט ביים לעבן ווי צו לאָזן שווימען פֿאַר זיך זיין אייגענעם טויטן קערפּער, כאָטש שטאַרבן האָט זיך אים נישט געוואָלט, שטייט דאָ איצט אין איינעם מיט אונדז. געקומען איז אונדזער זישא אויף זייענדיק צו פֿאַרבלייבן מיט אונדז. ראַפֿינירטקייט אינאיינעם מיט פֿאָלקסטימלעכער פּשטות

און פרייד האָט ער אין זיך געהאַט און געלערנט האָט ער אונדז פריילעך צו זיין. פרייד האָט ער געגאַרט און דערפאַר זיך אַזוי אָנגעהאַלטן אין דעם קינדערשן און פאָלקסטימלעכן און דאָס קולטיווירט אין זיך.

צוויִיענדיק איז יעדער מענטש. אַ מענטש דאָס איז אַ שווערד און אַ שייד. אַ שווערד וואָס רייסט זיך פון שייד אַרויס, אַ שייד וואָס האַלט פעסט דעם שווערד און לאָזט זיך אים נישט באַפרייען. זיין גאַנצן לעבן גאַרט דער מענטש נאָך אַ נס. יעדן מענטשן וואָלט זיך וועלן אַרויסרייסן זיין ריינערן, זיין אינעווייניקסטן איך. דער נס געשעט אָבער ערשט אויפן סאַמע ברעג פון דעם וואָס מיר רופן געוויינלעך אָן לעבן. אין דער לעצטער מינוט געשעט דער נס. ער מוז געשען, ווייל די שייד ווערט שלאַבעדיק און די שווערד רייסט זיך בלאַנק פון שייד אַרויס. נישט דער מענטש, נאָר די שייד פאַלט אין דער גרוב פון קבר אַריין. דער לע־בעדיקער מענטש בלייבט צווישן אונדז. אַ באַפרייטע בלאַנקע שווערד צווישן אונדז וואָס גייט אויסקעמפן זיין אָרט צווישן די מענטשן. לאַנדוי איז ערשט איצט ווי אַ בלאַנקע שווערד אַרויס. לאַנדויס קאַמף הייבט זיך ערשט אָן.

וואַרהאַפטיק זישא, אויף דעם פאַרשנייטן פעלד, פאַר דיין פאַרשנייטן קבר, פאַר דיין אָבעליסק־אַרטיקער מצבה זעען מיר דיך אַלע איצט צווישן זיך.

מיר ווייסן וואָס דאָס מיינט.

מיר וועלן דיר העלפן, זישע ליכטיקער.

הער ווי מיר זאָגן צו דיר היינט דיינע אייגענע רייד...

וואַרהאַפטיק, עס שטאַרקט אונדז דאָס וואָרט דיינס,
ווי גוטער און גאָר אַלטער ווייַן:
אַז ווייל איז צו דעם, וואָס איז זוכה
אין נאָענטקייט אין דיינער צו זיין.

עס קוקן די אויגן אים אַנדערש,
ער זעט דאָס, וואָס מיר זעען נישט
זיין האַרץ איז אַ נעסט בלויז פאַר פרידן,
עס זינגט און ווערט קיינמאָל נישט מיד.

האָסטו נישט געהייסן זיין פריילעך —
ווי זאָלן מיר פריילעך נישט זיין!
עס שיכורט אונדז אָן און באַרוישט אונדז
דאָס וואָרט דיינס, ווי גאָר אַלטער ווייַן.

אייזיק ראַבאָי

אַ לעבעדיקער האָסטו זיך אויפגעהויבן פון דיין טויטן קערפּער, ראַבאָי.

דו האָסט מקיים געווען דעם געבאָט, אַז אָפּטיילן זאָל זיך דאָס לעבן פון דעם טויט, כדי מען זאָל קענען ברענגען דעם קבר נאָר דאָס וואָס איז טויט.

אַ לעבעדיקער שטייסטו איצט פאַר מיר און ווערסט אַזוי פאַר אַלעמען שטיין. פאַר אַלעמען וואָס האָבן דיך געקענט און ווען דיך קענען.

אַ באַרג אַ מעשהדיקער איז פאַראַן — דער באַרג פון גאָט.

— ראַבאָי, ווער וועט אַרויפגיין אויף דעם באַרג פון גאָט?

— דער וואָס גייט מיט נישט־נאָכגעמאַכטע, מיט אייגענע טריט, גייט און ווערט נישט מיד, ווייל בלויז אַזוי קען ער גיין, ווייל בלויז אַזוי מוז ער גיין!

— זיי מיר געגריסט געהייליקטער חבר!

— זיי געגריסט!

**
*

די ערשטע באַגעגענישן מיט ראַבאָיען — ביי ענטינען אין הויז, ביי חיי־מאָוויטשן אין הויז, ביי די סענטערס. אַ טונקלהויטיק, קנאָכיק פּנים אין וועלכן עס זענען טיף געזעסן צוויי גוטע גרויסע וואַרעם־אויפגעלויכטענע טונקעלע אויגן. אַראָפּגעבויגענע ראָבן שוואַרצע האָר אויף אַ זייט פון זיין שטערן און אַן אַראָפּגעבויגענע ליולקע אין זיין גרויס פולציינערדיק מויל. ער האָט שטענדיק ליב געהאַט צו זיצן אין אַ ווינקל און אַפילו ווען אים פלעגט אויסקומען צו זיצן אין אַ שורה מיט אַנדערע חברים, פלעגט ער זיך אַריינרוקן טיפער אין דער שורה און וואָס נענטער צו דער וואַנט וואָס הינטער אים. ווען ער האָט עפּעס געזאָגט, האָט ער געשמייכלט. די ציין און די אויגן האָבן געשמייכלט. דער הויכער שטערן זיינער האָט אָבער כמעט שטענדיק געשוויגן, ווייל אַ שווייגער און אַ צוריקגעהאַלטענער איז ער געווען, נאָר די ציין און די אויגן האָבן ווי פון זיך אַליין גערעדט און געשמייכלט מיט גוטסקייט.

די צווייטע באַגעגעניש איז געווען ביי אים אין הויז, ריכטיקער — אויף דעם דאַך פון הויז.

די פאַמיליע ראַבאַי — טאַטע, מאַמע און עטלעכע ברידער — פלעגן אין יענע ערשטע יאָרן כמעט שטענדיק וווינען אויף דעם העכסטן עטאַזש פון הויכע טענעמענט־הייזער. איך האָב פיינט געהאַט די אַמאַליקע, עלעוויטאָרלאָזע, הויכע עטאַזשן פון טענעמענט־הייזער. איך האָב געהאַט אַ געפיל, אַז די וואָס וווינען אויף די הויכע עטאַזשן, איז ווי נאָר זיי קלעטערן אַרויף צו זייערע וווי־נונגען פוילן זיי זיך שוין נאָכדעם אַראָפּצוגיין. ער ווידער, פלעגט זאָגן, אַז עס איז ווערט צו קלעטערן אויף די הויכע עטאַזשן, וואָרום דאָס ברענגט דיך נעענ־טער צום דאַך און אַז דו גייסט אַרויף אויפן דאַך איז דאָך פאַר דיר די גאַנצע וועלט אָפן. דאָס איז אָבער ביי אים גיכער געווען אַ זוכעניש פון אַ ווינקל אין דער לופטן. אויך דער דאַך איז געווען אַן אויסדרוק פון איינעם וואָס זוכט התבודדות, ווייל פון די אַנדערע גאַסן פלעגט דאָך קיינער אויף זיין דאַך נישט קענען אַריבערשפּאַנען.

אין הויז פלעג איך דער מוטער דאַרפן דערקלערן, אַז איר זון, אייזיק, איז אַ גרויסער שריפטשטעלער און אַז דאָס איז אַ גרויסער כבוד פאַר דער גאַנצער משפּחה. די מוטער פלעגט גלויבנדיק דערפילן, אַז דאָס איז זייער גוט פאַר איר זון אויף וועלכן מען קוקט קרום אין הויז און זי פלעגט וועלן, אַז איך זאָל דאָס אויך דערציילן דעם פאָטער, וואָס איז נישט צופרידן פון דעם וואָס אייזיק האָט זיך אַריינגעלאָזט „אין פאַרברענגען די צייט אויף גאָרנישט“. די מערסטע פון זיינע ברידער האָבן אויך אַזוי געהאַלטן. פלעג איך רעדן צו איינעם, אַ מער פאַרשטענדיקן ברודער, פלעגט ער מיר אַריינוואַרפן, אַז עס וואָלט געווען גוט אַז אויך דער, אָדער יענער פון די ברידער זאָלן דאָס הערן פון מיר. דער פאָטער, ווען איך פלעג אים טרעפן, אָפט גראָד גייענדיק אין גאַס, פלעגט אויף מיר קוקן און טאַקע אַמאָל אויך זאָגן, אַז עס געפעלט אים גראָד וואָס איך בין, ווייזט אויס, אַן אמתער חבר, אָבער... וואָס קומט אַרויס? וואָסער תכלית זיינען יידישע מעשה־ביכלעך?

אויפן דאַך פלעגט ראַבאַיס טונקל־הויטיק פּנים ווערן בלאַסלעך ווייס. אַן אַ שיעור גוטסקייט האָט גענומען לייכטן פון אים, מיט אַ גלויבן וואָס האָט דער־מאָנט אַן זיין מוטערס גלייבערישקייט. פלעגט ער פון מיר הערן וועגן די אויפ־טואונגען פון דעם אָדער יענעם פון אונדזער גרופּע, וואָס דעמס וועג און יענעמס וועג מיינט פאַר אונדזער ליטעראַטור, מיט וויפל דאָס פאַרשטאַרקט דעם גאַנצן פאַרנעם אונדזערן, און וועגן זיין אייגענעם טייל אין אָט דעם פאַרנעם. ווי אַ לעגענדע וועט דורך אונדז ווערן די שטאָט ניו־יאָרק און אונדזער אייגענער לעבן דאָ. איינמאָל, ביי אַזאַ געלעגנהייט, האָט ער מיר דערציילט וועגן אַ הויז וואָס וועט אויפגעבויט ווערן אינמיטן פון ניו־יאָרק. אַלע וועגן אין דער שטאָט וועלן פירן צו אָט דעם הויז — דאָס וועט זיין אַ היינטצייטיקער, נייער בית־המקדש אַזאַ. און אַלע וועלן אויפגיין, אַלע וועלן עולה רגל זיין צו דעם הויז.

איך האָב נאָכדעם אָט די בית־המקדש־מעשה דערציילט צו די אַנדערע

חברים (מיר פלעגן, געווײנלעך, אַזוי איבערדערציילן מעשיות פון אײנעם צום צווייטן). און ווען ער האָט אונדז אײנמאָל חנוכה־צייט אײנגעלאַדן אויף לאַטקעס וואָס זיין מאַמע האָט פאַר אונדז געמאַכט, האָבן מיר אים באַוועגט פאַרצייליען אַט די מעשה מיט דעם נייעם בית־המקדש אינמיטן פון ניו־יאָרק.

אַוודאי האָבן מיר געמיינט אַז אַזאַ זאַך וועט אים אויך העלפן געווינען זיין פאָטערס גוטזאָגונג — אַט זאָל דער פאָטער זען, אַז זיין זון שרייבט נישט גלאַט אַנתכליתדיקע מעשיות, אַז זיין זון טראָגט מיט די קדושה פון אַמאָל פאַר די טעג פון היינט.

מיר זענען דאָ אָבער באַגאַנגען אַ פאַרברעכן. ראַבאַי איז נישט געווען פון די מענטשן וואָס האָבן געמעגט דערציילן זיינע סודות איידער ער האָט זיי אינגאַנצן אַרויסגענומען פון זיינע באַהעלטענישן און זיי פאַרקערפּערט אויף פּאַפּיר; וואָלט ער די מעשה נישט געווען פריִער דערציילט צו חברים, וואָלט ער נישט געווען געצווונגען פאַרצייליענען אַ נישט־פאַרענדיקט שטיק, וואָלט פון דעם געוויס געווען אַרויסגעקומען אַ סך אַ בעסערע זאַך. אַזוי האָט דאָס בלויז אָפּגעקילט אַ באַהאַלטענע אינעווייניקסטע וואַרעמקייט וואָס ער האָט געדאַרפט האָבן אויף צו פאַרענדיקן זיין זאַך און אויך דעם ענטוזיאַזם וואָס מיר האָבן וועגן דעם געהאַט פאַנאַנדערגעבלאָזן צווישן זיך. אויף דעם אָוונט האָט דאָס אויך געבראַכט צו דעם, אַז דער פאָטער, ווען מיר האָבן געוואָלט מהנה זיין, האָט פון זיין פרום חסידיש פּנים אויף אונדז אָנגעשטעלט אַ מתנגדיש און קלוג סוחריש אויג.

***

איך האָב שוין ערגעץ געזאָגט און איך ווידערהאָל — מענטשן טראַכטן נישט בלויז מיט זייערע קעפּ, זיי טראַכטן אויך מיט זייערע לייבער.

פאַראַן אַ שׂכל וואָס ליגט אין מענטשן און מאַכט דעם מענטשן טון זאַכן גוט און שׂכלדיק, כאָטש בלויז דעם מענטשנס אינסטינקטן אַרבעטן דאָ דערביי. דאָס איז אַ מענטש מיט זעערישע אינסטינקטן אַזוינע. אַזאַ מענטש איז געווען ראַבאַי.

דער אַזוי־גערופענער שׂכל האָט ראַבאַיען אָפּט געשטערט און אָפּט פּשוט פאַרראַטן. אויסער דער מאַמעס גלויבערישע אויגן האָט ראַבאַי אויך געטראָגן אין זיך דעם פאָטערס שׂכל. און נישט אויף אַרויסצוהעלפן אײנער דעם צווייטן זענען די צוויי אייגנשאַפטן געווען אין אים, נאָר אויף צו שטערן אײנער דעם צווייטן. האָט זיך ראַבאַיען אָפּט פאַרוואָלט צו ווערן אַ געשעפטסמאַן, צו ווערן אַ גוט־באַזיצער מיט גרויסע ערד־שטחים, פערד,, קי, געגנדז און הינער, אָדער עס פלעגט זיך אים גאָר פאַרוועלן ווערן אַ צייטונגס־שרייבער. און ער פלעגט צוליב אַזוינע אַספּיראַציעס אָפּט פאַרשווינדן פון אונדזער קרייז און אויף אַ גאַר לאַנגער צייט.

זיינע זעערישע אינסטינקטן האָבן זיך אָבער שלעכט געפּאָרט מיט די סוחרישע פאַרלאַנגען זיינע און ער איז אין אַט די אַלע זאַכן גאַנץ אומגליקלעך

דורכגעפאַלן. וויפל האָפענונגען, וויפל מיזונגען ער האָט אויף אָט די ספּאָראַדישע אָנפאַלן פאַרשווענדט און ווי טרויעריק, ווי טראַגיש עס פלעגן זיין די רעזולטאַטן!

אַ געשעפטסמאַן וואָס קוקט אויף געשעפט נישט בלויז ווי אויף געשעפט, ווערט ברוטאַל אַרויסגעשטויסן פון דער געשעפטס־וועלט. און אַ פּאַרמער וואָס האָט דערזען דאָס ליכט פון שאַפן איידער ער איז געוואָרן אַ פאַרמער, ווערט פון פאַרמעריי קיין געשעפט נישט מאַכן.

פון ראַבאַיס פאַרמעריי האָט די יידישע ליטעראַטור געוווּנען פרישן ריח פון אָפענע ערד־שטרעקעס. אָבער וואָס האָט די פאַרמערישע געשעפטס־וועלט געקענט דערוואַרטן פון אַ פאַרמער וואָס האָט מעשהדיקע אויגן? פון אַ פאַרמער וואָס קלייבט מאָרגנס אויף די פעלדער:

„מאָרגן־איין, מאָרגן־אויס טו איך זיך פעדערן ווען אַלץ איז נאָך אין טיפן דרימל. איך שטערנג אָן מיינע אויערן צו כאַפּן וואָס פאַר אַ וועזן, אַ פויגל אָדער אַ בוים טוט צום ערשטן די שטומעניש אָנרירן און דער ערשטער שאָרך קומט שנעלער ווי איך קען אַ פינטל טון מיטן אויג און נאָך גיכער ציט ער זיך פאַנאַנדער דאָס. וואָס איך בין נישט ווערט אָנצורופן מיט זיין הייליקן נאָמען״.

קלייבט הויפנס ערד: —

„איך נעם אַ הויפן ערד, צעשפרייט זיך זי אויף מיין דלאָניע און צעטייל זי אין באַזונדערע שטיקעלעך — — — און נאָכהער טו איך עס אַ וואָרף און עס ווערט צעשאָטן און פאַרלוירן״.

זיין ליבע צו דער ערד, זיין רעפלעקטירן און אויסמישן זיין דיכטערישע פערזענלעכקייט מיט דעם פעלד האָט געטראָגן אין זיך אַ גרויסקייט נאָענט צו דער גרויסקייט פון אונדזער אַמעריקאַנער־ענגלישן דיכטער ראָבערט פראָסט.

„די פלאַנצן (מאַיס) — שרייבט ראַבאַי — שטייען אין גלייכע ליניעס, פון אַלע פיר זייטן פון פעלד. פון אַלע פיר ווינקלען פון פעלד זעען זיך באַגלייכע שטאַמען פון וועלכע עס שטרעקן זיך טונקל־גרינע ברייטע בלעטער. איך נעם אַ שטאַם וואָס שטייט אין עק פעלד און צייל איבער זיינע בלעטער, איך גיי אַריין אין מיט פעלד, קלייב נישט, נאָר טו אַ נעם די פלאַנץ וואָס קומט צוערשט אין מיינע הענט. צייל איבער די בלעטער — ביי ביידע זייטן זענען די בלעטער פיר אין צאָל. — גיי איך איבער דער לענג און ברייט פון פעלד ווי אַ שטאָלצער גענעראַל צווישן זיינע רעגימענטן: — איך האָב דאָס פאַרפלאַנצט!״.

כמעט אַזוי וואָלט אויך ראָבערט פראָסט גערעדט.

ראָבערט פראָסט איז אָבער פון אַ פאַרמער געוואָרן אַ דיכטער און נישט פאַרקערט. איז דערפאַר ראַבאַי אַזוי אַ פּאָר מאָל אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זיינע גוטבאַזיצער־אַמביציעס, ווי פון זיינע אַנדערע סוחרישע אונטערנעמונגען. איך בין יענע יאָרן געווען אַ פאַבריק־אַרבעטער. און נאָך ראַבאַיס געשעפטלעכע דורכפאַלן איז געווען מיין גורל אים אַריינצונעמען אין שאַפּ, אויסלערנען אים די אַרבעט („ווייער פריימס, באָקראָט פריימס״ — פאַסאָנען פאַר פרויען־היט). פון

איין מאָל אַנטרינען װערן ביז זיין צוריקקומען פון דאָס ניי אָן אָפּגעשמיסענער, פלעגט נעמען אַ יאָר און מער, פלעג איך אים פונדאָסניי דאַרפן אַרױפנעמען און פונדאָסניי דאַרפן לערנען די אַרבעט.

אין יענע יאָרן פלעג איך יעדן נייעם סעזאָן פונדאָסניי נעמען בױען די איצט־באַקאַנטע „מילינערי יוניאָן״. בלויז צוליב יוניאָן־אינטערעסן האָט מען דעמאָלט די אַרבעטער נישט געקענט צונױפרופן, פלעג איך איינאָרדענען אונטערהאַלטונגס־אָװנטן. אויף איינעם אַזאַ אָװנט האָט ראַבאַי פאָרגעלייענט זיינע אַ דערציילונג. נישט זיין פאָרלייענען און נישט זיין דערציילונג זענען געװען פון דער קוואַליטעט וואָס קען אונטערהאַלטן, כאָטש די דערציילונג איז פאַר זיך אַליין געװען זייער אַ גוטע. איך האָב דאָס אים געזאָגט, פונדעסטװעגן האָט זיך אים ביי אַ צװייטער געלעגנהייט װידער געװאָלט פאָרלייענען און דערביי האָט ער מיר געזאָגט:

— און פאַרװאָס טאַקע זאָלסטו אויך עפּעס נישט פאָרלייענען?...

⁂

ראַבאַי איז נישט געװען פון די שריפטשטעלער װאָס קענען אַרבעטן אויף זייערס אַ װערק נאָכדעם װי ער האָט דאָס שוין איינמאָל אָנגעשריבן און האָב איך אויף אים אַמאָל געװירקט אַז ער זאָל דאָס טון, איז די זאַך ממש צעבראָכן געװאָרן.

ביי דעם ערשטן זאַמלבוך „שריפטן״ איז ראַבאַי נישט געװען אין ניו־יאָרק. ער האָט זיך, דאַכט זיך, דעמאָלט געלערנט אַגריקולטור, אָדער גאָר געװען אַ פאַרמער ערגעץ װייט אין דער װעסט. עס איז זייער מעגלעך, אַז װען ער האָט דערזען דאָס ערשטע זאַמלבוך „שריפטן״, האָט דאָס צעדרייט אַלע זיינע פּלענער — װי אַזױ קען ער, אַ שריפטשטעלער, זיין אַ פאַרמער, װען אין ניו־יאָרק גיבן חברים אַרױס אַזױנע שיינע זאַמלביכער? האָט ער זיך באַװיזן אין ניו־יאָרק מיט אַ הויט נאָך טונקעלער װי פריִער, מיט אויגן װאָס האָבן געלויכטן װי זונען און מיט גאָר ברייטע פרייע שמייכלען איבער די ציין, דאָס זענען געװען שמייכלען און בליקן װאָס האָבן דערציילט פון דער פרייד פון גרויסע אָפענע פעלדער, פון פערדעס איבער װעלכע עס לױפן אַרום פריי און װילד, נישט־געצױמטע פערד. אַפילו די ליולקע אין זיינע ציין האָט, דאַכט זיך, געדערדט פון װאַלד און פעלד, פון האַק און שטיין און רידל און פון היימישע געװנדז װאָס הייבן זיך אויף און פליִען װי װילדע.

פאַרן צװייטן זאַמלבוך האָט ער מיר געגעבן זיין דערציילונג „דער לייכטטורעם״. און צװישן חברים אין איינעם פון די זונטיקס, אין מיין געדיכט אָנגערויכערט צימערל אויף װאַשינגטאָן־עװעניו (זיין ליולקע און לאַנדויס סיגאַרעטן פלעגן צושטעלן דעם גרעסטן טייל רויך) געזאָגט:

— „איך ווייס נישט. איך ווייס, אַז די בלעטער פון די זאַמלביכער שמעקן. די ווערטער שמעקן, אָט ווי די בלעטער פון אַ הויכן קאַשטאַן־בוים, ווי דער ריח פון פריש־געשניטענעם אַלפאַלפאַ־גראָז".

פלעגט ער נעמען אַ באַנד „שריפטן" און דאָס פאַנאַנדערעפענען אין זיינע הענט, פלעגן זיך ביי אים פון פריד אַפילו די נאָזלעכער פאַנאַנדערשפּרייטן:

— „עס שמעקן די בלעטער. אויף מיין וואָרט, זאָג איך!".

ביי ראַבאַיען פלעגט בכלל אַלץ וואָס איז אים געפעלן — שמעקן.

פאַרן דריטן זאַמלבוך האָט ער מיר אין אַ צייט אַרום צוגעזאָגט „אַ גאַנצן ראָמאַן" פון וועלכן: „אַי, ברודער, וועסטו הנאה האָבן! דו מיינסט אַז בלויז דו וועסט שרייבן ראָמאַנען? אָט וועסטו זען!".

מיר איז אָבער נאָכדעם אָנגעקומען גאַנץ שווער אַרויסצוקריגן אָט דעם צוגעזאָגטן ראָמאַן. „עס האָט זיך ביי מיר פאַרהאַקט" —האָט ער זיך געקלאָגט— „פאַרהאַקט און נישט פון אָרט. דו מוזט מיר געבן כאָטש נאָך עטלעכע וואָכן. עפּעס שטייט מיר דאָרט אין וועג און איך ווייס נישט וואָס. איך וועל דאָס אָבער קריגן. וואָרט נאָר צו נאָך אַ ביסל. דו וועסט זען, דו וועסט הנאה האָבן".

איך האָב נאָכדעם געוואַרט עטלעכע מאָנאַטן. ביי ראַבאַיען האָט זיך דאָרט אַלץ פון אָרט נישט גערירט. פרעגן ביי אים אין וואָס דער ענין באַשטייט, האָב איך זיך לאַנג געהיט, ווייל איך האָב געוווּסט פון פרי׳ערדיקע דערפאַרונגען, אַז פאַר ראַבאַיען איז בעסער אַז ער דערציילט נישט זיינס אַ ווערק איידער עס איז פאַרטיק.

איינמאָל האָב איך ביי זיך אָפּגעמאַכט און געזאָגט:

— ראַבאַי, גיב מיר דאָס וואָס דו האָסט דאָרט ביז איצט אָנגעשריבן. איך מוז זען וואָס דו האָסט דאָרט.

ווען איך האָב איבערגעלייענט דאָס אָנגעשריבענע בין איך געבליבן דערשטוינט: — דאָס איז געווען אַ פולשטענדיק גאַנץ ווערק, דאָס איז געווען „הער גאָלדנבאַרג".

עס האָט זיך נאָכדעם אַרויסגעוויזן אַזוי: ראַבאַי האָט געהאַט פאַרטראַכט אַ ווערק, וואָס האָט, לויט זיין מיינונג, זיך ערשט געדאַרפט אָנהייבן פון דעם אָרט ווי גאָלדנבאַרג בלייבט מיט פאַנאַנדערגעפירטע הענט שטיין אינמיטן צי־מער. און מיר איז נאָכדעם אָנגעקומען זייער שווער צו איבערצייגן ראַבאַיען, אַז דאָס וואָס ער האָט אָנגעשריבן, אַלס אַן אָנהייב צו אַ ווערק, איז באמת אַ גאַנץ ווערק און אַז זיין „פאַרהאַקן זיך" און נישט קענען זיך ווייטער רירן פון אָרט, נעמט זיך פון דעם וואָס זיין קינסטלערישער אינסטינקט האָט אים נישט געלאָזן שרייבן ווייטער. וואָרעם דער אינסטינקט, מער ווי דער שכל, האָט גע־ווּסט, אַז דאָס ווערק האָט זיך פאַרענדיקט. מען האָט בלויז געדאַרפט ענדערן דעם פרי׳ערדיקן נאָמען אויף דעם נאָמען: „הער גאָלדנבאַרג", כדי דאָס צו באַשטעטיקן.

ער האָט מיך אָנגעקוקט און מיר ווי נישט געגלייבט. ער האָט מיר עטלעכע מאָל געפּרוווט דערקלערן זיין אָריגינעלן פּלאַן. איך האָב אויף די אַלע דער־קלערונגען געהאַט איין ענטפער:

— די אינסטינקטן דיינע האָבן דיך דאָ אָפּגעהיט און זאָלן זיי זיין געבענטשט!

און דאָס ווערק איז נאָכדעם אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דריטן בוך „שריפטן" און האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם. האָט ראַבאַי נאָכדעם מיך איבערגעפרעגט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן

— ווי אַזוי פּאַרט האָסטו דאָס געוווּסט פון וואַנעט האָסטו דאָס אַלץ געוווּסט ?

***

אונדזער גרופּע איז געווען און געוואָרן אַ ליידנשאַפטלעכע אָפּאָזיציע קעגן דער טעגלעכער פּרעסע. די פּרעסע ווידער איז געווען אַזוי אויפגעבראַכט אויף אונדז, „די אינגלעך", „די יונגע", אַז דער צונאָמען „דעקאַדענטן" איז ביי איר געווען בלויז אַ מילדערער נאָמען פאַר משוגעים. אַנדערע אָבער האָבן טאַקע פּשוט גענוצט דעם צורוף „משוגעים". אונדזער שנאה איז פון דעם, פאַרשטייט זיך, נישט קלענער געוואָרן.

אַ ביישפּיל פון אונדזער באַציִונג צו דער טעגלעכער פּרעסע:

שלום אַש איז, אַלס נאָר וואָס געקומענער גאַסט קיין אַמעריקע, אַריינגע־קומען אין דעם דעמאָלטיקן באַוווּסטן „שלומס רעסטאָראַן". מאַני־לייב איז גראָד דעמאָלט געווען אין רעסטאָראַן און עמעצער האָט אַשן אָנגעוויזן אויף אים. אַש איז אַ צופרידענער און מיט אַן אויסגעשטערקטער האַנט צוגעקומען זיך באַקענען מיט מאַני־לייבן. מאַני־לייב איז אויפגעשפּרונגען קעגן אַשן און אויפן אָרט פון ענטפערן אויף דער באַגריסונג, האָט ער מיט פאַרביסנקייט אַריינגע־שריִען אַשן אין פּנים אַריין:

— איך גיב נישט מיין האַנט צו אַ „פאָרווערטס"־מיטאַרבעטער!

עס איז געוואָרן אַ שטיקל סקאַנדאַל. אַש האָט זיך אַ באַליידיקטער אַוועק־געזעצט ביי אַ טישל און געפּרוווט שמייכלען. האַלפּערן און נאָך אַ פּאָר אונדזע־ריקע וואָס האָבן זיך געפונען אין דעם אָרעמערן גודמאַנס און לעווינס קאַפע, זענען פון דעם געוואויר געוואָרן און זענען אַריינגעלאָפן אין רעסטאָראַן צו באַ־גרויסן מאַני־לייבן. ווען איך בין אָנגעקומען שפּעטער איז שוין אַש און מאַני־לייב נישט געווען און האַלפּערין האָט מיט זיין באַסאָווער שטימע און מיט פרייד פון אַ זיגער געקלונגען איבערן רעסטאָראַן:

— דאָס איז דער וועג! דאָס איז דער ריכטיקער וועג. — מען טאָר נישט געבן די האַנט קיין מענטשן וואָס אַרבעט אין דער טעגלעכער פּרעסע, מען טאָר נישט זיצן מיט זיי ביי איין טיש.

ווען אונדזער גרופּע האָט זיך אָבער מיט דער צייט איינגעזעסן, האָבן אַלע (איך בין געבליבן דער איינציקער נאָר) גענומען זוכן פאַר זיך אַן אָרט אין דער טעגלעכער פּרעסע. אייניקע האָבן דאָס געטון אויף אַ מער, אייניקע אויף אַ וויניקער באַהאַלטענעם אופן.

ראַבאַי האָט געגלייבט אַז איך קען אַלץ. אַפילו ווען אַ גרופּע אונדזעריקע זענען אונטער לאַנדויס פירונג איינמאָל אַריין אין אַ „באַולינג אלי" און איך האָב נאָך די ערשטע טעלעבע צוגן אין „ניין פּינס" גענומען פאַרלירן און ער געווינען, איז ראַבאַי געווען זיכער, אַז דאָס איז נישט דערפאַר וואָס ער האָט גענומען שפּילן בעסער, נאָר איבער דעם וואָס איך האָב אינמיטן גענומען שפּילן ערגער, כדי ער זאָל געווינען. און געזאָגט האָט ער מיר דאָס מיט דער גאַנצער ראַבאַיִשער ריינקייט.

און איינמאָל, נאָכדעם ווי מאַני לייב איז אַריין אין „פאָרווערטס", איז ראַבאַי צו מיר געקומען: אַזוי ווי ער האָט אַריינגעשיקט אַ פּאָר דערציילונגען אין „פאָרווערטס" און עס איז שוין אַ צייט און ער האָט קיין ענטפער נישט דערהאַלטן, זאָל איך זיך דערפאַר פאַרווענדן און רעדן מיט וועמען מען דאַרף. מיך וועלן זיי הערן און איך וועל אויספירן. — איז ער געווען זיכער.

— ראַבאַי — האָב איך זיך גענומען בעטן ביי אים — דיינע דערציילונגען האָבן צופיל טאַלאַנט און צו־וויניק פון דעם וואָס מען דאַרף האָבן פאַר די לייענער פון אַ טעגלעכער צייטונג. האָסטו דען געהאַט צו־וויניק האַרץ־עסעניש פון דיינע דורכגעפאַלענע פּוטערוואָרג־געשעפטן און פאַרמעריי־אונטערנעמונגען? וואָס זוכסטו זיך נייע צרות?

און צרות און ביטערע צרות זענען געווען פאַר אים די אָפּזאָגן וואָס ער האָט געקראָגן פון די פּאָר טעגלעכע צייטונגען. אַ פאַרשולדיקטער פלעגט ער דעמאָלט קומען צו מיר און מיט דער גאַנצער הערלעכקייט פון זיינע שיינע טיפע אויגן אַ קוק־טון אויף מיר און זאָגן:

— דו ביסט קליגער פון אונדז אַלע, איגנאַטאָוו.

נישט בעסער איז דאָס אים די ערשטע צייט געגאַנגען מיט דער „פרייהייט".

איידער די „פרייהייט" איז דערשינען, זענען צו מיר אין הויז געקומען שכנא עפּשטיין און קלמן מרמר: זיי גייען אַרויסגעבן אַ טעגלעכע צייטונג און זיי ווילן, אַז איך און די גרופּע, „די יונגע", זאָלן ווערן שטענדיקע מיטאַרבעטער.

מיר זענען דעמאָלט כמעט אַלע געווען סאָוועטיש־געשטימט. איך האָב אַפילו געקוקט אויף מיין בוך „דאָס פאַרבאָרגענע ליכט", וואָס איז געווען אָנ־געשריבן פאַר דער סאָוועטישער רעוואָלוציע, ווי אויף אַ פאָרויסזאָגונג פון אַ סאָוועטישער פאַנאַנדערטיילונג פון דער וועלט. אָבער איך האָב מיינע געסט, אין דער אָנוועזנהייט פון אַ פּאָר אַנדערע חברים, דערקלערט, אַז מיין מיינונג צו טאָג־צייטונגען האָט זיך נישט געענדערט און אַז איך ווייס איבערהויפּט נישט צי מיינע חברים וועלן מיך פאָלגן, נאָר אויב זיי זאָלן מיך פאָלגן, וועל איך זיי

געוויס ראַטן קעגן באַטייליקן זיך מיט דערציילונגען און לידער אין זייער צייטונג. ווייל ליטעראַטור און פּאַרטיי־ליטעראַטור זענען צוויי באַזונדערע זאַכן און פּאַרטיי־מענטשן דאַרפן פּאַרטיי־ליטעראַטור. און אַזוי ווייטער. קריגן זיך מיט אייך און אייער צייטונג וואָלט איך נאָך פאַרשטאַנען אָבער מיטאַרבעטן — דאָס נישט.

מיר האָבן וועגן דעם פאַרבראַכט אַ גאַנץ לאַנגן אָוונט און זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט נישט־געענדערטע מיינונגען.

אַ פּאָר מאָנאַטן שפּעטער קומט ראַבאַי אַרויף צו מיר אין האַיאַס. ער וויל וויסן אויף וואָסערע באַדינגונגען איך האָב אָפּגעמאַכט מיט דער „פרייהייט" פאַר זיין און האַלפּערינס מיטאַרבעטערשאַפט.

איך קוק אים אָן — ער קוקט אויף מיר צוריק און לייגט צו:

— מילא, דו האָסט אָפּגעמאַכט אָן אונדזער וויסן. איז אָפּגעמאַכט. מיר וועלן דיך, חלילה, נישט באַליידיקן, אָבער פונדעסטוועגן וויל איך וויסן אויף וועלכע באַדינגונגען?

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גלייך, נישט ווייט פון זיין הויז און אויך אויף אַנדערע פּלעצער, זענען אויסגעהאַנגען געוואָרן אַפישן וועגן דעם באַלדיקן דערשיינען פון דער „פרייהייט" און צווישן „שטענדיקע מיטאַרבעטער" זענען אָנגעגעבן לויטן אלף־בית — מיין נאָמען, האַלפּערינס און ראַבאַיס (דאָס אייגענע איז אויך אָנגעגעבן געוואָרן אין דעם ערשטן נומער פון דער צייטונג). עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַרויסגיין מיט אַ פּראָטעסט־בריוו אין דער פּרעסע, אָבער האַלפּערין און ער האָבן באַשלאָסן, אַז אויב איך האָב דערלויבט צו לאָזן נוצן זייערע נעמען, וואָלט דאָך אַזאַ פּראָטעסט־בריוו געמיינט אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג פאַר מיר. און עס איז דאָרט אין קאַפע־הויז באַשלאָסן געוואָרן, אַז זיי טאָרן אַזאַ זאַך נישט טון.

ווען ראַבאַי האָט זיך פון מיר דערוווסט דעם אמת וועגן דעם ענין, איז ער געוואָרן שטאַרק אויפגעבראַכט און ער האָט פאַרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן גלייך, אין דרייען, אַרויס מיט אַ פּראָטעסט־בריוו. איך האָב אים דערקלערט:

פּאַרטייען וואָס פילן, אַז זיי גייען ראַטעווען די וועלט, פילן, אַז זיי מעגן טון אַלץ. דאָס איז אָן אַנדער מאָראַל אַזאַ. און נאָך אַ זאַך: „פּראָטעסט פּובליסיטי" „קאָזאַק הניגזל פּובליסיטי". די מענטשן האָבן ביי זיך, ווייזט אויס, פריער אָפּגעמאַכט, אַז איך וועל נישט אַרויס מיט אַ פּראָטעסט קעגן זיי. און זיי האָבן זיך אין דעם אָפּגענאַרט. אָבער, איין זאַך, ראַבאַי, זיכער האָבן זיי מיר אָן איבעריק מאָל פאַרזיכערט, אַז ליטעראַטור דאַרף זיך היטן פאַר פּאַרטיי, און היט זיך ברודער! דאָ איז נאָך דאָ ציניזם אָן אויסגערעכנטער. זיי גלויבן, אַז מיר וועלן דערזען אונדזערע נעמען מיט גרויסע ווערטער אויף אַפישן אין די גאַסן,

זועט דאָס אונדז אַזוי געפעלן, אַז מיר וועלן זיך לאָזן כאַפּן. איז מיין מיינונג — פּראָטעסטיר נישט, נאָר גיב אויך קיין ווערק נישט.

ראַבאַי איז פון מיר אַוועק מיט דעם געדאַנק, אַז מען דאַרף פּראָטעסטירן. געענדיקט האָט זיך דאָס אָבער מיט דעם וואָס ער האָט געבראַכט אַ דערציילונג אין „פרייהייט״ און ווען מען האָט אים די ערשטע אָדער די צווייטע צוריקגעוויזן, איז ער צו מיר ווידער געקומען ווי ביי אַמאָליקע ענלעכע געלעגנהייטן און אַ בייזער און אַ פאַרשולדיקטער געקוקט אויף מיר מיט זיינע גרויסע ערלעכע אויגן און אָפּגעזאָגט זיין: דו ביסט קליגער פון אונדזער אַלעמען.

אַ פּאָר מאָל איז דאָס מיט אים אַזוי געשען אין דער „פרייהייט״. און איינמאָל, אין פּראָצעס פון איבערבעטן זיך פונדאַסניי, האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו, צי אַ דערקלערונג, און ער האָט זייער שטאַרק באַליידיקט ליעסינען. ליעסין האָט שטאַרק געהאַלטן פון ראַבאַיען און איז, אַלס רעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט״, געווען זייער גוט צו אים. די זידלדיקע באַליידיקונגען וואָס ער האָט געוואָרפן אויף ליעסינען האָבן אַרויסגערופן שאַרפע אַטאַקעס אויף ראַבאַיען.

ראַבאַי האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרטראָגן און איז איינמאָל געקומען צו מיר מיט טענות, פאַרוואָס איך נעם זיך נישט אָן פאַר אים. נאָר ווען איך האָב אים געפרעגט, צי גלייבט ער אַז אַ יונגער רב, אַפילו ווען ער זאָל האָבן אַ גערעכטן כעס אויף אַן עלטערן רב, צי וואָלט ער זיך דערוועגט צו נוצן אַזאַ לשון אין זיין וויכוח אין דער עפנטלעכקייט, ווי דו האָסט גענוצט אין דיין אַטאַקע אויף ליעסינען? פאַרוואָס זאָלסטו אויף דעם נישט קוקן ווי אויף אַ פאַרדינטער שטראָף? פאַרוואָס האָסטו זיך דערלויבט צו האַלטן זיך לגבי ליעסינען אין אַ נידעריקער מדרגה ווי עס וואָלט זיך געהאַלטן אַ יונגער רב לגבי אַן עלטערן?

— אָ, אַזוי זעסטו דאָס? איך האָב נישט געטראַכט וועגן דעם. איך בין זיך מודה.

בלויז אַ מענטש אַ ריינער, אַ גאַנצער, האָט אַזוי געקאָנט קוקן אויף מענטשן וואָס נישט נאָר האָט ער אים אָפּגעזאָגט הילף אין דער צייט פון אַ צרה, נאָר האָט אים נאָך באַשולדיקט.

איך וועל שטענדיק געדענקען אָט־דעם גוטן גרויסן אָפנעם בליק פון זיינע אויגן און אָט דעם טיפּישן ליכטיקן ראַבאַי־שמייכל וואָס האָט זיך ביים געזעגענען באַוויזן איבער זיינע ציין און באַלויכטן זיין קנאָכיק, טונקל־הויטיק פּנים.

***

ווי עס דאַרף אַ פויגל אַ נעסט, אַ חיה אַ נאָרע, אַזוי דאַרף, ווייזט אויס, אַ מענטש אַן אָרט פאַר זיך צווישן מענטשן. אונדזערע צייטונגען האָבן נישט געהאַט קיין אָרט פאַר אַזאַ שריפטשטעלער ווי ראַבאַי. ער האָט זיך אינגאַנצן

נישט אַריינגעפּאַסט אין זייערע נויטן און אין זייערע אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן אים אויך נישט געדאַרפט אַלס פּאַרלעזער פאַר זייערע קלובן. די „פרייהייט" האָט פאַר אים אַזאַ אָרט געמאַכט. האָט אים געגעבן אָנהאַלט און אָנלען אין אונ־דזער לעבן. די פּאַדערונגען וואָס אַט די געוווּנענע פּאָזיציע האָט אים געגעבן זענען ליידער געווען אַזוינע וואָס האָבן נישט געהאָלפן און האָבן ביז אַ גאָר גרויסער מאָס אָפּגעשוואַכט זיינע שאַפערישע כוחות. מיט דער צייט אָבער האָבן זיי זיך אויסגעלערנט צו האָבן דרך־ארץ פאַר אים, ווי ער איז אין זיין אמתן אמת. און ראַבאָי האָט אויפגעהערט מיינען אַז ער מוז דווקא שרייבן קלוגע, פלאַכע פּראָלעטאַרישקייטן. ווייל דער אמת איז דאָך, אַז עכטע שאַפערישקייט איז במילא רעוואָלוציאָנער, איז ממש דער קווינט־עסענץ פון פּראָלעטאַרישקייט.

ראַבאָי האָט געלעבט אַ שווער געמוטשעט לעבן. ער האָט זיך קיינמאָל אויף זיין אָרעמקייט נישט געקלאָגט. ער האָט, דאַכט זיך, גאָר נישט געוווּסט ווי אַזוי מען טוט דאָס. און דערצו איז ער דאָך בכלל געווען אַ שווייגער, אַ מענטש ביי וועמען עס האָבן מערסטנס גערעדט בלויז די אויגן און דער שמייכל וואָס האָט צעעפנט זיינע דיקע ליפּן און אַרויסגעוויזן מיט אַ ליכט אַ גוטס די ווייסקייט פון זיינע שטאַרקע ציין.

איינמאָל אין אַ נאָכמיטיק, לאַנג פאַר זיין אַריינטרעטן אין דער „פרייהייט", בין איך אַרויפגעקומען צו ראַבאָיען. ער און זיין געטרייע פרוי האָבן מיך מכבד געווען מיט אָנקוקן די צייכענונגען פון זייער זון און מיט אַ גלאָז טיי. און איך וואָלט געזאָגט — אויך מיט דער ריינקייט פון זייער הויז. ווען די דריי גלעזער טיי האָבן זיך באַוויזן אויפן טיש, האָט ראַבאָי אַרויסגעוויזן אַ גאָר גרויסע פרייד אויף זיין פּנים. איך האָב געקוקט אויף אים, געקוקט ווי עס צעשפּילט זיך זיין שמייכל איבער זיינע ציין. ווי עס צעשפּרייטן זיך אַזש זיינע נאָזלעכער פון פרייד. איך האָב געמיינט, אַז די שפּילנדיקע טיי־פאַרב אין די גלעזער רייצט אַזוי זיין אויג. ביז אַ געוויסן גראַד איז דאָס טאַקע געווען אמת אויך.

איך האָב געפרעגט:

— דיר געפעלט דאָס שפּילנדיקע טיי־קאָליר אין דעם נאָכמיטיקדיקן טאָג־ליכט?

— יאָ, יאָ — ענטפערט ער, נישט מיר, נאָר דער פרוי. — אַט דאָס איז אַ גלאָז טיי! ווי דאָס זעט אויס! ווי דאָס שמעקט!

און זיך ווענדנדיק צו מיר:

— דאָס איז אַ גלאָז טיי פאַר אַ גאַסט.

— וואָס מיינסטו? וואָס טוט מען אַזוינס מיט אַ גלאָז טיי פאַר אַ גאַסט? — האָב איך געפרעגט.

מען טוט? פאַר אַ גוטן גאַסט וואַרפט מען אַרויס די אַלטע טיי און מען שיט אַריין פרישע... און די גאַנצע הויז נעמט שמעקן מיט דעם ריח פון פרישן טיי...

„אָפּגעריסענע בלעטער"

צי קען איך, צי וועל איך ווען פאַרגעסן ראַבאָיס טעג פון גרויס אָרעמקייט, וואָס איז אַזוי בייז אונטערגעשטראָכן געוואָרן מיט זיין פרייד איבער אַ פרישער גלאָז טיי??!

יאָ, דאָס איז געווען פאַר זיין אַריינטרעטן אין דער „פרייהייט".

אַט אַזוי האָט דעמאָלט געלעבט דער מענטש וואָס האָט מיט אוממיטלבאַרער ריינקייט אָנגעשריבן ווערק, וואָס וויפל מען האָט שוין ביז איצט געזאָגט וועגן זיי, זענען זיי נאָך אַלץ אוצרות פאַרחתמעטע.

נאָר אַ מעשה מיט אַ באַרג איז ביי אונדז פאַראַן — דער באַרג פון גאָט. און דער וואָס האָט די ריינקייט פון אייזיק ראַבאָי, קלעטערט און וועט פאַר אונדזער אַלעמענס אויגן אַרויף אויף דעם באַרג.

פאַר דעם מאָרגנדיקן טאָג

(וועגן ראַבאָי, אויסצוגן פון אַן אַרטיקל אין „אויפן שוועל, מערץ 1944)

געוויס וועט קומען די צייט, ווען מען זיך נעמען איבערשאַצן אונדזערע היינטיקע ליטעראַרישע ווערטן. אונדזער נאָר־וואָס פאַרשטאָרבענער אייזיק ראַ־באָי וועט דעמאָלט קריגן זיין פאַרדינטן, זיין גרויסן ווערט.

פאַרטיי־געראַנגלען האָבן אַ טבע צו קומען און פאַרשווינדן. פאַרטיי־גע־ראַנגלענישן זענען אַ געצוווּנגענער מוז, אַ מוז וואָס עקזיסטירט בלויז אַזוי לאַנג ווי עס איז פאַראַן אַ געוויסע אָנגעזאַמלטע נויט. צייטן ענדערן זיך, פאַרטייען פון היינט ווערן פאַרביטן אויף נייע, ווי עס ווערן פאַרן קלעטערער פאַרביטן איין שטאַפּל פון לייטער אויף אַ צווייטן. שלעכט איז נאָר ווען דער קלעטערער פאַרגעסט די שטאַפּלען וואָס אונטער אים. ער פילט נאָר דעם שטאַפּל אויף וועלכן עס שטייען איצט זיינע פיס. ער ווייסט נאָר אַז עס איז אָט דער שטאַפּל וואָס האָט אויפגעהויבן העכער זיין קאָפּ.

אין דער צייט ווען פאַרטייען שלאָגן זיך, יעדע פאַרטיי פאַר דעם היינטיקן שטאַפּל פון דעם מענטשלעכן לייטער, איז דעם קינסטלער שווער ביז גאָר. דער קינסטלער איז דער וואָס מוז, לויט זיין באַרוף, זען דעם גאַנצן מענטשלעכן לייטער. אָט ווי ער שטייט פעסט אין דער ערד און גרייכט ביז צום הימל.

אין דער צייט ווען עס וועט קומען צום איבערשאַצן די ווערטן וועט אייזיק ראַבאָי אַרויסקומען אין זיין ריינסטן ליכט און וועט אַפילו פאַרשיינען שריפט־שטעלער פון זיין דור, וואָס האָבן ביי זיין לעבן אים פאַרשיינט. שטאָלצירן וועט מען מיט דער ריינקייט און מיט דער תמימות פון אייזיק ראַבאָי.

ראַבאָי איז געווען אַ חושימדיקער קינסטלער. — אַ מענטש גלעט אַמאָל זיין הויז־חיה, קושט זיין געליבטע, נישט ווייל דער שכל, נאָר ווייל די חושים זיינע באַוועגן אים דאָס צו טון. אַזוי איז געווען ראַבאָיס צוגאַנג צו מענטשן און צו חיות אַזוי האָבן זיינע גרויסע, פאַרטיפטע אויגן געקוקט אויף פלאַנצן און אויף ביימער, אויף ברייט און גרויס און רייך פאַנאַנדערגעוואָרפענע פעל־דער, מיט טייכן, מיט ים־ברעגן, מיט בערג און מיט וועלדער. ער פלעגט דערזען, דערשמעקן און ממש חושימדיק אַרומנעמען זיינעם אַ העלד. ווי חיות דער־

שמעקן דעם וועג צו זייער היים, אַזוי האָט ער געשפּירט דעם וועג און די וועגן צו און אַרום זיינע העלדן, אַזוי האָט זיך ביי אים געשאַפן די קאָנסטרוקציע פאַר זיינע ראָמאַנען און דערציילונגען. אונדזער ליטעראַטור וועט אים פאַר אָט דעם מעטאָד פון זיין שאַפן, האָבן גאָר פיל צו פאַרדאַנקען.

אָבער גראָד דערפאַר וואָס זיין שריפטשטעלערישע, קינסטלערישע עכט־קייט האָט זיך אַרויסגעוויזן אין זיין חושימדיקייט איז ער אַזוי ווייניק געווען צוגעפּאַסט צום באַטייליקן זיך אין אונדזערע איצטיקע פּאַרטיי־געראַנגלען. נאָך ווייניקער האָט זיין שרייבן געטויגט פאַר די לייענער פון אונדזערע טעגלעכע צייטונגען.

אַנדערע חברים אָבער האָבן זיך, ווער אויף אַ לענגערער, ווער אויף אַ קורצערער צייט, איינגעאָרדנט אין דער טעגלעכער פּרעסע און האָבן, אַזוי צו זאָגן, איינגעהאַנדלט רום און פּאָזיציע פאַר זיך. האָט זיך ראַבאָיען אויך פאַר־וואָלט אַ ביסל רום, אַ שטיקל פּאָזיציע צווישן ברייטן עולם. ער האָט געפילט, אַז עס קומט אים. ער האָט געפילט אַז ער איז עכט און עכטער פון אַ סך אַנדערע שריפטשטעלער. איז פאַרוואָס זאָל אים אָפּגעזאָגט ווערן פון דעם וואָס אַנדערע האָבן דערגרייכט?

ראַבאָי איז דערפאַר אַריין אין דער „פרייהייט", ווייל קיין אַנדער צייטונג וואָלט אים נישט גענומען, וואָרעם קיין צוציִער פון מאַסן־לייענער איז ער זיכער נישט געווען. דערצו האָט קיין אַנדער צייטונג נישט אַזוינע קלובן וועמעס מיט־גלידערשאַפט וועט אויף אַ באַפעל קומען אָפּגעבן כבוד און אויסהערן אַ פאַר־לעזונג פון אַזאַ שריפטשטעלער, אָבער שלעכטן פאַרלייענער ווי ראַבאָי.

ביטער איז געווען דער פּריז וואָס ראַבאָי האָט פאַר דעם געצאָלט, ווייל ער איז ווייניקער, ווי ווער עס איז אַנדערש, געווען צוגעפּאַסט צו דידאַקטיק, צו לאַווירן מיטן אינטעלעקט, צו באַנוצן זיך מיטן פּאַרטיי כלי־זיין. מפּיל־קינדער זענען פאַר אַ לאַנגער צייט געווען די ווערק וואָס ער האָט דאָרט געשריבן.

— —

דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, אויך געגעבן די אַנטי־קאָמוניסטן אַ באַרעכ־טיקטע געלעגנהייט צו נוצן ראַבאָיען ווי נאָך אַ שטיין אין דעם פּנים פון זייער שונא. ראַבאָיען איז אויך געוואָרן שווער צו באַגעגענען זיך מיט זיינע נאָענטסטע חברים.

— —

אָבער אָט, נאָך אַ צייט פון שטאַרקער דיסציפּלין זענען די פּאַרטיי־מענטשן געוואָרן נאָכגיביקער. — — — ראַבאָי האָט גענומען אָטעמען פרייער — — — דער מענטשלעכער לייטער וואָס שטייט מיט די פיס אָן דער ערד און גרייכט מיט זיין שפּיץ אין הימל, איז געוואָרן פריי פאַר דעם אויג פון דעם קינסטלער. ראַבאָי האָט זיך גענומען אָנלענען אויף זיינע חושים וואָס זענען אין זיך אַליין שטענדיק געווען אי זעעריש, אי קלוג. זיין עכטע קינסטלערישקייט האָט אַנדערש

געקומען שיינען און אויפשיינען פאַר זיין אייגענער פרייד און פאַר דער פרייד פון יעדן וועמען עס איז ליב דאָס יידישע וואָרט, אָבער גראַד דאָ זענען מיט אַמאָל קירצער געוואָרן די יאָרן. — — —

ראַבאַי איז געווען איינער פון די זיילן פון אונדזער גרופּע „די יונגע״, אַ גרופּע וואָס איז עפּעס אַזוי ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן און האָט זיך גענומען איבעראַקערן אונדזער ליטעראַטור־פעלד. אַ גרופּע, וואָס האָט ממש געאַנדערשט דעם פּנים פון אונדזער ליטעראַטור, וואָס האָט נאָך ביז איצט נישט געפונען איר אמתן אָפּשאַצער. און ווען איך דערזע וויפל פון אונדז, „די יונגע״ עס האָבן שוין פון זיך אָפּגעטרייסלט זייערע לייבער, פאַלט מיר, נישט ווילנדיק איין: אפשר דערפאַר גאָר דער נאָמען „די יונגע״, ווייל מיר שטאַרבן אויס אַזוי יונג?

דער ליבער און ריינער אייזיק ראַבאַי! געזונט, שלאַנק, טונקל־הויטיק ווי אַ טאָטער איז ער געווען און מיט אַזאַ שיינעם שמייכל איבער זיינע געזונטע ווייסע ציין. האָט זיך אָבער אין די לעצטע פאַר יאָר ביי אים דער רוקן־ביין פאַרעקשנט און אַלץ מערער גענומען בייגן אין אַ האַלבן רייף זיין שלאַנקן קערפּער, ווי עס בייגט זיך אַ פיילנבויגן פאַרן שיסן פון דער פייל. יאָרן זענען אַזוי געגאַנגען. אָט דער פאַרגלייך פון „אַ בויגן פאַרן שיסן פון דער פייל״ האָט מיר איין מאָל מיט שרעק צעעפנט דאָס מויל און איך האָב קעגן מיין ווילן אַ פרעג־געטון:

— וואָס איז דאָס, ראַבאַי, וואָס עס בייגט זיך ביי דיר אַלץ מער דיין קערפּער פון מאָל צו מאָל?

— סע גאָר נישט, איגנאַטאָוו. דער רוקן־ביין עפּעס. אָבער סע גאָרנישט. דאַרפסט זיך נישט שרעקן.

און אָט דער קערפּער איז צעבויגן און קליין געוואָרן, די פייל האָט אויסגע־שאָסן. און אַ גאַנצער, דער שטאַרקער און אוממיטלבאַרער קינסטלער וואָס איז געווען געוווינט צו וואָרפן ליכט פאַר אונדזערע אויגן, האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם צעקרימטן קערפּער. דער גאַנצער און ליכטיקער ראַבאַי האָט זיך אויסגעגלייכט, האָט זיך אַנטפלעקט פאַר אונדז אין זיין גאַנצער גרויס און וועט זיך נאָך ערשט האַלטן אין אַנטפלעקן פאַר אונדז און פאַר די וואָס קומען נאָך אונדז.

ראַבאַי, חבר ליבער!
ראַבאַי!
ראַבאַי!
אייזיק ראַבאַי!
יתגדל ויתקדש! — — —

אַ קאַפּיטל „יונגע"

(אין שייכות מיט עטלעכע יובילייען)

אין אַ צייט ווי די איצטיקע איז שווער צו טראַכטן. — דער געדאַנק שלאָגט זיך אָפּ אין דער ברוטאַלער טעמפּקייט. אין אַזאַ צייט איז שוין ביז גאָר שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי מענטשן גיבן זיך אָפּ מיט פּראַווען באַנקעטן, יובילייען און שמחות בכלל. מענטשן זענען איבערגעלאָדן מיט אומבאַהאָלפנקייט, און מער פון אַלע, מיר ייִדן. וויסטע בייזקייט און ביטערע פאַרניכטונג פאַרמעסט זיך צו פאַרטויבן אַלץ אין דיר. דיין נעכטיקער חלום און די חלומות פון אַלעמענס נעכטנס. חלומות פאַר בעסערע מאָרגנס ווערן אַזוי הילכיק פאַרשריגן, אַז דו קענסט מער דיין אייגן קול נישט דערהערן. אַ האַנט ציט זיך צו יעדנס האַלדז, גרייט צו וואָרגן — איז איצט אַ צייט פון פייערונגען?

אָבער איך דערמאָן זיך, — אַ פייער ווי ווילד און פאַרניכטנדיק עס זאָל נישט זיין, וואַרפט פונדעסטוועגן פאָרט ליכט און ליכטיקייט אַרום זיך, און ליכט איז שמחה אין זיך אַליין און רעגט און רופט צו שמחה.

איך דערמאָן זיך. — אַ טיראַן איז אין אַן אַוונט דורכגעפאָרן די שטאָט ביתר (בעטער). די גאַסן אין ביתר זענען נישט געווען ברייט גענוג פאַר דעם ווילדן געיעג פון זיין רייטוואָגן, און אַ וואָגנט האָט איבער דעם אַראָפּגעריסן אַ שטויב־ברעטל איבער אַ ראָד פון זיין רייטוואָגן.. איז דער טיראַן פון דעם אַריין אין אַזאַ ביטערן צאָרן, אַז ער האָט געהייסן אונטערצינדן און פאַרברענען די גאַנצע שטאָט אינאיינעם מיט אירע איינוווינער. די געשרייען פון די מענטשן אין דער ברענענדיקער שטאָט האָבן זיך געטראָגן צום האַרץ פון הימל. אָבער אינאיינעם מיט די געשרייען האָט זיך אויך געהויבן דאָס פייער אין דער נאַכט. און דאָס ליכט פון דעם פייער איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין די אַרומיקע שטעט האָט מען געגומען מיינען, אַז איבער אַ נס איז מיט אַמאָל געוואָרן טאָג, איבער אַ ליכט אַזאַ וואָס גייט אויף איבער ביתר, און מען האָט זיך גענומען פּראַווען שמחות, שטעלן חופּות און טאַנצן אין די גאַסן.

אפשר איז דאָס דער אייביקער ייִדישער גורל, אפשר איז דאָס דער אייבי־

קער מענטשלעכער גורל. — אַ סימבאָל פון פאַרצייטן אויפגעשטעלט פאַר צייטן און צייטן.

נו, געוויס — אַ ליכט גייט אויך אויף פון דעם איצטיקן וועלט־פייער און, ווי שווידערלעך דאָס זאָל נישט זיין, איז אָבער דאָ טרייסט אין ליכט. — ברוטאַלע צייטן, ברוטאַלע טרייסטונג.

***

פראַוועז מיר, הייסט דאָס, יובילייען: ראַלניק איז געוואָרן 60 יאָר; מאַני לייב איז געוואָרן 60, אייזלאַנד איז געוואָרן 60 יאָר. די אַלע דריי ווערן צוגע־שריבן צו „די יונגע”. וועל איך דאָ צו דער געלעגנהייט, איבערגעבן אַ פּאָר איינצלהייטן וועגן דעם געבורט פון דער גרופּע.

„די יוגנט”

אַרום דעם יאָר 1907 איז פון שלומס קאַפע און פון ב. סענטערס הויז אויף דזשעפערסאָן־סטריט דערשינען אַ קליין העפטל, דאַכט זיך בלויז אַ פּאָר און צוואַנציק זייטלעך. חיימאָוויטש איז געווען איינער פון די באַטייליקטע. ראַבאַי האָט דאָרט געהאַט זיין „די רויטע בלום”, אַ זאַך וואָס ער פלעגט ביי יעדער געלעגנהייטן אַרויסשטעלן אַלס באַווייז, אַז ער איז ביי אונדז פון די ערשטע מאָדערנע דערציילער. סענטער האָט געהאַט די איינשטעלעניש צו דערקלערן, אַז דאָס העפטל גייט ווערן אַ מאָנאַטלעכער זשורנאַל פאַר ליטעראַטור. דאָס העפטל האָט אַריינגעבראַכט אַ ביסל טומל אין שלומס קאַפע. יונגע שריפטשטע־לער מיט אַנגעגליטע אַמביציעס האָבן זיך גענומען קריגן מיט די עלטערע שריפטשטעלער, וואָס זענען אַנגעפאַלן אויף סענטערן מיט זיינע פאַר מיטאַר־בעטער. דער גוטער יואל ענטין איז געווען מיט די יונגע מענטשן, וואָס האָבן פאַרטיידיקט דאָס מאָגערע ביכעלע. ענטין איז געווען ווי אַ פּאַטער צו די יונגע אַספּיראַנטן. מיט אים איז אויך מיטגעגאַנגען דער אויפריכטיקער און אין יענער צייט גוט־באַקאַנטער בעלעטריסט — מ. שמואלזאָן. און אַזוי פאַרטיידיקנדיק סענ־טערן איז געבליבן, אַז סענטער זאָל איבערגעבן די רעדאַקציע ענטינען, שמואל־זאָנען, חיימאָוויטשן און ידידיה מרגליתן.

דאָס אַ ביסל פאַרשפּעטיקט צווייט ביכל, האָט געהאַט אַ שער־בלאַט, וואָס האָט איין אַ גאַר גרויסער מאָס כאַראַקטעריזירט דעם דעמאָלטיקן גייסטיקן צו־שטאַנד פון דער גרופּע. — אויףביידע זייטן פון דעם אינהאַלט־פאַרצייכעניש זענען געווען אויפגעצייכנט צוויי הילצערנע לייבן, וואָס מען האָט אַזוי ווי נאָר־וואָס אַרויסגעריסן פון אַן ארון־קודש. איבער די צוויי לייבן־קעפּ איז ווי אויף אַ פאַרצויגענעם דגל געווען די אויפשריפט: „די יוגנט”. און איבער דעם אויפ־שריפט זענען אויף ביידע זייטן פון דער שערבלאַט געזעסן צוויי מלאכים און

פאַרחלומט געשפּילט אויף פידלען צו די וואָלקנס און צו די שטערן, וואָס אי־בער זיי. די צייכענונג איז, דאַכט זיך, צונויפגעשטעלט געוואָרן פון זוני מאָוד און מיטשעל לאָעב מיט דער גוטהייסונג פון אַ טייל פון דער גרופּע. כאַראַק־טעריש פאַר יענער צייט (און צום טייל אויך גילטיק פאַר היינט) איז אויך דאָס פאַרוואָרט: „עס איז דער ווונטש פון די „יונגע" צו שאַפן פאַר דער שיינער יידישער ליטעראַטור פון אַמעריקע אַ זעלבסשטענדיקע היים. — — — צי וועט עס אונדז געלונגען? מיר וויסן עס נישט. מיר גלייבן אָבער אין אונדזערע כוחות. מיר גלייבן אויך אין דער וואָרהייט און קראַפט פון ערנסטער מי; מיר גלייבן אַז די פאַרבינדונג פון וואָרהייט און קראַפט און ערנסטער מי מוז פרי־ער אָדער שפּעטער דורכברעכן אַ וועג".

דער צווייטער נומער האָט פאַרנומען 32 פאַרגרעסערטע זייטן און האָט אַרויסגערופן נאָך גרעסערע געלעכטערס. אָט די געלעכטערס האָבן געבראַכט צו דעם, אַז ביים דריטן זאַמלביכל האָט זיך די רעדאַקציע דערפילט אָפּהענטיק און האָט זיך צעריסן. ענטין, וואָס האָט מיך דער ערשטער מקרב געווען און מיך אַריינגעפירט אין דער גרופּע אַלס אַ נייעם טאַלאַנט, און איז געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר, האָט זיך פונדעסטוועגן אָפּגעהאַלטן פון צו דרוקן מיין זאַך „די דערוואַכונג" אין דעם צווייטן ביכל און דאָס אָפּגעלייגט פאַר דעם דריטן און איבער די אָנפאַלן אינגאַנצן געגומען צעגערן. ידידיה מרגלית איז דאָ געוואָרן דער שטאַרקער מאַן. איך בין געשטאַנען מיט אים און מיר האָבן ביידע אַרויס־געגעבן דאָס דריטע זאַמלביכל „די יוגנט".

דער דריטער נומער „די יוגנט" האָט זיך געדרוקט אין דער דעמאָלטיקער ליפּשיץ־פּרעס. ווען דער נומער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט אונדז אויסגעפעלט געלט אויף צו באַצאָלן ליפּשיצן. מיר האָבן געהאַט צוגעגרייט אַ ליטעראַרישן אָוונט און קאָנצערט לכבוד דער דערשיינונג, אָבער ווי קומט מען צו דעם אָוונט אָן דעם נומער, צוליב וועלכן דער אָוונט איז אַראַנזשירט? האָט דער גוטער ליפּשיץ גענומען מיין וואָרט, אַז אויף מאָרגן נאָך דער אונטערנעמונג ברענג איך אים דאָס געלט. איך בין געווען געגרירט פון ליפּשיצס צוטרוי און ער — פון דעם וואָס איך בין שוין געקומען גרייט מיט אַ „פושקאַרד" אַליין צו שלעפן, אָדער, ריכטיקער — שטופן די ביכער. פאַרן אַוועקגיין האָב איך, אַ דאַנקבאַרער, גע־פונען פאַר נייטיק צו פאַרזיכערן דעם, מיר אַזוי נאָענט־געוואָרענעם גוטן ליפּ־שיץ, אַז — אַפילו ווען אונדזער ליטעראַרישער אָוונט זאָל חלילה נישט זיין קיין דערפאָלג, וועט ער סיי ווי סיי באַקומען דעם חוב.

— ווי אַזוי? — האָט ער געפרעגט מיט אַ פאַרדעכטיקן אָבער פאָרט פאַ־טערלעכן שמייכל.

— אַפילו ווען איך זאָל זיך צוליב דעם דאַרפן פאַרקויפן פאַר אַ קנעכט, האָב איך געענטפערט: — אַזאַ פריינדשאַפט ווי איר ווייזט אונדז איצט אַרויס, פאַרגעסט מען נישט.

עס איז געווען אַ קאַלטער ווינטיקער ווינטער־טאָג. דער פראָסט און דער ווינט האָבן געביסן דאָס פּנים און די הענט און אויפגעבלאָזן די עקן פון מיין ווינטער־ראָק, אָבער מיר איז געווען גוט און וואַרעם און גרינג צו שטופּן אַנט־קעגן ווינט און באַרג־אַרויף אויף קאַנאַל־סטריט דאָס שטופּוועגעלע מיט די אַנגעלייגטע פרישע „יוגנט"־פּעקלעך. איך האָב דערפילט — די מאַסן און די הייזער גייען מיר אַנטקעגן. איך האָב דערפילט, אַז אַ גאַר גרויסער טאָג איז דער היינטיקער טאָג. באַגייסטערונג, אַפילו אַזאַ וואָס קען אייך מאַכן זען ווי גאַסן און הייזער נעמען אייך גיין אַנטקעגן, האָט אָבער נישט געקענט באַוועגן די דעמאָלטיקע יידישע פּרעסע זאָל אייך נעמען גיין אַנטקעגן.

די פּרעסע האָט זיך, אגב, אויך געקוואָפּעט אויף די אומזיסטע „לידלעך" און „סקיצן" פון די יינגלעך. אמת, מיר זענען טאַקע „דעקאַדענטן", „אַריסטאָ־קראַטן", „טאַלאַנטלאָזיקייטן" און גלאַט „משוגעים", אָבער דערלאָזן, אַז די חברה זאָלן פאַר זיך שאַפן אַן אייגענע טריבונע הייסט דאָך פאַרלירן דאָס ביסל נוצן וואָס מען קען פון אונדז האָבן. — און דאָס דריטע ביכל „די יוגנט" איז באַ־געגנט געוואָרן מיט נאָך גרעסערע געלעכטערס.

„דער קיבעצער"

אָט די געלעכטערס האָבן געשאַפן אַ סך ביטערקייט צווישן אונדז, די אויס־געלאַכטע „יונגע". און אַפילו די, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געלעגנהייט אויסגעלאַכט צו ווערן, ווייל זיי זענען אין די „יוגנט"־העפטן נישט געווען פאַר־טראָטן, זענען געוואָרן די טרעגער פון אָט דער ביטערקייט. ביי זיי איז דאָס געווען אַ צווייפאַכיקע פאַרביטערונג. ביי אַ טייל פון דער געמישטער גרופּע האָט זיך אָט די ביטערקייט אויסגעדריקט אין לידער, פעליעטאָנען און פּאַ־ראָדיעס, וואָס זענען פריער אַרומגעגאַנגען בלויז צווישן די טישלעך פון שלומס און לעווינס קאַפעען און אויף די גאַסן פון איסט־בראָדוויי און דיוויזשן־סטריט. יוסף טונקל (שפּעטער „דער טונקעלער"), וועלכער איז נישט געווען פאַרטראָטן אין די „יוגנט"־העפטן, האָט אין אַ פּאַראָדיע אויסגעלאַכט סלאָנימס אַ ליד פון דעם צווייטן העפט „די יוגנט". אָט די פּאַראָדיע האָט געמאַכט אַ גאַר גרויסן רושם צווישן עולם און האָט כמעט געמאַכט ליטעראַרישע געשיכטע, — זי האָט פאַרשטאַרקט דעם חשק ביי אַנדערע צום איבערקרימען אַלץ און אַלעמען. מענטשן האָבן זיך גענומען קילן די הערצער דורך אַריינקיבעצן אונדזערע דעמאָלטיקע פירער און וואָרטזאָגער. און יוסף טונקל איז נישט נאָר געווען אַ טאַלאַנטפולער מענטש, נאָר אויך אַ מענטש מיט אונטערנעמונגס־גייסט, האָט ער אַרומגענומען אַרום זיך אַ טייל פון אונדזער גרופּע, צווישן זיי, יצחק רייז, (דעם נאָכדעמדיקן משה נאַדיר), ח. גוטמאַן (שפּעטער דער לעבעדיקער). זוני מאָוד און מיטשעל לאָעב האָבן זיך גענומען צייכענען קאַריקאַטורן פון די פירער און וואָרטזאָגער

און עס איז געבליבן עפּנטלעך צו אַטאַקירן די אַטאַקירער און אויסלאַכער. אַזוי איז דערשינען דער ערשטער נומער „דער קיבעצער". דער נומער האָט גע־האַט אַן אומדערוואַרטעטן דערפאָלג. ער איז צעכאַפּט געוואָרן און מען האָט אים גלייך געמוזט איבערדרוקן.

אוודאי זענען מיר אַלע, מן־הסתם, געווען צופרידן פון אַט דעם אַריינקי־בעצן. עס האָט דאָך געהייסן, אַז „די יונגע" האָבן דאָ דערלאַנגט מיט אַ גאַר שטאַרקער פויסט. אָבער עס זענען צווישן אונדז אויך געווען אַזוינע, וואָס זענען אויף דעם נישט איינגעגאַנגען מיטן גאַנצן האַרצן. די טענות זענען דאָ געווען: — עס פּירט נישט צו ליטעראַטור, עס ציט אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פון ליטע־ראַטור. עס פירט צום אונטערשלאַק פון זאַכן, עס איז אַ שפּאַן, וואָס קען פאַר־פירן אויף גאָר שלעכטע וועגן. און אַז חברה האָבן זיך שוין פאַנאַנדערגעפירט די הענט, האָט מען שוין פון צייט צו צייט פשוט געפּאַסקווילעוועט און אַמאָל אויך אויף אַן אייגענעם און גאָר נאָענטן מענטשן ווי עס איז געווען דער פאַל מיט אַ פּאַסקוויל פעליעטאָן אויף דוד פינסקי. — פינסקי פלעגט מקרב זיין די יונגע שריפטשטעלער וואָס האָבן זיך געריסן צום וואָרט און פלעגט זיי אויך אָפּט דרוקן אין וואָכנבלאַט „דער יידישער אַרבעטער" פון וועלכן ער איז געווען דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר. האָט ער אָבער אין דעם אייגענעם וואָכנבלאַט אָפּגע־דרוקט אַלעקסאַנדראָווס אַ ביז גאָר בייזע און אָפּלאַכנדיקע רעצענזיע אויף דעם דריטן ביכל „די יוגנט" פון וועלכן ידידיה מרגלית איז געווען דער רעדאַקטאָר. (איך בין דאָ בלויז געווען אַ מיטהעלפער). דאָס וואָס פינסקי האָט דאָ דערלויבט די רעצענזיע אין אַ צייט וואָס פון אים און זיין וואָכנבלאַט האָבן מיר דערוואַרט דערמוטיקונג, האָט אונדז באַזונדערס שווער געטראָפן. האָבן טענות צו פינסקין פאַר דעם האָט מען געמעגט, אָבער דער פּאַסקוויל־פעליעטאָן, געדרוקט אין „קיבעצער", אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען איז געווען אַ שאַרפע פּערזענלעכע באַליידיקונג און האָט קלאָר דערוויזן צו וואָס פאַר אַ דערנידערונגען דער מאַנטל פון קיבעצעריי קאָן פירן.

ידידיה מרגלית, דער קורצגעוויקסיקער, טונקל־הויטיקער, מיט די שאַרפע, לויערנדיקע אויגן וואָס האָט געהאַט גרויסע אַמביציעזע פּלענער, איז געווען מיין נייער חבר, וואָס מיט אים האָב איך דערוואַרט צו גיין אינאיינעם פאַר גרויסע אויפטואונגען. איבער אַ נישט־איינגעגעבענער ליבע, וועגן וועלכער ער האָט מיר אגב, קיינמאָל קיין וואָרט נישט געזאָגט (עס איז געווען, ווי ס'האָט זיך נאָכדעם אַרויסגעוויזן אַ באַהאַלטענער, אַ פאַרעקשנט אָפּגעהיטער סוד זיינער), האָט ער אין איין שיינעם טאָג גאָר אַן אַ זייגעזונט פאַרלאָזן אַמעריקע און איז ווי אין וואַסער אַריין.

איך בין ערשט נאָכדעם געוויר געוואָרן אַז דעם פּאַסקוויל־פעליעטאָן אויף פינסקין האָט געשריבן דער אייגענער מרגלית, וואָס איז, אגב, געווען אַ גאָר אָפּטער אַריינגייער צו די פינסקיס. איבער דעם איז דאָס מרגלית ביי זיך געווען

אַזוי זיכער, אַז דוד פּינסקי וועט דורך זיין „אַרבעטער־בלאַט" אים העלפן ראַ־טעווען דעם פּרעסטיזש פון דעם אויסגעלאַכטן העפט „יוגנט". צו דער פאַרבי־טערונג, וואָס מרגלית האָט געהאַט איבער זיין הילפלאָזער ליבע און צוליב נאָך אַנדערע פאַרביטערונגען, האָט אָט די אַלעקסאַנדראָוו־רעצענזיע און מרגליתעס נאָכדעמדיקער אומגליקלעכער פּעליעטאָן צוגעטראָגן גאָר נייעם ברען־מאַטער־יאַל, און דאָס האָט, ווייזט אויס, אונטערגעיאָגט זיין אַנטלויפן פון אַמעריקע. (די לעצטע פּאָר יאָר באַווייזט זיך פון צייט צו צייט מרגליתעס נאָמען צווישן די סאָוועטיש־יידישע שריפטשטעלער).

„ליטעראַטור"

אין אַ צייט אַרום — אין 1908־1909 — האָבן מיר געגרינדעט אַ פאַראיין „ליטעראַטור". אין דעם פאַראיין האָבן זיך גאָר גיך אָנגעשלאָסן אַ סך שרייבער־אָנפאַנגער. מיט אונדזער צאָל איז טומל און אונדזער פאַראיין „ליטעראַטור" ממש געוואָרן אַ באַוועגונג. אַ ליטעראַטור באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס. עס זע־נען צווישן אונדז געווען אַזוינע, וואָס האָבן זיך נאָכדעם אָפּגעזאָגט פון שריי־בעריי, ווי דער גוטער מיכל קאַפּלאַן, אָדער בלויז אָנגעהויבן און אויפגעהערט, ווי ש. פּאַקס (איצט ד"ר פּאַקס), און אַזוינע, וואָס זענען נאָכדעם געוואָרן צייטונגס־שרייבער, ווי יעקב קירשנבוים און אַפילו רעדאַקטאָרן, ווי ד"ר מאַרגאָשעס. עס זענען דאָ, פאַרשטייט זיך, אויך געווען „די קיבעצער", ווי אַ מין ספּעציעלע פראַקציע.

ווען עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ ביסל געלט (פון אַ פּאָר קאָנצערטן, וואָס מיר האָבן אַראַנזשירט אין 151 קלינטאָן סט.), איז געבליבן אַרויסצוגעבן אַ זאַמלבוך מיטן נאָמען „ליטעראַטור".

די „לאָגיק" איז געווען, אַז איך דאַרף, הייסט דאָס, זיין דער רעדאַקטאָר אָדער איינער פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע. איך אָבער האָב געגלויבט, אַז אַ רעדאַקטאָר דאַרף זיין „אַ ייִד מיט אַ באָרד". אַ באָרד אין דעם סימבאָלישן זינען. נאָך לאַנגען שפּאָרן זיך האָט מען אָנגענומען מיין פאָרשלאָג, אַז ענטין איז צווישן אונדז דער ייִד מיט דער „באָרד" און אַז ער און נאָך צוויי זאָלן זיין די רעדאַק־ציע. די אַנדערע צוויי זענען געווען חיימאָוויטש און סלאָנים.

איך האָב געגלייבט, אַז מיר האָבן דערווילט אַ זייער גוטע רעדאַקציע און אַז דאָס זאַמלבוך, וואָס וועט אַרויס, וועט שפּרודלען מיט נייקייט און מיט יוגנט און וועט „ממש איבעראַשן די וועלט". און אַז דורך דעם זאַמלבוך וועלן מיר זיך טאַקע אַ ביסל אָפּוואָשן פון דער „קיבעץ" און „קונדס" מגפה. איך האָב ביי חברים געשלעפּט און געקליבן דאָס בעסטע, וואָס זיי האָבן געהאַט, און האָב גע־טראָגן צו דער רעדאַקציע, צו ענטינען. מאַני לייבן האָב איך געהאַלטן און האַלט נאָך ביז איצט פאַר איינעם פון די שענסטע דיכטער, וואָס אונדזער ליטעראַטור

האָט ווען אַרויסגעגעבן, און די סעריע לידער זיינע, וואָס איך האָב זיי איבער־געגעבן האָט ממש ווי אַרויסגעזונגען פון מיין אייגן בלוט אַרויס, אַזוי ליב איז מיר געווען זיין יעדער וואָרט און יעדע שורה. איינמאָל אָבער קומט צו מיר סלאָנים, נעמט מיך אַרויס פון שלומס קאַפע, גייט מיט מיר אַריין אין העסטער־פּאַרק. — ער דאַרף מיט מיר עפּעס איבעררעדן. ווען מיר האָבן זיך אַוועק־געזעצט אויף אַ באַנק אין פּאַרק, האָט ער מיר פּאַרטרויט, אַז ער איז פּשוט דערשטוינט פון מאַני לייבס לידער. זיי האָבן דאַרטן זיך אָנגעלאַכט נעכטן אָוונט לייענענדיק מאַני לייבס לידער. ווי שרייבט דאָס אַ מענטש אָן אַזוינע זינלאָזע שורות, ווי:

טויבן־שטילע בלויע אָוונט־שטונדן,
שפּרייט מיין שטילן בלויען אָוונט־טרויס צעשפּרייטער
איצטער גלייען גלוטיקער און רויטער
מיינע רויטע רויזן, מיינע ווונדן.

סלאָנים איז אין אונדזער פּאָעזיע אפשר געווען דער ערשטער, וואָס האָט גענומען נוצן מאָדערנע אימאַזשן און ספּעציעלע נייע ריטמישקייט פון שורה און פּלוצימדיקייט פון בילד און וואָרט. און פּאַר יענע יאָרן זענען אַזוינע שורות ווי די אויבערשטע ממש געווען, און איבערהויפּט פּאַר סלאָנימען, געדאַרפט זיין, אַ פרייד און אַ דערמוטיקונג.

מיין איינגיין אויף סלאָנימען אַלס איינעם פון די רעדאַקטאָרן איז געווען געבויט אויף זיין מאָדערנעקייט. ער וועט, הייסט דאָס, העלפן פאַרזיכערן, אַז דאָס זאַמלבוך „ליטעראַטור“ זאָל אָטעמען מיט פרישקייט. און דאָ האָט סלאָנים נישט נאָר פאַרגעלייענט מיט ציניזשן געלעכטער די פּאָר שורות מאַני לייבס, נאָר ער האָט נאָך גענומען איבערלאַכן: — וואָס הייסט „טויבן־שטילע אָוונט־שטונדן“, און ווי אַז טויבן זענען נישט שטיל אין אָוונט? טויבן וואָרקען דאָך אין אָוונט איז ווי אַזוי זאָגט מען דאָס טויבן־שטילע? און וואָס הייסט דאָס: „שפּרייט צע־שפּרייטער?“ מען קען זאָגן „צעשפּרייט“, אָבער ווי אַזוי זאָגט מען צעשפּרייטער? און ווי אַזוי פאַרגלייכט דאָס אַ דיכטער רויטע רויזן מיט ווונדן? דאָס איז דאָך אַזוי אומעסטעטיש, דאָס איז מאָדערניזם? — אָט נעם דיין דערציילונג („אַ ווינ־טער־נאַכט“). זי איז מאָדערן, אָבער פול מיט טאַלאַנט. מען קען אפשר אויסזעצן אַ ביסל קעגן דעם סוף. אפשר דאַרפסטו אים גאָר אינגאַנצן נישט האָבן, אָדער אפשר ענדערן אַ ביסל, אָבער פאַרט פול מיט טאַלאַנט, מיט ריטם. אָבער דיין חבר מאַני לייבס לידער — דאָס איז דאָך לויטער געלעכטער. סלאָנים האָט דאָ אַזוי זעלבסטצופרידן און זיכער געלאַכט, אַז אַרגומענטירן מיט אים וואָלט גע־ווען אומזין. דערצו האָבן מיר אויך פּשוט געפעלט ווערטער, — דער כעס האָט מיך געשטיקט.

— ווו זענען מאַני לייבס לידער? — האָב איך אים קורץ געפרעגט.

— אַט האָסטו זיי דאָ אַלע — האָט סלאָנים לאַכנדיק און שמייכלענדיק מיר געזאָגט, מיר איבערגעבנדיק די לידער, און דערביי פּאַטערלעך, טרייסטנדיק צוגעלייגט:

— ער וועט נאָך אַמאָל אפשר ווערן אַ דיכטער, אָבער די לידער זאָל ער פאַרברענען. ווי אַ חבר זיינער דאַרפסטו זען, אַז ער זאָל זיי פאַרברענען.

איך בין מיט סלאָנימען נאָכדעם אַרויפגעגאַנגען צו ענטינען נאָך מיין דער־ציילונג, אונטער דעם תירוץ, אַז איך וויל דאָרט מאַכן אַן ענדערונג. אפשר דאַרף מען טאַקע אַראָפּוואַרפן דעם סוף. איך האָב געוווסט, אַז איך זאָג אַ ליגן, און האָב דערפאַר דערביי נישט געקאָנט קוקן ענטינען גלייך אין די אויגן אַריין.

ענטין האָט מיך נאָכדעם געזידלט, — אַז איך האָב ביי אים ביליק אויס־געגנאַרט מיין דערציילונג, און אַז איבער מיר זענען נאָכדעם אַלע געקומען און פאַנאַנדערגעשלעפּט זייערע מאַנוסקריפּטן, און אַז איך פיר דאָס אַ שטרייק קעגן דעם זאַמלבוך און ער האָט מיך אין זיין כעס אָנגערופן: פאַררעטער!

ענטין איז פאַר מיר פאַרט געווען דער ייד מיט דער באָרד, דער מענטש מיט באַדייטנדיקע פּאַרדינסטן, דער מענטש וואָס האָט דורך לעקציעס און אַמאָל אויך דורכן געדרוקטן וואָרט געוועקט ביי אונדז דאָס באַוווסטזיין פאַר דאָס נייע און מאָדערנע אין דער ליטעראַטור. איך, ווען מען האָט געהאַלטן פאַר אַ שגץ, האָב קעגן אים מיין קול נישט געקענט הייבן. און אויף דורכרעדן זיך מיט אים פון מענטש צו מענטש האָט מיר געשטערט מיין שעמעוודיקייט, און עס האָבן מיר געפעלט די נייטיקע ווערטער. — ווי לאַנג איז דאָס אַז איך פלעג הונגערן אַ טאָג כדי אָפּצושפּאָרן די עטלעכע סענט וואָס מען האָט געדאַרפט איינצאָלן אויף צו הערן ענטינס אַ לעקציע פאַר דער ידישער יוגנט וועגן דעם ווי אַזוי, פון די טעג פון שעקספּירן, ביז די טעג פון איבסען און מעטערלינג, האָבן די יונגע טאַלאַנטן געמוזט קעמפן מיט די אָפּגעשטאַנענע קריטיקער און וואָרט־פירער פון זייערע דורות. ענטין איז פאַר מיר געווען מיין רבי מורי אלופי ומודעי. און דאָ אַזוינע רייד פון ענטינען צו מיר... און פאַר וואָס?...

מיר איז פון דעם אַלעמען געוואָרן אַזוי גוט, אַז איך האָב געכאַפּט און בין אַנטלאָפן און האָב זיך פאַרדונגען פאַר אַ פאַרם־יונג צו אַ קריסטלעכן פאַרמער, ערגעץ אין די בערג פון ווערמאַנט.

ווען איך בין נאָכדעם געקומען צוריק, איז דאָס ערשטע זאַמלבוך „ליטע־ראַטור" שוין געווען אַרויס און אויפן אָרט פון זיין דאָס געהאָפּטע בוך, וואָס זאָל רעדן פון אַ נייעם יונגן אַמעריקאַנער ליטעראַטור־שטראָם אין ייִדיש, איז דאָס בוך געווען אָנגעפילט מיט משה קאַצס אַ לאַנגן אַרטיקל „גאָט זוכעניש און זיך גופא זוכעניש". ל. מאַיסייעווס אַן אַרבעט און עפּעס נאָך אַזוינע צעצויגענע אַרבעטן. און איבער אַלץ און ערגער פון אַלץ איז געווען אַ וואַסערדיקע, אַ שוידערלעכע פּוסטע סעריע לידער פון יצחק רייז. גאָט אין הימל! יצחק רייז, דעם קיבעצער האָט מען דאָ געלאָזט זיך אַזוי ברייט צעשפּרייטן, אין דעם זאַמל־

בוך „ליטעראַטור", וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו דערווייזן, אַז אָפּגעטיילט איז קיבעצעריי פון ליטעראַטור! און טאָמער איז דאָס נאָך קאַרג, זאָגט מען מיר אָן, גלייך ביי מיין אַריינקומען אין „שלומס קאַפע", אַז אויף דער פאַרזאַמלונג פון אונדזער פאַראיין „ליטעראַטור" פון דעם פאַריקן זונטיק איז יצחק רייז דערווײלט געוואָרן פאַרן רעדאַקטאָר פון צווייטן זאַמלבוך, אויפן אָרט פון ענ־טינען, וועלכער האָט רעזיגנירט. מיר איז פון דעם געוואָרן קאַלט אונטערן האַרצן און איך האָב קאַלט און זיכער אַרויסגערעדט: — „ער וועט נישט זיין רע־דאַקטאָר".

— וואָס הייסט ער וועט נישט זיין? מען האָט דאָך אים שוין דערוויילט.

— ער וועט נישט זיין!

— איך מיין, וואָס רעדט איר, איגנאַטאָוו?

— אָט דאָס וואָס איר הערט, — האָב איך שאַרף באַשטעטיקט.

אָט די מעשה האָט זיך גאָר שנעל פאַנאַנדערגעטראָגן צווישן אונדזער עולם.

משה־לייב האַלפּערן האָט געהאַט אַ גאַר באַזונדערן חוש פון אחריות. כאָטש גאָר ווייניק מענטשן האָבן וועגן דעם געוווסט, האָט ער מיך אַ טאָג שפּע־טער אָפּגעוואַרט אין רעסטאָראַן, אָנגעשטעלט אויף מיר זיינע גרויסע, בלויע אויגן:

— ס'איז אמת וואָס איך האָב געהערט?

— יאָ.

— אָבער איגנאַטאָוו, איר וועט דאָך אַזאַ זאַך נישט טון. דאָס איז דאָך אַ פאַרברעכן, ווי באַליידיקט מען אַזוי אַ מענטש?

— דעם פאַרברעכן און די באַליידיקונג זענט איר דאָ באַגאַנגען. — ווי דערלאָזט מען אַז אַ קיבעצער זאָל דערווײלט ווערן פאַר רעדאַקטאָר פון אַ זאַמלבוך „ליטעראַטור"?

— אָבער איגנאַטאָוו דאָס איז דאָך שוין אַן אָפּגעטאָענע זאַך. און דערצו זענט איר דאָך נישט געווען אין ניו־יאָרק (מיר פלעגן זיך דעמאָלט אַלע „אירצן" און די מערסטע פון אונדז — מאַני לייב, לייוויק, אָפּאַטאָשו, ראַלניק, אייזלאַנד און אַנדערע אירצן זיך נאָך ביז היינט), דערצו ווייסן מיר דאָך אַלע אייער מיינונג, אַז אַ רעדאַקטאָר דאַרף זיין אַ ייִד מיט „אַ באַרד". און איר זעט דאָך וואָס עס איז פון דעם אַרויסגעקומען.

— דאָס איז אמת, אָבער יצחק רייז טאָר נישט זיין דער רעדאַקטאָר.

— אָבער איר אַליין ווילט דאָך נישט.

— אַז מען וועט דאַרפן וועל איך וועלן.

— אָבער, איגנאַטאָוו, איך וויל, אַז איר זאָלט וויסן, איך האָב אַליין געזען אַז רייז האָט שוין אַוועקגעשיקט מעלדונגען און איינלאַדונגען קיין וואַרשע, קיין לעמבערג, קיין קראָקע. וואָסער אַ פּנים וועט ער האָבן. דאָס איז אַ שרעקלעכער

פּאַטש אין פּנים. מען טאָר דאָס נישט טון צו אַ חבר. — אַ פּאַטש אין יצחק רייזס פּנים — האָב איך געענטפערט, איז אַ פּאַטש אין פּנים פון איין מענטשן, לאָזן אים ווערן רעדאַקטאָר פון דעם זאַמלבוך „ליטעראַטור", איז אַ פּאַטש אין אונדזערע אַלעמענס פּנימער, און דאָס וועט נישט געשען.

האַלפּערן האָט דאָ מיט זיין פאַררופן זיך אויף יצחק רייזס מעלדונגען און איינלאַדונגען צו די אייראָפּעיִשע שריפטשטעלער באַנוצט אַ זייער שלעכטן אַרגומענט. ער האָט דאָ גאַנץ אומגערן צוגעגאָסן אויל פון דעם פייער פון מיין כעס.

— איך האָב זיך די גאַנצע צייט אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק, אַז מיר דאָ אין אַמעריקע מוזן זיך באַפרייען פון דער העגעמאָניע פון דער אייראָפּעיִשער יידישער ליטעראַטור. — זאָלן זיי דאָרט נעמען קוקן אויף אונדז און נישט מיר אויף זיי. און דאָ גאָר מיט אַמאָל איינלאַדונגען צו „זיי", „זיי", הייסט דאָס, זאָלן אונדז קומען העלפן באַשיינען אונדזער זאַמלבוך. דאָס גראָבט דאָך אונטער די גאַנצע ווירדע, דעם גאַנצן פאַרנעם. — נאָך דאָס האָט געפעלט!

האַלפּערן איז דאָ אַזוי ווי אַריינגעפאַלן צווישן צוויי פליכטן, — זיין פליכט צו זיין חבר יצחק רייז און זיין פליכט צו מיינע טענות.

— באַליידיקן אַ חבר אויף אַזאַ אופן, דאָס איז נישט ריטערלעך, אַפילו אויב איר זענט גערעכט טאָרט איר דאָס נישט טון, איגנאַטאָוו.

— האַלפּערן — האָב איך אים געענטפערט שאַרף — דעם זונטיק איז אַ פאַרזאַמלונג פון אונדזער פאַראיין. איר וועט דאָרט קענען שטימען קעגן מיר.

— ניין, איגנאַטאָוו, — האָט מיר אויף דעם געענטפערט דער גוטער ריטערלעכער האַלפּערן.

— שטימען קעגן אייך, דאָס נישט, נאָר איך וועל קעמפן קעגן דעם, אַז עס זאָל קומען צו אַ נייער אָפּשטימונג. דאָס טאָר נישט דערלאָזט ווערן. עס איז נישט עטיש. מען באַליידיקט נישט אַזוי אַ מענטשן. מען טאָר נישט.

שפּעטער אַ ביסל איז אַריינגעקומען יצחק רייז. שיין, גרויס און שלאַנק ווי ער איז געווען, איז אָבער זיין פּנים געווען ממש שוואַרץ פון אויפרעגונג. — ער וויל מיט מיר רעדן עפּעס פּריוואַט.

מיר זענען ביידע אַרויסגעגאַנגען פון שלומס קאַפע און זענען אַריין אין דעם שמאָלן קאָרידאָרל, וואָס האָט געפירט צו פּאַליס פאָטאָגראַפישער סטודיע איבער שלומס קאַפע.

— איגנאַטאָוו — האָט זיך רייז אָנגערופן אַן אויפגערעגטער, שטייענדיק האַרט קעגן מיר — איך האָב געהערט, אָבער איר וועט דאָך מיר נישט טון אַזאַ זאַך?! איך בין דאָך איינשטימיק דערוויילט געוואָרן. איך האָב שוין אַוועקגעשריבן קיין אייראָפּע. — זיין פּנים איז געוואָרן נאָך שוואַרצער. איך וועל קיינמאָל אָט די שוואַרצקייט פון זיין פּנים נישט פאַרגעסן. מיך אָבער האָט אַ ריס געטון אַ ווילדע ליידנשאַפט. איך האָב אויף אים אָנגעשטעלט נישט נאָר

מיינע אויגן, נאָר, דאַכט זיך, אויך די פינגער פון מיינע הענט, און האָב מיט אַ ברענענדיקער אָנגעצונדנקייט אין מיין קול אים געענטפערט:

— איר וועט נישט זיין דער רעדאַקטאָר פון דעם זאַמלבוך „ליטעראַטור", אַפילו ווען איך זאָל אייך צוליב דעם דאַרפן דערוואַרגן מיט די אייגענע הענט.

יאָ, אַ סך פאַנאַטיזם און גאָר אַ סך הייס בלוט איז אַריין אין דעם קאַמף און אין דעם אויפשטעל פון אונדזער גרופּע „די יונגע".

ביי דעם מיטינג בין איך געוואָרן דער פאָרזיצער. (מיר דאַכט זיך, אַז בלויז דערפאַר וואָס איך האָב זיך דערקלערט אַלס פאָרזיצער). איך האָב טאַקע גלייך דערקלערט, אַז דאָס איז אַן אויסערגעוויינלעכער מיטינג פון אונדזער פאַראיין און אַז דער טאָג־אָרדענונג איז — נייע וואַלן פון רעדאַקטאָרן פאַר דעם צווייטן זאַמלבוך „ליטעראַטור".

מ. ל. האַלפּערן איז דאַכט זיך געווען דער יינגסטער צווישן אונדז. פונדעסטוועגן האָט ער שוין אָבער געהאַט אַ פּאָר פּאַסן גרויע האָר אין זיין קאָפּ. ער איז געווען אייראָפּעישער פון אונדז, די האָר זענען ביי אים געווען גלאַט פאַרקאַמט, דער גאַרניטער — געפּרעסט, געוויקסיק, מיט גרויסע הענט, גרויסע בלויע אויגן, אַ רויט קלייענדיק פּנים מיט מילך־ווייסע ציין און פולע ליפּן. ער האָט זיך אויפגעהויבן ווי אַן אויפגעשפּרונגענער יונגער לייב, און האָט מיט אָפּגעהיטע, געמאָסטענע טריט גענומען מאַכן די בייטיקע פּאַרלאַמענטאַרישע איינווענדונגען וועגן דער אומגעזעצלעכקייט פון דעם מיטינג. און אַז דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָט ער גענומען דאָס וואָרט. זיינע ווייסע ציין וואָס האָבן שטענדיק געטיילט מיט זיינע שיין פאָרמירטע פולע ליפּן אַ האַרציקן גוטן האַלפּערן שמייכל, האָבן דעמאָלט נישט געשמייכלט. אַ טיפער ערנסט האָט דאָס נישט דערלאָזן. אַזוי האָב איך אַמאָל געזען דאַשינסקין רעדן פאַר די דעפּוטאַטן פון עסטרייכישן פּאַרלאַמענט. האַלפּערנס גרויסע פאַרקלייענטע הענט, וואָס האָבן שטענדיק עלעגאַנט אַקצענטירט זיין שיינעם שמייכל, האָבן דאָס מאָל געמאָסטן אַן אויפגערודערטן ערנסט. מיט איין האַנט האָט ער פון צייט צו צייט אָנגענומען דעם ברייטן לעדערנעם פּאַס, וואָס אַרום זיינע לענדן, מיט דער אַנדערער — פאַרריכט פון מאָל צו מאָל די ברילן אויף זיין נאָז. דאָס אַלץ האָט אַזוי ווי געדינט אויף נאָך מער אַרויסצוהייבן זיין געשטאַלט. ער האָט אָנגעהויבן פון דעם, אַז ער מוז דאָ אָפן דערקלערן, אַז אויב עס זאָל דאָ, חלילה, קומען צו אַ נייער אָפּשטימונג, וועט ער אַליין שטימען פאַר איגנאַטאָוון. אָבער מיר טאָרן נישט דערלאָזן צו קיין נייער אָפּשטימונג. אונדזער געפיל פון פּערזענלעכער חשיבות טאָר נישט דערלאָזן צו אַ נייער אָפּשטימונג. האָבן מיר דען נישט געשטימט די לעצטע וואָך? זענען מיר קינדער צי דערוואַקסענע מענטשן? דורך דעם, וואָס מיר וועלן באַליידיקן אַן אויסדערוויילטן חבר, וועלן מיר זיך אַליין באַליידיקן. און מיר ווילן דאָך אַריינברענגען חשיבות אין דער ליטעראַטור. מיר ווילן דאָך דערהייבן דאָס יידישע וואָרט, דעם יידישן מענטשן, דעם טרעגער פון אונדזער ליטעראַטור.

מיר דאַרפן זיין אַביישפּיל פון נאָבלקייט, פון ריטערלעכקייט, אויב מיר ווילן מאַכן דעם נייטיקן איינדרוק אויף דער וועלט אַרום אונדז. און אַזוי ווייטער און ווייטער. ער האָט דאָס אַלץ געמיינט מיט זיין גאַנצן ערנסט, אָבער אינגאַנצן שלום מיט זיך איז ער דאָ אָבער נישט געווען. עס איז געווען אַ דראַמאַטישע און, איך וואָלט געזאָגט, אַ טראַגישע נאָטע אין זיין רעדע, ווייל ער האָט זיך נישט געקענט צוריקהאַלטן פון באַטאָנען, אַז ער האָט דרך־ארץ פאַר איגנאַ־טאָווס מאַטיוו. און דאָס אינאיינעם מיט זיין דערקלערונג, אַז אויב עס זאָל קומען צו אַ נייער אָפּשטימונג, וועט ער אַליין שטימען פאַר איגנאַטאָוון, האָט געבראַכט צו דעם, אַז יצחק רייז איז כמעט געבליבן אינגאַנצן אָן שטימען.

אינאיינעם מיט מיר איז ביי דעם מיטינג אויך דערוויילט געוואָרן אין דער רעדאַקציע אונדזער ליבער י. י. שוואַרץ.

שוואַרץ און נאָך אַ פּאָר חברים האָבן גאָר שטאַרק געוואָלט, אַז מיר זאָלן אַרויפשטעלן אונדזערע ביידע נעמען אַלס רעדאַקטאָרן אויף דעם שער־בלאַט פון דעם צווייטן זאַמלבוך, ווי עס האָבן דאָס געטון די רעדאַקטאָרן פון דעם ערשטן זאַמלבוך. איך האָב אָבער אַלץ געפּילט, אַז אַ רעדאַקטאָר דאַרף זיין אַ מענטש מיט אַ באָרד. און עס איז געבליבן, אַז מיר באַנוגענען זיך בלויז מיט דעם וואָס אויף דער לעצטער ליידיקער זייט פון זאַמלבוך שרייבן מיר אויף: „דאָס איצטיקע זאַמלבוך דערשיינט אונטער אַ נייער רעדאַקציע".

פון דעמאָנסטראַציע־וועגן האָט זיך דאָס צווייטע זאַמלבוך „ליטעראַטור" אויפגעעפנט מיט מאַני לייבס צוריקגעוויזענער סעריע לידער (וואָס האָט, הייסט עס, געדאַרפט פאַרברענט ווערן) און דאָס ערשטע איז טאַקע געווען דאָס גאָר שטאַרק אויסגעלאַכטע ליד:

„טויבן־שטילע בלויע אָוונט־שטונדן".

אין דעם זאַמלבוך זענען צום ערשטן מאָל אַרויסגעפירט געוואָרן נייע שריפטשטעלער: יוסף אָפּאַטאָשו מיט אַ דערציילונג „אויף יענער זייט בריק", אברהם־משה דילאָן מיט זיינע ערשטע צוויי לידער, י. ל. כהן מיט זיין אַרטיקל וועגן יידישן פאָלקס־ליד.

כהן איז געווען אַ באַשיידענער, אַ באַהאַלטענער מענטש. ער האָט זיך אַזוי ווי געוואָלט באַהאַלטן פון זיך אַליין. דערצו איז ער פון פרי ביז שפּעט אין אָוונט געווען פאַרנומען אין זיין יוּוועליר געשעפט. בין איך אָבער געוווּיר גע־וואָרן, אַז נאָכמיטיק גייט ער אַרויף אין אַ צימער איבערן געשעפט צו כאַפּן אַ דרימל. האָב איך גענומען אויף זיך טאָג נאָך טאָג אים אויפוועקן פון דעם דרימל, ביז איך האָב אַרויסגעקראָגן פון אים די וויכטיקע אַרבעט, כאָטש אַ נישט גאָר אינגאַנצן אַ פאַרענדיקטע. אין דעם זאַמלבוך איז אויך אַריינגעגאַנגען אַ גוטע און גרעסערע סעריע לידער פון ב. לאַפּין. יוסף ראָלניק, וואָס וואָרט געדולדיק, שטיל און קלוג אָפּ זיין ליד, ווי עס וואָרט איינס פון זיינע לידער, געדולדיק אָפּ אַ פויער ביים ברעג טייך, אַ פלינקן העכט וועלכן ער כאַפּט אין

דער ריכטיקער מינוט אַרויס פון דעם קלאָרן וואַסער־שטראָם און פאַרקויפט אים נאָכדעם(אַ יִדן אויף שבת), (זע „דער אשך״), האָט אין דעם צווייטן זאַמל־בוך געהאַט זיין קלאַסיש ליד: „צום טיש, צום טיש, ווער גייט מיט מיר״. געווען דאָ, פאַרשטייט זיך, מיין „אַ ווינטער נאַכט״, אַן אַמעריקאַנער דערציילונג און נאָך צוויי דערציילונגען פון אַמעריקאַנער לעבן.

איבער מיין פאַרלאַנג אַרויסצוהייבן דאָס אַמעריקאַנישע אין אונדז האָב איך געלאָזט וויסן אַלע, וואָס האָבן געהאַט חשק אַריינגענומען צו ווערן אין זאַמלבוך, און ווער עס וועט געבן אַ זאַך אויף אַן אַמעריקאַנער טעמע, איז ביי־זעכציק פּראָצענט זיכער, אַז זיין זאַך ווערט אַריינגענומען. אָט די הנחה, אויף וויפל איך האָב זי געפּרוווט דורכפירן אין דעם זאַמלבוך, האָט נישט געטון קיין איבעריקע קינסטלערישע טובה דעם אַזוי גאַנץ שיינעם און וויכטיקן זאַמלבוך. דערביי בין איך נאָך געווען אַ צו שטרענגער רעדאַקטאָר. ב. באָטוויניק און הערמאַן גאָלד, למשל, וואָס זענען איינגעגאַנגען אויף מיינע פאַרלאַנגטע ענדע־רונגען, זענען נאָכדעם געבליבן זייער אומצופרידן.

די אמתע גרויסע אומצופרידנקייט האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן ביי דעם ערשטן מיטינג נאָכדעם ווי דאָס בוך איז דערשינען.

אין דעם זאַמלבוך זענען געווען פאַרטראָטן אַרום צוואַנציק שריפטשטע־לער. דער פאַריין „ליטעראַטור״ אָבער האָט געהאַט אַרום זיבעציק מיטגלידער. און ביי די נאָכדעמיקע מיטינגען האָבן כמעט אַלע נישט געדרוקטע מיטגלידער זיך געמאָלדן צום וואָרט. די קריטיק פון די נישט צופרידענע האָט אָנגענומען גאַנץ מאָדנע פאָרמען, און עס האָט אויסגעזען, אַז זי וועט זיך גאָר נישט אויס־שעפּן. האָב איך מיר אין איין שיינעם זונטיק באַשלאָסן — איך קום נישט מער צו די מיטינגען. און אַז איך בין נישט געקומען אַ פּאָר זונטיקן, האָט זיך דאָס גאַנצע שפּיל אָפּגעשטעלט. און אַזוי איז מיט דער צייט איינגאַנצן געוואָרן אויס פאַריין „ליטעראַטור״.

דאָס צווייטע זאַמלבוך איז פּונקט ווי דאָס ערשטע געבליבן נישט פאַר־קויפט. מיר האָבן נישט געהאַט וווּ צו האַלטן די ביכער, האָט מייזל, דער באַ־שיצער און אַפּהיטער פון דעם בעסערן יידישן בוך, איינגעוויליקט צו האַלטן די ביכער פאַר אונדז. איך בין גענייגט צו גלויבן, אַז פון די טויזנט עקזעמפּלאַרן וואָס מיר האָבן אָפּגעדרוקט פון יעדן פון די צוויי ביכער, דאַרפן זיך ביי אים נאָך ביז איצט געפינען אַן אַכט הונדערט עקזעמפּליאַרן.

„שריפטן״

נאָכדעם זענען אָפּגעלאָפן גאַנצע צוויי יאָר. די „פריינט״ פון אונדזער באַוועגונג האָבן פאַר דער צייט געקראָגן די פולע געלעגנהייט צו דערוויזן, אַז דאָס איז בכלל געווען אַ שטורעם אין אַ גלאָז וואַסער. און געווען אפילו אַזוינע,

וואָס האָבן געפונען פאַר נייטיק צו פאַרזיכערן, אַז מען זאָל חלילה נישט מיינען, אַז דאָס האָבן זיך אַזוי די יונגע חלילה אומיסטן צוריקגעצויגן פון שלאַכט־פעלד, כדי איבערשיכטן זייערע רייען אונטער דער ליניע, אָנזאַמלען נייע אַמוני־ציע, און נאָכדעם מיט פאַרשטאַרקטע כוחות אונטערנעמען אַ נייע אַטאַקע מיט בעסערע אויסזיכטן פאַר אַ זיג, אָ ניין. אַזאַ זאַך קען אפשר טרעפן ביי די אומות העולם אָבער נישט ביי אונדז, ביי אונדז איז דאָס געווען נישט מער ווי אַ נישטיקער פּרווו פון פּרעטענציעזע מענטשן, אַ געקלאַנג פון אַ פוסטער פּאָס בלויז. אונדז ייִדן איז, ווייזט אויס, בעסער נישט באַשערט. אאַ״וו.

מיר צווישן זיך האָבן אָבער גאָר נישט חושד געווען, אַז מיר זענען סטראַ־טעגן. די סטראַטעגיע אָבער האָט זיך צווישן אונדז געאַרבעט פון זיך אַליין. דאָס זענען געווען צוויי יאָר פון דרויסנדיקן שטילשטאַנד און טיפער אינעווייניקסטער פאַרביטערונג, אָבער אויך יאָרן פון אָפּקלייב און צוגרייטונג. און אַזוי האָב איך מיר אין איין פרימאָרגן צעעפנט מיינע אויגן אויף דעם בעטל אין מיין צימערל אויף וואַשינגטאָן עוועניו, און גלייך מיט דעם צעעפענען די אויגן כמעט ווי דערהערט: — זאַמלביכער. מיר גיבן אַרויס זאַמלביכער. איך האָב דערזען, אַז אַ באַשלוס האָט זיך דאָ באַשלאָסן, אָט אַזוי ווי כמעט גאָר אָן מיין וויסן, און אַז דאָס איז אַ באַשלוס וואָס מוז דורכגעפירט ווערן. עס מוז. און געטון מוז דאָס ווערן אָן אַן אָפיציעלן פאַריין און די מיטאַרבעטער דאַרפן זיין בלויז אַ פּאָר. דער פאַרשריִענער, פאַרלאַכטער זאַמלבוך „ליטעראַטור״ האָט געהאַט אַרום זיך צופיל מענטשן. מען דאַרף דעם ענין „יונגע״ רעוויטאַליזירן, רעהאַביליטירן, און טון דאָס דאַרף מען מיט צונויפנעמען נאָר אַ פּאָר געציילטע מענטשן. און איך האָב שוין ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז דאָס ערשטע זאַמלבוך דאַרף באַשטיין פון בלויז פיר מענטשן און ווער עס זאָלן זיין די ערשטע פיר.

אַלע דערשטיקטע חלומות וועגן אַ נייער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס וועט אויפשטיין פאַר אונדז און וועט זיך ווי אַ ליכטיקער שטראָם אַריינטראָגן אין דער וועלט־ליטעראַטור, האָבן זיך פאַר מיר פאַנאַנדערגעשפּילט. און אַזוי בין איך נאָך דעם פרימאָרגן אַריינגעפאַלן צו מאַני לייבן וואָס האָט געוווינט ווייט פון מיר, ערגעץ אין ברוקלין:

— מאַני לייב. מיר גיבן אַרויס זאַמלביכער!

— נו! איגנאַטאָוו!... ווען? — האָט מאַני לייב אַ דערשטוינטער אויסגע־שריִען און געפרעגט: — און ווען רופט איר אַ מיטינג.

— קיינע מיטינגען — האָב איך אַנטשלאָסן געענטפערט.

— אַזוי גאָר? איגנאַטאָוו!... אינגאַנצן אָן מיטינגען?... און ווי וועלן זיי הייסן? „ליטעראַטור״?

— ווי זיי וועלן הייסן ווייס איך דערווייל נישט, אָבער זיכער איז, אַז נישט „ליטעראַטור״. עס וועט זיין גענוג צייט צו טראַכטן וועגן נאָמען. זענט איר שוין פאַרטיק מיט דער דריטער באַלאַדע?...

איך האָב זיך אין יענע יאָרן אַרומגעטראָגן מיט מאַנונגען, אַז אונדזערע דיכטער דאַרפֿן זיך נעמען שרייבן גרעסערע (לענגערע) ווערק. מיר האָט זיך געוואָלט זען אין יידיש אַ ראָמאַן אין פּערזן, ווי „יעווגעני אָנעגין", אַ היסטאָריש ווערק ווי „מאַזעפּאַ", „באָריס גאָדונאָוו", אָדער אַ ווערק ווי „גאָריע אָט אומאַ". מיט מאַני לייבן האָב איך דאָס בלויז געבראַכט צו דעם, אַז ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אַ ראָמאַן פֿון אַ יידישער שאַפּ־מיידל, אָבער ער איז געבליבן בלויז ביים אָנהייב. מער דערפֿאָלג האָב איך געהאַט מיט אים, ווען איך האָב געצויגן זיין אויפֿמערקזאַמקייט צו באַלאַדן און פֿאָלקס־מעשיות. איך אַליין האָב דעמאָלט געאַרבעט אויף אַ סעריע מעשיות, וואָס אַ באָבע דערציילט קינדער, וואָס זיצן אַרום איר ביי דעם פֿייער פֿון דער הרובע, אויסוועבנדיק פֿאַר זיי איר לעבן דורך פֿאָלקסטימלעכע מנהגים און גלויבונגען, לויט דעם שטייגן און פֿאַלן פֿון דעם פֿייער אין דער הרובע. אָט דער פֿאַל האָט מיר דאָ גאָר שטאַרק אַרויסגעהאָלפֿן. איך האָב דאָ, ווייזט אויס, אָנגעשלאָגן אַ גאָר נאָענטן טאָן אין מאַני לייבן, און ער האָט זיך גענומען שרייבן זיינע באַרימטע „בלימעלעך קרענצעלעך", דאָס האָבן געדאַרפֿט זיין דריי באַלאַדן. מאַני לייב האָט נאָך אַ היפּש ביסל קריגן זיך מיט מיר פֿאַרוואָס איך מאָן אַזוי שטאַרק, אָנגעשריבן בלויז צוויי באַלאַדן און אַ טייל פֿון דער דריטער. מיר פֿלעגט ווערן ליכטיק אין די אויגן פֿון יעדער נייער שורה, יעדן בילד, יעדן געפֿיל און יעדן ניואַנס פֿון געפֿיל. ריטם איז דאָ געוואָרן פּלאַסטיק; קלאַנג פֿון וואָרט איז דאָ געוואָרן ווי דער אָטעם, ווי די מוזיק פֿון בילד און געפֿיל. מיר איז אויסגעקומען, אַז איך זע פֿאַר זיך ממש דאָס כישופֿדיקע אויפֿגיין פֿון פֿאָלקסטימלעכקייט, וואָס איז אין ריינקייט געלעגן באַהאַלטן דורך דורות און האָט איצט גענומען מעשהדיק זינגען פֿון פֿרייד, פֿון שיקזאַל און פֿון טרויער און מיט אַ גוטן געזונטן, שפּילעוודיקן שמייכל איבער אַלץ.

די לעצטע פֿון די דריי באַלאַדן האָט נאָך פֿאַרשפּראָכן צו זיין די ווּיכטיקסטע. ווי נאָר אָבער איך האָב דאָ מאַני לייבן אַ פֿרעג געטון צי ער איז שוין פֿאַרטיק מיט אָט דער דריטער באַלאַדע, האָט מאַני לייב, כדי אויסצומיידן זיין ענטפֿער, מיך אַ פֿרעג געטון:

— און זישאַ לאַנדוי ווייסט שוין פֿון די פֿאַרטראַכטע זאַמלביכער?...

— ניין, מאַני לייב, איר זענט דער ערשטער, וואָס הערט דאָס פֿון מיר. לאַנדוי וועט זיין דער צווייטער דאָס צו הערן, אָבער דאָס וועט ערשט זיין פֿאַרנאַכט. ער אַרבעט איצט, פֿאַרבט איצט ערגעץ די סטעליעס פֿון אַ הויז אָדער קלעפּט שפּאַלירן אויף די ווענט.

— ער איז אַ גרויסער דיכטער, לאַנדוי.

***

מיט דער גאַנצער טומלדיקייט פון דער באַוועגונג פון און אַרום אונדז פאַר די עטלעכע יאָר, האָבן מיר קיין לעזער נישט געהאַט, כאָטש צו אונדזער אַ ליטעראַרישן אוונט פלעגט קומען אַ גאַנץ גרויסער עולם, וואָס פלעגט אויפנעמען מיט וואַרעמע אַפּלאָדיסמענטן יעדן פון די אויפטרעטנדיקע שריפטשטעלער. עס זענען אויף דעם געווען פאַרשידענע דערקלערונגען. עס האָט געהייסן, אַז איינטריט איז בלויז 10 סענט און אַ זאַמלבוך איז 25 סענט. עס האָט אָבער אויך געקענט הייסן, אַז אָנקוקן שרייבער און אפילו הערן זיי, איז אַ סך גרינגער ווי לייענען שרייבער.

איך האָב געהאַט באַשלאָסן, אַז די נייע זאַמלביכער זאָלן הייסן „שריפטן". דער נאָמען, ווי יעדער נייער נאָמען, איז קיינעם נישט געפעלן געוואָרן. אפילו יצחק רייז, וואָס האָט געטראָגן אין זיך אַן איינגעבראָטענעם ברוגז אויף מיר, האָט מיר פאַרט געוואָלט אַרויסהעלפן און מיך אַ פּאָר מאָל אָנגעכאַפּט און איז מיר נאָכגעגאַנגען אין גאַס און געטענהט: וואָס הייסט „שריפטן"? מען זאָגט פּרצעס שריפטן, מענדעלעס שריפטן, שלום עליכמס שריפטן, קאָברינס שריפטן. אָבער אַ זאַמלבוך קען נישט הייסן „שריפטן". אַ זאַמלבוך דאַרף האָבן אַ נאָמען און „שריפטן" איז קיין נאָמען נישט. און ער פלעגט מיט אַן אָפּלאַכנדיקן טאָן צולייגן? — ווייסטו וואָס (ער פלעגט מיך נישט אירצן), רוף דאָס גאָר — מאַנוסקריפּטן.

אונדזער גוטער מאַקס נ. מייזל, צו וועמען איך האָב זיך געווענדט, אַז ער זאָל אָפּקויפן דאָס זאַמלבוך „שריפטן" נאָך אידער עס דערשיינט, האָט ער מיר אויך דערקלערט, אַז „שריפטן" פאַר אַ זאַמלבוך איז נישט קיין נאָמען, און ווען ער האָט דערהערט, אַז דער פּרייז פון דעם זאַמלבוך וועט זיין 60 סענט, האָט ער מיך אָנגעקוקט און געזאָגט: — איך ווייס, מען זאָגט אויף אייער שרייבן, אַז דאָס איז משוגע. מילא דאָס ווייס איך נישט. אפשר איז דאָס טאַלאַנט. אָבער 60 סענט פאַר אַ זאַמלבוך פון נישט באַקאַנטע שריפטשטעלער, דאָס איז משוגעת — דאָס ווייס איך. קינד איינס! מען האָט דאָך אייערע פריערדיקע זאַמלביכער „ליטעראַטור", וואָס זענען בלויז געווען 25 סענט, נישט געקענט פאַרקויפן!

— איך גיי דאָס זאַמלבוך אָבער דרוקן בלויז אין דריי הונדערט עקזעמפּלאַרן.

— דאָס איז אויך משוגעת. אויב אַזוי, צוליב וואָס דאָס אינגאַנצן דרוקן? איז נישט בעסער דרוקן מער און שטעלן דעם פּרייז ביליקער? איר דאַרפט דאָך זען צוציִען דעם לעזער.

איך האָב באַשלאָסן, אַז קיין לעזער זענען דערווייל נישטאָ. אַז די זאַמלביכער גייען אַרויס איבער אַן אינעווייניקסטער נויט און נישט איבער אַ דרויסנדיקער פאָדערונג און אַז דאָס דאַרף מען אָפּן אונטערשטרייכן. עס איז נייטיק קלאָר מאַכן אָט דעם ענין. איך האָב אויף דער לעצטער זייט פון זאַמלבוך אָנגעשריבן אַ דערקלערונג: „דאָס איצטיקע בוך שריפטן דערשיינט אין אַ

זייער באַגרענעצטער צאָל. דאָס, פאַרשטייט זיך, וועט אַן איבעריקן מאָל געבן די מעגלעכקייט אונדז צו „זידלען", אַז מיר זענען דאָך גאָר אַריסטאָקראַטן, אַז מיר האָבן דאָך גאָר נישט ליב דעם לעזער. נאָר דאָס איצטיקע בוך דערשיינט אין אַזאַ באַגרענעצטער צאָל ווייל דאָס האָבן מיר געלערנט פונעם פאַרקויף פון די פריִערדיקע זאַמלביכער".

גלייך נאָך דעם דערשיינען פון דעם זאַמלבוך בין איך אין דער „צוקונפט" גאָר באַזונדערס אויסגעלאַכט געוואָרן. ערשטנס, האָט מיין דערציילונג אין דעם באַנד געהאַט צופיל מאָל דאָס וואָרט „און", און צווייטנס — ווי גייט מען דאָס אַרויס און מען דערקלערט פאַר דער עפנטלעכקייט אַז מען האָט קיין לעזער נישט? איז דאָס נישט טפשות? און געטון האָט דאָס נישט קיין אַנדערער ווי מיין נאָכדעמדיקער, לאַנג־יאָריקער ליבער חבר — ברוך וולאַדעק.

דאָס בוך האָט זיך גראָד געצומען פאַרקויפן זייער גוט. כאָטש דער פּרייז איז געהעכערט געוואָרן צו אַ גאַנצן דאָלער. עס האָבן זיך געפונען מענטשן וואָס האָבן געצומען טראַכטן: — אַ דאָלער פאַר אַ בוך אין יידיש — דאָס מיינט מען זיי... אַזאַ איינדרוק האָט דאָס געמאַכט. און עס איז נאָכדעם אַרויסגעלאָזן געוואָרן די „ספּעציעלע אויפלאַגע" פון נאָך 200 עקזעמפּלאַרן.

**
*

מ. ל. האַלפּערן איז אין דעם ערשטן באַנד „שריפטן" נישט אַריין, ווייל איך האָב ביי מיר אָפּגעמאַכט, אַז אין דעם ערשטן באַנד גייען אַריין בלויז די, וואָס האָבן זיך די גאַנצע צייט פון דעם אַזויגערופענעם שטילשטאַנד, נישט געדרוקט, צי דערפאַר וואָס מען האָט זיי אינערגעץ נישט געוואָלט, אָדער דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך נישט געוואָלט דרוקן, און פאַר נייע טאַלאַנטן. האַלפּערן האָט זיך אָבער פאַר דער צייט יאָ געדרוקט פון צייט צו צייט. (האַלפּערן איז פאַר דעם אויף מיר קיינמאָל נישט געווען אין כעס. ער איז, ווי איך האָב שוין פריִער געזאָגט, געווען אַ מענטש מיט אַ גרעסערן געפיל פון אחריות, כאָטש נישט אַלע האָבן געוווסט אַז ער האָט דאָס).

**
*

אייזלאַנד איז געווען אַ גאָר שטילער, ווילער מענטש. ער פלעגט קומען אויף אונדזערע פאַרזאַמלונגען. פלעגט זיך מיט אונדז טרעפן ביי די קלינגס אין הויז און אויפן בערגל אין קלערמאָנט פּאַרק, אָדער, אין די זונטיקס, ביי מיר אין צימער אויף וואַשינגטאָן עוועניו, וואָס ער פלעגט אָנרופן זיין חסידים־שטיבל. מיר איז אָבער גאָר נישט איינגעפאַלן אים צו פאַרעכענען צווישן די „יונגע". די פאַר לידער, וואָס ער האָט געהאַט אָפּגעדרוקט (דאַכט זיך אין ציוניסטישן וואָכנבלאַט „דאָס פאָלק"), זענען געווען בלאַס, פלאַך, כאָטש מיט גוטע

כוונות, נאָר אָטמלאָז. אַז ער האָט גאָר פּרעטענזיעס צו וועלן געדרוקט ווערן אין די זאַמלביכער „שריפטן", דערצו נאָך אין ערשטן באַנד, איז פּאַר מיר געווען גאַנץ אומדערוואַרט און איך האָב פון דעם נישט געוואָלט הערן. איז געקומען אַ צופאַל און אים אַרויסגעהאָלפן: — מיר האָט זיך געוואָלט האָבן אַן אָפּהאַנדלונג וועגן „די יונגע". צווישן אונדז אָבער זענען אין יענער צייט קיינע פּובליציסטן נישט געווען. און איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז וועגן ליטעראַטור (אין דעם פאַל — „די יונגע") מעג ביי אונדז שרייבן אַפילו אַ פּרעמדער, אויב נאָר ער וועט וועגן אונדז שרייבן וואָס מען דאַרף. איך האָב געגומען אַרומלויפן און זוכן קריטיקער צווישן די עלטערע שריפטשטעלער. אָבער קיינער פון זיי, אַפילו די וואָס האָבן מיר אויף האַלב צוגעזאָגט, האָבן דאָס נישט געוואָלט טון. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיין גלויבן אין „די יונגע" האָט געהאַט אַ גוטע ווירקונג בלויז אויף די יונגע שריפטשטעלער. די עלטערע האָבן פּשוט מורא געהאַט דיסקרעדיטירט צו ווערן, אויב זיי וועלן נעמען שרייבן וועגן אונדז ווי וועגן „אמתע" שרייבער. אַ פּאָר פון זיי האָבן דערביי אָנגעבאָטן לידער, דערציילונגען צי גלאַט אַן אַרטיקעלע. דאָס האָט בלויז פאַרגרעסערט מיין פאַרצווייפלונג. ווייל כאָטש איך האָב פּאַר אייניקע פון זיי געהאַט אמתן דרך ארץ, האָב איך אָבער זייערע פאַרגעשלאָגענע ווערק פאַר די פאַרטראַכטע זאַמלביכער נישט געדאַרפט. און דאָס, וואָס זיי האָבן דאָס נישט פאַרשטאַנען, האָט אויפגערעגט.

איינמאָל קומט צו מיר אייזלאַנד:

— מילא, איר ווילט נישט דרוקן מיינע לידער, זענט איר אפשר גערעכט. אָבער איך לויפט אַרום און זוכט אַן אַרטיקל וועגן „די יונגע" — פאַרוואָס זאָלט איר גאָר וועלן איינשטעלן, אַז מענטשן פון וועלכע איר אַליין האַלט נישט, זאָלן אייך אָפּזאָגן. פאַרוואָס זאָלט איר מיר נישט געבן די געלעגנהייט?

און אַזוי נאָך אַ קורצן איבעררייד איז געבליבן:

— גוט, שרייבט אַן, אויב עס וועט נאָר זיין וואָס מען דאַרף, וועל איך עס דרוקן. — און אייזלאַנד האָט אָנגעשריבן אַ גרעסערע אַרבעט אונטער דעם נאָמען: „די יונגע". נישט קוקנדיק אויף די גרויסע לויבגעזאַנגען וועגן אונדז אַלע, האָב איך באַשלאָסן צו דרוקן בלויז די ערשטע העלפט, דעם טייל וועגן די יונגע דיכטער אונדזערע. די אַרבעט איז נישט געווען אין דעם טאָן און טעמפּאָ פון די אַנדערע ווערק אין דעם בוך, אָבער זי האָט פּאָרט געזאָגט וואָס עס האָט זיך געוואָלט אַז עס זאָל געזאָגט ווערן.

דאָס זאַמלבוך איז, ווי שוין געזאָגט, פאַרלאָכט געוואָרן און אייזלאַנדס אַרטיקל, וואָס האָט גערעדט וועגן „די יונגע" ייִנגלעך, ווי וועגן „גאַנצע שרייבערס", האָט אַרויסגערופן גאָר שטאַרקן שפּאָט. רייזין, וועמעס נאָר־וואָס דערשינענער זשורנאַל „דאָס נייע לאַנד" איז כמעט געווען אָנגעווענדט אויף אונדזער מיט־אַרבעטערשאַפט, האָט זיך אויך דערלויבט צו שרייבן, אַז עפּעס „איינער אַן אייז־לאַנד" שרייבט דאָרט וועגן די דיכטער, מאַכט דאָס דעם איינדרוק ווי קינדער־

וואָס שפּילן זיך אין „קראָם". מיר אַלע האָבן דאָס אָנגענומען ווי אַ שרעקלעכע באַליידיקונג:

— וואָס הייסט עפּעס שרייבן „איינער אַן אייזלאַנד!" און עס איז אויף אָפּאַ־טאָשוס פאַרשלאָג געבליבן ביי מיר אין צימער, אַז מיר דערקלערן אַ שטרייק קעגן רייזענס „ניי לאַנד", פאַר אַט דער באַליידיקונג וואָס ער האָט געוואָרפן אין אונדזער אייזלאַנדן. אייזלאַנדס כבוד איז דאָ מיט אַמאָל געוואָרן אונדזער אַלעמענס כבוד.

פאַר דעם צווייטן זאַמלבוך „שריפטן" האָט מיך אייזלאַנד נאָך אַלץ נישט צופרידנגעשטעלט מיט זיין אַרבעט וועגן די פּראָזאַיקער, כאָטש אוודאי האָט ער אונדז אַלעמען געליבט און אַלעמען האָט זיך געוואָלט זען געדרוקטע לויב וועגן זיך. און ווען חברים זענען געוואָרן שטאַרק צודרינגלעך וועגן דעם, האָב איך פאַרגעשלאָגן, אַז אויב זיי גייט דאָס אַזוי שטאַרק אין דעם, וועל איך צוליב זיי יאָ אָפּדרוקן די אַרבעט, אָבער איך וועל פון איר אַרויסנעמען דעם טייל ווו עס רעדט זיך וועגן מיר און אויסמעקן יעדן אָרט ווו ער דערמאָנט מיין נאָמען. דאָס האָט די חברים אַזוי ווי אויסגעניכטערט און זיי האָבן צו מיר נאָכדעם מער וועגן דער אַרבעט נישט גערעדט.

דאָס צווייטע זאַמלבוך „שריפטן" (1913) איז אַרויס אָן דער באַטייליקונג פון אייזלאַנדן. אָבער אייזלאַנד האָט אונדז קיינמאָל נישט פאַרלאָזן, ער איז פאַר־בליבן חסידיש לאָיאַל און פלעגט ווי פריִער פרום אָפּהיטן זיינע זונטיקס ביי מיר אין צימערל.

פאַרן דריטן זאַמלבוך קומט אייזלאַנד און לייענט מיר איין מאָל פאַר אַזעלכע שורות:

ס'איז מיטיק־צייט. אַרום איז שטיל. בלויז ווי אַ בין
דאָרט זשומעט אין ווינקל ווו אַיין־איינציקע מאַשין.
אַ מיידל עסט און קנאַקט די שאָלעכץ פון אַן איי.
און איינער אָדער צוויי געמיטלעך זופּן טיי.
דערנעבן כראַמקעט עמעץ ציבעלע מיט ברויט. —
און בלאַסע מיידלעך אָפּגעפּאַרבט אויף רויט.
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
און אויף אַ פענצטער זיץ איך מיר אַליין.
די פיס פאַרלייגט, אַ האַנט אין שויס און קוק אַרויס,
אַזוי זיך גלאַט אַרויס.

אַט דער שטילער פיינער אופן פון דערזען אַט די גאָר פּשוטע זאַכן פון פּשוטן גרויען לעבן אַרום זיך, אַט דאָס נאָכפאָלגן די איינפאַכקייטן פון אַ גע־וויינלעכן גרויען טאָג פון אַן אַרבעטער אין אַ ניו־יאָרקער שאָפּ, דאָס אַלץ איז געווען אַזוי אַנדערש, אַזויפיל שטילער, טיפער און אמתער פון די דעמאָלטדיקע

שרייענדיקע ראָזענפעלד און באָוושאָווער לידער. עס איז אויך געווען אַזויפיל אַנדערש אין טאָן און אין פאַרב פון די ראָלניק, לאַנדוי, האַלפּערן, מאַני לייב לידער. איך און די חברים מיט מיר האָבן דערפילט: — אַ נייער טאָן ווערט דאָ אַנגעשלאָגן, אַ טאָן פון זאַכלעכקייט, אַ פאַרב וואָס העלפט אָפּשאָטענען, העלפט שטיל און רויק אַריינברענגען וויכטיקע וואָכעדיקייט. דאָס האָט געבראַכט נייעם באַנעם און האָט שטאַרק באַווירקט די אַנדערע דיכטער פון אונדזער גרופּע. כאָטש איך בין נאָכדעם געבליבן קאַלט צו אײַזלאַנדס ווייטערדיקע לידער, געפין איך אָבער פאַר דורכאויס וויכטיק צו באַטאָנען, אַז אַ גאַר גרויסע טואונג איז אָפּגעטאָן געוואָרן דורך דער לידער־סעריע פון ר. אײַזלאַנד, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דעם דריטן באַנד „שריפטן" פון דעם יאָר 1913. עס האָט געהאָלפן אָנווייזן ניי און אַנדערש אויף דעם לעבן אַרום אונדז, אויף די אייגענע אָרעמע שעפער, אויף די אייגענע אָרעמע היימען. עס האָט געשטעלט אַ נייע, ניכטערע מאָנונג צו אונדז. דער ראַפינירטער זישא לאַנדוי האָט דער ערשטער געענט־פערט אויף דעם רוף און דאָס, געמישט מיט לאַנדויס אייגנאַרטיקע, ביזאַרע אומדערוואַרטיקייט און טיפער רעליגיעזיטעט, האָט אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן באַווירקט נאָכדעמדיקע און שוין איצט גאַנץ וויכטיקע יידישע דיכטער.

***

יאָ, מיר לעבן אין אַ ביטערער, אין אַ גאָר שווער דריקנדיקער צייט. עס איז שווער צו שרייבן יובילייַ־אַרטיקלען. שווער צו פּראַווען שמחות אין אַזאַ צייט. דאָס ביתר־ליכט שטייט אַזוי פילפאַכיק פאַרגרעסערט פאַר די אויגן. אָבער שמחות געפּראַוועט אַפילו אין אַ ביטערער צייט, האָבן זייער אייגנטימלעך ליכט. ביי אָט דעם ליכט האָב איך דאָ געפּרוווט אָנרופן די טואונגען פון אונדזערע ערשטע טעג אין וועלכע די יובילאַרן האָבן זיך באַטייליקט.

איך האָב דאָ אויך אויפגערופן אַ פּאָר חברים, וואָס לעבן און וועלן נאָך לאַנג לעבן צווישן אונדז, כאָטש מצבות שטייען שוין לאַנג אויף זייערע קברים.

בוירקלי האַיטס, נ. דזש., יולי, 1944.
(„צוקונפט", דעצעמבער, 1944)

פון מיינע זכרונות

„איגנאַטאָװשטשינע"

איינמאָל אין 1924 איז מאַני לייב געקומען צו מיר:
„מיר גייען אַרויסגעבן אַ מאָנאַטלעכן זשורנאַל און ער וועט הייסן „אינדזל".
— מזל־טוב!
— מען האָט באַשלאָסן, אַז עס מוז געשען אָן אייער באַטייליקונג!
דאָס פאַרשטייט זיך, האָט געקאָנט הייסן, אַז מאַני לייב פירט דאָ אונטער מיט מיר אַ חשבון פאַר מיין אַמאָליקן נישט דרוקן אים אין דעם זאַמלבוך „וועלט איין וועלט אויס" — אַ זאַך וואָס מאַני לייב האָט קיינמאָל נישט פאַרגעבן. וואָס מאַני לייב האָט אָבער נישט געוווּסט, אָדער נישט געוואָלט וויסן, איז, אַז צווישן דעם צוזאַמענשטעל פון זייערע מיטאַרבעטער איז געווען איינער, מיט וועלכן איך וואָלט זיך נישט געדרוקט.
— דאָס אַלץ איז גוט — האָב איך געענטפערט — אַבי נאָר עס זאָל זיך באַוועגן. פאַרוואָס אָבער נישט בעסער אַ זאַמלבוך? דאָס איז אי מעגלעכער, אי האַפטיקער. אַ מאָנאַטלעכער זשורנאַל איז פאַר אונדזערע יידן פאַקטיש אַן אוממעגלעכקייט.
מאַני לייב האָט מיר אויף דעם פאַרביסן און ווי מיך אָפּשטויסנדיק געענטפערט:
— אַזוי האָט מען באַשלאָסן!
— נו גוט. איז וואָס ווילט איר פון מיר?
— איך האָב אויסגעפירט, איך זאָל זיך ווענדן צו אייך, איר זאָלט פאַר אונדז קריגן אַ פּאָר קליינע עסייען וועגן קונסט פון אייערע פריינט, די מאָלער טאָפּעל, קאָפּמאַן און וועבער.
איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָ ווערט באמת געמאַכט אַ גרויסע הנחה צו מיר. וואָרעם אין יענער צייט האָט בכלל אויסגעזען, אַז אַריינברענגען יידישע מאָלער אַלס באַטייליקטע איז דאָס ערגסטע פאַרברעכן, וואָס איך בין באַגאַנגען קעגן אונדזער ליטעראַטור. אַפילו „די נייע היים", וואָס האָט זיך באַמיט נאָכצוטאָן די „שריפטן" ביזן לעצטן „קוצו של יוד", האָט קיין באַטייטנדיקע מאָלער

נישט אַריינגענומען. אַלץ יאָ, נאָר נישט קיין מאָלער, נישט קיין בילדער, נישט קיין באַצירונגען, אויסער אַמאָל דאָס אויפצייכענען דעם נאָמען אויף דעם פּאַ־דערבלאַט. בכלל האָבן די שריפטשטעלער און די פּלאַסטישע קינסטלער זיך, אין יענע טעג, געהאַלטן פרעמד און אַפילו אַנגעשטויסן איינע אויף די צווייטע. אַז די חברשאַפט קען אַנטדעקן און אָנרעגן באַפרוכפּערנדיקע קינסטלערישע פּאַר־וואַנדשאַפט און העלפן אַנטוויקלען אַ גרעסערן קינסטלערישן באַנעם, און אַן אינטענסיווערע נייגונג צו קינסטלערישע פיינקייטן, — דאָס איז געווען אַזוי פרעמד, אַז מענטשן אייגענע פלעגן זיך נישט שעמען צו לאַכן פון אייך, ווען איר האָט אַזוינס דערמאָנט און געפּרוווט דערווייזן. געווען אויך אַזוינע, וואָס פלעגן אויף אייך גוט אין כעס ווערן פאַר דעם.

איך האָב אַפילו געפּרוווט צוציִען מוזיקער. געווען צווישן אונדז דעמאָלט אַ יונגער טאַלאַנטפולער מוזיקער (קאַזיקאָוו). ער איז אָבער אַוועק צו גויִים. דער־פאַר איז מיר געלונגען אָפּצודרוקן אַן ערשטע אַרבעט וועגן יידישע נגינה פון פינחס יאַסינאָווסקי, וואָס האָט אין יענער צייט אַרויסגערופן אַנזען און דער־מוטיקונג צווישן יונגע יידישע מוזיקער אויף אין אַנדערע לענדער. דעם אייגע־נעם פינחס יאַסינאָווסקי האָבן מיר איינמאָל פאַרשלעפּט אין דעם הויז פון ד״ר קלינג. — זיין פרוי, בערטאַ, פלעגט פאַר אונדז זינגער פאָלקסלידער און יידישע ניגונים (מיר פלעגן מיט איר אָפּט מיטזינגען). און צווישן זיי איז געווען אייך זאַך אַזאַ, וואָס קיינער פון אונדז האָט נאָך פריִער נישט געהערט. דאָס איז געווען אַ שיר־המעלות, וועלכן דער מגיד פון בערטאַס שטאָט פלעגט פאַרזינגען פאַר זיין יעדער דרשה. האָבן מיר געבראַכט אַהין יאַסינאָווסקין און ער האָט באַשטימט, אַז דאָס איז טאַקע אַ נייע זאַך און ער האָט דאָס איבערגעשריבן, אַראַנזשירט (צוגעבנדיק אַקאָמפּאַנירונג פאַר פּיאַנאָ) און די נאָטן מיטן ליד זענען אַזוי צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרן אין די „שריפטן“, האַרבסט 1919.

מאַני לייבס קומען צו מיר מיט דער הנחה, וואָס ער האָט אָפּגעדונגען, אַז מען זאָל אין דעם נייעם זשורנאַל דרוקן עסייען, געשריבן פון פּלאַסטישע קינסטלער, האָט מיך באמת דערפרייט. איך האָב אין מיין פרייד פאַרגעשלאָגן און אָנגעבאָטן, אַז איניינעם מיט די עסייען וועל איך ביי די מאָלער אויך פּרוּוון צוקלייבן אַ פּאָר בילדער.

— ניין, דאָס נישט! — האָט מאַני לייב פאַרבאַטנדיק אויסגעשריגן.

— פאַרוואָס? דאָס וועט דאָך צוגעבן מער טאָן.

— דאָס וועט שוין הייסן צופיל „איגנאַטאָווסשינע“!

— נו, גוט, וועל איך פאַר אייך זען קריגן די עסייען.

י. טאָפּעל, ביי וועמען געדאַנק און געפיל, וויסן און עמאָציע יאָגן זיך, פאַרמעסטנדיק און פאַרטיפנדיק זיך איינע אויף איינע, אַרויסהייבנדיק בילד־לעך, קאָנסטרוקטיווע נייטיקע מענטשלעכע זוכענישן, ראַפינירטן און ביז גאָר דראַמאַטיש־מענטשלעכן געראַנגל — איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט מיר

פּאַר זיי געגעבן אַ קליינע און, איך וויל דאָ זאָגן, וווּנדערלעכע עסיי. איך בין געווען זיכער, אַז ווען מען דרוקט זי אָפּ וועט דאָס אַריינברענגען אַ שיינעם טאָן אין זייער זשורנאַל. צו מיין איבערראַשונג האָט מיר אָבער מאַני לייב גיך גע־בראַכט צוריק די שיינע עסיי: — ער קען נישט! ס'איז געווען אַ מיטינג. די רעדאַקציע האָט איינשטימיק צוריקגעוויזן און האָט באַשלאָסן, אַז דרוקן עסייען וועגן קונסט, מיינט אויך איגנאַטאָווסטשינע! איך האָב דאָ געפּרוּווט אַ רעד־טאָן מיט מאַני לייבן. זיינע ענטפערס האָבן מיך דערמאָנט אָן די ענטפערס, וואָס איך האָב אַמאָל געקראָגן פון סלאָנימען וועגן זיינע, מאַני לייבס, לידער. און ווען איך האָב נאָכדעם אַרויסגעגעבן באַנד 8—9 „שריפטן" ווינטער 1925—1926, האָב איך אַלס דעמאָנסטראַציע אָנגעהויבן דאָס טאָפּעלע בוך מיט טאָפּלס צוריקגע־וויזענער עסיי, אָט ווי איך האָב אַמאָל דאָס צווייטע זאַמלבוך „ליטעראַטור" אויפ־געעפענט מיט די צוריקגעוויזענע לידער פון דעם אייגענעם מאַני לייב.

„איגנאַטאָווסטשינע" — דאָס איז געווען לאַנדויס אַ וואָרט. האָט עמעצער פון דעם יונגן עולם אַרויסגעגעבן אַ זאַמלבוך, אָדער אַ זשורנאַל, וואָס איז לאַנ־דויען נישט געפעלן געוואָרן, פלעגט ער מיר (און אויך אַנדערע) זאָגן, אַז דאָס איז מיין שולד, דאָס איז איגנאַטאָווסטשינע. „דו האָסט זיי אויסגעלערנט, אַז מען קען נעמען און אַרויסגעבן. טוען זיי דיר נאָך. — איגנאַטאָווסטשינע"! אָדער:

צוליב וואָס דאַרפסטו אָט די „מענטשעלעך" אין די ביכער? — „איגנאַ־טאָווסטשינע".

מנחם זאָגט אויך עפּעס

מיט מנחמען האָט מיט מיר אַמאָל געטראָפן אַזאַ פאַל. — איך בין אַריין אין שלומס קאַפע מיט דעם ערשטן עקזעמפּליאַר פון דעם נאַרוואָס־דערשינענעם פערטן זאַמלבוך „שריפטן". איך בין געווען זייער גליקלעך פון דער שיינקייט און פרישקייט פון דעם בוך. דער איינציקער יינגערער שריפטשטעלער, וואָס איז גראָד געזעסן אין קאַפע, איז געווען מנחם. בין איך, אַ זיכערער אין מיין שיינער דערגרייכונג, צוגעגאַנגען זיך צו טיילן מיט אים מיט מיין פרייד. — נאַט, מנחם, האָט הנאה. מנחם האָט גענומען דאָס בוך פון מיינע פריידיקע הענט, אָפּגעדעקט די הילע, וואָס איז איבער איר לייכטקייט געווען איבערגעצויגן מיט אַ ווי־פון־שטרוי־געוועבטן (אַ נאָכגעמאַכטע ראַגאָזשקע־געוועב) פּאַפּיראָסנפּאַפּיר, באַטראַכט די צייכענונג אָן אַבסטראַקציע פון אַ טולפּאַן, געדרוקט אין פּורפּור, גרין און שוואַרץ, געצייכנט מיט דער שטרענגער גראַדקייט פון ניו־יאָרקער הימלקראַצער; אַ הייב־געטאָן די הילע און דערזען דאָס גרינע, דורכזיכטיקע צי־בעלע־שאָלעכץ־בלעטל מיטן אינהאַלט פאַרשפּרייט איבער דעם ווייסן פּאַדער־בלאַט — דאָ, האָט ער מיטאַמאָל אַרויסגעלאָזן, ריכטיקער: אַ וואָרף־געטאָן דאָס

בוך אויפֿן טיש, און מיט אַ פֿאַרביטערטער בייזקייט אויף זיין פֿאַרטונקלט פּנים, אויפֿגעשפּרונגען פֿון זיין בענקל און גענומען שרייען:

— וואָס פֿאַר אַ גרין בלעטל?! ווער דאַרף דאָס גרינע בלעטל?! וואָס האָט איר זיך אָנגעטשעפּעט?... — וואָס ווילט איר פֿון אונדז האָבן? וואָס האָט איר זיך אויף אונדז אָנגעזעצט? ווער דאַרף אָט די צאַצקעס, פּיקטשורס, אָט די גרינע בלעטלעך?! וואָס האָט איר צו אונדז? ווער דאַרף אייך האָבן?!...

דאָס איז שוין געווען אַ היפּש ביסל העכער פֿון לאַנדויס „איגנאַטאָוו־שטשינע", און אַ גאַנץ ביסל אַנדערש פֿון מאַני לייבס טענות פֿון דעם שניט. מנחם בעס האָט דאָ כמעט פֿאַנאַטיש געשלאָגן פֿון אַלע זיינע רמ"ח אברים. ער האָט דאָ געכאַפּט אַ מענטשן, וואָס פֿאַרמעסט זיך אַריינצוטראָגן אַ חזיר אין היכל. — עס איז געווען אַ מין קנאת ה', וואָס האָט פֿון אים געמאַכט שלאָגן פֿינצטערן כעס אויף מיר.

ווער וואָלט זיך דאָס דעמאָלט געקענט גלייבן, אַז מנחם וועט, מיט יאָרן שפּעטער, קוקן אויף מיר מיט אַנדערע בליקן, וועט שרייבן צו מיר און רעדן וועגן מיר גוטע רייד?

דער אייגענער מנחם, מאַני לייב, און אַנדערע, האָבן נאָכדעם גענומען אַרויסגעבן זייערע לידער־ביכער מיט קינסטלערישע באַצירונגען און בילדער, און דער אייגענער לאַנדוי האָט נאָכדעם, מיט איבערגעגעבענעם רעליגיעזן ציטער זיך אָפּגעגעבן מיט קאָפּמאַנס צייכענונגען צו זיינע ווערק, און פֿלעגט אַפֿילו שוין, קראַנקערהייט אַריבערקומען צו מיר זיך צו טיילן מיט זיין גרויסער הנאה איבער דער אָדער יענער צייכענונג, אָדער זיך אויסעצהנען ווו, ווי אַזוי, און אין וועל־כער גרייס צו דרוקן די אָדער יענע צייכענונג.

שוואַרצע אַרבעט

דער נאַטירלעכער מענטשלעכער דראַנג צו שיין און שענער איז געוואַקסן אינאיינעם מיט אונדז. —

פֿאַר דעם דערשיינען פֿון דעם צווייטן זאַמלבוך „שריפֿטן" האָבן מיר זיך געהאַט באַקענט מיט דעם דעמאָלט יונגן, נאַרוואָס־אַריבערגעקומענעם מאָלער אבא אָסטראָווסקי. איז געבליבן, אַז נישט נאָר וועט ער אַריינגענומען ווי אַ זעלבשטענדיקער מיטאַרבעטער (מאָודס צייכענונגען זענען אַריינגעקומען ווי אי־לוסטראַטיווע דעקאָראַציעס צו די ווערק פֿון יעדן פֿון די שרייבער), נאָר אַז זיינע, אָסטראָווסקיס, בילדער וועלן געדרוקט ווערן נישט פֿון „קאַטס", נאָר פֿון „ליכטדרוק". דאָס הייסט, אַז יעדע בילד וועט זיין אַן אָריגינעלע, פֿאָטאָגראַ־פֿישע רעפּראָדוקציע. דער פֿאָטאָגראַפֿער ליפֿשיץ האָט אונדז פֿאַר דעם געגעבן זיין פֿאָטאָ־סטודיאָ. מיר האָבן דאָס נאָכדעם ווייטער אַנטוויקלט, אַז יעדעס פֿון די בילדער וועט אַרויפֿגעקלעפּט אויף אַ גרויען בלאַט פּאַפּיר און איבערגעצויגן

מיט אַ דורכזיכטיק פּאַפּיראָס־פּאַפּיר. דאָס האָט געדאַרפט קאָסטן אַ סך געלט. אָבער מיר זענען, דאַכט זיך, אַלע געווען פאַרשיכורט פון אָט־דעם נייעם אויפטו פאַר אַ יידיש בוך. ליפשיץ און אויך לוויס לאָזאָוויק (וואָס האָט זיך ערשט מיט יאָרן שפּעטער אַנטפּלעקט אַלס קינסטלער) זענען געקומען צו־הילף. די סטודיאָ איז געוואָרן ווי אַ בינשטאָק. מען האָט געאַרבעט ביים פּאָטאָ־אַפּאַראַט, ביי דער שניידמאַשין, ביים מאַכן „פּאַפּ", ביים קלעפּן און אַרויפקלעפּן — אַ מלאכה, וואָס מיר האָבן זיך אויף גיך אויסגעלערנט ביים פּריינטלעכן איינבינדער ראַפּאַלאָווסקי, צו וועמען מיר פלעגן אָפּט אַרויפלויפן. ווען עס איז געקומען צו דער לעצטער אָפּעראַציע — דאָס אַריינקלעפּן אין די ביכער די פּאַרטיקע קאָמפּלעקסן פון יעדן שוין איבערגעדעקטן בילד, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דאָס דאַרף געטון ווערן נאָר פון די באַטייליקטע שריפטשטעלער אַליין. אָט דער לעצטער פייער־לעכער אַקט האָט דאָס געדאַרפט געטון ווערן אין גורעוויטשעס בוכגעשעפט, ווו די שיין־בראָשירטע ביכער זענען געלעגן איינגעפּאַקט אין זייערע פּעק און גע־וואַרט פאַר אָט דעם לעצטן אַקט. מיר האָבן אָפּגעמאַכט אויף אַ געוויסן אָוונט זיך צונויפצוקומען נאָך דער אַרבעט, אין שלומס קאַפע און אינאיינעם אַוועק צו גורעוויטשעס סטאָר פאַר דעם צוועק. צו דער באַשטימטער צייט זענען מיר אַלע, אויסער האַלפּערנען, געווען אין שלומס קאַפע. מיר האָבן געוואַרט. יעדע מינוט האָט זיך גערעכנט. איך בין געווען אויסער זיך — ס'טייטש, האַלפּערן זאָל פאַר־שפּעטיקן! אָבער אָט — האַלפּערן איז געקומען! איך האָב געוואָלט האָבן טענות, פאַרוואָס ער איז נישט געקומען אין צייט. אָבער איך האָב זיך דערפרייט מיט דעם, וואָס ער איז פאָרט געקומען.

— זעט נאָר, ווי אונדזער האַלפּערן איז אָנגעטאָן! אַ נייער גאַרניטור, אַ נייער הוט, אַ גוט זיידן העמד, אַ שיינער שטאָק און נייע ווייסע הענטשקעס אויף די הענט, נייע געלע שיך. ווו האָט ער דאָס אַלץ גענומען? אָבער פאָרט שיין, ריין אַזוי אָנגעטאָן פאַר אַ מלאכת־הקודש. גוט. גוט אַזוי. —

מיר זענען אַלע אַרויס פון שלומס קאַפע, צוגעקומען אינאיינעם ביז גורע־וויטשעס בוכגעשעפט. אָבער ווען עס איז געקומען צום אַראָפּגיין די עטלעכע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט אין דעם בוכגעשעפט, איז האַלפּערן געבליבן שטיין אויבן, אויף דער גאַס. אַ קוק־געטון אויף זיינע נייע ווייסע הענטשקעס און אויף דעם שטאָק. — ער גייט נישט אַרונטער! דאָס איז שוואַרצע אַרבעט. און ער איז אַ שריפטשטעלער, אַ דיכטער, אַ קינסטלער.

די עובדה איז דאָ גאַנץ נישקשהדיק פאַרשטערט געוואָרן. מיר האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט. האַלפּערן איז זיך געבליבן אינדרויסן און שטאָלץ גע־נומען פּאַראַדירן, מיט זיין שטאָק און ווייסע הענטשקעס, הין און צוריק, פאַרביי דער טיר און פענצטער פון דעם בוכגעשעפט. מאַני לייבן איז אויסגעקומען צו שטיין ביי דער אַרבעט מיטן פּנים צו דער טיר. אַ בייזער האָט ער געקוקט צו דעם אינדרויסן שפּאַצירנדיקן האַלפּערן און, פון מאָל צו מאָל, אַרויסגעבורטשעט

מיט פאַרביסענעם כעס: „שוואַרצע אַרבעט!“, „שוואַרצע אַרבעט!“. בײַ מאַני לײבן איז דאָ, כמעט װי אַלע מאָל בײַ אים, געװען אַ צװײיענדיקער כעס. אַ כעס אויף האַלפּערנען פאַר זײַן פּלוצימדיקן גרויסהאַלטן־זיך (אין ליפּשיצעס סטודיאָ האָט האַלפּערן גראָד מיטגעאַרבעט אינאײנעם מיט אונדז אַלעמען), און אַ כעס אויף מיר פאַר דערנידעריקן, פאַר אַראָפּשלעפּן קינסטלער אַהער, אין דעם דעמאָלטיקן גורעװיטשעס קעלער־געשעפט צו טון שוואַרצע אַרבעט. ער איז, סוף־כל־סוף, אַװעק אינמיטן — אַן אַנגעברוגזטער. גראָד לאַנדוי, דאָס אײניקל פון גרויסן גוט־ייִדישן יחוס, האָט זיך געמאַכט, װי ער הערט נישט און זעט נישט, װאָס דאָ קומט פאָר און איז פאַרבליבן געטרײַ אַרבעטן ביז די אַרבעט איז אָפּגעטון געװאָרן.

װאָס עס איז פּלוצים געשען מיט האַלפּערנען, קען איך דאָ נישט דער־קלערן. אָבער צוגעבן װיל איך, אַז האַלפּערן האָט אין יענער צײַט געאַרבעט בײַם פּרעסן אַלטע פּלודערן. מאַני לײב — אין אַ שמוציקער שיך־פאַבריק, און לאַנדוי — בײַם קלעפּן שפּאַלירן און בײַ פאַרבן װענט פון אַלטע הײַזער. אײַז־לאַנד — אין אַ סװעט־שאַפּ, ראַבאַי — אין אַן ענגן שמוציקן פעלץ־שאַפּ. דאָס אַרײַנקלעפּן די שוין־צוגעגרײטע בילדער־קאַמפּלעטן איז זיכער נישט געװען קײן שװאַרצערע אַרבעט, װי די, װאָס יעדער פון אונדז האָט געטון טאָג־אײַן־טאָג־אויס.

מאַני לײבס אַטאַקע

דאָס איז אַלץ געװען אין די גוטע ייִנגלשע טעג, אין די טעג, װען מיר האָבן זיך פאַרמאָסטן אַראָפּצורײַסן מענדעלען, שלום־עליכמען, פּרצן — און װעמען נישט? אױב מען האָט אויף עמעצן פון אונדז געװאָלט זאָגן, אַז ער איז װי טאָלסטאָי, האָט מען, װי שוין געזאָגט, געמוזט גלײַך צולײגן — אַז ער איז נאָך פיל גרעסער פון טאָלסטאָיען. אין יענע יאָרן, און אַפילו אין אַ סך יאָרן שפּעטער, האָב איך דאָס געהאַלטן פאַר אַ חוב אויסצושטײן פון מאַני לײבס ברוגזן, פון זײַנע היסטערישע שטראָפנדיקע אויסברוכן, זיך צעקריגן און אויפ־הערן רעדן מיט אים — און נאָכדעם לאָזן איבעראַרבעטן זיך.

מאַני לײבס פּערזענלעך לעבן איז אָבער, לעצטנס, נישט מער שװער און ביטער. זײַנע קאַפּריזנע שטיק װילט זיך אים נאָך אָבער אַלץ פּראַװען, װי אין די ייִנגלשע יאָרן. טאָמער צעקריג איך זיך מיט אים — לײדט ער. אָבער פון אײנמאָל איבעראַרבעטן זיך ביזן צװײטן, האָבן גענומען אַװעקגײן אַלץ גרעסערע שטחים צײַט. ביז איך באַשליס: עס איז גענוג! איך װיל נישט מער! גענוג אָט־דאָס איבעראַרבעטן זיך כדי זיך נאָכאַמאָל צו צעקריגן. און אַז איך בעט זיך טאַקע נישט איבער, קריג איך פון אים אַ בריװל כלומרשט װעגן אַ זײַטיקן ענין און דאָס בריװל פאַרענדיקט זיך אַזױ:

...„איך װאָלט נאָך װעלן אַז (עקס) זאָל די אַרבעט װעגן (װהאָי) דורכלײענען

פֿאַר אייך און, אַז איר וועט נאָכדעם געבן אייער נאָמען, זאָל איך כאָטש האָבן נאָך איינעם מיט זיך, וואָס וועט דאַרפֿן געמשפּט ווערן גלייך מיט מיר. צי וואָס דאַרף איך עס? איך ווייס טאַקע נישט צי איך דאַרף עס באמת! דאָך האָט מיך עפּעס אַ שוואַכקייט געמאַכט צו שרייבן צו אייך דאָס בריוול. די שוואַכקייט אפנים, באַשטייט אין דעם, וואָס איך האָב זיך אַריינגעדרייט אין אַ נישט־אָפּיציעלן נייעס (די אונטערשטרייכונגען זיינע מאַני לייבס) ברוגז מיט אייך איז נישט איך קען כאַפּן דעם עק פֿונעם אָנהייב פֿון אונדזער ברוגז און נישט דעם עק פֿון דער אויסגעוואַקסענער פּאַרזענעניש, וואָס רופֿט זיך אונדזער ברוגז. איז מילא. אפשר וועט אונדזער ברוגז אָפּבייסן דעם עק זיך אַליין, אפשר גאָר וועט דער עק וואַקסן גרויס און לאַנג און אָן אַן עק... (פּינטעלעך פֿון מ. ל.) און וועט זיך שוין אַזוי נאָכשלעפּן אונדז ביידן, נאָך אונדז ביידן, נאָך אונדז — צוויי אַלטע ייִדן, ביז אין קבר אַריין. ווער ווייס?

איז אָט די שוואַכקייט — מיין אייגענע צו מיר אַליין, אָדער צו אייך, — האָט מיר אַריינגעלייגט די פֿען אין דער האַנט אַריין צו שרייבן צו אייך דאָס בריוול״.

דאָס בריוול איז געשריבן געוואָרן מיט אומגעפֿער אַ יאָר צוריק. איך האָב דאָס בריוול און אויף די אָנבאָטן פֿון דעם בריוול נישט געענטפֿערט, ווייל, ווי געזאָגט, איך האָלט, אַז מיר זענען שוין אויסגעוואַקסן און מאַני לייב האָלט אפילו, אַז מיר זענען שוין „צוויי אַלטע ייִדן״, איז ביז וואַנען איז דער שיעור צו צאָלן דעם ייִנגל זיינס?

האָט דאָ מאַני לייבס שוואַכקייט צו זיך, אָדער צו מיר, אים פֿון דאָס ניי „אַריינגעלייגט די פֿען אין האַנט״ און ער האָט אַ פּאַטש־געטון מיט דער בייזער פּאַרזענעניש, וואָס רופֿט זיך אונדזער ברוגז און האָט אַ צי־געטון איר געסטראָ־שעטן אָן־עקיקן עק, ביז דעם אַפּריל (נומער 18) „עפּאָכע״. די געלעגנהייט דאָס צו טון האָט אים געגעבן מיין אַרטיקל אין דעצעמבער־נומער „צוקונפֿט״ (1944), ווו איך האָב גערעדט מיט ליבע און לויב וועגן אים. ווארעם כאָטש איך וויל זייך אָנבאָט וועגן „איבערבעטן״ זיך נישט אָננעמען, ווייס איך אָבער גוט, אַז מאַני לייב פֿאַרדינט אַ סך לויב. אָבער ביי מאַני לייבן איז שוין אַזאַ געוווינקייט — גראָד אין אַזאַ פֿאַל — אָנצופֿאַלן. ער רעדט דאָרט גראָד נישט וועגן זיינע, נאָר וועגן מיינע פֿאַרגלאָצטע אויגן, מיט וועלכע ער נעמט זיך אָן דעם כבוד פֿון טויטע חברים און טאַקע אויך דעם כבוד פֿון לעבעדיקע חברים, וואָס וועלן אפשר גאָר נישט וועלן זיך איינשטעלן פֿאַר זיך אַליין. ער (שוין נישט מיט פֿאַרגלאָצטע אויגן, חלילה) נעמט זיך דאָרט אויך אָן פֿאַר דער געשיכטע, פֿאַר דער אייביקייט און טאַקע אויך פֿאַר מיין אייגענעם כבוד... „אַך חוזק, דו טרעפֿסט זיך אַליין איבער!...״ — דאָס, אגב, איז טאַקע אויך אַ שורה, וואָס מאַני לייב אַליין האָט דאָרט אָנגעשריבן, נאָר נישט אויף זיין חשבון, חלילה. „מיר איז אָבער אַ ווייטיק פֿאַר דעם ליבן חבר, וואָס דער עלנט האָט געפֿירט מיט זיין פֿען״.

אַוודאי וואָלט איך אַט דעם לעצטן זאַץ געדאַרפט שרייבן וועגן מאַני לייבן, האָט ער אָבער אויך דעם זאַץ דאָרט שוין אַריינגעשריבן. איז וואָס קען איך שוין איצט זאָגן וועגן אים? זאָגן „מילד גערעדט הוילע טיפּשות" — איז אַפילו ווען איך זאָל שוין אַפילו וועלן זאָגן אַזוינס, אין דער עפנטלעכקייט, וועגן מיין פריינט, האָט ער שוין אָבער אויך דאָס געזאָגט דאָרט און דערצו נאָך אין עטלעכע וואַריאַציעס.

דערצו איז דאָס ביי מאַני לייבן אַביסל מער ווי הוילע טיפּשות... איך זאָג, חלילה, נישט „ניט ערלעך און ניט אמת", ווי מאַני לייב זאָגט דאָרט. — אָבער היסטעריקער האָבן שוין פאָרט אַזאַ טבע צו זיין דיפּלאָמאַטן, גראָד אין סאַמע מיטן פון זייער היסטערישקייט. — אַזוי דערציילט דאָרט מאַני לייב דיפּלאָ־מאַטיש־קלוג וועגן זיין רעדאַקטירן... וועגן דעם, אַז אינטעליגענץ און אידעען ביי די „יונגע" זענען ממש געווען דאָס אייגנטום פון די דיכטער און נישט, חלילה, פון די פּראָזאַיקער... כאָטש אונדזער חשובער און ליבער פריינט, דער פּראָזאַיקער, חיימאָוויטש, האָט זיך מיט נישט ווייניקער רעכט, גראָד געהאַלטן פאַר דעם אינטעליגענטסטן צווישן אונדז. (האָט דאָך אַפילו איצט מאַני לייב אַנטלויען ביי חיימאָוויטשן דעם פּסיכאָ־אַנאַליטישן דיאַגנאָז וועגן מיין „יאָגן זיך נאָך דער באָרד").

באַזונדער דיפּלאָמאַטיש אָבער גיט דאָרט מאַני לייב אַ רעד וועגן „אונ־דזער גרופּע פון פיר" — ער וויל דאָ דיפּלאָמאַטיש עפּעס באַפּעסטיקן. עס דאַרף לויט דעם הייסן, אַז גראָד אייזלאַנד איז יאָ געווען צווישן דער אָריגינעלער גרופּע „יונגע" און האַלפּערן, אָפּאַטאָשו, שוואַרץ, ראַבאָי און דילאָן — דער הע־ראָלד פון די „יונגע" — נישט.

און מאַני לייב דיפּלאָמאַטעוועט ווייטער: — דאָס ערשטע זאַמלבוך „שריפטן", זאָגט ער, איז געקומען צושטאַנד דורך דעם, וואָס אָפּאַטאָשו איז גע־קומען מיט געלט און מיט אַ לענגערער זאַך „די מעשה פון אַ פערד־גאַנב".

און דערביי וווּנדערט ער זיך אויף „דעם ליבן איגנאַטאָוו", וואָס געדענקט די זאַך אַביסל אַנדערש. איך וויל דאָ אָבער פאַרזיכערן דעם היסטאָריקער, פאַר וועלכן מאַני לייב זאָרגט זיך אַזוי שטאַרק, אַז וואָס פּאַרא שלעכטן זכרון מאַני לייב זאָל נישט האָבן, געדענקט ער אָבער זיכער, אַז ווען דאָס ערשטע בוך „שריפטן" איז שוין לאַנג געווען אין דרוק, איז נאָך אָפּאַטאָשוס „ראָמאַן (נישט מעשה) פון אַ פערד־גנבֿ" געווען אין פּראָצעס פון שרייבן, און האָט נאָך אַפילו דעם נאָמען נישט געהאַט. מאַני לייב ווייסט דאָס גראָד מיט אַ סך איינצלהייטן...

הייסט דאָך, אַז צווישן אונדזער שיינער גרופּע זענען געווען ליגנער?

ניין, קיין ליגנער זענען צווישן נישט געווען. אַזאַ פלעק טאָר אויף קיינעם נישט געוואָרפן ווערן!

אָבער אַפילו צווישן הייליקע געפינען זיך אָפּט אַזוינע, וואָס טוען אין אַ געוויסן צושטאַנד אָפּ היסטערישע שטיק, פאַר וועלכע זיי שלאָגן זיך נאָך דעם

קאָפּ אָן וואַנט. און אויב מאַני לייב שלאָגט זיך נישט, בוכשטעבלעך, קאָפּ אָן וואַנט, ווייס איך אָבער, אַז ער ליידט גאָר שטאַרק נאָך אָט די שטיק. ליידט שווער נאָך זיין יעדן צעקריגן זיך מיט מיר.

עס טוט אים וויי, פאַרענדיקט מאַני לייב זיין אַרטיקל, „וואָס איך בין באַזעסן געוואָרן פון אַ בלינדן געפיל צו שרייבן די שורות, צו דערפרייען שונאים און וויי צו טון אַ חבר״. נו, איז גוט, וואָס מאַני לייב רעדט און ווייסט פון באַזעסנקייט. אָבער וואָס זענען דאָס פאַראַ שונאים, וואָס ער דערמאָנט אַ פּאָר מאָל אין דעם אַרטיקל, און וועמען ער האָט אַזוי מורא צו דערפרייען? איז דאָס אויך אַזאַ באַזעסנקייט? אַזאַ בלינדע שרעק, אַ שונאים־שרעק, וואָס איז באַפאַלן מיין פריינט, מיין פריינט מיט וועלכן איך וויל זיך נישט איבערבעטן; מיין פריינט, וואָס זוכט ערגעץ אַ וועג ווי אַזוי „אָפּצובייסן דעם עק פון דער אויסגעוואַקסענער פּאַרזעניש, וואָס רופט זיך „אונדזער ברוגז״, און פּרוּווט דאָס דורכפירן אויף אַזאַ נישט־דעליקאַטן אופן?

**
*

ערגעץ דערציילט מיינער אַ העלד אַ מעשה וועגן אַ פאַרביק איי מיט וועלכן ער האָט זיך געשפּילט אין זיינע יונגע קינדער־יאָרן. — צעעפנט מען דאָס אויבערשטע קאָלירטע איי, געפינט מען אין דעם אַן איי פון אַן אַנדער פאַרב, צעעפנט מען דאָס צווייטע איי, געפינט מען אין דעם אַן איי פון אַן אַנדער פאַרב, צע־ און נאָכדעם אַן איי פון נאָך און נאָך אַ פאַרב. און ווען דאָס אייבערשטע איי האָט זיך מיט דער צייט אַביסל אָפּגעריבן, האָט ער פונדעסטוועגן דאָס אָפּגעהיט זיין גאַנץ לעבן. געטון האָט ער דאָס איבער אַ כישופדיק געפיל אַזאַ, וואָס ער האָט מיטגעטראָגן מיט זיך פון די קינדערשע יאָרן, אַ געפיל וואָס איז געקומען פון דעם וויסן, אַז אינעווייניק, אין דער שאָל פון דעם אייבערשטן איי, געפינען זיך ריינע פאַרביקע אייער, וואָס ליגן און היטן אָפּ די אַנדערע. —

איך נעם מאַני לייבן פון מאַני לייבן אַרויס, ביז איך קום צו דעם דינעם שיינעם, שלאַנקן מאַני לייב. טונקל־הויטיק, און, ווי ביי אַ ציגיינער — וואָראָנע־שוואַרצע האָר, גרוי־גרינע אויגן. אַלץ אין אים, אַפילו די נערוועזקייט זיינע, קוקן אויף איך, רופנדיק ליבשאַפט צו זיך. לויט אונדזער לאַנגיאָריקער פולער חברשאַפט, האָט ער געדאַרפט זיין דער לעצטער צו זאָגן, אָדער אַפילו לאָזן עמעצן זאָגן אַ טייל פון די זאַכן, וואָס ער זאָגט וועגן מיר אין דעם אַרטיקל.

און דאָס נאָך פּרוּווט ער עס מאַכן, כלומרשט, אונטער דעם מאַנטל פון אַן אָפּהיטער פון אמת. אָבער, לויט זיין קאַפּריזנער היסטערישער נאַטור, האָט ער געטון — וואָס ער האָט געטון. אַביסל האָט אים דאָ צוגעהאָלפן דאָס באַוואָרענען זיך מיט אַ פאַרוואָרט, אַז מען וועט אין זיין זשורנאַל*) אויסמיידן „פּערזענלעכע פּאָלעמישע״ ענינים, און אַביסל דאָס לאַנגיאָריקע וויסן, אַז וואָס ער זאָל נישט

*) „עפּאָכע״, נומערן 18, 19 און 20 זענען רעדאַגירט געוואָרן פון מאַני לייבן. רעדאַקציע.

טון קעגן מיר, וועל איך אַלץ גאָר נישט טאָן קעגן אים. האָט ער דערפאַר געוויס אַביסל געהאָפט, אַז אַפילו ווען ער וועט אַרויסוואַרפן קעגן מיר איינע פון זיינע שטיק, אין דער עפנטלעכקייט, וועל איך אַלץ גאָר פאַרשווייגן. — און אַז ער האָט זיך דאָס מאָל אַביסל פאַררעכנט — איז וואָס?! אַ דיכטער האָט דאָך אַ רעכט צו זיין ווי אַ קינד, ווי אַ יינגל, און מעג דערפאַר, אַפילו אויף דער עלטער, צאָלן דעם יינגל זיינס. מאַני לייב — דאָס איז אַ ליד אַזאַ, אַ ליד, וואָס האָט שוין אין זיך די פאַרשאָלטענע און די געבענטשטע אייגנשאַפט אַרויסצורופן אי ווייטיק, אי ליבע.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט מאַני לייב צו מיר געשריבן אַ ליד. און כאָטש ער האָט מיט זיין אַרטיקל אין דער „עפּאָכע" וויי־געטון אונדזער פריינטשאַפט, ווייס איך אָבער, אַז ער האָט דאָ וויי־געטון זיך נישט ווייניקער, ווי מיר. מיר זענען דאָך צעקריגט, וויל איך אָבער דאָ איצט, אינאיינעם מיט אים, איבערזאָגן דאָס ליד, וואָרט פאַר וואָרט — איבערזאָגן פאַר זיך, פאַר מענטשן און פאַר דער וועלט:

חברים ווערן אַלט. זיי שטאַרבן אויס. דער טויט האָט נישט פאַראַטן,
און טעג — זיי בייטן זיך אויף טעג ווי ביים ציגיינער פערד.
דאָס האָסט אַליין די ערד געשאָטן אויפן קבר פון דיין טאַטן
און שוין — געדענקסטו נישט דעם ריח מער פון יענער ערד.

אָט אַזוי, אַזוי. נאָר אונטער אונדזער זון איז נאָך ביי דיר פאַרבליבן
אַ חבר, זיין געעלטערט פּנים, טייער, ליב און גוט;
און זיסער ציטער פון אַ ליד פון דיר אָן תכלית ניט געשריבן,
נאָר אויפגעשריבן שלאָגט עס אין דיין קלוג באַרויקט בלוט.

אָך, ליד! געדענקסט נאָך יענעם טאָר, פון אַ מעשה פון פאַרצייטן,
וואָס האָט זיך דאָ מיט אונדז אין אונדזער שאָטן אָפּגעשטעלט.
אַ נאָר — ער איז צו אונדז געקומען פון די אַלע ווילדע ווייטן
מיט זיינע אויסטערלישע מעשיות אויסלייזן די וועלט.

און וווּנדער, — ער האָט אויסגעלייזט די וועלט. און קינדער אין די וויגן,
אָן מעשיות שלאָפן איין, און וואַקסן פונעם שלאָף אַרויס...
און זיינע אַלע מעשיות — אין די שיינע מעשה־ביכלעך ליגן
ווי אין דער מעשה פון אַ מיל —אַמאָל— וועלט־איין־וועלט־אויס.

נאָר אין איין מעשה זיינער, —פריי זיך האַרץ!— דאָרט אויף אַ וויטן שטערן
אַ שטיבל שטייט נאָך היינט מיט גרינעם ווייִנשטאָק ביז צום דאָך
און אויף דער טיר פון שטיבל רופט אין אָונט פריינטלעך אַ לאָמטערן,
און אין דעם שטיבל שפּילט פאַר פריינט דער אַלטער פרומער באָך.

בוירקלי הייטס, יולי, 1945.

(„עפּאָכע", 1947)

ברידער

דער מענטש וואָס איז דאָ און איז נישטאָ

(פרץ הירשביין)

פאַראַן מענטשן וואָס זענען דאָ און נישטאָ. דערזעסטו אַזאַ מענטשן, רעדסט מיט אים, אָדער הערסט אים רעדן, איז דאָס אַלץ ווי דו וואָלסט גערעדט מיט איינעם וואָס איז דאָ און נישטאָ. דאָס זענען מענטשן, וואָס שטייען אויף דעם גרויסן כישופדיקן ברעג פון זיין און נישט זיין. זיי זענען מענטש און נאָך מער — באַגריף וועגן מענטש. אַזאַ איז פרץ הירשביין.

געקומען איז ער צו אונדז פון אויף יענער זייט ים אָן אַ שום מעלדונג אין צייטונגען, אַז ער קומט, אָדער פאָרט? ווי אַ מעשהדיקע שיף וואָלט אים אַהער מעשהדיק געבראַכט:

— איר הערט! מען זאָגט, הירשביין איז געקומען!

— געקומען?! ווען, ווי אַזוי?

— מען זאָגט — ער האָט אָפּגערופן די „צוקונפט״ און געזאָגט, אַז דאָס איז ער, הירשביין, און אַז ער איז דאָ. אין די רייד לויפט עמעצער אַריין אין קאַפע, און שרייט אויס:

— חברה! הירשביין איז דאָ, ער איז דאָרט אויבן אין „צוקונפט״ נאָר וואָס אַריינגעקומען. די „צוקונפט״ איז דעמאָלט איינגעשטאַנען אין אַ צימערל איבער שלומס קאַפע.

מיר לויפן אַרויף, נעמען זיך אַרום, באַגריסן זיך, וואַרפן זיך איבער מיט ווערטער, דריקן זיך די הענט איין מאָל און נאָך אַ מאָל.

הירשביינס דעקאָראַטיווער קאָפּ האָר, זיין פּנים, זיין שוואַרצער שניפּס וואָס הענגט מיט פיר ווייכע פליגלען אַראָפּ פון העמד־קאָלנער. דער קלאַנג פון זיין קול, וואָס האָט געוויגן, געמאָסטן און גערונדיקט זיין יעדער וואָרט, — דאָס אַלץ האָט געאָטעמט מיט דעם מעשה־באַגריף וואָס מענטשן האָבן וועגן אַ קינסטלער.

איך געדענק נאָך ווי איצט דאָס געמישטע געפיל וואָס איך פלעג קריגן פון הירשביינס ערשטע אַנטדרוקן, אַ מעשהדיקער מענטש, דאַכט זיך, און דער אַנטדרוק אַזאַ מענטשלעך־געזונטער, אַזאַ מוסקלדיקער. און אַזאַ איז שוין הירשביין

נאָכדעם פאַרבליבן פאַר מיר און אפשר פאַר אונדז אַלעמען, אַ מענטש און אַ סימבאָל פון אַ מענטשן.

הירשביין האָט שוין אין יענע יאָרן געהאַט אַ גרויסן, און איך וואָלט געזאָגט, אַפילו אַ סענסאַציאָנעלן נאָמען. ער איז שוין געווען אַ מעשה פאַר אונדז נאָך איידער ער איז אַהער געקומען. ער איז געווען מעשהדיק און ניי, סיי מיט זיין מאָדערנעם דראַמאַטישן באַנעם, סיי מיט דעם פאַקט, וואָס מיר האָבן דאָ געוווּסט, אַז ער האָט דאָרט אָרגאַניזירט און איז אַרומגעפאָרן מיט אַ טעאַטער־טרופע און געשפּילט מיט דער טרופע. דאָס איז דאָך געווען כמעט אַ שעקספּיר־ראָל. אויסער דעם פלעג דער ניו־יאָרקער פּראָגרעסיווער דראַמאַטישער קרייז אָפּט אויפפירן זיינע דראַמעס. מען פלעגט דאָ אויך אָפּט געבן לעקציעס וועגן אים. איך אַליין האָב דאָ געהערט אונדזער יעקב גאָרדין האַלטן אַ לעקציע וועגן הירשביינען. ער האָט, דאַכט זיך, פאַרגליכן הירשביינען מיט דער לבנה און מיט מעטערליַנקן. דערביי האָט דער געזונטער ברייט־אַקסלדיקער גאָרדין נערוועז געהאַלטן אַ ציגאַר אין מויל. זיין גרויסער לייבן־קאָפּ און די פעלדזיקע שטאַרקייט פון זיין באָרד האָבן געאָטעמט מיט גוטסקייט. עס האָט געהייסן: קוקט נישט אויף דעם, וואָס איך בין נערוועז, נאָר זאָגן וויל איך אייך, אַז ליב איז מיר אָט דער יונגער מענטש. ער באַנייט, ער פרישט אָפּ, ער איז נאָך יונג, לבנהדיק ראָמאַנטיש, אָבער ניי.

דאָס וואָס הירשביין, שוין אַזוי באַרימט דאָ אין לאַנד, איז געקומען נישט־לאַנדיק וויסן, אָט די שטילע פּראָסטקייט איז מיר און מיינע חברים „די יונגע" שטאַרק געפעלן געוואָרן.

איך בין געווען קעגן דרוקן מענטשן, בעלעטריסטן מיט באַרופענע נעמען אין די „שריפטן". פאַר הירשביינען האָב איך אָבער גלייך געמאַכט די אויסנאַם. ער איז אַן אונדזעריקער און הירשביין מיט זיין קלוג אויג און חבריש האַרץ איז דאָס טאַקע אויך געוואָרן.

מיט זיין קלוג אויג פלעגט ער גלייך דערזען אַ חברס פערזענלעכע צרות, און ער האָט געהאַט אַזוי פיינע קלוגע וועגן ווי אַזוי צו טרייסטן.

איך האָב אין יענע יאָרן געמיינט, אַז איך האָב גאָר די צרות פון דער וועלט. ווען מען איז יונג און מען נעמט אויף זיך די אויפגאַבע צו רעדאַקטירן און פירן יונגע שריפטשטעלער, פעלט שוין דעמאָלט קיין צרות נישט און ווען מען איז נאָך דערצו אַלס צוגאָב פאַרליבט און איר מיינט, אַז ממש „ווערטערסליידן" האָבן זיך אויסגעגאָסן אויף אייך, דעמאָלט שווימט איר דאָך ממש אין אַ וועלט פון פאַר־צווייפלונג און פיין.

איך געדענק נאָך ווי איצט: אין שאַפּ איז קיין אַרבעט נישט געווען. איך כאַפּ זיך אויף אין דער פרי נאָך אַ נאַכט פון חלומות, וואָס צעצווייגן די וועלט, צוגעבנדיק איר אַן אומדערוואַרטן זין, אומדערוואַרטע פאָרמען, וואַרפן אייך אין סיטואַציעס וואָס איר קאָנט קוים משיג זיין מיטן שכל. נאָכדעם ווי איך באַפריי זיך אַ ביסל פון די וויזיעס, נעם איך זיך שרייבן. לאַנג אָבער קאָן איך נישט

איינזיצן. איך גיי אַרויס אינדרויסן. די אינדערפֿריִענדיקע גאַסן זענען אָבער צו־ליכטיק, אַז מען זאָל דאָרט קאָנען זיין אַליין. איך וועל אַריינגיין צו די קלינגס, ביין; צו הירשביינען. הירשביינס צימער איז גערוים און איז ריין און צוגעקליבן ווי ער אַליין. קיינער פון אונדזעריקע האָט קיינמאָל אַזאַ ריין צימער נישט געהאַט, און איז טאַקע אַליין אויך קיינמאָל אַזוי אָפּגעהיט און צוגעקליבן נישט געווען.

— אַ, איגנאַטאָוו! אַ גוטער מאָרגן.

הירשביינס פּנים איז אויסגערוט. מיט גוטסקייט קוקן אויף אייך די קלוגע בלויע אויגן, מיט צעפרידנקייט קוקט אויף אייך אַ גוטער שמייכל אויף זיינע ליפּן. ער פּרוווט פאַרפירן אַ שמועס, ביי מיר אָבער דרייט זיך, ווייזט אויס די צונג נישט. קוקט ער מיך אָן און זאָגט מיט אַ שמייכל:

— איגנאַטאָוו, איר ווייסט, איר זעט איצט אויס ווי אַן אַרויסגעשאָסענער. יאָ. אָט ווי מען וואָלט מיט אייך אָנגעלאָדן אַ קאַנאָן און אייך אויסגעשאָסן. יאָ, וואָס איז געשען?

— געשען? — גאָרנישט. איך האָלט איצט אינמיטן שרייבן, און בשעתן שרייבן בין איך שטענדיק אַזוי... איך זע מן־הסתם אויס ווי איך וואָלט נאָרוואָס אַרויסגעפאַלן פון בעט. איר וועט מיר אַנטשולדיקן, הירשביין, איך מוז טאַקע גלייך גיין צוריק.

איך הייב זיך אויף, הירשביין הייבט זיך אויף אין איינעם מיט מיר, גיט מיר ברידערלעך זיין געזונטע, גוטע האַנט, זאָגט:

— גוט, איגנאַטאָוו, גוט. נאָכמיטיק, אויב איר קענט זיך באַפרייען, קומט אַרויף וועלן מיר זיך אַרויסכאַפּן אויף וועליסאָפּעדן און אַרויספאָרן. זיך דורכ־יאָגן, דורכלופטערן, זיך אויסטרייסלען אַ ביסל.

— גוט, איך וועל זען.

איך בין דעם נאָכמיטיק צו הירשביינען נישט אַרויפגעגאַנגען. ווען עס האָט מיך שפּעטער אין טאָג ווידער געגומען הייבן פון בענקל, בין איך אַוועק אין פּאַרק, וואָס איז געווען אויף אַ באַרג נישט ווייט פון מיר. דאָרטן זענען געווען אַ סך אָנגעבראָכענע שטיינער. איך בין שוין צו יענער צייט געווען אַ גרויסער מומחה אויף אויפצוהייבן מיט מיינע הענט אַ גאַנץ שווערלעכן שטיין הויך איבער מיין קאָפּ און אים אַראָפּשליידערן אויף אַן אַנדער שטיין, אָדער פעלדז אַזוי, אַז דער געשליידערטער שטיין זאָל צעשאָסן ווערן אין שטיקלעך. אָט די אַרבעט איז פאַר מיר דעם טאָג געווען אַ מער צוגעפּאַסטע, ווייל פאַר די שטיינער בין איך געווען ווייזט אויס, זיכערער נישט אַרויסצורעדן אַ וואָרט וועגן מיינע ראָנגלעניישן און ווייטיקן.

אין אָוונט פון דעם טאָג האָבן מיר זיך צונויפגעטראָפן ביי ד״ר קלינג אין הויז. די הויז פון די קלינגס אין יענער צייט איז געווען אונדזער סאַלאָן. די גאַנצע דעמאָלטיקע שריפטשטעלערישע משפּחה, סיי די וואָס האָבן באַלאַנגט צו דער גרופּע „די יונגע״, סיי די וואָס האָבן געוואָלט באַלאַנגען צו איר,

פלעגן זיך דאָרט צונויפקומען. עס פלעגן אויך אַריינקומען מקורבים. מען פלעגט רעדן, דערציילן, אַ מאָל אפילו אויך זינגען. בערטאַ קלינג פלעגט דאָ אָפט זיין די פאַרזינגערין. אַ מאָל אויך עפּעס פאַרלייענען. איך בין דעם אָוונט געווען זייער נישט באַרעדעוודיק. האָט זיך אָבער צו מיין ווינקל־טיש צוגעזעצט אַן אַריינגייער, וועמען איך האָב זייער ווייניק געקענט און האָט צו מיר גענומען רעדן, ווען איך האָב זיך אין אַ ווילע אַרום גענומען פאַנאַנדערקלייבן — ערשט דער ייִד האַלט מיר אַ לעקציע וועגן „עטיק", וועגן „מאָראַל". קינסטלער — האָט דאָס געהייסן — דאַרפן נישט מיינען, אַז אַן אָפּמאַך איז גאָרנישט, אַז געלט איז גאָרנישט. שריפטשטעלער דאַרפן אויך וויסן, אַז אַ וואָרט איז אַ וואָרט. עס איז נישט גוט, ווען שריפטשטעלער מיינען, אַז זיי קענען טון וואָס זיי ווילן. אַז מען האָט ביי מיר גענומען אַ דאָלער סוסקריפּשאָן פאַר דעם זאַמלבוך „שריפטן" האָט מען מיר געדאַרפט צושטעלן דאָס בוך פאַר דעם דאָלער. דאָס וואָס איר האָט באַשלאָסן צו פאַרגרעסערן דאָס בוך און האָט דערפאַר באַשלאָסן צו העכערן דעם פּרייז, איז נישט מיין שולד. עס איז נישט עטיש מיר אַריינשיקן אַ בוך און זאָגן, אָדער אפילו בעטן, אַז איך זאָל אַריינשיקן דעם אונטערשייד".

ביי מיר אין קעשענע איז גראָד דעמאָלט געלעגן אַ שווערער זילבערנער דאָלער, האָב אים אַרויסגענומען און האָב אים גאַנץ אומדערוואַרט אַוועקגעלייגט פאַר דעם מענטשן. דער דאָלער האָט קעגן מיין ווילן אַ ביסל אַ קלאַפּ געטון אויף דעם טיש.

דער ייִד איז צעטומלט געוואָרן.

— נעמט אים, דאָס איז אייער דאָלער, — האָב איך געזאָגט. אַרויסגעקומען איז אָט דער זאַג מיינער ווי אַ באַפעל. דער מענטש האָט צוגענומען דעם דאָלער, אים אַריינגעלייגט אין קעשענע, זיך געפּרוווט מאַכן אַ האַרץ און געזאָגט:

— אַזוי איז עפּעס אַנדערש.

לאַנג אָבער האָט ער שוין נאָכדעםביים טיש נישט געקענט איינזיצן. אַז ער איז אַוועק, האָט דאָס געהייסן, אַז איך האָב באַליידיקט אַ מענטשן. די איינציקע וואָס איז מיט מיר אָפּן געווען צופרידן, איז געווען די באַלעבאָסטע פון הויז, בערטאַ קלינג.

— אַ ברכה אויף אייער קאָפּ. איר האָט זייער גוט געטון. זאָל ער וויסן זיין פּלאַץ. זינט ער האָט מיר געגעבן דעם דאָלער פאַר די „שריפטן" גייט ער דאָך אַרום ווי ער וואָלט דאָ די וועלט געראַטעוועט.

— אָבער אַזוי מבייש זיין אַ מענטש, „המביש חברו ברבים", כ'מיין, צוליב וואָס האָט מען דאָס געדאַרפט?

— אַ נאַר איז ער טאָקע דער מענטש, אָבער איגנאַטאָוו האָט דאָך אים דאָ אַזוי ווי אַרויסגעטריבן פון הויז.

און אַזוי האָבן געגומען גיין קאָמענטאַרן וועגן מיין האַנדלונג. גאַר גוט איז מיר פון דעם נישט געווען, אָבער עפּעגען מיין מויל און זאָגן עפּעס אויף דעם האָב איך נישט געקאָנט. איך האָב פּשוט נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. בערטאַ, וואָס איז אגב געווען די, וואָס האָט ביי דעם יידן גענומען דעם דאָלער, און וואַר־שיינלעך אויך די וואָס האָט אים איבערגעגעבן דאָס בוך און געזאָגט, אַז ער דאַרף געבן נאָך אַ דאָלער. זי האָט אַלץ געזאָגט, אַז איך האָב אים געמעגט באַליידיקן. הירשביין האָט מיך דעם גאַנצן אָוונט נאָכגעקוקט, אָט מיין אַריינלויפן צו אים אין דער פרי, מיין אַרויסלויפן, מיין צוזאָגן און נישט אַרויפקומען צו אים דעם נאָכמיטיק פאַר דעם וועליסאָפּעד אַרויספאָר האָט אין אים געשאַפּט אַ געפיל, אַז איך בין אין אַ קלעם, און ער האָט אויף מיר געטריי און נאָכפאָרשנדיק געקוקט, זיך געהיט, אַז איך זאָל דאָס נישט באַמערקן. און איך האָבן זיך געמאַכט, אַז איך באַמערק דאָס טאָקע נישט. און אַז עס האָט זיך דאָ געמאַכט די מעשה מיט דעם מענטשן, וואָס איך האָב באַליידיקט און מען האָט זיך צו אים, ווי צום עלטערן און אַנגעזעענערן צווישן אונדז, געווענדט פאַר זיין פסק אויף מיר, האָט ער זיך אָנגערופן:

— עס איז אַזוי די מעשה. אַ מאָדנע מעשה, יאָ: אַ ייד האָט געגעבן אַ טאָלער און האָט געמיינט, אַז ער האָט זיך געקויפט אַ שטאָט אויבנאָן, צום סוף האָט ער זיך גאָר איינגעקויפט אַ מפטיר. דאָס האָט ער אָפּגעזאָגט ערנסט, נאָר נאָכדעם האָט ער מיט אַ שמייכל צוגעגעבן: דער אמת איז, אַז ער האָט נאָך גוט אָפּגעשניטן. יאָ. איך האָב דעם יידן אייגנטלעך געוואָלט וואָרענען: — היט זיך, איגנאַטאָוו איז היינט ווי אַ נאַר־וואָס אויסגעשאָסענער און זאָגן צו אים אַ שלעכט וואָרט וועגן די „שריפטן", אפילו ווען בלויז וועגן דער געשעפטפירונג פון די „שריפטן" איז א גאַר געפערלעך עסק.

ווען מיר זענען זיך נאָכדעם פאַנאַנדערגעגאַנגען, זאָגט מיר הירשביין:

— קומט, איגנאַטאָוו, איך וועל אייך באַגלייטן אַהיים.

— ניין — זאָג איך — קומט, מירן אייך אַלע באַגלייטן אַהיים.

— נו, און ווי אַז איך וויל אייך באַגלייטן, טאָר איך נישט? — האָט הירש־ביין כמעט ווי מיט פאַרדראָס געזאָגט.

און הירשביין האָט אויסגעפירט.

אויפן וועג זאָג איך צו אים:

— הירשביין, איר האָט אַמאָל געבראָכן שטיינער אויף שטיינער אין מיטן נאַכט אין פאַרק?

דאָס האָט געדאַרפט זיין ווי אַן איינלאַדונג — אָט לאָמיר גאָר גיין אין פאַרק. הירשביין האָט זיך געמאַכט ווי נישט־הערנדיק. הירשביין דער מעשהדיקער, און הירשביין דער מענטש פון בלוט און פלייש, דער פאַרשטענדיקער, דער מיט־פילנדיקער מענטש, האָט געוואָלט צעברעכן דעם קלעם אין וועלכן איך האָב זיך געפונען און נישט מיט שטיינער זאָל דאָס געטון ווערן, נאָר מיט ווערטער, מיט

גוטע מענטשלעכע ווערטער. און ער האָט אָנגעשטעלט זיין דעקאָראַטיוון קאָפּ פאַר זיך און ווי מיך ערגעץ מיטשלעפּנדיק געזאָגט:

— סאַראַ נאַכט! די לבנה האָט עפּעס אַזוי ווי אויפגעהויבן און אויסגעגלייכט די גאַסן פון דער שטאָט. ווי אַ מאַמע וואָס וואַשט די וויקלשניר און דאָס אָנטאָן פון איר שלאָפנדיק קינד, האָט די נאַכט איצט געוואַשן די גאַסן מיט לבנה־נאַכט, און מיט דער לבנה ווי מיט אַ פּרעס־אייזן אין איר האַנט האָט זי זיי געבלאַנקט. ס'איז אַ פאַרגעניגן צו גיין איצט איבער די גאַסן. יאָ, איר האָט היינט געהאַט אַ גרויסן טאָג, איגנאַטאָוו. איר האָט געלייענט מיינע מעשהלעך געדרוקט אין... ניין? אָט וועל איך אייך דערציילן.

הירשביינס מעטאָד פון דערציילן, די נאַכט, מיין געמיט און הירשביין אַליין האָבן זיך דאָ צענויפגעשפּילט, און האָבן גענומען וואַשן און לויזמאַכן די דריקנדיקע שווערקייט אין מיר.

הירשביינס ליפּן, די מוסקולן אַרום דעם מויל אינאיינעם מיט זיין קול זענען ווי אַ פיין מאָדעלירט און גוט־געטאָנטער אינסטרומענט, וואָס איז ספּעציעל צוגעפּאַסט פאַר מעשה־קלאַנג, פאַר מעשה־שפּיל. און ווען מיר זענען געקומען צו מיין היים, האָט הירשביין געהאַלטן אינמיטן פון דערציילן אַ מעשה וועגן אַ טראַגישער ליבע. איז געבליבן, אַז איך וועל אים איצט צוריק באַגלייטן. דאָס אייגענע האָט געטראָפן, ווען מיר זענען נאָכדעם צוגעקומען צו זיין טיר און עס איז אויך הירשביינס פאָרשלאָג אָפּגעמאַכט געוואָרן צווישן אונדז, אַז מיר וועלן דאָס מאַכן פאַר אַ נאַכט פון באַגלייטעניש און אַז אָפּשטעלן וועלן מיר זיך ביי דער הויז פון דעם, וועמעס פיס וועלן פריִער מיד ווערן.

דאָס איז געווען אַ נאַכט פון באַגלייטענישן, אַ נאַכט ווען אַ מענטש האָט זיך צוגערוקט נאָענט צו אַ מענטשן, כדי אים, אויף אַ נישט־באַמערקטן אופן, גרינגער צו מאַכן, כדי אים אָפּצווענדן פון זיינע אינעווייניקסטע פּלאָנטערס דורך אָנטקעגנשטעלן אים ענלעכע פּלאָנטערס, אָדער גאָר אָפּווענדן אים פון זיך דורך פאַרפירן אים אין ווייטע לענדער ווו דער מענטש איז נישט געווען און ווו ער, דער פול־באַרייזטער הירשביין, איז יאָ געווען. איך בין אין יענער נאַכט כמעט אַ קינד געוואָרן און ער, הירשביין, האָט מיך ווי אַ דערוואַקסענער, עלטערער ברודער, געפירט ביי דער האַנט און אמתן און וווּנדער געוויזן. איינע פון די מעשיות איז געווען אַ שיינע קינדערשע ליבע זיינע, וואָס האָט זיך זייער טראַגיש געענדיקט. ער איז געוואַקסן אויף אַ דאָרף, איז דאָרט ביי דעם מילנער געווען אַ שיינע טאָכטער און זיי האָבן זיך פאַרליבט, און זיי האָבן געפילט, אַז זיי זענען געבוירן געוואָרן און געוואַקסן איינער פאַר דעם צווייטן. זיי פלעגן אַפילו וויסן, וואָס יעדער פון זיי האָט געטראַכט, ווען זיי זענען געווען ווייט אַוועק איינער פון צווייטן און ווי אַזוי יענע איז גאָר פלוצים, דורך אַ טראַגישן טעות געשטאָרבן. אויב איך געדענק קלאָר איז דאָס, דאַכט זיך, געווען אַזוי — מען האָט דאָרט אין הויז פאַרמישט אין אַ שיסעלע סם פאַר די מייז אויף דער

מיל. זי האָט געדאַרפט אַרויסגיין טרעפן הירשביינען. אַ פּאַרשפּעטיקטע און אַ נישט־געגעסענע האָט זיך אויף גיך איבערגעטאָן און אַריין אין קיך עפּעס אײַ־ בערכאַפּן אויף גיך... זי האָט געמיינט, אַז די מאַמע, כדי צו העלפן דער טאָכטער אין איר איילעניש, האָט דאָ עפּעס צוגעגרייט פאַר איר.

נאָכדעם האָט הירשביין געזומען דערציילן זײַנע ליידן, די ליידן פון אַ טיף פאַרליבטן פּאַראומגליקטן חתן, ווי אַזוי ער האָט נאָכדעם נישט געקאָנט לענגער בלייבן אין דאָרף, ווו יעדער הויז, יעדער שטיין, יעדער בוים האָט אים דער־ מאָנט אָן איר. ווי אַזוי ער איז אַוועק פון דעם דאָרף און פון די מענטשן, דאָכט זיך, אַז טאָקע צופוס, אַוועק אין דער ווייטער וועלט אַריין ביז ער האָט זיך צום סוף דערשלעפּט קיין וואַרשע. דאָרט איז ער דאָס אַ שרײַבער געוואָרן. איינזיצן לאַנג האָט ער אָבער פאַרט נישט געקאָנט. האָט ער אָרגאַניזירט די וואַנדערנדיקע טרופּע, און דאָ האָט הירשביין געזומען דערציילן איינצלהייטן פון דער טרופּע. די פריידן און די ליידן פון אַזאַ אונטערנעמונג, און בשעת־מעשה לויב־געזאַנ־ גען פאַר כמעט יעדערן פון די קינסטלער פון דער טרופּע. אָט די אַלע מעשיות האָבן כמעט אויסגעזען ווי אַ מין אונטערגעשטעלטער שפּיגל, פאַר מיר, אַ ריי־ כער שפּיגל אונטערגעטראָגן פון גוטע חברשע הענט.

איך בין אין יענער נאַכט געווען דער ערשטער מיד צו ווערן; די לעצטע מעשה האָט מיר הירשביין דערציילט שוין זיצנדיק אויף דרויסנדיקע שטיינערנע טרעפּ פון דעם הויז, ווו איך האָב געוווינט. איך געדענק נאָך ווי איצט — דאָס איז געווען אַ מעשה פון זײַנער אַ באָאָבאַכטונג וועגן הינער, וואָס הייבן אָן מיט דעם צופאַלן פון אָוונט, זוכן פאַר זיך אַ צוגעפּאַסט אָרט אויף צו איבערנעכטיקן. דאָס איז אייגנטלעך געווען אַ שטודיע וואָס ער האָט געמאַכט שוין דאָ אין אַמע־ ריקע. זייענדיק אויף אַ פאַרם האָט ער כמעט אויפגעלעבט דעם כאַראַקטער, די פאָרמען און די גרויס פון יעדער הון באַזונדער. די געלע מיט די ראַבע פלעקן פלעגן כמעט שטענדיק זיין די ערשטע אָנצוהייבן דאָס צוגרייטן דעם שלאָף־ פּאַראַד. זי פלעג זיך אַזוי ווי גאָר נישט מיינענדיק, נעמען גיין צו דעם קלאָץ וואָס איז געלעגן אין הויף, זיך אַפילו אַ פּאָר מאָל אָפּקערן אָן אַ זייט פון דעם קלאָץ, כלומרשט זוכנדיק וואָס, פּיקנדיק מיט איר שנאָבל אָן דער ערד. אָט די געלע מיט די ראַבע פלעקן פלעגט פונדעסטוועגן פאַרט זיין די ערשטע אַרויפצו־ שפּרינגען אויף דעם קלאָץ. פון דער קלאָץ פלעגט זי אַרויפפליִען אויפן פּאַרקן. די אַנדערע הינער פלעגן איינציקווייז און אָפּט עטלעכע מיט אַ מאָל אויפּפּאַטשן מיט די פליגלען, זיך צעשטעלן, און זיך פּרווון איינזעצן, ווער אויף דעם קלאָץ, ווער אויפן פּאַרקן, ווער אויף אַן אַלטן פייעטאָן, אַן איבערגעבלייבעץ פון אַמאָליקע יאָרן. נאָכדעם הייבט זיך אָן אַן איבערבײַטן פון פּאָזיציעס. עס זעט אויס, אַז יעדע פון זיי זוכט פאַר זיך אַן אַלץ העכערן פּלאַץ. די געלע הון ענדיקט כמעט שטענדיק אויף דער רונד פון דעם פייעטאָנס בויד. די זון זעצט זיך אויף יענער זייט פּאַרקאַן און די הינער אויפן פייעטאָן און אויף דעם פּאַרקאַן זעען אויס ווי

אַ זוים, און נאָכדעם ווי אַ ראָם צו דער זון. דער האָן בלייבט דער לעצטער אויף דער ערד. אַ שוואַרצער מיט אַ גאָלדענעם האַלדז און אַ שווערן פּייערדיק־רויטן קאַם גייט ער אַרום הין און צוריק, בורטשעט, פּיקט מיטן שנאָבל אויף רעכטס און לינקס, און ווען ער באַשטימט אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, גיט ער אַ פּאַטש אויף מיט פליגלען און פליט אַרויף אויף אַ צווייג פון אַ בוים, בורטשעט אַ ביסל, באַוועגט זיך אַ ביסל אויף דער צווייג הין און צוריק, זעצט זיך איין און שלאָפט איין אינאײנעם מיט די הינער, אינאײנעם מיט דער זון.

איך האָב זיך אין דער נאַכט באַגעגנט מיט דעם סאַמע אינעווייניקסטן פּנים פון פּרץ הירשביין, איך בין געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט אַ מענטשן וואָס איז דאָ און נישטאָ. און ער האָט זיך געזעגנט מיט מיר און ער האָט מיך בייגעקומען, און מענטשלעך און ווונדערלעך איז דאָס געווען.

נו, איצט גייט שלאָפן, איגנאַטאָוו. שוין צייט. יאָ.

הירשביין האָט מיך דאָ אי אויסגעהיילט, אי חבריש איינגעוויגט, אין אַ צייט ווען מיר איז ביטער ענג געווען. איך געדענק דאָס מיין גאַנץ לעבן און בייג פאַר אים טיף מיין קאָפּ.

ווי אַזוי זאָלן מיר דאָס טאָן?

(א. ליעסין)

.1

ווי גוט עס איז דער חיה — זי רעדט נישט.

אָט איז ביי מיר אַ הונט אין הויז. ער האָט מיך ליב, און ער געפינט וועגן ווי אויסצודריקן זיין אומבאַגרענעצטע פרייד מיט מיר, ווי צו טיילן מיט מיר מיין יעדן געמיט־צושטאַנד.

זיץ איך און שרייב, צי איך לייענ, לייגט ער זיך אוועק לעבן מיר און וועט זיך נישט רירן פון אָרט ווי לאַנג דאָס זאָל נישט נעמען. ער ליגט און היט אָפּ די שטילקייט אַרום מיר. הייב איך זיך אויף און נעם אַמאָל אַרומגיין אַביסל אַ צעטראָגענער הין און צוריק, הייבט זיך גלייך אויף מיין הונט אויף אַן אומרויִ־קער און נעמט אינאיינעם מיט מיר מיטגיין הין און צוריק, און אומרויִק, ווי ער איז, פּרוּווט ער פונדעסטוועגן פון מאָל צו מאָל אָנצורירן מיט זיין גוטן עלאַסטישן קערפּער מיין פוס. דער קערפּער טוט דאָס שוין ביי אים אַליין. ער קוקט דערביי אַפילו נישט אויף מיר. ער איז דאָך אויך צעטראָגן און אומרויִק. ער קאָן דאָך אין דער מינוט גאָרנישט טראַכטן פון צערטלעכקייט. טוט דאָס זיין קערפּער פאַר אים, טוט דאָס אַזוי שטיל און אָפּגעהיט. עס טוען דאָס כמעט בלויז די האָר פון זיין לייב. ער וויל נישט שטערן, ער וויל בלויז העלפן, וויל זיך גרינג אָנצינדן אין מיין אויפברויז.

און מיט וויפל פרייד ער באַגעגנט מיך, ווען איך בין אַ לענגערע צייט אַוועק פון הויז! פון פרייד נעמט ער שפּרינגען אין דער לופטן, שפּרינגט אויף די בענקלעך, אָט ווי אים וואָלט זיך מיטאַמאָל וועלן ווערן אַזוי הויך ווי איך, אויסגלייכן זיין פּנים מיט מיינעם. ער שמעקט, ער אָטעמט מיט פרייד. ער מור־טשעט דערביי אַרויס אַזוי חיהש גאַנץ, אַזוי הינטיש גוט, זיינע פריידיקע קלאַנ־גען, כמעט ווי אַ קינד, וואָס קאָן נאָך נישט רעדן. שפּרינגט אַלץ אויף אויף זיינע הינטערשטע פיס, טוליעט זיך צו מיר — אָט כאַטש נעם און האַלדז זיך מיט אים. עס איז אַ פרייד, וואָס איז גאַנץ און גוט .עס איז אַן ווערטער. עס איז

רייך, אוממיטלבאַר לעבן, וואָס גאַרט און קריגט באַרירונג מיט אַן אַנדער לעבע־דיק לעבן. מיר אָבער, וואָס מוזן דאָס טון דורך ווערטער, ווי אַזוי זאָלן מיר דאָס טאָן? ווי אַזוי זאָלן מיר ערן אונדזערן אַ מיטמענטשן, פאַר וועלכן מיר האָבן אַן אינעווייניקסטן געפיל פון דרך־ארץ און ליבע?

פאַרשטעלן אונדז נישט די ווערטער דעם וועג צום אויסדרוק, צום ריינעם עכטן אויסדרוק פון אונדזערע אָנגעזאַמלטע געפילן?

זענען דען נישט ווערטער אַ כמעט פרעמדער, אָפט פאַרפירערישער עלע־מענט?

ווערטער האָבן נאָך דערצו אויף זיך אַ האַרטע הויט אַזאַ און נישט אַלעמאָל געלינגט די הויט צו שפּאַלטן אַזוי, אַז דאָס וואָרט זאָל נעמען שפּראָצן און געבן בלינוג, און אויך דעמאָלט קאָן מען מיט דעם וואָרט נישט אַלעמען מאַכן דער־פילן די עכטקייט פון געפיל אַזוי גוט, ווי דאָס קאָן טאָן די חיה דורך אירע אָן־ווערטערדיקע מיטלען.

ווי אַזוי זאָל מען פאָרט באַגריסן אַ דיכטער אין דעם טאָג פון זיין יובל?

אַ מענטש באַגעגנט אַ מענטשן אויף זיין וועג:

— שיין איז דער היינטיקער טאָג!

— שיין.

— איבער דיין יום־טוב איז שיין דער היינטיקער טאָג.

— איבער מיין יום־טוב?! — פרעגט דער מענטש אָנגעוואָרעמט און פאַר־שעמט.

— און מיר ווילט זיך דיר עפּעס זאָגן היינט.

— נאָך זאָגן?

— יאָ, דער דור, אין וועלכן דו לעבסט קריגט חשיבות דורך דיר. דו גיסט צו זיכערקייט און דערהייבונג צו אונדזער לעבן.

— און דו קאָנסט מיר קוקן אין די אויגן אַריין און זאָגן דאָס?

— יאָ.

— קאָן איך דיר גאַרנישט קוקן גלייך אין די אויגן אַריין. זיי מיר מוחל. איבער אָט די רייד דיינע מאַכסטו מיין פּנים זיך אָפּקערן פון דיר. דו מאַכסט מיר שווער דעם יום־טוב מיינעם מיט אָט די רייד.

— איך צי נישט צוריק מיינע רייד צו דיין יובל, כאָטש איך ווייס — דו ביסט גערעכט. גערעכט, ווייל רייד קענען פאַרשטערן דעם שיינעם יום־טוב. ווען איך וואָלט ווי אַ חיה קאָנען אַ שפּרונג־טון פאַר דיר, קאָנען זיך אַ רייב־טון מיט מיינע האָר, מיט מיין עלאַסטישן קערפּער אָן דיר, וואָלסטו דאָך נישט גע־דאַרפט אָפּקערן דיין פּנים פון מיר, וואָלסט נאָך אפשר אָן שום בושה מיטגע־שפּרונגען און זיך חבריש מיטגעפרייט מיט מיר.

זאָלן זיך דערפאַר מענטשן נישט פרייען מיט זייערע מיטמענטשן, נישט פייערן זייערע יום־טובים?

איך ענטפער: — זיי זאָלן. אָט טו איך דאָך דאָס אויך.

נאָר געדענקען דאַרף מען דערביי די אומבאַהאָלפנקייט און די אָפּטע געפאַר פון וואָרט. און אויך דאָס, אַז די קלאַנגען פון דער נישט־רעדנדיקער חיה זענען גאַנץ און אויסשעפּנדיק פול; אָבער ווערטערדיקע קלאַנגען פון דער חיה־מענטש שעפּן קיינמאָל נישט אויס. זיי לאָזן, דאַכט זיך, שטענדיק אָרט פאַר נאָך און נאָך ווערטער.

נאָר אין דער מוזיק האָט דער מענטש זיך דערהויבן דורך קלאַנגען אַריבער דער חיה. ער האָט דאָ די אַזוי־גערופענע שטומע חיהשע קלאַנגען צוגעגעבן גרויסן מענטשלעכן ווערט, זיי אָרגאַניזירט, אָרקעסטרירט און דערהויבן צו קאָלאָסאַלע פאָרמען פון אויסדרוק.

**
*

עס שטייט געשריבן:

„אין אָנפאַנג איז געווען דאָס וואָרט“.

אָ, ניין! אָ, ניין! דאָס וואָרט איז שוין געווען גאַנץ ווייט פון דעם אָנפאַנג. עס איז כמעט דער גאַנצער מהלך פון בראשית ברא אלהים ביז אלהים ברא בראשית.

דאָס וואָרט איז געבאָרן געוואָרן ביי דעם מענטשן ווען ער האָט זיך אין קרייזן גענומען דרייען אַרום זיך, ווי עס דרייט זיך אַמאָל אַ יונגער הונט אין קרייזן אַרום זיך, וועלנדיק אָנכאַפּן זיין אייגענעם עק.

פון וואַנען קום איך? וווהין גיי איך? — די וויכטיקסטע פראַגע וואָס עס קאָן זיך שטעלן דער מענטש, ווי אַזוי וואָלט זיך דער מענטש געקאָנט קאָנקרעט שטעלן אָן דעם מיטל פון וואָרט?

יאָ, די וויכטיקסטע פראַגע — פון וואַנען קומסטו, וווהין גייסטו? — נאָר ווען דו ווילסט ענטפערן אויף דער פראַגע, קומט אויף דיר די געפאַר פון וואָרט דאָס פאָלק ראַטעוועט זיך אין אַזאַ פאַל און ענטפערט מיט טיפזיניקער פשטות:

טראַ - לאַ - לאַ - לאַ - לאַ - לאַ.
פרעגט די וועלט אָן אַלטע קשיה:
טראַ - לאַ - לאַ - לאַ - לאַ?
ענטפערט די וועלט:
טראַ - לאַ - לאַ - לאַ - לאַ.

.2

ליעסין לעבט אָן אָפּגעזונדערט לעבן. ער איז פון יענע פּערזענלעכקייטן, וואָס קאָנען זיך נישט אויסמישן „ווי עס דאַרף צו זיין“ מיט דער מאַסע. ער קאָן

אַפֿילו נישט לעבן אַזוי גוט און ווײַל מיט די פֿירער פֿון די מאַסן. ער, איינער פֿון די טרעגער און רופֿער פֿון „אַרבעטער פֿון אַלע לענדער, פֿאַראייניקט אײַך״, בלייבט כמעט שטענדיק נישט פֿאַראייניקט, דאַרף כמעט שטענדיק אַ סטענ־דער פֿאַר זיך אַליין און לעבט דאָס לעבן פֿון אַ פּרוש. לייקנט ער דען מיט דעם נישט אין די מאַסן, וועמעס אידעאַל וועגן ברידערלעכקייט ער טראָגט כמעט מיט אַ נביאישן ברען? לייקנט ער דען מיט דעם נישט אָפּ זיך אַליין?

יאָ, דאָס איז אַ דרויסנדיקע סתירה, אָבער אַן אינעווייניקסטע גאַנצקייט איז דאָ פֿאַראַן, וואָס גלייכט אויס, וואָס ווישט אָפּ די סתירה. אַ פּערזענלעכקייט נעמט נישט אַוועק, לייקנט נישט אָפּ, פֿאַרקלענערט נישט דעם ווערט פֿון דער מאַסע. פּונקט ווי די פֿרוכט פֿון דעם בוים נעמט נישט אַוועק דעם חן, מינערט נישט דעם ווערט פֿון דעם בוים.

די פּערזענלעכקייט איז סוף־כּל־סוף דער חלום פֿון יעדן מענטשן, פֿון יעדער מאַסע מענטשן.

ליעסין, מיט די שטאַרקע ציוניסטישע סימפּאַטיעס, דער פֿאַרערער פֿון העברעיִש (קיין העברעיִשער זשורנאַל האָט נאָך קיינמאָל נישט אָפּגעגעבן אַזוי־פֿיל אָרט דער אַקטיווער ייִדישער ליטעראַטור, ווי ליעסין גיט אין דער „צו־קונפֿט״ אָפּ פֿאַר דער ווייניקער אַקטיווער העברעיִשער), שרײַבט פֿונדעסטוועגן אין ייִדיש אַליין אַזוינע טיף־רוסישע לידער, מיט אַזאַ ספּעציפֿיש עכט־רוסישן בענקען אין זיי, ווי אין אים וואָלט נישט נאָר אַ רוס, נאָר אַן אור־סקיף געלעגן. אַזאַ ייִד, ווי ליעסין, קאָן מיט אַזוינע לידער אין אײַך אַמאָל אויפֿטרייסלען אַ בעפֿערלעכן געדאַנק — אפֿשר זענען מיר, ייִדן, גאָר בלויז אַ רוסישער שבט אַזאַ?

אָט לייענט:

זיי גייען דעם לייד־וועג מיט קינד און מיט קייט\
מיט גיריקע ראָבן אין לופֿטן צעשפּרייט,\
אַ גלוט־לאַווע האָט זיך געגעבן אַ ריס,\
אַן ערד אַ פֿאַרברענטע ברוינט אונטער די פֿיס,\
אַ הימל פֿון קופּער שמאַכט איבער די קעפּ\
און שטויב־גראָ אַנטקעגן זיי כוואַליעט דער סטעפּ.

דאָס לאָזט זיך צום מערב אַוועק ווי צו פֿוס\
די וויסטע, פֿון הונגער געטריבענע רוס.

זי גייט מיטן אַלטן היסטאָרישן וועג\
פֿון הון און פֿון טאָטער און פֿון פּעטשענעג,\
און דאָ איז אַ מלבוש, און דאָ איז אַ שפּאָן,\
וואָס האָט נאָך געזען טאַמערלאַן, טשינגיסכאַן.

„אָפּגעריסענע בלעטער"

דאָס בלוטיקע בילד פון אַטילאַן שטייט אויף
און יאָגט אויף איראָפּע אַן אימה אַרויף.
אַ פאַלשע בהלה, אַ שרעקיקע שטות!
דאָס גייט מיטן פּרווו פון דער וועלט־גאולה רוס.

און אַט ווי פאַרליבט ער טראַכט אַלץ און זאָרגט אַלץ פאַר זיין געליבטער רוס:

און נאָכן בלי־טאָג קראַכט אַ שניי־שטורעם ביינאַכט,
און יעדע פרי־שפּראָצונג ווערט אויסגעפרוירן טויט.
איך ליג אין גרויל דערוואַכט, און טראַכט פון דיר און טראַכט:
אָ, רוס, אַ פרי־שפּראָצונג, פון שניי־שטורעם פאַרוויט!

אָדער:

וואָלקן־שטיקער, דיקער בליי,
טשאַטעס סיווע וועלף;
גוואַלטן שפּאַלטן ווי דערביי:
— העלף, אָ, העלף, אָ, העלף!

הער איך דיך, פאַרצוקטע מיין,
טאָקע אויפן וואַר,
וואָלקן־אויס און וואָלקן־איין,
נאָך אַזוי פיל יאָר?

טוליע איך צו דיר זיך טריי,
הער דיין אָטעם צו;
איז דיין קריזיס נישט פאַרביי —
פיבער איך ווי דו.

פאַלט נישט אָפּ דיין וונדן־בראַנד,
דיין קאַשמאַר נאָך ניט,
שטיק איך זיך מיט דיר ביינאַנד,
טרוים דיין היץ־טרוים מיט.

אַלטע, בעטלערישע היים,
ברודנע, נודנע מיין,
קלעפּיק איז דיין ליבער ליים.
קלעפּ מיך ליב אַריין.

דוד איגנאַטאָוו

שפּאַנט אַ וואָלקן־קאַראַוואַן,
שפּאַנט אויך מײַן געמיט;
שפּאַן איך, שפּאַן צו דײַן טומאַן
אַ פאַרבענקטער מיט.

אַלטע ליבע, וויסט און ווינד,
היים דו אַלטע מײַן,
נעם אַרײַן צוריק דײַן קינד
אין דײַן שאַרער שײַן.

אויסגעמאַטערט איז מײַן האַרץ,
אויסגעבענקט נאָך דיר;
אומעט אין דער פרעמד איז שוואַרץ,
קעלט איז קאַלט אָן שיעור.

טרינק איך שיכור דעם גענוס
פון דײַן קראַנקער שײַן,
רויטע פיבערדיקע רוס,
דו קאַשמאַרנע מײַן.

מיר דאַכט אַז נאָר אַ רוס פון דעם שליאַפּניקאָוו־טיפּ ווי איך האָב אים געפּרוווט אויפשטעלן, האָט געקענט פאַרהאַלטן אין זיך אַזאַ עכט אַנגעגליט בענקען נאָך זײַן רוס. ליעסין האָט שוין אָפּגעלעבט אין אַמעריקע נאָענט צו אַ פיר צענדליק יאָרן און דאָך —

ווי עס טוט מײַן האַרץ אַ ציטער,
ווען איך טו דײַן נאָמען הערן:
רוס...

אָבער ליעסינס אומצווייפלהאַפטע רוסישקייט מינערט פאָרט נישט זײַן רײַך־יידישע עכטקייט. עס איז ווייניק צו זאָגן יידיש־עכט — ער איז קאַבאַליסטיש דורכגעלויכטענער ייד.

ליעסינס שפּראַך־פאָרמען, ריטמען און גראַמען זענען גראָד נישט פון דעם לעצטן שניט, אָבער דאָס איז דערפאַר, וואָס ער איז געבליבן געטרײַ זײַן אַנהייב, ער וועט נישט נאָכטאַנצן, ווי עמעצער אַנדערש, גלאַט צו זײַן „מאָדערנע", ווײַל דאָ מוז מען ערגעץ פעלשן אין דער עכטקייט.

אָוונט פאַר די קינות, הימלען פול מיט גאָלד,
ווי מען וואָלט דאָרט הויך פאַרגיטיקן געוואָלט.

אונדזערע נײַערע דיכטער וואָלטן זיך שוין אפשר נישט באַנוצט מיט דעם וואָרט „פאַרגיטיקן" אין דעם פאַל. וויפל אָבער פון זיי וועלן קאָנען אַזוי יידיש־

עכט און ייִדיש־גרויס אויפשטעלן און מאָדעלירן די נשמה און דעם דערהויבענעם קאַמף פון ליעסינס „רבי לוי יצחק באַרדיטשעווער"? („צוקונפט, אַפּריל 1934). נאָר אַזאַ מענטש, וואָס האָט אַזוי הייס ליב זיין פאָלק; נאָר איינער וואָס פילט אַזוי דורכדרינגענדיק טיף די ווייטיקן און ליידן פון זיין פאָלק, האָט זיך געקאָנט אַזוי צונויפגיסן מיט ר' לוי־יצחק באַרדיטשעווער, וואָס איז נאָך ביי זיין לעבן געוואָרן אַ מין מיטאָלאָגישע געשטאַלט, באַרופן צו שטיין צווישן פאָלק און גאָט. דורך לוי־יצחק באַרדיטשעווער לעבט ליעסין פאַר אונדז אויף די פיינע רמזימדיקע פאָלקס־גלייבונגען, וואָס טראָגן מיט זיך דערלייזעריישן, וועלט־באַפרייערישן דראַנג. די שפּראַך מיט אַלע אירע אומגעהויבלעטקייטן פאַרשטעלט נישט ליעסינס אָנגעגליטע נשמהדיקע פאַרערונג פאַר דעם גרויסן פאָלקס־מענטשן.

די גרויסע פאַרערונג ברעכט דורך אַלע צאַמען. ליעסין קנעט דאָ זיין געשטאַלט פון הוילן פייער און כמעט מיט הוילע הענט. ער טיילט מיט, ער ברענט מיט ר' לוי־יצחקס פאַרצווייפלטער האָפענונג, אַז אפשר וועט, לויט דעם פאָלקס־גלויבן, די נאַכט פון קינות פאַרוואַנדלט ווערן אין דער נאַכט פון גרויסער פרייד. לויט אַ מאמר אין דער גמרא דאַרף דאָך טאַקע משיח קומען גראָד אין תשעה־באב. און אין אָט דעם איצטיקן קינות פאַרנאַכט האָט זיך דאָך טאַקע דער הימל עפּעס פאַרט פייערדיקער ווי אַלע מאָל צעצונדן, „זיך פייערדיקער צעגראָבן, פייערדיק צעאַקערט".

זאָל עס וואָס באַדייטן? זאָל עס זיין אַ צייכן,
אַז דער טאָג פון חורבן ווערט דער טאָג פון גאולה,
ווערט דער טאָג פון בנין, ווערט דער טאָג פון גדולה?

עס איז, דאַכט זיך, אַ האָפענונג מיט אַ ספק־ספיקא, אָבער... עס שטייט דאָך אָבער פאָרט פאַרשריבן, אַז דער טאָג פון טרויער קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין דעם טאָג פון אייביקער געגאַרטער פרייד; משיח קאָן קומען פּונקט אין דעם טאָג און איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויסלייזן די גאַנצע וועלט. אויפן מערב־הימל קעגן זיין פענצטער נעמען זיך ממש ווייזן וווּנדער. זיין זוהרדיק אָנגעזאָפּט אויג, זיין קאַבאַליסטישע נשמה, זיין גרויסער פאַרלאַנג צו באַפרייען און אויסלייזן דאָס פאָלק, שפּילן זיך פאַנאַנדער. מען וואַרט דאָרט אין שול אויף אים מיט קינות; אָבער ניין... דאָ וועט עפּעס באַלד געשען. ער גייט נישט אַוועק פון פענצטער.

קוקט דער רב, עד כלות הנפש איינגעשפּאַרט,
קוקט ווי דורכן פענצטער טיף אין זיך און וואַרט,
און וואָס פאַרכטיקער דער אונטער־הימל גליט,
אַלץ פאַרצווייפלטער צעברומט זיך זיין געמיט,
ווי ער טראַכט פון פאָלק ישראל פון דעם ליבן.

און ליעסין, וואָס קאָן איך אָפּט מאַכן טראַכטן אַז ער איז אַ סלאַוו, קרעכצט דאָ אויף ייִדיש־עכט אינאיינעם מיטן רב:

קרעכצט ער איבער אַלע קרעכצן פון ישראל
אונטער דער פאַרפלוכטער הערשאַפט פון סמאל —

ביי דעם פּאָליאַק, ביי דעם קאָזאַק, ביי דעם טערק,
צווישן פעסלעך בראָנפן, אויף די וויסטע מערק,

בלודנע בזויהדיקע, אומגעטריבענע,
דאָך געהייליקטע און טריי־געבליבענע,

טויזנטער פון יאָרן אין די ווילדסטע שרעקן,
דאָך אין קדושה גרייט דעם האַלדז צום חלף שטרעקן;

וועלן זיי שוין זען די גאולה, די געגאַרטע?
צי זיי בלייבן ווייטער־ווייטער אָפּגעטאַרטע?

— ווי אַזוי פּאַרט קומט דאָס, וואָס ליעסין איז אַזוי עכט־רוסיש און עכט־ייִדיש? ווי אַזוי קאָן אַ מענטש זיין גאַנצע צוויי איינסן?

— אַ חיה לעבט בלויז אין אירע אינסטינקטן; אַ מענטש לעבט אין און אויסער זיינע אינסטינקטן. אַ ייִד לעבט אין און אויסער זיין פאָלק, און ליעסין איז אַן עכטער ייִד.

— קאָן אַ מענטש זיין צוויי גאַנצע איינסן?

— אַ ייִד ווי ליעסין קאָן.

3.

ליעסין! ווי איר זעט, גלייב איך, אַז מיר דאַרפן פאַר אייך זינגען שירה היינט; שירה, נישט קיין קריטיק. קריטיק — דאָס איז דאָך בלויז אַ רעצעפּט אַזאַ. איך האָב אָבער מורא פאַר די מענטשלעכע ווערטער. אַפילו ווען אַ מענטש היט דאָס וואָרט, איז אפשר האָט ער דאָס צופיל געהיט און אפשר — נישט דערהיט. וואָרט איז דאָך פּאָרט אַ גאַנץ אַנדער גאַטונג ווי געפיל. מען קאָן מיט דעם פּאָרט נישט זיין אַזוי זיכער און עכט, ווי די חיה מיט איר געפיל. מיר, וואָס זענען אַזוי פיל מער פון דער חיה, דורך דעם וואָס מיר האָבן זיך דערוואָרבן דעם וווּנדערלעכן אינסטרומענט — דאָס וואָרט, האָבן זיך אויסגעלערנט צו איי־בערזעצן אונדזערע געפילן אין ווערטער. איבערזעצונג האָט אָבער קיינמאָל נישט די עכטקייט פון אָריגינאַל.

— מיר אָבער קאָנען זינגען שירה און חיות קאָנען נישט.

— חיות קאָנען יאָ זינגען שירה. — אָט וועל איך אייך אויף דעם אַן אמתע מעשה אַזאַ דערציילן:

מיין פֿאָטער איז געווען אַ קליי־קאָכער און זיין „זאַוואָד" איז געשטאַנען וויט הינטערן שטאָט. אויף צו קומען צום „זאַוואָד" האָט מען געדאַרפֿט דורכגיין די גוישע גאַס, נאָכדעם — דעם אַלטן בית־עולם, נאָכדעם ערשט — די נייע גוישע גאַס, די „ווידומקאַ". דעם טאַטן האָט מען געדאַרפֿט טראָגן וואַרעמעס אין זאַוואָד אַריין און איך בין געווען נאָך אַ קליין יינגל און האָט מורא געהאַט פֿאַר דער גוישער גאַס, פֿאַר די „שקצים", פֿאַר די הינט, פֿאַרן בית־עולם, פֿאַר דעם קליינעם בריקל, וואָס מען פֿלעגט נאָכדעם דאַרפֿן אַריבערגיין. אונטער דעם בריקל זענען געלעגן באַהאַלטן נישט־גוטע אָדער פֿאַרשפּעטיקטע מתים, וואָס האָבן זיך נישט צייט געהאַט אַריינצוכאַפּן אין זייערע קברים גלייך ווי דער האָן האָט פֿאַרשניטן זיין קריי. מיין שרעק פֿאַר אָט די אַלע זאַכן איז געווען אַזוי גרויס, אַז ווען מיר פֿלעגט אַמאָל אויסקומען פֿאַרבייגיין אָט די אַלע פֿלעצער אינאיינעם מיטן טאַטן, פֿלעג איך זיך דערבײַ זייער שטאַרק טוליען צו אים. פֿונדעסטוועגן, ווען איך פֿלעג זיין פֿריי פֿון חדר, פֿלעג איך נישט אַנדערש וועלן, אַז מען זאָל מיר געבן צו טראָגן דעם וואַרעמעס צום טאַטן אין זאַוואָד. די שרעק פֿאַר אָט די אַלע שרעקלעכע פֿלעצער האָט מיך גאָר געלאָקט. מיר פֿלעגט זיך דווקא וועלן אַליין, אָן דערוואַקסענע ביי מיין זייט, איבערלעבן די גאַנצע, די פֿולע שרעק.

און אַז איך האָב דאָס אויסגעפּירט, האָב איך נאָכדעם געוואָלט אויספּירן נאָך אַ זאַך:

דער קליי ווערט געקאָכט פֿון „מעזדרע", אַזאַ אויסגעטריקנטע שאָבעכטס פֿון פֿעל. פֿאַרטאָג פֿאַרלייגט מען דעם קעסל מיט פֿרישע מעזדרע, מען פֿאַרגיסט מיט אַ הונדערט אָדער מער עמער וואַסער און מען לאָזט אים אויפֿקאָכן.

האָב איך זיך איינמאָל אַנגעטשעפּעט, אַז איך וויל זיין דער, וועמען מען זאָל לאָזן נעכטיקן אין זאַוואָד אויף אַרויסצולאָזן אָט דעם דריטן קעסל אינמיטן דער נאַכט. אָט די שרעק פֿון בלייבן איינער אַליין איבערנאַכט אין זאַוואָד, וואָס געפֿינט זיך וויט הינטער דער שטאָט, האָט, ווייזט אויס, געהאַט אַ מאַגנעטישע ווירקונג אויף מיר.

דער פֿאָטער האָט מיך שטאַרק ליב געהאַט. ערשטנס, ווייל איך בין געווען דער מיזיניק און צווייטנס, ווייל איך בין געווען אַ זייער גוטער צוהערער פֿון זיינע בעל־שם־טוב מעשיות, וואָס ער פֿלעגט מיר דערציילן „אויף אַ פֿולער וואָך". האָט ער מיר סוף־כל־סוף נאָכגעגעבן.

די צווייטע געביידע אויף דעם אָפֿענעם הינטער־שטאָטישן פֿעלד, לעבן מיין פֿאָטערס זאַוואָד, איז געווען דאָס שטאָטישע שלאַכטהויז (די באַינע). איך האָב זיך דאָרט פֿאַר דער צייט געהאַט באַקענט מיט די קצבים־יונגען. האָב איך זיי דערציילט, אַז איך גיי היינט בלייבן אויף דער גאַנצער נאַכט אַליין אין זאַוואָד. האָבן זיי מיך באַזאָרגט מיט געווויסע טיילן פֿון געשאָכטענע באַראַנעס, וועלכע זענען גוט צו בראָטן אויפֿן פֿייער. דער אויוון און דאָס פֿייער אונטערן קעסל

זענען געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט אַהין געקענט אַריינלייגן אַ גאַנצן אָקס צום בראָטן.

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. איך בין מיר געלעגן פאַרן פייער, געבראָטן דאָס פלייש, וואָס איך האָב אַרויפגעשטעקט אויף אַ לאַנגן אייזערנעם שטעקן. איך, אַן אָפּגערוקטער פונעם פייער, בין אינגאַנצן פאַרגאָסן מיטן רויטן אָפּשיין. איך ווייס, אַז איך בין רויט. רויט פאַרגאָסן איז אויך די גרויסע שטיק ערד אַרום מיר. דער שטעקן, אויף וועלכן איך האַלט אין בראָטן דאָס שטיק פלייש, איז צו מיר ווי אַ שפּיז. איך פיל זיך ווי אַ ריז, ווי אַ גזלן פון אַ מעשה. איך וווּנדער זיך, וואָס די גרויסע שרעק, וואָס איך האָב דערוואַרט איבערצו־לעבן דאָ אין דער נאַכט, איז גאָר נישטאָ; סיידן נאָר ווען איך גיב אַ קוק אויף דער טיר, וואָס איך האָב פאַרשלאָסן נאָך זיך ביי מיין אַריינקומען. אויף יענער זייט טיר, פיל איך, איז דאָ שרעק. און דערצו נאָך ווייס איך, אַז הינטער דער באַינע ליגן אַ סך ווילדע הינט, זיי קענען צערייסן אַ מענטשן. זיי זענען ווי ווילדע וועלף, זיי לעבן דאָך שטענדיק אויף פרישן בלוט און פלייש־אָפּפאַל.

עס דערהערט זיך פּלוצים אַ שרעקלעכער געוויין נישט ווייט אַרויף אויף די גרויסע פעלדער וואָס צום וואַלד. דאָס איז נישט קיין מענטש, ניין; דאָס האָט זיך אַ הונט אַזוי פאַנאַנדערגעוואָיעט אין דער נאַכט. מיין שרעק ווערט אָבער פון דעם נישט קלענער. די גאַנצע לופט נעמט זיך פון אָט־דעם פול־האַלדזיק ווילדן וואָיען טרייסלען אינאיינעם מיט מיר. און אָט שליסט זי זיך אָן נאָך איינער און נאָך איינער. עס גרוילן מיר אויף די ציין פון מויל.

און אינמיטן פון אַלץ פאַלט מיר נאָך איין: ווען הינט בילן אַזוי, הייסט דאָך דאָס, אַז דער מלאך־המות קומט אין שטאָט אַריין. ער קומט מן־הסתם איצט פון דעם אַנטקעגנדיקן וואַלד אַרויס, דער מלאך־המות מיט די טויזנט אויגן — אינגאַנצן געמאַכט פון אויגן...

און ווי אַ היפּנאָטיזירטער הייב איך זיך אויף, עפן אויף די טיר. איך ווייס, אַז אויף יענער זייט האָט די גאַנצע צייט געוואַרט די שרעק און איצט, נאָך די שרעקלעך־וואָיענדיקע הינט און דער טויזנט־אויגיקער מלאך־המות, אָבער איך גיי אַרויס אינאיינעם מיט מיין גאַנצער שרעק, האַלט זיך אָן מיט מיינע פלייצעס און מיט מיינע הענט אָן די ווענט פון זאַוואָד און רוק זיך ביסלעכווייז צו זיין אָפּנסטן, דרויסנדיקסטן ווינקל, ווו די שרעק קאָן אַ בליץ־טון און מיך דערהר־גענען. מיינע אויגן דערזען גלייך דאָרט אַרויף דעם גרויסן שוואַרצן וואַלד. איך מעסט דעם גאַנצן שטח פון דעם גרויסן אָפענעם פעלד וואָס לויפט צום וואַלד — קיין געשטאַלט געמאַכט פון לויטער אויגן זעט זיך נישט.

עס זעט זיך אָבער אָנזעעוודיק אָן אַ גרויסע בלאַנקע לבנה. דער בלויער הימל איז כמעט ווי נישטאָ. די לבנה מיט איר ליכט האָט אים ווי צעשמאָלצן און איצט גייט זי זיך איינע אליין איבער דער לופט פון וואַלד און פעלד, שפּיגלט אָפּ מיט לבנה דעם פאַנאַנדערגעקאָטשעטן טייך, וואָס גיסט זיך אַרויס פון אַ זייט

פון דעם דעמבבענעם וואַלד. דער טייך שפּרייט און מישט זיך דאָרט אויס אין איין פלאַך מיט דעם גרויסן, ברייט־פאַנאַנדערגעשפּרייטן אוקראַיִנישן פעלד. און אויף דעם מיטן פון פעלד שטייען פאַנאַנדערגעוואָרפן אַ צאָל הינט מיט אויסגעצויגענע העלדזער, מיט קעפּ פאַרריסענע צו דער באַפרייטער לבנה איבער זיי און זינגען איר שירה מיט זייער ווילד־אויפטרייסלענדיקן וואָיען; ווילדע הינט זינגען שירה צו דער לבנה, און פון הינטער דער באַינע ציִען זיך נאָך אַלץ נייע און נייע איינציקע הינט, קומען אָנצושליסן זיך אָן דער צעשפּרייטער גרופּע, פאַררייסן די קעפּ מיט אָנגעצויגענע העלדזער, וואָיען אויף, טרייסלען אויף, האַמערן כישופדיק אויס זייער גרויסע שירה צו דער נאַכט, צו דער לבנה און צום וואַלד.

יאָ, איך מיט מיינע אייגענע אויערן און אויגן האָבן געהערט און געזען ווי הינט האָבן געזונגען שירה, באַווירקטע פון אַ וווּנדערלעכער לבנה־נאַכט.

אָן נאָטן, אָן ווערטער און אַזוי גאַנץ און גרויס...

4.

דער תיקון פון וואָרט ליגט דאָך באמת מער אין דער רעגונג, וואָס באַוועגט אונדז צו עפענען דאָס מויל, ווי אין דעם וואָרט, וואָס מיר רעדן אַרויס. עס וואָלט זיך וועלן געפינען אַ וועג ווי אַזוי זיך אונטערצוגראָבן מיטן וואָרט אונטערן וואָרט. אַזאַ וועג איז נישטאָ. כאָטש נעם בלייב שטום.

מיר האָבן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געפייערט מאַני לייבס יובילײ. לייעסין האָט נישט נאָר אָנגענומען אין דעם יובל־קאָמיטעט, נאָר ער האָט אויך, צו אונדזער אַלעמענס שטוינען, אָנגענומען צו זיין איינער פון די רעדנער. מיר קאָנען אַלע לייעסינען און האָבן דאָס אָנגענומען, אַז לייעסין מיינט בלויז אונדז צו דערלויבן באַנוצן זיין נאָמען. ווי דערשטוינט זענען מיר אָבער געוואָרן, ווען לייעסין איז טאַקע געקומען צו דער פייערונג און איז אַרויף אויף דער בינע. אונדז איז פונדעסטוועגן נאָך אַלץ נישט איינגעפאַלן, אַז לייעסין וועט זיך אויפשטעלן רעדן. אָבער לייעסין איז גראָד יאָ געקומען רעדן. עס איז געווען אונדזער אַלעמענס נישט־גלייבלעכע פריידי, אונדזער אַלעמענס פייערלעכסטע מינוט. דער פּאָרזיצער, ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, שטעלט פאָר לייעסינען. לייעסינס ברייט־ביינערדיקע קורץ־געוואקסענע פיגור, מיטן גרויען שווערן קאָפּ הייבט זיך אויף, מאַכט אַ פּאָר טריט אויף דער בינע, גיט אַ קוק אויף דעם עולם, דער בלאַסער קאָפּ גיט אַ מין פאַרשולדיקטן און קינדעריש־ליכטיקן שמייכל, גיט נאָך אַ טראַט, צוויי טריט, בלייבט שטיין; אָט עפנט ער דאָס מויל, מאַכט אַ באַוועגונג מיט דער שווערער האַנט, גיט זיך אַ הייב. אָבער דאָס צעעפנטע מויל מאַכט בלויז נאָך ברייטער און ליכטיקער דעם שמייכל אויף זיין פּנים. די אויפגעהייבענע האַנט לאָזט זיך אַראָפּ אויף זיין ברוסט. זיין גאַנצע סקולפּטורעל־שווערע פיגור האָט דאָ פּאָר אַלעמען אויפגעלויכטן מיט די פיינע רעגונגען פון זיין נישט־גערעדטער

רעדע. דער גאַנצער גרױסער עולם אין דעם זאַל האָט דאָס דערפילט מיט אַלע זײַנע חושים. עס איז געװען אַ געשעעניש, װאָס האָט זײ אַלעמען אױפגעהױבן פון די ערטער. זײ האָבן אױסגעשריִען פון פרײד. זײ האָבן אַלע האַרציק אַפּלאָדירט ליעסינס גוטע אָן־װאָרטערדיקע רעדע.

יאָ, ליעסין איז געקומען רעדן צו דער פײערונג און ער האָט גערעדט אָן װערטער, גוט אַזױ גערעדט.

5.

ליעסין איז אַ רעליגיעזער סאָציאַליסט.

װאָס איז דאָס אַזױנס? און װער דאַרף דאָס האָבן?

קלאָרער, ניכטערער סאָציאַליזם איז דאָך אין זיך אַלײן אַ גענוג גרױסער אידעאַל און אַ סאָציאַליסט קאָן זיך אין אים אױסלעבן אָן דער צעמישונג פון רעליגיעזקײט, פּונקט װי אַ רעליגיעזער מענטש קאָן זיך אױסלעבן בלױז אין רעליגיע אָן דער צעמישונג פון סאָציאַליזם. רעליגיע און סאָציאַליזם דאָס זענען דאָך צװײ באַזונדערע אמתן אַזױנע. פון אַ געװיסן װינקל אַרױס, װידערשפּרעכן זיך אַפילו אָט די בײדע אמתן.

עס איז אָבער פאַראַן אַ דריטער אמת — אַזאַ װאָס איז כולל אָט די בײדע אמתן. דורך אָט דעם דריטן אמת קומט אױס, אַז די בײדע באַזונדערע אמתן זענען אײגנטלעך צװײ העלפט פון אײן גאָר גרױסן גאַנצן אמת. און עס זענען ממילא פאַראַן מענטשן אין װעלכע אָט דער דריטער אמת ברענגט צו תיקון אָט די צװײ בשותפותדיקע, נײטיקע אמתן.

איך װאָלט געזאָגט:

אויב אַן אָפּגעהיטער רעליגיעזער מענטש איז אַ צדיק, דעמאָלט איז אַ רעליגיעזער סאָציאַליסט — צדיק ונורא על ראש!

זײ, די פּאָר רעליגיעזע סאָציאַליסטן װאָס געפינען זיך צעװאָרפן דאָ און דאָרט איבער אונדזער ײדישער װעלט העלפן פיל מיט די שאַפנדיקע גײסטער פון אונדזער דור. און זײ זײַנע געװײנלעך אַלײן שאַפנדיקע מענטשן. — זײ באַלױכטן אונדזער לעבן. זײ שפּרײטן אױס ליכט קרײזן איבער אונדזערע קעפּ.

(„צוקונפט“, מערץ, 1936).

מיר צינדן ליכט

(בן־אדיר)

מיר צינדן ליכט.

ערגעץ האָב איך געלייענט:
מיר צינדן ליכט, ליכט,
און אַנדערש איז יעדער ליכט —
פאַר דעם מזבח.

.1

און מיר, וואָס באַגלייטן לעצטנס אַזוי אָפט מענטשן, וואָס גייען אַוועק אַהין אויף יענער זייט ברעג, מיר קערן זיך אום צוריק און זע — מיר ברענגען אויך מיט זיך צוריק די, וואָס מיר האָבן אַרויסבאַגלייט. און זע — געלייטערטער און דורכזיכטיקער ווערט אונדזער בליק, געלייטערטער און זיכערער ווערט פאַר אונדז דאָס לעבן נאָך אַזאַ באַגלייטונג...

דאָס, וואָס די אַרויסבאַגלייטע זענען ווידער מיט אונדז, ברענגט נייע האָפ־טיקייט, נייע וואָג, ניי ליכט צו אונדזער זיין.

.2

אַט האָט געלעבט מיט אונדז בן־אדיר...

אַ לעבן אַ גאַנץ האָט ער געזען — דאָס לעבן האָט טויזנטער וועגן, נאָר זיין וועג איז איינער און אָפּהיטן מוז ער אים צום טראָץ פון אַלע אַנדערע וועגן.

ער האָט מיט טיפן ווייטיק געזען, אַז נישט דערפאָלגרייך איז זיין וועג, נאָר גיין אויף אים מוז ער. ער האָט געוווסט — אַ נייטיק־אויסגעלייטערטער געדאַנק פאַר אַ פאָלק, פון וועלכן דאָס פאָלק וויל נישט הערן, איז אַ משא אַ שווערע. נאָר שווער ווי דאָס איז — עמעצער אין פאָלק מוז דאָך אָט די משא טראָגן, עמעצער מוז דאָך אָט־דעם שווערן בן־אדיר־וועג גיין.

3.

אַ סך זענען די געדאַנקען און די וועגן פון אַ פאָלק, דאָס פאָלק דאַרף פאַר זיין מהות אָט די אַלע געדאַנקען און וועגן, ווי עס דאַרף אַ לעבעדיקער קערפּער זיינע אַלע גלידער האָבן.

האָט בן־אדיר אַ לעבן לאַנג געגלייבט, געגלייבט און געליטן פאַר דעם געדאַנק, אַז ייִדן זענען אַ נישט־נאָרמאַל פאָלק, אַ נישט־נאָרמאַלער גליד אין דעם קערפּער פון די פעלקער, און אַז כדי צו ווערן נאָרמאַל, דאַרפן מיר האָבן אַן אייגן לאַנד, אַן אייגענע טעריטאָריע.

איך ווידער גלייב גראָד, אַז די ייִדן זענען דאָס נאָרמאַלסטע פאָלק צווישן די פעלקער פון דער וועלט, און טאַקע גראָד דערפאַר, וואָס די פעלקער האָבן פאַר זיך די וועלט אויף אָפּגעגרענעצטע טעריטאָריעס צעטיילט, די לענדער זענען פאַר זיי נאָך אַלץ כמעט דאָס, וואָס נאָרעס זענען פאַר חיות, און מיר — אָט זעט פעלקער פון דער וועלט! — מיר לעבן, מיר לעבן שוין טויזנטער יאָר און גראָד נישט אין דעם זכות פון דעם, וואָס מיר האָבן אַן „אייגן, אָפּגעגרענעצט לאַנד״. אָפּגעגרענעצטע לענדער דעגענערירן די פעלקער, ברענגען זיי אָפּט צום דערנידעריקטן חיה־שטאַנד און טרייבן זיי צו אומזיניקע מלחמות, פאַרוואַנדלען זיי אָפּט אין פּשוטע רויבער־באַנדעס.

אַ פאָלק — דאָס זענען די מעשׂיות, וואָס דאָס פאָלק דערציילט, דאָס זענען די מעשׂיות, וואָס דאָס פאָלק פאַרהייליקט, און נישט די טעריטאָריע, וואָס מען באַוווינט.

אַ פאָלק, וואָס האָט פון סוכּות אַ יום־טוב געמאַכט, איז אַ נאָרמאַל און ווייטזעעריש פאָלק. אַזאַ פאָלק האָט געבויט אויף מענטשלעכערע און אויף זיכערערע פונדאַמענטן, ווי די פעלקער, וואָס האָבן געבויט פעסטונגען ביי זייערע גרענעצן.

און דאָך — דאָך האָב איך אַזוי נייטיק געדאַרפט דאָס וויסן, אַז עס לעבט צווישן אונדז בן־אדיר, אַ מענטש, וואָס ווערט נישט מיד צו טראַכטן און צו זאָגן מיט אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער עקשנות, אַז מיר זענען אַ נישט־נאָרמאַל פאָלק, ווייל מיר האָבן נישט קיין אייגן לאַנד, קיין אייגענע טעריטאָריע; אַז מיר דאַרפן, מיר מוזן האָבן אַ טעריטאָריע און אַז דאָס איז דער איינציקער אויסוועג אונדזערער, און אַז דאָס קען דערגרייכט ווערן, אַז דאָס איז אַ בייטיקער מוח און איז פּאַקטיש, וויסנשאַפטלעך מעגלעך.

איך האָב דאָס אַלץ געדאַרפט, ערשטנס, כדי צו קענען רעווידירן און פאַרמעסטן מיין געדאַנק קעגן זיינעם, און צווייטנס — אינאיינעם מיט מיין שטאָלץ זיין אויף דעם, וואָס איך בין אַ זון פון דעם גרויסן צווישנפעלקערלעכן ייִדישן פאָלק, ווייס איך אָבער וועגן דעם פּריַיז, וואָס מיר דאַרפן פאַר דעם צאָלן. אַ פּריַיז, וואָס דריקט זיך אויס אין שווערע אָנגעשוואָלענע, שווער־אַנגעווייטיקטע עמיגראַציע־שטראָמען. איך ווייס, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען מען זאָל אָט די

שטראָמען קענען אָרגאַניזירן און זיי פּלאַנמעסיק ברענגען צו ערטער, ווו מען זאָל מיט זיי קענען בויען נייע שטעט און דערפער, ווו עס זאָל קענען בליִען אויפגעיונגט און אויפגעכוחט ייִדיש לעבן און ייִדיש וואָרט.

יאָ, עמעצער אין פאָלק מוז דאָך אָט דעם טעריטאָריע־געדאַנק טראָגן...

.4

פאַראַן אַנדערע וויכטיקע זאַכן, וואָס וואָלטן נישט געשען, ווען נישט בן־אַדיר. דער אַלוועלטלעכער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז אין 1937 וואָלט זיכער נישט אָפּגעהאַלטן געוואָרן, ווען נישט די מאָראַלישע וואָג פון דעם ביז גאָר ריינעם בן־אַדיר.

מען האָט, דאַכט זיך, אַרום יענער צייט כמעט אַזוי ווי פאַרגעסן, אַז צווישן אונדז לעבט און ווירקט בן־אַדיר. דערמאָנט האָט מען זיך, אַז ער איז דאָ און אַז זיין ווירקונג איז גרויס, ווען מען האָט דערזען, אַז ער האָט זיך אונטערגעשריבן אינאיינעם מיט קאָמוניסטן אויף דעם אויפרוף אָפּצוהאַלטן אַן אַלגעמיינעם ייִדישן קולטור־קאָנגרעס.

פריינט און פיינט האָבן דאָ מיט אַמאָל דערפילט דעם גרויסן כּוח פון דעם שטילן, פאַרשוויגענעם בן־אַדיר. עס איז פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז אָט דער קאָנגרעס־געדאַנק ווערט אַן ענין פון גרויסער וויכטיקייט, ווייל צווישן זיינע פאַרטראַכטער און רופער שטייט דער ערנסטער, גראַדליניקער, נישט־קאָמפּראָמיסלעכער און עקשן בן־אַדיר.

דער קאָנגרעס איז געווען און פאַרבליבן אַ גרויסע געשעעניש אין אונדזער לעבן און — ווי איך האָב שוין אַמאָל געשריבן, ווען עס האָט געהאַלטן גאָר שלעכט מיט דעם גרויסן צוזאַמענפאָר, ווען איך און אַנדערע האָבן שוין געהאַט פאַרלוירן די האָפענונג, איז אין דעם סאַמע קריטישן מאָמענט בן־אַדיר, ממש ווי אליהו הנביא, געקומען און געראַטעוועט דעם קאָנגרעס.

אַלע האָבן געוווסט, אַז בן־אַדיר איז אַן אויסגעהאַלטענער קעגנער פון די קאָמוניסטן. קיינער האָט אים נישט חושד־געווען, קיינער האָט בן־אַדירן נישט געקענט חושד זיין אין פּאָליטישע פּניות. בן־אַדיר איז דאָ צוגעגאַנגען צום ענין, ווי אַ זון פון דעם עם־הספר. יעדער ייִד, נישט־קוקנדיק צו וועלכער גרופּע ער געהערט, האָט אַ חלק אין ייִדישן בוך, אין ייִדישן וואָרט, אין ייִדישן ספר.

איך דערמאָן זיך — מען האָט דאָ אין אַמעריקע געזוכט אונטערשריפטן פון שריפטשטעלער קעגן דעם ייִדישן קולטור־קאָנגרעס. ליעסין האָט מיר דערנאָך, ביי מיין קומען צוריק פון פּאַריז, געזאָגט:

מען איז געקומען צו מיר, איך זאָל זיך אונטערשרייבן קעגן קאָנגרעס, אָבער איך האָב דאָס נישט געקענט טון, מיין האַנט האָט זיך אָפּגעזאָגט: איך האָב נישט געקענט האָבן מיין האַנט קעגן בן־אַדירן.

5.

נישט דערפאָלגרייך, אָבער געהייליקט אויסדערווײלט איז געווען בן־אַדירס וועג. שווער איז געווען זיין משא. נאָר טראָגן האָט מען זי געמוזט דורך פאַר־פאָלגונגען, דורך הונגער־יאָרן, דורך וואָגלענישן פון לאַנד צו לאַנד, דורך שווערע און ביטערע ליידן פאַר דעם קיום־האומה.

באַגראָבן מיר טאַקע אַ מענטשן, אויף וועלכן מיר זאָגן: ער איז געשטאָרבן? ניין, אין קבר לייגן מיר אַריין אַ הויפן טויטע ביינער בלויז.

דעם לעבעדיקן מענטשן נעמען מיר מיט מיט זיך.

און זעט — מיר דאַרפן דאָך נאָך נייטיק האָבן בן־אַדירן מיט זיך.

און מיר, וואָס האָבן אים אַרויסבאַגלייט אַהין, אויף יענער זייט ברעג, מיר האָבן אים נאָך דעם געבראַכט מיט זיך צוריק פון אויף יענער זייט ברעג.

אַ שטילער איז ער געווען צווישן אונדז און אַזאַ גרויסער זיכערער כוח איז אין זיין שטילקייט געווען. איצט איז ער ווידער צווישן אונדז און נאָך כוח־דיקער, זיכערער און ליכטיקער איז זיין זיין צווישן אונדז.

(„אויפן שוועל", 1943)

חיים קראָל

(זיין ליידן און זיין לייטערונג)

1.

מענטשן טראָגן זיך אַרום מיט זינד און זינד. — זינד, אין וועלכע מיר זענען שולדיק און אויך מיט זינד, אין וועלכע מיר זענען נישט שולדיק.

עס איז נישט גאָר גרינג זיך אויסצוקויפן פון זינד, אין וועלכע מען איז שולדיק. עס איז אָבער ביז גאָר שווער זיך אויסצוקויפן פון זינד, אין וועלכע מען איז נישט שולדיק.

אָט איז חיים קרול געווען קראַנק פאַר אַ סך יאָרן. קיינער פון אונדז האָט נישט גורם געווען זיין קראַנקייט, איז נישט שולדיק געווען אין עדר פאַרצויגנ־קייט פון זיין קראַנקייט, האָבן אָבער אַלע געוווסט אַז ער, דער פיינער דיכטער פון אומצווייפלדיקן, ריינעם, רעליגיעזן, תפילהדיקן אויפבעמען פון געפילן און זאַכן, ליגט שוין יאָרן אַ באַפאַלענער פון אַ נישט צום אויסהיילנדיקער קראַנק־הייט און העלפן אים האָבן מיר נישט געקענט. אונדזער אומבאַהאָלפנקייט האָט זיך געלייגט ווי אַ שווערע זינד אויף אונדז.

עס איז אַפילו געוואָרן שווער צו קומען אים באַזוכן אין שפּיטאָל. האָט מען דען געקענט צוקוקן זיין גראַדנווייזן אויסגיין וואָס האָט זיך אַזוי ברוטאַל גע־צויגן פאַר יאָרן און יאָרן אָן אַ געפיל פון שולדיקייט? ווער קען קוקן אויף די ליידן פון אַ מאַרטירער און זיך נישט פילן שולדיק דערביי?

וואָלט כאָטש חיים געווען פון די דיכטער וואָס שרייען פון זייער מאַר־טירערײַ, וואָס קלאָגן, וואָס מאָנען.

פיזיש איז חיים איינגעגאַנגען פון טאָג צו טאָג, דער געדאַנק אָבער איז ביי אים געבליבן שטענדיק ליכטיק, שטענדיק זעעריש און קלוג. ער האָט זיך אויפגעהויבן איבער זיינע פיזישע ווייטיקן. ער האָט פאַרשטאַנען, האָט פאַרגעבן. ער האָט נישט פאַרשוועכט זיין מאַרטירערײַ מיט קלאָגן־זיך. האָט מען דערפאַר נישט געהערט. איז מען דערפאַר נישט געקומען און אים נישט דערמאָנט אַפילו ווען מען האָט געדאַרפט, און אונדזער שולדיקייט איז געוואַקסן.

אַ זינד און אַ ווייטיק איז אַזאַ אומבאַהאָלפנקייט. — אַזוי פיל טויזנטער יאָרן האָבן מענטשן געלעבט און זיך אַלץ נישט אויסגעלערנט צו העלפן זיך קעגן זינד, אין וועלכע מען איז נישט שולדיק.

קרול האָט אָבער קיין טענות נישט געהאַט. ער האָט פאַרשטאַנען און פאַר־געבן: — ווייניק מענטשן קומען אים באַזוכן — ווייל מענטשן זענען פאַרהאַוועט. קענען זיך נישט נעמען אין הענט אַריין, אַנדערע זענען אומבאַהאָלפן קעגן זיך אַליין קענען איבער פסיכישע סיבות נישט קומען אין אַ שפּיטאָל פאַר אומהייל־באַרע קראַנקע. און קרול, וואָס איז אין דעם שפּיטאָל איינגעגאַנגען גראַדנוויז, האָט כמעט שטענדיק געהאַט אַ פאַרשטייענדיקן און ביז גאָר גוטן מענטשלעכן שמייכל אויף זיינע קליינע ליפּן, אויף זיין פּנים און אויף זיין שטערן.

ביי מיר האָט זיך געשאַפן אַ געפיל: — אַ ליכטיקער קרבן איז חיים קרול. וואָס גייט אַוועק זיך אויפהאַלטנדיק לאַנג און לענגער צווישן אונדז. אַ ליכטיקער קרבן פאַר אונדזערע אַלעמענס זינד.

.2

אַ פריינט האָט אַמאָל געפּועלט ביי דער שפּיטאָל־פאַרוואַלטונג אַז מ׳זאָל אים דערלויבן צו נעמען חיימען צו זיך אַהיים אויף פּסח.

בלויז די פרייד פון מענטשן וואָס זענען אַמאָל באַפרייט געוואָרן נאָך אַ לאַנגער אָפּגעשלאָסנקייט אין תּפיסה קען מעסטן די פרייד פון חיימען. אָט גייט ער אַרויס פון שפּיטאָל, פון שפּיטאָל פאַר אומהיילבאַרע קראַנקע. ער גייט אויף יום־טוב. יום־טוב וועט זיין...

אַנדערש האָט גענומען אויסזען דאָס דרויסנדיקע, זוניקע ליכט איבער די גאַסן פון דער שטאָט, אַנדערש איז געוואָרן די אייגענע פאַרב פון זיין פּנים. די אויגן האָבן געלויכטן אַנדערש. ווערטער האָבן גענומען קומען גיכער פון זיין מויל. די אויפגעראַמטע פרייד האָט אַביסל באַפרייט די פון פּאַראַליז געבונדענע צונג. ער איז געווען גליקלעך אויף דעם גאַנצן וועג צום הויז און נאָך גליק־לעכער ביים אַריינקומען אין הויז. זיך געקושט מיט אַלעמען. מיט ליבע אָנגעקוקט און אָנגערירט יעדע שטיקל מעבל אין הויז פון זיין פריינט. און גליק און פרייד איז געווען אין הויז ביז, ביז די פרייד איז פאַרלענדט געוואָרן. — די לעפל, דער טעלער זופּ, חיימס האַנט האָבן אונטערגעהאַקט און אומגעוואָרפן די פרייד אין הויז. —

חיימס לעפל האָט אַן אָנגעשעפּטע זיך אָפּגעשטעלט און ווי אַ פאַרטשעפּעטע גענומען זיך ראַנגלען און קלאַפּן אַן דעם ראַנד פון טעלער. די האַנט האָט גע־ציטערט, דאָס פּנים איז געוואָרן פאַרבלויט. מיט אַ בייזער אומהיימלעכקייט האָט זיך פאַרשטאַרקט דאָס קלאַפּן פון דער אָנגעשעפּטער לעפל אַן דעם ראַנד פון טעלער און נישט געקענט אַריבער דעם ראַנד און נישט געקענט גיין צוריק אין

טעלער אַריין. די דערוואַקסענע ביים טיש האָבן זיך געפּרוּווט מאַכן נישט־הערנ־דיק און נישט־זעענדיק — אפשר וועט דאָס אַריבער — עס איז געוואָרן קלאָר — חיימס פינגער זענען ווי עלעקטריזירט און ער קען זיי נישט פונאַנדערנעמען און אַרויסלאָזן די לעפל פון זיין האַנט. אַלע דערוואַקסענע זענען געוואָרן אומ־גליקלעך. נאָך ערגער איז געוואָרן ווען די יונגע קינדער ביים סדר־טיש האָבן גענומען צוריקהאַלטן געלעכטערס אויף זייערע פּנימער. דער בעל־הבית פון הויז האָט אים גענומען אַרויסהעלפן, אָבער בעסער איז אים פון דעם נישט געוואָרן, איבערהויפּט נאָך ווען חיים האָט אינמיטן דרינען אַ שווערן ניס־געטון און איבער דער ציטערניש אין די הענט נישט געקענט גענוג גיך אַרויסנעמען זיין טאַשנ־טיכל און דער בעל־הבית האָט אויך דאָס פאַר אים געמוזט טון.

אויף מאָרגן אין דער פרי איז חיים אויפגעשטאַנען פריִער פון אַלעמען אין הויז. דער בעל־הבית האָט דאָס דערהערט און איז גלייך אַרויס צו אים. חיים איז שוין געווען אַן אָנגעטועטער.

— וואָס איז, חיים?...

— איך פאָר צוריק אין שפּיטאָל.

דער בעל־הבית האָט אים געפּרוּווט אָפּהאַלטן:

— חיים...

אָבער חיים לאָזט נישט:

— איך פאָר צוריק אין שפּיטאָל.

ביידע נישט־שולדיקע זענען געשטאַנען ווי זינדיקע, און איינער האָט דעם צווייטן נישט געקענט קוקן גלייך אין די אויגן אַריין און חיים איז ווי אַן אַרויס־געטריבענער אַרויס פון הויז. דער בעל־הבית האָט אים געפּרוּווט באַגלייטן אַ שטיקל וועג. חיים איז געגאַנגען גיכער פון דעם בעל־הבית, ווי אַ געטריבענער צוריק צו דער תפיסה פון שפּיטאָל פאַר אומהיילבאַרע קראַנקע.

3.

אין 1920 זענען אַהער אָנגעקומען פון לאָדזש דריי העפטן, געדרוקט אויף גראָבן פּאַק־פּאַפּיר. דער פאָרמאַט איז געווען גרויס, די זייטן אַכט אינטשעס די ברייט, און דרייצן די הויך, אַרויסגעגעבן פון אַ לאָדזשער גרופּע וואָס איז באַשטאַנען פון דיכטער און מאָלער. דער אַלגעמיינער נאָמען פון די העפטן איז געווען: „יונג־יידיש", מיט אַן אונטערקעפּל: „לידער אין וואָרט און צייכענונג". עס האָט אויסגעזען ווי פון אונטער די יידישע חורבות פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך גענומען אַרויסברעכן געזונטע שפּראָצונג. אַן אויפבלי פון קינסטלערישן פאַרמעסט און קינסטלערישן באַנעם. מיר האָבן זיי דאָ באַגעגנט ווי ברידער. אין דעם זאַמלבוך „שריפטן" (ווינטער 1920) האָט י. טאָפּעל צווישן אַנדערע באַגייסטערטע באַמערקונגען געזאָגט וועגן זיי: „די מענטשן וואָס האָבן

איבערגעלעבט די פּיינען פון מלחמה ווייסן ווי אַזוי צו באַהאַלטן ווונדן. איבער זייער פאַרביטערטקייט פּראַלט יונגע פרישע פרייד. זיי פאָרשן אויף אַן אמת. די ענערגיע וואָס איז געווען פאַרבאַהאַלטן אַזוי לאַנג רייסט זיך מיט פרישער פרייד, גייסט גייט איצט אויף אויפסניי. פון איין זייט איז „יונג יידיש" אַן אָפּ־שפּיגלונג פון פוילנס נאָך־מלחמה אומעט, נויט און אומאָרדענונג, פון דער אַנ־דערער זייט — אַן עקזאַלטאַציע. זיי האָבן דאָרט דערפילט קינסטלערישן דראַנג, נייע עסטעטישע מעגלעכקייטן. זעט דעם שווונג פון זייערע ליניעס, די מאַכט פון זייערע שאָטנס. דאָס ליכט אין זייערע בילדער — בליצן וואָס שוידערן אויף די פינצטערניש".

פאַר דעם זאַמלבוך „שריפטן", פרילינג 1921, האָב איך דערהאַלטן און גע־דרוקט פון דער לאָדזשער גרופּע „יונג יידיש", „לידער אין וואָרט און אין בילד". דאָס זענען געווען צייכענונגען, לינאָלעום־שניטן, ראַדירונגען פון באַרטשינסקי, מאַרק שוואַרץ, העכט, און לידער פון בראָדערזאָן, זון, הערשעלע און חיים קרול.

קרול האָט זיך דעמאָלט געראַנגלט מיט אַ דערדריקנדיקן מיסטיציזם. קיין געפאַר איז אין דעם נישט געווען, וואָרעם געטון האָט ער דאָס מיט עלעגאַנץ און טרעפנדיק בילד. ער איז געווען אַנטפּלעקעריש־ריין און האָט זיינע אַבס־טראַקטע ראַנגלענישן גרינג פאַרוואַנדלט אין אַנזעעוודיקן רעאַליזם: — „דאָס קלאָרע, ווייסע לייב פון אַ נאַקעטן עפּל ווערט באַלד געעלטערט. מיין טאָג ביים ערשטן ליכט — געטויט". די דידאַקטיק, דער פּעסימיזם פון דעם ליד דינט דאָ בלויז ווי אַ קאָנטער באַלאַנס צו דעם אויפגעבליטן רעאַלן יש. אונדז בלייבט אין געדאַנק דער געוואַגטער פאַרגלייך און די פרישקייט פון דעם קלאָרן ווייסן לייב פון אַ נאָר־וואָס אָפּגעשיילטן עפּל. אַ מענטש וואָס ברענגט אַרויס אַזאַ געזונטן פאַרגלייך, אַזאַ געזונטן קינסטלערישן ליכט פונקט, רופט אַרויס ווייניק זאָרג מיט זיין פּעסימיזם. קרול האָט פאַר זיך אין יענער מיסטישער צייט, אין דער צייט פון מעטערלינק, באַלמאָנט, בלאָק, האָפמאַנסטאַל, דאַוטענדיי, מאַניפעסטירט זיין זוכענישן דורך סימבאָלן. ער האָט ערלעך געוואָלט וויסן ווער ער איז און ווען ער האָט אויף דעם קיין ענטפער נישט געפונען, האָט זיך דאָס ביי אים פאַר־וואַנדלט אין אַזאַ ליד: — „איך האָב היינט געפרעגט מיינע פריינט: — דריי פאַרחלבטע פלעשלעך, אין וועלכע איך צינד די ליכטער פון מיין געביט: ווער בין איך? און די פלעמער אין זייערע מיילער האָבן זיך פאַרלאָשן".

און אויך דאָס איז נישט קיין ליד פון פאַרצווייפלונג, נאָר אַ ליד פון פאַר־צווייפלטער מענטשלעכער זוכעניש. די ממשותדיקע פאַרגלייכן: — פאַרחלבטע פלעשער וואָס האָבן מיילער, די ליכט אין די מיילער. דאָס פייער פון די ליכט אָנגעצונדן ווי פאַר אַ רעליגיעזן ריטואַל, זייער פאַרלעשן זיך — דאָס זענען אַלץ רעאַליטעטן וואָס האָבן פאַרזיכערט, אַז אָט־דער מענטש וועט נישט אויפגעבן, וועט ווייטער זוכן, ווייטער צינדן, ביז ער וועט דערזען, ביז ער וועט געפינען. ראָמאַנטיש מליצהדיק דאָ און דאָרט, אָבער ער האָט געגראָבן טיף. אים האָט

כּסדר געצויגן צו רעאַליטעטן. האַרטע, פּול־זאַפּטיקע, פּול־בלוטיקע. אַזוי איז מיט אים געווען אין זיין דיכטונג און אַזוי איז, צו זיין אומגליק, מיט אים אויך געווען אין לעבן און אין ליבע.

.4

אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי די דערמאָנטע צוויי לידער זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דעם זאַמלבוך „שריפטן“ פון פרילינג 1921, איז קיין אַמעריקע אָנגעקומען חיים קרולס געליבטע. דאָס איז נישט געווען קיין מיסטישע ראָמאַנטישע באַשעפעניש ווי מיר זענען געווען געניייגט צו טראַכטן וועגן איר פון זיינע ליבע־לידער. דאָס איז געווען אַ יונג געזונט און פולבלוטיק שיין מיידל. ווען זי איז אַרויפגעקומען צו מיר האָט זי זיך אָן צערעמאָניעס פאָרגעשטעלט, אַז זי הייסט חיה־שרה, אַז איז חיים קרולס כלה, אַז זי האָט געבראַכט גריסן פון אַלעמען פון „יינג יידיש“. זי איז געקומען אַהער און וויל אַהער אַריבערברענגען חיימען. עס איז אויסגעקומען אַז אַלע דאָרט אין לאָדזש ווילן, און זי פאָדערט ממש, אַז מען זאָל העלפן חיימען באַלד אַריבערקומען קיין אַמעריקע. אים איז דאָרט שלעכט. דאָ וועט אים זיין גוט. ער האָט דאָרט דורכגעמאַכט אַ טיפוס־קראַנקייט. מען דאַרף אים העלפן. ער איז אַ וווּנדערלעכער דיכטער און אַ וווּנדערלעכער מענטש. ער איז נישט בלויז דער שיינער דיכטער. איר וועט אים דאָ אַלע ליב האָבן. עס וועט אייך פרייען אים צו האָבן צווישן זיך.

מיינע אויסזעצונגען אַז עס וועט אפשר נישט גוט זיין פאַר אים דאָס אַרויסרייסן זיך פון זיין סביבה און אַז דאָס מיינט דאָך, אגב, אויך פאַראַרעמען דאָס דאָרטיקע יידישע לעבן, האָבן אויף איר קיין ווירקונג נישט געהאַט.

און דאָס שיינע מיידל האָט זיך נאָכדעם מיט ענערגישער פּראַקטישקייט אַריינגעוואָרפן, איבערגעקומען אַלערליי שוועריקייטן און דורכגעפירט דאָס אַריבערברענגען חיימען קיין אַמעריקע.

אָבער נישט אויף פריידן איז חיים אַרויסגעריסן געוואָרן פון זיין היימישער סביבה.

דאָרט, אין דער היימישער סביבה, איז פאַר דער יאָדערדיקער, ליכטיקהויטיקער און טונקל־אויגיקער שאַטינקע געווען אַ דערגרייכונג צו זיין די געליבטע פון אַ דיכטער, צו זען זיך באַזונגען אין לידער, צו באַלאַנגען צו דעם קרייז פון קינסטלער. וווּנדערלעכע וועלטן, פון וועלכע זי וואָלט אפשר קיינמאָל נישט געוווּסט, זענען פאַר איר געעפנט געוואָרן דורך חיימען. ער האָט זי געלערנט, געגרייט און אַריינגעפירט צו אויפנעמען, צו לייענען און פאַרשטיין די וויכטיקסטע ווערק פון מאָדערנער וועלט־ליטעראַטור. חיים האָט זי דאָרט ווי דורך אַ כישוף געאָנדערשט. גערעדט שיינע רייד, געצונדן ליכטיקע געדאַנקען, געלערנט דיסקוטירן און זי כסדר געפירט אַלץ ווייטער אין אַלע נייערע וועלטן און דערביי געקוקט אויף איר מיט אַ גלויבנדיק אויג און מיט אַלץ וואַקסנדיקער

ליבע. ביז ער, חיים קרול, איר כמעט נישט דערגרייכטער לערער און פירער, איז מיט דער צייט געוואָרן נישט נאָר לערער און פירער, נאָר אויך איר באַ־שערטער געליבטער. אין חיימען איז געווען גוט צו זען ווי די שיינע חיה־שרה הערט, ווי זי נעמט אויף זיינע רייד און נעמט וואָס ווייטער אַלץ מער וואַקסן מיט צוגעקומענעם גייסטיקן ליכט.

חיים דערציילט אין זיין ראָמאַן „אַרום מיין פאָטערס הויז" מיט רירנדער געטריישאַפט ווי אַזוי חיה־שרה האָט אין די דיסקוסיעס זייערע וועגן איבערגע־לייענטע ביכער געגומען אַרויסווייזן אַלץ מער זעלבסטשטענדיקייט. חיה־שרה האָט אַפילו געגומען שטרענג און מיט אייפער משפטן, פאַרלויפן אין פאָרויס און שטעלן פאָדערונגען צו די העלדן פון געוויסע ווערק. ליבע — אַלץ פאַר־געסנדיקע, זיך אויפאָפּפערנדיקע ליבע, איז געוואָרן איר לאָזונג און איר פאָ־דערונג אין יענע גליקלעכע, לאָדזשער חיים קרול טעג.

— „ביים דיסקוטירן מיט איר שניצלערס קליינעם ראָמאַן „שטאַרבן", קומט אַרויס, אַז חיה־שרה פילט גאָר שטאַרק מיט דעם קראַנק־געוואָרענעם העלד פון דעם ראָמאַן און אַז זי באַשולדיקט אַלגאַן וואָס אַנטלויפט פון אים, אין נישט גענוג ליבע, אין נישט געטריישאַפט. חיים נעמט זיך דאָ אָן אַלגאַס קריוודע. אַלגאַ האָט פאַר אים גענוג געליטן, זאָגט חיים. אָבער חיה־שרה פאַלט אים דאָ אַריין אין די רייד: — „און גראָדע אין טראַגישסטן מאָמענט פאַרלאָזט זי אים, גראָד ווען זי איז אים אַזוי נייטיק געווען"...

חיים נעמט ווייטער פאַרטיידיקן אַלגאַן:

— „אַלעמענס מעשים האָבן אַ גרענעץ!".

— „ניין —ענטפערט חיה־שרה.— די ליבע האָט נישט קיין גרענעץ". „ליבע איז ווי דאָס לעגענדאַרע סאַלאַמאַנדרע־חיהלע. נאָך זיבן יאָר ברענען אויף איין אָרט, שפרינגט זי אַרויס אָפּגעפרישט און יונג פונדאָסניי. די ליבע לייטערט זיך דורך זיבענער יאָרן". און חיים האָט דערביי אַ באַזיגטער, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

געוויס האָט חיה־שרה נישט געוווסט אַז נאָך איידער עס וועלן אַוועקגיין זיבן יאָר, וועט זי אירע אייגענע רייד און איר אייגענעם געליבטן ברוטאַל פאַר־ראַטן, און אַז חיימען וועט דעמאָלט זיין ביז גאָר ביטער צו שלינגען אַ לעבן־לאַנג זיינע רייד: „אַלע מענטשנס מעשים האָבן אַ גרענעץ"

חיים דערציילט אין זיין ראָמאַן „אַרום מיין טאַטנס שטוב" (דער ראָמאַן האָט געמעגט הייסן: „די ליבע און די ליידן פון חיים קרול"): נישט נאָר וועגן די אינטעלעקטועלע דיסקוסיעס וואָס ווייזן די גייסטיקע שפּרונגען פון זיין געליב־טער, ער דערציילט אויך וועגן דעם ערשטן קוש און וועגן דעם ווייטערדיקן עראָס־שפיל צווישן אים און חיה־שרהן:

„ביז שפּעט אין דער נאַכט האָב איך מיט חיה־שרהן גערעדט, גערעדט אונטער פיר אויגן. און ס'איז פּלוצים גרינג געוואָרן, ווי פעדערלעך לייכט, ווי

קליינע קינדער האָבן מיר זיך דערפילט. איך האָב אָנגענומען איר, חיה־שרהס האַנט און איר אַ קוש געגעבן. אַ ליכט ווי אַ בליץ איז פאַרבייגעלאָפן פאַר מיינע אויגן און מיך איינגעהילט אין ליכט. דער ערשטער קוש וואָס איך האָב אַ מיידל געגעבן. איך האָב זי אויף דער רגע געגעבן אַ צי צו זיך און איר פּנים פאַרהאָגלט מיט קושן״.

שפּעטער דערציילט ער ווי אַזוי אין איינער אַ קאַלטער ווינטער־נאַכט איז ער געשטאַנען אין דרויסן און מיט אומגעדולד געוואַרט חיה־שרה זאָל אַרויס פון איר קלוגער מאַמעס הויז: „מיינע פיר און צוואַנציק יאָר האָבן זיך אין מיר איינגעזאַמלט און פון מיר געוואָלט זיך אַרויסרייסן אויף דער פריי״. חיה־שרה האָט זיך ערשט געקענט אַרויסשלייכן פון הויז אַרום צוועלף אַזייגער אין אָוונט. די אומגעדולדיקע פיר־און־צוואַנציק יאָרן וואָס האָבן זיך געריסן צום אויסשפּאַנען האָבן חיימען געמאַכט ציטערן די ציין אין מויל, נאָר אָט: „זי גייט אַרויס פון שטוב. איך פאַרקלאַמער זי אין מיינע אָרעמס אונטער מיין פּאַלטאָ און מיר טוליען זיך אַזוי אָן ווערטער ביז אַ שטיק נאָך האַלבער נאַכט״.

און וואָס ווייטער שפּילט עראָס אַלץ שטאַרקער:

„חיה־שרה האָט מיר אַנטפּלעקט אירע פיס ביז איבער די קניִען. פאַר מיר האָבן אַ בליאַסק־געגעבן אַ פּאָר געטאָקטע רונדיקע איקרעס מיט אַ גלאַטקייט ווי ביי אַ קינד. איך האָב מיין פּנים אין זיי איינגעגראָבן — אַרומגעלייגט זיי אַרום מיין האַלדז. איך האָב געזויגן דעם געגוס פון דעם ווייסן פיסגליק, ביז מיר זענען געפאַלן פאַרקלאַמערט אין זיסן חלשות״ (קאַפּיטל 138).

אין אַן אַנדער אָרט (קאַפּיטל 139):

„אוראַלטע קרעפטן זאַמלען זיך אין מיר איין. — איך טראָג חיה־שרהן אויף מיינע הענט ווי אַ פעדערל. חיה־שרה ענגט זיך אָן אָן מיין האַלדז און איך דריי זיך מיט איר אַרום ווי אַ ווינט אין אַ ראָד. איך קאָלער זי אין מיין שויס ווי אַ באַלעם. אין איין מינוט רוף איך זי מיט צען פאַרשידענע נעמען און חיה־שרה פאַרפלעכט אירע הענט אַרום מיין גוף און ענגט זיך אויף מיר אָן ווי אַ וועווערקע אָן אַ צווייג. און אַזוי ווי איך אַרבעט נישט, קומט פאַר יעדן טאָג צווישן מיר און חיה־שרהן אַזאַ נאַקעט שפּיל״.

„ווי אין וויין־שיכּרות גייען אַוועק אונדזערע טעג — איין טאָג פאַרשיכּורנער ווי דער צווייטער. יעדן טאָג ווערן מיר געבאָרן, יעדן טאָג הוליען מיר אויף דער אַנטשטייונג פון אונדז״.

„איר אָטעם, וואָס איך אָטעם אין זיך אַריין, איז ווי אַ קילער ווינט — פריש און שמעקעדיק״.

אין דעם ראָמאַן ווייזט חיים אַרויס אַ סך קלוגשאַפט. אין שרייבן איז פאַראַן צווייערליי קלוגשאַפטן, איינע אַ כיטרע, אַ ווערעמדיקע קלוגשאַפט, אַזאַ וואָס בעריעט זיך צו כאַפּן די העלדן ביי שוואַכקייט, פּרווט אונטערצושטעלן אַ פיסל. דאָס זענען שרייבער מיט אומריינע טענדענצן. אַזוינע „סופעריערע״ שרייבער

קומען אַרויס אומריינע, כאָטש זיי טראָגן כלומרשט אַל־וויסנדיקע קלוגע טרױום־פירנדיקע שמייכלען אויף זייערע ליפּן. זיי פֿאַלט נישט איין, אַז מענטשלעכע זינד, די זינד פֿון יעדן איינציקן מענטשן, איז אויך זיין זינד, אַפילו ווען זיי זענען אויגנשיינלעך נישט שולדיק אין דעמס אָדער יענעמס זינד. די קלוגשאַפט וואָס חיים ווייזט אַרויס אין זיין איינציקן ראָמאַן (טאָג־בוך־אַרטיק געשריבן) איז די קלוגשאַפט פֿון אַ מענטשן וואָס בלייבט ריין טראָץ זיין פּילזייטיקן פֿאַרשטיין. ער זעט נישט נאָר אַנדערע מענטשלעכע מעגלעכקייטן און אוממעגלעכקייטן, ער זעט אויך זיינע מעגלעכקייטן און אוממעגלכקייטן זיך צו העלפֿן און ער פֿאַרקוקט נישט, און עס בלייבט אין אים ווי אַ שאַרפֿער שניט דאָס וואָס ער זעט מיט זיינע אויגן ווי חיה־שרה נעמט מיט אירע הענט פּראַצענט פֿון אַן אָרעמער פֿרוי. אָבער ער, חיים, האָט זי פֿאָרט ליב און העלפֿן קען ער זיך נישט. ער איז און בלייבט שולדיק אין אַ זינד וואָס איז אירע.

איר זינד איז אָבער באמת געוואָרן זיין אָנגעהעפֿטע זינד. דאָס איז אים געוואָרן ביז גאָר קלאָר, ווייל ער האָט זי אַלץ ווייטער ליב געהאַט און אַלץ ווייטער זי באַזונגען אין לידער, ווייל... ווייל ער האָט אַנדערש נישט געקאָנט.

ליבע איז די אַנזעעוודיקסטע מאַניפֿעסטאַציע פֿון מענטשלעכער רעליגיעזקייט. די געליבטע פֿאַרטייערן ביז געטלעכקייט דעם אָביעקט פֿון זייער ליבע. (יעדע זינד און יעדע שטראָף איז ביים גאָט גלייביקן נישט חלילה דערפֿאַר וואָס גאָט איז זינדיק אָדער איז עפּעס שולדיק). געליבטע און גלייביקע זענען באַזעסענע מענטשן און זייער פֿונקציע איז אויסצוקויפֿן שטראָף און זינד דורך ליידן און דורך ליבע.

.5

דאָס הויז פֿון אַ פּראָצענטניק איז קיינמאָל נישט באַליבט אין פֿאָלק, נאָך מער פֿאַרהאַסט איז דאָס הויז פֿון אַ פּראָצענטניצע. און דאָס איז געווען דאָס הויז פֿון וועלכער חיה־שרה איז געקומען.

נאָענט אין שכנות איז געשטאַנען דאָס הויז פֿון וועלכן חיים איז געקומען. חיימס פֿאָטער איז געווען אַ וועבער און האָט אינאיינעם מיט זיינע צוויי זין און צוויי טעכטער געאַרבעט ביי די וועב־שטולן אין זייער הויז. אין חיימס הויז פֿלעגט אַריינקומען אַ ווױלע מיידל, אַן אָרעמע, אַ בלאַסע, אַ קרובה וואָס וואָלט אפֿשר מיט דער צייט געוואָרן זיין כּלה. זי פֿלעגט זיך אָפּט באַטייליקן אין די ליטעראַרישע דעבאַטן אינאיינעם מיט חיימס צוויי שוועסטער. אָבער חיה־שרה, דער פּראָצענטניכעס טאָכטער פֿון דעם אַנטקעגנדיקן הויז, איז געווען בלוט און מילך און פֿאַרכאַפּנדיק שיין — ענערגיש און ווייבעריש קלוג. חיים פֿלעגט זי דערזען אַרויסקומען פֿון איר הויז, ווי אַ הירשין, נאָר וואָס פֿון אַ באַרג גלעד אַראָפּ — כאָטש נעם און פֿאַרברען דאָס פֿאַרשאָלטענע הויז פֿון איר מאַמע, כדי זי זאָל נישט קענען זיך צוריק אומקערן צו דעם.

און נישט נאָר שיין, אויך פּראַקטיש איז חיה־שרה געווען. — דאָס הויז פון חיימען איז געווען דאָס אידעאַלע הויז אין דעם געגנט און האָט פאַרשפּראָכן אַפּצווישן דעם פלעק פון דער מאַמעס הויז. חיים, זיין לעבן, דאָס לעבן פון אַ פלינקן אַרבעטער און יונגן דיכטער, האָט געלאָקט, און זי האָט גרינג באַזייטיקט זיין געזאָלטע, אָרעם־בלוטיקע בלאַסע כלה וואָס פלעגט זיך דערפילן דערשלאָגן ווי נאָר זי, חיה־שרה, האָט זיך באַוויזן לעבן איר... עלעגאַנט און גרינג איז חיה־שרה אַריין אין אַט דער דרויסנדיק אָרעמער און אינעווייניק רייכער וועלט פון אַט דעם הויז פון אָרעמע וועבער־אַרבעטער. דאָס הויז און חיים האָבן פּאַר איר אַנטפּלעקט ניי לעבן, נייע וועלטן און פאַר חיימען איז זי, חיה־שרה, אַנטפּלעקונג געוואָרן. ערדישע און נישט־ערדישע אַנטפּלעקונג און צו חיימס גליק איז גאָר קיין גרענעץ נישט געווען.

אין דער היימישער סביבה וואָלט זיך אפשר אַלץ אויסגעלאָזן צווישן זיי בכי־טוב. דער טעמפּאָ פון דעם היימישן, לאָדזשער לעבן וואָלט זי אפשר נישט אַוועקגעריסן פון אים, דעם שיינעם דיכטער און ליבלינג פון זיין קרייז. אָבער דאָ אין אַמעריקע האָט אַלץ געגומען אויסזען אַנדערש. דער יחוס פון חיימס הויז קעגן דעם אומיחוסדיקן הויז פון איר מוטער איז ווי אויסגערינען געוואָרן. זיין אַ וועבער אין דעם טאַטנס הויז איז געווען אַ גאַנץ אַנדער באַשעפטיקונג ווי צו זיין אַ וועבער און אַ קליינער פאַרדינער אין אַן אַמעריקאַנער וועב־פאַבריק אין פּעטערסאָן. דערצו איז נאָך חיים געקומען אַהער אַ פאַרמוטשעטער פון די מלחמה־יאָרן און פון אַ טיפוס־קראַנקייט וואָס האָט אים איבערגעלאָזן אַביסל אַ צעבראָכענעם פאַר אַ צייט. זי האָט זיך ווי אַ פאַרשולדיקטע קעגן דעם רוישיקן היגן לעבן, קעגן אירע היגע קרובים און אַפילו קעגן אונדז אַלץ געדאַרפט פאַרענטפערן און פאַרזיכערן, אַז אין דער היים איז ער געווען אַ ספּאָרט, אַ „באָ בראָמעל", פלעגט זיך נאָך דער אַרבעט ליב האָבן אויספּוצן און אַרויסגיין מיט אַ שטעקן מיט אַ זילבערנער גאָלקע און מיט הענטשקעס אויף די הענט. ער איז איצט אַפּגעלאָזן. וואַרט נאָר צו אַביסל — פלעגט זי זיך ווי בעטן — ער איז טיף־פּילנדיק. די מלחמה־איבערלעבונגען און די קראַנקייט. לאָזט זיך אים באַרויקן. לאָזט זיך אים אויסהיילן פון די שרעקלעכע מלחמה־ליידן און פון דער קראַנקייט וואָס האָט אים געטראָפן ווען זי איז נישט געווען דערביי. ער איז זייער סענסי־טיוו, אָבער וואַרט, ער וועט קומען צו זיך, וועט איר זען. איר וועט אים גאָר נישט דערקענען. ער וועט צוריק ווערן גליך און בייגעוודיק און פלינק. לייענט זיינע לידער וועט איר זען...

אָבער אַ שיינע און פולבלוטיק מיידל איז זי פאַרט געווען, און איר מאַמע האָט זי דאָך דערצויגן אַ סך מער יאָרן ווי חיים און געזונטע אַמעריקאַנער בחורים (נישט אַזוינע וואָס דאַרפן ערשט ווערן געזונט און פלינק) האָבן זי דער־זען און זיך גענומען דערנענטערן צו דער ליכטיק־הויטיקער, שיין־אויגיקער און ווייבעריש־קלוגער מיידל און, ווי געזאָגט — זיי זענען געווען געזונט און פלינק,

שוין איצט... און דאָס וואָס דער רעליגיעז־טיף פאַרליבטער חיים האָט זיך קיינ־מאָל נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז עס וועט געשען, איז געשען — זי האָט אים פאַרלאָזן. דאָס האָט אים אַריינגעוואָרפן אין נייער קראַנקייט. דאָס בלוט, די ביינער, דער געדאַנק האָבן גערעדט אין פיבער, רייד פון ליבע און געזאַנג. אַלץ אין אים האָט זיך געריסן אָפּצולייקענען און פאַרשרייען די מעגלעכקייט און דעם פאַקט, אַז חיה־שרה איז נישט זיינע מער. דער פיבער האָט אַלץ געהאָלפן פאַר־זיגלען אַז אַזאַ ליבע איז איבער אַלע ליבעס, צעברעכט אַלע צאַמען, לייקנט־אָפּ יעדע מעגלעכקייט פון פעלשונג. חיה־שרה איז אין אַן אַ שיעור געשטאַלטן אין זיין פיבער־צושטאַנד געקומען און ווידער געקומען און לייכטנדיק פאַרזיכערט, אַז ווי אייביקייט איז שטענדיק אייביקייט אַזוי איז אַזאַ ליבע ווי זייערע שטענדיק ליבע, פאַר אַלע אייביקייטן ליבע. אַזוי האָט ער געברענט און איבערגעברענט און פון אָט דער קראַנקייט אַרויסגעקומען מיט אַ נייער קראַנקייט, מיט אַ פּאַראַ־ליזירנדיקער שלאָף־קראַנקייט. אָט די קראַנקייט, וואָס האָט זיך געצויגן יאָרן און יאָרן, האָט גראַדנוויז געהאַלטן אין איינשלעפערן זיין קערפער, אָבער שטענדיק וואַך און ריין איז דורך די אַלע יאָרן געבליבן זיין געדאַנק — ביז צום שטוינען ריין און פאַרכאַפּנדיק ליכטיק. ער האָט גענומען קלוג פאַרשטיין און שאַצן מענטשן און געשעענישן. די מערסטע פון זיינע קורצע עסייען, ריכטיקער, „עסייעלעך“, וועגן שריפטשטעלער פון זיין דור, זענען אַ מין אייגן געשאַפענער זשאַנער, ווי עס זענען אין דעם לידער־געביט די יאַפּאַנעזער האָקי־לידער, קורץ און דורכזיכטיק קלאָר. קוואַלנדיקע, דערפרישנדיקע גוטסקייט האָט גענומען שלאָגן פון אים. — יעדער מאַן און יעדע פרוי, וואָס זענען אין די נאָכדעמדיקע יאָרן געקומען אויף זיין וועג, איז געוואָרן אַ טעמע פאַר אַ ליד, וואָרעם וווּנדערלעך איז יעדע מענטש־לעכע באַשעפעניש פאַר דעם אויג פון דעם געלייטערטן זעער. חיים איז געוואָרן פול מיט פאַרגעבונג צו אַלע מענטשן. און טאָמער האָט אַמאָל אַ ברען־געטון אַ כעס, געצונדן אין דער נאַכט, ווען זיין חיה־שרה, וואָס האָט גערעדט און געשוואָרן אייביקע ליבע, איז געפירט געוואָרן צו דער חופּה מיט אַן אַנדערן און ער האָט פון ווייטיק אויסגעשריִען:

איך האָב אַ וואָרט אַזוינס,
וואָלט איך געוואָלט עס פאַרוואַנדלען
אין אַ האַמער,
זאָל עס אייביק קלאַפּן —
זינד!

כ'האָב אַ קלאַנג אַזוינעם,
וואָלט איך געוואָלט אים פאַרוואַנדלען
אין אַ גלאָק,
זאָל ער אייביק קלינגען —
זנות!

האָט ער אָבער גענומען אויך זיך זען שולדיק אין דער זינד און געוואָרפן אויך אויף זיך בייזקייט און גאַליקע פאַראַכטונג, האָט זיך פאַרגליכן צו אַ פליג אַ נישטיקער און פאַרלאַנגט אַז מען זאָל איצט, אין חיה־שרהס חופּה־נאַכט, אָנצינדן „אַלע פלעמער“ און זאָלן אויף זיי פאַרברענט ווערן אַלע פליגן: „איך האָב היינט אַ נאַכט אַזוינע — מיך אַרן נישט קיין פליגן“. עס טוט באַנג — וואָס געהאַט האָט ער זי אין זיינע הענט, אין זיינע נעגל ווי אַ חיה צו פאַרצוקן און האָט זי נישט פאַרצוקט, און איצט איז דער עלנט פון זיין לעבן געוואָרן אַזוי ביטער „ווי טרערן פון אָפּגענאַרטע כלות“.

און מיט דער גאַנצער קרולישער אומשולדיקייט זאָגט ער אָן שום צוריקהאַלט:

„מיין טראַגעדיע: אַ מאַן פון דרייסיק יאָר מיט מידות פון אַ קדוש“... — אַ מענטש מוז זיין אַזוי דורכגעלויכטן ריין ווי קרול צו קענען זאָגן אויף זיך אַזוינס. מען מוז זיין ביז גאָר פּאַטאַליסטיש גלייביק צו זאָגן אין אַן אַנדער ליד. „מסתמא האָב איך נישט געטאָרט מיין שטאַם אין דיר פאַרפלאַנצן. דאַנק איך און לויב גאָט דערפאַר“. אָבער דער געראַנגל אין אים גייט פונדעסטוועגן פאָרט אָן. ער וואָס האָט טועם געווען אַרום זיין האַלדז די וואַרעמקייט פון חיה־שרהס געטאָקטע דין־הויטיקע בלענדיקע פיס, וואָס האָט געטראָגן און געפילט חיה־שרהן גרינג ווי אַ „פעדערל“ אין זיינע הענט, וואָס האָט זי „געקוילערט אויף זיין שויס ווי אַ באַלעם“, ער וואָס האָט געדענקט און נישט געקענט פאַרגעסן די לעבעדיקע ראָד, ווען חיה־שרה האָט זיך אָנגעהאַנגען אויף זיין האַלדז און ער האָט זיך מיט איר געדרייט אין ווינט, קען זיך נישט פאַרגעבן און פילט אַז ער וואָלט געדאַרפט צעהאַקן זיך אין שטיקער פאַר דעם „נישט צולאָזן צו זיך דאָס נאַקעטע לייב פון אַ ווייב“, גאַנץ און פול.

אַפילו אַ קדוש קען זיך נישט אַלע מאָל, און געוויס נישט אויף שטענדיק, באַפרייען פון אַזאַ ביטער אויפטויכונג. אין אַן אַנדער אָרט דערציילט ער אויך מיט ביטערקייט, אַז די עוולות פון זיין געליבטער הענגען ווי אויף אַ שטריקל אויף זיין וואַנט און וועגן דעם אַז די עוולות קליידן זיך פון צייט צו צייט אָן אין די זילבער קליידלעך „און גייען אַ קאַראַהאָד פאַר זיינע פאַרטרערטע אויגן“.

און אָט: „אויפסניי האָב איך דערפילט דיינע הענט אין מיינע און דיך אַ לייכטער אין מיינע אָרעמס פאַרהילט“. און „אונדזערע וועגן זענען גלייכע און דאָך צעקרימט“ און אויף וועגן וואָס זענען גלייך און דאָך צעקרימט שטרויכלען די פיס. אויף אָט די וועגן האָט ער פאַרלאָרן, האָט ער נאָכדעם גענומען דעם וועג וואָס פירט צו דער הויך: „דאָרט געפין איך גאָט“.

6.

חיים קרול און אַבעלאַר

ווען נישט אָט־די שטאַרקע ייִדישע מאָראַלע דיסציפלין און עטיק, לויט וועלכער אַ מאַן ווערט געבראַכט אויף דער וועלט לתורה לחופה ולמעשים טובים, אַ דיסציפלין און אַן עטיק וואָס באַשטייט אויף „איזהו גבור הכובש את יצרו“, וואָלט דאָך חיים נישט געדאַרפט קומען צו דעם, אַז ער זאָל דאַרפן אַזוי ביטער קלאָגן אויף זיך „פאַר נישט דערלאָזן צו זיך דאָס ליב פון אַ ווייב“. דער גוי אַבעלאַר האָט אין אַלע זיינע קלאָגענישן אַזאַ קלאָג נישט געהאַט (זע דזשאָרדזש מורס „עלואיז און אַבעלאַר“). אַבעלאַר, דער גוי, האָט נישט געוואַרט ווי חיים האָט — ביז קומען זאָל „אַ ייִד, אַ מרא־דאתרא און זאָל מסדר־קידושין זיין“. אַבעלאַרס שווערע שטראָף איז דאָך פאָרט געווען פאַר אַ זינד וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן אַן אָנגענומענער מאָראַל. אָבער חיימען איז אויסגעקומען ביטער צו באַצאָלן גראָד פאַר אַ זינד וואָס ער איז נישט באַגאַנגען. פאַר אַ מאָראַל וואָס ער האָט אָפגעהיט און גראָד מיט כמעט איבערמענטשלעכער גבורה. און נאָך אַ זאַך — נאָכדעם ווי אַבעלאַר איז פאַר זיין זינד מסרס געוואָרן האָט ער דאָך שוין מער קיין תשוקה צו פרויען נישט געהאַט. חיים אָבער, וואָס איז שוין צו איין־און־צוואַנציק יאָר געווען אַ מאַן וואָס „מעסט און וועגט יעדער פרויען תורה, דאָס דינסטע ליכט וואָס דער טאָג שיקט אויף אַ פרויען־ברעם און דעם פיינסטן שאָטן וואָס די נאַכט שיקט צו אַ פרויען־אויג“, איז דאָך אויך נאָכדעם, אין זיינע „טעג פון חרפה און פייך“ אַלץ געבליבן מיט מענלעכער גלוסטונג צו פרויען: „ווי אַ בין היפ איך פון פרויען־ צו פרויען־פנים און זאַפ זיך אָן מיט שיינקייט“. אין אַ ליד צו אַן אומבאַקאַנטער מיידל, זאָגט ער: „דיין גיין אויפן ברעג פון טייך האָט אין מיר אויפגעוועקט מיינע דרייסיק יאָר און מיט פלאַמען אָנגעצונדן יעדן טאָג פון זיי אין מיר“. און דערזעט ער, שוין קראַנקערהייט, עטלעכע מיידלעך אויף אַמאָל, ווייסט ער נישט „אויף וועלכער פון זיי פריִער קוקן: — אויף דער מיטן ווייסן האַלדז, אויף דער מיטן ליכטיקן שטערן, אויף דער מיט דער צעצינדלטער באַק, צי אויף דער מיט דער שמאָלער האַנט“. און וויל חיים האָט אין זיך נאָך אַלץ געטראָגן עראָטישע אָנגעצונדנקייט, און איז געווען אַזוי ריין, איז אים אַזוי שווער געווען זיך צו באַפרייען פון דער פרוי וועמעס געשטאַלט האָט זיך איינמאָל אַזוי גאַנץ איינגעוואָרצלט אין אים.

אַבעלאַר האָט אין זיינע טעג פון חרפה, פאָרט געהאַט די געטרייִשאַפט פון זיין געליבטער עלואיז, אָבער חיים, וואָס האָט זיין גאַנצן לעבן נישט געקענט פאַרגעסן דאָס ערשטע מאָל וואָס חיה־שרה האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל פון זיין הויז „מיט אַהאָר־פאַרקעמונג פון מאָנאַ־ליזאַ, מיט פינגער וואָס זענען געווען לאַנג און דין ווי אויף צו קענען זיי אַריבערבייגן אויף דער צווייטער זייט,

פינגער וואָס האָבן דערמאָנט אין ראַכיל פון קאַרין מיכאַעליס, מיט אַ פּנים ענ־לעך צו באַטשיטשעלס געמעלן״. אָט די חיה־שרה וואָס האָט אים נאָכדעם אַזוי פיל מאָל איבערגעשטיגן מיט אירע רייד וועגן אייביקער, אַלץ אַרומנעמענדיק, אמתער ליבע, זי, זיין „ריינע״, האָט אים איבערגעלאָזן. און כאָטש זי איז געוואָרן די ווייב פון אַן אַנדערן האָט ער אין די אַלע זיינע יאָרן פון חרפּה און פּיין זי פאָרט נישט געקענט אויפהערן ליבן, בענקען און טראַכטן פון איר, — און זיך ברעכן אַלץ מער און מער איבער זיינע ליידן און פּייניקונגען, וואָס זענען געווען גאַנץ אַנדערש פון אַבעלאַרס. חיימס איז געווען אַ יידישע ליבע, זיינע ליידן — יידישע ליידן.

און אַזוי איז חיים קרול, דורך זיינע אייגענע שווערע מענטשלעכע ליידן אַ געלייטערטער, פּאַקטיש געוואָרן אַן אייגנאַרטיקער, יידישער קדוש.

אין אונדזער צייט און אין אונדזער דור, ווער נאָך ווי ער?

ער איז געווען ווי אָנגעגרייט פאַר דעם.

ער האָט נאָך אין זיינע ייִנגערע יאָרן אַרויסגעוויזן שטוינענדיקע רעליגיעזע דורכגענומענקייט. זיך אינטים און זאַכלעך געמישט מיט רעאַלע קעגנשטאַנדן. נעמט זיין ליד צו דעם בוים וואָס טראָגט די ברעט אויף וועלכער זיין גוף וועט אַמאָל ליגן:

ברעט,
מיין איינציק ברעט,
אויף וועלכער מיין גוף וועט אַמאָל רוען
און מיט מיר באַנאַנד
אין דער אייביקייט פאַרגיין, —
דו מוזט איצט בליִען, ווי איך
אין דיין מאַמע — בוים,
צי דו שפּראָצט ערשט צווישן דיינע ברידער
אין אַ גרינעם וואַלד.
דו מיין אייביקייט־שותּף,
אונדז ביידן דערוואַרט איין גורל.

7.

געזונטער פּאָרטרעטן־מאָלער

חיים קרול איז געווען לויט זיין נאַטור קערנדיק געזונט. ער האָט געקענט דערזען און מיט ווייניקע קורצע שורות אויפשטעלן אַ בילד ווי אַ גרויסער פּלאַס־טישער מייסטער און דאָס טון מיט אַ געזונטן גוטן שמייכל דערביי.

ד ו ד א י ג נ אַ ט אָ ו ו

מיט גערונטער און איינגעבאָרענער דירעקטקייט ווענדט ער זיך צו אַ מיידל וואָס אַרבעט אויס אַ שטיקעריי אויף איר נאַכט־העמד:

מיידל,
ווי קינסטלעריש דו העקלסט!
פון אונטער דיינע פינגער
שפרינגען אַרויס היגלען.
דו האַלסט אין דיין האַנט אַ נאַכט־העמד —
ניין, —
אַשטיק צפון־הימל האַלסטו אין דיין האַנט
און קריצט אויף אים
ס׳רעטעניש פון לעבן.

מיט אַ שמייכל פון אַ געזונטן פּאָרטרעטן־מאָלער שרייבט ער:

שטייט אַ פרוי,
מיט נאַקעטע, געזונטע בריסט
ביים בעט צובעטן.
און אין דרויסן,
אין דער גלייקער היץ,
לעכצן, שטאַמלען זויג־קינדער
נאָך אַ טראָפּן מילך.

און אַט מיט וויפל זינגענדיקער ליבע ער באַוואונדערט און גיסט זיך צונויף מיט אַן אַנציינערדיקן אַלטן:

זאָל דיר וויל באַקומען, זיידעניו,
דיין מאָלצייט,
דיין אַלט ברויט מיטן אַלטן וויין.
ווי שיין
דיינע אַלטע, אַנציינערדיקע זשאַנסלעס
קייען, מיט זאַפט, דאָס דאַרע ברויט,
ווי יונג־בחורישע ציינער —
ווי שיין,
ווי בנעימות,
אַן קרים
דו טרינקסט אים
דעם ביטערן, אַלטן וויין,

„אָפּגעריסענע בלעטער"

ויידעניו,
בענטש מיך:
כ'זאָל אויך די זכיה האָבן
צו פאַרטרינקען דורות
מיט אַלטן ווײַן.

דאָס זענען נישט נאָר פלאַסטישע פאַרטרעטן, דאָס איז אויך גרויסער וועלט־באַנעם. און געשריבן האָט ער די לידער נאָך אין זיינע פרי׳ע יאָרן. אפשר נאָך אין דער צייט ווען ער האָט ליב געהאַט נאָך אַ טאָג אַרבעט אין דעם טאַטנס לאַ־דזשער וועבשטול, זיך אַנטאָן אין אַ נעטן אַנצוג מיט לאַקירטע שיך און אַרויס־גיין מיט אַ שטאָק מיט אַ זילבערנער גאַלקע און מיט הענטשקעס אויף זײַנע הענט באַגעגענען זיין געליבטע. דאָס האָט ער געשריבן אין יענע יאָרן, ווען יעדן פרימאָרגן פלעגן „קלאַפּן בלאָע שוואַלבן אין זיין פענצטער" און אים ברענגען אַ גרוס פון חיה־שרהן, אים ברענגען יונגע קושן פון איר און ער פלעגט זיך ווענדן מיט תפילות: „זאַנגען, בעט פאַר איר. פעלדער, לויבט פאַר איר. הימלען, לאַכט צו איר, שטראַלן, שמייכלט איר. שטערן, שיקט איר טוי. נאַכט, פאַרחלומט זי".

ערשט נאָכדעם האָט ער דערפילט אַז אויף די וועגן וואָס זענען אי גלייך, אי פאַרפלאָנטערט, איז ער געבליבן „אַליין און מיט פאַרוואונדעטע פיס".

זיינע פאַרבלוטיקטע פיס האָבן זי געזוכט, דאָס גאַנצע ליד זיינס האָט געזוכט, געעוממען רופן:

ווו ביסטו?
ווער האָט רחמנות אויף מיינע מלכות־פיס —
זיי ווונדן.
ווו ביסטו?
ווער בליקט אין מיינע אויגן —
זיי בליטן.
ווו ביסטו?

אָדער:

עס רופט צו דיר אַ קינד
וואָס דערוואַכט אין דער נאַכט
און געפינט זיין מאַמע נית.

8.

די דערלייזונג

נאָך אַ גאַנצע קייט פון ליבע־לידער וואָס האָבן צו זיך קיין גלייכן אין אונדזער יידישער ליטעראַטור, נאָך אַ סך שווערע ראַנגלעניש, דערפילט זיך

דוד איגנאַטאָוו

חיים אַ געליטערטער, אַ דערלייזטער. דער גייסט האָט זיך געשטאַרקט און זיך דערהויבן איבערן קערפּער, און ווי פריִער צו זיין געליבטער, נעמט ער אויך דאָ רופן צו די רעאַלע און אַבסטראַקטע כוחות צו באַטייליקן זיך:

װײַטע װײַטע פעלדער,
גריסט מײַן דערלײזונג מיר.
שטילע, שטילע װינטן,
בענטשט מײַן דערציילונג מיר.
זיסע, זיסע ריחות
זאַלבט מײַן דערציילונג מיר.
גוטע, גוטע בשורות,
טרייסט מײַן דערלײזונג מיר.

אַוודאי מוז ער אָפּט אַריבערטרעטן איבער אויפגעטויכטע דערינערונגען ווי איבער שפּיציקע שטיינער:

אַז איך דערמאָן זיך אָן דײַן ריין —
איז ליב מיר ס'בליטן
פון די שפּיצן פינגער מײַנע.
אַז איך דערמאָן זיך אָן דײַן ריין —
איז ליב מיר, ס'טרערן,
פונעם יאָרן לאַנגן טרויער מײַנעם.

און:

כ'האָב אַ טאָג אַפילו היינט
געבלאָנדזשעט בלינד
אין ליכטיקייט פון גאָט —
צי וועל איך דיך אין נאַכט געפינען?

נאָר אַ מענטש פון עכטן גלויבן קען אין זיך מאַכן אַזאַ אומבייט און צו־נויפגיסונג פון גאָט און געליבטער. און קרול האָט דאָס געמעגט.

גאָר זייניק פון אונדזערע שריפטשטעלער ווייסן פון גאַנצער, דורכגע־לויכטענער ליבע. אפשר איז דאָס דערפאַר וואָס זיי זענען נישט גענוג טיף רעליגיעז. די אייביק־קוואַלנדיקע מענטשלעכע מעשהדיקייט וואָס איז ראַציאָ אין זיך אַליין, לייקנט אָפּ דעם אַזוי־גערופענעם ראַציאָנאַלן געדאַנק אַז ליבע צווישן מענטשלעכע געשלעכטער איז כמעט דאָס אייגענע ווי געשלעכטלעכער פאַרקער צווישן חיות. דער מענטש איז מעשהדיק רעליגיעז און לויט דער גרויס פון אַ מענטשנס רעליגיעזקייט איז זיין ליבע.

דורך דעם מענטשנס מעשהדיקן, רעליגיעזן ליכט פון ליבע ווערט געשלעכט געהייליקט, לייב ווערט טראַנספאָרמירט, קריגט אויסדערוויילטן ווערט. דורך

„אָפּגעריסענע בלעטער"

ליבע ווערט מענטשלעך לייב דערהויבן צו אַ געטלעכער סובסטאַנץ, געטלעכן באַפעל, געטלעכן ווילן, געטלעכער באַשערטקייט. — אַזאַ איז, אויף צו באַלייכטן אונדזער ליטעראַטור, געווען די ליבע פון אונדזער חיים קרול.

חיה־שרה איז אַוועק, חיה־שרה איז מער קיינמאָל צוריק נישט געקומען, אָבער חיים האָט דורך קראַנקייט און דורך פּיינען אַלץ אָנגעהאַלטן זיין ליבע. ער איז מודה: „איך קען נישט פאַרלעשן דאָס פייער אין מיין בלוט" און ריין און אויפ־ריכטיק איז זיין דאַנקען פאַר דעם גרויסן גליק פון האָבן געלעבט מיט איר אין איין צייט:

שטיל שטרעקן זיך מיינע הענט —\
כ׳לויב פאַר אַלץ: —\
וואָס ס׳איז,\
און וואָס ס׳איז געווען,\
אַלץ,\
וואָס האָט געהאָלפן\
מיך געבוירן\
און וואָס האָט נאָר עפּעס\
אין מיין וואַקסן.\
אַלץ!\
פאַרן גרויסן גליק —\
פאַר מיין זיין מיט דיר אין איין צייט.

און נישט נאָר חיה־שרה אַליין, אַפילו איר מאַנטל ווערט געהייליקט און ווערט אויך אַ היילמיטל פאַר אַלדאָס בייז:

אין דיין מאַנטל, אַז איך היל זיך —\
ווערט אַלץ געהיילט.\
אַלץ גענעזן —\
אַ רפואה שפּרייט זיך איבער אַלץ. —\
און מיין האַרץ גיב איך מיט ליבע אָפּ:\
פאַר בלינדע אויגן — אַ שיין.\
פאַר טויבע אויערן — אַ בשורה.\
פאַר יתומים — אַ טרייסט.\
פאַר אלמנות — אַ האָפענונג.

נאָר ווען מען איז אַזוי דורכגעלויכטן ווי חיים, קען מען, מעג מען אַזוי רעדן וועגן אייגן האַרץ, און חיים האָט געמעגט.

דער דורכגעלייטערטער און קלוגער חיים קרול האָט געגומען זען ליד, לע־בעדיקע מיסטעריע און שטראַלנדיק געטלעך ליכט אין יעדן מענטשן. ער האָט אַ

סך גוטע לידער געווידמעט צו מיידלעך. איך זאָג מיידלעך, וואָרעם איך גלייב נישט אַז ער האָט ווען געווידמעט אַ ליד צו אַ פאַרהייראַטער פרוי, כאָטש ער האָט גאָר אַ סך לידער געווידמעט צו מענער. דער חילוק צווישן די געשלעכטער איז ביי אים שטענדיק אַ דיסטינקטער. אין טעג פון חרפּה און פּיין, ווען ער איז „אין אַ מצודה רעה" און הילף איז אים נייטיק און ער, דער גלייביקער, וואַרט אויף אַן אויסלייזער, זאָגט ער: „און באַווייזן וועט ער זיך אין געשטאַלט פון אליהו־הנביא, צי אין געשטאַלט פון אַ מיידל — קומען מוז אַן אויסלייזונג צו מיינע יללות". אָבער קלאָר איז, אַז אַנדערש איז און וואָלט געווען די אויסלייזונג וואָס וואָלט געקומען פון דער מאַן־געשטאַלט — אליהו, און אַנדערש, גאַנץ אַנ־דערש, די אויסלייזונג פון אַ מיידל־געשטאַלט.

9.

דיכטונג און דיכטער

דיכטונג איז ביי אים „אַ שוואַנען־מלכה", אַפילו „אַ לייבין אין ווילדן דזשאַנגל". אָבער נישט קיין לייב, חלילה, נישט קיין שוואַנען־פּרינץ ווי זיגפריד, למשל. דיכטונג איז פאַר אים ווייבלעך, לייב, מאַן, פּרינץ — איז פאַר אים דער דיכטער, און אַנדערש, גאַנץ אַנדערש, זענען דערפאַר זיינע פילע לידער געווידמעט צו מענער. בלויז צום מאַן קען ער זיך ווענדן מיט אַזאַ אויסרוף:

מענטש:
צעהאַק דיינע ביכל־מויערן!
העי, מענטש!

אָדער:

צינד אָן דיינע פאַקלען,
וואָס שטייען ביי די יאַרטויזנטער פאַרשפּינוועבט,
און מאַך ליכטיק דעם טאָג
וואָס טרייבט יאַרטויזנטער כסדר
און לייכט אויף.

חיים קרול האָט „אין זיך דעם כוח צו פאַרשפּילן זיך אַליין — אַרומטאַנצן און אויסטאַנצן זיין פרייד ווי אַ קלאָון". האָט דעם כוח צו דערציילן „מיר איז מאָדנע — שפּיל איך זיך מיט אַ פליג און פאַרשפּיל זיך: — אָט שטרעקט זי מיר אויס אַ פיסל — רייס איך אַרויס אַ האָר פון קאָפּ און שטרעק איר אַנט־קעגן. באַטרעט זי בין איך גליקלעך", אאַ"וו. מיט דער דינקייט פון אַ וויליאַם בלייק דערציילט ער איך: „ציטערט אַ זשאַבעלע ביי מיר אין דער האַנט, אַן אָרעם בריהלע — און אפשר אַ רייכס?" אָדער: „ס'האָט אַ קעצל דערבליקט מיין

פרייד און איך האָב זיך פאַרשעמט: ס'איז ביי מיר אויסגעוואַקסן אַ געפּיל, שטייף, האַרט, אַז ס'האָט אַ נפש מיר צוגעגנבעט מיין נאַקעטקייט". אָט דאָס ריינע צעגויפגיסן זיך מיט די אַזוי־גערופענע „נידעריקע" ברואים ברענגט פיינע מענטשלעכע דערהייבונג, שפּיל און באַגריף פון אומבאַגרענעצטער מענטשלעכער ליבע צו אַלץ.

ער האָט דעם כוח צו זאָגן (איך זאָג „האָט", ווייל אָט דער כוח איז דאָך געבליבן מיט אונדז) „איך פלי דעם שניי אַנטקעגן — העי שניי, דיין נאַקן איז ווייסער ווי דער שוים פון ים" — — — „זעסטו מאַן און פרוי זיך קושן — האַלט איין דעם אָטעם — נישט שטער דעם הייליקן ריטואַל און בוק זיך דריי מאָל פאַר דער קדושהדיקער מינוט וואָס איז אויף דיר אויסגעפאַלן". אָדער: „איך טראָג אין מיר דעם שיין פון אַ טרער און דעם שמייכל פון אַ קינדערש בעקל, און אַז ס'וועט קומען די צייט און כ'וועל ווערן ראוי וועל איך אַנטפּלעקן מיינע שיינקייטן פאַר אייך, מיינע עלנטע ברידער".

עס איז אויך חיים קרול דער דיכטער, דער מאַן, וואָס האָט פאַר אונדז אויסגעהאַקט אַזוינע פּלאַסטישע לבנה־שיינקייטן:

1.

די לבנה איז אַרויס ווי אַ זילבערנע הירשין,
אויפן שטילן הימל.
גלאַט פאַרקעמט איר קאָפּ.
און הינטן אויף דער ערד,
האָט געווימלט און געטעשט.
און נישט קיינער האָט געוואָרפן אַ בליק
צו דער זילבערנער הירשין איבער אונדז.

2.

די לבנה שפּאַצירט אויף מיינע ווענט
און סדרט אויס זילבערנע טרעפּלאַך
אין הימל אַריין.

3.

די לבנה ציט זיך אויס ביז צו דער ערד
און נעמט מיך אויף איר קלאָרן געלעגער,
אַ געלייטערטן.

4.

די לבנה,
ווי פון טבילה אַ ווייס־געהילטע כלה,
מאַכט שטילע טריטעלאַך
אין זילבערנע לעטשלאַך
איבער מיין גאַס.

5.

איך קוק צו דער לבנה און איך וווּנדער זיך:
דיין פּנים ענלעך צו מיין מיידלס.
און פאַרוואָס ביסטו אַזאַ גוטע,
בליקסט צו מיר אַ פולע נאַכט.
מיט דיינע לאַנגע פינגער ווישסטו אויס מיינע אויגן
און איך בין דיר אַ גוטער.
נישט ווי מיין מיידל —
זי איז אַ שלעכטע.

10.

אַ ביסל פון חיימס גאָט־לידער

אייגנטלעך זענען כמעט חיים קרולס אַלע לידער — גאָט־לידער איבער דער רעליגיעזער ריינקייט וואָס באַגלייט זיי. אונדזערע נייע גאָט־גלייבער וואָלטן אָט די קרולס גאָט־לידער געדאַרפט לייענען יעדן טאָג, ווי אונדזערע פריער־דיקע גאָט־גלייבער פלעגן דאַווענען יעדן טאָג, זאָגן דעם „יום" יעדן טאָג. קרול זעט גאָט אַזוי נאָענט ווי אַ קינד זעט פּסח סדר נאַכט אָדער יום־כיפּור אַ טאַטן אין אַ קיטל. גאָט רעדט צו אים ווי אַ טאַטע צו אַ קינד און זאָגט צו אים רייד וואָס נאָר גאָט קען זאָגן:

און גאָט האָט זיך צו מיר באַוויזן
אין זיין לאַנגן קיטל
און צו מיר אַזוי געזאָגט:
מיין קינד,
כ'האָב צעוואָרפן קערנדלעך גוטס —
קלייבסטו זיי צוזאַמען
אין רחבותדיקע זעקעלאַך —
טוסטו גוט אַזוי, מיין קינד.
מיין קינד,

„אָפּגעריסענע בלעטער"

כ'האָב צעשליידערט קייקעלאַך כעס,
זוכסטו זיי אויף
און צעשמעלצט זיי —
טוסטו גוט אַזוי, מיין קינד.

ב.

מיט מיין שטילקייט דערגרייך איך צו גאָט
און פאַרקלאָג זיך פאַר אים
אַז ס'איז מיר אומעטיק —
טרייסט ער מיך,

אַז ער איז אויך אין עצבות
און אים איז טרויעריק
ווי מיר.

ג.

בלאָנדזשעט אַ קול אין חלל
און רופט צו בעטן גאָט. —
ווערט דאָס קול געשטרויכלט
פון גראָבע שטימען,
וואָס שרייען עס איבער.

ד.

איך בין אַ שטרויכלדיקער —
איך זינדיק אויף יעדן טראָט,
אָבער אין מיין גרעסטער נויט
האָב איך באַלד חרטה,
און איך צי זיך צו גאָט
און איך בעט פאַר זיך
און פאַר אַלע.

ה.

גאָט,
זיי זיך מרחם אויף דיינע קינדער,
ווו זיי זענען
אין נויט,
אין אָרעמקייט,

ד ו ד א י ג נ אַ ט אָ ו

שיק זיי אַ הילף.
נעם ביי זיי צו די לאַסט —
די שווערקייט פון לעבן.
קום צו זיי נאָענט —
אַנטפּלעק דיין חסד
אין זייערע שטיבן.
מאַך זיי לייכטער —
אמן.

ו.

כ׳שטרעק מיינע הענט צום אַלמעכטיקן:
אַ דאַנק דיר פאַר דיין גראָדן שטעג
וואָס דו ווייזט מיר אָן.
אמת,
כ׳בלאָנדזשע נאָך
צו דיין גרויסן ציל.
אַ דאַנק דיר
פאַר דיין גרויסן חסד.

ז.

גרויסער גאָט,
וואָס בין איך?
אַ זאַמדל
צו לויבן גאָט.
אין אַ זייל
געהויבן פון אַ ווירבל,
טאָ האָב אויף מיר רחמנות —
כ׳זאָל נישט פאַרלאָרן גיין אינעם ווינט.

ח.

גאָט,
ווי אַ קראַנק קינד
אין היץ
ראַנגל איך זיך —
טאָ זיי מיין הילף
צום טויזנטסטן מאָל.

נאָר אַ נזיר וואָס האָט זיך אָפּגעשיידט פון לעבן, פאַרשטייענדיק דאָס לעבן קען אַזוי געהייליקט און געלייטערט אָפּעררן מיטן טראַדיציאָנעלן גאָט־סימבאָל

„אָפּגעריסענע בלעטער"

און דאָס טון אַזוי עכט און ריין ווי דאָס האָט געטון דער אמתער נזיר פון אונ־דזערע טעג, דער קדוש חיים קרול.

נאָר אַ מענטש אַ קדוש, וואָס האָט אַזוי אָפּט אמתדיק געהונגערט האָט זיך אין זיין ריינקייט געקענט אַריבערהייבן איבער אַלץ און דערזען אין דעם ברע־נענדיק ליכט אויף זיין ליידיקן טיש — דעם דאָרנבוים:

מיין טיש איז געדעקט
מיטן אָוונט־טוך,
און אַ ליכט ברענט אויף אים —
דער דאָרנבוים
אין מיין מאָלצייט איז —
דעם ווינטס בלאָז.

און ביי אַ ביסל אַ בעסערער געלעגנהייט שרייבן:

געלויבט צו גאָט
פאַר יעדן קרישקעלע,
וואָס איך לייג אין מויל אַריין,
פאַר יעדן גרעזעלע,
וואָס איך שלינג אַראָפּ,
פאַר יעדן ברעקעלע
וואָס מאַכט באַטעמט מיין גומען.
געלויבט פאַר אַלץ
וואָס גיט מיר שטאַרקייט

צווישן זיינע גאָט־לידער זאָגט ער נאָכאַמאָל איבער דאָס וואָס ער האָט אין אַן אַנדער אָרט געזאָגט וועגן דערלייזונג. דאָ אָבער ווערט דאָס מער רעאַל, ווייל ער זאָגט דאָס דירעקט וועגן גאָט:

„און באַווייזן וועט ער זיך אין געשטאַלט פון אליהו הנביא,
צי אין געשטאַלט פון אַ מיידל".

גאָט און די געליבטע ווערן דאָ אַ מין איינס. קודשא בריך הוא ושכינתיה — די דערהויבענע עקזאַלטירטע אומבייטונג פון גאָט דעם מענלעכן און גאָט — די ווייבלעכקייט.

פאַר חיימען איז אָבער דער טראַדיציאָנעלער גאָטסימבאָל פאַרט געווען און פאַרבליבן מאַן. ייִד. ווי ער בליצט דאָס פאַר אונדז אויף:

איך בין פריידיק —
אַ שטיק פייער. —
אין מיטן פון מיין זיין אַליין,

ד ו ד   א י ג נ אַ ט אָ ו ו

גלי איך אויף —
נעמען שוועבן די ווענט
פון דער וועלט
און עס ווערן דורכזיכטיק
אַלע זיבן הימלען,

און עס דערנעענט דער כסא־הכבוד
אין מיינע פיר היילן
און איך קוש דעם של־ראש
פון גאָט ברוך־הוא.

איך פרעג נאָך אַמאָל — ווער אין אונדזער צייט און אונדזער שרייבערישן דור האָט געקענט אָדער געוואַגט אַזוי שרייבן?

חיים קרול האָט געקענט און געמעגט אַזוי שרייבן.

„כ׳בין אַ בעסערער פון מיין דור, ווי ווער״.

אָדער:

אויף די מדרגות־שטאַפּלען פון מיין שטערן
שטראַלט דאָס גאָלד פון לייטערונג —
איך זע זיך אויף דעם שטייגונגס־לייטער
פון גרויסן שפּעטער,
פון דערהייכונג —
שטיין וועלן אַלע געבוקט,
פאַר זייער אייגן גרויסקייט.

אַט אַזוי האָט אין אונדזער צייט און אין אונדזער דור געלעבט אַ צדיק תמים וואָס איז ווי פון גורל באַשטימט געוואָרן צו שטיין „פון דערווייטנס פון זיינע דור־גענאָסן, נישט צו נעמען קיין טענצל אין אונדזער ראָד״. ער האָט זיך געמוטשעט און געראַנגלט מיט אַ קרענק, וואָס האָט אים גראַדעוויז, אָבער זי־כער, באַהערשט אַלץ מער און מער און דאָך האָט ער זיך געשטאַרקט און צו יעדער צייט זיך געקענט אַריבערהייבן איבער זיינע ליידן און זאָגן:

לויבט מיט מיר פאַר דער מינוט
וואָס האָט מיין גורל באַשטימט,
ווייל איך בין אַ בעסערער פון מיין דור.

מענטשן ליידן פון דורות פאַר זינד אין וועלכע זיי זענען נישט שולדיק, זיי פילן זיך אומבאַהאָלפן קעגן אַזאַ שולדיקייט און קרול האָט זיך געמוטשעט און איז פון אונדז אַוועק ווי אַ שיינער און ליכטיקער קרבן פאַר אונדזער אַלע־מענס זינד. צי זענען מיר געווען שולדיק אין די זינד, צי האָט ער אויסגעקויפט אונדזער זינד? צי האָבן מיר פאַרדינט אַזאַ קרבן?

.11

איין מאָל האָט חיים באַפֿוילן צו מיר פֿון שפּיטאָל, אַז ער וויל איך זאָל זען אַז מען זאָל אים נאָך זיין טויט באַגראָבן צווישן די שריפטשטעלער אויפֿן אַרבעטער־רינג בית־עולם. מיט אַ צייט שפּעטער איז צו מיר אָנגעקומען פֿון אים אַז ער וויל מען זאָל אים באַגראָבן אויף דעם נייעם מאָנטעפֿיאָרע בית־עולם אויפֿן קבֿרים־שטיק פֿון ראַדאָשיצקי. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ראַדאָשיצקיס אַ טאָכטער און ער האָבן מיט יאָרן צוריק געהאַט אַ מין ליבע צווישן זיך (ער האָט איר אויך געווידמעט עטלעכע לידער). די טאָכטער איז איצט אין אַן אַנשטאַלט און חתונה האָבן וועט זי מער נישט. דער פֿאָטער האָט געוואָלט קויפֿן אַ קבֿרים־שטיק פֿאַר פֿיר און חיים האָט איינגעוויליקט צו זיין איינער פֿון די פֿיר.

איך בין אַוועק צו חיימען אין שפּיטאָל אויסצוגעפֿינען צי איז דאָס טאַקע אַלץ ווי מען זאָגט מיר. חיים האָט גערעדט, ריכטיקער, געהערט, וואָס איך רעד און פֿרעג. ער האָט נישט געקוקט אויף טויט ווי אויף אַ זאַך אַ טראַגישער און אַפֿילו נישט ווי אויף אַ זאַך וואָס וועט אים באַפֿרייען פֿון זיינע ליידן און ער האָט מיין ניט־באַקוועמקייט פֿון רעדן צו אים וועגן זיין קבֿר געפּרוווט אָפּווישן מיט אַ ליכטיקן און וואַרעמען בליק און מיט אַ גוטן חבֿרשן אויסדרוק אויף זיין פּנים. — יאָ, מען מעג, הייסט דאָס, רעדן וועגן טויט און וועגן זיין קבֿר, ס'איז גאָר נישט. מען מעג. יאָ, ער וויל ליגן אויף ראַדאָשיצקיס קבֿרים־שטיק, טאַקע צוליב דער טאָכטער. אַ משפּחה־זאַך.

ער האָט גאָר ווייניק געקענט באַנוצן די פֿינגער פֿון זיינע הענט, און דאָס וואָס דער נישט־איבעריק ריינער סוועטער וואָס ער האָט געטראָגן האָט זיך אַרויסגעהויבן אויף אויבן מיט אַ לעכל וואָס האָט איבערגעהיפּט און אונטן מיט אַ קנעפּל פֿאַר וועלכן עס איז שוין נישט געבליבן קיין לעכל, האָט מיך שטאַרק געערגערט און איך האָב אים איבער דעם נישט געקענט קוקן גלייך אין די אויגן אַריין. נעמען איבערקנעפּלען האָב איך מורא געהאַט, אפֿשר וועל איך אים דורך דעם פֿאַרשאַפֿן קרענקונג. מיין פֿאַרלעגנהייט איז דאָ ווידער געוואָרן אַ שפּיל פֿון זינדיקייט אין וועלכער דו ביסט נישט שולדיק. רעדן איז שוין חיימען דעמאָלט געווען אַ סך שווערער ווי פֿריִער. האָב איך דערזען לעבן אים „די צוקונפֿט“. דאָס איז געווען אַ נומער אין וועלכן עס זענען געווען שוואַרצס איבערזעצונגען פֿון טשערניכאָווסקיס לידער. האָב איך אים פֿאָרגעשלאָגן איך וועל פֿאַר אים לייענען די לידער. חיים האָט פֿאַרשטאַנען... ער איז געווען צופֿרידן איך זאָל לייענען. די לידער זענען אים שטאַרק געפֿעלן געווען און ער האָט געמאַכט אַ פּאָר גערזונטע, גוטע באַמערקונגען. פּלוצים האָט אויף אַ ווייטערער בעט אַן אַנדערער חולה זיך גענומען וואַרפֿן און רעווען. איך בין געבליבן שטיין און האָב זיך אין אַ ווילדע אַרום ווידער גענומען פּרוון לייענען, אָבער דאָ האָט אַ פֿרוי אין אַן אַנדער זייט פֿון דעם גרויסן צימער מיט די פֿילע בעטלעך גע־

נומען שרייען איבער איר קראַנקן מאַן ווי עס שרייען געוויינלעך ייִדישע פאָלקס־פרויען אויף בית־עולמס איבער די קברים פון זייערע מענער. די אַלע בעטן, אַלע מיט אומהיילבאַרע קראַנקע, דאָס רעווען פון איינעם פון זיי, דאָס פּלוצימ־דיקע באַנומענע קלאָגן פון דער פרוי. איך בין געבליבן אָן אָטעם. חיים האָט זיך אָ הייב־געטון:

— איגנאַטאָוו, גייט אַוועק, גייט אַהיים! קומט! — און ער האָט אַן איינגע־בויגענער און אַ פאַרבלויטער, מיך גענומען פירן צום אַרויסגאַנג.

אַט אין אַזאַ סביבה, אין אַזאַ שפּיטאָל האָט חיים אָפּגעלעבט צען יאָר און דאָך זיין גייסטיקן גלייכגעוויכט נישט פאַרלאָרן. פון און אינמיטן פון אָט־דעם טאָל פון אומגליק, געזונגען לידער און געשריבן עסייען וועגן גאָט און וועגן מענטשן.

12.

איך גלייב, אַז אַ מינוט, אַ רגע פאַרן טויט, געשעט אַ נס מיט יעדן מענטשן. דער מענטש וואָס איז געווען אַ צונויפגעבונדענער איינס — ווערט צעצווייט. דער טויטער קערפּער פאַלט אַוועק, דער לעבעדיקער הייבט זיך אויף, טיילט זיך אָפּ פון דעם אַוועקגעפאַלענעם. דער טויט קען דאָס לעבן מיט זיך אין קבר נישט נעמען.

און אָט דערהאַלט איך אַ טעלעפאָן־רוף פון דעם דעם שפּיטאָל פאַר אומ־היילבאַרע קראַנקע: עס האַלט שלעכט מיט חיימען. אויב איך וויל אים זען, מוז איך זיך צואיילן... איך בין געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט, מיין קול איז געוואָרן געבראָכן און אַ גאָר שטאַרק צערודערטער בין איך אַוועק צום שפּיטאָל. דאָרט אָבער האָב איך געטראָפן חיימען אויף, אַ ביסל אַן אונטערגעהויבענעם אין אַ בעטל אין אַן אָפּלייג־צימער, אַ גומירער האָט געפּירט זויערשטאָף צו זיין נאָז און מויל. דאָס פּנים איז, ווייזט אויס, פאַר עטלעכע טעג שוין נישט געווען ראַזירט. ער האָט געקוקט, נאָר שוין נישט געזען, ער האָט אָבער געאָטעמט אַזוי גרינג און אַזוי רעגולער, אַז מיין גאַנצע נערוועזקייט איז פון מיר אַוועק. אַ רו איז אויף מיר געקומען. איך האָב אים גערופן — נאָר ער האָט נישט געענטפערט. איין מאָל בלויז אַ קרעכץ־געטון אויף מיין רוף. איך האָב זיך דערמאָנט, איך האָב דערפילט — מען טאָר נישט שטערן. עס איז יציאת־נשמה... ער אָטעמט אַזוי לייכט, אַזוי רעגולער און גרינג. אין ערפורכט בין איך געשטאַנען אויף מיין אָרט, געזען און געפילט אַזוי גרינג ווי אַ שאָטן — אַ לעבעדיקער מענטש גייט אַרויס פון אַ פאַרוואָקסענעם פאַרמוטשעטן קערפּער. חיים טיילט זיך פון חיימען אָפּ און טויט וועט באַלד בלייבן ליגן אַ טויטער חיים און דער לעבעדיקער וועט זיך אויפהייבן, זיך אינגאַנצן אָפּטיילן פון דעם טויטן און וועט אַריבער צו אונדז.

און בלייבן לעבן מיט אונדז, די לעבעדיקע. און אַזוי וועלן מיר אים און זיך איבערגעבן צו די וואָס וועלן קומען נאָך אונדז.

**

די לוויה איז געווען אַ שטילע, אָן אָרעמע, אָבער דאָס איז געווען יענע אָרעמקייט וואָס האָט איר גאָר גרויסע דורכגענומענקייט. מענטשן וואָס קומען געוויינלעך צו אַלע גרויסע שמחות, זענען נישט געקומען. עס איז געווען זונטיק. עס איז געווען צווישן 10—11 אינדערפרי. מענטשן ווילן זונטיק שלאָפן שפּעט. עס איז אויך געווען אַ קאַלטער פּראָסטיקער מאָרגן. עס זענען זיך צונויפגעקומען בלויז אַ קליינע צאָל געטרייע, שטילע באַשיידענע מענטשן. צווישן די נישט־געקומענע זענען אָבער געוויס געווען אַזוינע חברים שרייבער, וועלכע זענען געבליבן שולדיק נישט־שולדיקערהייט. זיי זענען אפשר ערשט געוויר געוואָרן פון זיין טויט נאָך דער לוויה. אַזוינע זאַכן טרעפן אין דער גרויסער ניו־יאָרק, און עס קענען אַמאָל אויך זיין אַנדערע סיבות, וואָס מאַכן שולדיק נישט־שולדיקע מענטשן. אָבער סיי־ווי־סיי — פּאָר אַ מענטשן אַ נזיר האָט זיך דאָס אַלץ געפּאַסט. בלויז אַ קליינע צאָל געציילטע, גאָר געטרייע מענטשן האָבן דאָ גע־דאַרפט זיין. עס איז אויך געווען גוט וואָס דער ארון איז געווען נישט קיין באַדעקטער מיט לאַקיר. דאָס זענען געווען נאַקעטע, אמתע, פּשוטע ברעטער, געשניטן פון אַן איינציק ברעט וואָס האָט מיט יאָרן פריִער געבליט אין „אַ מאַמע־בוים", געשפּראָצט יונג צווישן זיינע ברידערביימער אין אַ גרינעם וואַלד, און איצט אַ נאַקעט ברעט בלויז, אַ שותף צו פאַרדעקן חיימס פאַרמוטשעטן קערפּער. און מיר האָבן טאַקע איבער דער ברעט געלייענט חיימס ווערטער:

> ברעט,
> מיין איינציק ברעט,
> אויף וועלכן מיין גוף וועט אַמאָל רוען!...

אויף דעם אָרט פון דעם טראַדיציאָנעלן „אל מלא רחמים" האָבן מיר גע־לייענט זיינע גאָט־לידער, זיינע מענטש־לידער, זיינע לבנה־לידער, זיינע איינ־ציקע, אומפאַרגלייכלעכע ליבע־לידער — אַלע חיימס לידער, זענען אין תוך, גאָט־לידער.

**

דער בית־עולם, אַ נייער, אַ נאַקעטער, מיט שילדן פון משפּחות גאַנצע וואָס דאַרפן נאָך ערשט שטאַרבן. מענטשן האָבן דאָ צעכאַפּט שטיקער ערד. איצט שטייען די שטיקער און נאָך נישט געעפנטערהייט, וואַרטן זיי שוין אויף די מענטשן .די שילדן רופן זייערע נעמען.

ווינט און שטאַרקער פראָסט האָט געבלאָזן אין די פּנימער פון אונדזער גאָר

דוד איגנאַטאָוו

קליינער גרופּע וואָס האָט פון דעם וועג, אויף די הענט גענומען טראָגן דעם ארון צום צעעפנטן קבר.

מיר האָבן אַראָפּגענומען דעם פּרוכת וואָס האָט פאַרדעקט די נאַקעטע ברעטער און נאָכדעם דעם ארון אַראָפּגעלאָזט. מענטשן האָבן פאַרשאָטן, פאַרדעקט מיט אַן אויפגעבערגלטן ערד־הויפן די ברעטער און דעם שותף און אַ געפּיל האָט זיך געשאַפן: געהייליקט איז איצט געוואָרן די דאָזיקע ערד.

דאָס לעצטע וואָס איז פון אונדז געלייענט געוואָרן איבערן קבר איז געוועזן זיין ליד:

העי, מענטש!
צינד אָן דיינע פאַקלען,
וואָס שטייען ביי דיר
יאָרטויזנטער פאַרשפּינוועבט,
און מאַך ליכטיק דעם טאָג,
וואָס טרייבט יאָרטויזנטער כסדר
און לייכט אויף מענטש.

(„אידישער קעמפער”, ראש־השנה תש״ז, סעפּט. 1946).

קונסט און קינסטלער

סטיגליץ

(אַ מעשה אַזאַ)

איך, וואָס גלייב, אַז די גאַנצע וועלט איז בלויז אַ מעשה, אַ מעשה, וואָס האָט זיך נאָך אינגאַנצן נישט דערציילט, וועל אייך איצט דאָ אַ מעשה דערציילן.

איך וועל אייך דאָ דערציילן אַ מעשה פון אַ מענטשן, וואָס איז שוין איצט אַלט זיבעציק יאָר, אַ מעשה פון אַ מענטש, אַן אמתן, אַ נישט־אויסגעטראַכטן.

מעשה איז אַלץ אַרום אונדז. מעשה איז ממש דער אָטעם פון אונדזערע באַזלעכער, און אַלץ וואָס מיר טוען איז מעשה.

ווען מיר וואָלטן געקאָנט געפינען אַ וועג, אַ שפּראַך אַזאַ אויף צו קאָנען קומען צו די חיות אין וואַלד און זיי דערציילן ,אַפילו בלויז נאָר ווי אַזוי עס ווערט צוגעגרייט אונדזער עסן, — אַז עס ווערט געקאָכט אין אַזוינע טעפּ, געבאַקן אין אויוונס, אַז די שפּייזן ווערן דערלאַנגט אויף טישן, אויף אַזוינע הילצערנע פלאַכן, וואָס ווערן אויפגעהאַלטן פון אַזוינע פיס וואָס זענען אויך געמאַכט פון האָלץ, אַז דער טיש ווערט נאָך דערצו פריִער פאַרשפּרייט מיט געוועבן געבלומלטע, געקעסטלטע אָדער גאָר ווייס־געוועבטע פאַרשפּרייטונגען אַזוינע, — און, אַז מיר זעצן זיך צום טיש אַוועק צום עסן אויף שטולן, וואָס זענען געמאַכט אַזוי און אַזוי און מיט באַזונדערע אויפגעשטעלטע אָנלענס פאַר אונדזערע רוקנס, און אַז אונדזערע עסנס זענען אײַנגעטיילט אין צושפּייזן און נאָכשפּייזן און ווערן אונדז דערלאַנגט אויף אַזוינע געפאַרבטע און געבלימלטע טעלער און טעלערלעך און, אַז ביים ברענגען דאָס עסן צו אונדזערע מיילער באַנוצן מיר אַזוינע שפּיציקע זאַכן, וואָס הייסן גאָפּלען און אַזוינע בלאַנקע זאַכן, וואָס הייסן מעסער און געבויגענע זאַכן, וואָס הייסן לעפל. וואָלט דאָס די חיות דען נישט געקלונגען ווי אַן אויסטערלישע מעשה פון עפּעס אַ כישוף־וועלט, אין וועלכער עס וווינען עפּעס אַזוינע כישוף־חיות, מעשה־חיות, וואָס לעבן אַ מאָדנעם, אָטעם־פאַרכאַפּנדיקן לעבן.

און דאָס וואָלט ביי די חיות אויסגעקומען אַזוי אָטעם־פאַרכאַפּנדיק, מעשהדיק, נישט דערפאַר ווייל זיי זענען חיות און האָבן קיין שכל נישט, נאָר דערפאַר, וואָס דער אמתער שכל, דער אמתער אמת וואָלט געווען אויף זייער זייט; ווייל

אין דער אמתן איז אַלץ אַרום אונדז פאַרכאַפּנדיק, מעשהדיק, אָנהייבנדיק פון די סאַמע געווינלעכסטע זאַכן אַרום אונדז.

יאָ, איך גלייב, איך בין איבערצייגט, אַז אַלץ וואָס מיר טוען איז לויטער אַנטפּלעקונג, לויטער מעשה און די גאַנצע וועלט איז בלויז אַ מעשה אַזאַ, וואָס האָט זיך נאָך אינגאַנצן נישט דערציילט, און מיר ווילט זיך אייך, מעשהדיקע מענטשן, דאָ איצט אַ מעשה דערציילן, אַ מעשה פון אַ מענטשן וועמען עס איז נאָר־וואָס געוואָרן זיבעציק יאָר, אַ מעשה, וואָס האָט זיך נאָך אינגאַנצן נישט דערציילט.

אַוודאי ווייס איך, אַז ווען מיר זענען קינדער, זענען מיר פּעיִקער אויפצונעמען און פאַרשטיין די מעשהדיקייט פון אונדזער זיין און ווען מיר קומען צו דער צייט ווען אונדזערע ביינער ווערן פאַרהאַרטעוועט, שטעלן זיך אָפּ און הערן אויף צו וואַקסן, שטעלט זיך ביי די מערסטע פון אונדז אָפּ די עלאַסטישקייט, די שפּילעוודיקייט פון אונדזער פאַרשטעלונג. איך ווייס אָבער אויך, אַז אויף וויפל די פאַרשטעלונג בלייבט נאָך ביי אונדז עלאַסטיש אויף אַזוי פיל זענען מיר זוכעריש, קינסטלעריש, אויף אַזוי פיל גאַרן מיר און געפינען אַנטפּלעקונג אַרום זיך.

פאַראַן מענטשן אַזוינע, וואָס ווערן ספּעציעל אויסגעשטעלט פון צווישן אונדז אויף צו וועקן און רעגן די שטענדיקע אמתע מעשהדיקייט אין אונדז, די שטענדיקע אַנטפּלעקערישקייט פון אונדזער לעבן, זיי זענען די טרעגער, זיי זענען די אַפּאָסטאָלן פון דער מעשה.

די מעשה, די אַנטפּלעקונג לעבט כמעט אַ וועזנטלעך לעבן, זי געפינט זיך דעם אַפּאָסטאָל — איר מעדיום, ווי עס געפינט אַ פלאַג איר קרבן, ווי עס געפינט אַ בין די בלום פאַר איר האָניק.

דער אַפּאָסטאָל איז איינגעגלייבט. ער טראָגט זיין איינגעגלייבטקייט ווי אַ מוז, אָפּט טאַקע ווי איינער וואָס איז געטראָפן פון אַ פלאָג און אַמאָל אויך ווי אַ שיין צעבליטע בלום, וואָס פילט דעם האָניק אין אירע שאָלן.

ביים אַפּאָסטאָל איז גלויבן די העכסטע פאָרמע פון וויסן.

דער אַפּאָסטאָל פילט און פאַרשטייט די שטענדיק לעבנדיקע, פרישע קוואַלנדיקייט פון מעשה, פון אַנטפּלעקונג, ער האָט אַ באַזונדער חוש אַזאַ, און דאָס ברענגט אים ממילא, דורך לייד און דורך פרייד — צו אומענדלעכן אָפּטימיזם.

מענטשן ראַנגלען זיך, קומען און גייען צוליב דעם כח פון אַנטפּלעקונג און בלויז דורך אַנטפּלעקונג באַפּעסטיקן זיי, זייער זיין.

אָט אַזוי, הייב איך אָן צו דערציילן אַן אמתע מעשה וועגן אַ ליכטיקן, אַ ליידנדיקן און טיף־גלייבנדיקן מענטשן, וואָס איז נאָר־וואָס אַלט געוואָרן זיבעציק יאָר און וועמעס נאָמען איז — אַלפרעד סטיגליץ.

„אָפּגעריסענע בלעטער"

1.

ווי אַן אַפּאָסטאָל פון דער נייער מאָדערנער קונסט, איז דאָ אין אַמע־ריקע אויפגעקומען — סטיגליץ: אויפגעקומען, ווי דורך אַ נס.

ער איז אין זיינע יונגע יאָרן געפאָרן פון אַמעריקע קיין דייטשלאַנד, כדי זיך דאָרט פאַרפולקאָמען אין אינזשינעריע. דאָרט, אַרבעטנדיק אין דער כעמי־שער לאַבאָראַטאָריע פון דעם אינסטיטוט, האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט פאָטאָגראַפישע עקספּערימענטן און ווי דורך אַ נס, האָט עפּעס אין אים מיט־אַמאָל אויפגעפלאַמט ביי די קאַמערע־עקספּערימענטן.

איין איינציקער קעגנשטאַנד קומט פון דער קאַמערע און פון דער כעמי־שער באָד אַרויס נישט אַלע מאָל אייל צאייגס. די איינפאַכסטע פאָרמען, שוואַרץ אויף ווייס, בייטן אָפּט זייער פאַרנעם, בייטן אָפּט זייער זין, ווייזן אַזוינע און אַנדערע קוואַליטעטן.

ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער פאַרשידנאַרטיקייט פון די אָפּגעשטאָל־טונגען. ער האָט דערזען זייערע כישופדיקע מעגלעכקייטן.

עס קען זיין, אַז שוין אין דעם, וואָס סטיגליץ האָט פאַר זיך אויסגעקליבן אינזשינעריע אַלס פּראָפעסיע, איז געלעגן אַ טייל פון זיין דראַנג, פון זיין ליבע צו פאָרמען. די געאָמעטרישע אויסמעסטונגען, וואָס ווייזן, ווי צו באַהערשן די ערד און די לופט נאָך איידער דאָרט איז עפּעס געבויט, זענען דאָך אין זיך אַליין פול מיט שווונג, פול מיט דאָמינירנדיקן כישוף פון ליניע און פאָרעם. דער פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט איז אָבער געקומען דאָרט אין דער לאַבאָראַ־טאָריע און סטיגליצן אַזוי ווי געכאַפּט ביים האַנט און ווי אָנגערופן זיינע דרעמ־לענדיקע רעגונגען ביים נאָמען און אים געהאָלפן פאַרפיקסירן און רעאַליזירן און אויפשטעלן זאַכן, פון וועלכע סטיגליץ האָט אפשר קוים געאַנט.

די קאַמערע איז טאַקע בלויז אַ טעכנישער אַפּאַראַט, אָבער דאָס אויג, וואָס דאַרף אָנשטעלן דעם אַפּאַראַט, קאָן כישופדיק אַ מעסט־טון, אַ וועג־טון און קאָן מאַכן די קאַמערע אַראָפּכאַפּן אַפילו אַ טויטן קעגנשטאַנד, אַזוי אומגעריכט, אַז דער קעגנשטאַנד ווערט לעבעדיק און נעמט אַזוי ווי אויפהויערן זיינע פאָרמען מיט אַן אומגעריכטן פאַרנעם. דער קעגנשטאַנד ציטערט אָפּט אויף מיט אָטעם פון גראַ־דאַציעס פון שאַטירונגען, אָט כמעט, ווי ער, דער קעגנשטאַנד וואָלט געווען גרייט איבערצוגעבן די אומרויִקע שטימונג פון דעם מענטשן, וואָס האָט אויף אים אָנגעשטעלט די קאַמערע.

עס קומט אויס, אַז יעדער טויטער אָביעקט לעבט גאָר אין דער אמתן מיט אַ געהיימען לעבן און באַהאַלט זיך בלויז אויס פאַר אונדז, דורך מאַכן זיך טויט און, אַז עס איז פאַראַן אַ וועג אַזאַ אַראָפּצוכאַפּן דעם „אָביעקט" נאָך איידער ער האָט צייט זיך „באַוואָרענען" און בלייבן „טויט".

נאָך דער דערגרייכונג פון „אַראָפּכאַפּן" האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר סטיגליצן

די נייע מעגלעכקייטן פאַר נייע פאַרפיינערטע דערגרייכונגען — מען קאָן ווען מען דאַרף, מאַכן דעם אָפּדרוק פון דעם בילד אַזוי, אַז געוויסע נישט־נייטיקע איינצלהייטן זאָלן זיך נישט אָנזען צו־שטאַרק כדי געוויסע אַנדערע פּונקטן זאָלן זיין די ערשטע אויפן פלאַך צוצוציען און באַפרידיקן דאָס אויג און זאָלן העלפן אויפשטעלן אַ נייטיקע קינסטלערישע סטרוקטור פון פאָרמען און ווערטן, און ביי אָט דער נייער אויפגאַבע הייבט זיך אָן אַ נייער שפּיל, פאַר דעם מענטש־לעכן געפיל, אַ גייַיק פאַר ספּעציפישע קוואַליטעטן און אַ נויט, פאַר כמעט זועגן און מעסטן צייט אויף דעם אייגענעם פּולס, אויף דעם אָטעם פון די נאָז־לעכער.

און אַזוי איז געשען, אַז נאָך איידער דער יונגער סטיגליץ האָט זיך צייט געהאַט צו באַוואָרענען און ווערן מיט דער צייט אַ פאַרהאַרטעוועטער אינזשי־ניער, איז ער אומדערוואַרט און פּלוצים פאַרכאַפּט געוואָרן אין דער נעץ פון מענטשלעכער אַנטפּלעקונג. די אַנטפּלעקונג האָט פאַר אים אַזוי ווי אָפּגעוואָרט און אים געכאַפּט דאָרט אין לאַבאָראַטאָריע און אים געמאַכט פאַר אַן איריקן.

ער האָט גענומען זען וויכטיקע מענטשלעכע דערגרייכונגען אין אויפכאַפּן מיט דער קאַמעראַ אַ פאַרבייגייענדיקן וואָלקן אין הימל, אינאיינעם מיט דער פּוכיקער ווייכקייט אָדער שטאָלענער האַרטקייט, פּונקט אין דער רגע, ווען דער וואָלקן האָט אויף זיך דערפילט דעם אָטעם פון אַזויפיל ליכט אָדער אַזויפיל שאָטן. ער האָט דערזען דעם כישוף פון אָפּטיילן מיטן אויג און פאָטאָגראַפירן בלויז אַ טייל פון אַ קעגנשטאַנד, בלויז אַ האַנט, בלויז אַן אויג פון אַ מענטשן און אַזוי אַז עס זאָלן דערביי איבערגעגעבן ווערן די ערנסטע, דראַמאַטישע קאָנפליקטן פון ליכט און שאָטן אויף יעדן גאַנצן אָדער יעדן שטיקל פון אַן אָביעקט.

שוין פון איינפאַכן פּראַגמאַטישן שטאַנדפּונקט איז אַזאַ מעטאָד פון פאָטאָ־גראַפיע גרויס און וויכטיק, ווייל עס פאַרטיפט און בליט פאַנאַנדער די וועלט. עס לערנט דעם מענטשן אויפצונעמען און אָפּצושאַצן דעם ווערט פון איינפאַכע פאָרמען און קעגנשטאַנדן, און עס ווייזט דעם מענטשן דעם שפּיל, די דראַמע, די לעגענדע פון ליכט און שאָטן, וואָס אויף קעגנשטאַנדן און אויף טיילן פון קעגנשטאַנדן, וואָס אַרום אים.

סטיגליץ האָט גענומען טענהן, און מיט רעכט — „מיין אויג, דאָס מיינט אַלעמענס אויגן". אַלץ, וואָס איך טו, איז דאָך בלויז אין מיין אויג, וואָס זעט — קוקט זיך אום און איר וועט אַלע אַזוי זען.

סטיגליץ האָט גענומען וואַקסן, ער איז געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע מייסטער אין דער וועלט. דער מייסטער פון דער קאַמעראַ.

סטיגליץ איז אָבער פון דער נאַטור צו ערנסט, צו אויפריכטיק, אַז די קאַ־מעראַ און אירע דערגרייכונגען — ווי גרויס זיי זאָלן נישט זיין, זאָלן אים קאָנען אינגאַנצן באַפרידיקן.

די קאַמעראַ האָט אים געבראַכט אין דער וועלט פון אַנטפּלעקונג, אין דער

זועלט פון שטענדיק שאַפנדיקער מענטשלעכער מעשה. און האָט ער שוין איינ־מאָל דערפילט די אומענדלעכע, אמתע גרויס פון אַנטפּלעקונג האָט דאָס אים געגומען ציִען צו קונסט און קינסטלער. ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן און גע־נומען שאַפן אַרום זיך אַ קרייז מענטשן וואָס זוכן און שאַפן אַנטפּלעקעריש ניי. ער האָט זיך אַרומגערינגלט מיט אויפּריכטיקע, ריינע שאַפנדיקע מענטשן. ער האָט געגומען ווערן זייער וואָרט־פירער, דעמאָלט ווען אַלע האָבן געלאַכט פון זיי, און זיי דערקלערט פאַר דעקאַדענט, פאַר משוגע און פאַר טאַלאַנטלאָז. ער האָט געשטאַרקט זייער מוט, זיי געוואָרעמט מיט זיין ליבע, מיט זיין אויפריכ־טיקן, גרויסן גלויבן אין זיי, געשאַפן פאַר זיי אַן אַטמאָספערע, אַראַנזשירט פאַר זיי אויסשטעלונגען. ביי יעדער אויסשטעלונג זייערע געשטאַנען און אַרגומענ־טירט מיט די באַזוכער, וואָס האָבן איבערהויפּט אין די ערשטע יאָרן אַזוי אָפן און חוצפּהדיק אָפּגעלאַכט פון זייערע מאָדערנע מאַלערייען. סטיגליצעס אויג האָט דערביי אַזוי קלאָר, אָפן און בייז געקוקט אויף די אָפּלאַכער. זיין קול האָט אי־בערצייגנדיק געטריי געשלאָגן צוריק און זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון זידלען דעם קלענסטן ווי דעם גרעסטן.

אָבער ווען אַ נביא, ווען אַן אַפּאָסטאָל זידלט אַפילו, קאָן דער מענטש וואָס ווערט געזידלט זיך טאַקע געפינען געטראָפן, אָבער קוקן דעם נביא אין די אויגן און זידלען צוריק קאָן מען נישט, ווייל ווער וועט זיך דאָס אונטערשטעלן צו פאַרמעסטן דאָס קלאַנג פון זיין קול מיט דעם קלאַנג פון דעם אַפּאָסטאָלס? אַ מאַראַלישער כוח אַזאַ שלאָגט דעמאָלט פון סטיגליצן. אַ כוח, וואָס איז געקומען צו בויען און ווירקן. אַ כוח פון אַ גלייביקן ביי וועמען גלויבן איז די העכסטע פאָרעם פון וויסן.

2.

מיט דער צייט, האָט סטיגליץ אויף זיך אַנגעצויגן זאָרגן פאַר זיינע מענטשן — די קינסטלער. אויסער די צרות פאַר מאַטעריעלע זאָרג, זענען צוגעקומען שפּאַלטונגען און מענטשן פון וועלכע ער האָט זייער פיל געהאַלטן און פון וועלכע ער האַלט נאָך ביז איצט, האָבן אים פאַרלאָזן.

אָט, עס צערעדן זיך אין זיין קרייז צוויי אייפערזיכטיקע מאָלער. איין מאָלער זאָגט דעם צווייטן:

— ווען איך מאָל אַ בוים פון קאָנעטיקוט, איז דאָס אַ בוים פון קאָנעטיקוט, אָבער ווען דו זאָלסט זיך אַפילו אָוועקשטעלן מאָלן דעם אייגענעם בוים, וועט דאָך ביי דיר אַרויסקומען אַ סיבירער בוים.

זאָגט דער צווייטער:

— נו, יאָ, אָבער דיין בוים איז ליידער אַ פראַנצויזישער...

דער ערשטער, וואָס איז גראָד אַפילו קיינמאָל אין פראַנקרייך נישט געווען, פילט זיך געטראָפן און זאָגט:

וואָס מיינסטו?...

דער צווייטער מאָלער זעט, אַז ער האָט דעם ערשטן שטאַרק וויי־געטון, פרוווט ער זיך אַזוי ווי פאַרענטפערן און זאָגט:

— נו, גאָר נישט... איינפלוסן זענען דאָך ביז אַ געוויסער מאָס דערלויבט. אַוודאי, ווילן מיר אַלע אַן אייגענע אַמעריקאַנער קונסט, אָבער אַמעריקע איז נאָך אַ יונג לאַנד, קונסט געדייען נאָר פון גאָר אַלטע דורות־לאַנג געטראָגענע זאָמען. די איינפלוסן פון גוט־אויסגעפרוווטע אַלטע קולטורן, זענען נישט וויניקער וויכטיק, ווי די פערד, די פאַסאָליעס און אַרבעס, וואָס די ערשטע ווייסע האָבן אַהער אַריבערגעבראַכט.

אַזאַ שמועס טיילט דאָ אויף שטענדיק שאַרף פאַנאַנדער צוויי מענטשן און לאָזט טיף אין סטיגליצן איבער אַ נישט־פאַרהיילטן ריס.

איינער אַ ליבער, אַ ריינער און פיינפילנדיקער קינסטלער פאַרלאָזט דערפאַר סטיגליצן און זיין קרייז.

3.

דער שלאַנקער סטיגליץ, איז שוין אַלט און גרוי געוואָרן. זיינע אויפטואונגען פאַר דער מאָדערנער קונסט אין אַמעריקע זענען פון אַזאַ גרויסן ווערט, אַז עס לאָזט זיך קוים באַנעמען, פונדעסטוועגן קאָנט איר אים ביז איצט טרעפן יעדן טאָג אין זיין גאַלעריע, איר קאָנט אים נאָך ביז איצט אָפט טרעפן זידלענדיק עמעצן פון די באַזוכער.

אַן אַפּאָסטאָל, איז דאָך אַלע מאָל געווען אויך אַ פּעיִקער פאַרקויפער, איז דערפאַר אויך שיין צו זען ווי אָט דער ריינער סטיגליץ, ווערט אינמיטן פון זיין זידלען זיך קלוג. — נישט איין בילד האָט סטיגליץ פאַרקויפט פאַר הויכע פרייזן, צו אַ פאַרמעגלעכן מענטשן, גראָד אַזוי, אינמיטן פון זידלען אים.

סטיגליץ, קאָן זיך אויך צוזעצן צו איינעם און אים זאָגן אַזוי:

— הער נאָר אויס. — דו ווייסט דאָך אין דעם ענין קונסט גאָרנישט, טאָר איך דאָך דיר קיין בילד נישט פאַרקויפן. איך וויל דיר אָבער פאַרקויפן אָט־וואָס:

— פאַראַן דאָ איינער אַ קינסטלער, דאָס איז אַ מענטש, וואָס טראַכט זיין אייגן טראַכטן. ער טראַכט נישט, ווייל איך טראַכט און דו טראַכטסט. ביי אים קומט דאָס אַרויס עפּעס ווי איבער אַ גאַנץ אַנדער סיבה. ער איז איינער פון אונדזערע פיינסטע יונגע קינסטלער. איך האָב אויף אים גאָר גרויסע האָפענונגען. ווייסט דאָך, — אַ מענטש וואָס טראַכט זיין אייגן טראַכטן. מען מוז אים אָבער געבן צייט צו אַרבעטן, מען מוז אים געבן פרייהייט, כאָטש אויף צוויי יאָר, זאָל ער זיך אויך דורכפאָרן קיין פאַריז. ווייסט דאָך אַ מאָלער מוז אַ שמעק טון מיט די נאָזלעכער, מוז אַ פיל־טון די פאַריזער קינסטלער אַטמאָספערע. ווען

ער וועט קומען צוריק וועלן מיר אפשר פון אים געוויס... ווייסט דאָך, איך זאָג דיר — דאָס איז אַ מענטש, וואָס טראַכט זיין אייגן טראַכטן. — איז, דו קויף ביי מיר אָפּ אָט די צוויי יאָר. עס וועט דיר בלויז קאָסטן פופצן הונדערט דאָלאַר אַ יאָר. — נו, וואָס זאָגסטו, האָב איך דיר פאַרקויפט?

יענער האָט זיך אפשר די ערשטע מינוט דערפילט נישט באַקוועם פון סטיגליצעס אָפענעם זאָג — „אַז דו ווייסט דאָך פון קונסט גאָרנישט", אָבער זיינע אויגן זענען פאַר זיך דעם דורכגעלויכטענעם סטיגליץ, וועלכער איז דערביי אַזוי צאַרט, ריין, אויפּפאָדערנדיק און גלייביק, אַז פון אין־כעס־ווערן אויף אים, קאָן גאָר קיין רייד נישט זיין. ער האָט נאָך דערביי אפשר אַ טראַכט געטון:

„ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען מען זאָל אין זיין אייגענעם מיליאָניקן געשעפט, קאָנען אַריינלייגן אַזוי פיל אָפנקייט און גלויבן". און ער ענטפערט מיט ריינקייט אויף ריינקייט און זאָגט:

— יאָ, איך פאַרשטיי אין קונסט גאָר נישט; כ'קוק און ווייס נישט וואָס דאָס איז. אָבער... די צוויי יאָר קויף איך. איר קאָנט דעם מענטשן הייסן זיך פּאַקן אין וועג. איר דערהאַלט מיין טשעק מאָרגן.

— גוט — זאָגט סטיגליץ געבנדיק יענעם וואַרעם די האַנט. די צוויי יאָר זענען דיינע, שיק מיר אָבער פריִער אַ טשעק בלויז פאַר איין יאָר און ערשט אין אַ צען מאָנאַטן אַרום פאַרן צווייטן, אַזוי איז בעסער. איך וועל דיך דערמאָנען.

— נו, גוט, זאָל זיין אַזוי!

דער אָרעמער יונגער מאָלער האָט געקראָגן די פופצן הונדערט דאָלער — זיין אומגלויבלעכער חלום פון יאָרן איז פאַרווירקלעך געוואָרן. סטיגליצעס גליק — דאָס גליק פון אַ פאָטער, וואָס האָט באַשטאַט זיינעם אַ ליבן זון.

סטיגליצן איז אָבער שטענדיק באַשערט צו זיין, אי גליקלעך איליידנדיק. די ליידן זענען דאָס מאָל פון אַ געפיל וואָס גנבעט זיך אונטער אין מיטן פון אַלץ, אַז — עס זענען דאָך אַרום אים פאַראַנען אַזויפיל ליידנדיקע קינסטלער, איז אפשר נישט רעכט פאַר די אַנדערע צו קריגן פאַר איינעם אַזוי פיל... און ער באַשטימט: — עס איז בעסער איינעם צו העלפן מיט אַ גאַנצער הילף, איידער צו העלפן עטלעכע מיט שטיקלדיקע אַרויסהעלפונגען. אָבער דאָך עגבערט דאָס... אָט דער הונגערט דאָך פאַרט און אָט דער דאַרף פאַרט, אויף דירה־געלט, דער...

הייבט סטיגליץ זיך אָן צו וואַרפן מיט די ביסלעך אייגענע געלט. ביי דעם קויפט ער אַ פּאָר בילדער, ביי דעם אַ בילד, אַ צייכענונג, דעם לייט ער גלאַט עטלעכע דאָלער. ווערט אים דערוויי ענג אין געלט... און וואָכן און חדשים לויפן און מען דאַרף מאַכן אַן אויסשטעלונג פאַר דעם און פאַר יענעם. די צייט גייט צוועק מוז מען מאַכן אַ נייע אויסשטעלונג פאַר אַן אַנדערן און פאַר יעדן איינעם מוז מען אויסהענגען די בילדער אויף די ווענט. מען דאַרף אָרקעסטרירן און איינשטעלן די בילדער אַזוי, אַז זיי זאָלן זיך אָפּרופן פון די ווענט ווי אַ גוט געטאָנטער אָרקעסטער. ווען נישט קען חלילה איין בילד שטערן דעם

צוווייטן. סטיגליץ ווייסט שוין אַזאַ וועג, ווי אַזוי צו מאַכן אַז איין בילד זאָל העלפן דעם צווייטן, ער האָט פאַר דעם אַזאַ ספּעציעלע וואָג און מאָס אין אויג. נאָר צייט און אַרבעט און פייערלעכע אָנגעצונדקייט און נערוון פאָדערט זיך צו דעם. און ביי יעדער אויסשטעלונג דאַרף מען פון דאָס נײַ שרייבן בריוו, פון דאָס נײַ רעדן, זיך דינגען און קריגן מיט די באַזוכער, מען דאַרף, מען מוז פאַרשפּרייטן די אידייען פון מאָדערנער קונסט אין אַמעריקע, מוז מען רעדן, רעדן און ווידער רעדן צו די באַזוכער. (סטיגליצעס אַרט רעדן צו די באַזוכער איז שוין כמעט געוואָרן אַ שולע אַזאַ, וואָס ווערט נאָכגעפאָלגט פון אייגנטימער פון אַנדערע קונסט־גאַלעריעס) און דאָ קומט אַ בריוו פון דעם קינסטלער אין פּאַריז, צען מאָנאַטן גייען דאָך אַוועק ווי נעכטיקע טעג וואָס אַנטלויפן. יענער דאָרט האָט שוין אויסגעגעבן דאָס ביסל געלט און זעט אויס צו זיין נישט גאָר זיכער צו קען ער טאַקע רעכענען אויפן צווייטן יאָר. און דאָ קומט אָן אַ בריוו פון אַן אַנדער מאַלער, אָט טאַקע, פון דעם וועמענס בילדער עס הענגען איצט אויף די ווענט פון זיין גאַלעריע. ער שרייבט, אַז ער קויפט פאַר זיך אַ הייזל. אים האָט דערעסן דאָס שטענדיקע איבערקלייבן זיך פון איין וווינונג אין דער צווייטער. עס צעשטערט זיין געמיט. סטיגליץ מוז אים איצט צושטעלן דאָס געלט ווען נישט איז זיין גאַנצע ערשטע איינצאָלונג פאַרלאָרן און ער בלייבט אָן אַ סענט. סטיגליץ מוז אים העלפן, ער מוז. און דאָ האָט זיך מיטאַמאָל אונטער־גערוקט דער גרויסער וואָל סטריט קראַך. די מענטשן צו וועלכע סטיגליץ קען זיך ווענדן, זענען אַלע פאַראַרעמט געוואָרן און צווישן זיי איז אינגאַנצן און שרעקלעך פאַראָרעמט געוואָרן דער מאַן, וואָס דאַרף געבן די פופצן הונדערט דאָלער פאַר דעם צווייטן יאָר אויסהאַלט, אָדער ווי סטיגליץ האָט דאָס ליב צו רופן „פאַרן צווייטן יאָר פרייהייט" פאַר דעם מאַלער, וואָס געפינט זיך אין פּאַריז.

.4

פאַראַנען טעג, וואָס בייגן דעם שלאַנקן, גרויען סטיגליץ, ער ווייזט זיך דעמאָלט פאַר אַלעמען מיד און אַלט, קוקט און זאָגט דעמאָלט, מיט זיין גע־ווײנטלעכער אָפנהאַרציקייט צו זיינע מקורבים, און אפילו אַמאָל גלאַט צו באַזוכער:

— זעט, איך בין אַלט, אויסגעשעפּט, איך קען נישט מער. מען קען זיך אויף מיר מער נישט פאַלאָזן, וואָס קענט איר שוין פון מיר איצט דערוואַרטן?

און די וואָס הערן דאָס, זאָגן דאָס נאָך פאַר זיך און זאָגן דאָס איבער איינער דעם צווייטן: „סטיגליץ איז אַלט, שוואַך"...

אָבער, איידער מענטשן האָבן נאָך צייט צו ווערן ריכטיק פאַרצווייפלט, איז סטיגליץ שוין צוריק רירעוודיק, גראַציעז און גרינג. קוקסט דעמאָלט אויף סטיגליצן, הערסט אים רעדן, אַרגומענטירן, קריגן זיך בייז מיט די באַזוכער פון זיין גאַלעריע, גיט זיי לעקציעס אין קונסט. זיין קול קלינגט, ווי דאָס קול

פון אַ מענטשן וועמענס האַרץ איז יוגנטלעך איבעררזיכטיק, פּאַדערנדיק און איבערצייגנדיק ריין. איר קוקט אויף אים דעמאָלט און אייך דאַכט זיך — „דער מענטש וועט גאָר קיינמאָל נישט אַלט ווערן!“ די גרויע האָר אויף זיין קאָפּ זענען שיטער, די ברייטע, גרויע וואָנצן זענען ווי שטענדיק פריש געשאָרן און ליגן ווי אַ שאַרפער גרויער שניט שטרענג איבער דער אויבערשטער פּולער ליפּ, ווייל דאָס הייסט דאָך צוצוגעבן פאָרמע צו אַ זאַך וואָס איז דאָ, אָבער די מאָדנע ווילד וואַקסנדיקע הערעלעך פון די אויערן טאָר מען, ווייזט אויס, נישט שניידן. וואָרעם דאָס קען דאָך מיינען אינגאַנצן פאַרלייקענען אַ זאַך, וואָס איז דאָ. די זילבערנע האָר פון קאָפּ האָבן, ווייזט אויס, אַמאָל גענומען אויספאַלן און האָבן אָבער איין מיטן דערינען חרטה געקראָגן און באַשלאָסן צו בלייבן, ווו זיי זענען, כדי צו באַזילבערן זיין קאָפּ, כדי צו מאַכן נאָך ווייכער, און איידעלער זיין לענגלעכן, בלייכן פּנים, כדי צו מאַכן נאָך אַנזעעוודיקער די טונקלקייט פון זיינע טיפע, גרויסע אויגן, איבער וועלכע די וויַעס און ברעמען זיינע דווקא פאַרבליבן שוואַרץ.

ניין, סטיגליץ, ווייזט אויס קיינמאָל נישט אַלט ווערן. ער איז פענאָמענאַל. ער שוועבט, זיינע פיס רירן כמעט נישט אָן די ערד: ער שטייט פאַר אייך אַן אייפערדיקער און אויפריכטיקער אַפּאָסטאָל. רירט נישט אָן דעמאָלט זיינעם אַ קינסטלער — ער וועט אייך פאַרברענען.

נו, יאָ, איך ווייס, אַז איך דערצייל אייך דאָ אַ מעשה, אָבער אַן אמתע מעשה. ס׳איז אַ מעשה פון אַ מענטשן, וואָס לעבט און ווירקט דאָ ביי אונדז שוין לאַנג. אַ מעשה פון אַ מענטשן, וועמעס ווירקונג וועט בלייבן אַ דויערנדיקע.

.5

עפּעס איז דאָ אין סטיגליצן אַזוינס, וואָס האַלט צוריק זיינע חברים און פריינט פון צו שטיין גלייך מיט אים: זיי האַלטן זיך שטענדיק אַזוי ווי הינטער אים. ער שטייט, אייגנטלעך, שטענדיק אַזוי ווי אינמיטן פון אַלעמען, אָדער אין פאָרויס פון אַלעמען, ער איז געבוירן פאַר דעם צו זיין דער רופער און דער פירער.

— יאָ, דיינע עסייען געפעלן מיר זייער, זאָגט סטיגליץ צו אַן ענטוזיאַסטישן יונגן מענטשן — איך האָב זיי געוויזן עקסן, ער ברעקלט זיך אַפילו, זאָגט — זיי זענען נישט גענוג קיין „בעל לעטערס“ ווי ער פאַרשטייט, פונדעסטוועגן האָט ער מיר צוגעזאָגט זיי ברענגען צו אַ פאַרלעגער. אָבער איך ווייס, אַז זיי זענען גוט. איך האָב זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון זיי ביז שפּעט אין דער נאַכט. דאָס איז אַזאַ ערלעכקייט פון געפיל און פון אויסדרוק. און דו ביסט טאַקע גערעכט אויך: — מיר זיצן אַלע אויף דעם ברעג פון אומענדלעכקייט און אַנטפּלעקן פאַר דער אייביקייט דורך מעשים און דורך ווערטער דעם אמתן זין פון אונדזער זיין.

יאָ, דו זאָגסט דאָס גוט, — אַנטפּלעקונג איז דער רוקנביין פון מענטשלעכער סטרוקטור און קינסטלער — עס איז דאָך אַזוי קלאָר — דאָס זענען מענטשן, וואָס טראָגן אין זיך אין אַ גרעסערער מאָס דעם מענטשלעכן אַנטפּלעקונג־דראַנג.

— דער שאַפנדיקער מענטש איז „דער געכאַפּטער״, — זאָגט אַן אַנדערער אין קרייז.

— געכאַפּט פון מענטשלעכער אַנטפּלעקונג־דראַנג — זאָגט סטיגליץ אָפּ־ווענדנדיק יענעמס באַמערקונג.

— יעדער מענטש איז ביז אַ געוויסן גראַד באַזעסן — אָבער נישט יעדער קאָן אָט די באַזעסנקייט באַהערשן, איר געבן פאָרעם, פליגל.

— יעדער מענטש שטראַלט מיט דער קוואַליטעט פון זיין באַזעסנקייט, פון זיין געכאַפּטקייט. סטיגליץ וועט נאָך פאַר אונדז מיט דער צייט פאָטאָגראַפירן אַ מענטשן אינאיינעם מיט דער קוואַליטעט פון זיין אַנטפּלעקונג־דראַנג. ער טוט דאָס שוין איצט.

— אַ קינסטלער איז אַ מענטש מיט אַ ליכט־קרייז אַרום זיין קאָפּ, און מען דאַרף דאָס לערנען דעם מענטשן צו זען, צו זען און פאַרשטיין.

גיי, זאָג דאָס אָבער צו די, וואָס קומען דאָ אָנקוקן די אויסשטעלונגען — זאָגט סטיגליץ.

— און ווי אַזוי זאָל מען דאָס טון? — פרעגט אַן אַנדערער, — קאָן דען דער קינסטלער אַליין אָנווייזן אויף זיך: — „זעט דעם ליכט־קרייז וואָס שפרייט זיך אַרום מיר״?

— אויף דעם איז דאָ דער גאַנץ גלייביקער — רופט זיך אָן דער ענטוזיאַסט — איינער אין אַ קרייז שטייט אַמאָל אויף אַזאַ. ער קאָן זאָגן און ער זאָגט:

— „זעט און דערזעט דאָס גוטס און דעם אמת, וואָס גייט אויף פאַר אייך פון דעם ליכטיקן קרייז וואָס אַרום מיר און אַרום די מענטשן פון מיין קרייז״... אָט ווי דער מאַן פון נצרת...

סטיגליץ ווייסט, אַז דאָס מיינט ער, אים, און אַז ער וועט דאָ נאָך באַלד זאָגן וועער ווייסט וואָס. אים ווילט זיך קיינמאָל נישט זיין ביי אַזוינע רייד, קערט ער זיך אָפּ און גייט צו צו עטלעכע דאַמען, וואָס זענען אַריינגעקומען אין גאַלערי און זיך גענומען קרימען און מאַכן באַמערקונגען פון „ווייסער״:

— אָט דער קאָפּ איז דאָך אינגאַנצן אויסער פּראָפּאָרציע. קוק אָן דעם קערפּער און קוק...

— אָ, זאָגט סטיגליץ לעבן זיי, — דאָס, דאָס באַווייזט, אַז איר זענט אינ־טעליגענטע מענטשן, איר זענט געגאַנגען אין שולע, און דאָרטן האָט מען אייך געוויס געלערנט, אַז אַ קאָפּ דאַרף זיין פּונקט אַ דריטל צו דער ברייט פון די אַקסל און אַ זעקסטל צו דער הויך פון קערפּער.

די דאַמען ווייסן, אַז זיי זענען הויך־געבילדעטע און רייך און זיי הערן, אַז

סטיגליץ רעדט צו זיי ווי צו קינדער. זיי ווערן צעטומלט. קוקן זיך איבער, אָבער סטיגליץ לאָזט נישט אָפּ:

— אַלץ האָט מען אײַך געלערנט אין שול — זאָגט ער ווײַטער, נאָר איין זאַך האָבן אײַך די לערער אײַערע פֿאַרגעסן לערנען און דאָס איז, אַז אויסער די טויטע מאַסן, איז נאָך פֿאַראַן אַזאַ זאַך ווי לעבעדיקע מענטשלעכע פֿאַרשטעלונג.

די דאַמען פּרוּוון זיך ווערן אָבער זיי דערפֿילן גלײַך, אַז זיי ווערן באַ־הערשט פֿון זײַן בליק און פֿון זײַן קול און זיי נעמען זיך רויטלען. דער עולם אַרום זיי און אַרום סטיגליצן ווערט גרעסער. אָבער, אָט ווי סטיגליץ רעדט אַזוי צו דעם עולם צוהערער עפּנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן אַ יונגער קינסט־לער, וואָס טראָגט מיט זיך אַ מאָדנע אויפֿגערעגטקייט אויף זײַן פּנים. עס איז אָט יענע אויפֿגערעגטקייט, וואָס דו ווייסט נישט צי זי דערציילט גליק צי אומ־גליק. סטיגליץ שטעלט־אָפּ זײַנע רייד, פֿאַרגעסט כמעט אָן דעם עולם און לאָזט זיך גלײַך מיט פֿאָטערלעכער זאָרגזאַמקייט צום אַרײַנגעקומענעם, גלײַך קוקנדיק אין יענעמס אויגן.

— נו, וואָס? אָפּגעזאָגט? נו, זיי נישט אַזוי...

ער נעמט אים אַרײַן צו זיך אין פּריוואַטן צימער, פֿאַרמאַכט די טיר.

סטיגליץ האָט דאָס מיט אַ פּאָר טעג צוריק אינדאָסירט אַ בריוו, וואָס דער יונגער מאָלער האָט געשריבן צו אַ רײַכן מענטשן, בעטנדיק בײַ יענעם, אַז ער זאָל „קויפֿן", אַ יאָר פֿרײַהייט פֿאַר דעם מענטשן. סטיגליץ ווייסט פֿון די האָפֿע־בונגען, וואָס אַ יונגער, הונגעריקער מאָלער בויט אויף אַזאַ בריוו. און ער היט זיך, ווי ווײַט מעגלעך, פֿון אַזוינע אויפֿגעשרויפֿקייטן. דאָ אָבער האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז יענער האָט נישט אָפּגעזאָגט, ער האָט יאָ אַרײַנגעשיקט אַ טשעק פֿון אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר, און דער מאָלער, וואָס האָט קיינמאָל אַזאַ סומע אין די הענט נישט געהאַלטן איז פּשוט געוואָרן צעטומלט פֿון גוטער אויפֿרעגונג. סטיגליץ אָבער איז פֿון דעם געוואָרן אויסער זיך. ער האָט איבערגעלייענט יענעמס קורצן בריוול, ווי ער שרײַבט, אַז „ער קען לײַדער נישט שיקן מער". אַ קוק־געטון אויפֿן טשעק. נאָכאַמאָל אויף דעם בריוול און אויף דעם גרוס, וואָס יענער האָט געפֿונען פֿאַר נייטיק צוצושרײַבן צו „זײַן פֿרײַנט סטיגליץ" און בייז און שאַרף אָפּגעזאָגט:

— ער איז אַ חזיר.

— ניין, סטיגליץ — פּרוּווט זיך דער מאָלער אָפּשוואַכן סטיגליצעס כּעס.

— אַ, וואָס ווייסטו?! שרײַט סטיגליץ אויס אויף אַ הויך אויפֿגערייצט קול: — ער איז אַ חזיר, און דו ביסט איצטער נישט אַהער און נישט אַהין. זיי ווייסן נישט, וואָס עס הייסט טון אַ גאַנצע זאַך. שטיקלעך, ברעקלעך ווילט זיך זיי טון. בעט בײַ זיי אַ גלאָז בלויז, אויף צו שעפּן וואַסער פֿאַר אַ דאַרשטיקן, וועלן זיי זי פֿריִער צעברעכן און דיר נאָכדעם געבן אַ שטיקל פֿון איר, מיט אַן אַנטשולדי־קונג, אַז זיי קאָנען לײַדער נישט מער.

אין אַ ווילע אַרום איז שוין סטיגליץ צוריק מיט די באַזוכער פון זיין גאַלעריע. ענטפערט אויף זייערע נאַרישע פראַגעס, לאָזט צו זיי אויס זיין גאַנצן כעס פאַר דעם מאַלער, וועמען מען האָט בלויז געגעבן אַ האַלבן ביסן און אים אָפּגענאַרט און אויפגערייצט ווי אַ קינד. און פאַר דעם, וואָס אַט דער אַנדערער מאַלער דאָרט אין פאַריז, וועמעס בריוו ער האָט נאָך נישט געענטפערט, מיינט שוין געוויס, אַז ער איז אַ פאַרלוירענער, אַליין אין אַ פרעמדן לאַנד. אין כעס אויף פון דעם וואָס די איצטיקע אויסשטעלונג, איז פון איינעם פון זיינע בעסטע מאַלער, וועמעס ווערק, ער, סטיגליץ, איז זיכער דאַרפן איבעררעאַשן די וועלט. און אַט שוין אַזויפיל יאָרן, אַז ער טראָגט אים אין דער וועלט אַריין און דאָך, שוין שיינע עטלעכע טעג, אַז די בילדער הענגען איבער די ווענט פון דער גאַ־לעריע און נאָך ביז איצט קיין איין בילד נישט פאַרקויפט. און יענעם ווילט זיך נאָך דווקא אַ הויז איצט פון דער אויסשטעלונג און אינמיטן פון זיין כעס און זיין רעדן גיט זיך סטיגליץ פאַרצווייפלט אַ ווענד צום יונגן ענטוזיאַסט:

— אַזויפיל יאָרן אַוועקגעלייגט... אפשר זענען די מויערן ביי אונדז אין לאַנד טאַקע צו הויך... פאַרשטעלן די זון.

— ניין, הער סטיגליץ, ניין — ענטפערט דער באַגייסטערטער און איינ־געגלייבטער עסייִסט — די מויערן פון אונדזערע שטעט זענען טאַקע הויך, אָבער די זון שלאָגט זיך דורך זיי כישופדיק דורך, ווי אין כישופדיקע גערטנער שפּיגלט זיך די זון אין די שטעט פון אונדזער לאַנד. די מויערן וואַקסן מיט דער ריזי־קייט פון זייערע פאַרמען, ווי אויסגעהאַמערטע, מיסטישע געוויקסן און גלִיען מיט זון. און איר האָט דאָך אַזויפיל בייגעטראָגן ,איר האָט דאָך אַזויפיל אויפ־געטון פאַר דער אַמעריקאַנער קונסט, פאַר דעם גאַנצן קונסט־באַגריף אין אַמעריקע.

— יאָ, יאָ, זעסט דאָך, זיי קומען אַהער אין מיין גאַלעריע, קוקן מיט ציגענע אויגן, קריגן זיך מיט מיר, לויבן אַפילו, כדי מיר נישט וויי־צו־טון, ווייזט אויס, קויפן אָבער, און פאַר שווערע געלט, לויפן זיי צו די אויסשטעלונגען פון פראַנ־צויזישע מאַלער. דאָס לאַנד האָט נאָך אַלץ נישט קיין אייגענעם קונסט־באַוווּסט־זיין.

— דאָס קונסט־באַוווּסטזיין וועקט זיך און נעמט דערוואַכן, וואַרצלט זיך און גיט פרוכט. אייער פּיליאַריקע גוטע מי פאַר דער קונסט דאָ אין לאַנד איז נישט פאַרלוירן. עס קומט צוריק ווי ברויט געשיקט אויפן וואַסער. דאָס לאַנד קומט צו זיך און וועט אינגיכן איבעררעאַשן די וועלט מיט אַ נייעם פּאַרנעם.

אַ פרייד וואַרעמט אויף, צינדט אָן סטיגליצעס אויגן, די אויגן ווערן ברע־נענדיק שוואַרץ און באַלויכטן זיין בלייך פּנים. די גרויע האָר דערפילן זיך לייכ־טער אויף זיין קאָפּ. — אָן עלטערן מענטשן ווערט גרינג און ליכטיק זיינע טעג, ווען ער דערזעט זיין אייגענעם גלויבנדיקן, באַגייסטערטן אָנהייב ניי און פריש

אַרויסשטראַלן פון אַ יונגן מענטשן. אַ רינג ווערט פאַרגאַנצט, אַ גלויבן ווערט פּאַרפעסטיקט, אַ קרייז געפינט זיין אָנהייב.

סטיגליץ קוקט אַזוי אָן דעם יונגן מענטשן פאַר אַ רגע, לייגט דערביי אַרויף זיין האַנט אויף אים און זאָגט:

— ביסט אַ באַגייסטערטער מענטש און מיר איז גוט אַזוי פון דעם.

דער יונגער עסייִסט נעמט זיך דאָ אָן מיט קוראַזש און פרעגט:

— הער סטיגליץ, איר האָט דאָך שוין אַזוי לאַנג נישט געהאַט קיין אויס־שטעלונג פון אייערע אייגענע פאָטאָגראַפישע אַרבעטן, ווען וועט איר זיך אַליין געבן אַן אויסשטעלונג?...

— זעסט, אָ! זיי גייען דאָ אַרום און קוקן אויף די בילדער איצט און פרעגן, און מאָנען פאָטאָגראַפישע ענלעכקייטן און ווילן נישט צולאָזן קיין זאַך פאַר דער מענטשלעכער פאַרשטעלונג און, ווי נאַר איך וועל פאַר זיי אויסשטעלן מיינע פאָטאָגראַפישע אַרבעטן וועלן זיי קומען מיט ציגענע אויגן און זיך וווּנדערן: „וואָס האָט מען דאָ אויסגעשטעלט? דאָס זענען דאָך בלויז פאָטאָגראַפיעס?״...

— נו, הער סטיגליץ, איר האָט זיך דאָך אָבער מיט דעם קיינמאָל נישט גערעכנט, איר האָט זיך דאָך אַוועקגעשטעלט צום טראָץ פון דעם און אָט — איר האָט שוין לאַנג נישט אויסגעשטעלט אייערע אַרבעטן, איר זענט דאָס שול־דיק צו זיך און צו אייערע פאַרערער.

אינעווייניק לייכט פון דעם עפּעס ערנסט און שפּילעוודיק אויף אין סטיג־ליצן. ער שמייכלט אויף ווי אַ דערוואַקסענער, וואָס איז גרייט נאָכצוגעבן אַ קינד, וואָס פאָדערט אַ שפּילעכל.

נו, גוט, נו גוט.

דער יונגערמאַן שפּרינגט־אויף, כאַפּט סטיגליצן פאַר דער האַנט, שרייט אויס אַ גליקלעכער פון פרייד: — דאָס הייסט איר פאַרשפּרעכט, און איך נעם אייער האַנט אויף דעם.

יאָ, סטיגליצן איז גוט, וואָס דער יונגערמאַן איז אַזאַ באַגייסטערטער. זיין גאַנץ קעמפעריש לעבן שיינט אין אים אויף און קריגט אַן ערנסטע פאַרזיכערונג ביי דעם אָנבליק פון אַזוינע באַגייסטערטע יונגע מענטשן.

6.

אין איין טאָג טרעפן ביי סטיגליצן אָפּט אַ סך זאַכן. —

אָט עפנט זיך די טיר. עס קומט אַריין אַ רייך־געקליידעטער מאַן, מיט אַ זיידענעם הוט, מיט אַ גוטן שטעקן אין האַנט, קוקט זיך אום, דערזעט סטיגליצן און מיידט אים אויס, נעמט זיך קוקן אויף די בילדער, אויף די ווענט, קוקט ערנסט און כאַפּט פון צייט צו צייט אויך אַזוי ערנסט אַ קוק אויף סטיגליצן. סטיגליץ קוקט אים מאָדנע אָן: אַלץ איז ניי אויף דעם מענטשן, אַפילו דאָס טאַשנטיכל,

וואָס ליגט און שטעקט צירלעך אַרויס מיט צוויי שפּיצן פון זיין אויבערשטער קעשענע.

אין אַ ווײַלע אַרום נעמט דער מאַן זיך אָן מיט קוראַזש, גייט צו צו סטיגליצן און פרעגט:

— איר זענט מר׳ סטיגליץ?

ווי נאָר אָבער דער מאַן דערזעט פאַר זיך דעם פּיינעם, שלאַנקן סטיגליץ מיט דעם כמעט בלוטלאָזן צאַרטן פּנים, מיט די מאָדנע גרוילעך שוואַרצע האָר, וואָס וואַקסט אים פעסט פון די בלוטלאָזע אָדערן אַרויס, מיט די אַנגעשטעלטע, שוואַרץ־באַברעמטע שאַרפע אויגן. ווערט ער צעטומלט און רויט, נעמט אַ צעטומלטער אַרויס פון זיין זייט קעשענע אַ בריוו און דערלאַנגט אים סטיגליצן.

דאָס איז אַ בריוו פון אַ פּראָווינציעלן מוזיי־דירעקטאָר, וואָס רעקאָמענדירט דעם מענטשן, וואָס איז רייך, און פון אַ פאַמיליע, וואָס שטיצט דעם דאָרטיקן מוזיי. „דער יונגערמאַן האָט זייער פיל געהערט פון אייך און פון אייער קרייז און ס׳איז זיין אַמביציע זיך צו באַקענען מיט אייך“.

סטיגליץ גיט פון העפלעכקייט וועגן אַ רעד עטלעכע ווערטער מיט דעם יונגן דזשענטלמאַן, פאַרלירט אָבער באַלד דאָס געדולד און זאָגט:

— נו, אַט ביסטו שוין געווען אין ניו־יאָרק און געזען סטיגליצן. איצט וועסטו שוין קענען קומען צוריק אין דיין שטאָט און זאָגן, אַז דו ביסט טאַקע געווען אין ניו־יאָרק און טאַקע געזען סטיגליצן, געזען ביי אים אַן אויסשטעלונג פון דעם מאלער מ. און אַז דאָס זענען אַלץ אַזוינע משוגענע זאַכן, אַז דער דירעקטאָר פון דיין מוזיי וואָלט זיי זיכער נישט אַריינגענומען אין זיין מוזיי־קאָלעקציע.

— ניין, פאַרוואָס? ווי אַזוי? — פּרוּווט זיך יענער ראַטעווען.

זעסט דאָך די מויערן אויף דעם בילד, — דאָס זענען מויערן? דאָס איז דאָך גלאַט עפּעס, ווי אַ דינאַמיט־באָמבע וואָלט דאָ געפּלאַצט. און די שיפלעך דאָרט. — אַ שול־קינד קען דאָך מאָלן שענער?

דער מאַן זאָגט:

אַוודאי איז פאַר מיר אַ גרויסער כבוד צו זען פערזענלעך דעם הער סטיגליץ; אַוודאי וועל איך וועגן דעם רעדן און דערציילן. און די בילדער. אדרבה, זיי זענען ניי, אָבער אָט־יענע געפעלט מיר.

— עס געפעלט דיר? פאַרוואָס קויפסטו נישט?

— וויפל איז דער פּרייז פון יענעם בילד?

סטיגליץ מעסט אָפּ דעם יונגן, רייך־געקליידטן מענטשן און זאָגט:

— צוויי טויזנט פינף הונדערט!!

— הם

— וואָס?

— צוויי טויזנט פינף הונדערט!!

— וואָס, צופיל?

— מ׳האָט ביי מיר געוואָלט אַזויפיל פאַר אַ... און ער רופט דערביי אָן איינעם פון די אָנגעזעענסטע פראַנצויזישע מאלער.

— אַזוי, פאַר אַ.. נו, וויבאַלד אַזוי וועסטו שוין פאַר דעם בילדל מוזן באַצאָלן דריי טויזנט פינף הונדערט.

דער יונגער פרעמדער מענטש קוקט זיך אום, דערפילט זיך ממש ווי אויף הייסע קוילן. ער באַהערשט זיך אָבער פאַרט, כאָטש מיט אַ שטאַרקער אָנשטרענגונג:

— וואָס הייסט? איר האָט דאָך נאָר־וואָס געזאָגט צוויי טויזנט פינף הונדערט?

— יאָ, אָבער איצט איז שוין דריי טויזנט פינף הונדערט, סטאָקס אויפן מאַרק מעגן זיך נעמען פּלוצים הייבן אין פרייז? מ׳ס אַ בילד, דאָס איז נאָך אַלץ אַ בעסערער איינלאָג ווי דיינע סטאָקס.

דער פרעמדער דערפילט זיך שטאַרק צוגעקוועטשט. דער דירעקטאָר פון זיין היימישן מוזיי האָט אים טאַקע אָנגעזאָגט, אַז מיט סטיגליצן דאַרף מען רעדן זייער געהיט, וואָרעם ער, סטיגליץ, איז אַ מענטש וואָס קען ווערן אין כעס — און דאָס האָט במילא געמיינט, אַז מען דאַרף שטאַרק דרך־ארץ האָבן פאַר סטיגליצן. און דאָ איז ער אַזוי אַריינגעפאַלן. און איבער אַלץ קוועטשט דעם מענטשן פּשוט אַ שוך. דער שוך איז אַ נייער און דער שוכבאַנד איז נאָך דערצו פון דעם אָנגעשטעלטן פאַרצויגן געוואָרן צו־שטאַרק. פריִער האָט אים סטיגליץ זיך געבעטן זעצן, האָט ער נישט געוואָלט, איצט אָבער, נעמט דער מענטש און זעצט זיך טאַקע אַוועק אויף דעם ערשטן שטול. שטעלט אַוועק זיין עלעגאַנטן שטעקן נעבן זיך, לייגט אויף אים אַרויף זיין הוט.

— יאָ, דער שוך קוועטשט, ער מוז פאַנאַנדערבינדן דאָס שוכבענדל... ער נעמט זיך דאָס טון אָן אויפגערעגטער און זאָגט, אַזוי ווי רעדנדיק צום שוך:

— דער דאָרטן האָט מיר צו־שטאַרק פאַרשנורעוועט דעם שוכבאַנד.

און זאָגט:

— איך האָב זייער פיל געהערט פון אייך, הער סטיגליץ, און וואָס איך האָב געהערט האָט אַרויסגערופן גרויס דרך־ארץ, און... אַז איך זע אייך — ער הייבט אויף זיינע בליקן פון דעם שוך, דערזעט פאַר זיך סטיגליצעס זילבערנע האָר, סטיגליצעס טונקעלע, שוואַרץ־ברעמיקע אויגן אַרויסקוקן פון דעם דורכזיכטיקן אַש־קאָלירטן פּנים — עס זענען שאַרפע, פאַרניכטנדיקע און בענטשנדיקע אויגן און ער גיט צו: — און איצט, אַז איך זע אייך, איז דאָס נאָך אַלץ אַזויפיל מער, ווי איך האָב געהערט. אָבער... עס איז דאָך פאָרט דאָ אַזאַ זאַך ווי אַ מאַרקפרייז, אַפילו פאַר בילדער, — און צוויי טויזנט פינף הונדערט איז צופיל... און דאָ ווילט איר דווקא נאָר דריי טויזנט פינף הונדערט... איך, אייגנטלעך, וואָלט נאָך געוואָלט אַפילו אָט יענע קליינע בילדל, נאָר איך האָב שוין מורא...

סטיגליץ קוקט אויף דעם מאַן, הייבט מיט אים אָן מיטפילן. — דער שוך —טראַכט ער— האָט אים געמוזט שטאַרק קוועטשן די גאַנצע צייט... און דאָ האָב איך נאָך אויף געקוועטשט... און ער זאָגט צו אים:

— הער אויס, דו לאָז דאָ דיין אַדרעס. איך וועל דיר אַרויסשיקן די ביידע בילדלעך מיט אַ „ביל". און אויב זיי וועלן דיר אָדער דיין מוזיי־דירעקטאָר נישט געפעלן — איבער דעם פּרייז אָדער גלאַט נישט געפעלן, וועסטו זיי מעגן צוריקשיקן.

— איך פאַרשטיי נאָך אַלץ נישט...

— האָב קיין מורא נישט, דיין שאַפער און דיין באַדינער לעבן נאָך אַלץ באַקוועמער פון דעם מאַלער.

— אָבער איך ווייס אַפילו נישט, צי עס איז פאַר דעם מאַלער אַ טובה, ווען מ'שטעלט אַזוינע הויכע פּרייזן.

— עס איז אָבער זיכער אַ טובה פאַר דיר און פאַר דיין גלייכן. איר וועט זיך אַזוי גיכער אויסלערנען צו פאַרשטיין, אַז פאַר אַ גוט אַמעריקאַנער בילד דאַרף מען צאָלן אַ גוטן פּרייז. דו וועסט פאַר דעם קריגן מער דרך־ארץ, דיין מוזיי־דירעקטאָר וועט קריגן מער דרך־ארץ.

דער יונגערמאַן איז ערנסט און ערלעך. — לעבן סטיגליצן קאָן מען אַנ־דערש נישט זיין — זאָגט ער:

— נו, אַ געוויסער אמת איז דאָ אין דעם, אָבער איך האָב מורא, אַז מיט דעם שטויסט איר אָפּ קויפער.

— ניין, מיט דעם ציט מען צו קויפער.

— איר באַהאַנדלט מענטשן מאָדנע, — זאָגט ער אי ביזלעך אי פאַרטרויט.

— עס וועט זיי נישט שאַטן. עפּעס וועלן זיי פון דעם אָפּלערנען. איך זע אַז דו מיינסט ערנסט. און דיין אויסוואַל פון צוויי בילדער געפעלט מיר און אויב דו ווילסט זיי האָבן וועסטו לאָזן דיין אַדרעס. נישקשה, עס מעגן זיך ביי דיר אין שטאַט געפינען צוויי פון מ'ס בילדער. דיין שטאַט וועט זיכער געווינען אין ווערט מיט די צוויי בילדער, מיט אַ סך מער ווי דו וועסט פאַר זיי באַצאָלן.

— דער אמת איז, אַז עס איז אַ גרויס פאַרגעניגן צו רעדן מיט אייך — זאָגט דער מענטש זיך אויפהייבנדיק און נעמענדיק צוריק אין האַנט זיין רייכן שטעקן און זיין הוט. — אפשר איז גוט, וואָס איר באַהאַנדלט אונדז אַזוי. עס איז פאַר מיר, איך פאַרזיכער אייך, געווען אַ גרויס פאַרגעניגן, נאַט אייך מיין אַדרעס. נאָר פונדעסטוועגן... עס איז פאַר מיר געווען אַ גרויס פאַרגעניגן. גע־וויס, וועל איך אָפּגעבן אַ גרוס אונדזער דירעקטאָר.

ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען האָט סטיגליץ זיך אָפּגערופן צו די מקרובים, וואָס זענען געווען אין דער סטודיאָ, ווי אָפּזיפצנדיק:

— נו, מיר דאַכט זיך אויס, אַז מ. איז דאָ געהאָלפן געוואָרן. ער וועט קאָנען

האָבן זיין אויסקומעניש פֿאַרן יאָר און זיך אַפילו אויך קויפן דאָס הויז. אָבער... שטעלט סטיגליץ זיך אָפּ ווי צוריקהאַלטנדיק אַ פֿאַרלעגנהייט.

— אָבער, ער וועט נאָך אפשר חרטה האָבן. — פּרוּווט איינער טרעפֿן.

— ניין, ענטפֿערט סטיגליץ, ער וועט, דאַכט זיך גראָד יאָ קויפֿן.

— נאָר וואָס דען? כאַפּט גלייך דער עסייִסט אונטער — איך האָב געוויס אויפגערעגט די שפּיצן פֿון טאַשנטיכל, וואָס האָבן אַזוי צירלעך אַרויסגעשטעקט פֿון זיין אויבערשטער קעשענע.

— יאָ, דאָס האָט אויפגערעגט, גיט צו סטיגליץ.

— אָבער, וואָס איצטער? — פֿרעגט אַן אַנדערער, וואָס זעט און פֿילט, אַז סטיגליץ טראָגט עפּעס אַן אַנדער זאָרג אַזאַ.

— אָבער די צרות פֿון מיין היינטיקן טאָג, האָבן זיך נישט געענדיקט.

— וואָס פֿאַרט?...

— איך מוז דאָס פֿונדעסטוועגן אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך, און טאַקע נאָך היינט. איך מוז איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל וויסן ווו איך האַלט — זאָגט סטיגליץ אַרויס מיך, מער ווי ער וואָלט געטראַכט און גערעדט צו זיך אַליין. — און ער הייבט זיך אויף, אַ דינער, אַ דעליקאַטנער און אַנטשלאָסענער און זאָגט צו אַלעמען:

— „אַנטשולדיקט מיר“ — גייט אַריין אין זיין פּריוואַטן צימער, נעמט דעם טעלעפֿאָן און רופֿט אָפּ דעם וואָס האָט ביי אים אָפּגעקויפֿט צוויי יאָר פֿרייהייט פֿאַר דעם אָרעמען קינסטלער, וואָס געפֿינט זיך אין פּאַריז.

— יאָ, דאָס איז סטיגליץ!

— אָ, געוויס, וועגן דעם מענטשן וואָס טראַכט זיין אייגן טראַכטן? — פֿרעגט יענער.

— יאָ... איך האָב געהערט, אַז געשעפֿטן...

— אַלץ איז אַוועק מיטן רויך, נאָר מיט די פֿופֿצן הונדערט דאָלאַר האָט דאָס נישט צו טון.

— אָבער ביסט דאָך מן־הסתם פֿאַרענגט?

— מיט די פֿופֿצן הונדערט, האָט דאָס גאָר נישט צו טון. דאָס איז געלט וואָס איך נוץ נישט, ליי נישט און זעץ נישט אָן. אויב, עס איז שוין צייט, שיק איך זיי מאָרגן אַרויס.

סטיגליץ, אַן אויסגעמוטשעטער פֿון אַ טאָג אויפֿרעגונג, שווערער אַרבעט, קומט נאָכדעם צוריק אַריין צו זיינע פֿריינד אין דער גאַלעריע. ער איז מיד און גליקלעך, אויפֿגעלויכטנקייט צערטלט זיך אויף זיין פּנים, שוואַרצט די גרויסע גוטע טונקל־ברוינע אויגן, נישט נאָר פֿון דעם, וואָס די האָפֿענונגען פֿון זיין מאָלער אין פֿראַנקרייך, וואָס טראַכט זיין אייגן טראַכטן וועלן נישט צעשלאָגן ווערן, וואָס ער וועט איצט קאָנען דאָרט פֿאַרבלייבן אויף דעם פֿאַרשפּראָכענעם צווייטן יאָר. נאָר אָט:

— נו, ווי געפֿעלט איך? אַ מענטש האָט געהאַט און פֿאַרלוירן זיין גרויס

פאַרמעגן, אַ מענטש איז באַנקראָט, „נאָר געלט וואָס ער קומט פאַר מאַלעריי, דאָס איז געלט —זאָגט ער— וואָס איך נוץ נישט, ליי נישט און זעץ נישט אָן?...״

אַלע זעען סטיגליצעס גליק און זענען גליקלעך אינאיינעם מיט אים, גליקלעך ווייל זיי זעען, אַז סטיגליץ איז דאָ, ווייזט אויס, באַפרייט געוואָרן פון אַ משא, וואָס האָט אים געדריקט און, ווייל זיי ווייסן, אַז אַרויסרופן אַזאַ געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַ קונסט־פאַרפליכטונג קאָן נאָר סטיגליץ.

7.

עס איז אָוונט, עס האָט געטראָפן, ווי עס טרעפט אָפט אין ניו־יאָרק, אַ פראָסטיקע ווינטער־נאַכט, איז ווי אַ פלינקער הירש אַנגעלאָפן און זיך אַוועקגעשטעלט אויף די ניו־יאָרקער גאַסן. סטיגליץ, „האָט היינט געהאַט גענוג״. ער נעמט זיין מאַנטל אונטער דער האַנט, וואַרפט אַרויף זיין עטוואָס פאַרנאַכלעסיקטן, צעבויגענעם שוואַרצן הוט אויף זיין גרויען קאָפּ, פאַרשליסט די גאַלעריע, גייט דורך דעם קאָרידאָר. אָט איז ער אויף די ברייט־פאַנאַנדערגעשפרייטע טרעפּ, וואָס אין דעם האָל פון דער „אַנדערסאָן״־גאַלעריע, די טרעפּ זענען פאַרשפרייט מיט רויטן טעפּיך. דער אויבן פון די ברייטע טרעפּ האָט אַ ברייטלעכע פּלאַטפאָרמע פון וועלכע עס הייבן זיך צעצווייגט אויף רעכטס און אויף לינקס, צוויי באַזונדערע קלענערע פליגל־טרעפּ. ווי אַ קאַבאַליסטישע זעונג, ווייזט און צייכנט זיך די ברייטע צעפליגלטע, רויטע טרעפּ. איבער דעם עטוואָס טונקעלן גרויסן האָל, איבער דער פּלאַטפאָרמע צווישן די צוויי אָפּגעבויגענע פליגל — הענגט אַן אַלטער אַנטיק־טאָפּעט מיט עטלעכע פיין־אויסגעהאָפטענע מענטשלעכע פיגורן אויף איר. סטיגליץ, וואָס איז נאָר־וואָס אַראָפּ פון איינער פון די פליגל־טרעפּ, באַווייזט זיך אויף דער פּלאַטפאָרמע, בלייבט שטיין אַ ווײַלע און קוקט זיך אום, אָט ווי עס וואָלט נאָר־וואָס אַרויסגעקומען אַ פיגור פון דעם טאָפּעט. פאַר אַ רגע באַטראַכט ער די לופט, וואָס לייכט און שאָטנט זיך אין דעם גרויסן האָל. זעט די פאַרשידענע קונסט־אָביעקטן, וואָס זענען צעלייגט און צעשטעלט איבער דעם האָל. — ליכט און שאָטן צייכענען אויס פאָרמען, טיילן און שניידן די לופט; ליכט און שאָטן גיבן צו אַנזעעוודיקע פּלאַסטישקייט צום ליידיקן רוים אין דעם האָל. די קונסט־אָביעקטן, וואָס אויף דעם פאַל הייבן זיך און צייכענען זיך מיט זייערע פיינע פאָרמען אין דעם ליכט און אין דעם שאָטן פון דעם האָל און דעקן אויף פלוצימדיקע, אומדערוואַרטעטע קוואַליטעטן. דאָס פאַרשטיין, דאָס זעען די פאַרהעלטנישן פון ליכט און שאָטן גיט צו אַ נייעם ווערט, ניי לעבן צו דער וועלט. — שטיל לעבן ווערט לעבעדיק לעבן — לעבן פון טיפן מיין און באַטייט.

אַ גרויער, אַ צאַרטער אין גרויען אנצוג, שוואַרצן הוט, מיט אַ שוואַרצן מאַנטל אונטערן האַנט, דער מאַנטל הענגט אַראָפּ ווי אַ דעקאָראַציע פון אונטער זיין אָרעם, ביז צו די רויט־פאַרשפרייטע טרעפּ. סטיגליץ ווערט ווי פּלוצים אויפ־

געהויבן פון אַט־דער גרויס־צעפליגלטער טרעפּ. ער נעמט לאַנגזאַם שטעלן זיינע טריט, זיך אַלץ אומקוקנדיק, זיינע פריינט נאָך אים. מיט יעדן נייעם טראַט ענדערן זיך די צעוועבטע ליכט און שאָטן פאָרמען אין דער לופט און אויף די צעשמעלצטע קונסט־אָביעקטן.

וויפל וווּנדער עס איז דאָ פאַר דעם מענטשלעכן אויג אין די אָביעקטן און אין דעם וויברירנדיקן ליכט און שאָטן איבער זיי. — מיין אויג, דאָס איז דאָך אַלעמענס אויג.

פאַרוואָס ווייסן אַזוי ווייניק מענטשן פון דעם?

ווען סטיגליץ און זיינע פריינט קומען אַרונטער פון די טרעפּ, בלייבט דאָרטן אויבן דער אַלטער אַנטיק־טאָפּעט בלאַנק, ווי אויסגעליידיקט פון אַלע זיינע פיגורן.

אין דרויסן איז אַ יונגע נאַכט אָנגעשפּרונגען, זיך אַוועקגעשטעלט צווישן אויפגעפּראַלטע גאַסן, צווישן לאַנגע שורות עלעקטרישע לאָמפּן, וואָס ליגן לבנה־דיק אויסגעלייגט אין דער לופט. די יונגע נאַכט פרישט און גרויסט־זיך מיט איר פרישקייט, ברענגט פאַר מענטשן גוטן אָטעם און פרישן טעם. די לבנהדיק אויסגעלייגטע עלעקטרישע לאָמפּן צעצווייגן די הייך פון דער גאַס, זיי באַלייכטן דעם נידער פון די טיפע, לאַנגע גאַסן. באַלייכטן די אויטאָמאָבילן און די מענטשן־שטראָמען. די גרויסע און שווערע מויערן הייבן זיך אָבער הויך און ווייט אַריבער די לאָמפּן און באַלייכטן זיך אַליין מיט זייערע אייגענע פענצטער, וואָס זענען צעשטעלט ווי אויספּעהאָמערטע, צוגעשניטענע פּירעקיקע שטיקער זון אין דער נאַכט. — דאָ און דאָרט פינצטערע פענצטער, דאָ און דאָרט ליכטיק. די ליכטיקע און פינצטערע פענצטער ברעכן זיך קאַפּריזנע צעוואָרפן איבער די ברייטע פלאַכן פון די הויכע מויערן און צייכענען אומגלייבלעכע שטאַפּלען, אומגלייבלעכע פאָרמען — געלע און שוואַרצע טעראַסעס, וואָס מישן זיך, וואָס קלעטערן איינע איבער די אַנדערע, וואָס רעגן און רייסן זיך אַרויף מיט אַ פאַרכאַפּנדיקן זין אַרויף.

סטיגליץ אין טונקעלן, שוואַרץ־ברעמיק, ברוין־אויגיק, גרוי און שלאַנק, איינגעוויקלט אין זיין פּעלערינע, בלייבט ער פאַר אַ רגע שטיין, אויף דער דרויסנדיקער, גרויסער שטיינער־טרעפּ. אויף דעם טונקעלן טוך פון דער פּעלערינע, גלייך איבער דער ברוסט, פאַרהאַלט זיך זיין בלייכע האַנט. ווייסט זיך איבער דער טונקלקייט פון דעם טוך ווי אַ פאַרהאַלטענער געדאַנק, ווי אַ גוטע כוונה, ווי אַ צערטלענדיק געפיל. ער שטייט אַזוי פאַר אַ ווייל. זיינע פריינט אַרום אים, ער, דער איינציקער ייִד צווישן זיי. קיינער פון זיי לייגט קיינמאָל נישט דעם טראָפּ אויף דעם וואָרט „ייִד", איז אים גוט פון דעם?

ווערט אין סטיגליצן אַמאָל דער ייִד אין אים געקרייציקט?

טראַכט אַמאָל סטיגליץ וועגן דעם פאַרוואָס גראָד ער — אַ ייִד, מוז דאָס דווקא זיין דער וואָס קעמפט אַ לעבן־לאַנג אַזוי לײדנשאַפטלעך אויף צו וועקן דאָ דאָס געפיל און די ווירדע פאַר דעם עכטן אַמעריקאַנישן אין דער קונסט?

טראַכט ער אפשר אַמאָל, אַז דאָס איז דערפאַר וואָס דער ייִד אין אים פילט, אַז נאָר ביי דעם ליכט פון דעם עכטן אייגנטימלעכן שאַפונג־פייער פון יעדן באַזונדערן פאָלק קאָן די וועלט אויף דער אמתן באַלייכטן, דערהייבן און דערלייזט ווערן, און אַז דערפאַר גיבן דאָס די ייִדן פון זיך איבער אַ זעערישן אינסטינקט אַזאַ אַרויס אַזוינע סטיגליצער צווישן די פעלקער? טראַכט סטיגליץ אַמאָל פון דעם — פאַרוואָס אין די ערשטע יאָרן זענען צווישן זיינע באַליבטע קינסטלער אויך געווען די ייִדן — וואָלקאָוויטש און וועבער און איצט האָט ער אַפילו קיין אײן ייִדן נישט צווישן זיינע קינסטלער, כאָטש עס ציט אים אַזוי שטאַרק צו טאָפעל, צו קאָפמאַן?

איך פרעג נאָכאַמאָל:

מיט דער גאַנצער פאַרערונג וואָס סטיגליצעס פריינט טראָגן אונטער סטיגליצן, צי ווערט דער ייִד אין אים נישט אַמאָל געקרייציקט?

— יאָ, עס ווערט געוויס דער ייִד אין אים אַמאָל געקרייציקט. עס קאָן זיין, אַז גראָד דעמאָלט, ווען איינער פון זיינע קריסטלעכע פריינט נעמט אים פאַרגלייכן צו דעם מאַן פון נצרת, אַז פונקט דעמאָלט דערזעט ער דעם ייִדן אין זיך געקרייציקט. סטיגליץ טראַכט נישט וועגן אַזוינע זאַכן. סטיגליץ טראַכט:

...לבנות אויף די גאַסן. די זון איז גרויס. — זע וויפל שטיקער פון איר איבער די מיליאָניקע פענצטער פון די נאַכטיקע גאַסן פון דער אויפגעשפרונגענער גרויסער שטאָט. דער גרויער, שלאַנקער סטיגליץ געדענקט נאָך די געגנט ווען בערגלעך פעלדזן און ביימער זענען דאָ געוואַקסן ווילד, און זענען אין דער צייט פון יאָר געווען שווער באַדעקט מיט שניי. דער הימל איז געווען נידעריק, די ביימער און די פאַרם־היילעך דאָ און דאָרט האָבן זיך געפוצט און געצייכנט אויפן הימל. אַ גרויער האָז, אַ רויטער פוקס, אַפילו אַ געלער הירש פלעגט זיך דאָ באַווייזן, דורכלויפן, אויפשפרונגען און פאַרשווינדן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך צייכנס אין שניי — פיסצייכנס אויף צו לאָקן דעם יעגער, דעם פאַרמער.

און איצט אָט די גלייכע, פעסטע, שטיינערנע טרעפ אונטער אים, און פאַר אים, אַזויפיל מאַכט און אימפעט אין אָט די וואַקסנדיקע מויערן און גאַסן — מויערן... אפשר וואַקסן זיי אונדז אַריבער...

ווער נאָך ווי סטיגליץ ווייסט, וויפל כוחות עס זענען אַוועקגעלייגט געוואָרן. אָט איז בורזשואַ, עלעגאַנט און קעמפעריש, אָט איז מעק־ברייד, אָט איז איזאַדאָרא ווי אַ נביאה אויפגעשטאַנען, — זי האָט אַלץ געוואָלט זען אַמעריקע זאָל ברויס און ריטמיש טאַנצן, גאַנץ אַמעריקע, די גאַנצע וועלט, אַלע פעלקער זאָלן — — מוזיק, טאַנץ, סקולפּטור, געלעבט און גערעדט ווי אַ נביאה און געשטאָרבן אַזוי טראַגיש איבערלאָזנדיק נאָך זיך „מיין לעבן" ווי אַ גרויסע אָפנהאַרציקע ווידוי פאַר דער וועלט און פאַר מענטש — מיט אַזאַ אָפענעם פנים ביז דעם לעצטן מינוט פון איר לעבן. און אָט די מויערן. — אַוועק דער גרויער האָז, דער

דרויטער פוקס, דער הירש און דער פּאַרמער. אָבער... ווי אַ שפּרינגענדיקער הירש — און ער ווענדט זיך צום יונגן עסייִסט, וואָס האָט ביי אים נאָר־וואָס אויס־געגאַרט דעם פאַרשפּרעכן צו אַראַנזשירן אַן אויסשטעלונג פון זיינע פאָטאָגראַ־פישע אַרבעטן און פרעגט אים:

— וואָס האָסטו דאָרט פריִער געזאָגט וועגן וואַלד און וועגן אַ זון?

— ווי אַן אויסגעהאַמערטער ריזן־וואַלד וואַקסט אונדזער שטאָט און לייכט מיט אַ זון, דורך טאָג און דורך נאַכט, מיט אַ זון.

— דער אָטעם פון קונסט איבער דער וועלט, דער אָטעם פון קונסט שפּאַלט די הימלען, דער כח פון קונסט באַהערשט די ערד, ציי זי וויל צי זי וויל נישט — דער כח פון קונסט, ווי אַ ליכטיקער הירש איבער אַלץ.

— און מיינע אויגן, דיינע אויגן זענען אַלעמענס אויגן.

***

אָט אַזוי, האָב איך אייך דערציילט אַ מעשה, נישט פאַר בערן אין וואַלד, נישט פאַר קינדער אין די וויגן — פאַר אייך האָב איך דערציילט דאָ די מעשה פון אַ לעבעדיקן מענטשן, אַ מעשה, וואָס האָט זיך נאָך אינגאַנצן נישט דער־ציילט, אַ מעשה פון אַ מענטשן, וואָס זעט, ווייסט און פאַרשטייט דעם אמתן ווערט פון אַנטפּלעקונג.

איך האָב אייך דערציילט אָט די מעשה וועגן סטיגליצן, ווייל ער איז פאַר מיר און פאַר אייך — אַנטפּלעקונג, מעשה, און ווייל איך גלייב, אַז די אַנטפּלע־קונג, די מעשה, איז דער אמתער אמת פון אונדזער לעבן — אונדזער לעבן — אַ מעשה, וואָס האָט זיך נאָך אינגאַנצן נישט דערציילט.

(„שיקאַגאָ", 1936)

מאַרק שאַגאַל

פאַרב, אוילפאַרב, האָט קאָליר און האָט אויך סובסטאַנץ, וואָג. אין דער מאָלערישער קונסט זענען פאַראַנען קינסטלער וואָס האָבן אַן איינגעבוירן געפיל אי פאַר קאָלירן, אי פאַר דער וואָגיקער סובסטאַנץ פון די אוילפאַרבן. מאָלער וואָס אָפּערירן מיט דיביידע קוואַליטעטן געבן צו זייערע לייוונטן מער פלאַסטישקייט און, איך וואָלט געזאָגט, מער מאָלערישע דראַמאַטישקייט. אַלס אילוסטראַציע וועל איך דאָ דערמאָנען בלויז אַ פּאָר נעמען, ווי פאַרשיידן און ווי ווייט זיי זאָלן נישט זיין איינער פון צווייטן: גאָיאַ, וואַן גאָג, רוסאָ, רואָ (רואָלט) סוטין.

עס זענען אָבער פאַראַנען אויך אַזוינע מאָלער וואָס ווייזן אַרויס זייער שעפערישקייט בלויז, אָדער הויפּטזעכלעך, דורך די קאָלירן פון די פאַרשיידענע אוילפאַרבן, און זענען דורך דעם געוואָרן וועלטבאַרימט און וועלטוויכטיק, ווי גאָגען, רעדאָן, מאַטיס און אונדזער אייגענער מאַרק שאַגאַל.

שאַגאַל איז דאָ ספּעציעל וויכטיק ווייל דורך זיינע לייוונטן ברענגט ער דער וועלט יידישן וועלט־באַנעם. ער שטעלט זיך נישט אָפּ ביי מה נאה אילן זה, וואָס לויטן יידישן דין קומט פאַר דעם מיתה. ביי אַ יידן דאַרף אַ שיינער בוים זיין בלויז אַ דערמאָנונג און אַן אַריינפיר צו וווּנדערלעכע שיינע וועלטן און וועלטן אָן אַ שיעור. (זע מיין ענגלישן עסיי וועגן ב. קאָפמאַן, אַרויסגעגעבן אין 1930 פון ע. ווייה, נ.י.).

שאַגאַל בלייבט נישט שטיין פאַר אַן אָביעקט בלויז, לויט דעם ווי די פיזישע פּריזמע פון אויג דערזעט אים. יעדער אָביעקט איז ביי אים אַ טייל פון וועלטן גאַנצע. ער ברענגט דער וועלט קאַבאַליסטישן און טיף־יידישן זין. זאַכן און געשטאַלטן זענען ביי אים אָפּצווייגונגען אָדער וואָרצלען פאַר אָפּצווייגונגען פון אַנדערע געשטאַלטן און זאַכן. ענינים און קאָנצעפּציעס טויכן ביי אים איינע פון די אַנדערע, לויט דעם פּרינציפּ פון המוצא דבר מתוך דבר, דערביי באַנוצט ער זיך כמעט שטענדיק מיט יידישע אַטריבוטן, מנהגים, גלייבונגען, מעשיות און סימבאָלן. אַ פיש, למשל, איז ביי אים פונקט אַזאַ יידישער סימבאָל פון שבת, פון חתונות און גלאַט שמחות, ווי עס זענען ביי אים מנורות, בענטש־לייכטער און אָנגעצונדענע ליכט. אַ פיש קען ביי אים שוין אויך פליען און אַפילו שפּילן

אויף אַ פידל. אַ פיש ביי אונדז איז דאָך אויך אַ מיטאָלאָגיש באַשעפעניש (לויתן), וואָס וואַרט אינאיינעם מיט אונדז אויף דעם קומען פון משיח, קען זי דערפאַר און ווייזט ביי שאַגאַלן ניסים און וווּנדער. און אַזוי עפּנט שאַגאַל פאַר דער וועלט אַ פענצטער צו יידישער מיסטיק, יידישער ראָמאַנטיק און ער טוט דאָס מיט קאָלירן פון אויל־פאַרב אויף אַן אופן ווי מיר און די אַרומיקע וועלט האָבן דאָס פריער נישט געזען. מיט אַן אויסערגעוויינלעכן קינסטלערישן פיינגעפיל ברענגט ער אַרויס יידישע אייגנאַרט, אין שייכות צו היימישע הינער, צו הויז־חיות, צום בעל־עגלהס און פויערס פערדל. דער פידל איז ביי אים נישט נאָר אַ יידישער אַטריבוט, נאָר אָפט ווערט זי ביי אים אַ גאַנץ מיסטישע באַשעפעניש, קריגט אַ האַנט מיט וועלכער זי נעמט שפּילן וואָס גייט אום שפּילנדיק אויף זיך אַליין. — אַ מענטש איז ביי אים געוויינטלעך מער ווי אַ מענטש. אַ פאַר פאָלק זענען ביי אים אָפט, איצטיקע, פריערדיקע און נאָכדעמדיקע מענטשן; זיי טראָגן מיט זיך אויפן לייוונט זייער יידישלעך לעבן, זייערע גליקלעכע חופה־טעג און זייער חופה. ביי יידן זענען פאַראַן מעשיות, אַז חתן־כלה ווערן אַמאָל אויסגעכאַפּט פון אונ־טער דער חופה פון נישט־גוטע. ווערט דאָ אָט די שרעק אויך אויסגעמאָלן און חתן־כלה וואָס שטייען אונטער דער חופה זעען זיך אויך געטראָגענע אין דער לופטן. און אויף דעם אייגענעם לייוונט קענט איר אַמאָל אויך זען ווי דאָס פאַר פאָלק גייט אויך צו דער אייגענער לוויה.

שאַגאַל האָט גאָר אַ סך בילדער מיט יידישע חופות. זיין ליבע צו פאַרליבטע און צו חתן־כלה אונטער חופות, איז אַזוי גרויס, אַז ער זעט און מאָלט אַריין חופות אפילו צווישן די צווייגן פון אַ גרינעם בוים און פעלד. דער „מה נאה אילן זה"־פאַרבאָט ווערט דאָ אויסגעקויפט. דער סימבאָל פון פרוכטבאַרקייט פון דער ערד ווערט דאָ געהייליקט און דערהויבן, דער בוים איז ביי שאַגאַלן אין אַזאַ פאַל איי־פאַרמיק געמאָלן. אונדזערע מאַמעס האָבן אונדז איבערגעגעבן אַ סך פון זייער ליבע דורך אויסקייקלען דאָס קינדערשע פּנים מיט אַ וואַרעם, פריש־געלייגט איי. (אַן איי איז פאַר שאַגאַלן די מיסטעריע פון לעבן, אַ הון — די מוטער פון לעבן), דומם, צומח, חי און מדבר קריגן דאָ זייער תיקון, אין אַזאַ, פון דער ערד רייך אויפגעשפּראָצטן בוים און אַמאָל זעט איר נאָך דערביי פון דער ווייט — עס קומט אָן טאַנצנדיק, מיט טאַצן אין אירע הענט, מרים־הנביאה און עס שפּילט דוד אויף זיין פידל. און נישט נאָר אַ בוים — אָט שטייט איר פאַר אַ גוט־געמאָלענע וואַזאַנע אין אַן ערדענעם טאָפּ אַרויפגעשטעלט אויף אַ בענקל פאַר אַ הויז, אָט ווי מען וואָלט די וואַזאַנע אַרויסגעשטעלט אין דרויסן צו כאַפּן אַ ביסל זון און פרייע לופט, וואַקסט און בליט אויך צווישן די וואַזאַנע־בלעטער אַרויס אַ חתן־כלה אונטער אַ חופה. איר קוקט זיך אום — ערשט די וואַזאַנע וואַקסט דאָ העכער פון דער הויז, און פון די אַנדערע, נעענטערע און ווייטערע יידישע הייזער און אַ יידישער הענגלייכטער איז דאָ אויך אין דעם דרויסן פאַרטשעפּעט ערגעץ אין הימל צו לויכטן אַנשטאָט אַ זון. די וואַזאַנע,

די חופּה, די חתן־כּלה, דער הענגלײַכטער — דאָס גאַנצע ייִדישע ליכט איז דאָ אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דער אָפענער פרײַער לופט.

און אָט שטייט איר פאַר אַ בילד פול מיט דורכזיכטיקן, מיט יענער־וועלטיקן הימלישן בלוי. פון אויף יענער זײַט ראַם שוועבט דאָ איבער דעם פײַנעם בלוי, אויף האַלב אַרויף, אַ באַקרוינטע כּלה, אַנטקעגן איר שוועבט פון דעם בלוי אַ מענערישער קאָפּ און זײַנע אַ האַנט, די וואָגיקע האַנט ציט זיך און באַרירט מיט אומענדלעכער צאַרטקייט די לאַנגע האָר וואָס שפּרייטן זיך גראַציעז און פרום איבער דעם פײַנעם ווײַבלעכן אָפּבויג פון דעם שוועבנדיקן פרויען־קערפּער. דאָס איז אַ מין בילדלעך געהייליקטער „הרי את", אָדער ריכטיקער, אַ מין ענטפער אויף דעם פערציק טאָגיקן כּרוז וואָס קומט פאַר אין די ווײַטע הימלען פערציק טאָג איידער דעם מענטשנס געבורט: — בת פּלוני לפּלוני... אויבן, אויף דער לינקער זײַט פון דעם בלויען לײַוונט אַ גרויסער איי־פאַרמירטער ווײַסער קרײַז, אין אָט דעם איי־פאַרמירטן עיגול שטייט אַ רונדע לבֿנה און אַ הון לויפט צו איר מיט אַ צעעפנטן שנאָבל, גרייט אַ פּיק צו טאָן אין איר. נידעריקער אויף דער אייגענער לינקער זײַט, שלאָגט זיך פון אַ פּאָר געצערטלטע ווײַסע וואָלקנס אַרויס אַ קאָפּ פון אַ נאַר־וואָס שטיינגעבליבן מיסטיש פערדעלע, אָדער אייזעלע — אפשר דאָס אייזעלע וואָס איז אָנגעגרייט פאַר דעם עני ורוכב על חמור. פאַר די ווײַסע וואָלקנס און פאַר דעם אייזעלע שטייט אַ גרויסע גוט־געמאָלענע פידל, שטייט ווי אָנגעלענט אין דעם אייזעלע און אין די וואָלקנס. איבער דער פידל — שפּילט אַ סמיק וואָס קיינער האָלט נישט — דוד־המלכס סמיק און פידל דאַרף דאָך פאַר די אַלע טויזנטער ייִדישע יאָרן שוין קענען שפּילן פון זיך אַליין. דער קאָפּ פון דעם פרומען אייזעלע האָט לעבן זיך אויך אַ האַנט און אַ באַטאָן וואָס דיריגירט די מיסטעריע פון ייִדישער ליבע. אונטן, איבער דעם גאַנצן בלויען לײַוונט — אַ וואַסער וואָס שפּיגלט אָפּ די לבֿנה דאָרט אויבן און גיט צו נאָך מער לעבעדיקע שוועבנדיקייט צו דעם פּלוני און דער בת־פּלוני.

עס איז אין דעם בילד דאָ אַזוי פיל קינסטלערישע גראַציע און מאָלערישער כּישוף, דערגרייכט דורך פײַנעם אויפנעם פון דורכזיכטיקער פאַרביקייט, פון פײַנער, שוועבנדיקער לינירונג און אָפּגעהיטער דעקאָראַטיווקייט, אַז אפילו אַ מענטש וואָס ווייסט גאָרנישט פון דער „ליטעראַטור" פון בילד מוז בלײַבן שטיין פאַר דעם און דערזען און דערפילן אַן אַנדער וועלט פאַר זיך, אויב ער האָט נאָר אַ חוש פאַר בילדלעכער קונסט.

שאַגאַל באַפעלקערט די מערסטע פון זײַנע לײַוונטן מיט ייִדישן ריטואַל, מיט מעשה־בראשיתדיקע געשטאַלטן און פאַרמען, מיט זוהר, מיט ערשט־ראַנגיקן ייִדישן שווונג, מיט פאַרגײַסטיקטן זין פון ייִדישער מאַגיק. ער עפנט פאַר דער וועלט און פאַר אונדז די טיפע דערפרישנדיקע קוואַלן פון ייִדישער מיסטיק, ייִדישן צויבער, און דערהייבט דאָס מיט מײַסטערישער גראַציעזקייט צו אַל־

וועלטלעכן ווערט. ייִדישע פּסיכיק פֿאַרמעסט זיך דורך אים צו באַווירקן די וועלט־פּסיכיק און זי האָט דערפֿאָלג. אפֿילו ווען אַ מענטש ווייסט נישט קלאָר דעם ווערטערלעכן אינהאַלט פֿון אַן אַנטפּלעקונג, איז פֿאַר אים אַנטפּלעקונג — אַנטפּלעקונג.

זיין גרעסטע לייוונט אויף זיין לעצטער אויסשטעלונג אין דער מאַטיס גאַלעריע האָט שאַגאַל געווידמעט זיין נישט־לאַנג פֿאַרשטאָרבענער פֿרוי. דאָס בילד טיילט זיך לייכט אויף דריי באַזונדערע טיילן: אין דעם לינקן טייל שטייט אונטן אַ קאָרפּ אויף איר עק. און נישט נאָר שטייט די פֿיש אויף איר עק, די פֿיש האָט אויך אַ האַנט און האַלט אין איר אַ צעעפֿנטן שירעם. (אַגב, ביים פֿאָלק איז אָנגענומען אַז ווען איינער זעט אין חלום אַ לעבעדיקע פֿיש, אַ וואַסער, רעגן און אַ צעעפֿנטן רעגן־שירעם, איז דאָס אַן אָנזאָג אויף מזלדיקע געשעענישן). אַ גרויסע גאָלדן־געל־געמאָלענע הון בייט מיט אַ מאָל אָפּ די גרויע פֿאַרב פֿון דעם רעגנדיקן ווינקל מיט דער פֿיש מיט דעם שירעם. איבער דער געלער הון שטייט קניִענדיק אַ גרויסער רויטער מלאך מיט אַ זילבער־ווייסער פֿידל אין זיינע הענט. אַ בלויע שטיק הימל, אַ ווייסע לבנה און אויפֿגע־הויבענע ווייסע וואָלקנס איבער אַרויפֿלויפֿנדיקע ייִדישע הייזלעך. (אַגב, ווען שאַגאַל באַנוצט זיך מיט בונטע פֿאַרבן איז ער מער רוס, ווי ייִד. דער קניִענ־דיקער רויטער מלאך מיט דער ווייסער פֿידל איבער דער גאָלדן געלער הון איז סלאַוויש־קריסטלעך געמאָלן. אַ קלויסטער אין אַ ייִדיש שטעטל איז געוואָרן אַ טייל פֿון דער ייִדישער לאַנדשאַפֿט).

דער גאַנצער מיטן פֿון דער גרויסער לייוונט איז אויסגעפֿילט מיט אַ הויך אויפֿגעשלאַנקטער כּלה אין ווייסן, וואָס שטייט מיט איר חתן פֿאַר אַ הויך־אויפֿגעהויבענער רויטער חופּה. אויף איין זייט פֿון דעם רייך־געטאָנטן, שאַרלעך־רויטן חופּה־דאַך זיצט זיך אַ גרוי, מענטשלעך מענטשעלע און שפּילט פֿלייסיק אויף זיין פֿידעלע; איבער דער צווייטער זייט פֿון דעם רויטן חופּה־דאַך ליגן צוויי גרויסע פֿייערלעך אויסגעשטרעקטע אָרעמס, זיי קומען דאָ פֿון די ווייסע וואָלקנס אַרויס; איין אָרעם האַלט אין האַנט אַ פֿידל, די צווייטע — האַלט אַן אָנגעפֿילטן בעכער. אַ ביסל ווייטער פֿון דער רויטער חופּה — אַ שטיק בלויער הימל און אַ צווייטע ווייסע לבנה, און, ווי עס פֿאַלט ביי מיר בערל פּראַגער אין אַ לבנה־נאַכט ביי קידוש־לבנה, פֿלוצים פֿון הימל אַרויס, גיט דאָ אויך פֿלוצים אַ פֿאַל אַרויס פֿון הימל אַ מאַן מיט אַ טרובע אין מויל. ער פֿליט צו דער חופּה, צו דעם חתן און כּלה און שאַלט אַ פֿרייד אַ גרויסע: — קול חתן, וקול כּלה! — און אויף אַ דאַך פֿון אַ דערבייִיק הויז, רעכטס, ליגט אויף אַלע פֿיר אַ קאַנ־ווענציאָנאַליזירט ציגעלע און האַלט אין אירער אַ לאַפּע־האַנט אַ מנורה־אַרטיקן לייכטער מיט צוויי אָנגעצונדענע ליכט. דער חתן מיט זיין ווייס־געקליידטער כּלה, וואָס שטייען פֿאַר אונדז פֿון פֿאָרנט, זענען נאָך אַביסל העכער פֿון די הויכע חופּה־שטאַנגען און פֿון דעם רויטן חופּה־דאַך. גראַציעז און ריטמיש פֿאַרזיכטיק

ווי עס איז אַ שלאַנקער העכט אין דעם שטראָם פון אַ לויטערן טייך, איז די כלה. זי וויברירט מיט ליבע, מיט גרייטקייט, מיט צניעותדיקער צוריקגעהאַלטנ־קייט און מיט פרייד. דער חתן וואַקסט אַזוי ווי אַרויס פון איר, און זי איז ווי אַנגעלענט, ווי אַנגעהעפּט אין אים, אין איר באַשערטן, מיט וועלכן זי גייט פון דער חופּה.

פון אונטן אַרויף איז די פיגור פון דער שלאַנקער כלה געצייכנט ווי אַ פיש וואָס האָט זיך אויפגעשטעלט אויף איר עק, אָט ווי די פיש דאָרט אונטן אין דעם גרויען רעגנדיקן ווינקל מיטן זאַנטיק אין האַנט. (די פיש דאָרט אונטן איז אַ קאַרפּ, די כלה איז מער ענלעך אויף אַ זילבער־בייכיקן העכט). שאַגאַל דערגרייכט דאָ זייער אַ סך דורך דעם וואָס ער האָט צוגעגעבן דער זילבערדיק ווייס־געקליידטער כלה פאָרמען פון אַ פיש וואָס האָט זיך אויפגעשטעלט אויף איר עק. שטעלט זיך פאַר — אַ זילבער־בייכיקער העכט, ווען ער זאָל זיך פאַר איך אַ הייב טאָן און אויפשטעלן אויף זיין עק, — אויב דאָס ווערט נאָר דער־לאָזט דורך דער פאָרשטעלונג, מוז דאָס דען נישט פאַרפליכטן און אַרויסרופן ביים קינסטלער אויסערגעוויינלעך פיינע באַלאַנסירונג, כדי דערמעגלעכן די איבערצייגונג אין זיין שטיין אין דער לופטן? אַגב העלפט דאָס שאַגאַלן צו אָרקעסטרירן און צונויפבינדן די לינקע טייל פון זיין לייוונט מיטן צענטער.

לעבן איינעם פון די הויכע חופּה־שטאַנגען שטייט אַ קינד, איז דאָס אי אַ מלאך פון ליבע (אַ קיופּיד), אי דאָס נאָך־נישט־געבוירן גליקלעך קינד וואָס קוקט שוין אויף זיין טאַטע־מאַמע.

לינקס אויף דער ערד, ביי די פיס פון דער כלה שטייט אַ גרויסער וואַנט־זייגער (דער סימבאָל — צייט), האָט דער זייגער אויף זיין רעכטער זייט אַ פליגל פון אַ פויגל — צייט פליט.

דער ברוינער זייגער שטייט ווי אַן אַנלען, גרייכט ביז די קניען, ביז דעם דיך פון דער שלאַנקער, צניעותדיקער כלה. — דער פון הימל־אַראָפּשוועבנדיקער מאַן, גרוי און ברוין געטאַנט, מיט דער שאַלנדיקער טרובע אין מויל, וואָס דערגרייכט מיטן קאָפּ און טרובע אַביסל נידעריקער פון דעם רויטן חופּה־דאַך, דאָס קלענערע מענטשעלע, וואָס זיצט מיט זיין פידל אויף איין ברעג פון דער חופּה, די צוויי אָרעמס וואָס קומען אַרויס פון די וואָלקנס, דאָס מיסטישע צי־געלע, וואָס ליגט אויף אַ דערבייזיקן דאַך מיט דער מנורה אין איר לאַפּע־האַנט. שאַפן ווי אַ לעבעדיקן קראַנץ פון לעבעדיקן יידישן ריטואַל איבער די קעפּ פון חתן־כלה.

דער איינציקער פליגל פון דעם ברוינעם זייגער וואָס ביי די פיס פון דער כלה רירט מיט זיין שפּיץ אָן אַ רויטע בעט, וואָס געפינט זיך אויף דעם רעכטן דריטן טייל פון דעם בילד — די אייגענע כלה וואָס שטייט אין מיטן פון דעם בילד ווייס־געקליידט, ליגט דאָ אין איר אייגן ראַזעווען לייב בלויז, אויף אַ רויט־פאַרשפּרייטן צעעפנטן סטודיאָ־דיוואַן. אַ ווייסע קישן אונטער אירע אַקסלען און

אונטער איר עטוואָס־אויפגעהויבענעם קאָפּ מיט די צעלאָזטע שוואַרצע האָר. אַ ווייסע קישן טיילט בלענדיק אָפּ די שוואַרצקייט פון די האָר פון דעם רויט פון דעם בעט. דער בוקעט בלומען וואָס איז, ווייזט אויס, פריִער געווען אין די הענט פון דער שלאַנקער זילבער־ווייס־געקליידעטער כלה וואָס שטייט נאָך דאָרט מיט איר חתן אונטער דער חופּה, ליגט איצט דאָ אַן אַראָפּגעפאַלענער ביי די פיס פון בעט. אַ פּאָר וואַזן מיט פּרוכט שטייען פאַר איר פאַר דעם דיוואַן, איבער וועלכן זי ליגט אַזוי אַן אַנטבלויזטע, אַ צעטומלטע.

עס דערמאָנט אין שיר־השירים, אין שולמית: „לען מיך אונטער מיט עפּל, וואָרעם איך בין קראַנק פון ליבע". אַ פויגל אויף איינער פון די פּרוכט־וואַזן בייסט די פּרוכט — די פּרוכט איז שוין פאַרזוכט געוואָרן. די פויגל און דער פליגל פון דעם זייגער פאַרבינדן דאָ אויף דעם רעכטן דריטל טייל מיטן צענטער פון בילד, פּונקט ווי די פיש פאַרבינדט דעם לינקן טייל.

אַ נאַקעטע פרויען־פיגור (אין דעם פאַל — געמאָלן כמעט מאַטיס־אַרטיק) — וויפל מאָל זענען שוין פון קינסטלער אַזוי „ביודס" געמאָלן געוואָרן! אַזויגע וואָס האָבן געדאַרפט רעפּרעזענטירן דעם אַפּראָדיטע־קולט, אָדער גלאָט נאַקעטע סטודיאָ־מאָדעלן! דער אַפּראָדיטע־קולט ווערט אָבער דאָ געהייליקט. נישטאָ קיין פאַרשייטקייט, נישטאָ קיין גלאַט־נאַקעטקייט צוליב נאַקעטקייט. די כלה איז דאָ אַביסל צעשראָקן פון דער אָפּגעדעקטקייט. אָבער נאַקעט איז זי נישט. דער „הרי את מקודשת" הילט זי איין. (זע מיינע דערקלערונגען וועגן א. וואָלקאָוויץ. „שריפטן" 1926). די חופּה דאָרט טרייסט און באַרויִקט זי. עס טרייסטן און באַרויִקן אויך ווי אַן אַלטע און גוט־באַוווסטע מעשה די איינגעפונדעוועטע ייִדישע הייזלעך אויף ביידע זייטן פון לייוונט, עס טרייסט אויך און באַרויִקט דאָס פויערל וואָס טרייבט דאָרט זיינע פערדלעך און וואָגן כמעט איבער די דעכער פון די ייִדישע הייזלעך, עס טרייסט אויך דאָרט פון אַ דאַך דאָס ציגעלע וואָס ליגט נאָענט צו די אויפגעהויבענע ווייסע וואָלקנס אין דער הויך, האַלטנדיק די אָנגעצונדענע מנורה־ליכט.

שאַגאַל האָט דאָ צונויפגענומען זיין עקזאַלטירטן פאַרשטיין פון ייִדישע אַטריבוטן, זיין ליבע צו בונטער רוסישער פאַרביקייט, דאָס לאַנד וואָס האָט אים און זיין ווייב געבוירן, און די פיינע עלעגאַנץ פון מאָלן, וואָס ער האָט אַזוי גוט געלערנט ביי די פראַנצויזן, און האָט דאָ אַזוי אויפגעשטעלט אַ ליד אין פאַרבן פאַר זיין נישט לאַנג, יונג־פאַרשטאָרבענער פרוי, פאַר זיין געטרייען פריינט, פאַר זיין ווייב, פאַר זיין כלה. מען קען אפשר אַ ביסל אויסזעצן קעגן דעם וואָס דאָס בילד איז אפשר צונויפגעשטעלט פון פאַרשיידענע שטיקער, אָבער אומענדלעכע געטריישאַפט און ליבע קאָאָרדינירט, אָרקעסטרירט און מאַכט די טיילן זינגען איין גרויס געזאַנג.

אויף אַן אַנדער בילד לויפט ביי שאַגאַלן לעבעדיק אַ פערד און אַ שליטן, אָבער איר קוקט זיך צו — דאָס איז אַ פערד, ווען קערפּער איז דאָ שליטן...

אָדער אַ שליטן וואָס איז באַשאַפן געוואָרן מיט דעם קאָפּ פון אַ לעבעדיקן פערד. דער שליטן לעבט אין זיין געלויף ווי עס לויפט און לעבט זיין לויפנדיקער פערדישער קאָפּ.

שאַגאַל האָט אויך געמאָלן היפּשע עטלעכע בילדער פון הינער, פּאַר און נאָכן לייגן פון אַן איי. הינער און אייער זענען ביי אים, ווי שוין געזאָגט, אויך ייִדישע אַטריבוטן — טיילן פון דער ייִדישער לאַנדשאַפט. אַן איי איז פאַר אים, ווייזט אויס, אויך די קאָמפּאַקטע געטלעכע שאַפונגס-סובסטאַנץ. די מיסטעריע פון לעבן, און די הון — ווי געזאָגט — די מוטער פון דער מיסטעריע. ער ווייזט דאָ אַרויס אַזוי פיל געזונטע איבערוועלטנדיקע ליבע און איך וואָלט געזאָגט — אומבאַגרענעצטע, ערדישע וויזיאָנערישקייט און טאָקע גאָר גרויסע מאָלערישע שעפערישקייט.

ווען ער מאָלט אַ קוואָקעדיקע הון דערלויבט ער זיך שוין אויך אויפמאָלן אויף איר, נאָענט צו איר עק, דאָס איי אירס, כאָטש זי האָט דאָס מן־הסתם נאָרוואָס געלייגט, פילט זי דאָס נאָך מיט פרייד און מיט גרויס וואַרעמקייט ערגעץ אין זיך און אַרום זיך. ער מאָלט אויך מיט גרויס ליבע אויף אַן איי אויפן לייוונט פאַר איר, און אַ האַלבע לבנה איבער איר און אויך אַ פידל מיט אַ סמיק, און אין די פעדערן פון איר אויפגעשטעלטן עק מאָלט ער אויף פאַר־ליבטע מענטשלעכע פּאָרלעך. איבער דער קוואָקענדיקער הונס גרויסן עקסטאַז (און אפשר טאָקע איבער דעם קינסטלערס עקסטאַז) האָט זיך פאַר דער הונס אויגן איבערגעקערט אַ בוים מיטן קאָפּ אַראָפּ און דער גאַנצער הימל איז פאַר איר געוואָרן — אַ גרויסע קו מיט פולע אייטערס, און אָט־די קו האָט גראָד נישט קיין קאָפּ פון אַ קו, נאָר צוויי פאַרליבטע מענטשלעכע קעפּ פון אַ פּויער מיט אַ פּויערטע. און דער פּויערשער קאָפּ טראָגט אויך אַן איי אויף זיין באַק, און איבער דעם באַפעדערטן קערפּער פון דער הון אַליין וואַקסט אויך אַ בוים. — דאָס גאַנצע וועלט־באַשאַף וואַקסט, בליט און זינגט באַפרוכפּערונג, ביי שאַ־גאַלן, אין איינעם מיט דער קוואָקנדיקער הון.

**
*

שאַגאַל האָט די לעצטע פאַר יאָר זיך אויך גענומען מאָלן געקרייציקטע ייִדן. ייִדן געוויקלט אין טליתים, געוויקלט אין פייער־פלאַמען, געמאַטערט און פאַרפייניקט אויפן צלם. דאָס זענען אָבער מייסטנס געווען פאַסטער־אַרטיקע (אַפּישן־מעסיקע) געמעלן און האָבן אין זיך נישט געטראָגן קיין וויכטיקע מאָ־לערישע שעפערישקייט. אויף דער לעצטער אויסשטעלונג אָבער האָט ער געהאַט אַ קליין בילדל פון אַ ייִדן אויפן קרייץ און אַ תורה אין איר מענטעלע ביי דער זייט פון קרייץ. עס קען הייסן — זעט, דער ייִד פון דער תורה, און נישט דער ייִד פון נייעם טעסטאַמענט, איז דער אמתער געקרייציקטער פאַר די זינד פון דער וועלט. אָט דאָס נייע יעזוס־בילדל איז גראָד געמאָלן שטיל, באַשיידן און

מאלעריש עכט. און איך וויל דאָ נאָך אַמאָל באַטאָנען — אין מאַלעריי איז נישט דער סימבאָל, נישט די „ליטעראַטור", נאָר די מאַלערישע קוואַליטעט איז דער עיקר.

אַ וואָרט ווילט זיך דאָ זאָגן:

אויב אַ ייִד זאָל אַריינגעמען אין זיין הויז אַ יעזוס־בילדל, געמאָלן פון אַ ייִדן, אפילו ווען דאָס זאָל זיין אַזוי גוט געמאָלן ווי דאָס דערמאָנטע בילדל, נעמט ער אַריין אַ קללה אין זיין הויז, אַ קללה אויף דעם ייִדישן קאָפּ.

און צו די ייִדן וואָס שפּילן זיך לעצטנס מיט דער יעזוס־געשטאַלט (שלום אַש און פראַנץ ווערפעל אַרייַנגערעכנט), ווילט זיך דאָ זאָגן נאָך אַ וואָרט: איר גנבעט זיך אַריין אין אַ סימבאָל וואָס איז נישט אייערער, און איר, די אַריינ־געגנבעטע, ווערט באַגנבעט. איר שפּילט זיך דאָ מיט פאַרלענדיק פייער, איר שפּילט זיך דאָ מיט אונדזער בלוט, איר שפּילט זיך דאָ מיט דעם גאַנצן האָב־און־גוטס, מיט דעם גאַנצן דורות־לאַנג, מיט מסירת־נפש געטראָגן און אָפּגעהיטן ייִדישן פאַרמעגן.

(„געצעלטן", 1945).

אברהם וואָלקאָוויץ

(צו זיין 70־יאָריקן יובל)

און פאַר די וואָס טוען שווייגנדיקערהייט, פאַר די וואָס רעדן ניט מיט ווערטער — ווער וועט רעדן, גאָט? גאָט וועט רעדן פאַר די שווייגנדיקע.

שטיל, שווייגנדיק איז וואָלקאָוויץ. אַפילו ווען ער רעדט, זענען דאָס רייד פון איינעם וואָס קען נישט רעדן. דאָס זענען רייד פון אַ מענטשן, אַן אַרויסגעריסענעם פון אַ וועלט וואָס פאַרמאָגט גאַנץ אַנדערע אויסדרוק־מיטלען און אַ פּלוצים אַריינגעוואָרפענעם אין אַ פרעמדער, אין אַ ווערטערדיקער וועלט. זיינע געדאַנקען און געפילן לייגן זיך דערפאַר אַזוי אָרעם אויס מיט די מיטלען וואָס די ווערטער־וועלט באַנוצט. וואָלקאָוויצעס אויסדרוק־מיטל איז די צאַרטע שוועבנדיקע און סענסיטיווע ליניע. דאָס איז זיין דעליקאַטער אינסטרומענט אויף וועלכן ער קען אַזוי באַרעדעוודיק שפּילן און זינגען אַפילו, זינגען וועגן פרייד, וועגן טרויער, זינגען וועגן דעם פרויען־קערפּער וואָס קען מיט אומצייליקע כּישופדיקע בייגונגען אַזוי עלאַסטיש שיין און דערהויבן טאַנצן. מיט דעם פּענדזל אין זיין האַנט קען ער געטריי און וואָגיק רעדן וועגן אַרבעטער און וועגן ראַפּינירטן און פּשוטן מענטשן, קען דערציילן וועגן מענטשלעכער היימישקייט, וועגן זייער משפּחהדיקייט אין פּאַרק, אין שטוב, אין טעאַטער און אין גאַס, און דערביי רעדט פון אים אַרויס זיין אייגן גרויס גלויבן און ליבע צו אָט־דער נישט־ווערטערדיקער שפּראַך זיינער. — נעמט, למשל, זיין בילד „אַ רו־טאָג" (וואָס איז נאָרוואָס אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פאַרבן פון קונסט־צענטער ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס). וויפל פלאַטערדיקע, זינגענדיקע ליבע צו מענטשן, צו פאַרב, צו פאָרמען, צו אַלט און צו יונג, צו די מידע אין רו־דרימלענדיקע און צו די לעבהאַפטיקע און יום־טובדיקע שפּרינגענדיקע. דאָ און דאָרט ליגט רויק אַ מענטש ווי אַן אַרויסגעהויבענער וואָרצל פון דער ערד, אָדער גאָר ווי אַן אַריינגעגראָבענער פעלדז, און איבער דעם גאַנצן לייוונט — מענטשן, גרופּן, גרופּנוויז, ווי אָטעמדיקע בלומען, און איבער אַלץ — יידישע משפּחהדיקע געטריי־

שאַפט אָן אַ שיעור. גרויסע מענטשלעכע ליבע בינדט און פלעכט דאָ אויס אַ פּאַנאָראַמע פון גראָז, מענטשן,ביימער, הימל, וואַסער, קינדער אויף די הענט, קינדער אין די וויגן, טאַטעס, מאַמעס און פאַרליבטע פּאָרלעך, באַוועגונג, טאַנץ און אויסגעבענקטע ליבע, רו, שבת. רו און פרייד פון מענטשלעכע פאָרמען און פאַרב.

דאָס פיל־באַפעלקערטע בילד וואָלט אפשר פאַנאַנדערגעפאַלן אין שטיקער, האָט אָבער וואָלקאָוויץ אינמיטן פון דער זינגענדיקער פיל־פאַרביקייט אויפגעשטעלט אויף איין זייט טייכל, אינמיטן בילד, אַ פיגור מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט, קלעטערנדיק אויף שטיין, גרייט אַריבערצושפּרינגען צו אַ צווייטער פיגור אויף דער צווייטער זייט פון דעם טייכל, די אַנדערע פיגור דאָרט הייבט אַן אויסגעשטרעקטע האַנט אַנטקעגן. אָט די גליקלעכע מאַגישע באַוועגונג פון דעם שפּרונג און פון די אויפגעהייבענע הענט פאַרבינדט די ביידע העלפטן פון דעם פיל־באַפעלקערטן בילד. אַ רויטער לופט־באַלאָן אויף אַ שטריקל, אין דער האַנט פון אַ קינד הייבט זיך איבער דעם טייכל און נעמט דערביי גליקלעך צונויף די פאַרשידנפאָרמיק־פאַנאַנדערגעוואָרפענע רויטקייט איבער דעם בילד און העלפט אויך אַרויסברענגען און באַטאָנען דאָס ליב־שפּילנדיקע בלוי, דאָס פרישע גרין, דאָס ווייכע צערטלעכע געל און די מאַסיווע שטיקער ברוין. אַלץ אויף דעם בילד איז אַזוי מענטשלעך קינסטלעריש און ייִדיש־משפּחהדיק גוט, אַז עס ברענגט אי רו אי קינסטלעריש־טאַנצנדיקע פרייד. — אָט אַזוי ברענגט וואָלקאָוויץ ייִדישע באַרירונג צו דעם מענטשלעכן עלעמענט פון פּלאַסטישער קונסט. און געאַנדערשט ווערט דורך דעם די קונסט, און דאָס מענטשלעכע קונסט־באַוווסטזיין. וואָלט ער נאָר אָט־דאָס באַוווסטזיין געוועזן פעיִק, כאָטש אויף אַ קליינעם פּראָצענט, אויסדריקן אין וואָרט.

אין 1905 איז וואָלקאָוויץ מיט זיין דעמאָלט נאָך נישט פּערפעקטער אָנווערטערדיקע שפּראַך אַוועק קיין פּאַריז. געלעבט דאָרט צווישן מענטשן וואָס לעבן, שטראַלן און געבן איבער גאָטס גאָב מיט אָט־דעם נישט ווערטערדיקן לשון. ער האָט זיך דאָרט פאַרזיכערט און פאַרפעסטיקט אין זיך. אַ געשטאַרקטער איז ער אין 1908 געקומען צוריק קיין אַמעריקע און איז דאָ געוואָרן איינער פון די ערשטע בויער און אָנזאָגער פון נייע געוואַגטע און דערפרישנדיקע קונסט־פאָרמען און קונסט־באַגריפן. זיין ערשטע אויסשטעלונג אין דעם „בייסמענט״ פון דזשוליוס האַאַס גאַלעריע (אין 1908), האָט אַרויסגערופן געלעכטער און כעס. אַלפרעד סטיגליץ, דער גוטער אומרוִקער יונגער סטיגליץ, וואָס האָט אויך פאַרבראַכט אין אייראָפּע אַ צייט און איז געקומען צוריק אַ זוכנדיקער, מיטברענגענדיק מיט זיך דאָרשט נאָך נייעם קינסטלערישן אויסדרוק פאַר זיך און פאַר זיין לאַנד, איז אָבער אַליין נישט געווען אַ ריין אוממיטלבאַרער פּלאַסטישער קינסטלער. ער האָט געפּרוווט שטילן זיין דורשט דורך שפּילן אויף דער פּיאַנאָ, נאָכדעם — דורך כאַפּן מיט אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט אַ וואָלקן אין הימל; אַ

פערד־און־וואָגן אין אויפגעשלאָגענעם שניי, וואָס הייבט זיך ווי אַ דאַמף איבער זיי; אַ בוים אין שטאָט און אין פעלד; אַ מענטשלעכע האַנט אויף אַ שטאָטישער וואַנט; אַ האַנט אויף דער טיר פון אַ פּויעריש הייזל. כאַפּן פלעגט סטיגליץ די זאַכן אויף וועלכע ער האָט אַנגעשטעלט זיין קאַמערא פּונקט דעמאָלט ווען זיי האָבן געטראָגן אויף זיך אַנטפּלעקערישע קוואַליטעטן. דער זוכנדיקער סטיגליץ האָט אָבער אינגיכן פאַר זיך אַנטדעקט אַ נייעם געביט מיט וועלכן צו שטילן זיין קינסטלערישן דאָרשט, — דעם געביט פון גאַנצע, לעבעדיקע, שאַפנדיקע מענטשן וואָס טראָגן אין זיך אַן אוממיטלבאַרן נייעם קינסטלערישן וועלט־באַנעם פאַר אַמעריקע.

דער שטומער און אויסגעלאַכטער וואָלקאָוויץ איז געווען איינער פון סטיג־ליצעס ערשטע אַנטדעקונגען. סטיגליץ האָט געהאַט גאָר אַ סך בליציקע, מענטש־לעכע ווערטער. וואָלקאָוויץ האָט געדאַרפט סטיגליצן, ווי אַ פלאַנץ דאַרף ערד, און סטיגליץ האָט אים געדאַרפט.

סטיגליץ האָט גענומען פּראָטעזשירן וואָלקאָוויצן. זיין געטריישאַפט צו אים איז געווען גרויס. ער האָט וואָלקאָוויצן אַריינגענומען צו זיך, אים געגעבן אַ ווינ־קל אין זיין סטודיאָ, גענומען אויסשטעלן וואָלקאָוויצעס אַרבעטן אינאיינעם מיט די אַרבעטן פון די וועלט־אַנערקענטע אייראָפּעישע קינסטלער. אַמעריקע האָט דעמאָלט פון זיי אַלעמען נישט געוואָלט וויסן, אָבער אינאיינעם איז פאַרט געווען גרינגער, אַפילו דאָס אויסלאַכן. וואָלקאָוויץ האָט געהאָלפן סטיגליצן צו־ציען אַנדערע יונגע אַמעריקאַנער קינסטלער, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו סטיגליצעס רייד. וואָלקאָוויץ האָט געטון אַלערליי שטומע אַרבעטן פאַר סטיג־ליצן, אַפילו מיט פלאַנירן און העלפן ביים אַרויסהענגען די בילדער פאַר יעדער נייער אויסשטעלונג, ביים צוקלייבן און באַשטעלן די ראַמען, סטיגליץ האָט צו־ריקגעצאָלט מיט געטריישאַפט, מיט גלויבן און מיט פּראָפעטישע רייד. סטיגליץ האָט געזאָגט און וואָלקאָוויץ האָט געגלייבט, אַז אַלץ וואָס ער, וואָלקאָוויץ, מאָלט אָדער צייכנט איז פון גאָר גרויסן ווערט און אַז כדי אויסלערנען דעם עולם דאָס צו פאַרשטיין, דאַרף וואָלקאָוויץ שטעלן גאָר הויכע פרייזן אויף יעדער זאַך זיינער, און אַז דאָס וועט העלפן שאַפן גרויס אַנזען פאַר אים און פאַר זיין אַרבעט, וועט קויפער און זאַמלער זיך אויסלערנען צו פאַרשטיין דעם אמתן ווערט פון זיין קונסט. סטיגליץ אַליין פלעגט טאַקע פון צייט צו צייט אויך קויפן ביי וואָל־קאָוויצן אַ זאַך פאַר אַ הויכן פּרייז. סטיגליץ האָט אַזוי געטון אויך מיט אַנדערע פון זיינע קינסטלער, אָבער די אַנדערע קינסטלער האָבן ווי אַ צוגאָב צו זייער קונסט אויך געקענט נוצן פאַר זיך אַליין די קונסטן פון גערעדטן וואָרט. זיי האָבן דערפאַר גיכער פאַרקערט מיט מענטשן און ווייניקער אַפּגעהיט דאָס סטיגליץ־געבאָט פון שטעלן מוראדיקע הויכע פרייזן אויף זייערע בילדער. וואָלקאָוויץ, אָבער, ביי וועמען יעדע געצייכנטע און געמאָלענע זאַך זיינע איז ממש געווען אַ לעבעדיק שטיק פון זיין איין־און־איינציקער צונג, האָט גענומען גאָר שטאַרק

אָפּהיטן זיין יעדע שאָפונג. די ווילד־הויכע פּרייזן זענען געוואָרן זיין געזעץ און זיין שומר. ער האָט באַהאַלטן זיינע שאַפונגען פאַר זיך. ער איז מיט דער צייט געוואָרן ווי דער לעגענדאַרער קמצן, וואָס האָט געהיט זיינע גאָלדענע רענדלעך. עס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען סטיגליץ האָט זיך איינמאָל גענומען די פרייהייט און האָט פאַרקויפט וואַלקאָוויצעס אַ צייכענונג צו אַ נישט־רייכן קונסט־ליבהאָבער פאַר בלויז 75 דאָלאַר אָנשטאָט דעם פּרייז פון 400 דאָלאַר, וואָס וואַלקאָוויץ האָט, מיט סטיגליצעס צושטימונג, אויף דעם געשטעלט, איז וואַלקאָוויץ געוואָרן אויסער זיך פון כעס. ער האָט סטיגליצן צוריקגעוואָרפן דעם טשעק און דורכויס געפאָדערט צוריק זיין צייכענונג. עס האָט נישט געהאָלפן דאָס וואָס סטיגליץ איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז ער קען דאָס יענעם נישט טון, וואָרעם יענער האָט שטאַרק ליב די זאַך און מען טאָר די זאַך ביי אים נישט צוריק־נעמען. עס האָט דאָ אויסגעבראָכן די ערשטע ערנסטע קריג צווישן דעם רייך־ווערטערדיקן סטיגליץ און דעם אָרעם־ווערטערדיקן וואַלקאָוויצן. שאַרף און ווייטיקדיק איז געווען דער ביזער קלאַפּ מיט דער טיר ביי וואַלקאָוויצעס דע־מאָלטיקן אַרויסגיין פון סטיגליצן.

דער אמת איז, אַז וואַלקאָוויצן האָט נישט געצויגן צום געלט פון געהעכערטן פּרייז. אים האָט אַפילו נישט געלאָקט צו דעם געשטייגערטן דרך־ארץ וואָס די געהעכערטע פּרייזן וואָלטן, לויט דעם סטיגליץ־צוגאַנג געדאַרפט אַרויסרופן. וואַל־קאָוויץ איז דאָ פשוט געבראַכט געוואָרן צו אַ פּונקט פון נישט קענען זיך שיידן מיט די שאַפונגען פון זיינע הענט. (אַ סך קינסטלער ליידן פון דעם, נאָר מען גיט זיי נישט געניג צייט איינצוואָרצלען אַט דעם געפיל אין זיך).

וואַלקאָוויץ שטייט דאָ אויף ווי אַ דראַמאַטישער קינסטלער־סימבאָל. אַפילו מיר, וואָס רעדן, זענען ערגעץ אין גאַנצן, אין גרויסן גענומען, אַ מין וואַלקאָוויץ־שטים. וואָס זענען מיר אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס מיר אַנען, דרימלען און טראָגן באַהאַלטן אין אונדזער בלוט? באַשיידנקייט, מורא און געטריישאַפט צו ריינקייט, שטייען אָפּט אין וועג. די וועלטן וואָס ליגן אין אונדזער בלוט און אין אונדזערע ביינער זענען אַזויפיל גרעסער און רייכער פון אונדזערע רייד, אַז ווי הילפלאָזע וואַלקאָוויצעס זענען מיר קעגן זיי. אפשר נאָך הילפלאָזער. ווייל די אוממיטלבאַרע סענסיטיווע צייכנס וואָס אַ וואַלקאָוויץ מאַכט מיט דער האַנט אויפן לייוונט צי אויף פּאַפּיר זענען פאַרט ערלעכער, זיכערער און אמתער פון אונדזערע בעסטע רייד.

וואָלט וואַלקאָוויץ אין יענע ערשטע סימבאָלישע יאָרן וואָס זענען אויך געווען די פּיאָנער־יאָרן פון מאָדערנעם קונסט־באַנעם אין אַמעריקע, וואָלט ער דעמאָלט נישט געווען זיך אַזוי עקשנותדיק אָנגעכאַפּט אין דער סטיגליץ־דאָקטרין פון הויכע פּרייזן, וואָלטן זיינע שאַפונגען געווען פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן אַ גאַר גרויסער צאָל קונסט־ליבהאָבער. זיינע קונסט־שטרעבונגען און דערגריי־כונגען וואָלטן געוואָרן אַ טייל פון זייערע דערפאַרונגען. ער וואָלט געווען דער

פון וועמען זיי וואָלטן געלערנט, אַז אַ טאַנצנדיקע פיגור, למשל, אַ פיגור אין באַוועגונג, קומט אַרויס אמתער ווען מען מיידט אויס איינצלהייטן, אַז קלאָר־געצייכנטע אויגן, אָדער ליפּן שטעלן אָפּ דעם שווונג, דעם ריטם און באַוועגונג. אָן די אויגן קומט די טאַנצנדיקע פיגור אַרויס גאַנצער, איבערצייגנדיקער. ער וואָלט געווען פון די ערשטע פון וועמען זיי וואָלטן מיט דער צייט זיך אויסגע־לערנט צו פאַרשטיין אַז אַבסטראַקטע צייכענונגען זענען נישט בלויז זינלאָזער שפּיל פון צייכנס, נאָר אַז זיי רעדן פון פּעיִק־אויפגעבויטע און קינסטלעריש־באַהערשטע ריטמען, פון מיסטיציזם, פון דעם מענטשלעכן שאַפנדיקן דראַנג צו פאַנאַנדערטיילן לײדיקן רוים און אים צוגעבן לעבן. צו געבן זינען צו דער פּוסטקייט אַרום אונדז. אינאיינעם מיט דעם וואָלטן זיי זיך ממילא אויסגעלערנט אויפצונעמען אַ טייל פון דער ליבער און צאַרטער אָפּגעהיטער מענטשלעכער ריינקייט וואָס וואָלקאָוויץ האָט אַריינגעלייגט אין זיינע פּילצאָליקע איילפאַרב און וואַסערפאַרב בילדער, ראַדירונגען, מאָנאָ־טייפּס און צייכענונגען נישט צום איבערדערציילן.

אַמעריקע האָט אין דער מאָלעריי ליב דינקייט. אין דעם זינען איז וואָל־קאָוויץ מער אַמעריקאַנער פון אַ סך אַנגענעמענע אַמעריקאַנער מאָלער. ער האָט מיט זיין קומען אַ סך אויפגעטון פאַר אַמעריקאַנער מאָלעריי. אָבער שווער ווי זיין וועג איז געווען און איז פאַר אים, האָט ער אים נאָך שווערער געמאַכט דורך זיין גאַנצער געטריישאַפט צו זיך, דורך זיין אַריינטראָגן אין זיין קונסט דאָס וואָס אַ מענטש מיט אַ יִידישער פּסיכיק דאַרף און מוז טון. — נאָך פון די טעג פון באַרג סיני האָט דער יִיד אויסגעשפּראָכן מאַניפעסטירט זיין אייגנאַרטיקע פּסי־כיק. דער יִיד גיט שטענדיק עפּעס צו אַן עקזיסטירנדיקער עמאָציע. און אָט דער צוגאָב ענדערט מיט דער צייט דעם מענטשלעכן באַנעם, די מענטשלעכע פּסיכיק. אַזוי איז דאָס געווען מיט רעליגיע אין די טעג פון אַמאָל און אַזוי אויך אַ סך אַנדערע געביטן. לאָמיר נעמען דאָ דעם וואָלקאָוויץ פאַל. איך האָב מיט אַ כּיוון אויסגעמיטן זיינע עקזאַלטירטע צייכענונגען פון יִידן מיט בערד, יִידן מיט תּורות, ווי מען קען זיי זען אויך זיין איצטיקער אויסשטעלונג, אין יִידישן מוזיי, און אין זיינע „געטאָ־מאָטיוון", נישט זיי וויל איך ברענגען ווי אַ באַווייז פון זיין יִידישקייט. איך האָב דאָ יאָ דערמאָנט דעם ספּעציפיש־יִידישן משפּחה־עלעמענט וואָס ער ברענגט אַריין אין זיינע בילדער. מיט אַ אור־ריינקייט קומט ביי אים אָט דער יִידישער משפּחה־סענטימענט אַרויס. נעמט אפילו זיין ערשט בילד, אין דעם בוך „הונדערט צייכענונגען", אַרויסגעגעבן פון היבש אין 1925, „דער קוש" — אַ מאַן און אַ פרוי שטייען פאַר אייך אַנטבלויזט. אַלץ איז דאָ אַזוי פּרימיטיוו־ריין און ערדיש דורכגעפילט. איר זעט פאַר זיך אין דעם קוש געזונטן ערדישן אור־דראַנג פון געשלעכט צו געשלעכט. עס איז אָבער פאַרט נישט גויִש, נישט העלניש. ערדיש, אמתע ערדיש, אָבער פאַרט נישט ערדיש. עס איז דערביי פאַראַן יִידישע משפּחה־קרובהשאַפט. עס הויערט איבער דעם פאָרל

דאָס אייביק ליכטיקע ציטערדיקע „הרי את מקודשת לי" געפּיל. דער העלענישער קונסט־און געשלעכט־עלעמענט ווערט דורך אַט־דעם צוגאָב אַ גאַנץ אַנדער עלעמענט, פּונקט ווי דעם מענטשנס רעליגיעזער עלעמנט איז פון די טעג פון באַרג סיני געוואָרן כמעט אַן אַנדער עלעמענט. אַט דעם צוגאָב־עלעמענט, די אַנדערשדיקע מענטשלעכע גייסטיקייט, קומט די אַמעריקאַנער אויס אַ היפּש ביסל שווער אויפצונעמען ביי וואָלקאָוויצן און ביי אַ געוויסער צאָל אַנדערע וויכטיקע ייִדישע קינסטלער.

וואָלקאָוויץ האָט ווי אין אַ טראַנס, אין אַ יאָרן־לאַנגן טראַנס, געשאַפן טויזנטער סקיצן און בילדער. זיינע קאַסטנס, פּאָרטאַפּאָליעס און פּאַליצעס זענען אַלץ געוואָרן געפּאַקטער און שווערער ביז די צייט איז געקומען און די איינגעפּאַקטע בילדער האָבן גענומען רעדן און מאָנען...

פאַרוואָס האָבן די בילדער פון אַנדערע קינסטלער פאַר זיך איינגעהאַנדלט לויב און רוים? און ער האָט זיך געכאַפּט אַז זיינע קאַמערן פּלאַצן פון איבערגעפּאַקטקייט, עפּעס האָט ער דאָ פאַרשפּילט, ער שווימט איבער אַ צו־ווייטן ים. עפּעס דאַרף מען דאָ ראַטעווען און ער האָט פּלוצים צו אַלעמענס שטוינען גענומען פריי טיילן זיינע אוצרות צו מענטשן, צו מוזייען, צו זאַמלער. — אַ מתנה, אַ גרויסע, פון זיינער אַ קאָלעקציע צום נואַרקער מוזיי, אַ וווּנדערלעכע קאָלעקציע צום ברוקלינער מוזיי, צו דער ניו־יאָרקער פּאָבליק לייברערי און גלאַט גענומען טיילן מתנות צו גוטע און פרומע לייט וואָס זענען אים געקומען אין וועג. אָפּט פאַלן זיינע זאַכן אַריין צו מענטשן וואָס ווייסן נישט אַז דאָס האָט אַ גרויסער עושר, אַ באַשיידענער און לאַנגיאַריקער קמצן פּלוצים באַשלאָסן צו ווערן אַ פּזרן און אַז דערפאַר איז אַ גאָלדן רענדל אויך אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט. אַט די פּלוצימדיקע פרייגעביקייט וועט, ווען די צייט וועט קומען, שאַפן גאַר גרויסע שוועריקייטן פאַר די וואָס וועלן זיך נעמען צונויפזאַמלען וואָלקאָוויצעס פאַנאַנדערגעוואָרפענע אוצרות.

דער שטענדיק־יונגער וואָלקאָוויץ מיט זיין רונדן ליכטיק־הויטיקן פּנים מיט די גוטע גרויע אויגן איז שוין 70 יאָר. די דינע ווייכע האָר פון זיין קאָפּ זענען גרוי. ער האָט געוווּסט פון שווערער מי, פון עקשנות און פון דורכפאַל, אָבער זיין קערפּער האָט נאָך אַלץ אָפּגעהיט די עלאַסטישקייטן פון אַ געבוירענעם קעמפער. זיינע ליפּן פאַרמאָגן נאָך אַלץ דעם ליבן מענטשלעכן שמייכל, די אויגן שטראַלן נאָך אַלץ מיט אַ דורכדרינגענדיקן בליק פון פרייד. איז דען דאָס נישט אַלץ אַזוי שיין און מענטשלעך איינגעקריצט אין זיינע בילדער און בילדער אָן אַ שיעור? איז וואָס אויב ער האָט עפּעס אין פּראַקטישן לעבן נישט דערגרייכט? און וואָס אַז ער האָט זיך צעקריגט מיט סטיגליצן און סטיגליץ האָט נאָכדעם גערעדט און גערעדט וועגן אַנדערע?

איך האָב שוין געזאָגט און זאָג נאָכאַמאָל: וואָלקאָוויץ איז דער סימבאָל פון אַ קינסטלער. זיין ליבע צו שעפערישקייט, זיין גאַנצע איבערגעגעבנקייט צו

דוד איגנאַטאָוו

קונסט איז אויסגעדריקט נישט נאָר אין זיינע ווערק נאָר אויך אין זיין גרייטקייט צו געבן זיך אין גאַנצן צו יעדער וויכטיקער קאָלעקטיווער קונסט־אונטערנע־מונג דאָ אין לאַנד, „די אַרמאַרי אויסשטעלונג", די „אינדעפּענדעטס", דעם קונסט־צענטער ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס. איר קענט טרעפן וואָלקאָוויצן ביי יעדער נייער קונסט־אויסשטעלונג. ער לעבט כמעט אין און אַרום די גאַלעריס פון 57סטער גאַס. ער האָט אַ גוט וואָרט פאַר יעדן שאַפנדיקן קינסטלער. אָבער נאָך ביז היינטיקן טאָג ווען וואָלקאָוויץ רעדט, קומען ביי אים די ווערטער אַרויס ווי ביי איינעם וועמעס שפּראַך איז נישט דאָס גערעדטע וואָרט.

ווער וועט רעדן פאַר וואָלקאָוויצן? פאַר די באַשיידענע, פאַר די נישט־רעדנ־דיקע נשמות, ווער וועט רעדן?

ווער וועט ברענגען זייער שיף צו אַ זיכערן ברעג?

(„צוקונפט", דעצעמבער 1949)

רעליגיעזע מאטיוון

וואָס איז רעליגיע?

(צו דער דעבאַטע וועגן גאָט אויף אונדזער יידישער גאַס)

אין אויב דו זעסט — מען האָט דיך נישט דערהערט, פּרוּוו, זאָג
דאָס איבער פונדאָסניי — אפשר וועסטו דעמאָלט רעדן קלאָרער,
אפשר וועט מען דיך דערהערן.

1.

— וואָס איז אַזוינס רעליגיע? — האָב איך געפרעגט — און איך האָב געענטפערט:

— רעליגיע איז די העכסטע פאָרעם פון מענטשלעכן באַוווסטזיין.

— איז פון דעם געדרונגען אַז רעליגיע און ראַציאָ זענען איינס?

— ניין.

—רעליגיע איז מענטשלעכע אַנטפּלעקונג, מענטשלעכער תיקון. איר קענט ראַציאָנאַליזירן מענטשלעכן נס נאָכדעם ווי איר דערזעט אים ווי אַ געשעענעם פאַקט, איר וועט אָבער אַרויסנעמען די סאַמע נשמה פון מענטשלעכער אַנטפּלע־קונג ווען איר וועט די אַנטפּלעקונג — דעם נס אויפבויען דורך ראַציאָ. אַפילו אַ בליץ וואָס ווערט דערגרייכט דורך לאַבאָראַטאָריעס, דורך אַפּאַראַטן איינגאַנצן געבויט אויף ראַציאָ, איז בלויז אַ נאָכגעמאַכטער בליץ. עפּעס דערגרייכט אויך אַזאַ בליץ, אָבער עס איז פאַרט אַ ראַציאָנאַליזירטער בליץ.

ערגעץ דערציייל איך (זע „יידישע שריפטן״, באַנד 5) וועגן אַ געבעטהויז, וואָס האָט אויף זיך אַ סך דעכער און אַ סך אויסגעהאַקטע פיגורן. אויף אַן אָפּדאַך, הויך איבער די אַלע פיגורן און די אַלע דעכער און דעכלעך פון דער געביידע שטייט אַן אויסגעהאַקטע פיגור פון זייער הייליקסטן, האַלטנדיק פאַראויס דעם ציייגפינגער פון זיין אויסגעשטרעקטער האַנט. גיט אָט דער פינגער צו לעבעדיקע וויבראַציע צו די אַלע פיגורן, צו די אַלע דעכער און דעכלעך פון דער געביידע. עס זעט אויס, אַז נישט דער פונדאַמענט אונטן, נאָר דער ציייגפינגער דאָרט אויבן, האַלט דאָס אויף די גאַנצע קאָנסטרוקציע פון דעם גרויסן וווּנדערלעכן

בנין, אַט דער פינגער, זאָג איך דאָרט, איז גרויס־דערגרייכטע, מענטשלעכע מייסטערשאַפט.

— אויף וואָס פאַרט שטייט די געביידע?

— לויט ראַציאָ שטייט די געביידע אויף דעם פונדאַמענט וואָס אונטער איר, אָבער לויט דער פּנימדיקייט פון דעם בנין, איז דאָס דער פינגער וואָס האַלט אויף די געביידע.

— איז אַט דער פינגער ראַציאָ?

— ניין. — דער פינגער איז דאָ מענטשלעכער נס, וואָס מאַניפעסטירט דורך העכערע אַנטפּלעקערישע פאָרמען, אַ טיפערן אינעווייניקסטן באַנעם. ראַציאָ לויפט דאָ נאָך דעם נס. זי פּרוווט אים דערקלערן נאָכדעם ווי ער איז שוין אַ געשעענער פאַקט. נישט ראַציאָ, נאָר נס איז אַט־דער פינגער און ער דערהייבט אויך נישט נאָר דעם מענטשן וואָס קומט אויף אים, נישט נאָר די געביידע; ער דערהייבט אויך דעם פונדאַמענט פון דער געביידע און טוט דאָס אויף מער ווי איין אופן. דער פינגער דאָ דער תיקון פון דעם פונדאַמענט און פון אַלץ וואָס אויף אים.

און דאָס וואָס איך זאָג וועגן גרויס דערגרייכטער מענטשלעכער מייסטערשאַפט, זאָג איך מיט געהעריקער פאַרגרעסערונג וועגן רעליגיע.

2.

— וואָס איז רעליגיע?

— דאָס איז די העכסטע פאָרעם פון מענטשלעכן באַוווסטזיין.

— ווי אַזוי, קומט דער מענטש צו אַט דער העכסטער פאָרעם פון באַוווסטזיין? קומט ער דען נישט צו דעם דורך ראַציאָ?

דער ענין ווערט דאָ אַ ביסל פאַרפּלאָנטערט.

— וואָס איז פאַרט ראַציאָ און וואָס איז העכסטער באַוווסטזיין?

ראַציאָ, בויט אויף דערפאַרונגען; צו דער העכסטער פאָרעם פון מענטשלעכן באַוווסטזיין קומט מען אָבער אָפּט דורך דראַנגען.

דראַנגען — דאָס זענען דערפאַרונגען וואָס דער מענטשלעכער שכל האָט נאָך נישט געהאַט צו באַנעמען.

אונדזערע שכל־מכשירים זענען נאָך נישט גענוג אַנטוויקלט. דער מענטשלעכער שכל איז בכלל אַ סך ייִנגער פון דעם מענטשנס קערפּער. דער קערפּער האָט פריִער פון שכל אָנגעזאַמלט אוצרות דערפאַרונג. עס האָבן זיך אין אים געזאַמלט קערנער פאַרן שכל. דער קערפּער איז אויך איצט נאָך אָנגעלאָדן מיט קערנער פאַר נאָך נישט־דערקלערטע ווייטערדיקע מענטשלעכע שכלס. ער טראָגט מיט זיך דראַנגען וואָס טרייבן אונדז צו נבואה.

.3

— וואָס איז נבואה?

— נבואה — דאָס איז דער כוח דורך וועלכן מיר שפּרינגען אָפּט אַריבער די באַגרענעצונגען פון אונדזער שכל; דאָס איז די אַנטפּלעקונג וואָס ברענגט אונדז צו דעם אמתן ליכט פון דער וועלט.

— וואָס איז דאָס אמתע ליכט פון דער וועלט?

— דאָס איז דער דראַנג און דער תיקון פון דער מעשה פון דער וועלט.

— וואָס איז די מעשה פון דער וועלט?

— דאָס איז וואָס האָט אונדז געבוירן, דאָס איז דאָס וואָס איז כולל אַלץ; — סיי דאָס וואָס מיר וויסן און אויך דאָס וואָס מיר ווייסן נאָך נישט. דאָס דאָזיין פון יעדן מענטשן, פון פעלקער, פון דורות איז איינגעוועבט אין דער מעשה פון דער וועלט. ווי אַ פאָדעם, ווי פעדים אין אַ טעפּיך וואָס האַלט זיך נאָך ערשט אין וועבן. וועבן מיר זיך אַריין אין דער מעשה פון דער וועלט און קיינעמס לעבן און קיינעמס גוטע אָדער שלעכטע טואונג ווערט נישט פאַרלאָרן. אויף אייביק בלייבן מיר איינגעוועבט אין דער מעשה פון דער וועלט.

מיר זיצן אַלע אויף דעם ברעג פון אומענדלעכקייט און דערציילן פאַר דער אייביקייט די מעשה פון דער וועלט וואָס האָט זיך נאָך אינגאַנצן נישט דערציילט.

די מעשה פון דער וועלט האַלט אונדז, טראָגט און דערהייבט אונדז צו דעם אמתן ליכט פון דער וועלט (זע: „דאָס פאַרבאָרגענע ליכט").

אויף שטענדיק און אינגאַנצן קען קיין מענטש זיך נישט באַהאַלטן פון דעם אמתן ליכט פון דער וועלט. נישטאָ וווהין צו אַנטלויפן פון דעם.

מיר ווערן געמשפּט, געשטראָפט און געבענטשט פון דער מעשה פון דער וועלט, פון דעם אמתן ליכט פון דער וועלט.

רעליגיע, גלויבן, גלייבונגען — דאָס איז דער מעשה־דראַנג אין אונדז. אָט־דער דראַנג ליגט אין דעם גאַנצן געוועב פון אונדזער זיין.

אונדזער שכל, וואָס איז, ווי שוין געזאָגט, אַ סך יינגער פון אונדזער קערפּער האָט אין זיינע פרי־יאָרן ניט געקענט דערזען און באַנעמען אָט־דעם אמת, אַזוי פשוט און אַזוי אמתדיק ווי ער איז. ער האָט נישט געקענט אָנרופן דעם ענין ביים נאָמען, ער האָט נישט געקענט זאָגן וועגן זיך: — איך בין אַ מעשה־שפּינענדיקע באַשעפעניש און מיין גאַנצער דאָ־זיין איז מעשהדיק. ער האָט נישט געקאָנט זאָגן: איך און אַלע מענטשן שאַפן פון אונדזער לעבן, פון אונדזערע האַנדלונגען מעשיות און אַז אָט דעם שאַפנדיקן מעשה־פּראָצעס און מעשה־באַגריף זענען מיר גאָר נישטאָ, ווייל מיר קענען נישט זיין אויסער אים, און אַז אָט דער מעשה־פּראָצעס שאַפט און באַפעסטיקט אונדזער רעליגיעזע סטרוקטור און ווי עס קען אַ פויגל ניט פליען אָן פליגלען און ווי עס קען אַ פיש ניט אָטעמען אָן

וואָסער אַזוי קען אַ מענטש נישט לעבן אָן מעשה, אָן רעליגיע. אָבער דער מענטש האָט דאָס נישט געקאָנט אַזוי דערזען און באַנעמען.

פּונקט ווי דער מענטש האָט אין זיינע גאָר פריִע יאָרן געגלייבט, נישט־וויסנדיק אַז ער גלייבט און אַז גלייבן מיינט רעליגיע, אַזוי האָט ער געוועבט זיינע מעשיות וועגן גייסטער, וועגן געטער און מעשיות וועגן גאָט, נישט־וויסנדיק, אַז דאָס זענען מעשיות, וואָס ער שאַפט, ווייל ער איז אַ מעשהדיקע באַשעפעניש און נאָך וויניקער האָט ער געוווסט, אַז געוויסע אָנגעזאַמלטע דערפאַרונגען פירן אַריין און האַלטן אויף אַ געוויסע סיסטעם אין אַט די מעשיות. דער מענטש האָט אין יענע יאָרן נישט געוווסט או נישט געקאָנט וויסן וועגן אַט דעם אמת. וואָרעם ווי שוין געזאָגט, — כאָטש אַט דער אמת איז ממש געווען אַ טייל פון דעם געוועב פון זיין קערפּער, איז נאָך אָבער ראַציאָ אַזוי גוט ווי נישט געבוירן געוואָרן. דעם מענטשנס שכל איז נאָך נישט רייף געווען דאָס אַזוי פּשוט צו דערזען און באַנעמען.

זענען דעם מענטשן געקומען צו־הילף נבואה־מאַניפעסטאַציעס — דער מענטש האָט דורך זיי געגומען גרייכן צו דעם וואָרצל, צו דעם האַרץ פון זיין וועלט, צו דעם אמתן ליכט פון דער וועלט.

און איצט אַז מיר האָבן דאָס שוין דערגרייכט פאַרוואָס זאָלן מיר דאָס מורא האָבן אָנצורופןביים נאָמען? פאַרוואָס זאָלן מיר נישט זאָגן אָפן: — נישט דער אָדער יענער גאָט־באַגריף איז דאָ דער עיקר, נאָר דער קוואַל פון מענטשלעכער מעשהדיקייט איז דאָ דער עיקר.

אין אונדזערע פריִע יאָרן, ווען דער הימל איז ווי אַ האַרטע פאַרשפּרייטונג אַזוי נאָענט, אַזוי נידעריק געהאנגען איבער אונדזערע קעפּ האָט דעם מענטשנס מעשהדיקייט אָוועקגעזעצט אין הימל זיינע געטער און שפּעטער זיין גאָט, זיין גן־עדן, זיין גהינום.

— האָבן מיר עפּעס פאַרלוירן פון דעם וואָס מיר זענען דערוואַקסענער און רייפער געוואָרן?

— ניין.

ראַציאָ האָט אונדז געעקנט דערוויזן, אַז ליידיק איז דער הימל. ראַציאָ קאָן אונדז אויסליידיקן פון געטער און פון גאָט, אָבער אויסליידיקן אונדז פון אונדזער מעשהדיקייט האָט ראַציאָ נישט געקענט און וועט קיינמאָל נישט קענען.

מיר האָבן צעבראָכן דעם הימל איבער זיך און האָבן אים איצט אויסגע־שפּרייט ווי אַ טעפּיך אונטער אונדזערע פיס און איצט שפּאַצירן מיר אַלע אין הימל. און ווי זאָגט דאָרט יפתח (זע: „פאַר אַ נייער וועלט"): „און באַגעגנט זיך אַ מענטש מיט אַ מענטשן, באַגעגנט זיך גאָט מיט גאָט".

פאַר יפתחס צייט, פאַר יפתחס דור איז דאָס געווען גרויס און דערהייבן. לעסטערונג אָבער איז דאָס וואָרט „גאָט" פאַר געוויסע מענטשן פון היינט. אָפּ־

באַרעריי און שפּאָט איז דאָס וואָרט גאָט אין זייער מויל. וואָרהאַפּטיק וועלן זיי זיין ווען זיי וועלן זאָגן: — און באַגעגנט זיך אַ מענטש מיט אַ מענטשן, באַגעגנט זיך די מעשה פון דער וועלט מיט דער מעשה פון דער וועלט. — און די גאַנצע מעשה בראשית וועט דורך דעם בלויז באַשטעטיקט און באַפעסטיקט ווערן.

4.

— פאַר וואָס האָט דער מענטש פון אַמאָל גענומען אויסבייטן פיל־געטעריי פּריִער אויף אַ הויפּטגאָס און נאָכדעם אויף אַן איינאונאיינציקן גאָט? ווייל רייפער איז געוואָרן דעם מענטשנס מעשה־באַנעם און גרעסער זיין אחריות פאַר דער מעשה פון דער וועלט.

— ווייל די סך געטער האָבן גענומען רייסן די מעשה פון דער וועלט אויף שטיקער.

יעדער גאָט האָט געהאַט אַנדערע פאָרמען און אין די אוראַלטע צייטן — ברוטאַל אַנדערע פאָרמען און אַזוי ביז מען איז געקומען צו די מער־מענטשלעך אויסזעענדיקע געטער אָבער אַלץ מיט אַנדערשדיקע, מיט אָפּגעגרענעצטע פערזענלעכע פאָרמען. אָט די פאַרשידנאַרטיקייט פון פאָרמען פון די געטער האָט געהאָלפן צו פאַנאַנדערטיילן און פאַנאַנדערפרעמדן די פעלקער. און די מענטשן האָבן גענומען זוכן אַן אויסוועג.

דער איינאונאיינציקער גאָט האָט געדאַרפט דעם געטער־באַגריף אָפּשאַפן. אין דעם מענטשנס געוועב איז שוין געווען אָנגעזאַמלט אָט די גרויסע דערפאַרונג, נאָר צו־יונג איז דער שכל געווען. — ער האָט גענומען אָפּערירן מיט גאָט וועגן געטער און זע — פּונקט ווי געטער האָבן פאָרמען — אַזוי איז אויך גאָט געקומען מיט פערזענלעכע פאָרמען. און פאָרמען באַגרענעצן, טיילן אָפּ, טיילן פאַנאַנדער, לאָזן זיך אויפשטעלן אַזוי און אַנדערש. דער אין לו דמיון כלל העלפט דאָ נישט, ווייל דאָס וואָרט גאָט מיינט געשטאַלט און נישט אַנדערש, און דערפאַר האָט טאַקע גאָט אַ „זרוע נטויה“, אַ „חרב שלופה“, אַ „ראית את אחרי ופני לא יראו“ און אַזוי ווייטער.

נעמט די יעזוס־גלייביקע פעלקער: דער דייטש, למשל, גלייבט אַז אַ בלאָנדער יעזוס מיט בלויע אויגן איז מיוחסדיקער פון דעם איטאַליענישן יעזוס וואָס איז טונקל־האָריק און טונקל־אויגיק (זע: אויף ווייטע וועגן“, באַנד 3).

און אַזוי איז דער מענטש שוין אַן אָנגעלאָדענער מיט אַ נייער גרויסער דערפאַרונג געשטרויכלט געוואָרן, וואָרעם ער האָט פון געשטאַלטיקע געטער געמאַכט זיין גאָט־געשטאַלט, און געשטאַלט לאָזט זיך אָפּזונדערן און לאָזט זיך פאַרמערן און פון גאָט איז צוריק געוואָרן געטער, אָפּגעטער, געצן.

גאָט, פערזענלעכער גאָט איז געפערלעך ווייל ער שטאַרקט זיך איבער

אונדז, באַהערשט אונדזער רייַנעם גלויבן. ער נעמט אָן פּערזענלעכע פאַרמעגן קעגן אונדזער ווילן.

אויף וויפל מיר יִדן האָבן פאַרבאָטן צו מאָלן גאָט, אויף וויפל מיר האָבן בפירוש פאַרזאָגט: און דו זאָלסט נישט מאַכן צו זיך קיין פסל, אויף אַזוי פיל האָבן מיר דערוויזן אַז אונדזער אינעווייניקסטער דראַנג איז באמת געווען קעגן גאָט און געטער־באַגריף נאָר אונדזער געדאַנק, אונדזער וואָרט האָט נאָך אָט דער אַנגעזאַמלטער נייער דערפאַרונג, וואָס מיר האָבן שוין געטראָגן אין זיך, נאָכגיין נישט געקענט. מיר האָבן אין יענע יאָרן נישט געקענט אַרויסברענגען דעם באַגריף וועגן דער מעשה פון דער וועלט. מיר האָבן נישט געקענט זאָגן, אַז די אַלע מעשיות וועגן גאָט און געטער זענען בלויז מסילות דורך וועלכע דער מענטש האָט זיך געריסן, מסילות וואָס דער מענטש האָט אויסגעטראָטן אויף זיין וועג צו דער מעשה פון דער וועלט, אויף זיין וועג צו דעם אמתן ליכט פון דער וועלט.

.5

צו אַן איינס, צו שלימות רייסט זיך דער מענטש — יעדער מענטש וויל זיין גוט, וויל זיין בעסער. אפילו דורכדעם וואָס ער וויל זיך בלויז אויספיינען אַלס גוט, אַלס בעסער, אַלס קליגער, שטאַרקער, דערוויזט דער מענטש, אַז ער דינט דעם מענטשלעכן מעשה־באַגריף, אַז ער לעבט אין אָט־דעם באַגריף און גלייבט אין אים, אַפילו ווען ער וויל אָפּנאַרן אָט דעם באַגריף איז דאָס דערפאַר ווייל ער ווייסט, אַז ער איז דאָ. און אַזוי רייסט זיך יעדער מענטש צו שלימות, באַוווּסט צי אומבאַוווּסט, און אָפט אויף גאַנץ קרומע וועגן ווילט זיך דעם מענטשן, יעדן מענטשן, אַנבינדן אין דעם איין־און־איינציקן איינס פון דער גאַנצער מענטשהייט. אָט דער איינס איז אונדזער יסוד און אונדזער לעבעדיקער נס.

און פונקט ווי מען האָט אין די טעג פון אַמאָל נאָך נישט געקענט זאָגן, אַז די פאַרשידענע געטער זענען בלויז פאַרשידענע מאַניפעסטאַציעס פון דעם מענטשלעכן געטלעכן מעשה־דראַנג אין אונדז, אַזוי האָט מען נאָכדעם נישט געקאָנט זאָגן אַז דער איין־און־איינציקער גאָט איז בלויז אַ העכערע מאַניפעסטאַציע פון אונדזער מעשהדיקייט. מיר האָבן נישט געקאָנט זאָגן צו די אַלע פאַרשיידענע גאָט־גלייבער דאָס אמתע וואָרט, ווייל דאָס וואָרט איז נאָך נישט געווען. אַ סוכה דאַרפן די פאַרשידענע גלייבונגען איצט. זאָל די מעשה פון דער וועלט זייער סוכה ווערן. אין אָט דער סוכה דאַרפן זיך אַלע מענטשלעכע מעשיות וועגן די פאַרשידענע געטער זיך לייטערן פון זיך אַליין. דאָרטן דאַרפן אַלע רעליגיעס איינזען אַז זיי זענען מעשיות און אַז דאָס מיינט נישט פאַרקלענערן דעם ענין רעליגיע, נאָר אים געבן אמתע גרונט פעסטקייט, אים דערהייבן צו זיין אמתער גרויס.

ערשט ווען דער מענטש וועט קומען צו דער איבערצייגונג, אַז גאָט און געטער זענען אַ רעזולטאַט פון בלויז מעשיות, רעזולטאַט פון אונדזער איינגעבאָרענעם מעשה־דראַנג, ווען דער מענטש וועט איינזען, אַז די גאָט־ און געטער־מעשות זענען געווען בלויז טרעפּ אַזוינע, וועגן און וועגלעך אַזוינע אויפן וועג צו דער גרויסער מעשה פון דער וועלט, וואָס איז די סוכה פון דעם אמתן ליכט פון דער וועלט, ערשט דעמאָלט וועט דער מענטש זיין אויפן וועג צו שלימות און מיט ווייסן וועט דעמאָלט ווערן פול די גאַנצע וועלט.

6.

און אָט זיץ איך מיט אַ פריינט, וואָס האָט (אינאיינעם מיט אַ צאָל אַנדערע) גענומען רעדן מיט און וועגן גאָט.

דעם פריינט מיינעם איז שלעכט, ווענדט ער זיך אַזוי זיצנדיק לעבן מיר צו גאָט:

„פאַרוואָס שטראָפסטו מיך גאָט?

„בין איך דען נישט געגאַנגען אין דיינע וועגן?

„האָב איך דען נישט געדינט דיך מיטן גאַנצן האַרצן?

„מיט גאַנצקייט זוך איך דיך, מיט גאַנצקייט וויל איך גיין אויף דיינע וועגן, פאַרוואָס שפּרייטסטו אַלץ שפּיציקע שטיינער אונטער מיינע טריט?"

דער פריינט האָט אַפילו אָפּגעווענדט זיין פּנים פון מיר פאַר אָט דער קורצער ווײַלע פון זיין תפילה צו גאָט.

ווען דער פריינט האָט נאָכדעם אויסגעדרייט זיין פּנים צו מיר, האָב איך צו אים געזאָגט:

— אַז אייך איז ביטער, ווייס איך; אַז אין אייער ביטערקייט זוכט איר אַן אָנלען, הער איך. נאָר פאַלש קלינגט דער נאָמען אין אייער מויל. ער ווערט אַ מין דריטע פּערזאָן צווישן אייך און די אומרעכטן, אויף וועלכע איר קלאָגט זיך. אמתער וואָלט געווען, ווען איר פרעגט: „פאַרוואָס שטראָפסטו מיך, מעשה פון דער וועלט?"

— מעשה פון דער וועלט — פרעגט מיך מיין פריינט פאַרוואונדערט — פאַרוואָס?

— ווייל אין דער מינוט, ווען איר זאָגט „מעשה פון דער וועלט", בינדט איר זיך צונויף מיט דעם גאַנצן אומפאַס פון דער וועלט. איר דערפילט, אַז אויך איר אַליין זענט אַ טייל פון די נאָך פאַרהוילענע און פון די אויפגעדעקטע וועגן פון דער גרויסער מעשה פון דער וועלט, און אייערע פראַגעס און תפילות ווערן דעמאָלט געווענדט אויך צו זיך, צו אייך אַליין, און נישט צו עפּעס אַ דריטער פּערזאָן. ווענדט זיך נישט צו קיין מעשהדיקער געשטאַלט (וואָס בלויז דאָס איז אייער גאָט), ווענדט זיך צו דעם טיפן פון מענטשלעכער מעשהדיקייט. דער גע־

דאַנק, אַז איר צינדט זיך אַליין, ווי עס ברענען און צינדן זיך אַלע מענטשן, אַז נישט איר אַליין, נאָר די גאַנצע מענטשהייט צינדט זיך און ברענט אויף צו דערהאַלטן די מעשה פון דער וועלט. אָט דער געדאַנק קען אייך ברענגען צו גאַנץ אַנדערע טראַכטונגען. אייער תפילה ווערט עכטער און נאָענטער ווערט דער אָפּרוף, און דערביי נעמט איר אַליין אַלץ טיפער דערזען דעם זין פון דער מעשה פון דער וועלט.

— אָבער ווי, אַז איך וויל דווקא תפילה־טון צו אַ פּערזענלעכן גאָט, צו אַ גאָט, וואָס זאָל מיך הערן?

— מיין פריינט, איר טוט דעמאָלט תפילה נישט צו גאָט, ווי עס האָבן אים פאַרשטאַנען אייער טאַטע, זיידע און עלטער־זיידעס, נאָר צו אַן אָפּגאָט, צו אַ געץ. איר ווילט זיך דערהייבן דורך פאַרשוועכונג, דורך לעסטערונג.

נישט קיין רוח־הקודשדיקע מאַניפעסטאַציעס ברענגען אייך צו גאָט. נישט קיין רעליגיעזע אַנטפּלעקונג, נאָר רעליגיעזע וויבראַציעס בלויז. און דער גאָט ווערט דאָ אַ שטרויכלונג פאַר אייך, ער פאַרשטעלט פאַר אייך די מעשה פון דער וועלט, וואָס וועבט זיך אויך דורך אייך, ער פאַרשטעלט פאַר אייך דאָס אמתע ליכט פון דער וועלט.

— וואָס איז רעליגיע?

— עס איז דער פינגער, וואָס האַלט אויף אַלע גרופּן, אַלע דעכער און דעכלעך פון דער וועלטס גרויסן בנין.

— וואָס איז רעליגיע?

— רעליגיע איז די העכסטע פאָרעם פון מענטשלעכן באַוווסטזיין.

(„יידישע שריפטן", 1942)

לא תעשה לך פסל

און דו זאָלסט נישט מאַכן צו זיך קיין אָפּבילדונג.
זע — אַלע אָפּבילדונגען זענען אחד אין מיר און אין דיר.

.1

— ווער איז געפאָרן איבערן ים קיין פּאַריז?
— אַ ייִד איז געפאָרן איבערן ים קיין פּאַריז.
מיט זיין ווייב איז זיך אַזוי צום ערשטן מאָל געפאָרן אַ ייִד קיין פּאַריז.
די ערשטע פּאָר און צוואַנציק יאָר נאָך זיין חתונה זענען ביי דעם ייִדן אַוועק ווי די ערשטע פּאָר און צוואַנציק טעג — טעג פאַר וועלכע עס זענען נישטאָ גענוג צייט זיי נאָכצולויפן. דאָס זענען אַלץ טעג וואָס דו שטוינסט, וואָס דו גלייבסט און גלייבסט נישט אַז דו האָסט זיי טאַקע, אַז זיי זענען טאַקע דאָ, אַז זיי זענען געקומען אויף צו זיין און פאַרבלייבן. דאָס ווייב איז דיר נאָך אַלץ אי ווייב, אי כּלה, אי קאַפּריזנע געליבטע.
צום ערשטן מאָל איז זיך אַזוי דער ייִד מיט זיין פאַרליבט און געליבט ווייב אויף אַ שיף איבער די אָפענע וואַסערן פון דעם גרויסן ים געפאָרן.
ווי גוט עס איז מיט אַזוינע געפילן צו קוקן אויף די וואַסערן פון דעם ים, וואָס וואַרפן פאַר דיר מיט שפּיל זייערע בלוי־גרינע און ווייס־פאַרשוימטע כוואַליעס אַנטקעגן דער זון. די שיף — אַזאַ ליכטיק פרייע אַטעמדיקייט אין דעם גאַנצן געשטעל פון דער שיף. מענטשלעכע הענט האָבן דער שיף אַזויפיל וווּנדער געגעבן. איר ווייסקייט ווייסט זיך קעגן דער זון, ווי זי וואָלט אַליין אַ שפּילעוודיקער טייל פון די ים־כוואַליעס געווען, — ווי דער שוים פון די כוואַליעס וואָלט זיך אין אַ גרויסער ווייסער שיף פאַרוואַנדלט. דער ים טראָגט די גרויסע שווערע שיף אויף זיין רוקן, ווי ער וואָלט זיך געפילט אי געוואָרפן מיט איר, אי זי ציטערדיק געהיט, אַז עס זאָל מיט איר, חלילה, קיין בייז נישט געשען. וואָרעם איבער די סך צעכוואַליעטע זוניקע מיילן איז אָפּילו נישט צו זען נאָך אַ שיף אַ וויטע, וואָס זאָל קאָנען קומען צוהילף אין פאַל פון אַ נויט.
דער הויכער מאַסטבוים מיט זיינע פון ווינט אָנגעבלאָזענע שטריק, מיט

דינע פון שטריק געפלאָכטענע לייטערס, צירט זיך אויף דער בלויקייט פון ים און הימל, ווי אַן אויפגעשטעלטער גיגאַנטישער, מוזיקאַלישער אינסטרומענט. האַרפּנאַרטיק פאַרט זיך אַזוי דער מאַסטבוים קיין פּאַריז אינאײנעם מיט דעם יידן און מיט זיין ווייב.

איין און דרייסיק יאָר איז אַ מענטש געווען אַ יושב אוהל און איצט, אַז ער איז שוין יאָ אַרויסגעפאָרן, דערצו נאָך מיט זיין פאַרליבט און געליבטער ווייב, טאָ פאַרוואָס זאָל מיט זיי נישט מיטפאָרן אַזאַ גרויס און שיין־אויפגעשטעלטע עאָלס האַרפּע? פאַרוואָס זאָל אָט די האַרפּע וואָס זינגט שוין בלויז מיט דער פאַרנעמלעכקייט פון איר געשטעלט, שוין בלויז מיט די פיינע לופטיקע בייגונגען, וואָס די שטריק צייכענען איבער ים און הימל, זינגט מיט די פירעקיקע הימל־שטיקער, וואָס די לייטערס שניידן פאַר זיך אויס אויף זייער גאַנצן וועג פון דעם דעק אַרויף ביז צו דעם סאַמע הויכן שפּיץ פון דעם מאַסטבוים? — פאַרוואָס זאָל אָט די ווונדערלעכע האַרפּע זיי נישט באַגלייטן אויף זייער ערשטער רייזע איבער דעם מיט ליכט און לופט, מיט שוים און זון־צעשפּילטן ים? פאַרוואָס זאָל זי נישט באַגלייטן אַזאַ יידן אויף זיין וועג קיין פאַריז?

2.

אַ פרימאָרגן אויפן ים

אינדערפרי האָבן מחנות גרויסע שווערע פיש, ווי צעווילדעוועטע יונגע קעלבער גענומען שפּרינגען פון ים אַרויס. שפּיציק־קעפּיק האָבן זיך די גרויסע, לאַנגע פיש, ווי שווערע, שוואַרצן פיילן אַרויסגעשאָסן פון דעם צעכוואַליעטן און צעשוימטן ים, געגעבן אַ לאַנגן בייגעוודיקן, אימפּעדיקן פלי איבער דעם צעריסענעם ים, אַריינגעשניטן זיך מיט די שפּיציקע קעפּ צוריק אין וואַסער, כדי פונדאָסניי זיך אַרויסצושיסן פון דאָרט מיט נאָך גרעסערן אימפּעט. עס האָט גענומען אויסזען ווי די פיש, דערזעענדיק די שיף, האָבן זיך עקשנותדיק פאַרמאָסטן אַזוי שפּרינגענדיק און פליענדיק אַנצוהאַלטן און אַריבעריאָגן די שיף.

אַז איין ים זענען דאָ גרויסע פיש ווייסן אַלע, ווען אָבער איר דערזעט מיט אייערע אויגן, ווי גרויסע לאַנגע פיש מיט שפּיציקע נעזער, פעט און גלאַנצנדיק, בייגן פאַר אייך אין דער לופט זייערע עלאַסטישע קערפּערס מיט שוואַרצע רוקנס און זילבער־ווייסע בייכער, ווען איר דערזעט ווי גראַציעז און בליציק זיי שיסן זייערע פיין־פאַרמיקע וואַגיקע לייבער פון ים אַרויס און אין ים אַריין, כדי פון דאָרט ווידער אַרויס מיט אַ נייעם פאַרמעסט און נייעם שפּרונג, ווערט פאַר אייך דער ים ימיקער און זיין אינעווייניקסטער לעבן — לעבעדיקער.

אויב אָט די מעשה וואָס איך דערצייל אייך דאָ איצט איז נישט קיין אמת

— איז וואָס דען איז אמת? און אויב אָט דער אמת איז נישט קיין מעשה, איז וואָס דען איז מעשה?

עדוות אויף דעם זענען דער ים, די פיש, די שיף און דער מאַסטבוים.

עדות אויף דעם זענען — מיין ווייב, איך און די אַלע מיטפאָרער אויף דער שיף.

די גרויסע, שטילע אויגן פון מיין ווייב זענען דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן אָט דעם גרויסן צעשיינטן און צעשויבערטן ים. מיין ווייב בענקט נאָך אירע קינדער און בענקט אויך, און שעמט זיך צוצוגיין, צו דער פיאַנאָ וואָס געפינט זיך אויף דער שיף. אירע בענקענישן שלאָגן זיך אַלץ אָפּ און בלייבן ביי די שפּיצן פון אירע לאַנגע פיאַנאָ פינגער. די שוואַרצע פיש, שפּרינגענדיק און פליִענדיק אַריין און אַרויס ווערן פאַר איר געוויס פאַרוואַנדלט אין אַן אַק־צענטירטן ריטם, וואָס טאַנצט־אָפּ און ראַמט־איין דאָס צעלאָזענע, גרויסברוסטיקע געזאַנג פון אַ וואונדערלעכער ים־קאָמפּאָזיציע. — די שפּרינגענדיקע שוואַרצע פיש און די ווייס־פאַרשוימטע קאַמען פון די כוואַליעס זעען אפשר פאַר אירע גרויס־צעעפנטע אויגן גאָר אויס ווי די שוואַרצע און ווייסעביינדלעך פון אַ ריזן־פיאַנאָ. גאָטס שטאַרקע הענט שפּילן דאָ פאַר איר אויף דעם גרויסן ים, ווי אויף אַ פיאַנאָ. זיין רעכטע האַנט שפּילט דאָס אַזוי קעגן זיין לינקער. מיט זיין רעכטער האַנט טרייבט ער די פיש די גרויסע, מיט זיין לינקער האַנט — די כוואַליעס.

ווי ליכטיק עס לייכט איצט אויף מיין ווייב, איר ליכט פאַרשיינט די דעק פון אונדזער שיף. אַ ליכט גייט אויף איצט פון יעדן מיטפאָרער אויף דער שיף. אויך דער איינציקער נעגער, צווישן אונדז, שיינט אויף מיט די ווייסלען פון זיינע אויגן, מיט דער ווייסקייט פון זיינע צוויי שורות שטאַרע ציין, וואָס בלאַנ־קען אַרויס פון צווישן זיינע פיין־געמאַסטענע ליפּן. עס שיינט אויך מיט דער־הייבן ליכט אַזאַ די פיינע ברוינקייט פון זיין הויט, און די קליינע זילבער־גרייזלעך פון דעם נעגערס גרויען קאָפּ גיבן אויך אַ ליכט אַרויס פון זיך, ער שיינט, ער לייכט אַזוי וואויל איניינעם מיט אונדז. אונדזער אַלעמענס ליכט הייבט זיך אויף אין קרייזן אַרום אונדז. אונדזער אַלעמענס ליכט פאַרשיינט דעם ים. און גאָט שפּילט פאַר אונדז. אים איז גוט פון דעם וואָס מענטשן גייען און קומען אין ליכט, שפּילט ער פאַר זיי מיט זיינעביידע געטלעכע הענט, שפּילט מיט זיין רעכטער האַנט קעגן זיין לינקער.

3.

אויפן וועג צוריק איז אונדז ווידער אויסגעקומען אַזאַ שיינעם, ליכטיק־שפּרינגענדיקן טאָג צו האָבן. נאָר שפּעט אין אָוונט פון דעם טאָג בין איך, אייער ייִד, איינער אַליין אויפן דעק געזעסן. דער הימל מיט אַלע שטערן פון דער

װעלט איז װי אַ גרויסע פֿאַרשריבענע תּורה געװען צעװיקלט איבער דעם צע־עפֿנטן שװאַרצן ים. דער הױכער מאַסטבױם פֿון דער שיף האָט זיך באַװעגט װי אַ גרױסע טײַטל, װי אַ יד (יאַד) איבער דעם פֿאַרשריבענעם הימל. די שיף הײבט זיך און פֿאַלט איבער כװאַליעס װאָס ברעכן זיך װי צעשטױסן גלאָז אונטער איר. און דער שפּיץ מאַסט לױפֿט דערבײַ פֿאַר מיר איבער דעם הימל, טײַטלענ־דיק שאַרף פֿון אײן שטערן צו דער צװײטער. װי ער װאָלט זיך עקשנותדיק פֿאַרנומען מיר עפּעס ערנסט צו דערװײַזן, עפּעס קנעלט ער דאָ מיט מיר. איך בין אַ קינד און גרױס און אומענדלעך טיף איז די תּורה פֿון הימל. טײַטש, טײַטל, מעסט, לערן, צײַג, װײַז, דערקלער: איך האָב דאָך נאָך אַזױפֿיל נישט דער־קלערטע זאַכן, אַזױפֿיל נישט־גאַנצקײטן צו פֿאַרגאַנצן. און הילף דאַרף איך, הילף.

אַװעק איז דער װוּנדערלעכער טאָג, איבערלאָזנדיק אַנטפּלעקערישקײט, װי אַ נס פֿאַר די אױגן, און װי אַ נס אַ צװײטער, אין די נאַכט איצט, איך, דער ים, דער מאַסט און דער גרױס פֿאַרשטערנטער הימל.

און אָט נאָך אַ װוּנדער — איך, װאָס האָב נאָר־װאָס פֿאַרלאָזן פּאַריז, דערזען מיטאַמאָל פּאַריז פֿון דאָס נײַ. פּאַריז באַװײַזט זיך אין דער נאַכט און שװימט אױף דעם שװאַרץ און װײַס צעשױמטן װאַסער פֿון דעם ים, װי אױף אױסגעשפּרײטע טעפּיכן. אָט שטײ איך װידער פֿאַר דער גרױסער פּאַריזער קירך, פֿאַר דעם װוּנדערלעך־געבױטן נאָטרדאַם. אױף אַ טעפּיך פֿון ים שטראַלט איצט די קירך, שטראַלט ממש מיט איר מײַסטערשאַפֿט.

איך דערמאָן זיך — איך בין דעם טאָג, אין װעלכן איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען דעם נאָטרדאַם גראָד געװען נישט געזונט. איך האָב זיך קױם גע־קאָנט האַלטן אױף די פֿיס. איך זאָג דאָס נישט אױס מײַן װײַב און מײַן פֿרײַנט װאָס באַגלײטן אונדז. איך פֿיל אַז אַפֿילו װען איך זאָל דאַרפֿן קריכן אױף אַלע פֿיר, מוז איך אַרומגײן און זען פֿון נאָענט און פֿון װײַטן אָט די איבערװעלטנדיקע געבײדע.

דרײַ מאָל נאָכדעם בין איך װידער צוגעפֿאָרן צום נאָטרדאַם. אי בײַטאָג, אי בײַנאַכט, כּדי װידער פּרוּװן באַנעמען און אױפֿנעמען אין זיך אָט דעם מאַ־יעסטעטישן, אַרכיטעקטאַנישן װוּנדער. אָבער אײנאײנעם מיט מײַן גאַפֿן דערזען מײַנע ייִדישע אױגן, גלײַך איבער דעם אַרײַנגאַנג, אױסגעהאַמערט אין האַלב־רעליף אַן עדה־מענטשן — אין פֿאַראױס פֿון דער עדה שטײט אַ מלאך מיט אַ װאָגשאָל אין האַנט און לעבן אים שטײען צװײ טײַװאָלים, װאָס באַלעקן זיך ממש פֿון פֿרײד — דאָס דאַרף אַלץ פֿאָרקומען אין הימל. דער מלאך װעגט דאָס די גוטע און שלעכטע טואונגען פֿון די מענטשן. און דעם מלאכס װאָג גיט די טײַװאָלים אַן אַ שיעור קרבנות. די גרױלנדיקע פֿאַרצװײפֿלונג אױף די פּנימער פֿון די קרבנות װעמען די טײַװאָלים שטופּן אין זײער, שױן אַזױ אױך, אָנגע־פּאַקטער קײט, גיט די טײַװאָלים נאָך מער פֿרײד. אַ סאַראַ גוטן טאָג זײ האָבן

הײנט! זײ װעלן הײנט האָבן גאָר אַ סך מענטשן אױף צו ברענען און בראָטן. — און זײ איז אַזױ ציניש גוט פֿון דעם.

אױף דעם שפּיץ פֿון אַן אָפּדאַך, הױך איבער דער און איבער נאָך אַנדערע גרופּן און דעכלעך פֿון דער געבײדע שטײט אַ יעזוס־פֿיגור, האַלטנדיק פֿאַרױס דעם צײג־פֿינגער פֿון זײן אױפֿגעהױבענער האַנט. אַט דער פֿינגער גיט צו לעבעדיקע װיבראַציע צו אַלע אַנדערע דעכלעך, פֿיגורן און גרופּן, װאָס איבער דעם גאַנצן פֿאַדערשטן טײל פֿון דער געבײדע. עס זעט אױס אַז נישט דער פֿונ־דאַמענט אונטן, נאָר אַט דער יעזוס־פֿינגער דאָרט אױבן האַלט דאָס אױף די גאַנצע, פֿײנע קאָנסטרוקציע פֿון דעם איבערװעלטנדיק גרױסן בנין. עס איז אַ גרױס־דערגרײכטע מענטשלעכע מײסטערשאַפֿט. אָבער... דאָס גאַנצע װוּנדער־לעכע שטײנערנע געװעב פֿון דעם נאָטרדאַם איז פֿול איבערגעפֿלאָכטן מיט שלאַנגען, מיט גרױלנדיקע שטשירענדיקע עקדעשן, און מיט פֿאַרפּײניקטע, פֿאַר־בלוטיקטע, צעקײלטע און צעבײלטע פֿיגורן פֿון מאַרטירער פֿון הײליקע און זינדיקע. אַ ברוטאַלער סאַדיזם שלאָגט פֿון דאָ און דאָרט פֿון דער געבײדע. די מײסטערשאַפֿט איז איבערװעלטנדיק, אָבער פֿון דער ברוטאַלקײט קערן זיך אײך ממש די געדערים אין בױך און פֿאַרסמט אײך דאָס לעבן.

יאָ, אַ ייִד איז געפֿאָרן קײן פּאַריז, און אַ ייִד זיצט איצט אין דער נאַכט לעבן מאַסטבױם װאָס טײטלט אַלץ אַן אױפֿהער, אַט אױף די און אַט אױף יענע שטערן. שטערן און שטערן אָן אַ שיעור. עפּעס גיסט זיך אַרײן אין מיר דורך דעם מאַסטבױם פֿון אַט דעם הימל און דרינגט טיף אין מײנע בײנער אַרײן.

איך בין דאָ אַלײן מיט דער מאַסט.

די מענטשן זיצן דאָרט איצט אונטן אין די ליכטיקע זאַלן פֿון דער שיף. מײן פֿרױ לײענט דאָרט איצט אַ בוך און װײסט נישט אַז איך און דער מאַסטבױם פֿאָרן איצט גאָר אײנע אַלײן צװישן ים און שטערן. און דער שפּיץ פֿון מאַסטבױם שרײבט פֿאַר מיר דאָרט אױבן אַלץ אַזױנע מאָדנע עקשנותדיקע צײכנס איבערן הימל און פֿירט מיך און פֿאַרלירט מיך צװישן די שטערן.

4.

יאָ, איך בין געװען אין פּאַריז און בין געלאָפֿן פֿון בילדער־אױסשטעלונג צו בילדער־אױסשטעלונג, פֿון מוזײ צו מוזײ, װײל איך בין אַ ייִד און האָב נישט דאָס רויִקע מזל פֿון אַ גױ. איך בין שיעור פֿון די פֿיס געפֿאַלן לױפֿנדיק. אַזױנע און אַזױפֿיל װוּנדערלעכע טאַפּעטן בלױז, פֿון די עלטסטע ביז די נײסטע צײטן האָב איך נאָך אין מײן לעבן נישט געזען און צײט אױף צו זען האָב איך געהאַט װײניק. די װוּנדערלעכע געדולד װאָס די טאַפּעטן־װעבער פֿון אַמאָל האָבן אַרױס־געװיזן, זײער פֿאַראײנפֿאַכטע אָפּגעהיטנקײט פֿאַר די פֿײנע שאַטירונגען און פֿאַרבן ניואַנסן פֿון אָפֿט גאַנץ קאָמפּליצירטע קאָמפּאָזיציעס, איז ממש פֿאַרכאַפּנ־

דיק. די אַלטע טאַפּעטן־וועבער רופן אויך אַרויס אַ באַזונדער דאַנק פאַר דעם וואָס איר פּילט פאַקטיש מיט די אויגן כסדר די אָפּענע, פּשוטע טוך־קוואַליטעט, וועב־קוואַליטעט פון זייערע אַרבעטן. די מאָדערנע פראַנצויזישע טאַפּעטן האָבן זיך שוין אָבער געקליגט אַזוי, אַז מען זאָל דאָס טוך־געוועב נישט באַמערקן. איז טאַקע אַ שאָד אַ גרויסער. — דאָס ערנסט־פאַרטראַכטע, טיף־געטאָנטע רואַלס־־בלוי, דאָס ביזאַר געבראָכענע רואַלס־רויט, רואַלס־גרויס און ברוין, פול מיט גלוטיקער דראַמאַטישקייט איז פאַרט עכטער אויף דעם רואַלס־אויל־פאַרב בילד. אָבער אַ טאַפּעט, נאָכגעמאַכט פון אַ רואַלס, וואָס קליגט זיך אויסצוקוקן נישט ווי אַ טאַפּעט, נאָר דווקא ווי אַן אויל־פאַרב בילד, אַפילו נאָכמאַכנדיק די צייכנס, וואָס די האָר פון פאַרב־בערשטל האָבן דאָ און דאָרטן איבערגעלאָזן אויף דעם לייוונט, פאַרלירט אין מיינע אויגן, וואָרעם עס ווערט דורכדעם פאַרלייקנט די אייגנטימלעכע טאַפּעטן־גאַטונג; די גוטע, פּשוטע טוך־קוואַליטעט. אַן אמת ווערט דאָ אויסגענאַרט און אָפּגענאַרט. פאַר איין זאַך, אָבער פאַרדינען די מאָ־דערנע, פראַנצויזישע טאַפּעטן אַ לויב: — קיין בלוט־אַרגיעס זענען אויף זיי נישט פאַראַן. רואַל, פּיקאַסאָ, און די אַנדערע, היינטיקע, נאָך וועמעס אויל־ביל־דער די נייע טאַפּעטן זענען געמאַכט, קאָנען גרויס איבערגעבן דעם טראַגיזם, אַפילו פון אַ יעזוס־געשטאַלט און דערביי נישט פאַרשמירן זייער לייוונט מיט איין בלוטפלעק.

***

דער שפּיץ פון דעם מאַסטבוים לעבן וועלכן איך זיץ גיט זיך מיטאַמאָל אַ גאַר שאַרפן וואָרף הין און צוריק איבער די קאָנסטעלאַציעס פון דעם צע־שפּרייטן הימל איבער מיר. איך דערזע פאַר זיך אַלטע, מייסטערווערק־טאַפּעטן און אויל־בילדער, אַלץ אין בלוט און בלוט. די ווערק, יעדער ווערק, ממש אַ לעבעדיקער מענטשלעכער נס פאַר די אויגן, נאָר פון דעם בלוט און בלוט קערט די גאַל. וויפל דורות, וויפל יאָרהונדערטער האָבן סוף־כל־סוף געשמידט זייער גייסט אין בלוט. אָט איז אינמיטן ים דאָ אויף אַ צלם דער הייליקער סעבאַסטיאַן, אַ נאַקעטער, אַ דורכגעלעכערטער פון אַן אַ שיעור פיילן און אַ פאַרשמוציקטער אין בלוט; און אַזוי לייוונטן נאָך לייוונטן פון הייליקע, פאַרבלוטיקטע, צעקיילטע און צעביילטע מאַרטירער אַן אַ צאָל.

און נישט נאָר אין מוזעאומס; אָט דערזע איך פאַר זיך דעם פאַנטעאָן, סאַראַ ליבע ליכטיקייט און לופטיקייט אין דער אַרכיטעקטור, אינעווייניק אין דער געביידע. דעם אויג ווערט ווונדערלעך גוט צו קוקן אַרום זיך. דעם געמיט ווערט אַזוי גרינג און גוט פון דעם. נאָר אָט אינמיטן אויף דער וואַנט, צו מיין לינקער האַנט אַ גאַר גרויסער לייוונט; אַ תליון שטייט מיט אַ שווערד אין האַנט; זיין קלייד איז שפּילעוודיק און פאַרבנרייך געמאָלט; פיינער אָנגעגליטער פאַרב־באַגריף, פיינע ליידנשאַפטלעכע פאַרב־ און פאָרעם־מייסטערשאַפט. נאָר אָט דער

תליון האָט אָפּגעהאַקט אַ קאָפּ פון אַ הייליקן, איז דער קאָפּ פאַרפלויגן אַזש אויף דער צווייטער זייט פון דעם גרויסן לייוונט, און אַ ליכט־צירקל האָט זיך באַוויזן איבערן אָפּגעהאַקטן קאָפּ און אַ גרויסער שטראָם בלוט שפּריצט פון דעם האַלדז — אַט דער הייסער שטראָם האָט דאָס, ווייזט אויס, דעם קאָפּ אַזוי וויט פאַר־וואָרפן. דער תליון האָט אָפּגעהאַקט נאָך אַ קאָפּ פון אַ צווייטן הייליקן, ווידער בלוט, נאָר דער הייליקער האָט אָבער מיט זיינע אייגענע הענט אָנגעכאַפּט זיין אייגענעם אָפּגעהאַקטן קאָפּ און טראָגט אים צוריק צו זיך, ערשט דאָ ווערט דער תליון צעטומלט, לאָזט אָפּ פאַרלוירן זיין פאַרבלוטיקטע שווערד, קוקט הילפ־לאָז צום הערשער, וועמעס באַפעל ער פירט אויס.

אַ, מיט וויפל בלוט מען זעט זיך אָן אין די מוזעאומס און אין די אַנדערע היסטאָרישע געביידעס! אַט גראָד ווייל די גרויסע מייסטערשאַפט פון די ווערק פאַרפיינערט אייער געפיל ווערט אייך אַזוי איבלדיק און שווער פון אַט די בלוט־אָרגיעס.

דער נאַכט־ים ווערט שטורעמדיקער און וואַרפט מיך און מיין מאַסטבוים אַלץ אומרויִקער צווישן דעם הימל און שטערן. איך בין ווי צוגעוואַקסן צום מאַסטבוים. איך ווייס — איך וועל שוין אין מיין לעבן נישט איינמאָל אין מיינע געדאַנקען אַזוי אַרומפאָרן מיטן מאַסטבוים צווישן הימל און שטערן. — איך האָב דאָך נאָך אַזוי פיל נישט־גאַנצקייטן צו פאַרגאַנגען און אַ מענטש דאַרף צוליב דעם קענען זיין אַליין און זיך פילן — אַ מאַסטבוים צווישן ים און צווישן שטערן. אַפילו דעמאָלט ווען ער איז אינמיטן פון אַ גרויסן מענטשן־טומל דאַרף זיך אַ מענטש קענען אַט אַזוי.

איך טראַכט:

ווי וואָלט געווען ווען ביי אונדז ייִדן וואָלט נישט געווען אָנגעשריבן דער לא תעשה לך פסל? מיט וויפל מער בלוט וואָלט דער מענטשלעכער גייסט געווען פאַרגאָסן?

ווי וואָלט געווען ווען מיר וואָלטן זיך געווען פאַרנומען מיט בלויז מאָלן און איבערמאָלן אונדזערע עשרה הרוגי מלכות? גאָט מיינער! און ווען צו דעם וואָלט נאָך צוגעקומען דאָס מאָלן, וועבן און האַקן פון שטיין און שניידן פון האָלץ אונדזערע אַלע אַנדערע קדושים, אומגעבראַכטע און פאַרפייניקטע על קדוש־השם?

און איך טראַכט: — מיט וואָסערע אָפּגעריסענע נאַרישקייטן אינטעליגענץ קאָן זיך אָפּט אַרומטראָגן! אַט האָב איך דאָך איינאיינעם מיט אַזויפיל אַנדערע זיך אַרומגעטראָגן אַ גאַנצן לעבן מיטן געדאַנק, אַז דער „לא תעשה לך פסל" האָט אונדז נאָר שאָדן־געטון, און דאָ, מיטאַמאָל, אַ פאַרוואָרפענער אינמיטן ים, אַליין אין דער נאַכט לעבן מאַסטבוים צווישן שטערן און הימל און וואָסער אָן אַ שיעור ווערט קלאָר! — אַט דער לא תעשה לך פסל־געבאָט האָט אונדז אויך געהאָלפן, האָט אונדז אָפּגעהיט און אונדז אַריבערגעטראָגן די באַרבאַרישע צייט, ווען דער מענטש איז גייסטיק געווען געררייצט פון, און געניינט צו, בלוט. דער

ייִדישער גייסט וואָס האָט זיך איצט גענומען צו פּלאַסטישער קונסט האָט זיך דאָ געראַטעוועט פון אָט־דעם בעסטיאַלישן בלוט־מבול. און וועט דערפאַר אַ גאַנץ אַנדערש בשורה קענען ברענגען דער מענטשהייט. מיר ווערט פון דעם גוט און ליכטיק פאַר די אויגן. דער מאַסטבוים, דער הימל און די שטערן חברן זיך, ברידערן זיך מיט מיר און אונדז אַלעמען ווערט גוט פון דעם.

.5

איך נעם בענקען נאָך מיין ווייב.

איך טראַכט, — עס ווערט קאַלט, עס ווערט פייכט, דאָ אַליין אויף דעם דעק אין דער שפּעטער נאַכטיקער שעה.

מיין ווייב און די איבעריקע מענטשן געפינען זיך אין די אינעווייניקסטע ליכטיקע און וואַרעמע זאַלן פון דער שיף. ווי ענלעך עס איז געווען דער היינטיקער טאָג מיט זיינע שפּרינגענדיקע פיש פון ים, צו דעם טאָג וואָס מיר האָבן געהאַט אויף אונדזער אַרויספאָר קיין פּאַריז, און וויפל מענטשן פאָרן דאָס דורך דעם ים און זעען נישט אַזוינע ליכטיק־שפּרינגענדיקע טעג! און איך טראַכט: יאָ, אַ טאָג האָבן היינט אַלע בשותפות געהאַט אַ גוטען, נאָר איצט בין איך איינער אַליין — אַ מענטש אויפן דעק. שוואַרץ איז דער ים וואָס רייסט זיך און ברעכט זיך אונטער מיר און בלוי און שטערנדיק איז דער גרויסער הימל איבער מיר.

איך פרעג: ווער בין איך? איך, וואָס שטיי דאָ אין אַ וויסטן מדבר, אין אַ פאַרוואָרפענעם שטערן־מדבר ווי אַ קליינער פּלעק לעבן דעם גרויסן מאַסטבוים? נו יאָ, נו יאָ — איך בין אַ מענטש, אַליין און איך פרעג זיך ווידער: ווער בין איך? ווער בין איך? נו יאָ, נו יאָ — איך בין אַ מענטש, אַליין און איך פרעג זיך ווידער: ווער בין איך? ווער בין איך? נו יאָ, נו יאָ. איך בין אַ ייִד אַ פאַרבומענער ווועמען מען האָט דאָ אָפּגעשטעלט אינמיטן און אים מיטאַמאָל אַזוי אַ ווייז געטון אַ גרויס־שטערנדיק און הערהאָגליפן־אַרטיק צעשריבענעם הימל און אים געזאָגט: — זע, דו האָסט דאָך נאָך אַזויפיל נישט פאַרגאַנצטע רעגונגען אין זיך. קוק אין הימל, קוק אין די שטערן, העלף זיך. זע — אַזויפיל פאַרשידנאַרטיקע שטערן אין הימל און איין הימל. איינס איז דער הימל איבער זיי. ווי אחד איז איינס. אַזוי האָט אפשר אַמאָל דער ערשטער ייִד דעם אַרום אין דעם מדבר דערזען און באַנומען. די וואַסערן וואַרפן דעם הויכן מאַסטבוים און ווייזן מיט אים אין אַלע שטערנדיקע און הימלישע ריכטונגען. ווען איך וואָלט קענען וואָלט איך... — און אָט — עס געשעט אַ וווּנדער, איך קאָן. איך ווער ריזיק גרויס, און וואַקס נאָך אַלץ גרעסער. איך האַלט דעם גרויסן מאַסטבוים אין מיינע הענט און שרייב מיט שטערן איבער דער וועלטס תורהדיקן הימל, איך שרייב מיט אותיות מרובעות...

גאָטס האָט צו אונדז געזאָגט: (17)
געבאָט געגעבענער,
געבאָט געהיטער —
לא תעשה לך פסל!
גאָטס האָט ער געטון!

6.

איך קום צו זיך. איך בין אַליין, אַליין מיט דער שיף, אַליין מיט דעם מאַסטבוים, אַליין מיט די שטערן און קאַלט פאַרנעמט זיך דער ווינט איבערן שוואַרצן ים.

אַ דורכגענומענער, אַ דורכגעלויכטענער, דערפיל איך פונדאָסניי, אַז איך וועל שוין אַזוי לאַנג פאָרן מיט אָט דעם מאַסטבוים אויפן ים צווישן הימל און שטערן. אַפילו ווען איך וועל שוין זיין אויף דער טריקעניש צווישן מענטשן, וועט מיין איצטיקער איך און דער מאַסטבוים מיך אָפט באַקליידן און באַגלייטן. אפשר וועט ער טאַקע פאַר מיר אַן אָפּטע היילונג זיין פאַר אינעווייניקסטע ווונדן. אַ טייטל, ווי אַ יד, מיך מאָנען און דערמאָנען, אַז אַן איינס איז דאָ, אַ גאַנצקייט איז פאַראַן, אַ היילונג וועט דאָס זיין.

איך קוק זיך אום, ווי אַ פאַרמאַכטער פויסט איז די שיף די גרויסע. דער מאַסטבוים איז ווי דער פויסטס אויפגעשטעלטער צייג־פינגער — דער ים ווערט רויער און גיט פון מאָל צו מאָל אַ הייב און אַ בייג די שיף אַזוי, אַז איך דערזע דאָרט ווייט אַרויף דעם שפּיץ פון דער שיפּס צווייטן מאַסטבוים. ער זעט דאָרט אויס פונדערווייטנס ווי דער פויסט וואָלט אויך אויפגעהויבן זיין קליין ווינטש־פינגערל.

עס ווערט אַלץ רויער. עמעצער האָט היינט אינדערפרי, קוקנדיק אויף די פיש וואָס זענען געשפרונגען פון דעם ים, געזאָגט: — עס איז אַ סימן אויף אַ שטורעם.

7.

איך טראַכט ווידער: — די שיף איז ווי אַ גוט־פאַרמאַכטע פויסט און אינעווייניק אין דער פויסט זענען דאָ ליכטיקע זאַלן און שלאָף־צימערן מיט ווייכע וואַרעמע בעטן. מיין ליכטיק־אויגיק ווייב איז דאָרט, זי וואַרט פאַר מיר מיט אירע פאַרליבטע אויגן, מיט אירע ליבע רונדע, אויפגעשלאַנגטע גלידער.

איך טראַכט — מיין ווייב האָט דאָך אין פּאַריז צוגעקראָגן אַזויפיל נייע געשטאַלטן — אָט שטייען מיר פאַר רעמבראַנדס שלאַנק און ווייך־לייביק געבויטער און קלוג־טראַכטנדיקער בת־שבע. זי טראַכט קלוג וועגן דעם בריוו פון קעניג וואָס זי האַלט אין איר האַנט.

אַ ליכטיקייט צעצינדט זיך פלאַטערנדיק איבער איר נאַר־וואָס אויסגעבאַדענעם לייב. דער מייסטער רעמבראַנד האָט שוין געוווּסט ווי אַזוי צוצוגעבן אַ באַזונדער לעבעדיקייט צו אַזאַ ליכט, צו אַזאַ לייב. און זע — מיין פרוי נעמט זיך אָן מיט בת־שבע־געשטאַלטיקייט, מיט בת־שבע־ליכט, מיט בת־שבעס טראַכטן. אָט שטייען פאַר מיר פאַר אַ דזשאַרדזש־זאַנד־מאָנומענט, ווי זי זיצט אין דעם לוקסעמבורג־פּאַרק און זע — דאָס זיצט דאָך דאָרט מיין פרוי אַזוי. אָט שטייען מיר פאַר באַדאווינעטיס און ראַפאַעלס מאַדאָנאַס און מיין פרוי, קורקנדיק אויף זיי, מיט אירע נאַכטראַכטנדיקע גוטע אויגן ווערט מאַדאָנאַ־אַרטיק אין געשטאַלט. אָט שטייען מיר פאַר דעספּיאַס סקולפּטור־קעפּ. און זע אָט די טיף־מענטשלעכע ראַפינירטקייט זייערע, וואָס ווערט באַזונדערס פאַרפיינערט אין די ווינקלען פון די פולע פרויען־ליפּן, ווערן ווי אַ טייל פון די ליפּן פון מיין פרוי. און אָט שטייען מיר פאַר דעגאַס טענצערינס, אויף איינער פון זיינע בילדער שטייט די באַלערינע, רונד־גלידערדיק און גרינג־לייביק, אָפּגעטיילט פון דער גרופּע טענצערינס. דאָס גאַנצע בילד איז געמאָלן מיט אַ באַזונדערער פריש־אָטעמדיקייט.

די באַלערינע נייגט זיך מיט שטאָלצער צופרידנקייט. זי נעמט, ווייזט אויס, חנעוודיק און ווירדיק אויף די כשר־פאַרדינטע אַפּלאָדיסמענטן. זי שוועבט ממש אַרויס פון דעם בילד. און זע, מיין ווייב, מיין שטאָלצע ווייב, ווערט אויך אַזוי שוועבנדיק און נעמט אויך אַזוי שמייכלען מיט דעם אויפגעלויכטענעם, לופטיקן שמייכל פון דער באַלערינע.

איך גיי אַראָפּ פון מאַסטבוים.

מיין ווייב, מיין פילגעשטאַלטיקע ווייב, צו דיר גייט איצט דיין מאַן אַ דורכגעשטערנטער און פאַרבענקטער. ווי אַזוי איז דאָס געשען, אַז נאָכדעם ווי מיר האָבן קינדער וואָס שפּילן שוין ליבעס, זאָלן מיר נאָך זיין אַזוי פאַרליבט?

מיין ווייב, פון ימיקע מדבר־מיילן קום איך איצט צו דיר און איך האָב דיר איצט אַ מעשה צו דערציילן. אַ מעשה פון אַ ריז וואָס האָט אינמיטן פון דער נאַכט אין ים אַרויסגעריסן דעם גרויסן מאַסטבוים פון אַ גרויסער שיף און האָט מיט אים געגומען פונדאָסניי שרייבן אָן אוראַלט געבאָט פון הימל, כדי פונדאָסניי און אַנדערש זאָל די וועלט פאַרשטיין און לייענען אָט דאָס אַלטע געבאָט. שטערן נאָך שטערן האָט דער ריז מיט דעם מאַסטבוים אַזוי איבער דעם הימל געקליבן און זיי אַזוי אויסגעשטעלט אין שיינענדיקע ווערטער, כדי די וועלט וואָס האָט אויגן זאָל זען, זאָל דערהערן און פאַרשטיין. און נאָכדעם האָט דער ריז צוריק דעם מאַסטבוים אין שיף אַריינגעשטעקט.

מיין ווייב, מיין ווייב, מיט דיינע ווייכע, רונדע און אויפגעשלאָגנטע גלידער ווי דער ריז דעם מאַסטבוים, אויף די הענט וועל איך דיך איצט נעמען און וועל דיך טראָגן און וועל דיך ברענגען אין אונדזער שיינעם און פול־שפּיגלדיקן צימער פון דער שיף. קלאַפּן וועט דער ים מיט זיינע כוואַליעס אין די זייטן פון

דער שיף און דער ריז דאָרט אויבן האַלטן וועט, ווי אַ האַרפע, דעם מאַסטבוים מיט די סטרונעדיק־אָנגעצויגענע שטריק מיט די פּירעקיקע שטיקער הימל פון די לייטערס אין זיינע הענט און שפּילן וועט ער דאָרט אַ ליד פון דעם לעבעדיקן ים, דעם גרויסן; פון דעם מדבּרדיקן הימל; פון דעם מענטשן, דעם אין שווערע ראַנגלענישן גרויס־מעשׂהדיק געשאַפענעם באַשאַפער, וואָס האָט דורך דורות און דורך פעלקער מיט בלוט געפלעקט זיין רייסעניש צום הימל; פון דעם געבורט פון געטער וואָס האָבן געגרונטפעסטיקט געצעלטן אַלערליי, און ווי אַזוי אויף אָפּצווישן זיי פון דעם הימל און פון דער ערד איז אויפגעשטאַנען דער גאָט־אחד; מיט פּירעקיקע הימל־שטיקער אין זיינע הענט וועט דער ריז דאָרט אויף זיין האַרפע שפּילן. מיטהעלפן וועט דער ים. און הויך און גרויסברוסטיק וועט זיך פאַנאַנדערקלונגען דאָס טיף־שכלדיקע ליד פון וועלט־באַשאַף, און פון אַ מאַן און פון אַ ווייב וואָס האָבן דורך סאַכיקע יאָרן לויכטנדיק געטראָגן זייער ליבע ווי עס טראָגט אַ ייִד די איין־און־איינציקייט פון גאָט, ווי עס טראָגט און וואַרפט און שפּילט זיך מיט אַ שיף אַ ליכטיקער דער ים, און וואָס פון געטריישאַפט און פון ליבע היט און צערטלט זיך אַלץ ניי און אַנדערשדיק זייער ביין און לייב.

(„ייִדישע שריפטן“, 1942)

שולדיק

(אַ דערציילונג אַזאַ)

— ווער איז שולדיק?
— איך בין נישט שולדיק,
— איר זענט נישט שולדיק,
— די שונאי־ישראל זענען נישט שולדיק,
— זיי זענען שולדיק.
— „זיי" — די ייִדן מיט די בערד.

1.

ייִדן, רבנים מיט בערד האָבן באַשלאָסן צו האָבן אַן אסיפה אין דער הויפּט־שטאָט פון לאַנד און מיר איז אויסגעקומען צו הערן דאָס ביטערע קלאָגן זיך, נישט נאָר פון רעפאָרמירטע, נאָר אויך פון אָרטאָדאָקסישע, נאָר אָנבערדיקע שול־ייִדן:

— צו וואָס דאַרפן די בערדיקע ייִדן בערד?
— כדי צו פאַרשוואַרצן דעם ייִדן דאָס פּנים?
— פאַרוואָס שניידן זיי נישט אָפּ די בערד?
אַפילו אין דער הויפּטשטאָט פון לאַנד האָבן זיי זיך פאַרזאַמלט מיט זייערע בערד אַצינד.
— פאַרוואָס אויפרייסן דער וועלט די אויגן?
— פאַרוואָס קען מען נישט פּטור ווערן פון אָט די בערד?
שווערע טענות זענען דאָס געווען און ווייטיקדיק האָט דאָס וויי־געטון.
— איך ווייס נישט צו וואָס זיי דאַרפן די בערד און ווייס נישט פאַרוואָס.
אַ מעשה אָבער קאָן איך אייך אויף דעם דערציילן, שטעלט אָן די אויערן און הערט:
אין אַ שטעטל איז אַמאָל אַ טערק פאַרפאָרן. —
ער איז געקומען באַקן צוקער־געבעקס און בייגעלעך, קאָרנברויט און פּו־כיקע בולקעלעך אַלערליי.

דער טערק האָט געטראָגן אַ הויכע רויטע יאַרמלקע און אַ שוואַרצער זיי־דענער קוטאַס איז אַראָפּגעהאַנגען פון אַ רויט העלדזועלע, וואָס האָט זיך אַרויס־געהויבן פון דעם סאַמע מיטן פון דער יאַרמלקע און דער שוואַרצער קוטאַס האָט געפלאַטערט איבער דער טוכענער יאַרמלקע און ציטערדיק דערגרייכט כמעט ביז דעם רויטן ברעג אירן.

האָבן אַלע קינדער פון שטאָט באַקוקט דעם טערק און גלייך פאַרשטאַנען, אַז אַ טערק, איז אַ מענטש וואָס טראָגט אַ רויטע יאַרמלקע מיט אַ שוואַרצן קוטאַס. און אַפילו ווען די קינדער פלעגן נאָכדעם אַמאָל דערזען דעם טערק מיט אַ הוילן קאָפּ, פלעגן זיי אין זייערע געדאַנקען, אים אַליין גלייך אָנטאָן די רויטע יאַרמלקע מיטן שוואַרצן טראָלד.

דער טערק האָט זיך פון דעם דערוווּסט און עס האָט אים פאַרדראָסן, האָט ער גאָר אינגאַנצן אויפגעהערט צו טראָגן זיין יאַרמלקע, אָבער העלפן האָט דאָס אים נישט געהאָלפן. — די קינדער פון שטאָט, און אַפילו זייערע עלטערן, האָבן אים שטענדיק געזען מיט דער רויטער יאַרמלקע און דעם זיידענעם קוטאַס.

איז ווער איז דאָ שולדיק?

און וווּנדער איבער וווּנדער! — ווען ער, דער טערק אַליין פלעגט אַראָפּ־לאָזן זיינע ברעמען, אָדער זיך גלאָט פאַרטראַכטן אינמיטן פון זיין באַקן דאָס צוקער־געבעקס, די בייגעלעך, דאָס קאָרנברויט און די פּוכיקע בולקעלעך אַלער־ליי — פלעגט ער דערזען אויף זיך זיין טערקישע יאַרמלקע מיט דעם שוואַרצן קוטאַס.

אין כעס איז געווען דער טערק.
אָרעמער טערק!
אָבער ווער איז דאָ געווען שולדיק?
און איצט הערט נאָך אַ מעשה:

.2

אַ פּאָר יאָר נאָך דעם אויסברוך פון דער היטלער־מגפה, בין איך געפאָרן אויף אַ ווייסער שיף איבערן ים. מיט דעם קלאַנג פון צעבראָכענע גלאָז־פענצטער האָבן זיך די פרישע וואַסערן געשלאָגן אָן די זייטן פון דער שיף. דער ים איז געווען פאַרוואָרפן מיט זון, מיט לופטיקן אָטעם און מיט אויפגעקעמטע כוואַליעס, וואָס האָבן געוואָרפן זייער ווייסן שוים צו דער זון. ווי קינדער קליינע האָבן זיך פאַר מיינע אויגן געשפּילט צוויי גרויסע וועלט־כוחות. — איין כוח שטעלט אין קאָן הויפנס זון, דער צווייטער — וואַרפט אַנטקעגן אומציילִיקע מיילן פון אויפ־געקאַמטע כוואַליעס און מיט זיי איינאיינעם וואַרפט ער אויך אונדזער ווייסע שיף אין קאָן.

איין גרויסער אומשולדיקער קינדערישער שפּיל איז די וועלט און קיי־

נער איז דאָ קיינעם גאָר נישט שולדיק. עס באַפרייט פון אַלע אחריותן. וואָרעם וואָס איז דען אחריות אויב נישט די צווייטע זייט פון דעם וואָרט שולדיק?

— זייט מיר מוחל, איר זענט אַ ייִד? — איר זענט פון האַיאַס?

אַ נישט־הויך־געבויטער, ברייטביינערדיקער ייִד, מיט אַ רויטלעכער רונ־דער באָרד איז געשטאַנען גאָר נאָענט לעבן מיר. איך האָב כמעט ווי אויפגע־ציטערט, ווייל געקלונגען האָט דאָס ווי ער וואָלט צו מיר געזאָגט: — אויב איר זייט אַ ייִד און דערצו נאָך פון האַיאַס, זייט איר נישט איין מאָל, נאָר צוויי מאָל שולדיק.

פאַרוואָס האָב איך דעם ייִדן ביז איצט קיין איין מאָל אויף דער שיף נישט געזען? און ווי קומט ער איצט צו מיר? — דאָס איז אַ מעשה אַ פשוטע. אַן אַמעריקאַנער לאַנדסמאַן, אַ ייִדיש־לייענער האָט געבראַכט צו דעם, אַז איך האָב געלייקנט אַז איך בין דער שריפטשטעלער, וואָס טראָגט מיין נאָמען, אַז יענער שריפטשטעלער איז בלויז אַ ווייטער קוזין מיינער. געטון האָב איך דאָס, ווייל מיר האָט זיך געוואָלט פאָרן אויף דער שיף אַ פרייער, אַ באַפרייטער פון אַלע אחריותן, אַט ווי דער ים, אַט ווי די כוואַליעס. דערביי האָב איך אָבער דעם מענטשן געמוזט אָנגעבן מיינע „ביזנעס" און איך האָב אים געענטפערט: „אָ, איך בין מיטן „האַיאַס". עס האָט אויסגעזען, אַז דאָס האָט יענעם מענטשן באַפרי־דיקט און אַז איך קען מיר אויף ווייטער אָנגיין מיט זאָגן אָדער ענטפערן מענטשן אויף „גוט־מאָרגנס" און מיט מעסטן מיט מיינע אויגן די אומצייליקע וואַסער־מיילן און די גרויס און די ווייט פון די פאַרשידנאַרטיק־אויפגעשלאָגענע כוואַ־ליעס, וואָס טראָגן און וואַרפן פאַרשידנאַרטיק דאָס זונליכט איבער זיך. און אַט איבער אַט דער זינד מיינער שטייט איצט דאָ דער ייִד מיט דער רויטלעכער, רונדער באָרד.

איך קוק אָן דעם ייִדן, וואָס שטייט פאַר מיר. איך זע — זיין געמיט איז אָנגעלאָדן און שווער און טאַקע ווי אַ שולדיקער האָב איך איבערגעלאָזט דעם ים, די זון און די כוואַליעס. איך האָב געגעבן דעם ייִדן שלום. און אַזוי ווי ער האָט מיר נאָך מיין שלום פאַר אַ פאָר סעקונדן גאָר נישט געזאָגט, האָב איך אים גע־פרעגט: — פון וואַנען פאָרט אַ ייִד? — אָ, ער פאָרט איצט פון פוילן. ער האָט געוווינט אין אַמעריקע ביי צוואַנציק יאָר, געווען אַ בעל־מלאכה ביי „טאַיס" (קראַוואַטן), נאָר פאַראַיאָרן האָט ער באַשלאָסן, אַזוי ווי זיין געזונט איז נישט מער ווי געווען, וועט ער פאָרן צוריק צו זיין היימשטאָט — אויב שטאַרבן חלילה, זאָל זיין צווישן אייגענע, דערצו האָט אים נאָך אַ דאָקטער געזאָגט, אַז די דאָר־טיקע לופט וועט זיין פאַר אים בעסער. זיין ווייב איז אים געשטאָרבן אין ניו־יאָרק נאָך מיט אַכט יאָר צוריק. איז ער געווען אַליין און געבענקט אַהיים. אָפּ־געשפּאָרטע עטלעכע דאָלאַר האָט ער געהאַט, האָט ער גענומען און איז געפאָרן. אין דער היים אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז גאָר דאָרט אַ פרעמדער. דאָס חסידים־שטיבל זיינס איז אים דאָך איבערגעבליבן אין ניו־יאָרק, אויף לויס־

סטריט, און דער קבר פון דער אייגענער ווייב איז דאָך אויף דעם ברוקלינער בית־עולם. אלול־צייט פלעגט ער גיין מאַכן אַן אל מלא רחמים אויף איר קבר, איז ווי אַזוי קאָן דאָס אַ ייִד פּלוצים אַזוי איבערלאָזן אַ ווייב אַ צדיקת אויף הפקר? וואַרטן לאַנג איז זיין היים־שטאָט האָט ער נישט געקאָנט. דאָס ביסל געלט וועט צעגיין און דערצו האָט ער באַשלאָסן, אַז ער מוז קומען קיין ניו־יאָרק איידער אלול וועט חלילה אַריבער. ער מוז מאַכן „אל מלא" אויף זיין ווייבס קבר ווי אַלע יאָר. און די מעשה, וואָס דער דאָקטער האָט געזאָגט וועגן לופט, איז גלאַט אַן אויסטראַכטעניש. ניו־יאָרקער לופט איז נאָך אפשר בעסער, ייִדישער.

אַ שיפסקאַרטע אויף צוריקצופאָרן האָט ער געהאַט. אַ פּאָר דאָלאַר אין קעשענע האָט ער נאָך אויך געהאַט, האָט ער מיטגענומען די פּאָר פּעקלעך מיט קליידער, טלית און תפילין, אַ ביסל שפּייז, און זיך געלאָזט אין וועג. אויף יעדער באַן־סטאַנציע זענען אָבער אַרויף אַנדערע זשאַנדאַרן, מען האָט אים כלומרשט „אונטערזוכט", אין דער אמתן אָבער האָט מען אים באַראַבעוועט פון אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, אַפילו דאָס קליינגעלט פון קעשענע, אַפילו דאָס ביסל עסנוואַרג האָט מען אַוועקגענומען און ווען ער האָט שטאַרק געוויינט פאַר זיין טלית ותפילין און דעם עין־יעקב, וואָס איז געלעגן אין דעם תפילין־זעקל, האָט מען אים דאָס צוריקגעגעבן, נאָר מיט אַ זעץ אין פּנים. אַ הונגעריקער האָט ער זיך ווי נישט איז דערשלעפּט ביז דער שיף אָן איין פּעני אין קעשענע. — „פאַר איך מעג איך דאָך אַלץ דערציילן. איר האָט דאָך אויף מיר חלילה קיין פאַראיבל נישט פאַר דעם?".

— ניין, חלילה — זאָג איך צו אים — אדרבה!

איך פיל, אַז מען דאַרף דעם ייִדן געבן אַ ביסל געלט, אָבער איידער איך האָט צייט געהאַט אַריינצולייגן די האַנט אין קעשענע, איידער איך האָב צייט געהאַט צו זאָגן אַ וואָרט וועגן דעם, זענען אויפן דעק־אַרויפגאַנג, וווּ מיר זענען געשטאַנען, פּלוצים אַרויפגעקומען צוויי אויסגעפּוצטע מיידלעך און דערזעענדיק אָט דעם ייִדן מיט דער באָרד לעבן מיר, האָבן זיי מיט ביטערער אַנטריסטונג אויסגעשריגן און אויסגעשפּיגן: — טפוי, דער שמוציקער יודע! און האָבן אים נאָך נאָכדעם פאַר אַ רגע בייז באַטראַכט מיט די אויגן. זיי זענעןביידע געווען דייטשישע ייִדישע טעכטער, וואָס איך האָב זייער אָפט געזען אַריין און אַרויסגיין פון סאַלאָנען פון ערשטן קלאַס. זיי פלעגן געוויינלעך טראָגן מיט זיך גוטע דייטשישע פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן אין די הענט. זייער אויסגעשריי, זייער שפּיי, די ביטערקייט וואָס זיי האָבן דערביי אַרויסגעוויזן, האָט דעם ייִדן בלויז אַזוי ווי אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט די באַוועגונג פון זיין פּנים. איך וויל פאַררעדן דעם ייִדן און זאָגן אים גלייך: — איר דאַרפט אַ ביסלגעלט? איר קענט ביי מיר לייען.

דער ייִד האָט גוט געזען דעם שפּיי, געזען די צערודערטקייט וואָס דאָס האָט אַריינגעבראַכט אין מיין פּנים. ער אָבער איז געבליבן ווי אַ פעלדז וואָס מען קאָן

פון אָרט נישט רירן. אַן אַנגעלאָדענער פון דורות־אויסגעטראָגענער ערנסט, האָט דאָס פּאָר אים געטון. ער ענטפערט מיר: — ניין, נישט צוליב דעם בין איך צו אייך אַרויפגעקומען. איך האָב אַן אַנדער צרה. — די שיף, זאָגט מען, קומט אַריין קיין ניו־יאָרק שבת אינדערפרי. אַ ייִדן, ווי איר ווייסט געוויס, מעג פאָרן אויף אַ שיף אום שבת, ער טאָר אָבער נישט אַרויף און נישט אַראָפּגיין פון דער שיף אום שבת. וויל איך, איר זאָלט מיך אויסהיטן פון חילול־שבת; רעדט פּאָר מיר צו זיי, אַז זיי זאָלן מיך לאָזן אויף דער שיף ביז נאָך שקיעת־החמה. מיך אַרט נישט אין ווינקל פון שיף זיי וועלן מיך לאָזן וואַרטן, אַבי איך זאָל קענען איבערשטיין אויף דער שיף ביז די זון פאַרגייט.

— האָט איר זיך שוין צו עמעצן געווענדט וועגן דעם? — פרעג איך ביי אים פּאַרטרויט.

— געווענדט, נאָר זיי פאַרשטייען דעם גאַנצן ענין נישט. זיי לאַכן, ביי זיי קומט עס אויס אַ חוזק. איר אָבער דאַרפט זיי דערקלערן דעם ענין.

דער ייִד איז געוועזן אָרעם אָבער ריין געקליידט. אַ מין ריינקייט און אַ געפיל פון אינעווייניקסטער חשיבות איז געווען אין זיין האַלטונג און אין דעם קלאַנג פון זיין קול.

— ווי רופט מען אייך, מיין פריינט?

— שלמה.

— קומט, ר׳ שלמה.

3.

און אַט שטיי איך מיט דעם ייִדן פאַרן „פּוירסער״ — פאַר דעם באַלעבאָס פון שיף. אַ געזונטער מיטליאָריקער קריסט. דער קריסט דערהערט פון מיר די מעשה פון חילול־שבת. ער ווערט גערירט פון דעם, אָבער נאָך מער גערירט און ממש פאַרכאַפּט ווערט ער פון דעם אַנבליק פון דעם ייִדן, פון זיין שיינער ברייטער באָרד און פון זיין באַמתדיקן וועלן אָפּהיטן די הייליקייט פון שבת לויט די פאַרשריפטן פון דער ביבל און פון תלמוד.

— עס איז אַ געזעץ, זאָגט צו מיר דער „פּוירסער״, אַז קיינער פון די פּאַסאַזשירן טאָר נישט בלייבן אויף דער שיף נאָכן לעצטן סיגנאַל. אָבער דאָ איז אַן אויסערגעוויינלעכער פאַל, מען וועט עפּעס מוזן טון, מען דאַרף אים העלפן. „וואָס איז זיין באַשעפטיקונג״ — פרעגט מיר דער „פּוירסער״. איך ענטפער אים, אַז ער האָט מיר געזאָגט אַז ער איז אַן אַרבעטער און אַז ער האָט אין ניו־יאָרק געאַרבעט ביי „נעק־טייס״.

— ניין, זאָגט דער „פּוירסער״, און קוקט זיך נאָכאַמאָל גוט איין אין דעם ייִדן. — דאָס האָט ער אייך געוויס אַזוי געזאָגט פון באַשיידנקייט־וועגן. אַט פרעגט ביי אים נאָכאַמאָל.

איך פרעג ביי דעם ייִדן און יענער ענטפערט דורך מיר: — אַ בעל־מלאכה ביי „טייס", ביי שניפּסן.

איך גיב דאָס איבער דעם „פּוירסער" און יענער, נאָך אַ מינוט טראַכטן און ווידער באַטראַגטן דעם ייִדן, זאָגט ער צו מיר: — און איך זאָג אייך ווידער, אַז ער זאָגט דאָס אַזוי, ווייל ער וויל נישט פאַראַדירן מיט זיין אמתן באַרוף.

דער „פּוירסער" האָט דורך מיר געשטעלט נאָך עטלעכע פראַגן. איך האָב חושד געווען, אַז ער וויל פּשוט הערן דעם קלאַנג פון אָט דעם ייִדנס קול. ער האָט אויף אים פּשוט געקוקט ווי אויף אַ הייליקן. ער האָט אָנגעשריבן און אי־בערגעגעבן דעם ייִדן אַ ספּעציעלע פאַראָרדענונג, וואָס זאָל אים אויסהיטן פון חילול־שבת. ער האָט דאָס געטון מיט פייערלעכקייט און ביים געזעגענען מיר געזאָגט:

— פאַרוואָר, עס איז אַ געשעעניש. דער מענטש זעט אויס ווי ער וואָלט נאָר־וואָס אַרויס פון דער ביבל. איך דאַנק אייך פאַר דער געלעגנהייט. און וואָס איז דאָס פאַר אַ לשון וואָס ער רעדט? איז דאָס לשון אויף וועלכן די ביבל איז געשריבן?

— ניין. דאָס לשון הייסט ייִדיש.

— ייִדיש? אַ ניי לשון? ווי אַלט איז אָט־דאָס לשון?

— איבער פינף הונדערט יאָר!

— און ווי גרויס איז די צאָל וואָס רעדט אויף דעם לשון?

— מיליאָנען — ענטפער איך אים צו זיין שטוינען.

— מיליאָנען?!

— יאָ.

— הייסט דאָס, אַז איר האָט גאָר אַ סך אַזוינע מענטשן.

— עס הייסט אַזוי!

4.

דער גאַנצער ענין האָט מיך אַ ביסל אויפגעשרויפט. איך בין נאָכדעם אַרויס און זיך ווידער אַוועקגעשטעלט ביים פאַרענטש פון אונדזער שיף וואָס איך האָב ליב געקראָגן פאַר איר ווייסקייט, פאַר דעם ווייסן שוים־וועג וואָס זי לאָזט הינטער זיך איבער די פיל־מייליקע וואַסער־פעלדער. אַ מעכטיקער כוח האָט געשלאָגן פון דעם ווייסן וועג וואָס איז ווי אָנטלאָפן, ווי נאָכגעלאָפן דער שיף, ווי אויפגעשלאָגענע זייף־מיליניעס פון אונטער די הענט פון וואַסער, איז ווייס אָט דער שוים־וועג. איך האָב ליב געקראָגן צו טראַכטן: אָט דערפאַר אפשר איז אונדזער שיף אַזוי ווייס, ווייל זי וואַשט און זייפט זיך אַזוי שטאַרק. מיר איז אָבער דעם מאָל נישט געווען צו מוט. מיר איז אַפילו נישט געווען צו מוט וואָס הימל און זון, ים און כוואַליעס חברן זיך צוזאַמען אין איין גרויסן שפּיל פאַר

דוד איגנאַטאָוו

מיינע אויגן. מיר האָט זיך געוואָלט געפינען אַ תירוץ, פאַרוואָס צוויי יידישע טעכטער האָבן מיט אַזוי פיל ביטערקייט און עקל אויסגעשפּיגן ביים אָנבליק פון דעם יידן מיט דער באָרד און פאַרוואָס דער קריסט, דער „פּוירסער״ האָט געקוקט אויף דעם אייגענעם יידן מיט אַזוי פיל פאַרערונג. ווער איז דאָ שולדיק, וואָס איז דאָ שולדיק?

לאַנג טראַכטן וועגן דעם האָב איך נישט געקענט, ווייל איך האָב דערפילט, עמעצער איז צוגעקומען צום פאַרענטש, נאָענט צו מיר. איך דריי אויס דעם קאָפּ — אַ שלאַנקע פראַנצויזישע פרוי, אַ קריסטן, מיט וועמען מיר האָבן אויף דער שיף, פאַר דער צייט פון דער רייזע, זיך אַ פּאָר מאָל איבערגעביטן מיט „גוט־מאָרגן״, איז דאָ צוגעקומען. זי אַנטשולדיקט זיך, זי בעט מיך, זי פרעגט:
— ווער איז דאָס געווען אָט דער מענטש וואָס איז מיט מיר דאָ געשטאַנען פריער?

— דאָס איז געווען אַ ייד אַן עמיגראַנט.

זי האָט נישט געוואָגט פריער צוגיין צו מיר, אָבער איר פאַרלאַנג צו זען דעם מענטשן פון דער נאָענט איז אַזוי גרויס, אַז זי האָט באַשלאָסן איינצושטעלן און מיך בעטן זי באַקענען מיט אים. זי שמייכלט אַ פאַרשולדיקטע און לייגט צו שמייכלענדיק און צודרינגענדיק, זי וועט זיין פול מיט דאַנק, אויב איך זאָל דאָס טאָן פאַר איר.

איך קוק אויף איר און דערמאָן זיך — דער ייד איז דאָך באַראַבעוועט געוואָרן, ער האָט דאָך נישט קיין איין סענט־געלט אין קעשענע. יאָ, איך האָב אים פאַרגעסן געבן אַ ביסל געלט. און איך זאָג צו דער פרוי: — יאָ, גוט, קומט, איך דאַרף אים טאַקע אויך זען וועגן עפּעס.

נישט גאָר גערן האָב איך גענומען גיין מיט מיין באַגלייטערין.

די עפּענונגען וואָס פירן אַראָפּ אין די טיפע געדערים פון דער שיף זעען אויס ווי צעעפנטע מיילער, די טרעפּ זעען אויס ווי זייערע הינטערשטע ציין, די אויבערשטע ציין האָט זיי עמעצער אויסגעזעצט. — אַזאַ געפיל האָב איך גע־קראָגן. איידער איך לאָז זיך אַרונטער מיט מיין באַגלייטערין, גיב איך איבער עפּעס אַ סיבה אַ וואָרף מיינע בליקן איבער די גרויס־צעוואָרפענע וואַסערן פון ים, אָט ווי מיין בליק וואָלט געפרוווט זען צי איז עפּעס דאָ אויפן ים אַן אַנדער זאַך אויסער וואַסער און האָריזאָנט.

מיין באַגלייטערין קוקט מיך אָן.

— זעט דאָס אייך נישט אויס, ווי מיר וואָלטן געפאָרן פון האָריזאָנט צו האָריזאָנט?

— יאָ, עס זעט אויס אַזוי.

5.

דער ייִד, ר׳ שלמה, האָט זיך געפונען אין סאַמע אונטערשטן דעק פון דער שיף. בעטלעך אויף בעטלעך און צווישן די אויפגעגאָרנטע בעטלעך אַ פּאָר אויסגעשניטענע ליידיקע שטיקער אָרט פאַר דעם בייטאָגיקן אויפהאַלט פון די עמיגראַנטן. די מעטאַלענע רערן פאַר דער וואַסער־לייטונג, לויפן איבער אַלע־מענס קעפּ און שוויצן מיט גלאַנציקער פייכטקייט און קאַפּען אַראָפּ פון זיך שווערע טראָפּנס שווייס, אָפּט אויף די קעפּ פון די מענטשן. דער ייִד איז געזעסן אויף אָנגעלייגטע געפּעק ווי אויף אַ העסעבעט, אַ פּאָר אַנדערע מענטשן זענען געזעסן נידעריקער פון אים. צווישן זיי אויך מיין אַמעריקאַנער לאַנדסמאַן, דער ייִדיש־לייענער. עס האָט אַ ביסל געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ר׳ שלמה פּראַוועט דאָ טיש — אין דער מינוט האָב איך אַליין אויך גענומען צווייפלען צי דער ייִד איז, ווי ער זאָגט טאַקע, „בלויז אַ בעל־מלאכה ביי טייס". — אַ מין באַזונ־דער רו און ליכטיקייט איז אויפגעגאַנגען פון אים. אפשר האָט ער דאָ גערעדט פון גאָטס וווּנדערלעכע וועגן, פון דעם חסד, וואָס עס איז אים היינט געטאָן געוואָרן, כדי אים אויסצוהיטן פון חילול־שבת. אפשר האָט ער דאָ דערציילט איצט וועגן זיין ווייב דער צדקת, וואָס לעבט נאָך אַלץ פאַר אים, וואָרט אויף זיין קול, אויף זיין „מלא רחמים", פון זיין חסידים־שטיבל וואָס אויף לואיס סטריט, און אפשר טאַקע גאָר פון זיין „נעק־טיי" שאָפּ.

צו מיין באַגלייטערין, דער קריסטין, האָט דער ייִד אויסגעזען ווי אַ נביא. און ווי פאַר אַן אַנטפּלעקונג, איז זי געבליבן שטיין אַ געהעריקן שטח ווייט פון אים און אין אַ ווילע אַרום מיר מיט איינגעהאַלטענער פאַרערונג אין דער שטיל פאַרטרויט:

— איך גלייב, אַז די שיף פאָרט פונזיינעטוועגן. די שיף פירט אים. מיר האָבן בלויז די זכיה צו זיין צופעליקע מיטפאָרער.

די שיף האָט זיך אַ שאַרפן הייב געטאָן. און אַזוי ווי אינמיסטן אויפגע־הויבן דעם ווינקל פון ר׳ שלמהן מיט דער גרופּע אַרום אים. און מיין באַגליי־טערין זאָגט:

— דאָס דערמאָנט אין אַ בילד פון די ערשטע פישער־אַפּאָסטאָלן אויף אַ שטורעמדיקן ים.

אַרויף אויף אַן אַנדער אויסגעשניטענעם אָרט צווישן די אויפגעקאַסטנטע בעטלעך איבער בעטלעך, האָב איך דערהערט אַ טומל — פרויען און אויך אַ פּאָר מענער זענען דאָרטן געזעסן. איך האָב דערהערט דעם נאָמען „האַיאַס"; צוויי פון זיי האָבן זיך אײַלנדיק אויפגעהויבן און ווי עס ווייזט אויס, אומדער־וואַרטעט. צו מיין שטוינען האָב איך דערזען, אַז דאָס זענען די אייגענע צוויי ייִדישע מיידלעך, וואָס האָבן פריִער, אויבן אויפן דעק, אַזוי בייז אויסגעשפּיגן אויף דעם „שמוציקן יודע". מיר איז געוואָרן קלאָר — זיי זענען, הייסט דאָס,

נישט קיין ערשט־קלאַס פּאַסאַזשירן. כאָטש איך זע זיי אַזוי אָפּט אַריין און אַרויס־גיין פון די אויבערשטע סאַלאָנען. זיי זענען מיט־פּאַסאַזשירן פון אָט דעם „שמוציקן יודע“.

איינער פון דער גרופּע, פון וועלכער די מיידלעך זענען נאָר וואָס האָסטיק אַוועק, איז צו מיר צוגעקומען:

— מעכטע איך זי בעטן פיר איינער וויזיט־קאַרטע? זי זינד דאָך פון האַיאַס, ניכט וואָר?

איך גיב אים מיין וויזיט־קאַרט. ער איז מיט דעם אַוועק צו זיין גרופּע. אין אַ מינוט אַרום איז צוגעקומען אַ פרוי — צי וועל איך זיין אַזוי פריינטלעך און אויך איר געבן מיין וויזיט־קאַרט. און אָט שטייט שוין די גאַנצע גרופּע אַרום מיר און כמעט אַלע האַלטן זיך מיטן רוקן צום יידן מיט דער באָרד. יעדער נעמט פון מיר מיין האַיאַס־וויזיט־קאַרט, ווי ער וואָלט גענומען אַ שמירה אין דער האַנט אַריין. זייערע אויגן ווערן ליכטיקער, אָט ווי זיי וואָלטן דערפילט, אַז דאָס קאַרטל האָט זיי אַנגענומען ביי דער האַנט און האָט זיי מיט איין באַוועגונג שוין אַריינגעשטעלט אין מיטן פון אַמעריקע. אַ ביז גאָר רירנדיקער עלעמענט איז געווען אין דעם.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן — אָט די צוויי מיידלעך קומען פון אַן אַנגע־זעענער יידישער פאַמיליע. דער ברודער זייערער, אַן אָפיציר אין דער דייטשי־שער אַרמיי, האָט נישט געוואָלט אויסטאָן דעם אָפיצערן מונדיר, האָט מען אים גענומען אין אַ פייניקונגס־לאַגער. די צוויי טעכטער זענען פון די עלטערן גלייך אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד. דעם ברודערס פאַרמוטשעטן און פאַר־פייניקטן קערפּער האָט מען נאָכדעם אין אַ פאַרזיגלטן קאַסטן צוגעשיקט צו די עלטערן. זיי האָבן נישט געטאָרט און האָבן פאַרט געעפנט דעם קאַסטן צו געבן אַ לעצטן קוק. האָט מען דערפאַר אויך די עלטערן צוגענומען און מער האָט מען פון זיי נישט געהערט.

ר׳ שלמה איז געזעסן אויף די פּעק. ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין פאַר־דראָס אויף די יידן, וואָס קערן זיך אויס מיטן רוקן צו אים, פונקט ווי ער האָט אינדערפרי נישט אַרויסגעוויזן קיין בייזקייט אויף די צוויי מיידלעך. ער האָט גיכער אויסגעזען ווי זייער מקונן.

איינער פון די פליכטלינגע איז געלעגן קראַנק אויף אַן אויבערשט בעטל, נאָענט צו דער סטעליע. זיין פרוי האָט מיך געבעטן צוגיין צו אים. דער קראַנ־קער האָט געוואָלט וויסן, צי בין איך טאַקע אינמיסטן געשיקט געוואָרן אויפ־צופּאַסן אויף זיי. און צי איז מען זיכער אין אַמעריקע, אַז קיין היטלער וועט דאָרט נישט אויפשטיין? — — און אַזוי שטייענדיק לעבן קראַנקן, דערהער איך פון ווינקל שלמהס קול. ער רעדט צו די פּאָר יידן לעבן אים. איך הער:

און יעקב האָט געזאָגט צו יוספן: דיינע צוויי קינדער, מנשה און אפרים,

וואָס זענען צו דיר געבוירן געוואָרן אין מצרים, זענען צו מיר ווי ראובן און שמעון, און נאָך האָט ער געזאָגט — ואני בבאי מפדן מתה עלי רחל — און איך כאָטש איך בין דיך מטריח מיט מיין קבורה, אָבער צו דיין מוטער רחל האָב איך אַזוי נישט געטאָן. — ווען איך בין אַרויס פון פּדן ארם איז דיין מוטער רחל געשטאָרבן אויף מיר. און כאָטש עס איז נישט געווען קיין ווייטער גאַנג צו ברענגען זי קיין אפרת, אַ תחום־שבת בלויז, האָב איך זי באַגראָבן אויפן מיטן וועג. וואָרום ווען דער נבוזרדן וועט טרייבן די יידן אין גלות, וועט זיי אויס־קומען פאַרבייגיין דער מוטער רחלס קבר — קול ברמה נשמע — רחל וועט דעמאָלט אַרויס פון איר קבר און זי וועט אַוועק אין הימל און מיט ביטערע טרערן און שווערן געוויין, וועט זי זיך שטעלן פאַרן כסא־הכבוד, און קלאָגן וועט זי און זי וועט נישט אָפּלאָזן ביז דער גזר וועט צעריסן ווערן, ביז גאָט וועט זיך דערבאַ־רעמען, ביז ער וועט צו איר זאָגן: האַלט צוריק דיין קול פון וויינען און זאָלן דיינע אויגן אויפהערן גיסן טרערן, וואָרים אַ האָפענונג איז דאָ פאַר דיר. קערן וועל איך טאָן אומקערן צו זייערע היימען דיינע קינדער.

פאַרוואָר, הערן האָב איך געהערט אפרים טוט זיך קלאָגן: גאָט, אַ גאָט, דו האָסט מיך געשטראָפט און איך בין באַשטראָפט געוואָרן. דו האָסט מיך ווי אַ נישט־איינגעבראָכן קאַלב אַ יונגס, אַריינגעוואָרפן צו שלעפּן דעם שווערן יאָך פון אַן אָקס. און ווי אַזוי קען איך דאָס אַריבערטראָגן? קום, אַ קום, גאָט, דער־באַרעם זיך, קער מיך אום צו זיך און אומקערן וועל איך זיך. און אַצינד הער, כביכול זאָגט: איז דען נישט דיין קינד אפרים אַ זון וואָס איך האָב ליב? אַ קינד, אויף צו שפּילן און שפּיגלען זיך מיט אים? איך הער — מיין אינגעווייד אין מיר נעמט ברומען דערבאַרעמונג. דערבאַרעמונג, טו איך זיך דערבאַרעמען. געדענ־קען טו איך געדענקען — אַ קינד אויף צו שפּילן און שפּיגלען זיך מיט אים. — זאָלן דאָס דערהערן די פעלקער. זאָלן זיי דאָס לאָזן וויסן צו די ווייטסטע אינדזן־לען. — באַפרייען וועט גאָט באַפרייען יעקבן — די גאַנצע וועלט וועט ער באַפרייען.

ר׳ שלמה האָט זיך דאָ אָפּגעריסן. ער און נאָך איינער פון די פּאָר יידן לעבן אים האָבן זיך געשטעלט דאַוונען מנחה. ער וועט דאָך נישט מעביר מנחה זיין איבער מיר, צי איבער דער קריסטין, וואָס מיט מיר.

6.

נידעריקע זון־שטראַלן האָבן געלייגט, האָבן געוואָרפן שטיקער גאָלד אויף די דרויסנדיקע וואַסערן אָט ווי עס וואַרפט אַ קאָרטנוואַרפער קאָרטן אויף אַ טיש. ווי אַ טיפע גרוב האָט דאָ אויסגעזען די אויפגעבעטלטע שיף־אָפּטיילונג. די פּאָר רונדע פענצטערלעך זענען געלעגן האַרט ביים וואַסער. די ים־כוואַליעס

פּאַטשן און פֿאַרגיסן די פֿענצטערלעך מיט געשריי און מיט וואַסער און דאָס מאַכט נאָך טיפֿער די פּייכטע אָפּטיילונג פֿון דער שיף.

איך בין נאָך אַלץ געשטאַנען לעבן דעם קראַנקן ייִדן און לעבן זיין פֿרוי. זי האָט דאָס מיר דערציילט וועגן די צוויי מיידלעך און אויך וועגן איר אייגן אומגליק. — איר מאַן איז אַ געוועזענער געהיימראַט. טרערן זענען געשטאַנען אין אירע אויגן. דעם מאַנס פֿיל עלטערע אויגן זענען געווען טרוקן און דערפֿאַר אפֿשר נאָך טראַגישער. אַ גוטע דייטשישע קאַמערע האָט אַרויסגעקוקט פֿון אַ זעקל לעבן זיינע פֿיס. אָט־די קאַמערס זענען כמעט ווי געווען אַ טייל פֿון יעדן דייטשישן פּליכטלינג אויף דער שיף.

די פֿרוי האָט זיך געקלאָגט. — פֿון זייער גאַנצער פֿאַרמעגן האָט מען זיי דערלויבט בלויז פֿיר־געלט און דערלויבט זיי צו קויפֿן אַ פֿאָטאָגראַפֿישן אַפּאַראַט. איצט פֿירט זי קיין אַמעריקע אַ גוטע דייטשישע קאַמעראַ און מאַן אַ קראַנקן.

ר׳ שלמה דאַוונט, דער ייִד זאָגט נאָך.

„גאָט, עפֿן מיינע לעפֿצן און לאָז מיין מויל זאָל זאָגן דיין לויב.

„קוק צו אונדזער פּיין און קריג זיך אונדזער קריג.

„ברענג אונדז צו ירושלים דיין שטאָט.

„זאָלן אונדזערע אויגן דערזען ווי דו קערסט אונדז אום קיין ציון״.

איך דערמאָן זיך נישט־וועלנדיק: — פֿאָרן פֿאָרט רב שלמה, דער „נעק־טיי״ בעל־מלאכה קיין ניו־יאָרק, ווייל דער ווייבס קבר איז דאָרט און די ווייב וואָרט אויף אים דאָרט אין אַמעריקע און בעטן בעט ער, אַז ער זאָל געבראַכט ווערן קיין ציון. וואָסער אַ ווידערשפּרוך און וואָסער אַ גאַנצקייט אין דעם ייִדן! און ווי ער בעט דאָס פֿאַר אַלעמען, פֿאַר אַלעמען.

„הער אונדזער קול, גאָט אונדזער גאָט, זיי גנעדיק, דערבאַרעם זיך איבער אונדז״.

עס האָט גענומען קלינגען ווי אַ געשריי פֿון דער טיפֿער טיפֿעניש פֿון אומגליק — ממעמקים.

נאָך עלינו גיי איך צו צו ר׳ שלמהן.

— ר׳ שלמה, מיר זענען פֿריִער געווען פֿאַרנומען, האָב איך זיך פֿאַרגעסן, איר דאַרפֿט דאָך האָבן אַ ביסל געלט.

— חלילה —זאָגט ער צו מיר— צו וואָס? איר האָט שוין אַזוי אויך פֿאַר מיר גענוג געטון. קיין פּעק מיט זיך האָב איך דאָך,ברוך־השם, נישט, וועל איך מיר פֿון „פּיר״ (פֿאָרט) קענען צוגיין צופֿוס צו לויס־סטריט.

— ר׳ שלמה, גאָט איז מיט אייך, דאָס איז דאָך אַ מהלך־רב. און דערצו, פֿאַרוואָס זאָלט איר מיר אָפּזאָגן? אויב עס האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט אַז איך קאָן מקיים זיין די מצוה פֿון גמילת־חסדים, ווילט איר ביי מיר די מצוה פֿון די הענט צונעמען.

דאָס האָט געווירקט אויף ר׳ שלמהן. ער האָט ביי מיר צוגענומען דאָס ביסל געלט, אָבער: —

— בלויז בתורת הלוואה.

מיין שלאַנקע קריסטלעכע באַגלייטערין האָט דערביי געקראָגן איר געלעגנהייט צו הערן וואָס דאָ קומט פאָר און צו זען ר׳ שלמהן פון גאָר נאָענט. ביים אַרויסגיין זאָגט זי צו מיר:

— אַזוינס האָב איך נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געזען. זאָגט מיר אַז עס איז אמת, אַז איך האָב דאָס טאַקע געזען. זאָגט מיר וואָס איז דאָס אַלץ, וואָס איז דאָס? פאַרוואָס איז דאָס אַלץ?

מיר האָט דאָס געקלונגען, ווי זי וואָלט מיך דאָ וועלן טרייסטן, ווי זי וואָלט מיך טרייסטנדיק געפרעגט און איבערגעפרעגט: „ווער איז דאָ שולדיק?“ ווי זי וואָלט געווען גרייט צו נעמען אַ טייל פון דער שולד אויף זיך. דערביי איז איר, ווייזט אויס, געוואָרן וואַרעם און זי האָט נערוועז גענומען פאַנאַנדערקנעפּלען איר וואָלענעם יאַקל און מיר האָט אין די אויגן אַריין אַ ברען־געטון אַ גאָלדן צלמל, וואָס איז פון איר שיינעם האַלדז אַראָפּגעהאָנגען איבער איר טונקל קלייד.

דער צלם וואָס צלמט זיך שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר מיט ליבע צום שכן, מיט ליבע אַפילו צום שונא, אַט דער צלם איז שולדיק. מיר האָבן געפלאַנצט אין אייער גאָרטן אַ וואָרצל פון אַ בוים אַ זיסן און גאַל און סם איז די פּרוכט וואָס וואַקסט דאָרט ביי אייך אויף אים. איז דאָ שולדיק דער גאָרטן? ווער איז שולדיק? — אינאיינעם מיט דעם ברען פון צלם אין מיינע אויגן האָבן זיך אין מיר אָנגעצונדן אָט די רייד, נאָר זאָגן זיי האָבן איך נישט געזאָגט. איך האָב געזאָגט:

— אָ, דאָס איז גאָרנישט. איר זענט דאָ צופעליק אויף אַ שיף אַ מאָדנער, אַ שיף וואָס פאָרט נישט פון לאַנד צו לאַנד, דאָס איז אַ שיף וואָס פאָרט פון האָריזאָנט צו האָריזאָנט. און איר זענט נישט שולדיק, איך בין נישט שולדיק, שולדיק איז אָט דער ייִד מיט דער באָרד. דאָס איז אַ שיף וואָס פאָרט, ווי איר האָט געזאָגט, פון זיינעטוועגן און מיר זענען דאָ בלויז צופעליקע מיטפאָרער.

7.

ווען איך בין נאָכדעם, אָוונט־צייט, אַריין אין שרייב־צימער פון דער שיף, האָט מען גענומען גיין צו מיר, ווי צו אַ גוטן־ייִדן מיט קוויטלעך. מענטשן האָבן גענומען דערציילן זייערע ביטערע פּאַסירונגען. דערצו האָבן כמעט אַלע געליטן פון אַ מורא: — און ווי, אַז מען וועט זיי נישט אַריינלאָזן קיין אַמעריקע? און ווי אויב זייערע „קרובים“ וועלן זיי נישט קומען אָפּנעמען? און צו וואָס קענען זיי זיך דאָרטן נעמען?

גוט־געקליידטע פרויען, וואָס האָבן אויסער דייטש גערעדט גוט פראַנ־

צוזיש און נישט קיין שלעכטן ענגליש, האָבן מיר אָנטשלאָסן דערקלערט, אַז זיי זענען גרייט צו ווערן הויזדינסטן. און צי רעכן איך, אַז זיי וועלן קאָנען קריגן באַשעפטיקונג אין הייזער אינאיינעם מיט זייערע מענער? און צי וועט מען זיי קענען העלפן אין דעם? — איך האָב זיי אַלעמען געטרייסט, באַרויִקט. איך האָב זיי פאַרזיכערט, אַז אויב זייערע קרובים וועלן זיי נישט קענען אָדער נישט וועלן נעמען צו זיך, וועלן זיי געבראַכט ווערן אין אַ צוגעגרייטער געביידע. מען וועט פאַר זיי זאָרגן, מען וועט פאַר זיי קריגן באַשעפטיקונג. אייניקע פון זיי האָבן געהאַט אַדרעסן פון מענטשן אויף וועסט-ענד עוועניו, צענטראַל־פאַרק וועסט, און איך האָב זיי געדאַרפט פאַרזיכערן, אַז דאָס זענען גוטע אַדרעסן. און נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל האָב איך געמוזט איבערחזרן, אַז יידישע פאַרטרעטער וועלן אָפּוואַרטן די שיף, און אַז דאָס אומגליק, וואָס האָט זיי געטראָפן, איז נישט נאָר זייער אומגליק, דאָס איז אַ גרויס יידיש אומגליק. דאָס גאַנצע פאָלק בלוטיקט מיט זיי, וויטיקט מיט זיי, אַז זיי דאַרפן זיך שטאַרקן, זיי וועלן דאָס אַריבערקומען; אַ ניי לעבן וואַרט פאַר זיי, אַ גרויס לעבן, אַ ליכטיק לעבן.

מיין געמיט איז געוואָרן שווער פון די אַלע אָנגעהערטע אומגליקן און פון מיינע אייגענע טרייסטונגען און פון דעם, וואָס די צוויי מיידלעך, וואָס פאָרן נעבעך מיט דעם „שמוציקן יודע״, זענען די גאַנצע צייט אויף געווען צווישן די פרעגער. זיי, די מיידלעך, האָבן מיר די גאַנצע צייט נישט געקענט קוקן אין די אויגן. איז דאָס געווען איבער מיין חברן זיך מיט דעם יידן מיט דער באָרד? איז דאָס געווען שולדיקייט איבער דעם, וואָס זיי האָבן פאַר מיינע אויגן געשפּיגן אויף אים? און אפשר איז דאָס געווען אַ געפיל פון אייגענער געפאַלנקייט פאַר דעם, וואָס אויך זיי און זייערע נאָענטע, ווענדן זיך צו מיר כמעט אויף דעם אייגענעם אופן ווי דער „פאַרפלוכטער יודע!״...

8.

איך בין נאָכדעם אַרויס אין דער נאַכט אויפן דעק פון דער שיף.

אַ שיף אין דער נאַכט אויפן ים, איז ווי דער מאַמעס וויג. און ווען אייער געמיט איז שווער, דאַנקט איר, דאָס גאַנצע לייב אייערס דאַנקט דער שיף וואָס וויגט אייך צווישן הימל און גרויס־צעעפנטע שטערן, וואָס זענען אַזוי גרויס און אַזוי פיל, אַזוי נאָענט און אַזוי ווייט. מיר פאַלט איין — די וויג אין וועלכער מיין מאַמע האָט מיך געוויגט איז אַראָפּגעהאנגען אויף שטריק פון דער סטעליע פון אונדזער הויז. די שיף אָבער, וואָס וויגט מיך אַצינד, ווערט ווי געהאַלטן פון שטריק, וואָס געפינען זיך אין די הענט פון אַ שר, וואָס געפינט זיך ערגעץ טיף אין די אָפּגרונטן פון ים. ווען נישט אָט די שטריק, ווען נישט אָט די שטאַרקע אָרעמס פון דעם שר, וואָלט דער ים מיט איין פאַטש פון זיינער אַ כוואַליע געקענט איינגאַנצן אַרויסשלאָגן די שיף פון ים און זי פאַרשליידערן אין דער אומענדלעכ־

כער הימל און שטעלן וועלט אַריין. דאָס וואַסער זעט איר נישט. איר הערט בלויז ווי טויזנטער צעבראָכענע פענצטער וואַרפן זייער גלאָז אויף די זייטן פון דער שיף. און וואַרפן זיך אויך אין טויזנטער איינע אויף די צווייטע, נאָענט און ווייט אַוועק פון דער שיף.

איך דערמאָן זיך אָן ר' שלמהן, אָן זיין ליבע צו גאָט, צו שבת, אָן זיין ליבע צו זיין ווייב. דאָס איז אַ ליבע, וואָס ציט זיך כמעט פון די טעג פון יעקב־אבינוס ליבע צו דער מוטער רחל. און מיר הייבט זיך אָן דאַכטן, אַז אַפּילו זיין באָרד איז ענלעך צו יעקב־אבינוס באָרד.

די דייטשישע פּליכטלינגע פירן מיט זיך גוטע דייטשישע קאַמערעס. ר' שלמה פירט מיט זיך זיין טלית און תפילין. מיט אַ קלאַפּ אין פּנים האָט ער דאָס צוריקגעקראָגן, אָבער ער זעט אין דעם אָן אצבע־אלהים. דער זשאַנדאַר וואָלט דאָך פונדעסטוועגן געקאָנט פאַרקויפן אַ ייִדן פאַר אַ ביסל געלט זיין טלית און תפילין, פונדעסטוועגן האָט ער דאָס צוריקגעגעבן .אַ פונק, אַ ניצוץ פון גאָט איז נאָך פאַראַן דאָ אין יעדן מענטשן, אַ השגחה איז פאַראַנען.

ווען דער נבוזרדן וועט טרייבן די ייִדן אין גלות, וועלן זיי פאַרבייגיין דער מוטער רחלס קבר. קול ברמה נשמע — די השגחה האָט דאָס פאַרויסגעזען, זי האָט אין פאַראויס אויסגעלייגט די נייטיקע וועגן און אַפילו אַ נייטיקן קבר אויף די וועגן געשטעלט.

און אַזוי זיצנדיק אין דער נאַכט אויף דער שיף וואָס וויגט, אויף דער שיף וואָס וואַרפט, נעם איך מיטפילן מיט די צוויי מיידלעך און מיט די אַלע אַנדערע, וואָס האָבן זיך מיט כעס און מיט אָפענעם עקל אָפּגעקערט פון ר' שלמהן. דער נבוזרדן טרייבט און זיי פילן זיך נישט שולדיק. שולדיק דאַרף זיך פילן ר' שלמה, פאַר זיך און פאַר כלל־ישראל; שולדיק פאַר זייער פאַרפייניקטן ברודער, פאַר זייערע שפּורלאָז־פאַרשוווּנדענע טאַטע־מאַמע. שולדיק פאַר אַלע דערנידעריקטע און פאַרפייניקטע און דערפאַר קערן זיי, און די אַנדערע וואָס מיט זיי, זיך אָפּ מיט כעס און מיט עקל פון ר' שלמהן.

נישט זיי זענען שולדיק, האָב איך גענומען טראַכטן. עס איז אַן אומגליק־לעכע מעשה: — אַ טערק איז געקומען אין אַ שטעטל צו באַקן צוקערגעבעקס, בייגעלעך, קאָרן־ברויט און פוכיקע בולקעלעך אַלערליי.

— —

איז ווער איז דאָ שולדיק?

נישט זיי, די אומגליקלעכע ייִדישע טעכטער, זענען דאָ שולדיק אין זייער שפּיי אויף ר' שלמהן. —

האָב איך גענומען טראַכטן, שולדיק איז דאָ געווען די רבנישע באָרד. אָט די באָרד איז דאָך שולדיק אין אַלע זייערע אומגליקן, ווייל עס איז דאָך אָט די באָרד, וואָס טראָגט אַזוי אָפט אין דער וועלט אַריין דעם חותם ייִד, דער סימ־באָל פון זייער אומגליק.

אָט די ייִדישע באָרד איז ביי די אומגליקלעכע מענטשן געוואָרן אַ מאַניע. אַזאַ. זיי טראָגן נישט קיין באָרד, זייערע פריינט טראָגן נישט קיין בערד, זיי זענען אויס ווי דייטשן, זיי האָבן ליב דייטשלאַנד ווי די דייטשן, איז פאַרוואָס דען זענען זיי אַזוי באַרויבט געוואָרן, אַזוי דערנידעריקט געוואָרן און טראָגן זיך געיאָגטע איבער לענדער, איבער ימען? פאַרוואָס ווייסן זיי נישט וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג וועט זיי ברענגען? ווער איז שולדיק אין דעם אַלעם?

נישט זיי, נישט איך, נישט אַפילו די דייטשן די נאַציס. די נאַציס, דאָס זענען שונאים, וואָס מען האָט ערגעץ באַהאַלטענערהייט ליב, מען וואָלט זיך וועלן צו זיי אַריינחנפֿענען. זייער אמתער שונא, זייער אמתער אומגליק איז די ייִדישע באָרד. זי מאַכט קאַליע זייער מערכה, זי איז דער אמתע אבן־נגף און דערפֿאַר אַזויפֿיל גאַל, אַזויפֿיל ביטערקייט אויף אַ מענטש וואָס איז זיי גאָרנישט שולדיק. און וואָס שענער, וואָס פּראָמינענטער עס איז זיין באָרד, אַלץ ערגער, ווייל די באָרד, די באָרד איז שולדיק.

זאָלן זיך דערבאַרעמען אויף אייך דער הימל, זאָלן זיך דערבאַרעמען די שטערן. און דער ים — זאָל ער אויפהערן שלאָגן זיינע וואַסערן ווי זיי וואָלטן געוועז אַנגעפילט מיט צעבראָכענעם גלאָז, מיט גלאָז פון צעבראָכענע פענצטער. צעבראָכענע פענצטער רעדן פון בראָך, רעדן פון אומגליק, פון ייִדישן אומגליק. עס איז נאַכט און וועלטן מיט שטערן זענען אויפן ים. שלאָפט, טעכטער, אומגליקלעכע ייִדישע טעכטער! גרויס איז אייער ווייטיק און שווער איז אייער פּיין. אייערע בעסטע האָפענונגען זענען צעבראָכן. און ווי אַ שרעק־געשפּענסט קוקט אויף אייך דאָס פּנים פון אַ ייִדן מיט אַ באָרד.

(„צוקונפט“, פעברואַר, 1944).

פֿארבליבענע כתבים

באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ

1.

שליאַכן ציִען אויף אַלע זייטן פון דער אוקראַיִנער שטאָט, וואָס ברוסילאָוו איז איר נאָמען. אין געוויינלעכע טעג ליגן די אַלע שליאַכן ווי פּענכערס איינגעפּאַלענע, ווי גערעדרים איינגעדאַרטע, ליגן אַזוי צעקנייטשט און אָטעמלאָז צעוואָרפן איבער מייליקע פעלדער, איבער נענטערע און ווייטע וועלדער אַלערליי. ערב אַ יאַריד אָבער נעמען די אַלע שליאַכן זיך אָנפילן, נעמען פולסירן מיט וועגענער פון סוחרים, מיט וועגענער פון פויערים, מיט צאָלן פערד, מיט צאָלן קי, מיט מעקעדיקע שאָף, מיט קוויטשענדיקע חזירים, מיט פוסגייער און מיט רייטער וואָס טרייבן זיי מיט אויסרופן, מיט געשרייען, מיט שטעקנס און מיט קנאַלנדיקע בייטשן.

דורך אָוונט און דורך נאַכט פאָרן זיי אַזוי. גייען און פאָרן און טרייבן דורך פעלדער און דורך וועלדער פון נאָענטע און ווייטע שטעט און פּילצאָליקע דערפער — און אויף מאָרגן איז ברוסילאָוו נישט קיין שטעטל, נישט קיין שטאָט, נאָר אַ באַוועגלעכער מדבר, אַ מענטשן־מדבר, — אַן אָקסן־מדבר אין איין אָרט, און אַ מדבר פון פערד אין אַ צווייטן. און אָט גאָר אַ מדבר פון צעשטעלטע וועגענער מיט כל־טוב, אָנגעבראַכט פון אָן אַ שיעור פעלדער און דערפער און שטעט.

איבער דער ענגשאַפט מוזן אַלע אויסגעשפּאַנטע וועגענער אויפהייבן זייערע דישליעס ביז הויך אַריבער די וועגענער — כאָטש נעם און פאַרצי פאָנען איבער זיי. — דאָ און דאָרטן — בערג מיט קאַוואָנעס, בערג מיט דיניעס, בערג מיט קעפּלעך קרויט, בערג מיט פרישע גרינע אוגערקעס, גרינע און רויטע פּאָמידאָרן; אָנגעהויפטע וועגענער מיט עפּל, מיט באַרן, פלוימען, ווײַנשל, רויטע און שוואַרצע פּאָזעמקעס און יאַגדעס אַלערליי. — ווי אין אַ מדבר שטייען דאָ און דאָרט צעוואָרפן אויפגעשטעלטע לייוונטענע געצעלטן, געשטעלן פון אָנגעבראַכטע סחורות — פּאָר שטיוול־פאַרקויפער, פעלצן־פאַרקויפער, געוואַנטן־פאַרקויפער, פאַרקויפער פון ציץ, לייוונט און טריקאָט, פאַרקויפער פון זיידענע לענטעס און פאַרביק־געבלימלטע וואָלענע טיכער. און וועגענער זענען פאַראַן מיט פויערים און פויערטעס וואָס האָבן געבראַכט צו פאַרקויפן הינער, אייער, ווייץ און קאָרן,

ציגעלעך און ווייסע קראַליקעס אַפּילו. פאַראַן אויך געשטעלן פון קאַצאַפּעס וואָס פאַרקויפן בילדער פון דעם קיסר מיט די קיסריניע, בילדער פון יעזוס, פון דער הייליקער מאַמע און אויך קעמלעך און שמעקנדיקע זייף, און אויך גרויסע און קליינע האַרמאָניקעס. די קאַצאַפּעס שפּילן אָפּט אויף איינער פון זיי. זיי טאַנצן אויך אונטער, זינגען אונטער, ביז זיי זאַמלען צונויף אַ גרויסן עולם אַרום זיך און נעמען זיך נאָכדעם שרייענדיק פאַרקויפן זייערע סחורות.

אָנהייב טאָג איז נאָך פאַראַן אָרט פאַר אַלעמענס קולות. מיטן אַקסן פון טאָג ווערט ברוסילאָוו אַ מדבר פון קולות, געמישט מיט וואַקסנדיקן שטויב וואָס הייבט זיך פון מענטשן, פון רעוועדיקע, הירזשנדיקע און קוויטשנדיקע חיות און פון עופות. אין די הייסע זומער־טעג גאָלדיקן זיך אין דער לופטן די קולות אין דעם שטויב און פאַלן צוריק אין די אויערן און אין די מיילער און אין די העלדזער פון די מענטשן: דיקער און טרוקענער ווערט פון דעם די הויט פון גומען און פון צונג, ענגער ווערט אין האַלדז. — מענטשן אַלץ אָנגעלאָפענע פון דער פרעמד, מענטשן, וואָס לעכצן אַלץ צו קויפן און פאַרקויפן. מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין צייט, וויסן נישט ווו צו נעמען אַ טרונק וואַסער אויף צו באַנעצן דעם גומען.

אויף יענער זייט שליאַך, אויפן באַרג וואָס איז פאַרשטעלט מיט דער שול, מיטן קלויסטער און מיט אַ שורה הילצערנע קראָמען איז פאַראַן דער ברוסילאָווער טייך. גוט נאָך וואָס דער קלויסטער, די שול און די אַנטקעגנדיקע קראָמען פאַרשטעלן דעם טייך פון די אויגן, פאַרגעסט מען אָן אים. וואָרעם ווער קאָן איבערלאָזן זיין געשטעל, ווער קאָן איבערלאָזן דעם וואָגן, ווער קאָן איבערלאָזן די סחורה, ווער קאָן איבערלאָזן די קונים?... ווי אין אַ מדבר אָן וואַסער שמאַכטן די מענטשן.

איז אָבער אין דער שטאָט ברוסילאָוו געווען אַ ייִד אַזאַ: אַ נישט הויך־געוואַקסענער, אַ ברייט־געבויטער, מיט אַ קורצער שטאַרקער באָרד וואָס איז אים געוואַקסן רונד אַרום זיין רונדן פּנים. פלעגט מען אין אַזוינע טעג זען אַט דעם ייִדן גיין באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ מיט צוויי אָנגעפילטע ערדענע טיקוועס וואַסער אין זיינע הענט.

— ווער איז ער דאָס געווען דער ייִד? — צוליב וואָס האָט ער דאָס געטון דער ייִד?

— דאָס איז געווען דער ייִד — יאַנקל פּירניק. ער פלעגט דאָס אַזוי טון דעם גאַנצן גייענדיקן טאָג, גיין צוריק צום טייך וואָס אונטערן באַרג, אָנשעפּן דאָרט דאָס פרישע וואַסער פון דעם טייך אין זיין טיקווע און נאָכדעם אַרויפגיין און אַריינגיין צווישן די געשטעלן און די וועגענער פון די פרעמדע און גיבן יעדן פון די דאָרשטיקע אַ טרונק אויף צו דערקוויקן דאָס לייב, און נאָכדעם ווידער גיין באַרג־אַרויף און אַראָפּ אויף אָנצופילן זיין טיקווע. און אַזוי דעם גאַנצן טאָג.

אָנגעהויבן האָט טאַקע יאַנקל פּירניק מיט בלויז איין טיקווע. — ער איז זיך איינמאָל אין אַ יאַריד־טאָג אַראָפּ צום טייך אָנצושעפּן פאַר זיך אַ ביסל פרישע וואַסער פאַר זיין שול, ווו ער איז געווען דער משגיח. וואָרעם דאָס וואַסער פון די ברונעמער אין דער שטאָט איז נאָר געווען גוט אויף צו וואַשן און דאָס וואַסער פון דעם שטעטלשן טייך איז געווען זיס און גוט צו טרינקען. און אַזוי גייענדיק צוריק צום שול האָט ער געקוקט אויף די מענטשן וואָס האָבן און שמייען, און שטויב איז די שפּייז פון זייערע מיילער. אַ רחמנות האָט אים באַנומען, און אָט אַזוי איז ער איינמאָל געבליבן שטיין פאַר אַ געשטעל, — אַ ייִד וויל פאַרקויפן צו אַ פאָר פּויערים זיין סחורה. זיינע ליפּן זענען געווען טרוקן און פאַרהאַרטעוועט. טרוקן איז אויך דאָס קול זיינס. דער ייִד האָט ממש ווי אַ דאַרשטיקע חיה דערשמעקט דאָס וואַסער און געווענדעט זיין לעכצנדיקן בליק צו דער טיקווע וואָס אין יאַנקלס האַנט.

— נאַ, טרינק! — האָט אים יאַנקל דערלאַנגט די טיקווע. און אַרויסגעקומען איז דאָס, אַ ווי אַ באַפעל, אַ ווי אַ כעס אויף אַ מענטשן וואָס פאַרמוטשעט זיך אַזוי.

— אַ ברכה אויף אייער קאָפּ — האָט דער ייִד אויסגערעדט, אָננעמענדיק די טיקווע, זיך אָנגעטרונקען און צוגעלייגט:

— גאָט אַליין האָט אייך צוגעשיקט, — און נאָכדעם אים דערלאַנגט אַ מטבע.

יאַנקל האָט ווידער אָנגעקוקט דעם ייִדן, אַ לייכטן און גוטמוטיקן שמייכל געטון, זיך אָפּגעקערט און אים איבערגעלאָזן מיט דער מטבע אין האַנט. און נאָכדעם האָט דאָס אייגענע געטראָפן מיט אַ צווייטן ייִדן, מיט אַ דריטן, און אַזוי ביז ער האָט געדאַרפט גיין ווידער אָנשעפּן אַ נייע טיקווע וואַסער און נאָכדעם, נאָך איינע און נאָך איינע, און אַזוי איז שוין אַוועק דער גאַנצער טאָג.

האָט שוין יאַנקל דאָס געמאַכט פאַר אַ חוק, צו גיין אַזוי מיט דער טיקווע באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, יעדן זומערדיקן יאַריד־טאָג.

איינמאָל אָבער האָט אים אָפּגעשטעלט אַ פּויער. פאַרטריקנט איז געלעגן אַ ווייסער שוים אויף זיינע פאַרשמאַכטע ליפּן:

— ייִדל גוטער, גיב אַ טרונק וואַסער. האָב רחמנות, גיב!

יאַנקל האָט אָנגעקוקט אַ מינוט דעם פּויער. אַ טראַכט געטון — ער וועט טריף מאַכן די טיקווע, — ער האָט געווים געגעסן חזיר. און ער האָט זיך געשטאַרקט: — אַ גאָטס באַשעפעניש בעט אַ טרונק... — און ער האָט אים דערלאַנגט די טיקווע.

נאָכדעם איז ער דעם טאָג מיט דער טיקווע שוין בלויז געגאַנגען פון פּויער צו פּויער און יעדן דאַרשטיקן באַפעלט אויף זיין שטייגער:

— נאַ, נעם אַ טרונק!

דעם צווייטן יאַריד נאָכדעם, איז שוין יאַנקל אַרויס מיט צוויי טיקוועס:

איינע פאַר די פּויערים און איינע פאַר די ייִדן. די טיקווע פאַר פּויערים איז געווען אַ גרעסערע, ערשטנס, ווייל פּויערים זענען דאָ מער און דערצו איז דער פּויער אַזוי באַשאַפן אַז ער נעמט טאַקע אַ גרעסערן טרונק.

און אַזוי האָט מען שוין פאַר יאָרן נאָכדעם דעם ייִדן יאַנקל פּירניק אין די טומלדיקע הייסע יאַריד־טעג געזען גיין באַרג־אַרויף באַרג־אַראָפּ, מיט צווייי טיקוועס אַראָפּהענגענדיק פון זיינע ביידע הענט.

נאָר די עלטער וואַרט טאַקע. אוודאי וואַרט זי, אָבער אַפילו ווען זי וואַרט — קומען קומט זי פאָרט. און אַפילו ווען שטאַרק און פעסט האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן די רונדע באָרד אַרום יאַנקלס רונדן פּנים, האָבן זיך אָבער פאָרט מיט די יאָרן גענומען ווייזן און מערן גראָע האָר אין איר. און ווען יאַנקל פּירניק האָט דערפילט אַז ער מוז זיך פון מאָל־צו־מאָל אָפּשטעלן ביים גיין באַרג־אַרויף מיט די צוויי־אָנגעפילטע ערדענע טיקוועס אין זיינע הענט, האָט ער באַשלאָסן, אַז איידער צו גיין אַזוי לאַנגזאַם מיט צוויי טיקוועס איז שוין בעסער צו גיין מיט איינער בלויז. און... אַז די איינע דאַרף זיין דווקא — די גוייִשע. ערשטנס קענען זיך ייִדן אין אַ ייִדישער שטאָט אַן עצה געבן, אויב זיי ווילן גאָר שטאַרק, און צווייטנס זענען דאָך די פּויערים אפשר הונדערט נפשות צו איין ייִדן, און פרעמדע און צעשראָקענע זענען זיי. און עס שטייט דאָך אויך בפירוש געשריבן: „אחרי רבים להטות״...

די ייִדן האָבן געהאַט אָפּשיי פאַר יאַנקלען און האָבן, צו אים חלילה, קיין טענות נישט געהאַט. אייניקע פלעגן נאָך אַפילו אַ טראַכט־טון, אַז אַ נסתר איז דער יאַנקל און אויב ער טוט אַזוי ווי ער טוט איז מן־הסתם גוט אַזוי. די פּויע־רים האָבן דעם ייִד יאַנקל שוין לאַנג געהאַלטן פאַר אַ הייליקן, ווי ער וואָלט אַראָפּגעקומען פון די הייליקע בילדער וואָס אויף זייערע קלויסטער־ווענט. זיי פלעגן זיך איבערציילעמען נאָך זיין אָפּגיין פון זיי און אים נאָכקוקן אַ מינוט. זיי האָבן מיט דער צייט פאַרגעסן, אַז ער הייסט יאַנקל פּירניק, און גאַנץ פרום און האַרציק פלעגן זיי אים צווישן זיך אָנרופן „דער הייליקער יאַנקל״, אָדער „דאָס הייליקע ייִדל״, „דער הייליקער פּירניק״. דאָס וואָס ער פלעגט פון זיי קיין מתנות נישט וועלן אָננעמען, נישט קיין איי, נישט קיין ביסל פּרוכט אַפילו, און דאָס וואָס ער פלעגט נאָך דערביי אַרויסווייזן אַ מין בייזקייט, האָט זיי, לכתחילה, פאַרדראָסן און באַליידיקט. נאָכדעם האָבן זיי זיך אָבער דאָס אויסגעלערנט צו פאַרשטיין. און דאָס האָט נאָך שטאַרקער פאַרפעסטיקט זייער געפיל, אַז אַ היי־ליקער גייט דאָ אַרום אויף דער ערד צווישן זיי, פון אונטערן באַרג, אויפן באַרג און אַראָפּ באַרג קומט ער צו זיי. אַ גאָטס בענטשונג.

יאָרן זענען אַזוי געגאַנגען. ווייניק מענטשן האָבן געוווּסט, אַז פּירניק איז נישט יאַנקלס אמתער נאָמען, אַז דאָס איז אַ בייזער צונאָמען, וואָס האָט גע־שפּילט ביטערע שפּילן אין יאַנקלס נאָמען און אַז יאַנקל טראָגט דעם נאָמען פּירניק, ווי אַ דערנער־קראַנץ אויף זיין קאָפּ. אַ דערנער־קראַנץ, וואָס ער האָט

נאָכדעם איבערגעענטפערט אויך צו די קינדער און קינדס־קינדער, וואָס זענען אַרויס פון זיין דיך.

פון וואַנען און ווי אַזוי האָט זיך צו יאַנקלען גענומען דער נאָמען — פּירניק?

אַ מעשה וועגן פּויער

יאַנקל פּירניק איז אַרויסגעקומען פון אַ משפּחה בעקערס. דער טאַטע האָט געבאַקן ברויט, בולקעס און אויך קאַפּידיקע צוקער־געבעקס פאַר די פּויערים, וואָס פלעגן קומען אין שטאָט אויף מאַרק־טעג און יאַרידים. די פּויערים זענען געווען פאַררעכנט פאַר נאַראָנים, פאַר פרעסערס און פאַר נאַשערס. דאָס פאַר־שיידנפאַרמירטע צוקער־געבעקס האָט אויף דעם אוקראַאינישן פּויערישן לשון געהייסן: פּירניקי.

עס פלעגט וועגן זיי געזאָגט ווערן, אַז: נאָכדעם ווי אַ פּויער פאַרקויפט זיין ביסל סחורה, קויפט ער זיך אַ ברויט און אַ הערינג, שניידט פאַר זיך אָפּ אַ האַלבן ברויט און אַ האַלבן הערינג און באַהאַלט גלייך אין זיין וואָגן אין אַ זאַק דעם צווייטן האַלבן ברויט און הערינג. דאָס באַהאַלט ער אויף צו ברענגען אַהיים צו זיין ווייב און קינדער. און ער טוט דאָס נאָך איידער ער זעצט זיך עסן, ווייל ער האָט מורא, אַז אויב ער באַהאַלט דאָס נישט, קאָן אים נאָך אָנפאַלן אַ חשק צו וועלן אויפעסן דיביידע האַלבע און ער וויל אַז זיי זאָלן טאַקע אויך פאַרזוכן דעם טעם פון שטאָטישן ברויט און פרישן הערינג. ווען אָבער ער עסט אויף זיין האַלבן ברויט און האַלבן הערינג דערפילט ער זיך ערשט רעכט הונגעריק. קאָן ער זיך נישט העלפן — ער מוז אַרויסשלעפן פון זאַק דאָס באַהאַלטענע ברויט און הערינג בלויז צוליב נאָך אַ ביס אָדער צוויי; אָבער מיט יעדן ביס צעברענט זיך אים דער הונגער אַלץ שטאַרקער און איידער ער קוקט זיך אום האָט ער שוין נישט וואָס צו ברענגען אַהיים און דער הונגער אין די געדערים מאָנט פון אים אַלץ נאָך מער. קאָן ער זיך נישט איינהאַלטן, לייגט אַריין די האַנט אין קעשענע, טאַפּט די פאַר איבערגעבליבענע מטבעות. דאָס געלט איז אים אַן עבירה, אָבער אַז ער איז פאַרט הונגעריק, נעמט ער און קויפט זיך אַ שיסל „כאָלאָדעץ" און אַז ער עסט דאָס אויף איז ער נאָך אַלץ הונגעריק, און אין קע־שענע איז שוין געבליבן בלויז איין איינציקע קאָפּיקע. חשבונט ער און טראַכט שווער: פאַרוואָס בין איך נאָך אַלץ הונגעריק? צוויי האַלבע ברויטן אויפגעגעסן, צוויי האַלבע פון אַ גרויסן פעדרישן הערינג אינאיינעם מיט דער שאָלעכץ און מיט די ביינער אויפגעגעסן, אויפגעגעסן אַ גאַנצע שיסל „כאָלאָדעץ" מיט אַ בולקע — און נאָך אַלץ הונגעריק. און אַזוי חקירענדיק און האַלטנדיק די איינציקע קאָ־פּיקע אין זיינע הענט נעמען זיינע פיס אים אַליין טראָגן צום טישל מיט די צוקער־געבעקס, ביי וועלכן עס זיצט יאַנקל פּירניקס מאַמע, און קויפט ביי איר

פאַר דער קאָפּיקע אַ לעקעכל, עסט דאָס אויף און דערפילט גראַד גלייך נאָכדעם אַז איצט איז ער זאַט.

נעמט זיך דער פּויער דאָ קראַצן אין קאָפּ: — אָט אַ נאַר, אַ נאַר! אַ קאָפּ אַ נאַרעשער... — אָט ווען איך וואָלט אָבער געהאַט שכל און באַלד געוועזן געקויפט אָט־דאָס שטיקל צוקער־געבעקס, וואָלט איך דאָך געהאַט אי געלט אַ ביסל און דערצו געקענט ברענגען אַ היים דער ווייב מיט די קינדער אַ גאַנצן ברויט און אַ גאַנצן הערינג...

***

יאַנקל מאַמע פלעגט זיצן אויפן מאַרק מיט אַ טישל געבעקס. יאַנקל איז כמעט אויסגעוואַקסן לעבן אָט־דעם צוקער־געבעקס טישל. די מאַמע פלעגט דאָ אין מאַרק ביי דעם טישל פאַר דעם פּנים פון די אַלע קויפער אַרויסנעמען איר ווייסע ברוסט, פול גערונדיקט מיט מילך און אים געבן זויגן. פול גערונדיקט און שיין איז זיך דאָס קינד געלעגן ביי דער ברוסט ביי וועלכער די מאַמע האָט אים אונטערגעהאַלטן מיט איין האַנט; מיט דער צווייטער האַנט און מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן פלעגט זי פאַרקויפן דאָס צוקער־געבעקס, נעמען געלט און געבן אויסגאַב צו די פּויערים. אַרום טישל פלעגט געוויינלעך שטיין אַ האַלבער קרייז מיט פּויערים. זייערע אייגענע ווייבער פלעגן אויך אַזוי אָפן פאַר אַלעמען אויפן מאַרק זויגן זייערע קינדער, אָבער דאָ, אַ ייִדישקע, ביי אַ טישל פון פאַרשיידן־פאַרמיקע און פאַרשיידן־פאַרביקע צוקער־געבעקס אַרום וועלכן זיי פלעגן זיך אָפּשטעלן און עסן מיט די אויגן אַלץ איידער זיי באַשליסן אויף וואָס אויסצוגעבן זייער קאָפּיקע, האָט די ייִדישקע געגומען אויסזען ווי גאָטס מאַמע און דאָס שיינע קינד ביי איר בריסט ווי — — — גו, גו — — — עס האָט געגומען אויסזען — — — ווי אַ צוקער־לעקעכל. עס האָט געכישופט, געלאָקט און איינ־איינעם מיט דעם ביסל צוקער־געבעקס, געשמעקט, ווי אַן אמתער פּירניק.

2.

ווען יאַנקל איז נאָר אַריין אין די נאָך יונגע ייִנגלשע יאָרן פלעגט ער שוין אַרויסהעלפן דער מאַמען אין די מאַרק־טעג און יאַריד־טעג אָדער גלאַט אַזוי שטיין לעבן איר.

אין די טעג פון די גרויסע יאַרידים פלעגט דער טאַטע פאַר דעם קינד אויפשטעלן אַ באַזונדער טישל, אַ ביסל אָפּגערוקט פון דער מוטערס.

דאָס צוקער־געבעקס פלעגט אויף אַ פאַראייִנפאַכטן אופן געמאַכט ווערן לויט די פאָרמען פון די פערדלעך, פון פיש און פון פייגל, האַלבע לבנות און פון זונען. זיי פלעגן אויך אַקצענטירט ווערן מיט פאַרב־ שמירעכץ, אויף צוצו־

געבן כאַראַקטער און לעבעדיקייט. אַ פערדל־געבעקס פלעגט איבערגעצויגן ווערן מיט אַ רויט האָריזאָנטאַלן פּאַסיקל; נאָכדעם איז געקומען אַ פּינטל פאַרן אויג, אַ קורץ פּאַסיקל פאַרן אויער, אַ פּאַסיקל אויף צו צעטיילן די בײדע העלפטן פון מויל און אַ פּאָר ווערטיקאַלע פּאַסיקלעך פאַר די פיס. אַ פישל ווידער פלעגט האָבן אַ רויטן האַלב־רונד, אויף אָפּצוצייכענען דאָס קעפּל, אַ רויט פּינטל פאַר אַן אויג און אַ פּאָר ווערטיקאַלע, ברייט צעקרימטע בלויע פּאַסיקלעך פאַר כוואַ־ליעס, עס הייסט, אַז דאָס לעקעכדיק פישל איז אַ פישל, וואָס האָט נאָר־וואָס אַרויסגעשטעקט דאָס קעפּל פון וואַסער. אויף אַן ענלעכן אופן זענען אויך געווען אָפּגעמאָלן די פייגל און די אַנדערע לעקעכלעך.

דאָס ייִנגל, יאַנקל, האָט ליב געהאַט צו קוקן אויף אָט די „לעבעדיקע“ חיות — טאַקע צוקערדיקע, אָבער זעט — די פערדלעך לויפן, די פישלעך שווי־מען, די פייגל פליִען, די זונען און די לבנות שײַנען. ער פלעגט ליב האָבן צו זען ווי די פויערים שטעלן זיך אויס אַרום זיין טישל און ווי גרויס און שווער זיי זענען, קוקן זיי ווי זיי וואָלטן אויך קלײנע ייִנגלעך געווען, קלײנע קינדער געווען. עס איז פאַר זיי אַ פרייד, ווי פאַר אים, פאַר יאַנקלען, צו קוקן און זען ווי עס לויפן, שטייען און ליגן פערדלעך אויף זיין טישל, ווי עס שווימען זיסינקע פי־שעלעך, ווי עס פליִען פייגל, ווי עס לייכטן זונען און לבנות. און אַ פאַרוואַנד־שאַפט אַזאַ שטייט אויף צווישן אים און די פויערים. און עס געפעלט זיי וואָס זיי האָבן אים נאָך אַלס זייגקינד אַ נאָמען געגעבן: פירניק. און זיי האַלטן אַן דעם נאָמען. און אַפילו די מוטער הייבט ביי זיי אַן הייסן: פירניקס מאַמע און דער פאָטער — פירניקס טאַטע. פירניק איז געוואָרן דער צונאָמען פון דער משפּחה.

3.

די צרות פאַר יאַנקלען מיט דעם צונאָמען האָבן זיך אָנגעהויבן ווען ער האָט גענומען גיין אין חדר. אַ ייִנגל פון אַן אָרעמען פּשוטן בעקער, דערצו נאָך מיט אַזאַ גרייטן אָפּלאַכנדיקן צונאָמען.

עס האָט געהייסן: — איז ער דען אַ ייִנגל? ער איז דאָך אַ פירניק.

— זיץ נישט לעבן דעם פירניק.

— שטיי נישט לעבן דעם פירניק.

ווי באַלד עפּעס: — איי, דו פירניק אײנער!

אַפילו דער מלמד פלעגט אויף אים אַמאָל אַ געשריי־טון: — פירניק.

און עס פלעגט ביי דעם מלמד אַרויסקומען מיט אַזאַ כעס, ווי ער, יאַנקל, וואָלט מיט דעם באַצייכנט געוואָרן אַלס אַן אומגליק. דער גליק פון אַלעמען איז באַר דאָס וואָס די גאַנצע וועלט ווייסט שוין, אַז ער, יאַנקל, איז אַ פירניק.

יאַנקלען איז פון דעם מיט יעדן טאָג געוואָרן ביטערער דאָס לעבן.

— פאַרוואָס האָבן די פויערים אים אַ נאָמען געגעבן — פירניק?

אָבער אין זיין ייִנגליש הערצל האָט יאַנקל געוווּסט, אַז די פּויערים מיינען נישט קיין שלעכטס. מען קען דאָס זען פון דעם אופן ווי זיי קוקן אויף אים. אָבער וויבאַלד אַזוי, זענען דאָך אויך די ייִנגלעך נישט שולדיק, זיי האָבן דאָך נישט אויסגעטראַכט אָט־דעם נאָמען. עס איז דאָך אמת, אַז נישט זיי, נאָר די גוייִם האָבן אים געגעבן דעם נאָמען: פּירניק.

4.

ווער עס איז דאָ שולדיק, האָט טאַקע יאַנקל נישט געוווּסט, אָבער הענט האָט גאָט געגעבן יאַנקלען אַזוינע וואָס האָבן נישט נאָר געקענט שיין אויסלייגן די פערדעלעך, די טייבעלעך, די פישעלעך און די אַנדערע צוקער־געבעקס אויף זיין טישל אויפן מאַרק, נאָר דאָס זענען אויך געווען אַזוינע הענט, וואָס פלעגן קענען דערלאַנגען שטאַרקע קלעפּ ווען מען האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַ גרויסן כעס. פלעגט יאַנקל דערפאַר אָפּט אַזוי צעשלאָגן אַ פּאָר ייִנגלעך, אַז דער רבי פלעגט שמייסן, אי די מאַמעס פון די צעשלאָגענע ייִנגלעך פלעגן קומען מיט קולות צו זיין מאַמען, דער בעקערין, און צו זיין טאַטן, דעם בעקער, אַז די גאַס פלעגט ווערן אויף. זיין טאַטע דער בעקער האָט געהאַט אַזוינע גרויסע שטאַרקע הענט, אַז עס איז געווען אַ שרעק צו כאַפּן קלעפּ פון זיי. שלעכט און ערגער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס דער טאַטע האָט דווקא געוואָלט אַז יאַנקל זאָל שרייען און געוואָלט האָט דער טאַטע, כדי מען זאָל אין דרויסן הערן און וויסן, אַז ער, דער בעקער יחיאל פּירניק, וועט נישט דערלאָזן, אַז עס זאָל ביי אים אויסוואַקסן אַ זון — אַ „ראַזבאָיניק״. יחיאל האָט מורא געהאַט, אַז אויב עס זאָל זיך, גאָט באַהיט, וועגן אים פאַרשפּרייטן אַזאַ שם, קאָן ער דאָך, חלילה, פאַרבלייבן אָן פּרנסה. די קלעפּ פלעגט יאַנקל כאַפּן איבער די מאַמעס פון די פאַרמעגלעכערע קינדער — צי דערפאַר, וואָס די אָרעמערע מאַמעס פלעגן נישט געפינען פאַר נייטיק צו קומען שרייען, צי דערפאַר, וואָס יאַנקלען פלעגט אַלץ אויסקומען צו שלאָגן דווקא די קינדער פון די פאַרמעגלעכערע, איבער אַ באַזונדערע שנאה צו זיי. אָבער די קלעפּ פלעגן פּאָרט קומען איבער די פאַרמעג־לעכע מאַמעס .יחיאל פּירניקס גאַנצע פּרנסה איז געווען אָנגעווענדט אויף זיי, די פאַרמעגלעכערע. וואָרעם די אָרעמע ווייבער פלעגן אַליין באַקן זייער ברויט, און דער זינדל, דער יאַנקל זיינער, האָט זיך דאָ אָנגעזעצט נישט אַנדערש, אים אומצוברענגען. אויספירן אָבער, אַז יאַנקל זאָל שרייען האָט דער פאָטער פּאָרט נישט געקענט. דאָס איינציקע, וואָס דער פאָטער פלעגט יאָ דערגרייכן, איז געווען דאָס וואָס די מאַמע פלעגט זיך וואַרפן מיט איר לייב צו באַשיצן איר קינד און ווי זי וואָלט געוווּסט, וואָס דער פאָטער וויל, פלעגט זי, אַנשטאָט יאַנקלען, נעמען שרייען מיט באַנומענע קולות:

— גוואַלד, גוואַלד, ייִדן, ראַטעוועט! ער דערהרגעט מיר מיין קינד! ווי איז מיר! ווינד איז מיר! ראַטעוועט! ראַטעוועט!

יאַנקל פלעגט שוין דעמאָלט ליגן כמעט אַ טויטער אין אירע אַרומגעכאַפּטע אָרעמס. דיביינער האָבן זיך, דאַכט זיך, צעבראָכן אונטערן טאַטנס גרויסע שווערע הענט, אָבער שרייען, — דאָס נישט. ערשט אַז דער טאַטע הערט אויף שלאָגן, און די מאַמע הייבט אָן שרייען, הייבט יאַנקל אָן וויינען און לאָזט דער מוטער אים טוליען צו איר גוף, צו איר ווייך מאַמע־לייב. עס וואָלט זיך אים גאָר איינגאַנצן ווילן אַזוי צוריק אַריינגעקלעפּט ווערן אין איר לייב און דאָרט בלייבן און גאָר איינגאַנצן נישט געבוירן ווערן. בעסער דאָרט ליגן און טראַכטן און פרעגן ביי דעם מלאך, וואָס לערנט תורה מיט די קינדער, וואָס זענען נאָך אין דער מאַמעס בויך: פאַרוואָס איז דאָס אַלץ אַזוי? דער טאַטע שלאָגט ווייל איך שלאָג די קינדער אין חדר. איך שלאָג זיי, ווייל זיי רופן מיך: פּירניק. זיי רופן מיך פּירניק, ווייל די גויִים האָבן מיר אַזאַ צונעמעניש געגעבן. די גויִים האָבן מיר אַזאַ נאָמען געגעבן איבער זייער גוטסקייט צו מיר — איז ווער איז דאָ פאַרט שולדיק? און דער טאַטע האָט אַזוינע גרויסע שטאַרקע הענט און עס איז דאָך גוט צו האָבן אַזאַ טאַטן. אָבער צעבראָכן זענען איצט מיינע ביינער פון דעם און ווינד און ווי איז מיר פון דעם. און איך קען מער נישט איינהאַלטן דאָס געוויין פון מיין מויל און די טרערן פון מיינע אויגן, — פאַרוואָס איז דאָס אַלץ אַזוי? דער מלאך ווייסט דאָך אַלץ. מען דאַרף זיך נאָר נישט לאָזן פון אים אַ פּאַטש־טון איבערן מויל ביים געבוירן ווערן, וואָרים נאָך אַט־דעם פּאַטש פאַרגעסט מען דאָך אַלץ. ווען נישט אַט דער פּאַטש וואָלט ער, יאַנקל, דאָך גאָר אין חדר נישט געדאַרפט גיין און ער וואָלט געקאָנט לערנען תורה מיט אַלעמען. מיט אַלע יִינגלעך פון חדר און אַפילו מיטן מלמד, מיטן רב און מיטן רבין. און ער וואָלט געקענט ענטפערן אַלעמענס שאלות. אַי, ווי גוט עס וואָלט געווען צוריק אַריין אין דער מאַמעס בויך! פאַרוואָס גיט דער מלאך אַ פּאַטש איבערן מויל גלייך פאַרן געבוירן ווערן? איז דאָס דערפאַר, וואָס דער מלאך איז אַ שלעכטער? ער איז דאָך אַ גוטער מלאך, ער זיצט דאָך מיט דיר די אַלע ניין חדשים, וואָס דו ביזט אין דער מאַמעס בויך און לערנט מיט דיר תורה און די אַלע חכמות פון דער וועלט, אָבער נאָכדעם ווי ער לערנט דיך אויס אַלץ, גיט ער דיר אַ פּאַטש און גיי הייב אַלץ אָן פונדאָסניי. אַ שליחות אַזאַ. און איצט מוזטו גיין אין חדר, מוזט שלאָגן די יִינגלעך און עס טוען דיר ווי די ביינער פון דעם טאַטנס קלעפּ. און הייסע טרערן גיסן זיך איצט פון די אויגן און עס איז אַזוי שווער, און דו ווייסט גאָר נישט — דו ווייסט נישט פאַרוואָס דאָס איז אַלץ אַזוי?

נישט פון דעם וואָס דאָס לייב, וואָס אַלע ביינער טוען ווי פון דעם טאַטנס שווערע קלעפּ, נישט פון דעם וויינט אַזוי יאַנקל ביז ער שלאָפט איין לעבן דער מאַמע, נאָר פון דעם וואָס ער ווייסט נישט פאַרוואָס אַלץ איז אַזוי...

ווען ער זאָל דאַרפן נאָכאַמאָל געבוירן ווערן, וואָלט ער שוין מער שכל געהאַט. ער וואָלט שוין דעם מלאך נישט געלאָזט אים אַ פּאַטש־טון איבערן

מויל. ניין. ער וואָלט נישט געלאָזט: — אָדער דו לאָז מיך אַרויס אָן דעם פּאַטש אויפן מויל, אָדער איך וועל זיך אַפּילו נעמען שלאָגן מיט דיר, כאָטש דו ביזט אַ מלאך! אָדער מיר בלייבן ביידע אויף אייביק אין דער מאַמעס בויך. מיך אַרט נישט וואָסערע שטאַרקע קלעפּ דו וועסט מיר געבן. מיר איז נאָר אַ רחמנות אויף דער מאַמע — זי קען דאָך, חלילה, שטאַרבן אויב מיר וועלן זיך ביידע נעמען שלאָגן אין איר בויך. דו לאָז מיך פריִער אַרויס און נאָכדעם קענסטו זיך מיט מיר שלאָגן וויפיל דו ווילסט. דו קאָנסט פון מיר אַרויסשלאָגן אַלץ וואָס דו האָסט מיט מיר געלערנט, נאָר איין זאַך וויל איך וויסן, איך מוז וויסן פאַרוואָס איז אַלץ אַזוי?

5.

איינמאָל האָט יאַנקל געכאַפּט אַזוינע ביטערע קלעפּ פון דעם טאַטן, פּונקט ערב אַ גרויסן יאַריד. האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער וויל מער נישט זיין קיין פּירניק, אַ פּירניק, וואָס פאַרקויפט פּירניקלעך — ניין. ער וועט מער נישט גיין אויפן מאַרק זיך שטעלן מיטן טישל צוקער־געבעקס. און טאָמער וועט דער טאַטע ווידער שלאָגן מיט זיינע האַרטע שווערע הענט — זאָל ער. אַז אַפּילו פאַר אַ מלאך, וואָס קאָן אינמיטן דרינען אַרויסציען אַ פינקלענדיקע שווערד האָט דאָך שוין יאַנקל קיין מורא נישט.

— און טאָמער וועט ער פון דעם טאַטנס נייע קלעפּ שטאַרבן? איז שטאַרבן און פּטור!

אויסלייגן די פישעלעך, די טייבעלעך, די פערדעלעך, די האַלבע לבנות, די זונען און דערצו נאָך די נייע הינטעלעך און קעצעלעך, וואָס דער טאַטע האָט גאָר לעצטנס גענומען באַקן, דאָס וואָלט ער גראָד געוואָלט. ער האָט געהאַט אַ גאַנצן פּלאַן אין קאָפּ ווי אַזוי די קעצלעך זאָלן שטיין איבער די פישלעך און זאָלן זיי וועלן כאַפּן און נישט קענען, ווי אַזוי די הינטלעך זאָלן נאָכיאָגן די פערדלעך און זיי נישט קענען אָניאָגן, ווי אַזוי די טייבעלעך זאָלן פליִען איבער זיי און צווישן זיי און קיינער זאָל זיי גאָר נישט קענען טון. ער וואָלט אַפּילו וועלן זען די אויגן פון די פויערים און פויערטעס, וואָס וואָלטן זיך אַרומגעשטעלט אַרום זיין טישל. אָבער, ניין. ער גייט נישט. אויס. אויס פּירניק! זאָל דער טאַטע שלאָגן וויפיל ער וויל.

אָבער יחיאל דער בעקער האָט דאָס מאָל נישט געשלאָגן זיין יינגל יאַנקל, צי ווייל די הענט האָבן אים וויי־געטון פון די צו־שטאַרקע קלעפּ, וואָס ער האָט דעם יינגל נעכטן געגעבן, צי דאָס האַרץ האָט אים פאַרקלעמט ווען ער האָט דערזען דעם יינגלס צעשלאָגענעם פּנים? נאָר, ווען יחיאל דער בעקער האָט דעם פאַרטאָג אויפגעוועקט דאָס צעשלאָגענע יינגל און אַ זאָג־געטון:

— שטיי אויף, מען דאַרף גיין אַריינקלאַפּן די פּלעקער פאַר דיין טישל

אויפן מאַרק! — און דאָס יינגל האָט אים געענטפערט שאַרף און האַרט:
— איך וועל נישט גיין!

איז דער פאָטער געבליבן שטיין אָפּהענטיק: זיך ווי עפּעס נישט געגלויבט און זיך ווי פאַר עפּעס דערשראָקן:

— וואָס? רעדסט פון שלאָף?!? — האָט דער פאָטער אַ זאָג געטון צובויגנדיק נענטער צו יאַנקלען דאָס קעראָסין־לעמפל אין זיין האַנט.

— ניין, האָט יאַנקל געענטפערט. דאָס פּנים איז געווען וואַך, די אויגן אָפן. און נישט קיין קלאַפּ איז געקומען פון פאָטער, נאָר אַ נייע שאלה:

— וואָס מיינסטו, וועסט נישט גיין? ס'איז דאָך אַ גרויסער יאַריד היינט, מ'עט זיך דאָך באַלד אָנפאַרן אַהער פון דער גאַנצער וועלט, מען דאַרף לויפן פאַרכאַפּן אַ פּלאַץ אויפן מאַרק.

— איך גיי נישט! — האָט דאָס יינגל אַרויסגערעדט און מיט אַ פאַרשטאַרבן האַרץ געוואַרט אויף אַ פּלאַם פון דעם טאַטנס האַנט, אָדער אַז דעם טאַטנס האַנט וועט אים אַ כאַפּ־טון פאַר דעם העמד און אים אַרויסשלעפּן פון בעט. אָבער דער פּלאַם איז נישט געקומען, דעם טאַטנס האַנט האָט זיך יאָ אַ הייב־געטון, אָבער בלויז צו דער אייגענער באָרד און יאַנקל האָט ביי דעם שיין פון דעם לעמפּל דערזען, אַז דעם טאַטנס קנאָכיק פּנים איז געוואָרן בלאַס, כמעט ווייס. נאָכדעם האָט זיך דער טאַטע פון אים מיט אַמאָל אָפּגעקערט, אַראָפּגעלאָזט די האַנט פון באָרד, אַוועקגעשטעלט אָן אַ זייט דאָס לעמפּל, אַ כאַפּ־געטון פון דער נאַכטיקער ערד לעבן וואַנט די האַק מיט די אָנגעגרייטע פּלעקער און נאָר ביים טיר אַ זאָגגעטון אַזוי ווי נישט צו אים, צו יאַנקלען, נאָר אַזוי ווי גלאַט אין דער וועלט אַריין:

— איך גיי פאַרנעמען פּלאַץ פאַר צוויי טישלעך.

און אַזוי זיך אַרויסגעהויבן פון דער קעלער־שטוב.

6.

נאָכדעם ווי יחיאל דער בעקער האָט פאַרלאָזן דאָס הויז און איז מיט דער האַק און מיט די פּלעקער אין די הענט אַוועק אויף דעם ערב־יאַרידיקן, נאַכטיקן מאַרק־פּלאַץ, איז זיין ווידערשפּעניקער יינגל יאַנקל געבליבן ליגן אין בעט פאַר עטלעכע מינוט. דאָס זענען געווען מינוטן פון נישט גלויבן. — ער, דער קליינער יאַנקל, האָט דאָ אָפּגעהאַלטן אַ זיג איבער דעם גרויסן שטאַרקן טאַטן? עס האָט זיך נישט געגלייבט און... עס האָט באַנג־געטון.

אויסער דעם וויטיק אין לייב און אין די ביינער איז צוגעקומען נאָך עפּעס אַ וויטיק אַ נייער — דער טאַטע זאָל מיט אַמאָל אַזוי אַראָפּלאָזן די הענט!

יאָ, אָבער דער טאַטע האָט דאָך פונדעסטוועגן פאַרן אַרויסגיין געזאָגט, אַז ער גייט פאַרנעמען שטעלן פאַר צוויי טישלעך...

איז די בעסטע זאַך איצט גאָר אינגאַנצן אַוועק פון הויז.

די יאַריד־שטאָט איז אַ שרעק. די אייגענע שטאָט ווערט אַ ווילד־פרעמדע שטאָט, מיט ווילד־פרעמדע מענטשן. מען ווייסט נישט איר אָנהייב, מען ווייסט נישט איר סוף. אָבער אַז די מרגלים זענען געגאַנגען אויסקוקן אַ פרעמד לאַנד און פרעמדע מענטשן...

און יאַנקל האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט פון געלעגער, זיך אויף גיך אָנגעטאָן און איז אַרויס פון דער פינצטערניש פון דער קעלער־שטוב אין דער פינצטערניש פון דעם דרויסן.

אין דער צייט פון דער נאַכט, ערב אַ יאַריד, איז די שטאָט פול מיט לעבעדיקער באַוועגונג. עס רעדערט דאָס אָנקומען, דאָס אָנלויפן פון פורן. אָפּט בעמט איין פור פאַרפאָרן און פאַרלויפן דער צווייטן דעם וועג, כדי צו קענען פאַרכאַפּן אַ בעסער אָרט פאַר דער סחורה אויפן יאַריד. איבער אַזאַ לויפן און פאַרלויפן רייסט איין וואָגן אָפּט אָפּ אַן אַקס פון דעם צווייטן און עס ברעכט אָפּט אויס אַ פויסטן־געשלעג צווישן די טרייבער און די סוחרים. עס דערהערט זיך דאָס ערשטע הילכיקע קלאַפּן פון פלעקער אין דער ברוסילאָווער ערד. דאָס עפּענען פון פאַרשלאָסענע טירן דאָ און דאָרט. עס דערהערט זיך דאָס איבער־רופן זיך פון נאָר־וואָס אויפגעוואַכטע היימישע קולות און פון קולות פון פרעמדע מענטשן, וואָס דערפילן זיך היימיש ווי נאָר זיי האָבן אַריינגעקלאַפּט דעם ערשטן פלאָקן אין דער פרעמדער שטאָט־ערד. דאָס זענען גאָר מאָדנע אויפגעראָמטע קולות, קולות פון מענטשן, וואָס האָבן מיטן אַריינקלאַפּן אַ פלאָקן, איינגענומען אַ שטאָט, אַ וועלט אַ גאַנצע.

די נאַכט אַליין, די גאַסן, די הייזלעך, די פינצטערע פענצטער מיט אַן אַנגעצונדענער ליכט, אָדער לעמפּל, דאָ און דאָרט, איז וואַך און פול מיט גרייטקייט, מיט אָנהייב פון גרויסער באַוועגונג. אין דער פינצטערניש קען מען זען ווי עס ציט זיך דערווייל דער נאָך כמעט גרויסער מאַרק־פּלאַץ מיט זיינע געמויערטע און הילצערנע קלייטן, ווי ער, וואָלט זיך אויסגעגלייכט די גלידער זיינע, ווי ער וואָלט דערפילט — אַז אַ ברויזנדיקער, פרײדיקער לעבן קלייבט זיך אַריין אין זיין אויסגעפּלאַכטער און אויפגעבערגלטער ערד. די נאַכט, די לופט, די ערד און דער הימל שפּעטשען דיר עפּעס אין די אויערן, זיי העלפן מיט עפּעס יעדן מענטשן, און העלפן אַפילו אַזאַ קליין יינגל, ווי יאַנקלען, אַן אַנט־לויפנדיק יינגל, וואָס טראָגט פון זיין טאַטנס הויז אַרויס דאָס צעקלאַפּטע לייב זיינס, — זיי העלפן אים גלויבן, אַז ער איז אַ מרגל, וואָס איז דאָ אַרויס עפּעס אויסקוקן און דערפאַר איז ער דאָ פאַר אַ ווילע געבליבן שטיין לעבן דער שול אויף דעם הויכן שול־בערגל, ווי אַן אויסקוקער. און אָט זעט ער דאָך דאָ שוין זאַכן, וואָס ער האָט זיי אַזוי קיינמאָל נישט געזען. — קיין „פירניק" וועט ער שוין מער קיינמאָל נישט זיין. ער וויל נישט און וועט נישט. אָט דער באַשלוס זיינער שטאַרקט זיך אַלץ אין אים. נאָר אין איינעם מיט דעם שטאַרקט זיך

אויך אין אים דער רחמנות אויפן טאַטן, וואָס האָט הענט, וואָס קענען אַזוי שטאַרק שלאָגן און בלייבט פאַר דיר אינמיטן דערינען, ווי די שטאַרקע הענט וואָלטן גאַר אינגאַנצן קיין שום כוח נישט געהאַט אין זיך. — פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?

עס טוט ווי דאָס האַרץ פאַרן טאַטן, יחיאל דעם בעקער. ער איז אַ גוטער טאַטע, נאָר שלאָגן שלאָגט ער, ווייל איך שלאָג די ייִנגלעך אין חדר און אין גאַס. און די ייִנגלעך האָבן רייכע מאַמעס, און דער טאַטע האָט מורא צו פאַר־לירן אָט די ייִדענעס, וואָס קויפן ביי אים ברויט. — אָ, ווען ער, יאַנקל, וואַקסט אויס, וועט ער קיין ברויט־בעקער נישט זיין. ער וועט פאַר די רייכע קיין ברויט נישט באַקן. — און מיט דער גאַנצער ביטערקייט פון זיין ייִנגלשן האַרצן רייסט זיך ביי אים אינמיטן פון אָט־דער אויפגערודערטער נאַכט־פינצטערניש אַרויס אַ קללה:

— סם וועל איך פאַר זיי באַקן!

דאָס הערצל שטילט זיך אַביסל איין נאָך דער קללה און ווערט אַזוי ווי געשטאַרקט פון דער קללה. מענטשן נעמען קלאַפּן מיט שווערע האַמערס און מיט די איבערגעקערטע פלאַכע זייטן פון זייערע העק נישט נאָר פלעקער, נאָר אויך אייזערנע שטאַנגען אין דער ערד. עס גיט אַ קלינג און פון צייט צו צייט גיבן אָנגעצונדענע פונקען אַ פלי אין דער פינצטערניש; פון דעם געקלאַפּ פון אייזן אָן אייזן. די נאַכט ווערט בכלל גאָר קיין נאַכט נישט, וואָרעם כאָטש עס איז פינצטער, ווערט אַלץ מיטאַמאָל אַזוי אָנזעעוודיק. יאַנקל פאַררייסט דעם קאָפּ אַזוי שטייענדיק אויפן בערגל און דערזעט מיטאַמאָל אַזאַ גרויסע שטאָט איז זיין שטאָט, וואָס ברוסילאָוו איז איר נאָמען, און זע — וויפיל גרויסן הימל מיט מיליאָסן שטערן זי האָט איבער זיך! און פון אַלע וועגן פאָרן אָנגעלאָדענע וועגן געשפּאַנט מיט אָקסן, געשפּאַנט מיט פערד, ציִען זיך און פאָרן פון דעם וועג, וואָס פון גרעבליע, פאַרביי דער גרויסער וואַסערמיל, פון דעם וועג, וואָס פון דעם קאַראַבאַטשינער טייך, פון דעם וועג, וואָס פון דעם דעמבענעם וואַלד און פון די לאָנקעס, ווו עס פּאַשען זיך די קי און די ציגן פון דער שטאָט בייטאָג, און פון די לאָנקעס וואָס צום וויסן בערעזע וואַלד ווו עס פּאַשען זיך אונטער־שפּרינגענדיק די געפּענטעטע באַלעגאַלישע און פויערישע פערד ביינאַכט. און עס מערן זיך און עס ווערן אַלץ געדיכטער די צאָל וועגענער, מערסטנס געשפּאַנט אין ווייסע און שוואַרץ געפלעקטע אָקסן, וואָס קומען פון דעם וועג, וואָס גייט פאַרביי דעם שטעטלס צווייטער וואַסערמיל, אַ וועג, וואָס קומט פון די וויַיט־צעפּנעט וועלדערלאָזע פעלדער און פון די דערפער און דערפלעך, וואָס גע־פינען זיך צווישן זיי. די רעדער פון די אַלע אָנגעלאָדענע אומצייליקע וועגענער קלאַפּן ווייך אויס אַ צופרידן געקלאַפּעריי. זיי, די רעדער, איז גוט צו גליטשן זיך און צו דרייען זיך איבער די, מיט פעטער סמאָלע, גוט אָנגעשמירטע היל־צערנע אָקסן. די אָנגעלאָדענע וועגענער סקריפּען און קרעכצן אונטער זייער

וואָג. ווי שטראָמיקע טייכן קומען זיי אין דער שטאָט, קלאַפּן און קרעכצן און וועקן אַלץ די נאַכט, און די נאַכט איז צופרידן אויפגעוועקט צו ווערן.

און אָט באַוויזט זיך אויף איין זייט פון הימל, גלייך דאָרט לעבן די שטערן, אַ גרויער אַנגעפּאַקטער וואָגן מיט אַן אָנגעצונדענעם פּאַקל איבער אים און אָט איז דאָס נישט קיין פּאַקל, נאָר אַ ברענענדיקער פלאַקן. — דער הימל איז דאָרט צעפלאַצט געוואָרן און אַרויסגעלאָזן אַ רויטן קלאַץ... און אָט — עס איז גאָר אַ בוים פון פייער, וואָס ברענט און טרייבט די נאַכט און דאָס וואָס איז פריער געווען אַ גרויער וואָגן, איז איצט אַ שפּילענדיק וואַסער. — עס טאָגט. עס איז נאָך קיין זון נישטאָ, אָבער יונגע שטיקער זונליכט באַווייזן זיך אויף די וועגענער דאָ און דאָרט. יונגער זוניקער מאָרגן ווערט איצט פון איבער אַלע וועגן אַריינגעפירט אין שטאָט, אויף אָנגעפּאַקטע וועגענער, נאָך איידער דער טאָג איז געקומען.

יאַנקלס ליבע צו זיין שטאָט איז אים דאָ אַזוי ווי אין די ביינער אַריין. — אַ קליינער מרגל איז ער און דאָס געליבטע לאַנד זיינס האָט ער דאָ פאַר זיינע אויגן ווי אַ נס דערזען.

באַלד אָבער כאַפּט זיך יאַנקל, אַז אַזוי ווי עס נעמט טאָגן, קאָן דאָך אים דאָ פון ־עם שול־בערגל חלילה עמעצער דערזען און זאָגן וועגן אים דעם טאַטן זיינעם. — האָט יאַנקל אויף גיך אַראָפּגערוקט דאָס היטל זיינס כמעט ביז איבער די אויגן און זיך אויף גיך אַראָפּגעלאָזט פון דעם בערגל און איז זיך אַזוי מיט הינטערגעסלעך אַוועק צום הויז פון זיין פעטער, דעם באַנדער; שטיל און פלינק אַריבערגעקראָכן דעם פּאַרקאַן, אַריין אין הויף און זיך באַהאַלטן אין אַ גרויסער פּאַס, וואָס איז דאָרט געשטאַנען אָן אַ זייט פונעם הויף. עס איז געווען קלאָר, לויט דעם אָרט ווו די פּאַס איז געשטאַנען, אַז דער פעטער קלייבט זיך היינט נישט אַרויסצוקאַטשען די פּאַס אויפן מאַרק. אַלע אין פעטערס הויז זענען נאָך געשלאָפן. ביי יאַנקלען האָבן זיך אויך די אויגן געקלעפּט און ער האָט אַזוי זיצנדיק אין דער פינצטערניש פון פּאַס, איינגעדרעמלט. מיט אַמאָל אָבער האָט יאַנקל זיך דערזען פאָרנדיק איבער אַלע וועגן און אויף אַלע אַנגעפּאַקטע פורן. ער פאָרט מיט יעדער פור קיין ברוסילאָוו אויפן יאַריד.

ווי אַזוי איין ייִנגל קאָן דאָס אויף איין מאָל פאָרן איבער אַלע פורן און איבער אַלע וועגן, ווייס ער טאַקע נישט, אָבער אָט פאָרט דאָך אויך די זון איבער אַלע וואָלקנס פון הימל, פאָרט קיין ברוסילאָוו אויפן יאַריד.

מיט אַמאָל איז יאַנקלען איינגעפאַלן דאָס האַרץ פון שרעק. — עס האָט גענומען דונערן. די אַלע רעדער פון די אַקסן האָבן גענומען סקריפּען. די פערד הירזשען ווילד און די אָקסן האָבן גענומען רעווען. עס האָט גענומען שיסן מיט פייער און מיט בליץ. און די זון איז ווי אַ גרויסער גאָלדענער לייב אויפגעשפּרונגען אויף אַ ווייסן וואָלקן, וואָס האָט זיך אויפגעבאַרגט צום בלויען הימל און

האָט פון דאָרט גענומען שרייען איבער דער וועלט און ברומען מיט אַ דונער־דיק קול:

— יאַריד! ברוסילאָוו! יאַריד!

יאַנקל האָט אויפגעציטערט צעעפנט די אויגן. זיינע בליקן האָבן זיך אָפּ־געשלאָגן אָן דעם אינעווייניק פון דער פאַס, ווו ער איז געלעגן באַהאַלטן, אָט ווי ער וואָלט זיך אָפּגעשלאָגן מיטן קאָפּ אָן אַ וואַנט. און ער האָט דערהערט — זיין פעטער, זיין זון און זיין געהילף קאַטשען דאָס אַזוי אויפן מאַרק אַרויס די פעסער פון דעם הויף. דאָס האַרץ האָט זיך אין יאַנקלען אויפגעוויגט פון שרעק. — טאָמער גיבן זיי זיך אַ נעם צו זיין פאַס!? אמת, זיין פאַס איז דאָך די פאַס, וואָס איז געשטאַנען אָן אַ זייט, אָבער דאָס קאַטשען פון די אַנדערע פעסער אין הויף האָבן ממש געדונערט אויף אים מיט דויערנדיקער שרעק און האָבן מיט מוראַדיקע ווידערקלאַנגען אָפּגעהילכט אין זיין פאַס, אין זיין קאָפּ און אין די אויערן אַריין.

אָבער אָט האָט זיך דאָס דונערן גענומען ביסלעכוויז איינשטילן... אָט, און עס איז אינגאַנצן אַוועק אויף יענער זייט טויער און האָט זיך פון דאָרטן אויך אָפּגעטראָגן און איז איינגעשטילט געוואָרן. עס האָט זיך גענומען הערן דער אַלגעמיינער יאַריד־גערויש איבערן שטאָט.

יאַנקל איז געקומען צו זיך, איז נאָך נאָכדעם אַביסל געלעגן אין פאַס, אַ טראַכט־געטון פון טאַטן און פון דער מאַמען.

דער טאַטע האָט געוויס געזאָגט דער מאַמען:

— זע, דיין תכשיט האָט זיך אָפּגעטראָגן, איז ווי אויסגערונען געוואָרן, זיך באַהאַלטן ערגעץ. ער איז ווי אין דער ערד אַריין!

אַ רחמנות אויף דעם טאַטן. די מאַמע זיצט דאָרט ביים טיש, די גרויסע גוטע אויגן זענען דערשראָקן און טרערן אין זיי. און דער טאַטע מוז איצט אַליין שטיין אויפן מאַרק און מיט זיינע גרויסע שווערע הענט פאַרקויפן קליינע צו־קער־לעקעכלעך. ס'פּאַסט נישט פאַר אַ טאַטן. און דערצו קאָן ער דאָך דערווייל נישט שטיין דאָרט ביים אויוון און באַקן. און די פישלעך ביי אים אויפן טיש וועלן נישט שווימען, נאָר זיך פּלאָנטערן אונטער די פיס פון די פערד אפשר, און צווישן די פליגל פון די טייבעלעך. מ'וועט נישט וויסן מער, ווער עס פליט און ווער עס שווימט. — אַ רחמנות.

און ווער איז דאָ שולדיק?

— דער טאַטע איז נישט שולדיק, די יינגלעך זענען נישט שולדיק, זייערע מאַמעס זענען נישט שולדיק.

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?

אָבער ער, יאַנקל, וועט היינט זיין אַן אמתער מרגל. ער וועט אַרויסגיין באַקוקן דעם גאַנצן יאַריד. אַלץ, אַלץ.

— אי, טאָמער וועט מען אים איבערפּאָרן? צי גלאַט צעקוועטשן און דער־הרגענען אין געדראַנגג?

— וועט מען! איז וואָס? דערהרגעט ווערן, אַבי נאָכדעם קיין פּירניק נישט הייסן. מען וועט נאָכדעם זאָגן:

— יאַנקל, יחיאל דעם בעקערס — איז געשטאָרבן, איז דערהרגעט גע־וואָרן. מ׳וועט נישט זאָגן — יאַנקל פּירניק איז געשטאָרבן, מ׳וועט מורא האָבן!

יאַנקל פאַרמאַכט פאַר אַ רגע די אויגן און אין דער קורצער צייט פון דער רגע דערזעט ער פאַר זיך ווידער זיין פרימאָרגנדיקן חלום: אַ גאָלדענער לייב, וואָס שיינט ווי די זון, שפּרינגט אַרויף אויף אָנגעהויפטע ווייסע וואָלקנס, וואָס איבער דעם בלויען הימל. און דער גאָלדענער לייב רעוועט, ציטערט אויף די ערד מיט זיין רעוועדיקן געשריי:

— יאַריד ברוסילאָוו! יאַריד! אַ יינגל גייט דאָ היינט דערהרגעט ווערן! אַ יינגל גייט היינט שטאַרבן! ברוסילאָוער יידן, זייט געהיט!

אויפן תבואה־מאַרק

און יאַנקל וואָס האָט זיך אויסדערוויילט פאַר אַ מרגל, איז נאָכדעם אַ געשטאַרקטער אַרויס פון דער פאַס. זיך אַרויסגעגנבעט פון דעם פעטערס הויף און איז נאָכדעם ווי פאַרלוירן געוואָרן צווישן מענטשן און וועגענער און ליכט, ליכט אָן אַ שיעור. ער האָט גאָר קיינמאָל נישט געוווּסט אַז אויף דער וועלט איז פאַראַן אַזוי פיל ליכט. דאָס ליכט האָט זיך אַזוי ווי געקנאָטן און באַוועגט אינאיינעם מיט די פיל מענטשן און וועגענער. אויך די קולות פון די מענטשן און חיות האָבן זיך געקנאָטן און האָבן געשפּראַצט און געשטופּט אין דעם ליכט.

דער תבואה־מאַרק, — וועגענער, וועגענער, גוים, גויעס, יידן, יידענעס. אויסגעשפּאַנטע פערד און אָקסן לעבן די וועגענער, און אויף די וועגענער — אַלץ וואָס וואַקסט פון דער ערד און מערט זיך אין און אַרום דעם פויערס הויז. וועגענער מיט ביסלעך ווייץ און קאָרן, זעקלעך מיט ביסלעך גערשטן, מיט האָ־בער, מיט גאָרטנוואַרג, מיט גענז, מיט קאַטשקעס, מיט הינער און אייער.

דער מאַרקפּלאַץ, דער יאַריד איז ווי אַ גרויסע שטיק טייג. דאָס ליכט פון טאָג שטופּט זיך אין דעם טייג, ווי עס שטופּן זיך דעם טאַטנס פויסטנדיקע הענט אין דער אָנגעפּילטער באַק־דייזשע אַריין. דער טאַטע האָט בלויז צוויי הענט און די צוויי פאַר הענט פון זיינע צוויי אַרויסהעלפערס. — גאָטס ליכט אָבער האָט אַ סך הענט און זיי קנעטן און באַוועגן דעם גאַנצן אָנגעפּילטן מאַרקפּלאַץ אינאיינעם מיט די אַלע אַנדערע אָנגעפּילטע מאַרקפּלעצער. גאָטס הענט מישן אַלץ און אַלעמען — די מענטשן, די חיות, די קולות און די סחורות אַלערליי.

יידן תבואה־הענדלער שפּרינגען אויף די גויישע וועגענער, טאַפּן, פרעגן, דינגען זיך. שלעפּן אַרויס עטלעכע קערנער פון די תבואה־זעקלעך, שפּרייטן זיי

אויס אויף דער פלאַך פון זייערע הענט, באַטראַכטן גוט די ריינקייט פון קאָליר און די גרויס פון די קערנער, לייגן אַריין אַ קאָרן אָדער אַ ווייץ־קערל אין מויל אַריין, צעקייען אויף צו פאַרזוכן דעם טעם און די פעטקייט. שלעפן דאָס זעקל און דעם פויער צו זיך אין קראָם. דער פויער וויל נישט גיין, ווייל ער איז נישט צופרידן מיטן פרייז. דעם יידן אָבער גייט דאָס שטאַרק אין דעם, אַז דאָס זעקל זאָל פריער אָפגעוויגן ווערן, וואָרעם ערשט ביים וועגן קען ער באַשטימען דעם פרייז. פשוטער מיינט דאָס אַזוי: — איז דער פויער אַזאַ ביי וועמען מען קען אַראָפגנבענען אַ פאָר פונט פון וואָג, קאָן מען אים צוואַרפן נאָך אַ פאָר קאָפּיקעס און זאָל דער פויער מיינען, אַז ער האָט זיך זיינס אויסגעפירט. צוויי־דריי יידן קענען זיך אַמאָל צעשלאָגן איבער איין ביסל תבואה, און אַלע דריי שלעפן דערביי דעם פויער. דער פויער גייט ווייל ער ווערט געשלעפט — און שמייכלט דערביי קלוג — ערשטנס, פון דעם וואָס ער איז אַזאַ מיוחס, אַז מען שלאָגט זיך איבער אים; צווייטנס, פון דעם וואָס ער ווייסט אַז יידן זענען מאָשעניקעס, זיי ווילן אים אַלע אָפנאַרן. אָבער ער האָט זיך שוין גוט באַוואָרנט — ער האָט אָנגעשאָטן אַ ביסל זאַמד, אָדער גאָר באַהאַלטן אַ שטיין אין זאַק. אין אַזאַ פאַל וויל דער פויער געוויינלעך פאַרקויפן די תבואה אינאיינעם מיטן זאַק. און גאָר שלעכט ווערט אים ווען דער ייד כאַפט אים ביי דער שפיל שוין ביי זיך אין קראָם.

יידענעס טאַפן און האַנדלען דאָס גאָרטנוואַרג אויף די וועגענער. טאַפן געגז און הינער, בלאָזן די פעדערן, כדי צו זען אויב בלוי אָדער געל איז זייער הויט, וועגן די וואָג פון די עופות, נוצנדיק זייערע הענט פאַר וואָגשאָלן. יידענעס קויפן אויך אין זייערע גרויסע פאַרטעכער ציבעלעס, קאַרטאָפליעס, עפל, באַרן, פלוימען און אַנדערע פרוכט און גרינוואַרג. יידענעס ווייזן אויך אַרויס גרויס בריהשאַפט ביים קויפן אייער — זיי שטעלן זיך קעגן דער זון, מאַכן אַ שפאַקול פון איינער פון זייערע הענט און קוקן דאָס איי דורך זייער „שפאַקול" און באַשטימען דורך זייער שפאַקול די ריינקייט און פרישקייט פון דעם איי, און צי האָט דאָס איי אַמאָל נישט איינע נאָר גאָר צוויי געלכלעך, צי אפשר איז שוין דאָרט גאָר דאָ אַ הינדעלע אין דעם איי.

די טעפער

די טעפער פאַרנעמען אַ גאָר גרויסן שטיק מאַרק פאַר זיך. די פאַרשידן־פאָרמירטע און פאַרשידן־קאָלירטע כלים שטייען נישט ווי טעפ, קריגלעך און שיסלען, נאָר ווי פאַרשידנאַרטיקע געוויקסן וואָס האָבן זיך נאָר וואָס אַרויסגעהויבן פון דער ערד און געבליבן שטיין ווי אַ ווונדער פאַר אַלעמען: — זעט, מיר זענען אַרויסגעקומען פון דער ערד, זעט ווונדער פון דער ערד, וואָס די ערד קען אַרויסגעבן. ערדענע טעפ וואָס שטייען דאָ פאַר אייך ווי כישופדיקע פלאַנצן.

יאַנקל האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן חיה דער טעפּעריןָ. זי שטייט דאָ צווישן די אָנגעפּאָרענע פּרעמדע טעפּער ווי אַ ווייבערישער פעלדמאַרשאַל. זי פאַר־נעמט אַ גאַר גרויסן פּלאַץ, נישט ווייט פון איר הילצערנער קראָם. גויעס קויפן ביי איר קליינע און גרויסע טעפּ, קריגלעך, טיקוועס, שיסלען... איידער אַ פויערטע קויפט עפּעס, שטעלט זי די כלי פּרוּער אַרויף אויף איינער פון אירע הענט־פלאַכן און מיט די אָנגעקנאָכטע פינגער פון דער צווייטער האַנט קלאַפּט זי אין דער כלי. די ערדענע כלים נעמען פון דעם קלאַפּן אַרויסגעבן פאַרשידנ־ערליי קלאַנגען אין דער לופט — לויט דער גרויס, לויט די פאָרמען און קוואַ־ליטעטן פון די כלים. אָט דער טעמפּער געקלאַנג פאַרקלינגט די לופט. דאָס קלינגען און זינגען אַזוי שטיקער ערד וואָס האָבן זיך צעפלאַנצט און צעגאָרטנט אינמיטן פון אַ געדיכטן וואַלד פון וועגענער און שטעלן און מענטשן. פול און רונד קומט אַרויס יעדער קלאַנג בלויז דאַן ווען די כלי איז גאַנץ. טאָמער, אָבער איז די כלי ערגעץ־ווו איינגעשפּאָלטן, קומט אַרויס אַ צעבראָכענער, אַ קרעכצנ־דיקער קלאַנג. אַזאַ כלי וועט די פויערטע נישט קויפן. חיה נעמט אַזאַ כלי גלייך צו פון דער גויעס הענט און לייגט זי אַוועק אין „בראַק". דורכן טאָג ווערט אַזוי אָנגעקליבן אין אַ זייט אַ בערגל כלים וואָס קאָנען נישט קלינגען און זינגען, זיי קענען נאָר קרעכצן.

אַ גאַנץ אַנדער וועלט, אַ גאַנץ אַנדער לאַנד איז דער טעפּער־שטח אויפן יאַריד. אָבער ווי גרויס און אַנדערש ער זאָל נישט זיין, ווערט ער אָבער ממש פאַרטרונקען פון די אָנגעשטעלטע וועגענער, פון די פאַרשידענע אָנגעשטעלטע ביידלעך און קראָמען וואָס זענען איבער דער נאָכט אַזוי ווי אויפגעשפּרונגען פון דעם מאַרקפּלאַצס ערד אַרויס.

איבער דעם גרויסן יאַריד ווערט דאָ חיה אַרויסגעהאָלפן פון איר מאַן, פון אירע צוויי פאַרהייראַטע טעכטער, פון איר זון וואָס איז אין יאַנקלס יאָרן און פון איר יונג טעכטערל — דער מיזינקע. חיה שטייט ווי אַ גענעראַלשע פאַר דעם שטח וואָס איז באַדעקט מיט אירע גרויע, געלע, רויטע און שוואַרצע טעפּ און קריגלעך און קאָמאַנדעוועט מיטן מאַן, מיט די קינדער און מיט די קונים. דאָס טיכל אויף איר קאָפּ איז אונטערגעבונדן אונטער איר שפּיציקן קין. די צוויי שפּיצן פון איר טיכל הענגען פון איר קין אַרונטער אַזוי שטייף ווי די צוויי אויפגעשטעלטע אויערן פון אַ קראָליק. אַרום אירע לענדן איז אַרומגעבונדן אַ פּשוטע שטריק פון וועלכער עס הענגט איבער איר בויך אַראָפּ אַ רימענער געלט־בייטל אין וועלכן זי שטופּט אַלעמאָל איר האַנט ביים אַריינלייגן געלט און געבן אויסגאַב. זי האַלט אירע אויגן אָפן. זי ווייסט, אַז די גויים קומען נישט נאָר הנאה האָבן פון די קלאַנגען פון די טעפּ, זיי קומען נישט נאָר צו קויפן, זיי קומען אויך גנבענען. אָבער די גויעס און אַפילו זייערע מענער, מעגן זיי שטיין ווי ווייט פון חיהן, מעגן זיי האַנדלען מיט איר מאַן צי מיט אירע קינדער, לאָזן זיי, איבער עפּעס אַ באַהאַלטענער סיבה, נישט אַראָפּ קיין אויג פון חיהן.

— וואָס האָבן זיי דאָס אַלע אַזוי מורא פאַר חיהן?

— ע, — גיט יאַנקל אַ טראַכט — זי וואָלט דאָ געוויס פאַרטרונקען געוואָרן פון די וועגענער און שטעלן; וואָס עס ראַטעוועט זי זענען אָט די קלאַנגגען וואָס עס גיבן אַרויס און וואָס עס קען אַרויסגעבן יעדער טאָפּ. די וועגענער האָבן דרך־ארץ פאַר דעם. זי מאַכט טאַקע אַז עמעצער האָט דאָ מורא פאַר איר, צי אפשר פאַר די צוויי שפּיצן פון איר טיכל וואָס הענגען אָנגעשטייפט אַרונטער פון איר מאָרדע, צי פאַר די אויגן אירע... און אָט דעם זונדל אירן דעם סמאַרק, וואָס לויפט דאָ אַרום צווישן די טעפּ ווי אַ גאַנצער קנאַקער, ווער מען נאָך דאַרפן גוט אָנברעכן די ביינער. ער רופט מיך אויך „פּירניק״. איבער אים קאָן איך איצט נישט אַרויסהעלפן מיין טאַטן אויפן מאַרק. נאָר אַ שוועסטערל האָט דער סמאַרק אַ שיינס. זי שטייט דאָ צווישן די טעפּ ווי אַ מלאכל. נאָר אויף אַ מיידל טאָר מען לאַנג נישט קוקן, — און יאַנקל רייסט זיך אָפּ פון אָרט. ער וואָלט געשוואָרן — זי האָט אויף אים אויך אַ קוק־געטון... אָבער ווי נאָר ער האָט זיך אַ ריס־געטון פון אָרט צו גיין, האָט ער דערזען, ווי איר ברודער, דער סמאַרק, האָט אַ ריס־געטון זיין שיין שוועסטערל ביי דער האַנט, אַז ער האָט איר שיעור די האַנט נישט אַרויסגעריסן, מן־הסתם דערפאַר וואָס זי האָט זיך פאַרקוקט... איר שיין פּנימל איז געוואָרן רויט פון בזיון און פון ווייטיק. — ס'אַ סמאַרק אַ ברודער דאָס איז!

די פּעלצן־פאַרקויפער

און אָט שטייט יאַנקל פאַר די פּעלצן־פאַרקויפער.

די קויפער און פאַרקויפער זענען דאָ לויטער פּויערים. עס זענען פּויערים וואָס אַרבעטן אויס די שאָפענע פעל אַזוי, אַז פון דרויסן זאָלן זיי זיין ווייך און ווייס ווי שניי און אויף אינעווייניק, צום לייב צו, זאָלן די האָר זיין געדיכט, אויפגעבלאָזן און וואַרעם. זיי ברענגען אַרויס די אויסגעאַרבעטע פּעלצן אויף דעם בערגל וואָס פאַר דעם אַריינפאָר־הויז, פאַרוואַרפן די פּעלצן אויף לאַנגע ספּעציעל געמאַכטע, שטאַנגען. אויף איין זייט פון די שטאַנגען הענגען אַרויס די אַרבל און די קעלנער, אויף דער צווייטער זייט פון שטאַנג הענגט אַראָפּ די צווייטע האַלב פון דעם פעל. און עס דאַכט זיך יאַנקלען אַז די פּעלצן זענען כמעט ווי לעבעדיקע באַשעפענישן וואָס האָבן זיך אַזוי איבערגעבראָכן איבער די שטאַנגען, באַשעפענישן וואָס אָט וועלן זיי זיך אויפהייבן — — — די דרויסנדיקע ווייסקייט און די שוואַרצקייט און גרויקייט פון די פוטערן בלענדן אין דער זון און פאַרשיינען כמעט דעם מאַרק. מעסטן די פאַרקויפער אָן אַ פּעלץ אַ פּויער, פּאַטשן זיי אים שטאַרק אין דער פּלייצע, אי צוליב גוט־ברודערשאַפט, אי כדי אים צו פאַרזיכערן אַז עס פּאַסט אים, ווי צוגעמאָסטן. מעסטן זיי אָן אַ פּעלץ אַ פּויערטע, באַטאַפּן זיי אירע ווייכע טיילן, דערציילן איר ווי שיין,

װי בלי:ענדיק זי זעט אויס אין דעם פעלץ, װי אַ מאַקװוקע (מאָן־בלי:עכץ), אויף מײן װאָרט, װי אַ מאַקװוקע!

ס׳טרעפט אַז די פויערטע װערט פון דעם רױט, ס׳טרעפט אויך אַז די פויערטע זאָגט:

— אַ, דו טײוול, ליגנערסט, דו װילסט פאַרקויפן!

דער פאַרקויפער לאָזט נישט אַרויס די פרוי פון פעלץ: — אָט זע! און ער גיט אַ שטעל פאַר איר אַ שפּיגעלע װאָס גיט אַ בלענד מיט זון איבערן מאַרק.

— זעסט? נו, זאָג איך ליגן? װי אַ זאַפּטיקע עפּל ביסטו. — און דער פאַר־קויפער האַלט זי אין איין גלעטן און אַרומנעמען און חנפנען.

נאָכדעם, אַז ס׳קומט צו דינגען זיך, הייבט מען זיך אָן הילכיק פּאַטשן אין די הענט. ביי יעדער פאַר גילדן װאָס דער קונה לײגט אַרויף אויף דעם פּרײַז, לאָזט דער סוחר אַראָפּ אַ פאַר גילדן און מען פּאַטשט זיך אויף דעם, אָבער און װידער, אין די הענט.

דאָס גאַנצע פעלצן־בערגל איז פאַרהילכט פון גערעדעריי, פון פּאַטשערײ פון קויפער און פאַרקויפער. דאָס פעלצן־בערגל פאַרמעסט זיך אַריבערצושרײען דעם גאַנצן יאַריד. און די פויערים פאַרקויפער באַװעגן דאָרט פאַר זײערע קויפער און קויפערינס מיט אַזוינע שפּיגעלעך אין די הענט, װאָס װאַרפן זונען איבערן מאַרק, איבער װעגענער און שטעלן, איבער קעפּ און איבער פּנימער.

צװישן די שטעלן

יאַנקל איז היינט אַ מרגל. שטײן לאַנג אויף איין אָרט טאָר ער נישט. אפשר װעט מען אים דערקענען דעם פרעמדן אויסקוקער. אפשר װעט מען אים כאַפּן. דער טאַטע אַליין קאָן דאָך קומען און אים דערקענען און כאַפּן. דרייט ער זיך אויס פון דעם פעלצן־בערגל.

אַנטקעגן די שװער־געמויערטע שורה װײסע קלײטן, װאָס זענען אַמאָל אויפגעשטעלט געװאָרן אַלס אַ זיכערע פעסטונג קעגן די הײדאַמאַקעס װאָס פלעגן זיך אויפהאַלטן אין די אַרומיקע װעלדער און פלעגן פון דאָרט באַפאַלן די שטאָט. די לאַנגע פעסטונג, צעטײלט אין באַזונדערע קאַמערן, אין װעלכע עס האָבן זיך אין אַמאָליקע יאָרן געקענט באַהאַלטן די יאַריד־סוחרים אינאײנעם מיט זײערע סחורות, איז נאָכדעם פאַרװאַנדלט געװאָרן אין קראָמען, װאָס ציִען זיך איצט אין איין גאַנצער װײסע שורה און ליגן אין מיטן מאַרק װי דער רוקנבײן פון דעם גאַנצן מאַרק. די װײסע געמויערטע קראָמען זענען מערסטנס פאַרנומען מיט „שניטװאַרע״. אַנטקעגן זײ שטײען איצט די לײװנטענע ביידלעך, װאָס זענען איבערנאַכט אויפגעשטעלט געװאָרן פון די אָנגעפאַרענע שניט־קרעמער מיט זײערע יונגע װײסע־חברהניקעס — די פריקאַשטשיקעס. די פרי־קאַשטשיקעס שרײען, טומלען, רופן קונים מיט געשרײען און אויסרופן אַלערלײ:

— העי, דו קראַסאַוויצע, קום אַהער, זע וואָס איך האָב דאָ פאַר דיר! ברענג דיין טאַטן, ברענג דיין מאַמע, און דיין חתן דעם כוואַטסקען — ברענג אַהער.

— און דו, מומעלע שיינע, קום נאָר אַהער נעענטער. קום, איך וועל דיר צומעסטן צו דיין געשטאַלט אָט די שטיק סחורה און זע ווי עס וועט דיר פּאַסן. דו דאַרפסט גאָרנישט באַצאָלן פאַר דעם.

— און דו, פעטערל, ווילסט סחורה אויף אַ פּאָר פלודערן? קום, איך וועל דיר ווייזן סחורה שטאַרק ווי אייזן.

און אינאיינעם מיט דעם ווערן געוואָרפן שטיקער סחורות אויף די טישן וואָס זענען צוגעפּעסטיקט צו די צוויי פון האָלץ־געמאַכטע פערד און די געבלימטע סחורות נעמען אין די הענט פון די פריקאַשטשיקעס קנאַקן און שפּילן מיט זייערע בלומען און פאַרבן. אָט מאַכט ער אַ בערגל, אַן אויפגעבאַרגט בלומען־בערגל — אָט גיט ער דאָס אַ צעכוואַליע איבערן טיש — אַ צעבלימטער שטראָם, — אָט גיט ער די גאַנצע ברייט פון דער סחורה אַ כאַפּ און אַ צי אַרויף בלויז מיט די פינגער פון זיין רעכטער האַנט און לייגט אַוועק זיין גאַנצן לינקן אָרעם אויף דער שטיק סחורה וואָס ליגט אויפן טיש און האַלט דאָרט אָן די גאַנצע ברייט פון דער סחורה. די פאַלדן וואָס פאָרמירן זיך פון דער שמאָלער צענויפגענומענקייט אויבן, פון דער גאַנצער ברייט פון דער סחורה אונטן, גיבן דעם פאַרקויפער אַ געלעגנהייט צו שפּילן מיט דעם שטיק ווי מיט אַ צעבלומטן וואַסערפאַל. און אָט נעמט ער אין זיין רעכטער האַנט אַריין שטיקער פון דריי פאַרשידענע סחורות, דריי פאַרשידענע וואַסערפאַלן, און אָנגעלאָקטע קומען צו די פויערטעס. הייבט זיך אָן אַ שפּיל פון צומעסטן די סחורות צו זייערע לייבער, אַזוי, אַז דאָס מעסטן אַליין ווערט אַ גאַנצער יום־טוב פאַר די קויפער און פאַרקויפער, אַ שפּיל פון מענער־הענט און פרויען־לייבער אונטער צעבליטער פאַרביקייט פון טוכן און ווערטער אַלערליי. און קויפן ווילן די מיידלעך און די יונגע פויערטעס, גראָד ביי די יינגערע פריקאַשטשיקעס. אויך דאָ הערט זיך אָפּט דאָס פּאַטשן פון הענט, אָבער איבער אַלץ, שניידן דאָ די לופט אָפּט דורך ווי פריידיקע אויסגעשרייען, געשרייען פון נצחון, דאָס קרעפּטיקע הילכן פון טריקאָט, ציץ און פון לייוונט וואָס ווערט דאָ און דאָרט אָפּגעריסן פאַרן קונה.

הינטער די שניטקרעמערישע שטעלן שטייען מיטן פּנים צום אָנגעפּאַקטן שליאַך, מיטן פּנים צו דער שול און צום באַרג וואָס פירט אַראָפּ צום שטעטלשן טייך, די טיפע משופּעדיקע שטעלן פון די הענדלער מיט שווערע געוואַנטן. ווי פּעניעס, ווי קלעצער פון שווערע דעמבענע ביימער שטייען און ליגן די האַרט־צענויפגעקאַטשעטע געוואַנט־קלעצער איבער די טיפע שטעלן ביז צו דעם אָפּעגעם אַריינגאַנג. שווערע ברוינע געוואַנטן פאַר פויערישע בורקעס און קורטקעס; דינערע טונקעלע געוואַנטן פאַר באַציען אַ מענערישן אָדער פרויעשן פּעלץ. איבערגעמישט צווישן די געוואַנטשטעלן זענען די שטעלן פון שטיוול־פאַרקויפער, ווו עס הענגען פאַר די „אויערן" הונדערטער פּאָר לאַנג־כאָלעווריקע שטיוול

און שטיוועלעך און אויך די שטעלן פון די טאַנדעטניקעס מיט גרייט־געמאַכטע אויבערקליידער פאַר פויערים און פויערטעס. דער גרעסטער יום־טוב פאַר אַ יונגן פויער אין די אַרומיקע שטעט און דערפער איז אַ אין סטאַן געפּאַסטע פּאַדיאָווקע, און פאַר אַ יונגע פויערטע איז — אַ סערמענגע (אַזאַ איבעריאַקל) וואָס הענגט לויז אַראָפּ פון די אַקסל ביז די היפטן, אָדער ביז די קני איבער אירע רייך־קאָלירטע קליידער און האָט ברייטע אַרבל און איז באַפּוצט מיט שוואַרצע פאַסן סאַמעט. קרעפּטיק געבויטע ייִדן טוען דאָ מיט די פויערים און פויערטעס דאָס אייגענע ווי עס טוען מיט זיי די פויערישע פעלצן־פּאַרקויפער דאָרט אויפן בערגל. אויך זיי האָבן אין זייערע שטעלן שפּיגעלעך וואָס קענען וואַרפן זונען נאָר באַהאַלטן אינעווייניק אין די שטעלן זענען זייערע שפּיגעלעך און די געזונטע, שפּילעוודיקע מאַן־און־ווייב לוסט. ווייל גלייך אַנטקעגן, אַריבער דעם מיט מענטשן איבערגעפּאַקטן שליאַך שטייט פאַר זיי אויפגעהויבן די אַלטע שול מיט די צוויי לוחות. און דערצו אָט די בושליעס אין דעם נעסט וואָס אויפן שפּיץ דאַך. — ווער ווייס, אפשר קוקן זיי און זען, הערן און פאַרשטייען — מען האָט דאָך ערשט אין דער פרי אַליין געדאַוונט דאָרט אין דער שול.

די קויפער און פאַרקויפער פון זאַכן וואָס מען קען טראָגן אין די הענט גייען איינער קעגן די אַנדערע אַרום אויף דעם איבערגעפילטן וועג אינמיטן שטעטל .עס זענען ווי צוויי באַזונדערע פּראָצעסיעס, צוויי באַזונדערע שטראָמען וואָס מישן זיך איבער אין זייער גאַנג.

איר קענט זען, דאָ און דאָרט, אַ פויער וואָס טראָגט פאַר זיך אַן אָפּגעשונדענע פעל פון אַ נאָר־וואָס געכאַפּטן רויטן פוקס. רויט און טיפהאַריק זענען די רוקנס פון די פוקסן וואָס אין די וועלדער אַרום דער שטאָט. זייערע בייכער זענען אָבער פוכיק און ווייס ווי קלאָרער שניי. דאָ און דאָרט קענט איר זען אַ פויער טראָגענדיק פאַר זיך אַ פעלכל פון אַ טכויר, אָדער אַפילו פון צוויי, וואָס ווערן פון די פויערים געכאַפּט אין די אָנגעשטעלטע פּאַסטקעס אויף זייערע גערטנער און פעלדער. גלאַנציק און כמעט שוואַרץ זענען אויפן רוקן די געדיכטע האָר פונעם היגן טכויר. אָבער נידעריקער צום בויך זענען די האָר געל און שיינען ווי בלענדנדיק גאָלד. און אָט טראָגט עמעצער אַ ווייס־געטריקנטע געפלעקטע פעל פון אַ קעלבל וואָס פאַרלויכט דעם וועג, אַזוי ווי עס וואָלט געווען די וויכטיקסטע זאַך אויפן גאַנצן מאַרק. עס זענען אויך אין דער פּראָצעסיע דאָ פויערים וואָס טראָגן אַ פעלכל פון אַ האָז, צי פון אַ שאָף, צי פון אַ ציג. מען קאָן דאָ אַמאָל אויך טרעפן אַ פויער וואָס טראָגט פאַר זיך די פעל פון אַ ביבער, צי אַפילו פון אַ ווידרע וואָס זיי האָבן געכאַפּט אין זייערע אָנגעשטעלטע פּאַסטקעס. עס זענען צווישן די מאַרשירער אויך פאַראַן פויערים און פויערטעס וואָס טראָגן ביסלעך אָפּגעשווירענע וואָל, פלאַקס, האָניק אין שיסלען, נאָר־וואָס אַרויסגענומענע פון בינשטאָק, אָדער אַרומגעבויגענע „קלעצעלעך״ מיט שטשעטשינע האָר, וואָס זיי האָבן אפשר ערשט נעכטן אַרויסגעריסן פון די רוקנס

פון זייערע לעבעדיקע חזירים. עס גייען מיטן שטראָם אויך אַרום פויערטעס וואָס האָבן אַהער געבראַכט אייגנהאַנטיקע געוועבטע שטיקער לייוונט פון אייגענעם לייך וואָס וואַקסט אויף זייערע פעלדער. עס פּאַרבלאָנדזשעט אַמאָל אַהער אויך אַ פויערטע מיט אַ קערבל אייער, צי אַ קערבל מאַלינעס, יאַגדעס אָדער מיט אַן איינציקער הון אונטערן האַנט. ביי די זייטן קאָן מען טרעפן פויערים וואָס האָבן אַהער געבראַכט אַן אויסגעטריקנטע צי אַ נאַסע פעל פון אַ פערד צי פון אַ קו. אַן אומגליק האָט געטראָפן, די בהמה איז געפאַלן, וויל דער פויער כאָטש אַרויס־שלעפּן אַ פּאָר קערבלעך פאַר דער פעל.

און אויף אַלץ זענען דאָ אין ברוסילאָוו קויפער. די שטאָט האָט אַזויפיל שוסטער, אַזוי פיל שניידער, אַזוי פיל פעלצן־נייער, אַזוי פיל גאַרבער, אַזוי פיל קויפער און איבערקויפער, אייגענע און אָנגעפּאַרענע פרעמדע, שטעלט מען זיך אָפּ און מען באַטאַפּט און מען דינגט זיך און דינגענדיק טוט מען זיך פּאַטשן אין די הענט, אָט אַזוי, אויפן מיטן גייענדיקן און פאַרנדיקן וועג. דער ייִד שלעפּט די פעל צו זיך, דער פויער צו זיך. דער פויער, וואָס פאַרקויפט דאָס ביסל שטשעטשינע (חזיר־האָר) האָט נישט קיין חשק, אַז דער ייִד זאָל פונאַנדערנעמען דאָס פאַרבונדענע פּעקעלע, דער ייִד אָבער האָט שוין געגוג תירוצים פאַרוואָס ער מוז פריִער האָבן דאָס פּעקעלע אין זיינע הענט, און ווי נאָר ער נעמט דאָס גלייך פאַנאַנדער און ער וויזט דעם פויער:

— איצט זע, דו ווילסט אַ פּרייז, אַ? אָבער זע וויפיל נידעריקע חזיר־האָר דו האָסט דאָ אַריינגעמישט. וואָס מיינסטו, קען אַ שוסטער מאַכן אַ דראַטווע מיט אַ האָר וואָס קומט פון סאַמע שפּיץ פון חזירס רוקן?

דער פויער ווייסט, אַז דער ייִד האָט אים דאָ געכאַפּט און דער ייִד ווייסט אַז ער פאַרקויפט נישט די האָר בלויז צו שוסטער. נאָר אַז די מערסטע פון די פּעקלעך וואָס ער וועט דאָ היינט איינקויפן גייען אין באַרשט־פאַבריקן, און אַז אַ סך פון דעם גייט אַזש קיין „זאַגראַניצע“, און אַז ער מיט דער ווייב און אַמאָל אויך מיט די קינדער וועלן נאָך דעם יאַריד זיצן דורך טעג און נעכט און קלייבן און פאַנאַנדערלייגן האָר נאָך האָר און זיי סאָרטירן אין פּעקלעך, וואָס יעדער פּעקל וועט האָבן אַן אַנדער פּרייז, לויט דער גרויס, לויט דער דיק און לויט דער שטייפקייט. אָבער דערווייל דינגט מען זיך. דער פויער שלעפּט די פעל אָדער דאָס פּעקל האָר צו זיך און דער ייִד צו זיך. זיי ווערן אין כעס איינער אויפן צווייטן. בעטן זיך איבער, דער פויער דאַרף דאָס ביסל געלט און דער ייִד פּרנסה פאַר ווייב און קינדער. און אַלע האַלטן אָן איין פּאַראַד, איין מאַרש.

און אָט נעמט שמעקן מיט האָניק, — אַ פּאָר פויערים האָבן אויף זייערע וועגענער געבראַכט גאַנצע פעסער מיט פרישן סטעלניק. דאָס איז האָניק, נאָך אין די גאָלדענע קאָמען וואָס זיי האָבן נאָר־וואָס אַרויסגענומען פון די בינ־שטאָקן וואָס זיי האָבן אין זייערע אַרומיקע דערפער, און זיי האָבן זיך מיט די פעסער אויף זייערע וועגענער אָוועקגעשטעלט האַרט ביים וועג.

און אַט נעמט שמעקן מיט הערינג; סוחרים האָבן געבראַכט פעסער הערינג אין האָבן אויפגעבראָכן די אויבערשטע דעק פון די פעסער און איצט וויסן זיך און גילדערן זיך די פעטע הערינג אין זייער געלן ליאַק און פויערים שטופּן די הענט און באַלעקן די פינגער.

און אַט נעמט שמעקן מיט סמאָלע. יידן שטאָטישע און יידן פרעמדע וואָס טרייבן סמאָלע אין סאָסנאָווע וועלדער, וואָס לעבן זייערע שטעטלעך שטייען ביי דער זייט פון וועג, שעפּן מיט לאַנגע לעפל פון שוואַרצע סמאָלע־פעסער און גיסן פאַר עטלעכע קאָפּיקעס די סמאָלע אין די פויערישע „מאַזניצעס". סמאָלע אויף שמירן די הילצערנע אַקסן און דעם אינעווייניק פון די הילצערנע אַקסן, כדי עס זאָל זיין גרינגער צו פאָרן און כדי די רעדער זאָלן נישט סקריפּען. די אייגענע יידן פאַרקויפן אויך „זשיר" און „דיאָגאָט" צו די פויערים אויף צו שמירן און ווייכער־מאַכן זייערע לאַנג־כאַלעוועדיקע שטיוול.

דאָס אַלץ קומט פאַר אויף דעם שליאַך וואָס ציט זיך פון דעם קלויסטער אויף דער אַלטער שטאָט, ביז צו דעם בית־מדרש אויף דער ניישטאָט. פאַר דעם בית־מדרש גיט זיך דער וועג אַ בייג־אָפּ רעכטס און פירט צו דער טאַרהאָוויצע.

די טאַרהאָוויצע

ווען ברוסילאָוו האָט זיך אָנגעהויבן בויען אין די יאָרן פון אַמאָל, אין די יאָרן וואָס קיינער פון די לעבעדיקע געדענקען נישט און האָבן דאָס אַפילו פון זייערע טאַטעס און זיידעס נישט געהערט, — אין יענע אַמאָליקע יאָרן איז געוויס געווען געצוגן פּלאַץ פאַר אַלערליי מאַרקפּלעצער אין דער שטאָט. מיט דער צייט פון יאָרן און דורות האָבן אָבער באַזיימט יעדן מאַרקפּלאַץ הייזער, צעשטעלט אין גאַסן און אין געסלעך, און ווי אַ ים האָט זיינע ברעגן, אַזוי האָט יעדער מאַרקפּלאַץ זיינע ברעגן באַקומען. אַ געפיל פון גרויסרונדיקייט האָט פונ־דעסטוועגן אָפּגעהיט אָט די געמאַרקן וואָס זענען פאַרהאָמעוועט געווען אין דער אויסעגלייגטער נעץ פון הייזער.

די טאַרהאָוויצע — דער יאַרידמאַרק פאַר די אָקסן, קעלבער, ציגן און שאָף איז געווען דער ענגסטער, דער צענויפגעדרענגטסטער מאַרקפּלאַץ. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז דערפאַר וואָס די בהמות האָבן זיך די לעצטע יאָרן גענומען שטאַרק מ'ערן אויף די גוטע פּאַשע־פעלדער פון די אַרומיקע דערפער. סוחרים, קי־און אָקסן־הענדלער זענען נישט נאָר געקומען קויפן, נאָר זיי האָבן אויך גע־נומען טרייבן זייערע אייגענע בהמות אויף די ברוסילאָווער יאַרידן. אַנדערע ווידער פלעגן זאָגן, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס דער געהילץ־מסחר האָט זיך אין די לעצטע יאָרן צעוואַקסן. אַמאָל פלעגט זיין אין געהילצסקלאַד, ווייט אַוועק פון דער טאַרהאָוויצע, נאָכדעם איז צוגעקומען נאָך און נאָך אַ געהילצסקלאַד

און האָבן זיך צעלייגט מיט די פּילע קלעצער אין די פּילע דאָמינאָ־אַרטיק פֿאַנאַנדערגעלייגטע ברעטער, געהאַקט און געשניטן אין די אַרומיקע נאָענטע און ווייטע וועלדער, און אַזוי איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן אַ גאָר גרויסער שטח וווּהין די טאַרהאָוויצע פֿלעגט זיך קענען אַרויסשפּאַרן ווען איר איז געוואָרן ענג. איצט איז די געדיכטעניש און די שפּאַרעניש אויף דער טאַרהאָוויצע אַזוי, אַז מען קאָן זיך קוים דורכשטופּן. מען זעט דאָ מער הערנער און רוקנס פֿון קי און אָקסן ווי די קי אַליין.

יאַנקל פֿילט אַז ער וועט נישט זיין קיין אמתער מרגל, אויב ער וועט דאָ נישט אַריינקומען וואָס טיפֿער אין דעם סאַמע מיטן פֿון דעם געדיכט־הערנערדיקן געדראַנג פֿון קי און אָקסן, ציגן און לעמער. עס זעט אָבער אויס, אַז מען קאָן דאָ צעטראָטן ווערן אונטער די פֿיס פֿון די הערנערדיקע חיות, אָדער גאָר דורכגעשטאָכן און אַרויפֿגעכאַפּט ווערן אויף די הערנער פֿון איינער פֿון זיי. גיט ער זיך אַן עצה: — ער נעמט קריכן אויף אַלע פֿיר אונטער די וועגענער. פֿון אונטער יעדן וואָגן קוקט ער פֿאַר זיך אויס אַ וועק צו נאָך אַ וואָגן, און אָט — ווונדער איבער ווונדער: די קי און די אָקסן און די קעלבער שפּאַרן דאַכט זיך איינער דעם צווייטן די זייטן פֿון ענגשאַפֿט, ווי נאָר אָבער אַ קונה דאַרף באַטראַכטן אַ בהמה אַזוי ווערט מיטאַמאָל געענוג פּלאַץ אויף דורכצופֿירן די בהמה הין און צוריק און גענוג אָרט אויף צו באַטאַפּן און באַטראַכטן די בהמה פֿון אַלע זייטן. עס איז ממש ווי דורך אַ כּישוף. אָט איז אַזוי ענג און אָט איז אינמיטן דער ענגשאַפֿט דאָ גענוג אָרט. אַ נס פֿאַר די אויגן. אָט אַזוי, להבדיל, פֿלעגט — — — מען דאַרף דאָס נישט, מען טאָר נישט. יאַנקל וויל און קען נישט איינהאַלטן דעם פֿאַרגלייך, אַז אַזוי פֿלעגט געוויס פֿאָרקומען מיט די ייִדן אין דער עזרה אין בית־המקדש. ווי דער רבי טייטשט אָפּ: עומדים צפופים ומשתחווים רווחים...

קצבים קויפֿן די יאַלעווקעס, דאָס זענען קי וואָס האָבן זיך אויפֿגעהערט מעלקן. זיי קויפֿן אויך טעליצעס — דאָס זענען קעלבער כּמעט האַלב די גרויס פֿון אַ קו. דער פּויער האָט געזוכט זי לאָזן זיך פּאַשען אויף די פֿעלדער ביז זי וועט זיך אָפּקעלבן און ווערן אַ קו און געבן מילך און קעז און פּוטער. נאָכדעם האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער דאַרף בעסער האָבן די פּאָר רובל. די קצבים קויפֿן אויך קעלבלעך, שאָף און ציגן. זיי לייגן צוערשט אַרויף זייער האַנט אויף דעם רוקן פֿון דער בהמה צו דערפֿילן וויפֿל פֿלייש און פֿעטס עס איז דאָ אונטער דער פֿעל. טאַפּן מיט קצבישער לעבעדיקייט די זייטן שוין ביי די פֿיס אַרום די אייטערס; טרעפֿט, אַז די בהמה האָט אַ צו־שאַרפֿן רוקן, בייסט דער קצב מיט די ציין די פֿעל איבערן רוקן, כּדי אויסצוגעפֿינען צי איז דאָס בלויז אַזאַ מאָדנע פֿאָרמירטע קו, צי איז דאָס אַזאַ פֿאַרהונגערטע, אַז די פֿעל איז איר אַזש צוגעוואַקסן צום רוקן. דער פּויער קאָן אַמאָל נעמען אַ פֿאַרהונגערטע קו און איר לאָזן זיך גוט אָנפֿרעסן פֿאַרן יאַריד און איר נאָך נאָכדעם אַריינ־

שטופּן אַ קאַרטאָפליע אין הינטן, אַזוי, אַז זי זאָל בלייבן אַן אָנגעשטאָפּטע ביז איבערן יאַריד און זאָל אויסקוקן גרויס פאַר די אויגן.

אַנדערש קויפט אַ ייִד אַ קו אַ מעלקעדיקע. דאָ איז ער געוויינלעך דאָ מיט דער ווייב און נאָך אַמאָל מיט אַ קרוב אָדער קרובה. מיט וואַרעמע צערטלעכ־דיקע בליקן ווערט דאָ די קו באַטראַכט. זי דאַרף ווערן אַ טייל פון דער משפחה. די קו ווערט דאָ באַטראַכט כמעט ווי אַ כלה, אָדער ווי אַן אַם וואָס מען דאַרף אַריינגעמען אין הויז. מיט די אויגן ווערט געמאָסטן און געצערטלט אַפילו די הערנער, די אויגן און דאָס מויל פון דער קו.. נישט די גרויס פון דער קו איז דאָ וויכטיק, נאָר די קוואַליטעט און די וואָג פון די אייטערס, און צו איז זי נישט קיין ביסטרע. צי וועט זי זיך לאָזן מעלקן און צי אפשר אַמאָל גאָר אינמיטן דע־רינען וועט זי נעמען און אַנטלויפן אַהיים. און ווי לאַנג צוריק האָט זי זיך אָפּ־געקעלבט? און ווען איז געוויינלעך איר צייט ווען זי נעמט „לויפן״? און צי עסט זי גוט, צי האָט זי קאַפּריזן?

דער פּויער און די פּויערטע שווערן זיך ביי אַלץ וואָס הייליק און ציילע־מען זיך, אַז דאָס איז ממש אַ גאָלדענע קו, און אַז זיי האָבן גאָר נישט קיין איבעריקן חשק צו שיידן זיך מיט איר, נאָר אירע אַן אייגענע טאָכטער איז אונטערגעוואַקסן און גייט זיך קעלבן. אַ פערד איז ביי זיי געפאַלן און זיי דאַרפן אַן אַנדער פערד אין אַקער. אויב איר נעמט אַריין די קו צו זיך אין הויז וועט איר אונדז דאַנקען. איר זעט אויס צו זיין ערלעכע מענטשן, וועט איר אונדז בענטשן פאַר אָט דער קו. זי גיט צען־צוועלף קוואָרט מילך אַ טאָג, און מילך — ממש פּוטער! אַ קו אַזאַ איז אַ גאָטס בענטשונג.

אַ וואַרעם משפחה־געפיל הערשט דאָ צווישן די קויפער און פאַרקויפער, אָט ווי מען וואָלט אויסגעגעבן אַ כלה, אַריינגענומען אַ שנור צי אַן אַם אין הויז. די אויגן ווערן דאָ פאַרצויגן מיט געטרייער פייכטקייט, כאָטש דערביי איז מען אויך קלוג און מען פרוווט זיך אַרויפצורייסן אָדער אַרונטעררייסן דעם פּרייז.

גאַנץ אַנדערש אָבער גייט צו דער האַנדל צווישן די אָנגעפּאַרענע סוחרים, די שאָף־ און אָקסנהענדלער. זיי גיבן מיט די אויגן אַ מעסט־אָפּ די בהמות, אַ טאַפּ דאָ און דאָרטן, אַ פרעג פון וואַנעט די סחורה קומט, מען טרינקט אויס עטלעכע טרונק בראָנפן אינאיינעם, מען רעכנט מיט קרייד, מאַכנדיק רינגעלעך און פּאַסיקלעך.

אַמאָל בייט מען אָקסן אויף שאָף און פאַרקערט, מען צאָלט צו אָדער מען נעמט צוגעצאָלט, עס עפּענען זיך און פאַרמאַכן זיך אָנגעשטאָפּטע געלט־טייס־טערס. מערסטנס שליסט מען די דאָזיקע געשעפטן נישט אויף דער טאַרהאָוויצע, ווו מען האָט זיי אָנגעהייבן, נאָר ביי אַ פעטן מאָלצייט מיט ניינציקער בראָנפן, אין דער אכסניא. און פאַרנאַכט ווערן מעקענדיקע שאָף און רעווענדיקע אָקסן געטריבן אויף וועגן פון וועלכע זיי זיינען נישט געקומען און אויף וועלכע זיי

װעלן שױן מער אין זײער לעבן נישט גײן, סײדן אפשר דורך די פּעלצן, װאָס װעלן געמאַכט װערן פֿון זײערע שאָפּענע פעלן און דורך די שטיוול פֿון זײער אָקסענעם לעדער.

די קאַננע

פֿריִער איז געװען אַ שטאָט ברוסילאָװ, װאָס האָט זיך געצױגן מיט דער לענג פֿון טײך צװישן צװײ װאַסערמילן אויף אײן זײט און צװישן צװײ טױערן (קאַלװאַראָטן) אויף דער אַנדערער זײט. אײן טױער האָט געפֿירט צו די פעלדער װאָס צום בערעזענעם װאַלד און דער צװײטער — צו די פּעלדער װאָס צום דעמבענעם װאַלד. נאָכדעם האָט זיך אויפֿן װעג צום דעמבענעם װאַלד צוגעבויט אַ נײַשטאָט און עס איז געװאָרן ברוסילאָװ אַלטשטאָט און ברוסילאָװ נײַשטאָט, און מען האָט דעם טױער װאָס צום דעמבענעם װאַלד אַריבערגעפֿירט װײט אויף יענער זײט פֿון נײַשטאָט, נאָענט צום ייִדיש בית־עולם װאָס האָט זיך געפֿונען אויף די װײַטע פעלדער װאָס צום װאַלד. מיט דער צײַט אָבער האָבן זיך אויך גענומען בויען הײַזער אויף דער אַנדערער זײַט פֿון דעם פאַררוקטן טױער. גױים, שוסטער און פּעלץ־נײַער, װאָס האָבן נישט קײן פעלדער, האָבן פאַר זיך װײַט אויף דער אַנדערער זײַט פֿון ייִדישן בית־עולם אויפגעבויט הײַזלעך מיט דיקע שטרויענע דעכער און מיט גערטנער אַרום זיך. האָט מען נישט געװוּסט װאָס פאַר אַ נאָמען צו געבן אָט דעם נײַעם טײל שטאָט. עס איז עפּעס גאָר קײן שטאָט נישט און עס איז קײן דאָרף נישט. עס איז עפּעס אַ מין אויסטראַכטעניש און מען האָט דאָס טאַקע גענומען רופֿן „די װידומקאַ״ — די אויסטראַכטעניש.

אויף אָט דער „װידומקאַ״ האָבן זיך אין די יאַריד־טעג באַװיזן מאַסן פערד: קלײנע, גרויסע שלעפּפערד, רײַטפערד. שטאַרקע שטאַנגען פלעגן פֿון די פערד־הענדלער אײַנגעגראָבן װערן אין דער ערד, צו װעלכן עס פלעגן אויף שטריק און אויף קײטן צוגעבונדן װערן די אָנגעבראַכטע, מערסטנס אויסגעפּוצטע פערד. אַ סך פֿון די גריװעס אויסגעמאַכט אין פלעכטלעך אַלערלײ און אָפט מיט אַ טאַשמעס צי אַפילו מיט לענטעס אין זײ. די צוגעבינדטע העלדזער און די הינטנס גלאַנצן אין דער זון מיט זײערע גרויע, שװאַרצע, רויטע, װײַסע און געפלעקטע פאַרבן. ייִדן, פּויערים און ציגײַנער האַנדלען, קויפן און פאַרקויפן פערד. זײ זעצן זיך אַלײן אָדער זײ זעצן דעם קונה אַרויף רײַטנדיק אויף דעם פערד װאָס מען האַלט אין דינגען. מען יאָגט פאַר דעם קונה דאָס פערד, אָדער מען יאָגט דעם קונה אויפֿן פערד, אים גלײַכנדיק, רײַטנדיק אויף אַן אַנדער פערד. ציגײַ־נער, װאָס מאַכן אַ לעבן פֿון בײַטן פערד אויף פערד פאַר אַ פאָר רובל צוצאָל־געלט, װעטן זיך מיט ייִדן פּויער, אַז זײ װעלן מיט זײער פערדל אַריבעריאָגן זײַנס. און צװישן די אַלע אָנגעשטעלטע פערד איז פֿאַראַן אַ װעג אויף אַ פאָר מײַל, איבער װעלכן עס יאָגן זיך די אַלערלײ פערד. די אויסגעכאַליעטע צוגע־

בונדעגע קאַבילעס און די היציקע זשרעבעצעס דערשמעקן איינע די אַנדערע, נעמען בייסן זייערע גלאַנציקע, אייזערנע צוימען, נעמען רייסן די ערד אונטער זיך און הירזשען זיך פאַנאַנדער מיט קולות וואָס וואַרפן אַ שרעק. די קויפער און פאַרקויפער מוזן אַלע רעדן הויך, מוזן שרייען מיט געזונטע, הויכע קולות, כדי זיי זאָלן קאָנען הערן איינער דעם צווייטן. פון מאָל צו מאָל בינדט אַ פערד־הענדלער אָפּ אַ צעהיצט פערד פון דער שטאַנג אויף צו דורכפירן אים אַביסל, אויף צו באַרויִקן אים אַביסל און טאָקע כדי זיך אַ ווייז־טון מיט זיין סחורה פאַר די קויפער. דאָס פערד שפרינגט פון מאָל צו מאָל אויף די הינטערשטע פיס און טוט דאָס מיט אַזאַ אימפעט, אַז דער הענדלער דאַרף אַביסל נאָכלאָזן די שטריק פון דעם צוים, כדי נישט אויפגעהויבן צו ווערן אין דער לופטן פון דעם פערדס אויפגעפלויגענעם קאָפּ.

יאַנקלס אויג ווערט פאַרכאַפּט פון אָט די ווילד־אויפגעשפרונגענע פערד דאָ און דאָרט. אַלע פערד קאָנען מן־הסתם אַזוי אויפשפרונגען. אַזוינע און אַזוי פיל פערד. און עס פאַלט אים איין: אויף אַזוינע פערד האָבן געוויס די מצרים נאָכגעיאָגט די יידן אין דער מדבר.

דאָס דיגגען זיך און דאָס פּאַטשן אין די הענט צווישן די קויפער און פאַרקויפער איז דאָ הילכיקער און שווערער, שווערער און ביטערער איז דאָ אויך דער אויפגעשלאָגענער שטויב. יאַנקלען ווערט טרוקן און ביטער אין מויל. אַלעמען איז מן־הסתם ביטער אין מויל פון דעם שטויב, אָבער יאַנקל איז דערצו אויך הונגעריק — ער האָט נאָך היינט נישט געגעסן. ער פאַסט אין יום־כיפור. — נישקשה, אַז מען לאָזט איבער טאַטע־מאַמע, אָט אַזוי, אינמיטן אַ יאַריד־טאָג, מעג מען פאַסטן. שלעכט נאָר, וואָס עס נעמט שווינדלען פאַר די אויגן, דער הונגער נעמט שמייסן דאָס לייב ווי מיט אייזערנע ריטער. און אין דעם שווינדלעדיקן קאָפּ נעמט ווידער ברענען די שאלה — פאַרוואָס איז דאָס אַלץ אַזוי? עס קאָן דאָך זיין אַז ער וועט דאָ אָוועקפאַלן, צעטראָטן ווערן פון מענטשן און פערד און נאָכן יאַריד וועט מען ברענגען דער מאַמען אַהיים אַ צעטראָטן יינגל. — פאַרוואָס? איז דאָ עמעצער שולדיק? קיינער איז נישט שולדיק. נאָר פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?

נאָר אָט טרעט דאָס שווינדלען אָפּ. עס ווערט יאַנקלען צוריק קלאָר און ליכטיק פאַר די אויגן. ווי אַ צעשויבערטער ים זעט אויס דער אַמאָליקער פערד־מאַרק. דער אָפענער וועג, וואָס לויפט אַזוי ווי אַ טיף־אַריינגעגראָבענער צווישן די שטילע, די שרייענדיקע און בריקענדיקע פערד, זעט כמעט אויס ווי דער וועג וואָס איז געשפּאָלטן געוואָרן פאַר די יידן אינמיטן ים, כדי זיי זאָלן קאָנען אַריבערגיין אין דער טריקעניש. און דער דעמבענער וואַלד, וואָס הייבט זיך דאָ אָן אויף יענער זייט פון די צעשפּרייטע פעלדער איז פאַרבלויט אין נעפּל און זעט אויס ווי אַן אַנדער ים וואָס האָט זיך דאָרט אויפגעהויבן גרייט צו פאַרגיסן דעם וועג, מיט דעם גאַנצן ים פון פערד אינאיינעם מיט די ציגיינער, די מצרים.

די צעוואָרפענע וועגענער מיט די האָלאָבליעס און די שלייעס, פאַרריסן אַרויף, זעען אויס צווישן דעם ים פערד ווי שיפן מיט אויפגעשטעלטע מאַסטביימער.

יאָ, די גאַנצע שטאָט איז איצט ווי איין גרויסער ים. דאָס וואָס די שטאָט בערגלט זיך דאָ און דאָרט און דאָס וואָס זי איז איצט איבערגעפילט מיט אָנגעלאָדענע און אָנגעפּאַרענע פון אַלע עקן וועלט — מאַכט די שטאָט אויסזען ווי אַן אויפגעכוואַליעטער, רעוועודיקער ים.

ווייט אויף דער אַנדערער זייט פון דער „קאַנבע“ זעען זיך ווי שווערע היטלען אַן די שטרויענע דעכער פון די פּויערישע שטיבער, און אויף דער אַנדערער זייט ליגט שטיל דאָס גרויסע ייִדישע בית־עולם. דאָרט צווישן די אַלטע קברים שטייט דער אוהל פון ייִדל דעם דיין, אויף וועמענס קבר די ווייבער ברענגען קוויטלעך. דאָרט ברענט שטענדיק דאָס ליכט פון דעם נר־תמיד. און איצט, ווען קיינער איז דאָרט נישטאָ, ווען אַלע זענען אַזוי שטאַרק פאַרנומען מיטן יאַריד, קאָן זיין, גייט זיך ייִדל דער דיין אַרויס פון זיין קבר און זעצט זיך אַוועק ביים נר־תמיד לערנען תורה. אפשר לערנט ער טאַקע איצט די פרשה יציאת־מצרים. אָט אַזוי אין סאַמע מיטן פון אַ קאָכעדיקן ים זיצט זיך ייִדל דער דיין און לערנט תורה.

דער טאָג איז שוין ווייט אין טאָג אַריין און ער, יאַנקל, איז איצט צו ווייט פון דער אַלטשטאָט און הונגעריק איז ער און עס איז אים שטאַרק ביטער אין מויל און טרוקן אין האַלדז, די פיס ווערן שוואַך און ער טראַכט: — ווי איז, ווען מען כאַפּט זיך אַריבער אַהין איבערן פאַרקאַן פון דעם בית־עולם און מען גייט זיך שטילערהייט אונטער צום אוהל און מען כאַפּט דאָ אָט אַן ייִדל דעם דיין ביי דער פּאָלע און מען זאָגט:

— רבי, איך לאָז נישט גיין צוריק אין קבר אַריין. איר מוזט מיר פריִער זאָגן פאַרוואָס איז דאָס אַלץ אַזוי?! דערהרגעט מיך, אויב איר ווילט, נאָר זאָגט מיר פאַרוואָס איז דאָס אַלץ אַזוי?!...

ביי די פּאַלאַטקעס פון די גרויסרוסן

עס איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטאָג, ווען יאַנקל איז אַזוי אַ בלאָנדזשענדיקער געקומען צוריק אינמיטן שטאָט, אַ קוק־געטון אויף חיה דער טעפּערינס זינדל דעם סמאַרק, וועמען מען דאַרף אָנברעכן די ביינער, און אויף זיין יונגער שיינער שוועסטער, וועלכע איז אַזוי שיין, אַז מען טאָר אויף איר לאַנג נישט קוקן. ער, יאַנקל, טאָר נישט. דער טעפּער־גאָרטן איז שיטערער, די טעפּ וואַקסן, די טעפּ קלינגען. חיה האָט אַן אָנגעשטאָפּט זעקל מיט געלט אויף אירע לענדן. אירע ליפּן זענען ביי איר טרוקן. פון צופיל געלט־לייזן זענען ביי איר די ליפּן טרוקן — באַשליסט יאַנקל, אָבער איר טעכטערל, — מען טאָר נישט. מען דאַרף זיך באַהאַלטן פון איר — אַזוי שיין איז זי. ער וואָלט וועלן זען ווי דער סמאַרק,

דער ברודער אירער, זאָגט איר אַ שלעכט וואָרט. ער וואָלט אים דאָ גלייך אויפֿן אָרט צעבראָכן די ביינער.

און אָט שטייט יאַנקל פֿאַר די אָפֿענע לייוונטענע פּאַלאַטקעס פֿון די קאָר־צאַפּעס. ס'עפֿעס אַן אַנדער פֿאָלק. זיי דאַרפֿן, ווייזט אויס, נישט קיין ווענט אַרום זיך. פֿאַר זיי איז, ווייזט אויס, גענוג איין אונטערשטע וואַנט הינטער זייער רוקן און אַ דאַך איבער זייער קאָפּ. ווענט וואָס זאָלן אָפּטיילן איין פּאַלאַטקע פֿון דער צווייטער — צו וואָס?

זיי פֿאַרקויפֿן גאָטס מאַמע און גאָט אַליין. די געטשקעס זענען ביי זיי איינ־געראָמט אין גילדערנע ראָמען און נאָכדעם ערשט ליגט די גאָלדענע ראָם מיט דעם בילד אַריינגעלייגט אין אַ טיפֿער שוואַרצער ראָם און קוקט אַרויס פֿון אונטער אַ גלאָז־פֿענצטער. צעשטראַלטע ליכטקרייזן פֿון גאָלד און פֿון זילבער הייבן זיך איבער די קעפּ פֿון די גאָטס מאַמעס און פֿון גאָט. די אויסגעשלאָגענע ליכטקרייזן בייגן איבער די קעפּ און גרייכן כמעט ביז אַרויף דעם גלאָז פֿון דער אויבערשטער שוואַרצער ראָם. יאַנקל ווייסט, אַז אַ ייִד טאָר נישט קוקן אויף די בילדער וואָס הענגען דאָרט אינעווייניק אויף דער איינציקער וואַנט פֿון דער פּאַלאַטקע. און עס הייבן אים טאָקע באַלד אָן ווײ־טון די אויגן פֿון דעם. קערט ער באַלד אָפּ זיינע בליקן און לאָזט זיי פֿאַלן אויף דעם לאַנגע אויסגעשפּרייטן געשטריק־לייוונט וואָס ליגט אויף דער ערד, גלייך ביי דעם אַריינגאַנג און איבער דער גאַנצער לענג פֿון דער פּאַלאַטקע. אויף דעם לייוונט ליגן אויסגעלייגט נישט איינגעראָמטע בילדער פֿון דעם צאַר, פֿון דער צאַריצע און פֿון דעם צאַרעוויטש, באַזונדער און אין גרופּן. עס ליגן אויך האַרמאָניקעס, קעמעלעך, פּייפּעלעך, שפּיגעלעך און שטיקלעך שמעקענדיקע זייף. דער קאַצאַפּ וויל, הפּנים נישט, אַז עמעצער זאָל אַריינקומען צו אים פּאַלאַטקע. אפֿשר דערפֿאַר וואָס ער האָט נישט ליב דעם פּויער ציט ער דערפֿאַר אַזוי אומיסטן אויס די ווייסע שטיק לייוונט פֿאַר זיין שטעל, ווי אַ שוועל וואָס מען קען נישט אַריבערטרעטן. — ווילסט אַ גאָט, אָדער אַ גאָטס מאַמע, — זאָג, וועט ער דיר דערלאַנגען. אָבער איידער ער דערלאַנגט דיר מוזטו אויף זיי פֿריִער קוקן פֿון דער וויטנס, מוזט קוקן אויף די אַלע געטער און מאַמעס, מוזט פֿריִער זען ווי זיי קוקן אויס. ער, דער פֿאַרקויפֿער, שטייט גאַנץ רויִק פֿאַר דעם אויסגעשפּרייטן לייוונט און קוקט זיך גאָר נישט אום אויף די פּויערים וואָס שטייען אָנגעשטעלט פֿאַר זיין שטעל און קוקן אַריין אינעווייניק צו די געטער. ער פֿאַרקויפֿט זיך דאָ די קלייניקייטן פֿון דעם לייוונט מיט אַ שטעל פֿון אַ יחוס, וואָס האַלט אַלעמען נידעריקער פֿון זיך, רעדט צו די פּויערים גרויסרוסיש און אים אַרט גאָר נישט וואָס די פּויערים פֿאַרשטייען אים נישט. אָט פֿרעגט אים אַ פּויער מיט אַ שמייכל:

— פֿאַרוואָס „באַלאַקעסטו" אַזאַ לשון. דו פֿאַרשטייסט דאָך דאָס לשון וואָס מיר רעדן? פֿאַרוואָס רעדסטו נישט ווי אַ מענטש? סחורה פֿאַרקויפֿן ווילסטו אונדז, טאָ פֿאַרוואָס רעדסטו נישט אונדזער לשון?

דער גרויסרוס קוקט אים אָן מיט פֿאַריסענעם שטאָלץ און ענטפֿערט:
— צו וואָס? ביזט משוגע?!

יאַנקל פֿאַרשטייט נישט קלאָר וואָס דאָ קומט פֿאָר און ער לאָזט אַראָפּ די אויגן און פֿאַרקוקט זיך אויף די קעמעלעך אויפֿן לייוונט. זיי ליגן ביי אים איינגעוויקלט אין פּאַפּיר אויף אַ קונציקן אופֿן. עס איז נישט ווי מען נעמט עטלעכע קעמלעך און מען לייגט זיי אַרויף איינער אויפֿן צווייטן און מען וויקלט זיי איין אין אַ שטיק פּאַפּיר. דאָ איז עפּעס געמאַכט ווי מיט אַ כּישוף... — מען נעמט אַ לאַנג שטיק פּאַפּיר, די ברייט פֿון די קעמלען, מען לייגט אויפֿן עק פֿון דעם לאַנגן פּאַפּיר פּריִער אַרויף זיין איינציקן קעמל און מען גיט אים אַ וויקל און מען באַהאַלט אים אין דעם פּאַפּיר, נאָכדעם לייגט מען אויף דעם באַהאַלטענעם קעמל אַרויף אַ נייעם קעמל, זענען שוין ביידע קעמלען פֿאַרכאַפּט און באַהאַלטן אין דעם פּאַפּיר; נאָכדעם לייגט מען אויף די צוויי באַהאַלטענע קעמלען אַרויף אַ דריטן און מען גיט ווידער אַ וויקל איין. און אַזוי פֿאַרשווינדן פֿון אויג קעמל נאָך קעמל גלייך אין פּאַפּיר אַריין, ביז עס וואַקסט פֿון זיי אויס אַ ווייס פּירעקיק פּאַפּירן פּעקעלע, וואָס באַהאַלט אין זיך אַ גאַנץ טוץ איינגעשלונגענע קעמלען. און איצט, אַז אַ קאַצאַפּ ווייזט זיינע קעמלען, קומט אויס, אַז מיט יעדן וויקל דערין ווערט ווי דורך אַ כּישוף פֿון דעם פּאַפּיר אַרויסגעבוירן אַ נייער קעמל, און אין דעם לאַנגן ווייסן פּאַס פּאַפּיר ליגן נאָך באַהאַלטן נייע, נאָך נישט געבוירענע קעמלען.

רעדנדיק אויף זיין גרויסרוסישן לשון, דערקלערט ער די קויפֿער, אַז אָט די קעמלען קומען פֿון מאָסקווע אַליין, און אָט די פֿון קאַזאַן, און די לענגלעכע מיט די צווייערליי ציינער, געדיכטע און שיטערע, זענען אמתע ניזשנענאָוואָגראָדער. און אָט די זייף קומט אַזש פֿון טיפֿליס. און די פֿון פּערם.

יאַנקל ווייסט אַז אָט דער גרויסער קאַצאַפּ זאָגט דאָ ליגן. ער איז אַ ליגנער. ווייל ער אָט די אַלע קעמלען האָט ער דאָך געקויפֿט דאָ אין ברוסילאָוו, ביי ברוך דעם קעמלמאַכער און די זייף — ביי לייבל דעם זייפֿער. נישט נאָר ער, נאָר די אַלע קאַצאַפּעס קויפֿן זייערע זייף ביי לייבלען און זייערע קעמלען ביי ברוך דעם קעמלמאַכער, נישט נאָר פֿאַר אַ ברוסילאָווער יאַריד, נאָר פֿאַר די יאַרידים אין די אַנדערע שטעט און שטעטלעך. לייבל מאַכט די זייף פֿון דעם חלב וואָס ער קויפֿט אָפּ ביי די קצבים. ער צעלאָזט דעם חלב און מישט אַהין אַריין נאָך אַזוינע זאַכן און עס ווערט פֿון דעם זייף. און ברוך דער קעמלמאַכער מאַכט זיינע קעמלעך פֿון די הערנער פֿון די געקוילעטע בהמות וואָס ער קויפֿט־אָפּ ביי די קצבים. ער קאָכט זיי ביז זיי ווערן ווייך ווי טייג — ער שניידט זיי, פּרעסט זיי, טריגנט די צעשניטענע שטיקער צוריק אויס, ביז זיי ווערן האַרט ווי ביין, נאָכדעם מאַכט ער פֿון זיי קעמלעך און קעמלעך. ער האָט אויף דעם אַזוינע מאַשינען וואָס שניידן אויס די ציין אין די קעמלען און מענטשן שטייען ביי די מאַשינען און אַרבעטן כּסדר.

און אָט ווי יאַנקל טראַכט אַזוי פאַלן אײַנמיטן דערינען זײַנע בליקן אויף די אויגן פון אַ יעזוס־בילד און אַ שרעק באַפאַלט אים. עס שטייט דאָך בפירוש: זיי האָבן אויגן און זעען נישט און... אָט די אויגן... זיי זעען דאָך... — זײַן שרעק נעמט אַלץ וואַקסן, — זיי זעען!... יאַנקל קערט זיך אָפּ, נעמט מיט שרעק גײן, כאַטש ווען וואָלט ער לויפן, אָבער דער שרעק גייט מיט אים: זיי קוקן, זיי זעען.

ער שטעלט זיך אָפּ ביי אַן אַנדער פּאַלאַטקע און זעט אַז דער קאַצאַפּ דאָ שפּילט אויף אַ גרויסע האַרמאָניקע, ווינקט זיך איבער מיט אַ פּאָר שקצים און שיקסעס. ער טאַנצט שטייענדיק אויף איין אָרט און יענע נעמען זיך טאַנצן פון דרויסן פון זײַן פּאַלאַטקע. יאַנקל כאַפּט אַ קוק אויפן שפּילער, אויף די טענצער. ער וויל בלויז קוקן אויף זיי, אָבער באַלד טאַקע כאַפּט ער זיך, אַז ער קוקט ווידער אויף די אָפּגעטער וואָס קוקן...

און אָט ווי יאַנקל שטייט אַזוי, טיילט זיך פון עולם אויס אַ פּויער מיט אַ לאַנגער בײַטש אין האַנט, פּאַרקוקט זיך אויף די ערטער וואָס שעמירירן טיף מיט דעם גאָלד און זילבער איבער זייערע קעפּ און גיט מיט אַ מאָל אַ ווייז מיט זײַן בײַטש אויף אַ יעזוסל און שרייט אויס אַ באַגייסטערטער:

— אין דייך מאַמעס מאַמע אַרייַן! וויפל ווילסטו פאַר אָט יענעם גאָטעלע דאָרט ?

דער סוחר הערט אויף שפּילן. די טאַנצנדיקע פּאָרלעך שטעלן זיך אָפּ פּאַרפּלאָמטע און מיט אַ פּאַרשייטן אויסגעשריי: —אָכ־האַ!

און זיי קומען צו, שטעלן זיך אַרום דעם קויפער. דער סוחר מאַכט זיך פון אָנהייב כלומרשט נישט־וויסנדיק, ער טרעפט מיט דער האַנט אַלץ אויף אַן אַנדער יעזוסל. דער פּויער אָבער לאָזט נישט. שרייט, און ווייזט מיט זײַן לאַנגן בײַטששטעקן אויף דעם יעזוס־בילד וואָס ער האָט אויסגעקליבן און באַדעקט טאַקע דערבײַ דאָס בילד מיט אַן אַ שיעור רוסישע „פּאַ־מאַטעריס". ער טוט דאָס נישט פון בייזקייט, חלילה, נאָר טאַקע פון גאָר גרויסער ליבע צו דעם בילד וואָס געפעלט אים אַזוי שטאַרק. און ווען דער סוחר דערלאַנגט אים שוין דאָס אויסגעקליבענע פאַרפּוצטע בילד, איז צו דעם פּויערס פרייד גאָר קיין גרענעץ נישטאָ, און ער שרייט אויס צו די פּאָרלעך וואָס האָבן זיך אַרום אים אַרומגע־שטעלט: — קוקט דאָס נאָר אָן און זעט, — סאַראַ שיינקייט, אין זײַן צעהורטער מאַמען אַרייַן! זעט נאָר סאַראַ גאָטעלע דאָס איז! ווי דאָס פאַרבלוטיקטע הערצל ליגט פון דרויסן, אָט־אָ־דאָ גלייך! סאַראַ לאָקן! סאַראַ אויגן! אין זײַן מאַמעס מאַמע אַרייַן! און אָט די שטראַלן איבער זײַן קאָפּ, — גאָלד און זילבער!! אָ צום שוואַרצן יאָר, — האָט איר ווען געזען אַזאַ געטעלע?!...

די אַרומיקע העלפן צו:

— אַ צירונג אין אַ הויז אַזאַ גאָט.

— און פון שלעכטס וועט ער דיך אָפּהיטן.

— אמת — לייגט צו דער סוחר, — אין די פּאַטשאַיעווער לאַווריעס האָט מען אים געהייליקט. די פּאַטשאַיעווער באַגאַ־מאַטער האָט אים געבענטשט.

— אָ, דו שוואַרצע יאַר, רעד נישט! — שרייט אויס דער פּויער. דו זאָג אַ פּרייז. דו ביזט טאַקע אַ קאַצאַפּ, נאָר אַ פּרייז זאָג אָן ערלעכן.

און עס הייבט זיך אַ דינגעניש. איינער לאָזט אַראָפּ אַ צען קאָפּיקעס, דער אַנדערער וואַרפט צו אַ צען קאָפּיקעס. יאַנקל לאָזט אַראָפּ זיינע אויגן צו די „פּאַסטעליעס״ וואָס אויף דעם פּויערס פּיס, צו די לייוונטענע שמאַטעס מיט וועלכע עס זענען אַרומגעוויקלט די פּיס. אָבער עס העלפט נישט. ער דערפילט מיטאַמאָל איבער זיך די קוקנדיקע אויגן פון אַ סך געטער און נעמט לויפן.

יאַנקל איז הונגעריק און ביטער איז אים אין מויל און פינצטער פאַר די אויגן.

דער מאַרק נעמט זיך שוין ביסלעכווייז אויסליידיקן. עס איז שוין נאָענט צו פאַרנאַכט. ער האָט שוין מרגל געווען באַלד דעם גאַנצן יאַריד, און איצט איז אים צו אַלע זיינע שאלות צוגעקומען נאָך אַ שאלה, אַ שאלה וואָס וואַרפט אַ שרעק אויף אים:

— פאַרוואָס זאָל מען זאָגן, אַז די אויגן זעען נישט?

און נאָך אַ שאלה:

— פאַרוואָס זאָל דער פּויער מיט אַזאַ הנאה זידלען דעם גאָט און די מאַמע פון דעם גאָט וואָס ער האָט ליב?...

מיטאַמאָל אָבער איז דער פאַרמוטשעטער יאַנקל אויפגעטרייסלט געוואָרן פון אַ פּלוצימדיקן ווילדן אויסגעשריי. ווי אַ שטראָף פון גאָט האָט דאָס געשריי אַ שפּאַלט־געטון די לופט און אַ ריס־געטון דעם הימל איבער זיין קאָפּ, דערפאַר וואָס ער, אַ ייִדיש ייִנגל, האָט זיך פאַרנומען טראַכטן אַזוינע זינדיקע געדאַנקען.

ווען יאַנקל איז געקומען צו זיך האָט ער זיך דערזען אויף דעם חזיר־מאַרק.

ברוסילאָווער חזיר־מאַרק

קיין קאַנאַליזאַציע איז אין ברוסילאָוו נישט געווען און אַלץ וואָס אַזאַ ייִנגל ווי יאַנקל האָט געוווּסט וועגן חזירים איז, אַז דאָס זענען גויִישע באַשעפענישן וואָס גייען אַרום איבער דער שטאָט און פרעסן אויף דעם מענטשלעכן אָפּפאַל פון אונטער די הייזער און ווערן פון דעם פעט. ער האָט אויך געוווּסט, אַז עס טרעפט די חזירים כאַפּן אָן אין זייערע מיילער הויפנס שטרוי און נעמען זיך אַזוי מיט געשרייען פלוצים טראָגן איבער דער שטאָט. און דאָס איז אַ סימן, אַז עס וועט גיין אַ רעגן. ער האָט אויך געוווּסט, אַז די פּויערים עסן זייער פעטס און זייער פלייש. ער האָט אויך געוווּסט, אַז די פּויערים שטעכן זייערע חזירים און אַז עס איז אַפילו פאַראַן אַ ווערטל: „ער שרייט ווי אַ געשטאָכענער

חזיר". דאָ איז אָבער יאַנקלען אויסגעקומען שטיין צום ערשטן מאָל פאַרן פויער־רישן ריטואַל פון שטעכן אַ חזיר.

דער מאַרק פאַר די חזירים־שטעלן האָט זיך גענומען אָפּלײדיקן. פאַרן שליסן האָבן פויערים מיט געשרייען גענומען פאַרקויפן דאָס איבערגעבליבענע חזיר־פלייש — געזאַלצענע, געריכערטע זייטלעך פון חזירים, קעפּ פון חזירים און איבערגעבליבענע חזירים און חזירימלעך, וואָס זיי האָבן געהאַלטן געבונדן אויף זייערע וועגענער און אונטער די וועגענער. טייל האָבן אויף זייערע וועגע־נער געהאַט קעסטלעך און שטייגן פאַר זייער לעבעדיקער סחורה. און אַט האָט איינער אַ פויער, דערזעענדיק אַ גרויס ליידיק שטיק אָרט אויפן מאַרק, ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער וויל נישט פירן צוריק אַהיים דעם גרויסן פעטן חזיר. ער האָט דערוואַרט פאַר אים אַ סך געלט. צום סוף האָט ער אים גאָר אינגאַנצן נישט געקענט פאַרקויפן איבער זיין גרויס. האָט ער גענומען פאַרקויפן שטיקער פון דעם לעבעדיקן חזיר און אָנגעוויזן, אַז אַט אויף יענעם ליידיקן שטיק מאַרק וועט ער אים שטעכן ווען אַלע קונים וועלן באַצאָלן אין פאָרויס דאָס געלט פאַר די געקויפטע שטיקער. און ווי נאָר ער האָט באַקומען די ערשטע פאַר קונים האָט ער מיט די הענט גענומען רייסן די הויכע שטשעטשינע־האָר פון דעם רוקן פון דעם חזיר. די האָר מוזן אַרויסגעריסן ווערן מיט די וואָרצלען, וואָרעם עס איז נישט גאָר די שטייפקייט פון די רוקנדיקע חזיר־האָר, נאָר טאַקע די גרויס און די שפּיציקע האַרטקייט פון די ווייסע וואָרצלען וואָס געבן צו דעם אמתן ווערט צו די שטייפע האָר. נאָר אַזוינע שטייף־וואָרצלדיקע האָר קאָנען ווי גע־העריק אַריינגעאַרבעט ווערן אין די שוסטערישע דראַטוועס און פון זיי באַנוצט ווערן ווי בייגעוודיקע נאָדלען.

דער חזיר וואָס איז אַזוי פּלוצים באַפאַלן געוואָרן פון זיין באַלעבאָס און פון נאָך אַ פאָר פויערים אַרויסהעלפער, האָט דערפילט דעם ווייטיק און די געפאַר און האָט גענומען שרייען מיט באַנומענע קולות. — דער חזיר ווייסט נישט, אַז די שוסטערס דאַרפן בייטיק די שטייפע און טיף־וואָרצלדיקע האָר פון זיין רוקן פאַר זייערע דראַטוועס און אַז נאָך ווייטערע שטעט דאַרפן זיי פאַר זיידענע באַרשטן און בערשטלעך. אים האָט נאָר געאַרט דער ווייטיק אין זיין רוקן און די שרעק וואָס ער איז מיטאַמאָל אַזוי פּלוצים באַפאַלן געוואָרן פון עטלעכע פויערים. ווייטיק און בייזע שרעק האָבן זיי געבראַכט צו זיין לייב, האָט ער גענומען שרייען אַזוי, אַז נאָך עטלעכע חזירים האָבן קוקנדיק גענומען שרייען און טרייסלען די לופט פון דעם חזיר־מאַרק.

גיין נאָכדעם צום אָפּגעליידיקטן אָרט אויפן חזיר־מאַרק האָט דער חזיר נישט געוואָלט. האָט מען אים אומגעוואָרפן, מען האָט צונויפגעבונדן זיינע פאָ־דערשטע פיס באַזונדער און זיינע הינטערשטע באַזונדער, נאָכדעם האָט מען דורך דיביידע פאָר געבונדענע פיס דורכגעשטופּט אַ דרענגל וואָס איז כמעט געווען אַזוי לאַנג ווי אַ דישל פון אַ וואָגן און עטלעכע פאָר מענטשן פון פאָרנט

און פון הינטן האָבן פאַרוואָרפן דאָס דרענגל מיט דעם אָנגעבונדענעם חזיר אויף זייער אַקסלען און האָבן אַזוי גענומען טראָגן דעם שרייענדיקן חזיר צום אָנגעצייכנטן, אָפּגעליידיקטן שטיק מאַרקפּלאַץ. עס האָט אויסגעזען, אַז נישט איבער די געבונדענע פיס האַלט זיך די שרייענדיקע חיה אָן דעם דרענגל, נאָר אַז די גרויסע שווערע חיה קלאַמערט זיך מיט אירע קורצע פיס צום דרענגל, כדי זיך צו ראַטעווען פון אַראָפּפאַלן צו דער ערד גלייך אויף זיין אַראָפּהענגענדיקן, אָנגעווייטיקטן אָפּגעפליקטן רוקן. מיט יעדן טראָט פון די טרעגער דאַכט זיך אים אַלץ אַז ער רייסט זיך אָפּ און פאַלט און זיינע געשרייען ווערן אַלץ גרוילדיקער, טויבנדיקער.

די פּראָצעסיע פון באַגלייטער האָט גענומען וואַקסן. פּויערים האָבן דערשמעקט געבראָטן חזיר־פליש, נאָך איידער מען האָט גענומען בראָטן. האָבן זיי איבערגעלאָזט אַ ווייב אָדער אַ קינד אויף זייער וואָגן און גענומען נאָכגיין, אייניקע מיט דעם געדאַנק צו קויפן אַ שטיק, אייניקע כדי זיך צו באַטייליקן אין דער פייערלעכער געשעעניש. צווישן די נאָכגייער האָבן זיך אויך געפונען אַזוינע וואָס האָבן אַריינגעשטאָכן זייערע מעסערס אין דער חיה. די געשרייען זענען דאָ געוואָרן אַזוינע, אַז די וועגענער, די ערד אונטער די פיס האָבן זיך גענומען וויגן. אָט־די אומדערהערטע פּלוצימדיקע געשרייען האָבן אויך דערגרייכט יאַנקלען, וואָס איז געשטאַנען ווייט אַוועק, לעבן די פּאַלאַטקעס פון די קאַצאַפּעס. ער האָט גענומען לויפן אויף די געשרייען, צווישן די וועגענער און מענטשן וואָס האָבן זיך שוין גענומען איינפּאַקן זייערע סחורות און פאַנאַנדערנעמען זייערע שטעלן. ווען ער איז אַרויפגעקומען אויפן חזיר־מאַרק האָט ער דערזען די שרעקלעכע פּראָצעסיע און ווי די מרגלים האָבן אַמאָל געבראַכט אויף אַ שטאַנג די שווערע טרויבן, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון דעם לאַנד פון מילך און האָניק אַזוי האָבן, להבדיל בין אלף הבדלות, די פּויערים איצט געטראָגן פאַר זיינע צוויי פאָר פיס אַ שווער אַראָפּהענגענדיקן, אַ שרעקלעך גרויסן חזיר. אפשר איז דאָס אַ ווילד געצנדינעריש דינסט ביי זיי, פאַלט יאַנקלען איין... און ער דערמאָנט זיך — אַ פאַלשער כהן האָט אויף דעם באַפעל פון די רוימער געזאָלט מקריב זיין אַ חזיר אויפן מזבח און מתתיהו כהן גדול האָט דערשטאָכן דעם כהן אויפן אָרט. ווער איז דאָ דער כהן... און עס פאַלט אים איין — אַזאַ גרויסן, פעטן, שרייענדיקן חזיר האָט ער נאָך אין זיין לעבן נישט געזען. אפשר זעט ער גאָר דאָ דעם מלך פון די חזירים, דעם גאָט פון די חזירים, ווייל ווו איז דען ווען געזען געוואָרן אַזאַ גרויסער חזיר? אין די אַרומיקע טיפע וועלדער האָבן זיי דעם קייסער, דעם גאָט פון די חזירים געכאַפּט, איצטער שטעכן זיי אים, איצט גייען זיי מאַכן אַ סעודה אַ גרויסע. די פּויערים האָבן גוואַלדיק גרויס הנאה געהאַט פון זיינע געשרייען. זיי שטעכן אים ווייל זיי ווילן, אַז ער זאָל שרייען וואָס העכער. פון אָט די געשרייען האָבן זיך די אויגן פון די פּויערים געצונדן מיט אַלץ גרעסערע פרייד. אייניקע האָבן אונטערגעשטעלט זייערע

הענט, געכאַפּט אַ ביסל פון דעם פליסנדיקן בלוט און דאָס מיט געשטייגערטער פרייד געבראַכט צו זייערע מיילער. אַנדערע האָבן פאַר דעם צוועק אונטערגעשטעלט שטיקער ברויט אין די הענט. אַ געטרייער מאַן האָט אַזאַ שטיק ברויט אונטערגעטראָגן זיין ווייב; אַ געטרייע מוטער האָט אַזאַ שטיק ברויט געשטופּט אין איר קינדס מויל. פויערים וואָס האָבן נישט געקאָנט געפינען קיין נאָענטן וועג צו דער פּראָצעסיע האָבן גענומען שפּרינגען איבער די וועגענער וואָס זענען זיי געשטאַנען אין וועג... פויערים און פויערטעס וואָס האָבן מורא געהאַט צו פאַרלאָזן זייערע וועגענער, זענען אַרויפגעשפּרונגען אויף זיי, אָדער גאָר אויף די רוקנס פון די אויסגעשפּאַנטע פערד און אָקסן און אַזוי נאָכגעקוקט דער פּראָצעסיע. ווען דער גרויסער חזיר, וואָס האָט צו זייער פאַרגעניגן, אַזוי הילכיק, הימל־שפּאַלטנדיק געשרי:ען און זיך אַזוי ווילד געראַנגלט אַראָפּהענגענדיק אויף אַלע פיר פון דעם דרענגל וואָס אויף די אַקסלען פון די טרעגער, האָבן זיי נאָכגעוואָרפן גליקלעכע אויסגעשרייען און הילכיקע געלעכטערס.

אויף דעם אָנגעצייכנטן אָרט אינמיטן מאַרק האָט מען צעלייגט אַ פייער און מען האָט די חיה פונדאָסניי גענומען שטעכן און איר אַראָפּגעלאָזן אויף דעם פייער. די צעווילדעוועטע חיה האָט, ווייזט אויס, מורא געקראָגן פאַרן פייער נאָך מער ווי פאַר די מעסערס. ווען די חיה האָט גענומען ווייזן סימנים פון אָפּגעשוואַכטקייט, האָט מען אַרויסגעשלעפּט דאָס דרענגל פון צווישן זיינע פיס און אים נאָך אַזוי אַ לעבעדיקן, אַ קוויטשעדיקן גענומען סמאַליען די האָר און די הויט פון זיין לייב מיט אָנגעצונדענע סנאָפּעס שטרוי. דער עולם איז געשטאַנען אין אַ גרויסן רינג און געקוקט אויף די אָנגעצונדענע סנאָפּעס שטרוי אין די הענט פון די וואָס האָבן געסמאַליעט די חיה. זיי איז געווען גוט פון דעם. זיי איז אויך געווען גוט פון דעם אויפגייענדיקן טשאַדנדיקן רויך, וואָרעם דאָס האָט אויך געבראַכט פרעגלענדיקן חזיר־גערוך צו זייערע נאָזלעכער. עס זענען אויך געווען אַזעלכע וואָס האָבן געלעקט זייערע פינגער נאָכדעם ווי זיי האָבן זיי אַריינגעשטעקט אין די אָפענע ווונדן פון דער חיה.

ווען דער חזיר איז שוין געווען גוט אָפּגעסמאַליעט און שטיל, האָט יאַנקלעץ אויסגעזען, אַז איצט איז אָט דער ווילדער מלך, אָדער גאָט פון די חזירים, טאַקע אויף דער אמתן טויט. אויף קיין מזבח פאַר אַ קרבן האָט אים דאָ קיין פאַלשער כהן נישט געבראַכט, דאָס פייער אויף אים איז געקומען פון אָנגעצונדענע קוליעס שטרוי, אָבער פאַרברענט איז ער און טויט איז ער. האָבן זיך אָבער די פויערים און פויערטעס גענומען מיט מעסערס אָפּשאָבן די אָפּגעברענטע האָר

און סאַזשע וואָס האָט זיך אויף אים אָנגעקליבן און גענומען גיסן וואַסער אויף אים ביז ער איז אַרויסגעקומען פריש און נאַקעט־ווייס. און אַ גרויסן טיש האָט מען געבראַכט מיט ברעטער אַזוינע, האָט מען אים אויפן טיש אַרויפגעהויבן און אים דאָרט ווי אַ פונדאָסניי געבאָרענעם חזיר־גאָט, אַ נאַקעטן, אַוועקגעלייגט זיין

גרויסן ווייסן קערפּער אויף זיינע אַלע פיר. יעדער קנייטש, יעדער בייג פון זיין פעטן ליכטיק־ווייסן קערפּער האָט געאָטעמט מיט שמייכלדיקער פרייד.

ער האָט איצט באַהערשט דעם גאַנצן חזיר־מאַרק. דער איינציקער וואָס האָט מיט אים נישט געקאָנט קאָנקורירן אין הערשאַפט איז אפשר געווען דער גרויסער צווייקעפּיקער אָדלער וואָס איז „געפלויגן“ איבערן דאַך פון דער אַפּטייק, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער צווייטער זייט פון חזיר־מאַרק אָבער דאָס האָט דעם אויסגעטוטענעם חזיר ווייניק וואָס געאַרט. דער מאַרק איז זיינער. עס איז נישט קיין אָדלערמאַרק, עס איז אַ חזיר־מאַרק. אים, דעם ניי־געבוירענעם האָט איצט בכלל קיין זאַך נישט געאַרט. עס האָט אים נישט געאַרט, וואָס מען האָט אים פריִער אַזוי בייז געמוטשעט, געשטאָכן, געבריענט און געהרגעט. עס איז געווען גוט אַזוי. עס האָט געדאַרפט אַזוי זיין. עס האָט אים נישט געאַרט וואָס עס האָבן זיך אַרום אים מיטאַמאָל באַוויזן גרויסע ערדענע טעפּ און הילצערנע באַליעס און אַ וואָג און אַ האַק. אים האָט נישט געאַרט וואָס מען גייט דאָ פון אים שניידן, האַקן און אויסטיילן שטיקער צו די קויפער. נישט נאָר זיינע האַלב־אָפענע אויגן, נאָר זיין נאָז, זיינע אויערן און אפילו די פאַלדן און קנייטשן פון זיין נאַקעט־אַנטפּלעקט קערפּער האָבן, דאַכט זיך, געקוקט און צופרידן אויפגע־נומען די באַגייסטערטע בליקן פון דעם גרויסן עולם. די דורכגעשטאָכענע ווונדן אויף זיין לייב האָבן אים נישט געאַרט. זיי זענען געלעגן איבער זיין נאַקעטקייט ווי צירונג וואָס העלפט אַרויסצורופן גרעסערן חשק צו זיין לייב. דעם גאַנצן לעבן איז ער געלעגן אין שמוץ, געגעסן קויט און איצט איז ער אַזוי ריין. דעם גאַנצן לעבן איז ער געווען צופרידן צו געבן מילך צו יונגע חזירימלעך, אָן אַ צאָל, און איצט לעבט ער ווידער און איז אויפגעהויבן אויף אַ גרויסן טיש איבערן מאַרק. די פיר פיס אַרויסגעצויגן פון פאָרנט און פון הינטן פון אים זענען, דאַכט זיך, גרייט אים אויפצוהייבן. אַלע וואָלטן דאָ גענומען קניִען פאַר אים ווען ער טוט דאָס נאָר. ער האַלט זיך איין, ער הייבט זיך נישט. ער וואַרט דאָ. ער איז צופרידן צו געבן זיין פלייש און זיין פעטס — זאָל מען נעמען. ער איז איצט ריין. ער איז איצט שענער ווי ווען עס איז. מען קערט אים איבער, מען שניידט דעם בויך, מען נעמט אַרויס זיין אינגעווייד — זאָל מען נעמען. מען וועגט זיינע שטיקער אויף דער וואָג וואָס לעבן אים — זאָל מען; און אַז דער קאָפּ אַליין און נאָך אַ פּאָר שטיקער בלויז בלייבן אויפן טיש, ליגט דער קאָפּ ווי אַ לעבעדיקער און די פּאָר שטיקער ליגן ווי לעבעדיקע.

עס האָבן זיך באַוויזן גרויסע פלעשער בראַנפן. מען האָט גענומען טרינקען און צובייסן ברויט מיט זאַלץ מיט פרישע שטיקער חזיר־פעטס. מען האָט זיך גענומען אַרומנעמען און זיך קושן. איינער האָט דעם צווייטן גענומען רופן — קרוב! מען האָט זיך מיטאַמאָל אַלע דערזען צונויפגעשמאָלצן אין איין גרויסער משפחה. די בראַנפן־שענקען וואָס האָבן זיך כמעט אַלע געהאַלטן אַרום דעם חזיר־מאַרק, האָבן גענומען מאַכן גוטע געשעפטן, און האָבן זיך גענומען היטן

פּאַר זייערע קויפער, ווייל שיכור, אָדער האַלב־שיכור זענען שוין כמעט אַלע. איבערן טיש מיטן חזיר־קאָפּ און חזיר־שטיקער האָט זיך באַוויזן אַן אָנגעצונ־דענער פּאַקל. דאָס האָט ווי פאַרגרעסערט די שמחה. דאָס פלאַטערן פון דעם פלאַם האָט געשלאָגן אויף דעם פּנים פון דעם פאַרקויפער; אויף דעם גרויסן מעסער אין זיין האַנט, אויף די וואָגשאָלן און אויף דער גרויסער פלאַש בראָנפן לעבן אים און אויף דעם גרויסן חזיר־קאָפּ און די אַנדערע חזיר־שטיקער וואָס אויפן טיש. עס האָט אויך געמאַכט אויסזען ווי אַלע אַרומיקע קויפער טרינקען, עסן און טאַנצן אַרום דעם חזיר־טיש, אַרום דעם חזיר־קאָפּ. און אָט האָט אַ פּויער שוין טאַקע אַ שיכורער, גענומען טאַנצן און איז אַזוי טאַנצנדיק אַ פאַל־געטון אויף אַ צווייטן און זיך אָנגעשלאָגן מיט זיין שטערן אָן יענעמס. ער האָט אייגנט־לעך געוואָלט יענעם אַזוי טאַנצנדיק אַרומנעמען און זיך מיט אים צעקושן. דער שטערן איז אָבער דאָ געלאָפן פאַר זיין מויל, יענער אָבער האָט פון דעם נישט געוואָלט וויסן און האָט אים דערפאַר דערלאַנגט אַזאַ זעץ אין פּנים, אַז בלוט האָט גענומען שלאָגן פון זיין נאָז און פון זיין מויל.

— און דו, פאַר וואָס? — האָט אַן אַנדערער אויסגעשריגן צום שלעגער, און אים דערלאַנגט מיט אַ פוס אין בוך אַזוי, אַז יענער איז גלייך אומגעפאַלן אַ צענויפגעדרייטער. און אַ צווייטן, וואָס איז געשטאַנען לעבן דעם געפאַלענעם, האָט ער דערלאַנגט אין פּנים אַריין אויסשרייענדיק צו אים:

— און דו, טייוול, גייסט זיך אָננעמען פאַר אַ שלעגער?! נאָ דיר, נאָ!

— אַ חיה איז דיין מאַמע! — האָט אַן אַנדערער אויסגעשריגן, אַ שפּרונג־געטון, אָנגעכפּאַט פאַרן טשוב און גענומען שלאָגן דעם נייעם שלעגער.

און ווי אַ פונק קען אַמאָל אָנצינדן אַ גאַנץ פעלד, אַזוי האָבן זיך מיטאַמאָל גענומען הייבן הענט פון אַלע זייטן. שיכורע און האַלב־שיכורע האָבן זיך גענומען וואַרפן איינער אויפן צווייטן; איינער האָט גענומען שלאָגן דעם צווייטן, נישט־וויסנדיק פאַרוואָס און פאַרוועז. מען שלאָגט זיך, דאַרף ער זיך אויך שלאָגן. און אַזוי האָבן זיך מענטשן וואָס זענען געווען ווייט אַוועק פון דעם געשלעגפּלאַץ, גענומען זיך שלאָגן, ווי אַ ווינט וואָלט אַריבערגעוואָרפן פונקען אין זייערע בוי־זעמער. די שענקען אַרום דעם חזיר־מאַרק האָבן גלייך געשלאָסן זייערע טירן, אַנדערע קראָמען און קרעמער האָבן אין שרעק אויך גענומען פּאַקן און שליסן זייערע געשעפטן. דער פאַרקויפער לעבן דעם פּאַקל — ביים חזיר־טיש, האָט זיך לכתחילה פאַרלאָזט אויף דעם גרויסן מעסער אָס אין זיין האַנט און אויף דעם פאַרבלוטיקטן שטיק האַלץ, וואָס ער האָט אָפּט באַנוצט אינאיינעם מיטן מעסער אויף אָפּצוהאַקן אַ שטיק פון ביינערדיקן פלייש, האָט ער אינאיינעם מיט נאָך פאַר פּויערים געקוקט אויף דעם פאַנאַנדערגעלאָזענעם געשלעג אַרום זיך און אַריבער דעם פאַרנאַכטיקן מאַרק. פּלוצים אָבער כאַפּט ער זיך, אַז אַ שטיק חזיר־פלייש איז פאַרשווונדן געוואָרן פון זיין טיש. ער האָט זיך אומגעקוקט און ביי זיך גלייך אָפּגעמאַכט, אַז איינער פון די וואָס שטייען לעבן אים און האָט

געטרונקען מיט אים פון זייערע בשותפותע פלעשער בראָנפן, האָט אָוועקגעגנבעט אַט די שטיק פליש. ער האָט יענעם בייז אָנגעקוקט, אים געשטאָכן מיט די אויגן און אויסגעשריגן: — ווי אַזוי האָסטו דאָס געטון ! איך האָב געטרונקען מיט דיר ווי מיט אַ קרוב און דו האָסט געגנבעט פון מיין טיש!

— וואָס, דו זאָגסט, אַז איך בין אַ גנב? — האָט יענער אויסגעשריִען און אויפגעהויבן אַ פלאַש בראָנפן איבערן קאָפּ פון דעם אַנדערן. דער אַנדערער אָבער האָט זיך געפעדערט און מיט דעם פאַרבלוטיקטן שטיק האָלץ וואָס איז זיין האַנט דערלאַנגט דעם פויער „זיין קרוב״ איבערן קאָפּ. הינטער אים איז אָבער געשטאַנען אַ דריטער און אים דערלאַנגט מיט אַ שטיק אייזן איבערן קאָפּ. איז ער געפאַלן אַ פאַרבלוטיקטער, פריִער צום חזיר־טיש, געפּרוּווט פאַר אַ רגע אָנכאַפּן דעם חזיר־קאָפּ און די אַנדערע שטיקער פלייש. ער איז אָבער נאָכדעם גלייך אַראָפּגעפאַלן אַ פאַרבלוטיקטער צו דער ערד און גענומען שרייען מיט באַנומענע קולות:

— גוואַלט, ראַטעוועט, מענטשן גוטע, ראַטעוועט!

און דער מיטן שטיק אייזן האָט זיך אַזוי צערייצט פון זיינע קולות, אַז ער האָט גענומען פּאַכען מיטן שטיק אייזן אַרום זיך און גענומען טרעטן מיט די פיס יעדן וואָס איז געפאַלן לעבן אים. די שטיקער פלייש אויפן טיש און די שטיקער, וואָס זענען געלעגן אין קאָרב אונטערן טיש זענען גלייך פאַנאַנדערגעשלעפּט געוואָרן פון דעם עולם.

די ערד אַרום האָט זיך געוואָרפן מיט קעפּ, מיט הענט, מיט קערפּערס, מיט קעפּ מיט טשופּרינעס, מיט פיס און מיט געשרייען. רויִקע פויערים האָבן זיך אויך גיך אַרויפגעכאַפּט אויף זייערע פורלעך און גענומען לויפן פון דעם מאַרק־פּלאַץ. נישט געריהרט פון אָרט האָט זיך נאָר דער גרויסער חזיר־קאָפּ. דאָס ליכט פון דעם פּאַקל האָט נאָך אַלץ געברענט איבער אים און פון אונטער דעם פּלאַ־מענדיקן ליכט האָט דער חזיר־קאָפּ ווי אַן אָפּגאָט אַריבערגעקוקט אויף דעם מאַרק. יאַנקלען, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף דעם בערגל לעבן דעם הויז פון חנה דער שענקעריִן, איז אויסגעקומען, אַז אָט דער חזיר־קאָפּ לעבט טאַקע, קוקט אויף דעם אַלעמען, און אַז ער האָט נישט מורא פאַר דעם ווילדן געשלעג, וואָס האַלט זיך אין איין אויסברייטערן. עס אַרט אים נישט. דער ערדענער דאַך פון דעם פאַרמאַכטן בראָנפן־פּאַדוואַל, וואָס ליגט נידעריק אויסגעצויגן צווישן די וועגענער אין סאַמע מיטן מאַרק איז געוואָרן איין אויפ־געשפּרונגענער, בלוטיקער מענטשן־געראַנגל. מענטשן שלאָגן זיך דאָרטן, מענטשן וואַרפן אום מענטשן, מענטשן טרעטן דאָרט מענטשן מיט די פיס. דער נידע־ריקער, ערדענער דאַך הייבט אָט די ווילדע מענטשן־מאַסע אַרויס איבער אַלע וועגענער, איבער אַלע אַנדערע שלעגער. און אים, דעם גרויסן חזיר־קאָפּ אַרט דאָס נישט. ער האָט נאָך, ווייזט אויס, הנאה פון דעם.

חיה דער שענקעריִנס הויז איז געשטאַנען מיט איין וואַנט נאָענט צו די

געמויערטע ווייס־געקאַלכטע קלייטן, מיט איין זייט נאָענט צו די נישט־געפאַרבטע הילצערנע קלייטן, מיט זיין זייט אַנטקעגן דער אַפּטייק־הויז מיט דעם גרויס־פּאַנאַנדערגעמאָלענעם צוויי־קעפּיקן אָדלער איבערן דאַך, און מיט איין זייט אַנטקעגן דעם בראָנפּן־פּאַדוואַל און גלייך נאָכדעם ווי דאָס געשלעג האָט אויסגעבראָכן, האָט זי און איר טאָכטער גלייך פאַרמאַכט די לאָדנס, פאַריגלט די טיר און אַראָפּ און זיך פאַרשלאָסן אין קעלער. דער שאָטן פון איר מאַן וואָס איז אין דער צייט פון אַזאַ געשלעג דערהרגעט געוואָרן פון די צעיושעטע פויערים איז דער אַלמנה און דער טאָכטער נאָכגעגאַנגען אין דעם קעלער.

יאַנקל אָבער וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן כמעט ביי דער וואַנט פון דעם הויז איז נישט אַנטלאָפן און נישט געפּרוווט צו זוכן באַשיצונג אין דעם הויז. ער איז געבליבן אינדרויסן האַרט ביי אַ וואַנט פון דעם הויז, וואָרעם אַ מרגל איז ער און זען דאַרף ער אַלץ. און אויב עס וואַרט אויף אים אַ שטראָף, האָט ער אפשר פאַרדינט די שטראָף.אפשר... אפשר... איז ער, יאַנקל, שולדיק אין דעם אומגליק... אפשר האָט ער איבער זיין זינד דאָ געבראַכט אַן אומגליק אויף דער שטאָט...

דער גרויסער חזיר־קאָפּ אויף דעם טיש, איז, ווייזט אויס, געבליבן ליגן אַזוי לאַנג, ווייל איין פויער האָט דאָ געהיט דעם אַנדערן. און אַ שיינע פּאָר געשלעגן זענען אויסגעבראָכן איבער דעם, ווייל ווי נאָר איינער האָט חושד געווען דעם אַנדערן, אַז יענער וויל דעם קאָפּ פאַר זיך, האָט ער זיך מיט אים גענומען שלאָגן. אָט איז אָבער צוגעקומען איין פויער מיט אַ האַק אין האַנט. פריער אָפּגעשניטן די צוויי אויערן און זיי צוגעוואָרפן צו עמעצן, נאָכדעם האָט ער צעהאַקט דעם קאָפּ אויף עטלעכע שטיקער, צוגענומען פאַר זיך אַ שטיק און די איבעריקע פאַנאַנדערגעוואָרפן צווישן די אַרומיקע. אויסגעלאָשן דעם פאַקל און אַ פינצטערניש און שטילקייט האָט גענומען, לאַנגזאַם אָבער זיכער, זיך שפּרייטן איבערן מאַרק. עס האָט אויסגעזען ווי די טרייבקראַפט פון די אַלע איבערן מאַרק האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט. כאָטש דער מאַרק־פּלאַץ האָט זיך נאָך אויך נאָכדעם אַ לענגערע צייט דאָ און דאָרט געוואָרפן ווי אין פיבער, האָט דאָס אָבער אַלץ מער און מער שוין גענומען אויסזען ווי אַ שריפה, וואָס האַלט זיך שוין אין אויסברענען.

דעם הונגעריקן יאַנקלען איז געוואָרן אי גוט, אי ביטער פון דעם. עס האָט אָפּגעלאָזט דער צאַרן, די שטראָף איז אויסגעמיטן געוואָרן, אָבער פאַר־וואָס האָבן זיך מענטשן דאָ אָט־ערשט געקושט און געהאַלדזט און נאָכדעם אַזוי בלוטיק אַנגעפאַלן איינער אויפן צווייטן? פאַרוואָס קומען עפּעס אַלץ זאַכן פאַר אָט אַזוי? נאָך גוט וואָס אויף דער וועלט זענען פאַראַן אי גוים, אי ייִדן, ווען נישט וואָלטן דאָך חלילה אַלע מענטשן געווען אַזוי־אָ.

עס איז אָוונט. עס איז נאָכן יאַריד. אין די ביינער פון די מענטשן און אין די אַלע געמאַרקן פון דער שטאָט כאַפּט זיך אַריין אַ גאַנץ נייע בהלה. אַ מאָדנע

איילעניש. נעמען מענטשן פּאַקן זיך אין וועג אַריין. נעמען מיט אימפּעטיקע איבעררופן איינלייגן זייערע סחורות, אומוואַרפן זייערע געשטעלן, רייסן שטאַנגען און פלעקער פון דער ערד. די שליאַכן אויסערן שטאָט, וואָס זענען דורכן טאָג געלעגן ווי איינגעפאַלענע פּענכערס, ווערן צוריק אָנגעפּילט מיט געשרייען און מיט וועגענער. מענטשן לויפן איצט פון ברוסילאָוו און פון יאַריד ווי פון אַ שריפה. די מאַרקפּלעצער נעמען אויסזען ווי גרויסע שפּייכלערס, וואָס ווערן אויסגעליידיקט. דער הויפּט־וועג אינמיטן שטאָט איז נאָך אַלץ פול מיט לויפּנדיקע וועגענער, מיט סוחרים, מיט איילנדיקע שיכורע פּויערים, אָבער דער וועג דאָרט איז שוין אויך ווי אַ דורכגעלעכערטער זאַק פון וועלכן עס האַלטן זיך אין אַרויסשיטן די אָנגעזאַמלטע תבואה־קערנער. אַזוי זענען איצט אַלע וועגן און שליאַכן וואָס לויפן פון ברוסילאָוו איבער אומצייליקע מייליקע פעלדער און דורך פיל־מייליקע וועלדער.

דאָס פּלוצימדיקע צופאַלן פון אָוונט. די שרעק פאַר גזלנים וואָס לויערן אין די וועלדער אויף די אָפּגעשטאַנענע פורן איז אפשר די סיבה פאַר אָט־דעם איילנדיקן לויפן פון דער שטאָט. מען מוז זיך האַלטן אינאיינעם כדי אויסצומיידן די געפאַר פון איבערגעכאַפּט צו ווערן אינמיטן פון אַ טיפן וואַלד. די וואַלד־גזלנים, באַהאַלטנדיק זיך אונטער אַ בוים, נעמען צו דאָס געלט, די סחורה און די פערד, און טאָמער שרייסטו, אָדער זיי האָבן מורא אַז דו וועסט זיי דערקענען — דערהרגענען זיי אויף טויט.

— פאַרוואָס דאַרפן זיי זיין גזלנים? פאַרוואָס דאַרפן זיי זיך אויפהאַלטן אין די וועלדער? פאַרוואָס דאַרפן זיי וואַרפן שרעק אויף מענטשן?! פאַרוואָס איז אַלץ אַזוי שרעקלעך? פאַרוואָס איז אַלץ אַזוי?

יאַנקלען איז שווער. הונגעריק און מיד איז ער. ווי אַ רויטער לייב אַ שרייעדיקער האָט זיך אויפגעכאַפּט דער מאַרגן ווען ער איז נאָך געלעגן אין דעם פאַס פון זיין פעטער דער באָנדער. און איצט זע — עמעצער האָט געגנבעט אַ ווייסן שאָפענעם פרויען־פעלץ פון דעם בערגל און אים פאַרשטעקט אין הימל. פון דעם ווייסן שאָפענעם פעלץ אין הימל נעמט אַרויסגיין די לבנה. נידעריק איז דער הימל, און די לבנה גייט אַזוי און לייכט אויף די אויסגעליידיקטע מאַרק־פּלעצער און זוכט אויס און שטעלט צוריק אויף די אַלע שטיבער און שטיבלעך אַרום די מאַרקפּלעצער.

ווי אַנטלאָפענע זענען אַ גאַנצן טאָג געווען אָט די שטיבער. איצט האָבן זיי זיך אומגעקערט און שטייען אָנגעשטעלט אַרום די מאַרקפּלעצער מיט זייערע ערדענע, שטרויענע און הילצערנע דעכער. די לבנה ציילט זיי צונויף, איינע צו איינע און לייכט און וואַכט איבער זיי.

**
*

יאַנקל ווייסט אַליין נישט ווי אַזוי עס איז געשען. אָבער גאָר אָן שום טראַכטעניש, אָן שום צוגרייטונג איז ער צוגעקומען צו די עטלעכע טרעפּלעך, וואָס האָבן פון דער גאַס ווי אין אַ גרוב אַראָפּגעפירט צו דער טיר פון זיין הויז און אַזוי, אָן שום טראַכטעניש, האָט ער אָן עפן־געטון די טיר, אַריין אינע־ווייניק. דאָס ערשטע וואָס ער האָט דערזען איז געווען די פּאַרע וואָס האָט אַרויסגעזעצט פון אַ טאָפּ פון נאַר־וואָס אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפליעס. אין דער פרישער גרויער פּאַרע האָט ער דערזען דעם טאַטנס באָרד, דער מאַמעס אויגן, די גאָלדיקייט וואָס האָט זיך געשפּרייט פון דעם אָנגעצונדענעם קעראָסין־לאָמפּ דעם אָפּגעשונדענעם הערינג אויף דעם נאַקעטן ברעטערדיקן טיש, די זויערע אוגערקעס און זויערע קרויט אויף צוויי באַזונדערע טעלערס. דער טאָפּ איז געווען שוואַרץ, שוואַרץ איז אויך געווען די שאָלעכץ פון די קאַרטאָפּליעס. נאָר אָנגעפּלאַצט איז געווען יעדע פון זיי, און דורך די אָנגעפּלאַצטע שוואַרצע הויטן האָט אַרויסגעשלאָגן די אוקראַינישע שנייִקע און צוקערדיקע קאַרטאָפּל־ווייס־קייט.

יאַנקל איז געבליבן שטיין ביים טיר. די אויגן און די נאָזלעכער עסן די פּאַרע, פילן די געזאָלצנקייט פון דעם פעטן הערינג און די געשמאַקע זויערקייט פון די אוגערקעס און פון קרויט. דער טיש מיט דעם טאַטן און מיט דער מאַמען גיבן זיך אַזוי ווי אַ רוק צו אים. לעבן דעם טאַטן און דער מאַמען ליגן, ווי אויסגע־סאָרטירטע קופּקעלעך פון קופּער־און זילבער־געלט, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין ציילן. עס איז, ווייזט אויס, געווען אַ גוטער יאַריד. די מאַמע האָט זיך גע־וואָלט אויפהייבן האָט זי דער טאַטע נישט געלאָזט. זי איז געבליבן זיצן. דער־פאַר, ווען דער טאַטע האָט זיך געוואָלט אויפהייבן האָט אים די מאַמע נישט געלאָזן. און אָט שרייט דער טאַטע אויס צו אים:

— ברען אויפן פייער! וואָס האָסטו דאַרט זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ קלאָץ? וואַש זיך און זעץ זיך עסן!

יאַנקל רירט זיך נישט פון אָרט. די פיס האָבן זיך אים ווי צוגעקלעפּט צו דער ערד.

— אַ בראָך דיר אין די ביינער! — שרייט אויס דער טאַטע — וואָס גייסטו נישט צום טיש? ווער פאַרכאַפּט! איך וועל דיך שוין מער נישט שלאָגן.

אָט דער לעצטער זאָג פון דעם טאַטן, אַז ער וועט מער נישט שלאָגן, האָט דערלאַנגט יאַנקלען און אים געמאַכט פינצטער אין די אויגן און געבראַכט שטיקנדיקע טרערן אין האַלדז. — וואָס הייסט, ער וועט נישט שלאָגן? וואָס פאַר אַ טאַטע וועט דאָס זיין? — — —

די מאַמע האָט דערזען די פאַרצווייפלונג פון זיין פּנים, די טרערן אין די אויגן. דער טאַטע האָט זי מער נישט פּרובירט אָפּהאַלטן. זי האָט אים נאָכדעם

אַריינגעפּירט אין קיך, געוואַשן זיין פּנים, געוואַשן זיינע הענט און אַז זי האָט זיי אָפּגעטריקנט, האָט זי אים פונדאַסניי אָפּגעגאָסן די הענט מיט וואַסער. דאָס האָט געמיינט: אַז זי וואַשט אים צום עסן. ער האָט שוין אָבער עסן נישט געוואָלט. דער הונגער איז אים ווי אויסגעטריקנט געוואָרן און אַן איינגעדאַרטער אים גענומען אַזוי ווי וואַרגן. די מאַמע האָט אים, לויט איר אַלט־אויסגעפּרוווטן מיטל, גענומען טוליען צו זיך, אָבער יאַנקל האָט זיך דערפון דערפילט נאָך האַרטער און אָפּגעשטויסענער. ער האָט זיך ווי אַליין נישט דערקענט. די אַלע זאַכן און דערפאַרונגען, וואָס ער האָט אין זיך אַריינגענומען דעם היינטיקן טאָג, האָט זיך ווי אַ וואַנט אויפגעשטעלט צווישן אים און זיין געוויינלעכן פאַרלאַנג צו וועלן אין אַזוינע פאַלן אַריין צוריק צו דער מאַמען אין בויך. מען קאָן שוין נישט. מען קאָן שוין נישט. אָט דער היינטיקער טאָג האָט אים אַזוי ווי אָפּגעשניטן פון זיין טאַטנס קלעפּ און פון זיין מאַמעס בוזעם. ווי מיט אַ קאַלטן אייזערנעם מעסער האָט דאָס דער היינטיקער יאַרידטאָג געטון.

מיט שווער‏יקייטן איז נאָכדעם אָנגעקומען דער מאַמען צו מאַכן אים עפּעס עסן.

— איך בין נישט הונגעריק, איך וויל נישט עסן. לאָז מיך אָפּ.

דער טאַטע האָט אים אָנגעקוקט, אים בייזלעך דערלאַנגט אַ שטיקל הע־רינג און אַ קאַרטאָפליע. צעבראָכן די הייסע קאַרטאָפליע אַזוי, אַז די פּאַרע זאָל אַ שלאָג־טון אין פּנים און אין דער נאָז. זיך אָפּגעקערט פון אים און אַ זאָג־געטון צו דער מוטער:

— דו פאַרשטייסט, דו האָסט דאָך גאָר אים אָפּגעקוילעט די קאַפּאָטע. — דערביי האָט דער פאָטער אַ פרעג־געטון דער מוטער:

— געוואַשן צום עסן האָט ער זיך?

די מוטער האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ פון יאַנקלען און געענטפערט:

— געוואַשן.

— אַז אַ ייד וואַשט זיך צום עסן דאַרף ער מאַכן אַ „המוציא“ — האָט דער פאָטער אַרויסגערעדט ווי אַ פּסק און ווי אַ דראָונג.

אַ ציטער איז פון דעם אַריבער איבער יאַנקלס לייב. ער האָט זיך דער־שראָקן. דאָס האַרץ און די ליפּן האָבן פון זיך אַליין אַרויסגערעדט די „ברכה“, גאַנץ און ריין איז געווען זיין לייב צו גאָט, דעם האַר פון דער וועלט, וואָס האָט אין זיין גוטסקייט אַרויסגעצויגן שפּייז פון דער ערד. תפילהדיק האָבן זיינע הענטלעך פאַרגאַנצט די ברכה דורך אָפּברעכן אַ שטיקל ברויט, דורך איינטונקען דאָס אין זאַלץ און ברענגען דאָס צום מויל. דאָס שטיקל הערינג, די קאַרטאָפליע, די אוגערקע און דאָס קרויט זענען געוואָרן אַנזעעוודיקע טיילן פון אַ תפילה, וואָס לייכט, וואָס ברענט. דער לאָמפּ אויפן טיש, די אָרעמע ווענט, דאָס זעקל קאַרטאָפליעס ביי דער וואַנט, די קרענץ ציבעלעס ביי דער טיר, די טיר אַליין,

— אַלע זענען געוואָרן עדות פון אַן אומגליקלעך ייִנגל, וואָס ריכט אָפּ אַ הייליקע סעודה, נאָך אַ טאָג פון גרויסע אומגליקן און שווערן תענית.

דער טאַטע מיט דער מאַמען עסן מיט. מיידן אויס צו רעדן, קוקן יאָ און קוקן נישט אויף יאַנקלען. די צוויי שקאָצים, די צוויי אַרויסהעלפער פון דעם טאַטן זיצן אויף האַלבע זעקלעך מעל אין דער קיך, קוקן אַריין דורך דער טיר. זיי האָבן ליב דעם קליינעם יאַנקלען. זיי האָבן מורא געהאַט דער פאָטער וועט אים היינט ברעכן די ביינער און זענען צופרידן און גלייבן זיך כמעט נישט, אַז דער פאָטער טוט דאָס נישט. זיי וויסן נישט, אַז דאָס וואָס דער פאָטער האָט זיך אָפּגעזאָגט אים ווייטער צו שלאָגן — איז גאָר געפאַלן ווי אַ גרויסער און נייער אומגליק אויף יאַנקלען. ווייל וואָס הייסט, אַ טאַטע וועט נישט שלאָגן?

די יעזוס־בילדער וואָס יאַנקל האָט היינט געזען גיבן זיך מיטאַמאָל אַ וויג פאַר יאַנקלען און שטעלן זיך אַזוי אין זייערע ראַמען אַרום אים אינאיינעם מיט נייער אומגליק אויף יאַנקלען. ווייל וואָס הייסט, אַ טאַטע וועט נישט שלאָגן? קליידער.

שפּעטער, ווען יאַנקל איז שוין געלעגן אין בעט ווי אַ פאַרשטיינערטער, האָט ער זיך דערזען גייענדיק אַזוי דורך דעם גרויסן, ריזנדיק מדברדיקן יאַריד פון דער שטאָט אין איינעם מיט די פאַרשידנאַרטיקע און פאַרשידן־קאָלירטע איינגעראַמטע יעזוסן. ער איז מיט זיי געגאַנגען דורך די שטעלן און וועגענער, דורך די אויפגעשפּרונגענע פערד און רעוועדיקע אָקסן, דורך דעם גאַנצן אָנ־געלאָפּענעם געדראַנג פון מענטשן און פון חיות. ער איז געגאַנגען מיט די יע־זוסן, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען אין זייערע ראַמען אויף דעם וועג צום ייִדישן בית־עולם צו דעם אוהל פון ייִדל דעם דיין. עס ווערט נאַכט, עס איז פינצטער, אָבער אין דעם אוהל איז ליכטיק. ייִדל דער דיין זיצט איצט מיט ליכט אין האַנט איבער אַ ספר און ער וועט מיט זיי אַלע לערנען תורה.

פאַרוואָס איז עס אַזוי?

אויף מאָרגן אינדערפרי, נאָכן יאַריד, ווען יאַנקל איז זיך געגאַנגען אין חדר אַריין, האָט ער געפילט, אַז כאָטש ער איז ער, איז ער אָבער פאָרט גאָר אַ גאַנץ אַנדער חדר־ייִנגל; אַז אַ גאַנץ אַנדער ייִנגל גייט איצט אין חדר אַריין, און אַז גאַנץ ברוסילאָוו איז, דאַכט זיך, די אייגענע ברוסילאָוו, אָבער עפּעס אויך ווי אַן אַנדער ברוסילאָוו. די הייזלעך זענען זיך געשטאַנען מונטערער, ווי זיי וואָלטן אַ נייעם אָטעם געקראָגן. אַלע זענען געקומען צו זיך פון נעכטיקן יאַריד־טומל און האָבן גאָר שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם גאָלדענעם מאָרגנליכט, וואָס האָט אויפגעבלאַנקט זייערע ווייסע ווענט. די ווייסע ווענט האָבן זיך געהויבן פון דער ברוינער ערד אַרויס אינאיינעם מיט זייערע פענצטער און אַלערליי דעכער: שפּיציקע דעכער פון שטרוי, דעכער פון ערד, דעכער פון האָלץ און

פון בלעך. יעדעס הויז און הייזל האָט געפּילט זיין גאַנצע גרויס און פּאַרנעם. יעדעס הויז האָט שאַרף, זייטיק און שפּיציק זיכער אָוועקגעלייגט זיין שאַרף געשניטענעם שאָטן אויף די געסלעך און אויף די מאַרקפּלעצער. ווי ממשותדיקע זאַכן האָבן די הייזער אויסגעלייגט זייערע שאָטנס, און געטון האָבן זיי דאָס מיט דעם שטעל פון סוחרים וואָס לייגן אַרויס זייער מזומן געלט אויפן טיש.

יאַנקל איז זיך געגאַנגען איבער די שאַרף־געשניטענע שאָטנס, ווי ער וואָלט געגאַנגען איבער די דעכער און די ווענט פון דער שטאָט.

עס איז גוט צו גיין אַזוי אין חדר אַריין, שלעכט איז נאָר, וואָס דער טאַטע זיינער איז דווקא בעסער געוואָרן. — דאָס האָט ער, דער טאַטע, היינט פרי געזאָגט דער מאַמען: זאָג אים גאָרנישט, גיב אים מיט אַ פּלעצל מיט געענדזנ־שמאַלץ אין חדר אַריין.

יאַנקל פילט איצט דאָס וואַרעמע פּלעצל לעבן דעם סידור אונטערן האַנט.

די צעוואָרפענע, איינציקע שטרויען וואָס זענען פאַרבליבן אויף דער ערד פון די נעכטיקע גוייִשע וועגענער בינדן זיך מיט דעם גאָלד פון דער זון. די ערד זעט איבער דעם אויס געקאַרבט מיט אַ מעסער. עס זעט אויס, ווי דער ערדס ברודיקע פעל וואָלט געפּלאַצט פון ענגשאַפט און אַז אונטער דער פעל איז די ערד הוילע גאָלד.

איבער דעם נעכטיקן יאַריד איז היינט די טשערעדע אַ שפּעטע — די ווייבער האָבן זיך פאַרשלאָפן און פאַרשפּעטיקט מיטן מעלקן...

דאָ און דאָרט גייט אַרויס אַ פאַרשפּעטיקטע ייִדענע, טרייבט איר קו צי איר ציג צו דער שטאָטישער טשערעדע, און ווי מאָדנע עס גייען זיי נאָך זייערע קלאָר־אויסגעצייכנטע שאָטנס איבער דער ערד, איבער דער גאָלדענער ערד, וואָס איז פאַרצויגן מיט אַן אָנגעפּלאַנצטער שוואַרץ־ברוינער פעל.

יאָ, יאַנקל פילט, אַז ער איז געוואָרן אַן אַנדערער. די אויגן זיינע זעען דאָך איצט אַלץ אַזוי אַנדערש. די נאָזלעכער שמעקן אַנדערש, אי די לופט, אי אַפילו דאָס געענדזנשמאַלץ, אי דעם גערוך פון דעם וואַרעמען פּלעצל. אים וואָלט זיך נאָך, פונדעסטוועגן, אַלץ וועלן וויסן, צי וועט שוין טאַקע דער טאַטע מער קיינמאָל נישט שלאָגן, און פאַרוואָס דאָס איז אַזוי?!...

און יאַנקל מאַכט ביי זיך אָפּ, ער וועט אויך די ייִנגלעך מער נישט שלאָגן. אדרבא, ער וועט זיי היינט דערציילן מעשיות וועגן דעם נעכטיקן טאָג. אָ, זיי ווייסן דאָך גאָרנישט וואָס אַ יאַריד איז. וואָרעם, אַז וואָר פון זיי העלפט אַפילו אַרויס אַמאָל זיין טאַטן צי זיין מאַמען אויפן יאַריד, זעען זיי דען דעם יאַריד? אָט אַז ער וועט זיי היינט דערציילן וואָס אַ יאַריד איז וועלן זיי וויסן.

לייבל, מרדכי דעם בעל־עגלהס, האָט שוין אויסגעלייגט זיינע טויבנבנעצן אויפן מיטן מאַרק. די טויבן דרייען זיך איבער דעם ברוסילאָווער הימל אין פאַרשידענע קרייזן. משה דער מלמד זאָגט, אַז דאָס שרייבן די טויבן אַזוי אויס איבער דעם הימל זייערע לכבודס, לכבודס פאַר דעם רבונו־של־עולם. לייבל,

מרדכי דעם בעל־עגלהס אָבער וואָרט אין אַ זייט פון זיינע פאַרשפּרייטע נעצן. וואָרט, אַז די טויבן זאָלן זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד, אויף די ערטער ווו עס ליגן זיינע נעצן וואָס זענען געמאַכט מיט די לאַנגע האָר פון פערדישע ווידלען און זענען אָנגעבונדן אין שטיינער. נאָכן יאַריד איז די ערד פון די מאַרק־פּלעצער אָנגעוואָרפן מיט קערנער, וואָס פאַלן אַרויס פון די תבואה־זעק און פון די האָבער־זעקלעך וואָס די פויערים הענגען־אָן אויף די פערדישע קעפּ פאַר די פערדישע מיילער. פייגל פליען זיך אָן פון אַלע זייטן. מער פון אַלע זענען זיך אָן די טויבן וואָס ביים אויסשיטן זיך אויף דער ערד, שיינען זיי אויף אין דער זון מיט אַלע זייערע אויפגעגליטע פאַרשידן־קאָלירטע פאַרבן.

עס באַווייזן זיך יידן מיט גאַרטלען אַרום די לענדן, מיט טלית־און־תפילין־זעקלעך אונטער די הענט. די ווייסע זאַקן אין זייערע האַלבע שיך הייבן זיך אַזוי ווי אויף פון דער ערד, זיי גייען אין שול און אין די בתי־מדרשים דאַוונען. טאָמער האַלט זיך, חלילה, איינער אין דערנענטערן צו אַן אָרט ווו עס געפינען זיך די טויבננעצן, פאַרלויפט לייבל מרדכי דעם בעל־עגלהס זיי דעם וועג מיט אַ שטעקן. יידן קערן זיך אָפּ, מיידן אים אויס. זייערע בערד און פּיאות, זייערע תפילין־זעקלעך, זייערע ווייסע זאָקן ווילן נישט האָבן קיין שום עסקים מיט דעם שייגעץ.

עס דערהערט זיך אַ דאַוונען פון די משכימים; אָט פון דער שול, אָט פון דער קלויז, אָט פון בית־המדרש און אָט גאָר אַ שופר־בלאָזן. דאָס שופר־בלאָזן לייגט אויס אַזוי ווי לעבעדיקע אָדערן אין דער לופט.

יאַנקלס רבי, משה דער מלמד, פאַר ווען די טויבן איבער די ברוסי־לאַווער הימלען שרייבן דאָס אויס אַ לכבוד פאַר דעם רבונו־של־עולם, איז דאָס דער צושטעלער פון שופרות פאַר דער שטאָט און אַמאָל טאַקע אויך פאַר די דערבייאיקע שטעטלעך.

מיט איינעם אַ יונגנמאַן, וואָס איז אַ גאַנצער דייטש, שרייבט פּראָשעניעס און טראָגט אַ האַרטן קאַפּעליוש, האָט משה דער מלמד אַ גאָר מאָדנעם אָפּמאַך. — אַזוי ווי ער, דער דייטש, דער אַדוואָקאַט, האָט אַ קראַנקע מאַמע, וואָס דאַוונט יעדן טאָג און קאָן איבער איר קראַנקייט נישט גיין אין בית־מדרש אַריין, איז ער, דער אפּיקורס, דווקא אַ גוטער זון, און ווען עס קומען די אלול־טעג — וויל ער אַליין בלאָזן שופר פאַר דער מאַמען. האָט יאַנקלס רבי, רב משה דער מלמד, אָפּגעמאַכט מיט דעם אפּיקורס: — פאַרקויפן קיין שופר וועל איך דיר נישט. אָבער איך גיב דיר אַ שופר פאַר דעם גאַנצן חודש אלול, און דו גיב מיר דער־פאַר דיין פאַראַיאָריקן האַרטן קאַפּעליוש. דו קויפסט דאָך דיר יעדן יאָר אַ נייעם קאַפּעליוש — גיב מיר אַוועק דעם אַלטן.

דער אַפּיקורס האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז דער מלמד משה איז אַ ביסל משוגע. אָבער געזעצלעך איז דאָס, און אָפּמאַך איז אָפּמאַך.

אָט די אָפּגענוצטע קאַפּעליושן האָבן זיך נאָכדעם אַרויסגעוויזן פאַר אַ גאָר

גרויסן שכל אין משה דעם מלמדס הענט. — ווען ער האָט נאָכדעם געשטעלט אַ פּאַרזינדיקט יינגל אין קונע, האָט ער אים דערביי אויך אָנגעטאָן איינעם פון דעם אַדוואָקאַטס אפּיקורסישע האַרטע קאַפּעליושן. דער קאַפּעליוש איז געווינלעך נאָך אַריבערגעפאַלן דעם יינגל איבער די אויערן און געמאַכט דאָס אומגליקלעכע יינגל אויסזען נאָך אומגליקלעכער.

ווי אַ ריטער האָט ליב געהאַט צו באַפּוצן זיין הויז מיט פאַרשידענע געווער, אַזוי האָט משה דער מלמד מיט דער צייט ליב געקראָגן זיין קאָלעקציע האַרטע קאַפּעליושן. זיי זענען ביי אים געלעגן אויף דער אויבערשטער פּאָליצע פון זיין גלעזערנער שאַפע, וואָס איז געשטאַנען קעגנאיבער זיין לאַנגן מלמדישן טיש, און געשראָקן די קינדער. און ווען עס האָט געטראָפן, אַז משה דער מלמד האָט געוואָרפן אַן אומחן אויף אַ יינגל און גענומען קוקן פון דעם יינגל צו די קאַפּעליושן און צוריק, איז דעם יינגל אָפּגעפאַלן דאָס געזונט.

די לעצטע גרויסע מציאה וואָס משה מלמד האָט ביי דעם אַפּיקורס איינגעהאַנדלט, טאַקע ערשט די לעצטע וואָך, איז געווען אַ האַרטע שליאַפּע, וואָס האָט אינעווייניק, אויפן סאַמע דעק געהאַט אַן אמתדיק שפּיגעלע. דער מלמד איז געווען אַזוי אַנטציקט פון אָט־דער מציאה, אַז ער האָט דעם אַדוואָקאַט אָוועקגעגעבן פאַר דעם חודש אלול אַ געפּאָלירטן און שיין־געשניצטן שוואַרצן שופר, וואָס אויף אים האָט ער לאַנג געאַרבעט און אַפילו געהאַט דאָרט אויסגעקריצט מיט אותיות מרובעות: „בשופר גדול יתקע". דערפאַר אָבער האָט משה דער מלמד מיט אומבאַגרענעצטער פרייד זיך נאָכדעם גענומען שפּיגלען אין דעם אַנטיקל פון אַ שליאַפּע. פון דרויסן איז די שליאַפּע געווען שוואַרץ ווי אַלע שליאַפּעס. אָבער אינעווייניק איז דאָס געווען אַ ווייס פּעסעלע פאַרצויגן מיט ווייסן זייד, און ווי אַ רייף איז געלעגן דער פאַס לעדער ביים דרויסנדיקן ברעג, און אויפן סאַמע דנאָ פון דעם ווייסן פּעסעלע איז געלעגן אַ קלאָר, רונד שפּיגעלע, וואָס האָט צוגעגעבן דעם ווייסן אינעווייניק פון דער שליאַפּע די טיפקייט פון אַ כישופדיקן קוואַל. קוקט — האָט ער געזאָגט זיינע חדר־יינגלעך, ווייזנדיק זיי די שליאַפּע — דאָס איז דאָך אַ וואונדער אין דער וועלט. דאַכט זיך אַ שליאַפּע ווי אַלע אפּיקורסישע שליאַפּעס, און זעט וואָס דאָ טוט זיך! — דערביי האָט ער מיט פרייד געקוקט אין דעם שפּיגעלע און זיך מיט די פינגער געקאַמט זיין יונג רויט בערדל און די וואָנצן אויף די פולע ליפּן. די קינדער, וואָס ער האָט צוגערופן, האָבן מיט פאַרקלעמטע הערצלעך געקוקט אויף דעם אַנטיק און געזען פאַר זיך דעם נייעם און אמתן בייזן וואונדער, דער עיקר נאָך ווען דער רבי האָט מיט באַזונדער פאַרגעניגן צוגעגעבן:

— און איצט, ווען עמעצער פון אייך וועט שטיין אין קונע מיט אָט דער שליאַפּע אויפן קאָפּ, וועט דאָך דאָס שפּיגעלע אינעווייניק אין דער שליאַפּע אים איבערקערן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, און ער וועט דאָך אַזוי שטיין צוויי מאָל אין קונע.

**
*

ווען די ערשטע כיתה האָט אָפּגעדאַוונט און זיך אַוועקגעזעצט אָנבייסן, האָט יאַנקל אַרויסגעוויקלט פון דעם פּאַפּיר זיין גרויס פלעצל. דאָס איז נישט נאָר געווען אַ פרישׁ פלעצל מיט גענדזנשמאַלץ, נאָר אינעווייניק זענען אויך געווען גענדזענע גריוון און געפּרעגלטע ציבעלע. דאָס האָט פאַרשמעקט צו די נעזלעך פון די אַלע קינדער אַרום. דער היינטיקער דרויסנדיקער פרימאָרגן, די נעכטיקע געשעענישן, און אָט דער גערוך, און דאָס אויסזען פון דעם פלעצל זענען עפּעס געוואָרן אַזוי ווי איינס. און אַז יאַנקל האָט דערזען אַזויפיל הונגעריקע אויגן אָנגעשטעלט אויף זיך און אויף דעם פלעצל, האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט און אַרויסגערעדט אין דער הויך:

— בייטן זיך!

און ער האָט זיך גענומען בייטן מיט די איבעריקע קינדער:

— דו גיב מיר אַ שטיקל פון דיין ברויט און איך גיב דיר אַ שטיקל פון מיין פלעצל; דו גיב מיר אַ ברעקל פון דיין שטיקל הערינג און איך גיב דיר אַ גריוו. און איך גיב דיר אַ האַלב פון מיין עפּל פאַר אַ שטיקל פלעצל מיט גע־פּרעגלטע ציבעלע.

און אַזוי האָבן זיך חברה גענומען בייטן מיט אים ביז יאַנקל איז געבליבן אָן אַ שטיקל שמעקעדיקן פלעצל, וואָס איבער דעם האָבן אי דער טאַטע אי די מאַמע זיך אַזוי ברייטהאַרציק מתעסק געווען. האָט ער אָפּגעלעקט די פאַרגענדזנ־שמאַלצטע פינגער און זיך נאָכדעם גענומען עסן אינאיינעם מיט די חברה. און אַזוי עסנדיק זיין צונויפגעשטיקלטן אָנבייסן, האָט יאַנקל זיי גענומען צולייגן צו דעם געשמאַקן פלעצל, וואָס זיי האָבן געגעסן, זיינע וווּנדערלעכע איבערלע־בונגען פון דעם נעכטיקן יאַריד.

די קינדער האָבן באמת שטאַרק הנאה געהאַט פון די אַלע וווּנדער. זיי האָבן אים שטאַרק מקנא געווען אויף דעם וואָס ער, אַ יינגל בלויז ווי זיי, האָט זיך דאָס אונטערגעשטעלט און איז אַליין אַוועק אין דעם שרעקלעכן קאָך פון פורן און מענטשן און פערד און האָט גאָר קיין מורא נישט געהאַט פאַרלוירן צו ווערן, אָדער אפשר גאָר ציגיינער זאָלן אים צוגנבענען. זיי האָבן געוווּסט, אַז יאַנקל איז נישט פון די שיפּע־זיבעלעך. ער איז אַ יאַט, וואָס אַפילו מען זאָל אים בינדן מיט שטריק, וואָלט ער מיט די ציין די שטריק צעביסן. אָבער אַז ער זאָל זיך אונטערשטעלן אַליין אַרויס איבער דער ברייט און גרויס פון דעם גאַנצן יאַריד, דאָס האָט זיך זיי גאַרנישט געקאָנט חלומען. סיידן ער איז שמשון הגיבור.

אַ פּאָר רייכערע און בעסער־אָנגעטאָענע יינגלעך האָבן זיך אויך צוגערוקט און זיך איינגעהערט אין די וווּנדער, אָבער איינער פון זיי, חיה דער טעפּערינס

יינגל, וואָס האָט אַזאַ שיין שוועסטערל, האָט אים נישט געגלייבט און אים מיט חוצפּה איבערגעשלאָגן:

— ווי אַזוי האָסטו דאָס אַלץ געקענט זען, אַז דו ביזט דאָך דעם גאַנצן טאָג געזעסן לעבן דיין מאַרקטישל און פאַרקויפט די געפּאַרבטע לעקעכלעך?

דאָס פאַרשטייט זיך איז אויך געווען אַן אָנדייט אויף זיין צונאָמען „פּירניק״ (קאָלירט לעקעכל).

יאַנקל איז גראָד געווען צופרידן פון דער שאלה. ער האָט גרינג אַראָפּ־געשלונגען זיין שטענדיקן כעס אויף דער טעפּערינס זינדל און געענטפערט, ווי איינער וואָס גיט אַ זאָג אַ זייער בייטיקע זאַך:

— איך גיי נישט מער אויפן מאַרק צום טישל. איך וויל מער נישט זיין קיין פּירניק.

די יינגלעך האָבן זיך דערשראָקן, אַז — אָט, און זיי וועלן פאַרלירן די שיינע מעשיות, וואָס יאַנקל האָט זיי געהאַלטן אין דערציילן און זיי האָבן זיך גענומען בעטן ביי יאַנקלען:

— יאַנקל, לאָז אים צורו,

און אויף לייבל דער טעפּערינס האָבן זיי אויסגעשריען:

— און דו ווער אַנטשוויגן.

— יאַנקל, דערצייל בעסער. יאָ, און אַז דו ביסט געקומען צו דער טאַר־האָוויצע?

אוודאי האָט מען געדאַרפט דעם לייבלען אַנברעכן די ביינער, דער עיקר דערפאַר, וואָס דער לייבל האָט נעכטן צווישן די טעפּ אויפן מאַרק אַ שלעפּ געטון זיין שיין שוועסטערל פאַר דער האַנט, ווי ער וואָלט געווען אַ גזלן, מחמת זי האָט זיך פאַרקוקט אויף עפּעס און זיך אַזוי גיך נישט אָפּגערופן. אָבער יאַנקל האָט דאָך ביי זיך היינט אָפּגעמאַכט מער נישט צו שלאָגן די יינגלעך און דערצו איז ער געווען פאַרכאַפּט פון זיין תשוקה צו דערציילן די אַלע וווּנדער וואָס האָבן זיך ממש געריסן פון אים.

און יאַנקל דערציילט ווי אַזוי אויף דער טאַרהאָוויצע איז אַזאַ ענגשאַפט, אַז מען קאָן זיך גאָר נישט דורכשפּאַרן, ווי אַזוי ער האָט געמוזט קריכן אונטער די וועגענער, מחמת דער גרויסער ענגשאַפט און ווי אַזוי עס ווערט מיט אַמאָל אָרט ווי נאָר מען דאַרף דורכפירן אַ בהמה, כדי צו ווייזן זי פאַרן קויפער. דאָס ווערט געמאַכט מיט כישוף, אַזוי אָט ווי להבדיל, אין בית־המקדש: עומדים צפופים ומשתחווים רווחים. און היינט אויף דער „קאָננע״ אַזוי: ווילדע פערד פאַרפלייצן דעם גאַנצן מאַרק און אין מיטן פון זיי ליגט אויסגעשניטן אַ ברייטער וועג, ווי דער וועג פאַר די יידן אין מיטן ים, ביי יציאת־מצרים.

און אַזוי האָט יאַנקל אַלץ דערציילט און גערעדט מיט גרויס באַגייסטערונג. און ער האָט אַן שום אָפּהאַלט אויך דערציילט וועגן דעם קאַצאַפּ. ווי ער האַלט זיינע קעמעלעך אין אַזאַ פּאַפּיר וואָס האַלט זיי ווי אין אַ כישוף, און ווי אַזוי

ער שפּילט פאַר זייערע קויפער אויף דער האַרמאָניקע, און ווי אַזוי ער פאַר־קויפט זיי דעם גויִשן גאָט, דעם יויזל און אויך דעם יויזלס מאַמע, און ווי אַזוי דער אייגענער יויזל איז גאָר נישט דער אייגענער. וואָרעם, אויב ער איז דער אייגענער, איז פאַרוואָס איז ער אויף יעדן בילד אַן אַנדערער, אַפילו די באָרד איז ביי אים אַלע מאָל אַן אַנדערע, אַפילו דער קאָליר פון דער באָרד איז אַנ־דערש. אָט איז זי שוואַרץ, אָט בלאָנד, אָט רויט. איין זאַך נאָר האָט ער, יאַנקל, דאָ אויסגעפונען און האָט זיך דערשראָקן...

— וואָס, יאַנקל, וואָס? — האָבן אַ פּאָר יינגלעך מיט שרעק און מיט ניי־געריקייט גענומען פרעגן — זאָג, וואָס ?

יאַנקל קוקט זיך אום, האַלט זיך איין און רעדט פּאַמעלעך און זיכער אַרויס:

— די אויגן זייערע זעענען נישט בלינד. די אויגן זייערע זעען יאָ.

— יאַנקל, וואָס רעדסטו?! עס שטייט דאָך בפירוש געשריבן, אַז אויגן האָבן זיי, נאָר זיי זעען נישט.

— יאָ, אָט דערפאַר האָב איך זיך דאָך טאַקע דערשראָקן און איך האָב דער־זעען, אַז זיי זעען יאָ. איך האָב זיך אַזוי דערשראָקן, אַז איך האָב גענומען לויפן ווי אַ ווילדער און בין אַזוי אַזש אַריינגעלאָפן צו די גויִים אויף דעם חזיר־מאַרק, פּונקט ווען זיי האָבן געטראָגן אויף אַ שטאַנג אַ חזיר, אַזוי ווי עס האָבן, להבדיל אלף הבדלות, די מרגלים געטראָגן די ווייַנטרויבן וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט. דער חזיר איז געווען אַזוי גרויס, ווי ער וואָלט געווען דער גאָט פון די חזירים. ער האָט געשריגן און געקוויטשעט ווען זיי האָבן אים געשטאָכן מיט שפּיציקע מעסערס און געבראָטן לעבעדיקערהייט. דער חזיר איז געווען שרעקלעך גרויס. דאָס איז געווען דער גאָט פון די חזירים. זיינע געשרייען האָבן געשפּאָלטן דעם הימל.

אויף די קינדער איז אָנגעפאַלן אַ שרעק. זיי האָבן נישט געוווסט צי די שרעק זייערע איז פאַר יאַנקלען, צי פאַרן חזיר. און זיי האָבן גענומען שרייען:

—יאַנקל! יאַנקל!

און עס האָט נישט גענומען לאַנג און די קינדער, וואָס האָבן נאָר־וואָס אויפגעגעסן זייך פּלעצל און געשלונגען זיינע מעשות, זענען געשטאַנען פאַרן רבין און האָבן אים דערציילט פון די אַלע שרעקלעכע מעשות וואָס יאַנקל האָט זיי דאָ דערציילט.

משה דער מלמד איז געוואָרן בלאַס און אויסער זיך פאַר כעס. צוגערופן יאַנקלען און אים גלייך דערלאַנגט אַ פּאָר פּעטש, אויסשרייענדיק:

— דו עוכר ישראל! וואָס האָסטו גערעדט?

יאַנקל האָט געהאַט אַ דינע און דורכזיכטיקע הויט אויף די רונדע באַקן און דעם מלמדס פינגער האָבן זיך נאָך די פּאָר פּעטש רויט אָפּגעצייכנט אויף די באַקן, אָט ווי די הענט דעם מלמדס וואָלטן איבערגעבליבן ווי צוגעקלעפּטע צו די באַקן.

יאַנקל איז געשטאַנען שטיל און נישט געענטפערט.

— וואָס שווייגסטו? — האָט דער מלמד אויסגעשריִען.

יאַנקל שווייגט.

דעם מלמדס אויגן צינדן זיך פאַנאַנדער מיט נאָך אַ גרעסערן כעס. די רויטע באָרד און דאָס פּנים זענען געוואָרן רויטער, די אויגן פייערדיקער:

— וואָס? דו ווּעסט נישט רעדן? וואַרט, איך וועל דיך שוין מאַכן רעדן.

און דער מלמד האָט זיך אויפגעהויבן, איז אַוועק אין קיך און באַלד צוריקגעקומען מיטן בעזעם, אים פאַנאַנדערגעבונדן אויפן טיש, און זיך גע־בומען זוכן צווישן די ריטלעך. דער בעזעם איז געווען געמאַכט פון בערעזע־ריטלעך, וואָס האָבן נאָך געהאַט אין זיך לעבעדיקע זאַפט און שוואַרצע האַלב־פאַרשלאָפענע, האַלב־פאַרדאַרטע שפּיציקע קנאָספּן אויף זיך. דער מלמד האָט, ווי אַ מבין, אויסגעקליבן פון צווישן די ריטלעך אַזאַ, וואָס האָט נאָך אין זיך געהאַט זאַפט און פאַרשפּיצטע צוגעטריקנטע קנאָספּן. באַפוילן יאַנקלען אַראָפּצו־לאָזן די פּלודערן און זיך אַוועקלייגן אויפן בענקל. יאַנקל, מיט די צעפּאַטשטע באַקן, האָט געפאָלגט. און ווי נאָר יאַנקל האָט זיך אַוועקגעלייגט, האָט דער מלמד אים פאַרריסן דאָס העמדל און גענומען שמייסן מיט דער רוט אויף דעם נאַקעטן הינטן, שרייענדיק:

— דו ווּעסט זאָגן אויף דער טאַרהאַוויצע „עומדים צפופים“? דו ווּעסט פאַרגלייכן די „קאַנגע“ צום הייליקן ים־סוף? דו ווּעסט קוקן אויפן גויִישן גאָט? דו ווּעסט זאָגן, אַז זיינע אויגן זעען? אַ חזיר ווּעסטו, להבדיל בין אלף הבדלות, פאַרגלייכן צו די ווייִנטרויבן וואָס די מרגלים האָבן געבראַכט אויף אַ שטאַנג?

דעם מלמדס ווייב, די רביצין, איז אַריינגעלאָפן:

— גוואַלד, וואָס טוסטו? האָסט זיך שוין ווידער צעלאָזט. לאָז אָפּ דאָס קינד. הער אויף, זאָג איך דיר, משה! לאָז אָפּ. זעסט דען נישט וואָס דו טוסט? לאָז אָפּ.

— זאָל ער זאָגן „ניין“, זאָל ער זאָגן „ניין“, — האָט דער מלמד מיט ווילדן כעס צוריקגעשריִען.

די רביצין האָט זיך געוואָרפן אויף דעם צעשמיסענעם יינגלס לייב און זיך גענומען בעטן ביי יאַנקלען:

— זאָג: ניין. זאָג: ניין. ער וועט דיך דערהרגענען. האָב רחמנות אויף דיין מאַמען. זאָג: ניין.

עפּעס האָט זיך אין יאַנקלס פאַרעקשנט האַרץ אַ שמעלץ־געטון פון דער רביצינס מאַמעשער באַרירונג און ער האָט געעפנט דאָס מויל און געזאָגט — ניין.

— הערסט? ער זאָגט: ניין! — האָט די רביצין אויסגעשריִען צו איר מאַן, דערביי האָט זי גענומען יאַנקלען ביי אַ האַנט און אים אויפגעהויבן.

דער מלמד האָט נאָך אַלץ געברענט מיט די אויגן, האָט נאָך אַלץ געהאַלטן די רוט אין האַנט און באַפּוילן:

— דו קוק מיר נאָר גלייך אין די אויגן אַרייַן, שייגעץ איינער! ענטפער מיר: האָט דער יויזל אויגן וואָס זעען?

יאַנקל האָט אים געקוקט גלייך אין זיין בלאַסן און רויטן פּנים אַרייַן און ווידער גאָרנישט געענטפערט.

— יאַנקל — האָט זיך די רביצין געגומען בעטן — זאָג: ניין. אַ ייִדיש ייִנגל דאַרף זאָגן: ניין.

יאַנקל האָט פון אירע מאַמעשע רייד ווידער דערפילט אָט דעם מאָדנעם וואַרעמען פלאַטער אונטערן האַרצן, און ער האָט איר צוליב־געטון און געזאָגט: ניין.

— געדענק־זשע, דו עוכר ישראל — דער גוישער גאָט האָט אויגן וואָס זעען נישט, האָט הענט וואָס רעדן נישט. זאָג: יאָ. — האָט דער מלמד ווייטער געפאָדערט.

— זאָג: יאָ — האָט זיך די רביצין געבעטן.

— יאָ — האָט יאַנקל געענטפערט.

— גיט אַ קוש די רוט, — פאָדערט דער מלמד, אונטערטראָגנדיק די רוט צו יאַנקלס מויל.

יאַנקל וויל נישט קושן.

— קוש, זאָג איך דיר — שרייט דער מלמד, אָט ווי ער וואָלט זיך געפילט אַז ער איז דאָ גאָטס שטראָפנדיקער מלאך.

יאַנקל רירט זיך נישט פון אָרט.

— קוש, נאַרעלע, — זאָגט די רביצין, — וואָס אַרט דיך. נאַ, איך וועל אויך קושן.

יאַנקל גיט אַ קוש די רוט.

**
*

— איצט, גיי אין קונע! — האָט דער מלמד אַ קאָמאַנדע־געטון.

יאַנקל האָט מיט אַראָפּגעלאָזטע הייזקעס געמוזט צוגיין צו דעם ווינקל פון חדר און זיך אַריינשטעלן אין קונע. דער מלמד איז נאָך דעם צוגעגאַנגען צו דער גלעזערנער שאַפע, וו עס איז געלעגן זיין קאָלעקציע שליאַפּעס, פון דאָרט אַרויסגענומען דעם הויכן האַרטן קאַפעליוש וואָס ער האָט נאָר וואָס אַריינגעקראָגן פאַר זיין געשניצטן שופר. מיט אַן אָנגעצונדענעם גלאַנץ אין זיינע אויגן איז משה דער מלמד צוגעקומען צו יאַנקלען און אים אָנגעטאָן דעם קאַפעליוש. דער קאַפעליוש האָט זיך פאַר אַ ווייל פאַרטשעפּעט און אַראָפּגעבויגן יאַנקלס אויערן.

די קינדער, וואָס האָבן נאָר־וואָס פריִער שטאַרק הנאה געהאַט פון יאַנקלס פּלעצל, פון יאַנקלס מעשׂיות און פון די שמיץ וואָס יאַנקל האָט געקראָגן, זענען אי פון אייגענער פרייד, אי פון דעם רבינס באַפעל, איצט אַלע פאַרבייגעגאַנגען פאַרבײַ יאַנקלען, זיך געריכצט מיט אים און געלאַכט פון אים, שרייענדיק:

— יאַנקל פּירניק! יאַנקל פּירניק!

— פּירניק האָט באַשלאָסן — ער וויל מער נישט זיין קיין פּירניק.

— פּירניק איז אַ פּירניק.

— ווּעסטו גיין קוקן אויפן יויזל?

— ווּעסט גיין קוקן ווי גויִים שטעכן אַ חזיר?

— יאַנקל פּירניק, ווּעסט ווייטער גיין אויף דער טאַרהאָוויצע?

און משה מלמד האָט נאָך צוגעלייגט:

— האַ? דער גוייִשער גאָט האָט אויגן וואָס זעען? האַ?

ביטער ווי יאַנקלען איז געווען, איז אים נאָך ביטערער געוואָרן פון דעם וואָס ער האָט געוווּסט, אַז איבער אָט־דעם שפּיגעלע וואָס אין דעם קאַפּעליוש, שטייט ער דאָך צוויי מאָל אין קונע, — איינמאָל מיט אַראָפּגעלאָזטע הויזעלעך, מיט די פיס אויף דער ערד און דאָס צווייטע מאָל מיטן קאָפּ אויף זיין אייגענעם קאָפּ און מיט די פיס אַרויף.

דער קאַפּעליוש האָט זיך אַראָפּגעגליטשט יאַנקלען איבער די אויערן און איבער די אויגן. עס איז געוואָרן פינצטער און אין דער פינצטערניש האָט יאַנקל דערזען פאַר זיך ייִדל דעם דיינס אוהל. עטלעכע יויזלשע בילדער מיט דערנער־קראַנצן אויף די קעפּ, מיט אויגן וואָס דאַרפן נישט זען און זען. יאָ, ווי אויף צו־להכעיס זעען זיי יאָ. און ייִדל דער דיין האַלט אַ ליכט איבער דער גמרא, וואָס ליגט צעעפנט פאַר אים. — ייִדל דער דיין ווּעט אים באַלד דערזען מיט די אַריינגעקומענע בילדער, וואָס דאַרפן נישט זען, און זעען יאָ. ייִדל דער דיין ווּעט אים באַלד דערזען ווי ער טראָגט זיך אַליין אַן איבערגעקערטן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף אויף זיין אייגענעם קאָפּ. ייִדל דער דיין ווּעט באַלד אויף אים אָנשטעלן אַ פּאָר בייזע אויגן.

און אָט — ייִדל דער דיין הייבט טאַקע אויף די אויגן פון דער גמרא. דאָס זענען גוטע אויגן:

— ייִנגל, וואָס ווילסטו?!

— רבי, איך וויל, איך וויל וויסן, פאַרוואָס, פאַרוואָס איז אַלץ אַזוי?

***

ווען עס איז געקומען צו גיין אַהיים פון חדר, האָבן די ייִנגלעך, וואָס האָבן זיך שטאַרק מתעסק געווען מיט יאַנקלס קונע, געבליבן שטיין ווי אַ צעשראָ־קענע טשערעדע. זיי האָבן מורא געהאַט אַרויסצוגיין פון טיר. יאַנקל איז אַרויס

דער ערשטער, און ערשט נאָך דעם, ווען די ייִנגלעך זענען שוין ביי זיך געווען זיכער, האָבן זיי זיך אַרויסגעשאָטן פון טיר, שטופנדיק איינער דעם צווייטן. און ווען זיי האָבן אין דרויסן דערזען, אַז יאַנקל שטייט אויפן בערגל, נישט ווייט פון חדר, און וואַרט, האָבן חברה מיט שרעק אַ הייב־געטון די פיס און גענומען לויפן מיט פאַנאַנדערגעלאָזטע פאָלעס וווהין נאָר די אויגן האָבן געטראָגן. לייבל דער טעפּערינס האָט זיך דערשראָקן מער פון אַלע און האָט זיך באַהאַלטן הינטער אַ נאָענט הויז. אַז יאַנקל איז צוגעגאַנגען צו אים, האָט לייבל אָנגעהויבן שרייען.

— שריי נישט, — האָט אים יאַנקל באַפוילן — איך וועל דיך נישט שלאָגן. דו שלאָגסט דיין שוועסטערל, ווייל דו ביסט אַ סמאַרק. מיינסט איך האָב נישט געזען ווי דו האָסט איר נעכטן שיעור נישט אָפּגעריסן די האַנט? — דאָס ייִנגל האָט דערזען, אַז יאַנקל לייגט אויף אים נישט די האַנט האָט ער זיך אויסגעדרייט און איז אַנטלאָפן. יאַנקל אָבער איז קיינעם פון די ייִנגלעך נישט נאָכגעלאָפן. ער האָט גוט געדענקט: דער טאַטע, מיט די שטאַרקע האַרטע הענט האָט געזאָגט — ער וועט נישט שלאָגן, און האָט נישט געשלאָגן. יאַנקל האָט דערפילט אַ באַזונדערן כוח אין אָט דעם זאַג. נאָר אַ שטאַרקער און דערוואַקסענער מענטש, אַ טאַטע — קאָן אַזוי זאָגן. און יאַנקל האָט ביי זיך דאָ כהרף־עין אָפּגעמאַכט — ער וועט איינהאַלטן זיינע שטאַרקע הענט. זאָלן זיי לויפן, די סמאַרקעס, ער וועט זיי נישט שלאָגן.

פאַרוואָס־זשע איז יאַנקל געבליבן שטיין אויף דעם בערגל וואָס איז נישט ווייט פון חדר?

דער דאַך פון דעם מלמדס נידעריק הויז איז געווען אַן ערדענער. אין דער צייט פון יאָר האָט זיך אויף דעם דאַך פאַנאַנדערגעוואַקסן און אַמאָל זיך אויך פאַנאַנדערגעבליט אַזאַ ווילדער „בוריאַן“, וואָס האָט, ווייזט אויס, שטאַרק פאַרשמעקט דעם מלמדס ציג. חברה חדר־ייִנגלעך האָבן אָפט די ציג אַרויפגעשטופּט אויפן דאַך. נאָך דעם האָט מען פאַר אַ צייט נישט געדאַרפט לערנען, ווייל מען האָט געדאַרפט העלפן דעם רבין אַראָפּטרייבן די ציג פון דאַך. דעמאָלט אָבער, ווען יאַנקל האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם בערגל, האָט ער מיט די אייגענע אויגן דערזען ווי די ציג האָט אַליין אויף זייער אַ קונציקן אופן אַ שפרונג געטון פון דער ערד אין דער פאַרנאַכטיקער לופט, און אָט איז זי געווען אויף דער ערד און אָט איז זי אויפן דאַך. די ציג האָט דאָך געקענט ברעכן רוק־און־לענד. נאָר זי האָט ביי זיך, ווייזט אויס, אָפּגעמאַכט זאָל זיין וואָס עס וויל. זי איז אויפן דאַך און גייט זיך דאָרט איצט איבער אים גאַנץ רויק. די ערד פון דעם משופּעדיקן דאַך קרישלט זיך דאָ און דאָרט פון אונטער אירע פיס. זי קאָן זיך דאָך, חלילה, אַזוי אַראָפּגליטשן און אַראָפּפאַלן אינאיינעם מיט דער ערד וואָס קרישלט זיך אונטער אירע פיס. אָבער די ציג שטעלט זיך נישט אָפּ, זי גייט זיך אַלץ העכער אַהין צו דעם אויפגעשפּרונגענעם שמעקעדיקן „בוריאַן“.

אויף איין זייט פון דעם מלמדס הויז האָט זיך אָנגעזען די אַרויסגעהוי־בענע וואַסערמיל און דאָס וועלדל, וואָס אויף יענער זייט טייך. און צווישן דער מיל און דעם וועלדל האָט די אונטערגייענדיקע זון געברענט ווי אַ פּאַס, וואָס איז געווען אָנגעשלאָגן מיט צעגליטע קוילן און מיט פּייער. אויף בײדע זייטן פון דעם מלמדס הייזל האָבן זיך באַלד באַוויזן דער רבי מיט די רביצין. דער רבי האָט געהאַלטן אַן אויפגעהויבענע קאַטשערע אין האַנט און די רביצין אַ לאָפּעטע אין אירע הענט. ביידע האָבן זיך פאַרמאַסטן אַראָפּצוטרייבן די ציג פון דאַך. די ציג האָט דערוויל דערגרייכט דעם אויפגעשפּרונגענעם „בוריאַן" און זיך גענומען קייען שטייענדיק כמעט אויף איין הויך מיט דעם פּעסל פּייער, מיט דעם פּעסל גאָלד אין הימל.

פאַרוואָס האָט זיך דאָ יאַנקל אָפּגעשטעלט און איז אַזוי געבליבן שטיין אויף דעם בערגל אין דעם איצטיקן פאַרנאַכט?

צוליב דער ציג אויפן דאַך?

צוליב דער קאַטשערע מיט דער לאָפּעטע, וואָס דער רבי מיט דער רביצין האָבן דערמיט אַרומגעפאָדעט אַרום דעם דאַך?

צוליב דער זון, וואָס האָט דאָרטן אויפן הימל אַרויסגעקוקט ווי פון אַ פּייערפאַס?

פאַרוואָס איז אים אָט דאָס הייזל מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי טייער, אַז שווער איז אים געוואָרן אָוועקצוגיין פון דעם אָרט?

יאַנקל האָט געוווסט פאַרוואָס. יאַנקל האָט צו זיך אַליין, נישט צוגעגריי־טערהייט, און אָן ווערטער, געזאָגט:

— איך וועל שוין אין דעם חדר מער נישט גיין. איך וועל ווערן אַ באַנדער. און דעריבער האָט די ערד אַזוי אָנגעכאַפּט זיינע טריט און אים לענגער אָפּגע־האַלטן פאַר אָט דעם רבינס הייזל און ווי אַ חזיון איז פאַר זיינע אויגן אָט־די פּייערפאַס געשטאַנען אין דעם הימל. זי האָט אים דערמאָנט אָן דער פאַס וואָס האָט אים אויסבאַהאַלטן אין דעם פּעטערס הויף ערב דעם יאַריד.

די רוט, וואָס דער רבי האָט מיט אַזויפיל כוונה אויסגעקליבן אויף צו שמייסן יאַנקלען, האָט זיך, ווייזט אויס, גאָר שאַרף אַריינגעשניטן אין יאַנקלס הויט. דער הינטן האָט אים שטאַרק וויי־געטון. עס האָט געשמאַרצט ווי ער וואָלט געווען פון אַ מעסער צעשניטן. און מאָדנע, ער איז דאָך שוין נישט אין קונע, אָבער די רייך פון דעם קאַפּעליוש ליגט נאָך אַלץ ווי אַרום זיין קאָפּ, און ער פילט, אַז פון קאָפּ אַזש טראָגט ער נאָך אַלץ זיך אַליין אָן איבערגעקערטן אויף זיין קאָפּ. די הענט, וואָס האָבן היינט גערדאַרפט עמעצן שלאָגן און האָבן נישט, האָבן זיך אַזוי וואַגיק געביילט און האָבן זיך געפילט ווי איבעריקע.

ער האָט זיי, די סמאַרקעס, נישט געשלאָגן, ניין. אָבער ער וועט פאַר זיי קיין ברויט נישט באַקן. ער וועט נישט. דאָס, וואָס דער טאַטע באַקט פאַר זיי און פאַר זייערע מאַמעס, פאַר דעם איז ער נישט שולדיק. דייזשעס, באַק־דיי־

זשעס, הילצערנע עמער און פעסער מאַכט אַ באַנדער פאַר אַלעמען. אַלע מוזן אָנקומען צום באַנדער, אַלע: ייִדן און גויִים, ווען נישט, וועלן זיי נישט האָבן אין וואָס צו קנעטן ברויט, אין וואָס צו וואַשן וועש, מיט וואָס צו שעפּן און אין וואָס צו האַלטן וואַסער. יאָ, צום באַנדער מוזן אַלע אָנקומען. דערצו איז דאָס טאַקע פּאַרט געווען דעם פעטערס פאַס, וואָס האָט אים אויסבאַהאַלטן ערב דעם יאַריד. יאָ, ער ווערט אַ באַנדער. — — — און די סמאַרקעס! פּרי׳ער באַלעקן זיי זיך פון מיין „פּידפּאַלאַק" מיט די גריוון און נאָך דעם שטעלן זיי מיר אונ־טער אַ פּיסל און... און רופן מיר נאָך ווי אַ צוגאָב: יאַנקל פּירניק... אָבער אַז ער וועט ווערן אַ באַנדער, וועלן זיי אים שוין נישט קענען רופן „פּירניק", ווייל ער וועט דאָך שוין דעמאָלט הייסן „יאַנקל באַנדער". אַ מצווה אויף זיי! היינט איז דאָך באַנדעריי אַ גאַנצע מלאכה. — מען ציט אַרויס ברעטער פון קלעצער, מען מעסט זיי, מען קאַרבט זיי, מען וויקט זיי, מען בייגט זיי, מען פּאַסט זיי איינע צו איינע. מען נוצט אַ זעג, אַ האַק, אַ הובל, אַ דלאָט, אַ צירקל און אַן עקבער. נאָך דעם זעצט מען אַרויף הילצערנע און אַפילו אייזערנע רייפן. היינט קען דאָך אַ פאַס ממש ווייזן כישוף. זיצסט אין אַ פינצטערער פאַס און מיט אַמאָל דער־זעסטו פאַר זיך אַ ווונדערלעכן הימל מיט וואָלקנס, וואָס הייבן זיך ווי בערג, און איבער זיי שפּרינגט דיר מיט אַמאָל אַרויס אַ גאָלדענער לייב און נעמט שרייען איבער דעם גאַנצן הימל און איבער דער גאַנצער שטאָט, און ערשט ווען דו דערשרעקסט זיך, פאַרשווינדט ער, און דו דערזעסט, אַז דו ביסט אין אַ פינצטערער פאַס, וואָס נעמט דיך אַרום, וואָס היט דיך ווי עס היט אַ מאַמע פון דעם טאַטנס קלעפּ... און די סמאַרקעס עסן פּרי׳ער אויף דיין פּלעצל מיט די גריוון מיט אַלץ, — זאָלן זיי עסן, דאָס אַרט אים נישט. אַז זיי האָבן ליב — זאָלן זיי עסן. ער, יאַנקל, קען זיך באַגיין אָן דעם, אָבער נאָך דעם דיר אונ־טערשטעלן אַ פּיסל, נאָך דעם דיר שפּייען אין פּנים און דיך רופן יאַנקל פּירניק! — און זיך רייצן מיט דיר ווען דו שטייסט אין קונע מיט דעם האַרטן קאַפּעליוש און מיט אַראָפּגעלאָזטע פּלודערן — יאַנקל פּירניק, יאַנקל פּירניק!...

און דאָס, וואָס ער האָט נאָך קיינעם פון זיי נישט אונטערגעשלאָגן די זייטן, איז גוט. ער איז מיט אַמאָל געוואָרן גרויס איבער זיי — ווי דער טאַטע איבער אים. אַ מצווה אויף זיי. זיי זענען סמאַרקעס. זיי ווייסן דאָך אַפילו נישט, וואָס דאָס הייסט אויגן וואָס זעען נישט. דער רבי ווייסט כאָטש וואָס ער רעדט. — וואָרעם עס שטייט דאָך בפירוש געשריבן: „אויגן האָבן זיי, נאָר זיי זעען נישט". און אַ ייִדיש ייִנגל מוז טאַקע פון דעם וויסן. און אויב ער זאָגט אַנדערש, דאַרף מען אים טאַקע שמייסן. מען דאַרף אים שטעלן אין קונע. נאָר וואָס איז ער, יאַנקל, שולדיק? אָט ווייסט ער דאָך אויף זיכער, אַז אַפילו אַ פּישל פון זיין פאָטערס צוקערגעבעקס, וואָס איז דאָך נישט מער ווי אַן אָפּגעבאַקט לעקעכל, איז פונדעסטוועגן — ווי נאָר מע גיט אַמאָל אַריין אין דעם אַ פינטל פון אַז אויג, נעמט דאָס זען. און גיט מען אַ מאַך אַ רונד רעדעלע אַרום דעם אויגפינטל,

נעמט דאָס קוקן ווי אַן אָקס. גיט מען אַ מאַך אַ האַלב רעדעלע איבער דעם אויג, נעמט דאָס פּישל קוקן אַראָפּ. הייַנט אַז מען קען אַ פּירניקל, אַ פּישעלע מאַכן זען... נאָר דער רבי איז פֿונדעסטוועגן פּאַרט גערעכט. — ערשטנס האָט ער מן־הסתּם קיינמאָל קיין גאַנצן יאָריד נישט געזען. ווייסט ער נישט אַז זאַכן נעמען אויסזען גאָר אַנדערש. און צווייטנס, — וואָס זאָל דער רבי טון, אַז עס שטייט דאָך בפּירוש געשריבן... יאָ, אַ ייִדיש ייִנגל טאָר טאָר נישט, ער טאָר נישט. און דער הינטן טוט וויי. די רוט האָט זיך אַזוי ווי ערשט איצט פֿאַנאַנדערגעשמיסן איבער זיין באַקעטן הינטן. מיט יעדן טראָט וואָס ער מאַכט ברענגען דאָרט די שמיץ פֿון דאָס ניי. און, לייבל, דער טעפּערינס וועט דאָס נאָך אפשר דערציילן זיין שוועסטערל. פֿון חדר טאָר מען נישט דערציילן. אָבער ער איז דאָך אַ סמאַרק ווי די אַנדערע. איך בין זיי נאָר גוט פֿאַר דעם פּלעצל און פֿאַר די לעקעכלעך וואָס איך ברענג. ווייטער שטיי איך זיי, קיינעם אין חדר נישט אָן... דער רבי מיט דער רויטער באָרד און צעלאָזטע פּיאות לויפֿט נאָך דאָרט נאָך מיט דער קאָטשערע אין האַנט נאָך דער ציג, וואָס אויף זיין ערדענעם דאַך, ביי דער ציג בעט ער זיך ווי אַ ביי אַ קינד. ער איז גוט צו איר, ווייל זי גיט אים מילך און ווייל זי איז אַ שטומע חיה. אָבער פֿאַרוואָס זאָל ער אַריין אין אַזאַ כּעס, ווען ער שמייסט אַ ייִנגל? ער וועט שוין מיט דעם רבין קיין עסקים נישט האָבן, נאָר פֿרעגן וואָלט זיך וועלן ביי אים, צי גאָר ביי ייִדל דעם דיין — פֿאַרוואָס איז דאָס אַלץ אַזוי?

***

יחיאל, יאַנקלס פֿאָטער, האָט זיך צוגעוווינט אַרויסצוווייזן כּמעט מאָמעשע געטריישאַפֿט צו זיין ייִנגל; ווארום די מאַמע פֿלעגט דאָך דורך די טעג זיצן ביים טישל אין מאַרק און דאָס ייִנגל פֿלעגט אים שטענדיק זיין אויף די הענט: אין קעלער־שטוב, צווישן אויוון, צווישן די זעק מעל און די באַקדייזשעס. יחיאל פֿלעגט אויף אים שטענדיק דאַרפֿן האַלטן אַן אויג. ער פֿלעגט צו אים דאַרפֿן זיין אי אַ טאַטע, אי אַ מאַמע. ווען יאַנקל איז נאָך אַ קליין קינד געווען פֿלעגט ער ליב האָבן זיך אויסשמירן דאָס פּנימל און די הענטלעך מיט מעל און זיך באַווייזן ווי אַ קליין ווייס מענטשעלע צווישן יחיאלס אַרויסהעלפֿער. יחיאל פֿלעגט ווערן אין כּעס, סטראַשען אַז ער וועט דעם פֿאַרמעליקטן ייִנגל אַרויפֿליגן אויף דער גרויסער לאָפּעטע און אים אַריינלייגן אָפּבאַקן אין ברענענדיקן אויוון. דאָס קינד פֿלעגט הערן און וואַרטן, אַז דער פֿאָטער זאָל אים אַרויפֿזעצן אויף דער לאָפּעטע, פֿלעגט דער טאַטע ווערן אין כּעס און נעמען שרייען און אים אַמאָל אויך פּאַטשן די הינטלעך און פֿלעגט נאָכדעם ביי דעם קינד אויסקויפֿן זיין האַרטקייט מיט דעם, וואָס ער פֿלעגט אים ווייזן ווי אַזוי צו מאַכן פֿון טייג אַ טייבעלע. ער פֿלעגט אַריינשטעלן צוויי שוואַרצע פֿעפֿערלעך אָדער צוויי רונדע נעגעלעך אין דעם קעפּל און זיי זענען געוואָרן צוויי

אויגן פאַר דעם טייבעלע. יחיאל פלעגט זיך אַביסל פילן שולדיק פאַר דעם, וואָס ער, דער שטרענגער האַרטער טאַטע, דאַרף פאַר דעם יינגל אויך זיין אַ מאַמע.

נאָך דעם, אַז דאָס קינד איז אַ ביסל עלטער געוואָרן, האָט אים יחיאל אויך גענומען לערנען ווי צו מאַכן אַ פישל און אַ פערדעלע, זיי פאַר אים באַזונדער אָפּבאַקן און אים נאָכדעם אויך געלערנט ווי אַזוי זיי צו פאַרבן. דאָס קינד איז פון אָט די אַלע זאַכן פאַרכאַפּט געוואָרן און פלעגט אַזוי קענען אָפּזיצן שעהן זיך שפּילנדיק מיט די „לעבעדיקע" באַשעפעניש וואָס ער האָט אַרויסגעצויגן פון דעם טייג. דאָס קינד האָט זיך נאָכדעם אויפגעהערט אַזוי פיל צו פּלאָנטערן אונטער די פיס פון דעם פאָטער און פון די פאַר געזעלן. דער וועג צווישן די זעק מעל, דעם טייג און דעם אָנגעהייצטן אויוון איז דורך דעם געוואָרן פרייער.

שטייענדיק פאַרן אויוון מיט די נאַקעטע הענט וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון די ווייט פאַרקאַטשעטע אַרבל איבער דער באַקדייזשע אָדער אויפהייבנדיק צי אַרויסנעמענדיק מיט דער לאַנגער לאָפּעטע די שטיקער געבעקס, פלעגן יחיאלס אויגן פונדעסטוועגן פון מאָל צו מאָל אַ זוך טון און געפינען דאָס קינד — אָן אויג האָט מען אויף אים אַלץ געדאַרפט האַלטן.

נאָכדעם זענען געקומען טעג ווען דאָס יינגל פלעגט אַמאָל אינמיטן פון זיין אַרבעט וואַרפן אָן אויג אויף דעם טאַטן און פון אים אַזוי ווי אָפּלאַכנדיק אַ שמייכל־טון — דעם טאַטנס ברעמען, די באָרד, דאָס היטל און אַפילו דאָס געקנאָכטע פנים זענען געווען דיק פאַרשטויבט מיט מעל און נאָר די אויגן האָבן געברענט גלאַנצנדיקער און שוואַרצער ווי די פעפערדיקע אויגן פון די טייבעלעך. — דער טאַטע האָט דעם יינגל אויסגעזען ווי אַ שטיק געבעקס מיט אַריינגעשטעלט שוואַרצע אויגן.

יחיאל דער בעקער האָט געטראָגן אַ ביטערן כעס אויף „דער שטאָט". אַלע יידן וואָס לעבן פון סוחרעריי זענען ביי אים געווען גנבים און די אַלע לערנער און דאַוונער זענען ביי אים געווען „גאָטס גנבים", כאָטש ער אַליין האָט אויך געדאַוונט. און ווען זיין יינגל יאַנקל האָט גענומען גיין אין חדר און די מלמדים האָבן גענומען לויבן דעם יינגלס קעפּל האָט יחיאל אויך גענומען האַלטן פון לערנען. זיין כעס אָבער אויף „דער שטאָט" (אויף די מיוחסים פון שטאָט) האָט ער נישט אָפּגעלאָזט. מאָדנע טראַכטונגען האָט ער דערביי געטראַכט: — אָט וועט ביי אים אויסוואַקסן זיין יאַנקל, וועט דאָס זיין אַ לערנער, וועט ער זיי ווייזן וואָס הייסט לערנען... ביי יחיאל דעם בעקער וועט דאָ אויסוואַקסן אַ זון וואָס וועט אי אַרבעטן, אי לערנען. נישט ווי די גאָטס גנבים, אין זייער טאַטעס טאַטן אַריין!

אָבער דאָ האָט געטראָפן אַז יחיאל דער בעקער האָט איבער די „ווערעמדיקע" מיוחסדיקע ווייבער געגעבן זיין יינגל צו שטאַרקע קלעפּ און — ווי־

יחיאל האָט געגלייבט — איז זיין יינגל יאַנקל איבער אָט די קלעפּ אַרויס פון די כלים, זיך אָפּגעזאָגט צו גיין שטעלן זיך מיטן טישל אויפן יאַריד, אָפּגעזאָגט און טו אים עפּעס. יחיאל האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער האָט דאָ איבערגעצויגן די מאָס, און אַז דאָס בעסטע איז צו מאַכן אַ שוויַיג פון דעם אַלעמען. ער האָט דעם יינגל גאָר נישט געטון, גאָרנישט געפרעגט און אויף־מאָרגן איגדערפרי אים נאָך אַרויסגעפּראַוואַדעט אין חדר אַריין מיט אַ פרישן פידפּאַליק מיט גריון און גענדזנשמאַלץ, כאָטש אויף דער וועלט איז דאָס אַפילו נישט פרייטיק, נאָר גלאַט אַ מיטנוואָכיקער טאָג געווען. אַלץ איז, דאַכט זיך, אַוועקגעגאַנגען ווי עס באַדאַרף־צו־זיין. דאָס יינגל איז דאָך אַוועק אין חדר אַ מונטערער, אָט ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געווען זיינע. איז פאַרוואָס איז דאָס יינגל געקומען פון חדר מיט אַזאַ פינצטער פנים? אינ־ערפרי האָט דאָך דאָס פנים געשיינט ווי די זון. איז פאַרוואָס קענען יחיאלס שוואַרצע אויגן וואָס קוקן אַרויס פון זיין וויַיס־פאַרמעליקט פנים, פאַרוואָס קענען זיי דעם יינגלס פנים נישט דערקענען?

דער פאַרמעליקטער וויַיסער טאַטע האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דעם יינגל:

— וואָס איז?

דאָס יינגל ענטפערט נישט. דאָס יינגל באַהאַלט זיין פנים פון אים.

דער פאָטער לייגט אַרויף זיין פאַרוויַיסטע האַנט אויפן יינגלס שטערן:

— האָסט עפּעס אַריינגעכאַפּט נעכטן אויפן יאַריד וואָס האָט דיר פאַר־שאַדט?

אַוודאי האָט יאַנקל, ווען ווערטער וואָלטן נאָר געקומען צום מויל, געקענט ענטפערן, אַז אַריינגעכאַפּט האָט ער עפּעס אַזוינס נעכטן אויפן יאַריד פאַר וועלכן ער האָט היינט ביטער באַצאָלט. אָבער צווישן טאַטעס און קינדער קומט דאָך אָן אַ צייט ווען מען האָט נישט קיין ווערטער, ווען מען קען אויף די פּשוטסטע פאַרשטענדלעכסטע שאלות קיין ענטפער נישט געבן.

כדי זיך אָפּטשעפּען פון דעם טאַטנס צודרינגלעכע שאלות און זיין דורכ־דרינגענדיקע אויגן האָט יאַנקל אָפּגעענטפערט:

— „מיר איז גאָר נישט". און איז אַרויס אין דרויסן. דער פאָטער איז געווען פאַרנומען און האָט אים אָפּגעלאָזט.

אַרויסגייך פון הויז האָט מען געדאַרפט ווי פון אַ גרוב אַרויס. מען האָט זיך געדאַרפט אויפהויבן עטלעכע טרעפּ. אַביסל וויַיטער פון די טרעפּ האָט זיך די ערד ווי אַ שאַרפער באַרג אָפּגעריסן און איז אַזוי אָפּגעלאָפן ביז צו דעם טייך, ביז דעם לאַנגן און שמאָלן „גלחס בריקל" איבערן טייך וואָס האָט גע־פירט פון דעם קלויסטער אויף דער זייט און דעם גלחס הויז אויף יענער זייט טייך. צווישן דעם קלויסטער און יחיאל דעם בעקערס הויז איז געשטאַ־נען די גרויסע שול, אָבער איבער דעם צו־שאַרפן אָפּריס פון דער שולערד צום טייך, איז דער פונדאַמענט פון דער שול ביי דעם אָפּריס געווען אונטערגע־

שפּאַרט מיט גרויסע שווערע „ביקעס״, געמאַכט פון אויפגעמויערטע געברענטע ציגל.

— פאַרוואָס האָט מען אַזוי נאָענט צום אָפּריס געבויט די שול?

— דער בעל־שם אַליין האָט אויסגעקליבן אָט־דאָס אָרט. — דעמאָלט איז נאָך דאָ אָט דער קלויסטער נישט געשטאַנען און אויף יענער זייט טייך איז נאָך קיין גלחס הויז נישט געווען. גלייך פון מיטן שטאָט אַרויס האָט ביז דעמאָלט די שול געקוקט געהויבן מיט אירע פענצטער צום טייך וואָס האָט זיך געצויגן ווי אַ טיפע מחשבה צווישן לאָנקעס, ביימער און וועלדלעך צו דרום און צו מזרח. ווו די זון גייט אויף, און פון דער אַנדערער זייט האָט דאָס פּנים פון דער שול, פון איר אויפגעבאַרגטן אָרט, געקוקט אַריבער דער שטאָט, אַריבער דעם מאַרק צו דעם ברעזענעם וואַלד, ווו די זון פאַרגייט.

האָט יאַנקל זיך אַזוי געקוקט און געטראַכט: — אין שול איז דער יידישער גאָט, אין קלויסטער, אַ?... אוי וויפיל צרות יאַנקל האָט היינט געהאַט.

די מאַמע איז איינגיכן געקומען אַהיים פון מאַרק, האָט פאַרענדיקט דאָס קאָכן פון דער וועטשערע, וואָס דער טאַטע האָט אָנגעהויבן צו קאָכן. ווען מען האָט זיך געזעצט צום טיש — האָבן אי דער טאַטע, אי די מאַמע באַמערקט, אַז זייער יאַנקל קען נישט איינזיצן. די מאַמע האָט געוווסט, יאַנקלען שטייט שוין נישט אָן ווען די מאַמע לייגט אַ ווייל אַרויף איר האַנט אויף זיין קאָפּ. אָבער אַזוי ווי יחיאל דער מאַן האָט איר גלייך ביים קומען פון מאַרק אַרויסגע־בורטשעט:

— יאַנקל — — — עפּעס — — — דער גוט יאָר — — —

איז די מאַמע ממילא געווען אומרויק פון יאַנקלס נישט קענען איינזיצן. האָט זי זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט און זי איז צוגעגאַנגען און אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין שטערן:

— יאַנקל, דאָס קעפּל איז דיר וואַרעם, האָסט היץ.

יאַנקל האָט זיך געוואָלט אויפהייבן און אַנטלויפן פון טיש, נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן. און אַז די מאַמע האָט אַלץ נישט אָפּגעלאָזט, האָט אַלץ גע־האַלטן אין איבערפרעגן:

— זאָג, האָסט עפּעס געגעסן? האָסט עפּעס... זאָג מיר וואָס. וואָס ט׳דיר פאַרשאַדט? — איז יאַנקל אויפגעשפּרונגען אַן אָנגעצונדענער און אויסגעשריגן:

— דער גרויסער חזיר אויפן חזיר־מאַרק, די בהמות אויף דער טאַרהאָ־וויצע, די פערד אויף דער קאַנטע, די קאַצאַפּעס מיט די שטעלן...

דערהערט אַזוינע רייד האָבן זיך טאַטע־מאַמע נאָך מער דערשראָקן. — עס הייסט דאָך, אַז דאָס קינד רעדט פון היץ.

יאַנקל האָט דערזען אַז ער האָט דאָ אָנגעמאַכט אַ צרה, איז ער געבליבן שטיל און זיך גלייך אָפּגערופן:

— איך וויל נישט עסן... דער קאָפּ טוט מיר ווי...

— עס נישט. מען דאַרף נישט. קום ליג זיך צו.

און יאַנקל האָט זיך געלאָזט פון דער מאַמע נעמען פאַר דער האַנט און אַריינפירן פון איר אין דעם פינצטערן צימער פון דער קעלערשטוב, ווו עס איז געשטאַנען איר בעט. ער האָט געלאָזט זיינע גלידער זאָלן פילן די ווייכקייט פון דער מאַמעס בעט אונטער זיך. געלאָזט דער מאַמע האַלטן איר האַנט אויף זיין שטערן. יאַנקל איז איר צוריק אַ קליין קינד געוואָרן. אין אַ ווילע אַרום האָט די מאַמע אין דער פינצטער אים גענומען דערציילן זיין ליבסטע בעל־שם־טוב־מעשה. ער, אַ דערוואַקסן יינגל, לאָזט דער מאַמע אים דערציילן אַט־די קינדערשע מעשה. עס איז פינצטער. קיינער זעט נישט. קיינער הערט נישט. — דאָס צימער, די גאַנצע שטוב איז דאָך איינגעגראָבן אין דער ערד. קיינער הערט נישט, און ער שלאָפט איין אין דעם געוועב פון דער מעשה: —

— — — אַ רייכער ייִד איז געווען אין אַ שטאָט, גערופן האָט מען אים מיכל גביר, און ער האָט געשמט מיט זיין רייכקייט, און ער האָט נישט גע־גלייבט אין דעם בעל־שם־טוב און האָט נישט געגלייבט אין ניסים. ער האָט זיך געהאַלטן גרויס. די אָרעמעלייט וואָס נעמען זיך אַרום דעם בעל־שם האָט ער פיינט געהאַט וואָרעם ער האָט געגלייבט בלויז אין געלט, און ער פלעגט זאָגן, אַז אויב עס זענען דאָ ניסים ליגן זיי בלויז אין געלט. און אַז דער גביר פלעגט דערהערן, אַז דער בעל־שם־טוב קומט אין שטאָט פלעגט ער גיך הייסן שפּאַנען זיין רייכע קאַרעטע און אַנטלויפן פון שטאָט. האָט ער געוווּסט, אַז דער בעל־שם־טוב קומט פון איין זייט שטאָט מיט דעם מאַקאַרעווער וועג, — פלעגט דער גביר אַנטלויפן מיט דעם סטאַווישטשער אָדער כאָדאָרקאָווער וועג.

אָבער אַז דער בעל־שם האָט געוואָלט ווייזן אַ נס, פלעגט ער זיין טרייבער —אַלעקסייען— זיך הייסן אויסדרייען מיטן פּנים צו אים און מיטן רוקן צו די פערד, זיי פלעגן דעמאָלט אַ הייב־טון דעם וואָגן און פליִען מיט אַזאַ שנעל־קייט, אַז פעלדער, וועלדער און טייכן פלעגן נעמען שפּרינגען הינטער זיינע פיס. פאַר דעם נייטיקן אָרט אָבער — פלעגן די פערד איינהאַלטן זייער האַס־טיקן לויף און נעמען פאָרן ווי געוויינלעכע פערד. דעם גבירס פערד אָבער האָבן זיך דערשראָקן, האָבן אַ טראַג־געטון די קאַרעטע, האָבן צעבראָכן אַ ראָד. דער גביר האָט זיך דערשראָקן, און ווען ער איז געקומען צו זיך האָט ער דערזען, ווי פון דעם אַנטקעגנדיקן וואַלד אין וועלכן עס זעצט זיך די זון קומט אַרויס די פור פון דעם בעל־שם מיט עטלעכע אָרעמעלייט זינגעדיקע הוליאַקעס. מיכל גביר האָט גלייך געוואָלט אויסדרייען די קאַרעטע און פאָרן צוריק, זאָל זיין אַפילו אָן אַ ראָד, אַבי אַנטלויפן, אָבער דעם בעל־שמס וואָגן איז שוין גע־שטאַנען לעבן אים און דער בעל־שם האָט אויס געשריגן:

— אָ, מיכל גביר! גוט וואָס דו ביסט דאָ. אונדז פעלט טאַקע אויס איינער צום מנין.

מיכל גביר וויל פרעגן: — ווי אַזוי פּאַרט קומט איר אויף דעם וועג, אַז איר זייט דאָך ערשט היינט נאָכמיטאָג אַרויסגעפאָרן פון מאַקאַראָוו?

אָבער דער בעל־שם־טוב לאָזט אים קיין וואָרט נישט רעדן און זאָגט צו אים גלייך:

— דו וועסט רעדן נאָך מנחה. קום לאָמיר וואַשן די הענט און זיך שטעלן דאַוונען.

— וואַשן די הענט? — פרעגט מיכל גביר — ווו?

— אָט דאָ איז גראָז. — און דער בעל־שם און די חסידים בייגן זיך צו און הייבן נאָכדעם גלייך אויף פריש־געוואַשענע הענט קעגן דער זון.

וווּנדערט זיך מיכל גביר — עס איז טאַקע פּאַרנאַכט אָבער קיין ראָסע איז אויף דעם גראָז נישט פאַראַן, איז ווי האָבן זיך מיטאַמאָל גענומען די פריש־געוואַשענע הענט קעגן דער זון? אָבער ווי נאָר מיכל גביר האָט זיך אַ בייג־געטון צום גראָז, אַזוי האָט ער פאַר זיך דערזען אַן אָפענעם קוואַל. אַ ברונעם האָט זיך אַן עפן־געטון פאַר זיינע אויגן. און ווי נאָר מיכל גביר האָט זיך אַ בייג־געטון מיט זיינע הענט צום וואַסער, אַזוי איז ער אַריינגעפאַלן אין דעם ברונעם.

מיכל גביר איז אין דעם ברונעם אַזוי געלעגן אַ טאָג מיט אַ נאַכט. ער האָט שוין געמיינט אַז ער איז טויט, ערשט ער קומט צו זיך און עפנט די אויגן און דערזעט אַז ער איז ערגעץ אין אַ נייער וועלט. ער קען דאָ קיינעם נישט, און כאָטש ער זאָגט זיי אַז זיין נאָמען איז מיכל גביר — ווייסט דאָ קיינער נישט פון דעם און עס אַרט קיינעם נישט. האָט ער זיך דערפרעגט צו אַ יידישער שול, אָבער אויך דאָ האָט קיינער נישט געוווּסט פון דעם נאָמען מיכל גביר און עס האָט קיינעם נישט געאַרט.

הונגעריק איז ער געווען, נאָר ער האָט זיך געשעמט צו זאָגן וועגן דעם. און אַז עס האָט אים גענומען שלעפערן האָט ער זיך צוגעלייגט און איז איינגעשלאָפן אויף אַ האַרטער באַנק לעבן שול. און אויף מאָרגן נאָכן דאַוונען, אַז דער הונגער האָט אים שטאַרק דערלאַנגט צום האַרצן, איז ער צוגעגאַנגען צו איינעם און געפרעגט:

קוקט אים יענער אָן און זאָגט:

— וואָס טוט דאָ ביי אייך אַ מענטש ווען ער איז הונגעריק?

— וואָס הייסט, פאַרוואָס זאָל זיך געפינען דאָ ביי אונדז אַ מענטש וואָס איז הונגעריק?

— אָבער אַז איינער האָט נישט קיין געלט מיט וואָס צו קויפן שפּייז?

— געלט? — פרעגט אים יענער איבער פאַרוווּנדערט — וואָס הייסט געלט? איר זעט עפּעס אויס ווי איר וואָלט געווען אַ ווילד־פרעמדער. מיר דאָ ווייסן נישט וואָס הייסט געלט. פון וואַנעט נעמט זיך צו אייך אַזאַ מאָדנער געדאַנק?

— יאָ, אָבער מיט וואָס פּאַרט באַצאָלט איר פאַר שפּייז וואָס איר קויפט?

— מיט דאַנק, — ענטפערט יענער.

טראַפט ביי זיך מיכל גביר: — נישט אַנדערש, אַט דער מענטש לאַכט פון מיר. אָבער אַז הונגעריק איז ער געווען און די קעשענעס זענען ביי אים סיי־ווי געווען ליידיק האָט ער געלאָזט דער הונגער זאָל אים אַריינטרייבן אין אַ שפּייז־געשעפט. ווען ער האָט אָפּגעגעסן איין מאכל און ער האָט געזאָגט דעם בעל־הבית: אַ דאַנק, — איז דאָס דעם בעל־הבית און דער בעל־הביתטע זייער געפעלן געוואָרן און זיי האָבן אים געפרעגט צי וויל ער נאָך עפּעס, און זיי האָבן אים פאַרגעשלאָגן נאָך מאכלים און האָבן אים איינגעלאַדן צו קומען צו זיי נאָכאַמאָל.

האָט זיך מיכל גביר געוווּנדערט און זיך עפּעס אַלץ נישט געגלייבט. אָבער דער הונגער האָט אים ווידער געטריבן, האָט ער ווידער געפּרוווט און איז ווידער אַריין אין שפּייזגעשעפט און ווידער דאָס אייגענע. אַלץ וואָס די פאַרקויפער טוען איז: אָפּוואַרטן פאַרן דאַנק און נאָכדעם שרייבן זיי אַריין אין אַ בוך די דאַנקען וואָס זיי האַנדלען־איין פאַר זייער שפּייז און זייער מי.

מיכל גביר איז אָנגעקומען זייער שווער צו באַנעמען די פירונג פון דעם נייעם לאַנד און אַזוי האָט ער געלעבט טאָג אויף טאָג, וואָך אויף וואָך, חודש אויף חודש, — ביז די קליידער האָבן זיך אויף אים געגומען רייסן. איז ער ווידער צוגעקומען צו איינעם און געפרעגט:

— און ווי איז מען זיך ביי אייך נוהג, ווען עס נעמען זיך רייסן די קליידער?

קוקט אים יענער אָן און פרעגט אים פאַרוווּנדערט:

— וואָס הייסט ווי מען איז זיך נוהג? אַז אַ מענטש דאַרף קליידער, גייט ער און קויפט. פאַרוואָס זאָל ביי אונדז אין לאַנד אַ מענטש דאַרפן אַרומגיין אין צעריסענע קליידער, אַז די שניט־קראָמען האָבן גענוג סחורה צו פאַרקויפן און די שניידער זענען גרייט אויפצונייען אַלערליי קליידער?

— אָבער מען דאַרף דאָך באַצאָלן פאַר דער סחורה און פאַר דער אַרבעט?

— אַוודאי דאַרף מען — ענטפערט אים יענעם.

— אָבער אויף צו צאָלן דאַרף מען דאָך געלט.

— געלט? — זאָגט יענער און קוקט אים אָן — איר זענט עפּעס אַ מאָדנער מענטש, רב מיכל גביר, וואָס ווילט איר מען זאָל לאַכן פון אייך? שלאָגט זיך אָט־די נאַרישקייטן אַרויס פון קאָפּ. דאָ קויפט מען אַלץ פאַר אַ דאַנק און וואָס מער דאַנקען איינער פאַרדינט, אַלץ רייכער איז ער און אַלץ גרעסערע געשעפטן קען ער פירן. אַז אַ מענטש פאַרדינט אַ דאַנק האָט ער עפּעס פאַרדינט. אָבער געלט? וואָס איז געלט? גאָרנישט איז געלט.

און אַזוי איז טאַקע געווען. — אין דער שניטקראָם ווו מיכל גביר איז אַריינגעקומען האָט מען אים אויפגענומען פיין און מען האָט אים געהאָלפן צו־קלייבן די סחורה וואָס ער האָט געוואָלט און מען האָט פאַר אים אָפּגעשניטן וויפל ער האָט געדאַרפט און דאָס פאַרפּאַקט און אים דערלאַנגט, מען האָט אָנגענומען זיין דאַנק, דאָס פאַרשריבן אין בוך און אים געבעטן אַריינקומען

נאָכאַמאָל, און אים פֿאַרזיכערט, אַז מען וועט אַלעמאָל זען אים צופֿרידנשטעלן. דאָס אייגענע איז געווען ביים שניידער וואָס האָט אים באַנייט און באַקליידט.

און אַז מיכל גביר האָט זיך דערזען אַן אויסגערוטן און אַן אויסגעפּוצטן, האָט ער גענומען טראַכטן: זיין ווייב און קינדער זענען דאָך אויף אַן אַנדער וועלט און ער איז דאָ אין אַן אַנדער וועלט און אַ מאַן דאַרף האָבן אַ ווייב. איז ער אַוועק צום רב פֿרעגן אַ שאלה. האָט דער רב געפּסקנט, אַז די געזעצן פֿון דעם לאַנד פֿון וועלכן ער קומט זענען נישט חל דאָ אין דער נייער וועלט אין וועלכער ער געפֿינט זיך, און אַז ער, מיכל גביר, מעג דערפֿאַר אַרויסגיין אַ שבת נאָכמיטיק אויף דער הויפּטגאַס אויף וועלכער עס גייען אַרויס די טעכ־טער פֿאַר אַ שפּאַציר, און אַז ער דערזעט דאָרט אַ טאָכטער וואָס איז אים ווילגעפֿעלן און אַז ער וועט געגעגענען צו איר און זי וועט זיך אָפּשטעלן פֿאַר אים, מעג ער איר זאָגן אַ דאַנק און מעג זי נעמען צו זיך פֿאַר אַ ווייב.

און אַזוי האָט מיכל גביר נאָכאַמאָל חתונה געהאַט און ער איז געוואָרן רייך און האָט גענומען פֿירן גרויסע געשעפֿטן לויט דעם מנהג פֿון דעם לאַנד און דאָס נייע שיינע ווייב האָט אים געבוירן צוויי קינדער און וועגן זיין פֿריִער־דיקער ווייב און קינדער האָט ער אינגאַנצן פֿאַרגעסן.

איינמאָל אָבער, אין אַ שבת נאָכמיטיק כאַפּט זיך מיכל גביר אויף פֿון שלאָף און ס׳איז אים עפּעס נישט גוט אויפֿן האַרצן. הפּנים דער קוגל האָט אים פֿאַר־שאַדט. באַפֿעלט ער זיין זון:

— גיי אַראָפּ אין קעלער און ברענג מיר אַרויף אַ גלאָז וויין פֿון דער ווייַנפֿאַס.

גייט דער יִינגל אַרונטער מיט דער גלאָז אין האַנט, אָבער ווי נאָר ער גיט זיך אַ בייג צו דער ווייַנפֿאַס, אַזוי איז ער אַריינגעפֿאַלן אין דער פֿאַס און איז דערטרונקען געוואָרן. און אַז דער פֿאָטער האָט דערזען אַז דאָס יִינגל קומט נישט אַזוי גיך צוריק, האָט ער געשיקט זיין טאָכטער די בת־יחידה, זי זאָל אים אַרויפֿטראָגן אַ גלאָז וויין און זען וואָס איז דאָ געוואָרן מיט איר ברודער. און אַז די טאָכטער האָט זיך איינגעבויגן מיטן גלאָז צום פֿאַס — איז זי אויך אַריינ־געפֿאַלן. און אַז די טאָכטער איז נישט צוריקגעקומען — האָט מיכל אַרונטער־געשיקט זיין שיין ווייב, די יונגע, זי זאָל אים אַרויפֿטראָגן אַ גלאָז וויין און זען וואָס איז דאָרט געוואָרן מיט די קינדער. און אַז דאָס ווייב האָט זיך צוגעבויגן צו דער פֿאַס וויין איז זי אויך אַריינגעפֿאַלן און דערטרונקען געוואָרן. טראַכט זיך מיכל גביר: וואָס איז דאָרט מיט זיי אַלע? זענען זיי דאָרט אַלע דערטרונקען געוואָרן? און ער נעמט אַ גלאָז און גייט אַליין אַרונטער אין קעלער. קיינער איז דאָרט נישט געווען, נאָר די פֿאַס וויין. בייגט ער זיך אָן אָנצושעפּן אַ טרונק, און אַז עס גיט אים אַ צי און ער פֿאַלט אין דעם פֿאַס וויין אַריין און ווערט דערטרונקען און נעמט פֿאַלן און פֿאַלן. דאָ אָבער דערפֿילט ער — דער בעל־שם־טוב האָט אים אַ כאַפּ־געטון ביי דער האַנט און ער דערהערט:

— וואָס האָסטו זיך דערשראָקן, מיכל? דאָס איז נישט קיין פּאַס ווײַן, דאָס איז וואַסער אויף צו וואַשן די הענט. זע די זון זעצט זיך איבערן וואַלד, האַלט נישט אָפּ, מען דאַרף דאַווענען מנחה. מיכל האָט זיך געכאַפּט, אַז אַלץ וואָס האָט זיך דאָ מיט אים פּאַרלאָפֿן איז געשען אין אַ רגע און כהרף־עין. די חסידים האַלטן נאָך קעגן דער זון זייערע נאַר־וואָס פריש־אָפּגעוואַשענע הענט וואָס זיי האָבן נאַר־וואָס אין דעם קוואַל געוואַשן. ער האָט זיך דאָס נאַר־וואָס צוגעבויגן צו דעם קוואַל, און אַז דער בעל־שם שטייט לעבן אים האָט ער נישט קיין מורא און גיט אַ וואַש זײַנע הענט, און ווי נאַר ער האָט דאָס געטון, אַזוי איז דער קוואַל גלייך פאַרשוואונדן. דעם בעל־שמס טרייבער, אַלעקסיי, איז זיך געשטאַנען ביי זײַנע פערד און וואָגן און זיין טרייבער סטעפאַן איז זיך גע־שטאַנען ביי דער קאַרעטע און פאַרריכט די ראָד. די פערד זענען זיך געשטאַנען לעבן אים און געביסן דאָס גראָז פון פעלד.

אַדורכגעציטערטער האָט מיכל דערשפּירט אַ נייעם שכל אין דער וועלט און ער האָט דערזען אַ גרויס ליכט אויפגיין פון דעם בעל־שם־טוב און פון זײַנע חסידים, די הוליאַקעס. צוריק אין שטאָט האָט שוין מיכל נישט געוואָלט פאָרן אין זיין קאַרעטע, נאָר אין דעם בעל־שם־טובס אָרעמען וואָגן, און ער האָט נאָכדעם אין שטאָט פאַנאַנדערגעטיילט זיין גאַנצן פאַרמעגן און איז אויף זיין גאַנצן לעבן נאָכדעם פאַרבליבן איינער פון דעם בעל־שם־טובס חסידים, די הוליאַקעס און איינער פון די דערציילער פון דעם בעל־שמס שבחים פאַר דער וועלט. און די שטאָט האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם אָוונט ווען עס איז פון דער אַנדער זייט שטאָט פּלוצים אַריינגעפאָרן דער בעל־שם־טוב מיט זײַנע זינגענדיקע חסידים די הוליאַקעס, און צווישן די הענט וואָס האָבן קעגן דער לבנה־ליכט זיך צוגעפליעסקעט צום געזאַנג, זענען אויך געווען די הענט פון מיכל גביר. עס איז אויסגעקומען אַז ער איז גאָר נישט אַנטלאָפן פון דעם בעל־שם־טוב, נאָר אַז ער איז דאָס גאָר אַרויסגעפאָרן אים באַגעגענען. איינגיכן האָט די גאַנצע שטאָט געגומען מיטזינגען, מיטפליעסקען און מיטטאַנצן, ווייל אַלע האָבן דערזען, אַז אַ נס איז דאָ געשען. מיכל גביר איז געוואָרן אויס גביר, אַ פּשוטער מענטש, אַ הוליאַקע — — —

דאָס געוועב פון יאַנקלס ליבסטער בעל־שם־טוב־מעשה האָט זיך געוועבט און אויסגעוועבט. זי האָט געטראָגן זיין קינדערשע נקמה אָן די גבירים, זיין קינדערשן פאַרלאַנג פאַר ניסים, פאַר פליִען איבער בערג, איבער וועלדער, איבער פעלדער און איבער טייכן. זיין קינדערש האַרץ האָט דאָ האַסטיק מיט־געשפּרונגען צו דעם ריטם פון די גיכע פערדישע פיס וואָס האָבן איבער זייער האַסטיקייט קוים אָנגערירט די ערד. — ווי גוט עס איז מיט די וווּנדער פון דעם בעל־שם, און ווי גוט עס איז וואָס דער בעל־שם האָט זיך געטובלט אין דעם ברוסילאָווער טייך. ווי גוט עס איז וואָס דער בעל־שם־טוב אַליין האָט דאָס

געלייגט דעם ווינקלשטיין פון דער ברוסילאָווער שול און וואָס ער האָט נאָכדעם געזאָגט צו יידל דעם דיין:

— פריי זיך יידל דיין, פרייט זיך ברוסילאָווער יידן, אַ שול וועט איר דאָ האָבן אַ שיינע — — —. די שול האָט אַ האַלב־רונדן דאַך, און אויפן דאַך זיך דעכל, און אויף דעם דעכל האָט אַ בושעל און אַ בושעליכע זייער נעסט. דער בושעל און די בושעליכע קנאַקן מיט זייערע צונגען און זייערע קליינע קורץ־פליגלדיקע קינדער הייבן זיך אויף אַריבער האַלב פון דעם גרויסן נעסט אַרויס:

— פריי זיך, יידל דיין, פרייט זיך ברוסילאָווער יידן!

***

יאַנקל האָט זיך אויפגעכאַפּט.

ווער האָט אים אויפגעוועקט?

אַ נייער אומגליק האָט אים אויפגעוועקט. — ער האָט זיך דערזען ביי דעם ליכט פון אַ נאַפּטלעמפּל אַן אַרומגערינגלטער און אַן אויסגעטאָענער. אברהם דער פעלדשער, וועמען מען האָט אים אין שטאָט גערופן אברהם דאָקטאָר, איז געשטאַנען איבער אים. דער טאַטע האָט מיט דעם נאָכטלאָמפּ אין האַנט גע־האָלפן שטאַרקער באַלייכטן יאַנקלס צעשמיסענעם נאַקעטן קערפּער. דעם טאַטנס קאַלטענעוואַטע שוואַרצע באָרד און זיין טונקל און קנאַכיק פּנים האָט זיך אַזוי־ווי געמישט און נישט געקענט אויסמישן מיט אברהם דאָקטאָרס פּריציש אויס־געכאַליעטער באָרד און ווייסהויטיקן פּנים. די מאַמע האָט זיך געבראָכן די הענט. די פיר געזעלן און די פּאָר שכנים זענען אויך געשטאַנען אַרום אים און אַלע אינאיינעם האָבן געקוקט אויף יאַנקלס צעשמיסענעם און פאַרבלוטיקטן הינטן.

באַלד האָט זיך נאָך אין טיר אויך באַוויזן משהלע דער מלמד מיט זיין רויטער באָרד און מיט דעם רויטן שטעקן אין האַנט. זיינע אויגן האָבן געקוקט צעשראָקן און אַנגעצונדן. און אָט זיצט שוין דער מלמד לעבן אים.

משהלע דער מלמד האָט אָפּנים נישט געוווסט, אַז יאַנקל האָט דער מאַמעס ווייכע דינע הויט און ער האָט זיך נישט געגלייבט אַז פון זיין שמייסן זענען דאָס אויפגעלאָפן אָט־די אַלע פאַרטריקנטע שוואַרצע בלוט־שפּריצן און בלומ־פּאַסן. אָבער ווען משהלע האָט דערהערט אַז מען האָט צו יאַנקלען גערופן אברהם דעם דאָקטאָר, האָט ער דערפילט אַז מען מוז גלייך אַריבערגיין צו יחיאל דעם בעקער — און ער האָט טאַקע געפונען פּאַר נייטיק מיטצונעמען מיט זיך זיין אָפּגעבויגענעם רויטן שטעקן מיט דער ביינערנער גאַלקע, נישט חלילה אַלס אַ באַוואָרעניש, טאָמער וועט יחיאל אים וועלן אָנברעכן די ביינער, ווייל וואָס פאַר אַ ווערט האָט ער, משהלע דער מלמד, אַפילו מיטן שטעקן קעגן דעם בעקער? נאָר אַ מלמד, ווען ער גייט צו אַ באַלעבאָס, דאַרף ער גיין מיט אַ שטעקן. עס גיט צו מער חשיבות. מען דאַרף אויך אָנטאָן דעם גאַרטל אויף די לענדן.

אַט ווי, להבדיל, אברהם דער דאָקטאָר, ווען ער גייט אַרויס צו אַ חולה נעמט ער מיט זיך שטענדיק מיט זיין גדלותדיק הוסטל און זיין האַרטן קאַפּעליוש. און אויב יחיאל איז אַפילו בלויז אַ בעקער איז ער אָבער ביי משהלען אַ באַלע־באָס. ער צאָלט פאַר זיין יינגל גאָר נישט שלעכט. וואַרפט נאָך אַמאָל צו אַן עקסטרע פּערטעלע.

— רב יחיאל —האָט זיך משהלע אָנגערופן— איר הערט, דאָס איז אַ שטראָף פון גאָט. איר הערט... איר גלייבט דאָך נישט, אַז איך זאָל אַזוינס האָבן געטון. וואָס בין איך אַ גזלן, חלילה?!...

יחיאל שווייגט.

אברהם דער דאָקטאָר הוסטלט אַרויס אַ פּאָר גדלותדיקע הוסטעלעך, הייסט זיך דערלאַנגען אַ שיסל מיט וואַרעמע וואַסער, נעמט זיך מיט כוונה פּאַנאַנדער־פּאַקן די אַפּטעטשנע וואַטע, גרייט צו וואַשן דאָס פאַרטריקנטע בלוט פון יאַנקלס הינטן. משהלען ווערט אַלץ שווערער, ער ווענדט זיך מיט צעטראָגן רחמימדיקן רוף צו יאַנקלען:

— יאַנקל, דו האָסט דאָך אַ גאָלדן קעפּל. יאַנקעלע, זאָג דעם אמת, האָב איך דאָס געטון?

יאַנקל דערפילט אויף דאָס גוטע וואַרעמע וואַסער מיט וועלכע אברהם דער דאָקטאָר וואַשט, דערהערט משהלעס רייד און הייבט אַלץ קלאָרער אָן צו וויסן וואָס דאָ קומט פאָר. יאַנקל ווייסט ביז וויטיק, אַז אַ יינגל טאָר פון חדר נישט דערציילן און אַז אויף דעם צעטראָגענעם רבין איז אַ גאָטס רחמנות און דער טאַטע איז צעשראָקן און די מאַמע איז צעשראָקן. ער, יאַנקל, ווייסט אַז ער אַליין האָט דאָס אָנגעמאַכט די גאַנצע צרה. ווען דאָס מויל וואָלט זיך געעפנט וואָלט ער אפשר דאָס געקענט דערקלערן, אָבער אַז דאָס מויל עפנט זיך ביי אים נישט... משהלע דער מלמד איז צופרידן פון דעם וואָס יאַנקל שווייגט. עס איז אים גוט וואָס יאַנקל זאָגט גאָר נישט און ער כאַפּט אונטער זיין שוויגן ווי אַן ענטפער אַ גוטן:

— , איר זעט רב יחיאל. ער איז אַ גאָלדן קינד. ער ווייסט, אַז איך קאָן אַזוינס נישט טון. וואָס מיינט איר, איך וואָלט דאָך חלילה געבליבן אָן אַ קנעַ־לונג. עפּעס אַ קלייניקייט, שמייסן אַ קינד ביז בלוט. גאָט זאָל שומר ומציל זיין! וואָסער אַן איינער קען דאָס טון אַזאַ זאַך?...

— קהם, קהם! — האָט אברהם דער דאָקטאָר אונטערגעהוסטלט — שמייסן טאָר מען טאַקע נישט. דאָס קינד האָט אַ זייער דינע הויט... קהם! קהם!...

— וואָס זענט איר אַ היצעל צי אַ מלמד?! — און צו אַזאַ תליון אין די הענט גיבן דאָס מאַמעס איבער קינדער? — אַט דער אויסגעשריי איז געקומען פּלוצים און האָט זיך אויסגעלייגט ווי אַ נייע שאַרפע רוט איבער יאַנקלס לייב. דאָס איז געווען אַס קול פון חיה די טעפּעריז. זי איז דאָס געוויר געוואָרן פון איר זונדל אַז ער, יאַנקל, האָט פון אַלע יינגלעך אויסגעקליבן צו סטראַשען מיט קלעפּ איר

זון, און אַז עס איז דעם „בייסטריק״ יאַנקל פירניקס עסק פּאַרוואָס איר יינגל האָט אַ שלעפּ־געטון פאַר דער האַנט זיין שוועסטערל. זי, די טעפּערין, איז דאָס דאָ אַריינגעפאַלן צו יחיאל דעם בעקער זיך אויסצוטענהן מיט אים און מיט זיין זונדל. אפשר איז אָט דער קליינער היצעל, דער פירניק, גאָר אינגאַנצן משוגע געוואָרן. וואָס איז דאָס זיין עסק זיך צו מישן צווישן אַ ברודער מיט אַ שוועס־טער? זי וועט דאָ ווייזן דעם טאַטן מיט דעם זון ווער זי איז. אָבער דערזעענדיק דאָס געזעמל אין הויז, דאָס מיט בלוט־פאַרשפּריצטע לייב פון דעם צעשראָ־קענעם יינגל, דעם דאָקטאָר, דעם מלמד און די אויף טויט־דערשראָקענע טאַטע און מאַמע, האָט איר פאַרנומען ביים האַרצן. דאָס קינד איז אפשר גאָרנישט געווען ביים זינען ווען ער האָט היינט מיט אַזאַ צעשמיסן לייב אָפּגעשטעלט איר יינגל. און זי האָט דאָ אַזוי אויסגעלאָזט איר גאַנצן כעס צו משהלע דעם מלמד און איז אַזוי־אַ שרייענדיק גלייך אַרויס פון הויז.

משהלע האָט אַ פאַרלוירענער זיך געווענדט צו די ווייבער און זיך אָפּ־געשטעלט מיט זיינע צעשראָקענע בלויע אויגן אויף יאַנקלס מאַמע:

— נו, וואָס זאָגט איר? אדרבה, וואָס זאָגט איר?

יאַנקלס מאַמע האָט זיך שוין לענגער נישט געקענט איינהאַלטן און זיך אָפּגערופן:

— אָבער ווי נעמט זיך דאָס ביי אַ ייִדן אַזאַ רציחה?

— חיה, איר זאָלט מיר לעבן און געזונט זיין. ווי איז מיר, איר ווילט מיך חלילה אַראָפּזעצן פון ברויט! אָט איז דאָך דאָס קינד. פרעגט ביי אים. וואָס איז אמת איז אמת. ער שלאָגט זיך אָפּט מיט די רייכערע קינדער. נו, איז וואָס? נאָר זיי זענען מיוחסים. איר פאַרשטייט דאָך. איר זעט דאָך ווי זי איז דאָס דאָ גדלותדיק אַרויסגעלאָפן פון דאַנען. זיי זענען מיוחסים, איר פאַרשטייט, נו איר ווייסט דאָך — — —.

עס איז באמת געוואָרן אַ שרעק צו קוקן אויף משהלעס אויגן. זיי זענען געוואָרן ווי צוויי שוואַרצע לעכער אין וועלכע צוויי קליינע בלויע צעשראָקענע אויגן טוקען און טרינקען זיך אין אַ צעפּלאָנטערטער רויטער באָרד און פיאות.

יחיאל דער בעקער האָט דאָ איבערגעגעבן דער ווייב די גאַזלאָמפּ און זיך אָנגערופן צו משהלען:

— קומט אַהער רב משה:

משה דער דערשלאָגענער און צעשראָקענער מלמד איז אים נאָכגעגאַנגען צו אַ טיש וואָס איז געשטאַנען טיף אין דער קעלער־שטוב.

— זעצט זיך אַוועק — האָט יחיאל געזאָגט זיך אַליין אויף אַוועקזעצנדיק.

— וואָס ט׳איר דאָ גערזאָגט, מיוחסים, אַ?

משהלע האָט זיך צוגעזעצט צום טיש, אין האַנט האָט ער געהאַלטן אויף דעם אָפּגעבויגענעם קאָפּ פון זיין רויטן שטערן, מיט דער צווייטער האַנט האָט ער דערוועז אַ קרייזל־געטון די רויטע פיאות, אַ קאַם־געטון די באָרד, אַ שמעק־

געטון מיט דער נאָז די גוטע זויערקייט פון דעם אויפגייענדיקן געבעקס וואָס איז געלעגן אַרום אים אויף דעם טיש און אויף דער באַנק און זיך אַ צערייצטער און אַ פאַרלוירענער אָנגערופן:

— רב יחיאל, איך דאַרף אייך דערציילן אַז איך בין אַ קבצן און אַז איך קען זיך נישט פאַרגינען צו עסן אַ שטיקל ברויט צו זאַט. איז ווי מיינט איר, רב יחיאל, וועל איך זיך דערלויבן צו טון אַזוינס?... נאָר אָט אַז אַ יינגל קומט און דערציילט די קינדער אין חדר אַז אויף דער „קאַנבע" אויפן יאַריד האָט ער, להבדיל אלף הבדלות, געזען קריעת־ים־סוף, און אַז די פויערים האָבן ערגעץ אין די אַרומיקע וועלדער געכאַפּט דעם חזיר־גאָט... — ווײ איז מיר, מען טאָר דאָך דאָס גאָר פון דעם מויל נישט ברענגען... און אַז דעם יויזלס אויגן, איר הערט, אירט נישט גלייבן, אָבער ווי איך בין אַ ייִד, איר הערט — דאָס זאָגט ער — זענען אויגן וואָס זעען יאָ, אַ?... ווי מיינט איר, איר זענט דאָך אַ ייִד. — ווי מיינט איר, ווען איר הערט אַ יינגל זאָגן אַזוינע זאַכן, וואָלט איר נישט גע־שמיסן? אַ? עס האָט זיך דאָך אויף מיר ממש אָנגעצונדן די הויט! איך בין דאָך עפּעס אַ מלמד, איז ווי האָב איך דאָס געקענט פאַרשווייגן?

דעם פאַרשטויבטן און פאַרמעליקטן יחיאל איז דאָ אַלץ קלאָר געוואָרן. ער האָט גוט אָנגעקוקט דעם מלמד און געזאָגט:

— האָט איר, הייסט דאָס, נישט געשמיסן, נאָר איר האָט יאָ געשמיסן.

דער מלמד האָט דאָ דערפילט אַ שרעק, כאַפּט אָן זיין באָרד און פּיאות און די הויט פון זיין לייב ציטערט און ער האָט זיך אָפּגערופן:

— זאָל גאָט היטן, רב יחיאל, אָט אַזוי־אָ, ביז בלוט, חלילה!

— אָבער וואָס ט'איר פריִער געזאָגט — מיוחסים?

יחיאלס קול, זיינע פאַרשוואַרצטע מוסקולדיקע הענט, זיין מיט מעל־פאַר־שטויבטע, קאַלטענעוואַטע באָרד האָבן אינאיינעם מיט יחיאלס שאַרפע אויגן געוואָרפן שרעק פון זיך. משהלע האָט מיט זיין האַנט שטאַרק און שטאַרקער אָנגעכאַפּט זיין רויטע באָרד, אָט ווי זי וואָלט פאַר אים אַ פעסטונג געוואָרן. אים האָט זיך איבער עפּעס גענומען דאַכטן, אַז דער בעקער, וועמען ער רופט איצט אַזוי הכנעהדיק רב יחיאל, איז גרייט דאָ אָנצוכאַפּן פאַרן גאָרגל.

יאַנקל, וועמען אברהם דער דאָקטאָר האָט געהאַלטן אין וואַשן און שמירן האָט פונדערווייטנס דערהערט דעם טאַטנס פאַרדעכטיק קול האָט פון אונטער אברהמס הענט אויפגעשריִען:

— טאַטע, דער רבי איז נישט שולדיק. ער האָט נישט געשמיסן. ס'איז נישט אמת. איך האָב זיך געיאָגט נאָכן רבינס ציג און בין אַראָפּגעפאַלן פון דאַך און האָב זיך צעדראַפּעט.

משהלע דעם מלמד האָט פון דעם אַ גראַבל־נעטון אונטערן האַרצן און גוט איז אים געוואָרן.

— איר הערט כאָטש וואָסער אַ גאָלדן קינד דאָס איז, רב יחיאל? דאָס וואַקסט אַ צדיק, זאָג איך אייך, איר הערט?

משהלע האָט זיך דאָ געוואָלט אויפהייבן פון אָרט. אָבער יחיאל דער בעקער לאָזט נישט. און אַלץ מיט דעם אייגענעם קול פון וועלכן עס נעמט גליווערן דאָס בלוט ביים מלמד, פרעגט ער:

— וואָס האָט איר דאָ פריער געזאָגט וועגן די מיוחסים? — אַ שרעקלעכע ביטערקייט האָט דאָ אַרויסגעזעצט פון דעם בעקער ביי דעם וואָרט מיוחסים:

משהלע האָט דאָ געגומען רעדן אַ צעבראָכענער פון שרעק:

— איר פאַרשטייט רב יחיאל, די קינדער רייצן זיך מיט אים, דערגייען אים די יאָרן, רופן אים „פירניק" און ער וויל דאָס נישט ליידן, און הענטלעך האָט ער קיין עין־הרע נישט, שטאַרקע, שלאָגט ער, קומען די רייכע באַלעבאָסטעס און סטראַשען מיט צונעמען די קינדער. רב יחיאל, אַ? איך דאַרף אייך דען דערציילן, אַז אונדזערער אַ מענטש איז אין גלות. איר האָט דאָך געזען די טעפּערין. זי איז דאָך נישט אַזאַ גוואַלדיקע גבירנטע, אָבער וואָסער אַ חוצפה דאָס האָט, ווי דאָס איז גרייט צו באַליידיקן אַ מענטשן, זיך באָדן אין יענעמס בלוט. און אַזוי פאַר מענטשן אין די אויגן.

משהלע האָט אויפגעהערט צו קענען קוקן יחיאלן גלייך אין די אויגן אַריין. דער גראָבל אונטערן האַרצן איז געוואָרן שטאַרקער, דאָס קול האָט זיך אונטערגעבראָכן. די רעכטע האַנט וואָס האָט געהאַלטן די באָרד האָט אַראָפּגעשלעפּט זיין באָרד און דעם קאָפּ צו דער לינקער האַנט וואָס איז געלעגן אויף דעם אָפּבייג פון דעם שטעקן וואָס איז געשטאַנען צווישן זיינע קניען. אַן איינגעבויגענער און איינגעהאָרבעטער האָט ער אין אַ ווייל אַרום אויפגעהויבן זיינע צעטומלטע אויגן אויף דעם פעסטן גלייכן און קנאָכיקן יחיאלן. יחיאל האָט פאַר זיך דערזען דעם צעבראָכענעם מלמד, און האָט דערזען דעם מלמדס אויגן זענען פול מיט טרערן, און נישט־ווייסנדיק וואָס צו טון און וואָס נאָך צו זאָגן משהלען האָט ער זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

— אַ גוטע נאַכט, רב משה, קומט איך וועל אייך אַרויסלאָזן דורך דער אַנדערער זייט, דורך דעם באַקצימער, וועט אייך זיין אַ ביסל נענטער. — יחיאל האָט דאָ אויך אין זין געהאַט אויסצוהיטן משהלען פון דורכגיין דורך די ווייבער. דאָרט אין דעם באַקצימער האָט יחיאל אַ כאַפּ־געטון אַ וואָרעם ברויטל פון אונטערן איינדעק און אין דער טונקלקייט אונטערגעלייגט אונטער משהלעס אָרים און איז אַזוי אַרויסגעלאָזט אין דרויסן, גלייך צו דער ליכטנדיקער לבנה, וואָס האָט געקוקט אויף די שטיבער און אויף די מאַרק־פלעצער פון ברוסילאָוו.

וווהין גייט אַ צעבראָכענער ייִד אין אַזאַ נאַכט? צו דער ווייב, צו די קינדער, וואָס וועלן אפשר באַלד בלייבן אָן ברויט, צו דער ציג וואָס וועט אפשר באַלד בלייבן אָן קלייען. בעסער ווען מען קען אַזוי אַוועקגיין גלייך צו דער לבנה און זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן אין איר.

משהלע דער מלמד האָט זיך געפּילט ווי איינער וואָס מען האָט נאָר־וואָס אַרויסגעלאָזט, ווי איינער וואָס האָט זיך נאָרוואָס אַרויסגעריסן פון געפענגעניש, געפילט די וואַרעמקייט פון דעם פרישן ברויט אונטערן אָרעם און גענומען זען די לבנה ווי אַ לאַמטערן פאַר די אויגן. אַ שווערע דריקונג איז געלעגן אין האַרצן. דאָס ברויט וואָס ער טראָגט אונטערן האַנט האָט ער נישט געגנבעט, פאַרוואָס פילט ער זיך ווי אַ גנבֿ? און ווער היט דאָ זיינע טריט? — גאָט, ווען קיינער זעט נישט, גייט איצט איבער דער וועלט מיט אַ לאַמטערן אין האַנט, צו אַלעמען איז ער גוט, גאָט, נאָר אים, דעם אָרעמען משהלען האָט ער געגעבן אַזאַ אומגליקלעכע וויסטע פּרנסה.

— פאַרוואָס גאָט? — פאַרוואָס אַזאַ שטראָף?

און משהלע האָט זיך דאָ ביטער פאַנאַנדערגעוויינט. געוויינט פאַר גאָט, פאַר דער נאַכט און פאַר דער וועלט...

ווען אברהם דער רופא האָט אַרויסגעטראָגן זיין שיינע לאַנגע באָרד, זיין האַרטע שליאַפּע און זיין גדלותדיק הוסטל אויף יענער זייט טיר פון יחיאל דעם בעקערס קעלערשטוב, זיך אַרויפגעהויבן אויף די פּאָר טרעפּ צו דער גאַס־אַרויף און איז אַוועק אויפן וועג צו זיין הויז, ווען די שכנים, די ווייבער זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, די מאַמע האָט זיך צוגעלייגט — איז יחיאל דער בעקער צוגעגאַנגען צום בעט, וווּ יאַנקל איז געלעגן לעבן דער מוטער. דאָס יינגל האָט דערפילט דעם פאָטער לעבן זיך און אויפגעעפנט די אויגן. דער פאָטער האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַן ערנסטן בליק און געפרעגט:

— נו, וועסט גיין מאָרגן אין חדר?

געמיינט האָט דאָס: — דו וועסט זיין געזונט מאָרגן? און עס האָט אויך געמיינט: „אויף משהלע דעם מלמד איז אַ רחמנות"...

יאַנקל האָט געקוקט אויפן טאַטן און געענטפערט:

— ניין.

דער פאָטער האָט גערעכנט, אַז דאָס יינגל האָט אים נישט פאַרשטאַנען און האָט געפּרוווט דערקלערן:

— איך מיין, אויב דו וועסט זיין געזונט.

— ניין, איך גיי נישט מער אין חדר!

דער פאָטער איז אַביסל צעטומלט געוואָרן, כאָטש ער האָט אייגנטלעך ערגעץ אין זיך דערוואַרט אַזאַ ענטפער.

— וואָס, הערסט גאָר אינגאַנצן נישט. וואָס דען וועסטו טון?

— איך וועל ווערן אַ באַנדער.

— אַ באַנדער?!

דאָס יינגל האָט מער נישט געענטפערט, נאָר געקוקט אויפן טאַטן.

דער טאַטע האָט שוין אויך מער גאָר נישט געהאַט וואָס צו זאָגן, כאָטש

געדריקט אויפֿן האַרצן האָט אים גאָר אַ סך. ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק אין דעם פֿינצטערן באַק־חדר.

דורך די קליינע האַלבע פֿענצטער האָט דאָס לבנה־ליכט זיך אויסגעלייגט אין פּירעקיקע שטיקער. דאָ אויף אַ שטיק פֿון דעם ברייט־צעלייגטן אויוון, דאָ אויף די זעקלעך מעל, דאָ אויף די צעשטעלטע און צעלייגטע בעקערס מיט געבעקס. יחיאל האָט ליב געהאַט דעם אויוון און די זעקלעך מעל ווי עס האָט אַ מענטש ליבע לעבעדיקע חיות וואָס לעבן און וואַקסן מיט אים. ער האָט ליב אַזוי צו קוקן אַמאָל אויף אָט־די פּירעקיקע לבנה־שטיקער ווי זיי ליגן זיך אַזוי צעפּערטלט אויס איבער דעם באַק־חדר, דאָ גלייך, דאָ רונדיק, דאָ שפּי־ציק. זיין זון אָבער וויל פֿון דעם אַלעמען נישט וויסן. ער וויל ווערן אַ באַנדער... אַ באַנדער...

יחיאל איז דורך דער טיר וואָס פֿירט פֿון דער קיך אויף הינטן פֿון דעם הויז אַרויף אויף די פֿיר טרעפּ דורך וועלכער משהלע דער מלמד איז נישט לאַנג צוריק אַרויס און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד איבער די טרעפּ מיט די פֿיס אַרונטער צו די טרעפּ. באַרג־אַראָפּ האָט זיך ווי אויסגעגאָסן זילבער געצויגן דער טייך. איבער דעם טייך איז ווי אַ סמיק איבער אַ פֿידל געווען פֿאַרצויגן דאָס שמאָלע בריקל וואָס האָט געפֿירט פֿון קלויסטער צום גלחס הויז, וואָס אויף יענער זייט טייך.

וויפֿל האָפֿענונגען יחיאל האָט דאָס אַוועקגעלייגט אויף דעם אַז זיין יינגל וועט אויסוואַקסן אַ לערנער וואָס וועט "זיי" אַלעמען ווייזן... און איצט גיי, — אַן עק מיט אַ סוף. שולדיק איז מן־הסתם טאַקע ער, יחיאל אַליין, — נישט גע־דאַרפֿט שלאָגן. זאָל ער זיי געווען אָפּדרייען די קעפּ, די מיוחסים. נאָר אַז ער איז דאָך פֿאָרט נישט מער ווי יחיאל דער בעקער. זיי קויפֿן מיין ברויט און מיין לעקעך. מיין ברויט און מיין לעקעך — דאָס יאָ, אָבער מיין זון — דאָס נישט. זוען איך וואָלט אים אפֿשר נישט געווען געשלאָגן...

יחיאל האָט דאָ עפּעס נישט געקענט פֿאַרשטיין, — ביז איצט איז דאָך געווען רעכט צו שלאָגן און אַרויפֿצווינגען אויפֿן קינד די פֿאָלגן וואָס אַ טאַטע הייסט. און דאָ עפּעס מיט אַמאָל האָט יחיאל אינמיטן דערינען דערפֿילט אַז ער דאַרף נאָכלאָזן. — אָט ווען ער וואָלט אים געווען געצווונגען דעם פֿרימאָרגן גיין אַריינקלאַפּן די פּלעקער אויפֿן מאַרק און נישט אַליין כאַפּן און גיין קלאַפּן די פּלעקער... אָדער אים כאָטש געווען געבן אַ פּאָר פּעטש, נאָכדעם ווען ער איז געקומען אַהיים אין אָוונט נאָכן יאַריד און אויספֿרעגן: ווו ביסטו געווען? וואָס האָסטו געטון? ווו האָסטו זיך אַרומגעשלייעט דעם גאַנצן טאָג? — וואָלט אפֿשר אַלץ אַנדערש געווען. אָבער יחיאל האָט דאָס נישט געטון און ער ווייסט נישט און פֿאַרשטייט נישט פֿאַרוואָס... פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס האָט ער נישט געטון וואָס מען האָט געדאַרפֿט טון? און פֿאַרוואָס וויל יאַנקל דווקא ווערן אַ באַנדער? פֿאַר־וואָס? אַ בעקער שטייט אים נישט אָן, אַ? אַ באַנדער איז ביי אים אַ גרעסערער

יחוס. — אַ ייִנגל האָט זיך אַריינגענומען אַ „דור“ אין קאָפּ. און אַן עקשן איז ער, ווי זיין טאַטע.

יחיאל איז דאָ געבליבן שטיין ווי אין מיטן. עפּעס האָט זיך גענומען סילוקן מיט עפּעס. — עס איז דאָך קלאָר — יחיאל ווייסט שוין פאַרוואָס ער האָט אויפגעהערט שלאָגן יאַנקלען. וואָרעם עס איז דאָך קלאָר, אַז וויבאַלד דאָס ייִנגל איז אַזאַ עקשן ווי דער טאַטע זיינער, איז וואָס וועט דאָ העלפן שלאָגן? — אָבער אָט דער לעצטער אויספיר איז נישט געקומען אין יחיאלס קאָפּ אַריין און די געדאַנקען האָבן זיך אַזוי ווי אָפּגעשטעלט.

די לבנה האָט זיך גאָר גרויסהאַלטעריש געהאַלטן אין הימל, אָט ווי זי וואָלט דאָ ווער ווייס וואָסערע וווּנדער אָפּגעטון פאַר דער וועלט. זי האָט געקוקט אויף דעם ברוסילאָווער טייך וואָס האָט זיך געצויגן פון די אָפּענע קאַראַקאַ־טשינער פעלדער דורך דער שטאָט ביז אָט דער אויפגעהויבענער שטיק ברוסי־לאָוו אויף וועלכער עס האָבן זיך געפונען יחיאל דעם בעקערס קעלערשטוב, די שול און די ביידע שטאָטישע קלויסטערס. אָט ווי זי אַליין האָט דאָס מיט אירע אייגענע הענט אויסגעגראָבן אָט־דעם וועג פאַרן טייך און געלאָזט לויפן די וואַ־סערן איבער אים. איצט האָט זי זיך געשטעלט אויבן אין הימל, קוקט אַראָפּ און האָט הנאה פון דעם. האָט הנאה פון יחיאל דעם בעקער וואָס זיצט אויף דער אויבערשטער טרעפּ פון זיין קעלערשטוב, האָט הנאה פון די הויכע קלויסטער־שפּיצן וואָס שניידן זיך אין דער נאַכט אַריין, האָט הנאה פון דער גרויסער בור־שעל־נעסט איבער דעם אויבערשטן דעכל פון דער שול, פון די בושלעס און קליינע בושעלעך וואָס שלאָפן איצט אין דער נעסט קעגן דעם אָפענעם הימל; זי האָט הנאה וואָס די גרויסע שטריענע נעסט זילבערט זיך קעגן איר; האָט הנאה פון די שווערע פון ציגל אויפגעבויטע פּלייצעדיקע „ביקעס“, וואָס הייבן זיך כמעט ווי פון דעם טייך אַרויס, באַרג־אַרויף, כדי אונטערצוהאַלטן די מזרח־וואַנט פון דער שול, אונטערצוהאַלטן דעם עמוד און דעם אָרון־קודש מיט די ספר־תורהס. — דער בעל־שם־טוב האָט גראָד אויסגעקליבן פאַר דער שול אַן אָרט אין מיטן שטאָט וווּ דער הויכער ברעג רייסט זיך שאַרף אָפּ צום טייך און עס איז געווען נייטיק צו באַוואָרענען אָט־דעם שאַרפן באַרג־אַראָפּיקן אָפּריס מיט געמויערטע „ביקעס“.

פאַר דער לבנה איז, ווייזט אויס, אַלץ געווען גוט אין דער שטאָט. יעדעס הויז, יעדעס פענצטער. אָבער פאַר יחיאלן, דעם שווער־געטראָפענעם, האָבן זאַכן אויסגעזען אַביסל אַנדערש. פאַר יחיאלס אויגן האָט אין דעם לבנה־ליכט ווייס געבלענדט חיימלס ווייס־געקאַלכטע הויז מיט די געפאַרבטע פענצטער. ער וואָלט קענען וואָלט ער דאָס הויז אַ בריק־געטון מיטן פוס. ערשטנס, פאַרשטעלט זי פאַר אים אַ שטיק פון דער שול, אַ שטיק פון דעם קלויסטער־גאָרטן. צווייטנס, אָט דער חיימל באַקט נישט, נייט נישט, גאַרבערט נישט, האָט אַפילו נישט קיין קראָם אויפן מאַרק, אָבער אַ הויז האָט זיך דאָס דאָ אַוועקגעשטעלט מיט אַמתער „שטו־

קאַטורקע״, מיט אַ בלעכענעם דאַך אַפּילו און מיט אַזוינע גרויסע פענצטער. זיין יינגל וועט נאָך גיין און גיין אין חדר. אים וועט קיינער אין חדר די יאָרן נישט דערגיין. זיין יינגל איז אַ מיוחס. זיין טאַטע איז נישט קיין בעקער, זיין טאַטע לייט די ברוסילאָווער יידן „גמילות־חסדים״ ערב די יאַרידים, כדי זיי זאָלן האָבן מיט וואָס צו באַגנבענען איינער דעם צווייטן. גנבים, אין זייער טאַטעס טאַטן אַריין! און אָט איז דאָרט אַרויף דער טעפּערינס הויז, אויך מיט ווייסע ווענט און מיט טרעפּ אַרויפצוגיין. וואָס איז זי דאָ אַהער געקומען היינט? און אַז זי פאַרקויפט טעפּ איז וואָס איז דאָ מיט איר דער יחוס? דער מאַן דער לערנער? און זייער יינגל וועט אויך גיין אין חדר און קיינער וועט אים נישט טשעפּען. און אָט איז ברוך קעמלמאַכערס הויז, אויך אַ ווייסע און מיט אַ גאַניק און מיט אַ פּאָר טרעפּ אַרויף. ער, יחיאל, באַקט ברויט און צוקערקעס און פאַרקויפט די יידן און די גוים. ברוך מאַכט קעמלען. אָבער פאַרוואָס זאָלן קעמלען זיין אַ גרעסערער יחוס ווי ברויט באַקן? ער איז דאָך אַמאָל געווען אין זיין „מייסטערס־קאַיאַ״, בשעת מען האָט דאָרט געקאָכט די הערנער האָט דאָך דאָס די גאַס פאַר־שטונקען. ער איז דאָס טאַקע איבער דעם געשטאַנק אַריין אַ קוק־טון און האָט געטראָפן ברוכן ביי אָט דער שטינקענדיקער אַרבעט. פונדעסטוועגן ווערט ער, ברוך, פאַררעכנט פון די שיינע יידן. ברוך איז נישט קיין בעל־מלאכה, ניין, חלילה. ברוך איז אַ ייד אַ סוחר, אַ ייד אַ לערנער. זיין יינגל גייט אין חדר און האָט נישט די צרות פון יחיאל דעם בעקערס יינגל. און וואָס האָט דען יחיאל געוואָלט? ער האָט דען עמעצן שלעכטס געטון? אַז זיין יינגל האָט אַ גוט קעפּל, פאַרוואָס זאָל ער אויך נישט ווערן אַ לערנער? פאַרוואָס זאָל מען אים נישט לאָזן? לערנען איז דאָך אַ מצווה־זאַך, אַ מצווה פאַר יעדן.

דעם גלחס שמאָל בריקל מיט דעם הילצערנעם פאַרענטש איז׳ס וואָס ליגט אין דעם לבנה־ליכט אַריבערגעוואָרפן איבערן טייך ווי אַ סמיק איבער אַ פידל און פירט כמעט אין ערגעץ נישט. וואָרעם דעם גלחס הויז קען מען פון אויף דער זייט טייך נישט זען, אָבער דעם גלחס וועלדל וואָס שטייט נישט ווייט פון דעם בריקל קומט דיר אין אַזאַ נאַכט צו כמעט ביז צו די נאָזלעכער און דערמאָנט דיך אין דעם בערעזענעם וואַלד אויף יענער זייט שטאָט און אין דעם דעמבענעם וואַלד אויף דער צווייטער זייט שטאָט. עס דערמאָנט דיך, אַז דאָס בריקל, דער ליכטיקער טייך, די הייזער און די מענטשן פון ברוסילאָוו זענען איינגאַנצן פאַר־זונקען אין וועלדער און אין שליאַכן. דאָס בריקל, דער טייך די נעסט פון די בושלעס אויף דער שול און אַפּילו די קלויסטער־שפּיצן העלפן אויך יחיאלן צו זיין דער גוטער בעקער וואָס ער איז — יעדעס מאָל ביים פאַרקנעטן, ביים „אַריינזעצן״, כאַפּט זיך יחיאל אַרויס אַרויף אויף די פּאָר טרעפּ, וואָס פירן פון זיין באַק־חדר צום גאַס, גיט אַ דורכדרינגענדיקן קוק צום טייך, צום בריקל, צום וועלדל, צום נעסט פון די בושלעס, אַפּילו צו די קלויסטער־שפּיצן. גיט אַ שאַרפן צי אַריין די לופט אין די לונגען און דערהערט ממש ווי זיי זאָגן אים:

„היינט פאַרקנעט שטייפער, — באַק אַביסל האַרטער". אָדער: „קנעט היינט נישט אַזוי שטייף, באַק נישט אַזוי האַרט" — און אָט דערפאַר טאַקע קויפן די „זיצע־רינס" בעסער יחיאלס געבעקס. יחיאלס שטיקל געבעקס וועט אין אַ פּייכטן טאָג נישט ווערן געקנייטשט ווי אַ שטיק „פליאַקע", אָדער האַרט, ווי קליאַטשע אין אַ טרוקענעם טאָג. געמיינט האָט יחיאל אַמאָל אויסלערנען זיין יאַנקלען אָט־דעם שכל וואָס קומט צו אַ מענטש דורך אַ קוק מיט די אויגן, דורך אַ שמעק מיט דער נאָז, — — — אָבער וואָס העלפט, וואָס קומט אַרויס יחיאלן, אַז ער האָ געמיינט און געהאָפט, אַז יאַנקל האָט דווקא באַשלאָסן צו ווערן אַ באַנדער? פאַרוואָס דווקא אַ באַנדער?

אַ שווער פאַרמאַכטע טיר עפנט זיך אַמאָל אומדערוואַרט גרינג און שטיל און גאָר אָן אָנשטרענגונג. האָט יחיאל גיכער דערפילט ווי דערזען, אַז זיין קראַנק און שווער־געשמיסענער יאַנקל איז אין זיין בלויז העמד און באָרוועס אַרויס און געבליבן אויף דער נידעריקער טרעפּ וואָס פירט פון דער קעלערשטוב צו דער גאַס אַרויף. יחיאל איז געבליבן זיצן אויבן אויף דער ערד מיט די פיס אַראָפּ־געלאָזט אויף דער אויבערשטער טרעפּ, פאַרעקשנט און פאַרשטאַרבן. די אויגן האָבן אַלץ געקוקט צום אַראָפּיקן טייך און צום וועלדל אויף יענער זייט טייך און צו אַ שטיק פון דעם אַריבערגעוואָרפענעם בריקל און אָט ציטערט אויף איבער דעם פאַרווירטן יחיאלן יאַנקלס מיטפילנדיק ליידנדיק קול:

— טאַטע, פאַרוואָס איז דאָס אַלץ אַזוי?

דעם ייִנגלס שאלה האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין דעם טאַטנס האַרצן און האָט גענומען קלינגען אין יחיאלס אויערן ווי מיט פאַרשידנערליי ווידערקלאַנגען:

— טאַטע, פאַרוואָס איז דאָס אַלץ אַזוי?

***

אין די נאָכיאַרידימדיקע טעג איז ברוסילאָוו שטיל און רויק. עס איז די רו פון אַ טייך פון וועלכן די אָנגעשוואָלענע וואַסערן פון אַ שווערן רעגנשטורעם זענען שוין אָפּגעלאָפן און איצט לויפט דאָס שטיל פלאַפּלענדיק מיט די אייגענע טיפקייטן און פלאַכקייטן אונטער זיך צו מיט אַ שטאַם פון אַן אומגעפאַלענעם בוים איבער זיך, צו מיט אַן אַרויסגעהויבענעם שטיין דאָ און דאָרט. אַלע אַרו־מיקע מאַרקפּלעצער פאַרשווינדן פון דעם געדאַנק און פון דעם אויג. די הייזער קומען זיך צונויף נעענטער. דער איינציקער אָנזעעוודיקער שטעטלשער אָרט איז דער גרויסער מאַרקפּלאַץ אין סאַמע מיטן שטאָט. די שורה געמויערטע ווייס־געקאַלכטע קלייטן וואָס הייבט זיך אַרויס אינמיטן פון אים איז ווי אַ שנור פּערל איבער אַ מאַמעס האַלדז. די שורה הילצערנע קלייטן הינטער זיי און די שורה הילצערנע קלייטן וואָס געפינען זיך אַנטקעגן, ווייט אַריבער אויף יענער זייט שליאַך, האָבן כמעט דעם אייגענעם קאָליר פון דער ערד, מישן זיך אויס מיט

דער ערד און פאַרשווינדן. די איינציקע אַנדערע אָנזעעוודיקע בנינים אויף יענער זייט שליאַך איז די שול מיט די אַרויפגייענדיקע טרעפּ אויפן בערגל, מיט דער גרויסער טיר און מיט די צוויי גרויסע פענצטער און דעם בושעל־נעסט אויף דעם מיטן פון דעם אייבערשטן דעכל; דער נייער קלויסטער מיט די הויכע אויפגעציילעמטע שפּיצן, דער קלויסטער־גאָרטן מיט די געפּאַרבטע שטאַכעטן, און אויף דער אַנדערער זייט די ווייסע צווייגאָרנדיקע אַפּטייק געביידע מיט דעם גרויסן צווייקעפּיקן אָדלער איבערן אַריינגאַנג אין דער הייך.

קונים זענען דאָ ווייניק. פּירן קרעמער אונטער די חשבונות. שרייבן אויף וואָסערע פון די אויספּאַרקויפטע סחורה מען וועט דאַרפן פונדאָסניי אויפקויפן אויף דער קומענדיקער נסיעה קיין בערדיטשעוו אָדער קיִעוו. די תבואה־הענדלער סאָרטירן אויס זייערע תבואות, טייל שיטן זיי אויס אין זאַשיקעס, טייל שיטן זיי אין זעק, וועלכע זיי וועלן פירן קיין פּאָסטאָוו צו דער באַן. די שטריקדרייער אויף דער ניישטאָט שטעלן אַרויס אויפן גאַס זייערע גרויסע הילצערנע רעדער. אַן אייגן קינד אָדער אַ געדונגען יינגל דרייט די ראָד. דער שטריקדרייער שטעלט זיך אַוועק אַנטקעגן, אָנגעלאָדן מיט פלאַקס וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט אויפן יאַריד, פאַרטשעפּעט אַ ביסל פון דעם פלאַקס אין דעם האָק וואָס אינמיטן דער גרויסער ראָד און אַזוי אָפּגייענדיק אויף הינטערוויילעכטס, לאָזט ער צו־ביסלעך אַרויס דעם פלאַקס דורך אַ שטיקל לעדער אין זיין האַנט. און וואָס ווייטער ער גייט־אָפּ פון דעם ראָד, אַלץ לענגער ווערט די שטריק. איבער די שטריקדרייער ווערט די שטאָט צעצויגן לאַנג און גלייך. זייערע רעדער קלאַפּן מיט דעם קלאַנג פון בושלעס וואָס פליִען צו צו זייערע נעסטן מיט אַ פרישער זשאַבע אין זייערע לאַנגע רויטע שנאָבלען און נעמען קנאַקנדיק קלאַפּן מיט זייערע צינגער, וועקנדיק און רופנדיק די יונגע צו דער סעודה. עס קלאַפּן אויך שפּעדיק די זשאַרנעס. עס דערטראָגט זיך פון דאָ און דאָרט דאָס קלאַפּן פון אַ קאָוואַלס האַמער אָן דער קאָוואַדלע. גאַרבערס פאַרלייגן זייערע פרישע איינגעקויפטע פעל אין טיפע בייטן איינגעגראָבן אין דער ערד, פאַרשיטן זיי מיט צעהאַקטער קאָרע פון דעמבע־ביימער. שוסטער־ און שניידער־יונגען זינגען ביי זייער אַרבעט. די רעדער פון די וואַסער־מילן רוישן, וואַרפנדיק פון זיך הילכיק אַנטקעגן דער זון אויפגעשויבערטן ווייסן שוים איבער דעם לאַנגן בלויען טייך

דעם ערשטן טאָג נאָכן יאַריד רעדן צווישן זיך געוויינלעך די קרעמער און די קרעמערקעס פון די דערפאַרונגען און גרויסע אויפטואונגען פון יאַריד, וועגן אַ שלעכטן קונה מיט וועמען די אָדער יענע קרעמערין האָט גאָר נישט געקאָנט מאַכן, וועגן אַ קלוגן איינפאַל ווי אַזוי דער אָדער יענער קונה איז אַריינגענאַרט געוואָרן, אָדער ווי אַזוי מען האָט געכאַפּט אַ גנב אָדער גנבטע, וואָס זענען גאָר נישט געקומען קויפן , נאָר זענען לכתחילה געקומען גנבענען. זיי קומען אומיסטן אין אַ „קוטשע״, מאַכן ענג אין קראָם אָדער וואַרטן ביז עס ווערט ענג. איבערהויפּט די קאַראַבאַטשינער פּויערים. אַז די אויגן זענען ביי זיי גנבישע. טאַקע נאָר

אַ נס פון גאָט וואָס די אויגן זענען ביי זיי אַזויגע, איז זיי גרינג צו דערקענען, ווען נישט וואָלטן זיי דאָך די גאַנצע וועלט באַגנבעט.

דעם צווייטן טאָג נאָכן יאריד נעמען די קרעמערינס שוין רעדן מער פון די היימישע זאַכן, וועגן שיינע טעכטער וואָס שטייען אין שידוכים, וועגן ווילע בחורים, וועגן חופות און חתונות וואָס שטייען פאָר, וועגן מעלקנדיקע קי און קעלבנדיקע בהמות, וועגן ציגן, וועגן אייער, הינער און וועגן קינדער אין חדר.

— משהלע דער מלמד איז אַ „קאַט", זאָג איך אייך; ווען איך וואָלט אַליין נישט געזען מיט די אויגן, — ער האָט צעשמיסן יחיאל דעם בעקערס יינגל, אַז דאָס לייב איז אים באַשפּריצט געוואָרן מיט בלוט.

— משהלע איז אַלעמאָל געווען אַ קאַט. מען זאָגט, אַז אין פריערדיקע יאָרן פלעגט ער קענען אומוואַרפן אַ קינד און דאָס טרעטן מיט די פיס. מען זאָגט אָבער, אַז ער איז אַ גוטער מלמד.

— אַ גוטער מלמד, ווי איז מיר! אָבער וואָס הייסט צעשמייסן אַ קינד ביז בלוט.

— וואָס, איר מיינט טאַקע מיטן אַן אמת?

— מיט אַן אמת. ווען מ'האָט געבראַכט אברהם דעם דאָקטער צום קינד, איז דאָס יינגל געווען אַ פאַרחלשטער פון די ווונדן. עס האָט גענומען אברהמען לאַנג ביז ער האָט אים מיט אַפּטייטשנער וואַטע אָפּגעווישט דאָס אָנגעלאָפענע בלוט פון דעם יינגלס לייב. די שיסל מיט וואַרעמען וואַסער איז געווען ווי אַ פולע שיסל מיט בלוט.

— ווי איז מיר. נאָך גוט וואָס דאָס האָט געטראָפן דעם בעקערס יינגל. מיינער וואָלט דאָך חלילה ביי אים אַוועקגעחלשט אונטער די הענט אויף טויט.

די מענער, די לערנער וואָס זענען שוין געזעסן ביי גמרות אין די בתי־מדרשים זענען מבולבל געוואָרן איבער דעם ענין. רב משהלע איז אַ גוטער מלמד, אַ צנא מלי ספרא. מען דאַרף אַמאָל שלאָגן אַ יינגל. אָבער איצט וועלן דאָך די מאַמעס צונעמען די קינדער, און ווו נעמט מען נאָך אַזאַ גמרא־מלמד ווי רב משהלע? אַ ייד אַ קבצן אין דריי סטאַלקעס און היט נישט די ביינער. שוין נישט צום ערשטן מאָל ווי ער וועט בלייבן אָן אַ קנעלונג אינמיטן זמן.

עס האָבן זיך אויך באַוויזן רעדלעך אויף די גאַסן און צווישן מנחה און מעריב — רעדלעך אין און פאַר די בתי־מדרשים. סוחרעריי און וועלט־פּאָליטיק איז אַוועקגערוקט געוואָרן אָן אַ זייט. די פראַגע איז וואָס טוט מען? ווי אַזוי קען ברוסילאָוו בלייבן אָן אַזאַ גוטן גמרא־מלמד ווי משהלע?

איז אָבער אין ברוסילאָוו פאַראַן יהושע דער קוימענקערער. דאָס איז אַ הויכער ייד אַ גלייכער, און אַזוי גלייך ווי ער גייט איבער דער ערד, אַזוי גלייך גייט ער איבער די משופּעדיקע דעכער, נאָכן דאַוונען. אינדערפרי, ווען יהושע גייט אַרויס אויף דער אַרבעט, איז דאָס פּנים און די הענט ביי אים ווייס. נאָר מיטן וואַקסן פון טאָג וואַקסט די סאַזשע אויף זיין פּנים און אויף זיינע הענט.

איז יהושע אַזוי געגאַנגען דעם פאַרנאַכט איבערן שליאַך מיט זיין וועג אַהיים, ווי אַ שוואַרצער ריז, וואָס טראָגט אויף איין אַקסל אַן אייזערנעם באַל און שוואַרצע שמאַטעס אויף דעם צווייטן, אַ צענויפגעדרייטע לאַנגע שטריק, אַ פאַרשוואַרצטע, אַנגעהאַנגען אין אַ שוואַרצן בעזים, און אַזוי אַ הויכער, אַ שלאַנקער און אַ שוואַרצער, איז ער אַריין אין יעדן מענטשן־רעדל וואָס איז אים געקומען אויף זיין וועג:

— וואָס האָט איר זיך דאָ צעפּלוידערט? וואָס ווילט איר פון משהלען? די מעשה מיט דעם שמייסן איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן. איך האָב אַליין גערעדט מיט דעם יינגל. ער איז אַ פאַרשייט קינד. ער האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך משהלעס ציג וואָס איז אַרויף אויפן דאַך אָנצופילן אירע איינגעפאַלענע זייטן פון דעם בוריאַן וואָס וואַקסט אויף משהלעס דאַך, האָט ער זיך אויסגעגליטשט און איז אַראָפּגעפאַלן און זיך צעריסן דעם גאַנצן הינטן. איז וואָס איז דאָ? אַז איך בין געווען אַ יינגל פלעג איך נאָך טון ערגערע זאַכן, איז וואָס ווילט איר פון דעם אָרעמען משהלען? וואָס ט'איר זיך אָנגעטשעפּעט?

— און יחיאל שיקט דאָס יינגל צוריק צו משהלען אין חדר?

— ניין, דאָס יינגל וויל נישט. ער וויל ווערן אַ באַנדער.

— אַ באַנדער. אַ יינגל מיט אַזאַ גוט קעפּל, אַ באַנדער?

— איז וואָס? ס'שטייט אייך נישט אָן? אַז יוחנן איז געווען אַ שוסטער — דאָס איז רעכט, נאָר אַ יינגל מיט אַ גמרא־קעפּל — אַ באַנדער, דאָס שטייט אייך נישט אָן. עס איז צו־גוט פאַר אייך, האַ?

און אַזוי איז זיך דער שוואַרצע יהושע געגאַנגען פון רעדל צו רעדל און אַרויסגעראַטעוועט פון זייערע הענט משהלען ממש ווי פון אַ פייער.

יידן האָבן מורא געהאַט פאַר יהושען דעם קוימענקערער. דאַוונען און אַפילו אַ פּרק משניות האָט ער געקענט ווי אַ סך פון זיי, אָבער קיינער פון זיי האָט נישט געקענט קלעטערן איבער די דעכער אַזוי ווי ער.

***

נישט געקוקט אויף דער גוטער הילף וואָס יהושע דער קוימענקערער האָט געגעבן צו משה דעם מלמד, האָבן אָבער די קינדער אין זיין חדר גענומען ווערן אַלץ ווינציקער. האָט איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט, גייענדיק אַהיים פון דער אַרבעט, יהושע זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם מלמדס הויז. דער מלמד איז זיך געזעסן אויף דער פּריזבע אין דרויסן, טיף פאַרטראַכט. זאָגט צו אים יהושע:

— הערט אויס, ר' משה, אפשר וואָלט איר זיך גאָר גענומען צו אַ ביסל געשעפט. ס'איז דאָך אַ רחמנות אויף דער ווייב מיט די קינדער, אַפילו אויף אייער ציג איז אַ רחמנות צו קוקן. איר גיט איר נישט קיין עסן און מילך מיינט איר מוז זי אייך סיי ווי געבן, ווייל זי איז אַ ציג. און אַז אַ ציג איז וואָס? חנה, די

אלמנה, גייט איבערלאָזן איר שענק־קרעטשמע. יעדן מאָל ווען די גויִים צעשלאָגן זיך אויפן מאַרק פּאַלט אויף איר אָן אַ שרעק. נאָך דעם לעצטן גרויסן געשלעג אויפן יאַריד איז זי גרייט איבערצוגעבן צו עמעצן די שענק־קרעטשמע כמעט פאַר גאָרנישט. אַן ערלעכן ייִדן וועט זי דאָס אָוועקגעבן בלויז פאַר דירה־געלט. אייער ווייב קאָן אויך קאָכן כאָלאָדעץ פאַר די פּויערים. יחיאל וועט אייך ערב יעדן מאַרקטאָג געבן אויף באָרג בולקעס און צוקער־געבעקס. איר וועט זיך אַ גאַנצע וואָך קענען לערנען מיט די פּאָר קינדער, וואָס איר האָט נאָך און אויף יעדן יאַריד און מאַרקטאָג וועט איר און אייערע עלטערע פּאָר קינדער אַרויס־העלפן דער ווייב. פון דעם וועט אייך אפשר ווערן אַ ביסל גרינגער און טאַקע דער ציג אויך, האַ? זי איז דאָך אויך אַ לעבעדיק באַשעפעניש.

יהושע האָט דאָ אונטערגעלאַכט און געוואָלט, אַז משהלע זאָל אויך אַ ביסל אַ לאַך־טון. אָבער משהלע האָט נישט געלאַכט. ער איז זיך געבליבן זיצן אויף דער פּריזבע אַ פאַרכמורעטער און מיט אַנגעצונדענע אויגן אַ זאָג־געטון:

— טאַקע אַ רחמנות אויף דער ציג, אַ גאָטס־באַשעפעניש, אַ רחמנות! די ציג, די ציג.

יהושען איז געוואָרן אַ ביסל קאַלט אונטערן האַרצן פון דעם רויטן משהלעס ענטפער און פון דעם ערנסטן אויסדרוק פון זיין פּנים און פון דער מאָדנער אָנגעצונדנקייט פון זיינע בלויע אויגן.

— חיה, דו הערסט. קום אַהער, — האָט משהלע אַרויסגעשריגן אַן אויפ־געראַמטער — דו וועסט קאָכן כאָלאָדעץ. יחיאל וועט געבן. די פּויערים וועלן קויפן. אונדזער ציג וועט האָבן וואָס צו עסן. נישט פון דאָך, פון דער האַנט וועלן מיר שפּייזן די ציג. אָבער רב יהושע — האָט זיך משהלע מיטאַמאָל פאַרצווייפלט אָנגערופן, קוקנדיק אויף דער שאַפּע מיט די קאַפּעליושן — וואָס וועט זיין מיט די קאַפּעליושן עס איז דאָך אַ רחמנות אויף זיי, האַ?

יהושען איז געוואָרן גאָר קאַלט אונטערן האַרצן:

— רב משה — האָט ער זיך געגומען ביי אים בעטן — אפשר געפעלט אייך נישט די פּרנסה? אָבער איר, רב משה, ווייסט דאָך: פשוט נבלה בחוץ ואל תצטרך לבריות. עס איז דאָך נישט ווי איך וואָלט, חלילה, פאַרגעשלאָגן: „עשה שבתך חול", וואָרעם מיט די קינדער וואָס איר האָט וועט איר דאָך קאָנען לערנען תורה ווי פריִער. מיט דער צייט וועט זיך נאָך אפשר די קנעלונג פאַרגרעסערן. מענטשן וועלן פאַרגעסן. איר וועט דאָך דעמאָלט זיין ממש אַ קיסר, און איר ווייסט דאָך, רב משה, ווען אַ מלמד איז אַ קיסר איז אים בעסער ווי אַ קיסר, וואָרעם צו דער קיסעריי קען דאָך אַ מלמד אויך אַ ביסל צוקנעלן, — האָט יהושע פאַר־ענדיקט. יהושע האָט זיך נאָך אַלץ געבעריעט אַרויסצורופן ביי משהלען כאָטש אַ שטיקל שמייכל, — אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. דער קליינער רויטער משהלע מיט די צעוויטערטע פייערדיקע בלויע אויגן האָט בייז אָבער פּלוצים

געמאַכט אַ באַוועגונג, זיך פּלוצים אַ הייב־געטון פון דער פּריזבע און מיט ביידע הענט געוואָלט אַרומנעמען יהושען. יהושע האָט נישט געלאָזט:

— היט זיך, אירט זיך אויסשמירן, איך בין פול מיט סאַזשע. פון אָט דער באַוועגונג אָבער איז יהושען געוואָרן אַ ביסל גרינגער. אים האָט זיך גענומען דאַכטן, אַז די געפאַר איז אַריבער, דאָס אייז איז דורכגעבראָכן. אין דער טונקל־קייט פון דעם פאַרנאַכט איז יהושע מיט זיינע מכשירים איבער די אַקסל גע־שטאַנען ווי אַ פאַרפאַנצערטער שוואַרצער ריז קעגן דעם קליינעם רויטן משהלע מלמד.

— איר האָט נאָך מן־הסתם קיין וועטשערע נישט געגעסן, רב משה?

משה ענטפערט נישט און יהושע לייגט צו:

— איר ווייסט, רב משה — אויף מיר וואַרט אין דערהיים אַ גוטע וועטשערע. איך בין הונגעריק. איר זייט געוויס אויך הונגעריק. קומט, ווי נאָר איך וועל זיך אַרומוואַשן און איבערטאָן וועלן מיר זיך זעצן צום טיש און ביים עסן וועלן מיר אַרומרעדן דעם ענין.

— איך האָב אַ סוד, זאָג איך אייך — האָט משהלע געענטפערט. איך האָב פאַר אייך אַ גרויסן סוד.

משהלע בלייבט שטיין. יהושע בלייבט שטיין. זיי קוקן זיך ביידע איבער אין דער טונקלקייט פון אָוונט וואָס נעמט אַלץ ווערן געדיכטער, און נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן זאָגט משהלע אַרויס:

— גאָט איז געקומען קיין ברוסילאָוו...

יהושע דערשרעקט זיך פון דאָס ניי און פרוווט נאָך אַלץ ראַטעווען די לאַגע און זאָגט:

— נו, איז דאָך גוט.

— יאָ — זאָגט משהלע — יעדע נאַכט גייט ער אַרום איבער דער שטאָט מיט דער לבנה ווי אַ לאַמטערן אין זיין האַנט. ער זוכט, אָבער מיינע קאַפּעליושן וועט ער נישט קריגן. זיי זענען מיינע, איר הערט!

יהושע, וואָס איז שטענדיק גלייך ווי אַ סטרונע, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אַ ביסל, אַראָפּגעלאָזט די אויגן, זיך אויסגעדרייט און לאַנגזאַם גענומען אַפּגייען פון משהס ערדן שטיבל.

שפּעט אין דער נאַכט, ווען די פולע לבנה האָט געהאַלטן אין אַלץ דינער און דורכזיכטיקער מאַכן דעם הימל און אַלץ קלענער און נידעריקער מאַכן די ברוסילאָווער הייזער און קלייטן געדעקט מיט ערד, מיט שטרוי, מיט שינדל און דאָ און דאָרט מיט בלעך אַפּילו. די מילי־מיליאָסן שטערן זענען זיך צעלאָפּן און געבליבן הענגען הויך און ווייט איבערן הימל, ווי זיי וואָלטן אַפּגעטראָטן וואָס מער אָרט פאַר דער לבנה. בלאָס זענען געווען די שטערן אין דער הייך, ווי זיי וואָלטן פון דער לבנה־וועגן אַפּגעטון פון זיך זייער פינקלענדיקע ליכטיקייט און דאָס איבערגעענטפערט צו איר, אַז גענוג זאָל זי האָבן פאַר שטיבער, פאַר מאַרק־

פּלעצער; פּאַר די באַלעבאַטישע ציגן און בהמות וואָס ליגן מעלה־גירהדיק און שלאָפן אונטערן אָפענעם הימל אויף גלייכע וועגן און אויפגעבערגלטע ערטער פון שטאָט; אַז אויך די געפּענטעטע פערד וואָס פּאַשען זיך אויף די לאָנקעס אַרום שטאָט און אויף דעם לאַנגן טייך און אויף די אַרומיקע וועלדער; זאָל זי האָבן ליכט און ליכט אָן אַ שיעור. שטיל און כמעט טאָגליכט האָט געהערשט איבער דער שטאָט. קיין לעבעדיקן מענטשן נישט צו זען. אַלץ איז געשלאָפן. פּלוצים אָבער האָבן זיך מענטשן גענומען וועקן פון זייערע געלעגערס. אַ רעווען האָט זיך דערהערט איבער דער שטאָט, אַ רעווען ווי פון אַ פאַרווונדעטער חיה איבער אַלעמענס דעכער, אַט איז דאָ אַ געוויין און אַט אַ געשריי און אַ הויכער איבעררעדן זיך פון מענטשן, וואָס האָבן זיך צונויפגעטראָפן און זיך גענומען קריגן און שלאָגן איבערן הימל פון דער שטאָט.

— וואָס איז דאָס?

— וואָס קומט דאָ פּאַר, האַ?!...

מענטשן האָבן זיך אויפגעכאַפּט און גלייך פון די בעטן אין די הוילע גאַט־קעס אַרויס אין גאַס און אויף די מאַרקפּלעצער. — די הייזער שטייען גאַנץ, גאַנץ איז אויך די לבנה, גאַנץ די ערד און ליכטיק, כאָטש נעם צייל די קיזיקעס און די ציגענע באָבקעס איבער איר. מענטשן קוקן זיך איבער.

— וואָס־זשע איז דאָס פּאַרט פּאַר אַ שרייען און רעווען און קלאָגן איבער זייערע קעפּ?

— אַ, זעט, עפּעס פליט דאָרט איבערן הימל.

— טפו, צו אַלע שונאימס קעפּ. דאָס איז דאָך אַ „זמעיאַ“, אַ פּאַפּירשלאַנג אַזאַ.

— ווער האָט דאָס געטון?

דאָס האָט לייבל, דודל דעם פערד־גנבס תכשיט זיך באַנוצט מיט דעם וואָס זיין טאַטע דער גנב איז אַוועקגעפאָרן פון שטאָט מיט אַ „פּאַרטיי“ אָנגעגנבעטע פערד און לייבל, האָט נאָך מיט אַ פּאָר חברה ווי ער, אַרויסגעלאָזן אַ פּאַפּירענע שלאַנג גלייך צום ברוסילאָווער הימל. איבער דער ברייט פון דער שלאַנג האָט אָבער לייבעלע צו די אויבערשטע צוויי הילצערנע ווינקלען צוגעקלעפּט אַ שטיק פּאַפּיר וואָס האָט זיך געעפּנט ווי אַ טירל און ער האָט אויך צום אַראָפּהענגעדיקן עק צוגעטשעפּעט אַ לאַנגן פּאַס פּאַפּיר אַזאַ, און אַט די צוויי צוגעבעבענע שטי־קער פּאַפּיר האָבן דאָס אַזוי גענומען שרייען און רעווען אין דער לופט פון דעם לייכטן ווינטל וואָס האָט געקלאַפּט און געפּרעסט אין זיי.

— נו, וואָס זאָגט איר נישט צו דעם?

— האָט איר שוין וועו געהערט אַזוינס?

— וואָס אַ יונג קען איינפאַלן.

— אינדערפרי קען מען נישט דורכגיין דעם מאַרקפּלאַץ איבער די נעצן

וואָס ער לייגט אויס אויף צו כאַפּן טויבן, — און איצט גאָר אַזאַ אַנשיקעניש. פון די בעטן שלעפט ער...

— אָבער ווו נעמט דאָס דער מזיק אָט די איינפאַלן?

— און איך פרעג נאָך אַלץ, — איז דאָס מעגלעך, אַז פּאַפּיר זאָל אַזוי רעווען?

איינציקע מענטשן פאַר די הייזער, דערנאָך מענטשן אויף די לידיקע מאַרק־פּלעצער און די נאַכט איז אַזוי ליכטיק, אַז מען קען דאָ און דאָרט אפילו אָנזען דאָס דינע שנירל אָן וועלכע די פּאַפּירענע שלאַנג איז אָנגעבונדן. מען קען קלאָר זען אַז דאָס שנירל פירט צו דודל דער פערד־גנבס הויז. עס זילבערן זיך ווייס געקאַלכטע הייזער און די ווייסע קוימענס איבער די דעכער, עס זילבערן זיך די ווייסע גאַטקעס און די נאַכטהעמדער פון די צעטומלטע און פאַרוווּנדערטע מענטשן און ווי אַ פירעקיקע שטיק זילבער שוועבט און שרייט איבער די קעפּ די פּאַפּירענע שלאַנג איבערן הימל.

—ווו האָט דאָס דער ממזר גענומען אָט־דעם איינפאַל?

— און איך גלייב אַלץ נישט אַזאַ רעווען קומט פון אַ פּאַפּירענע שלאַנג.

און ווי יידן חקרענען און כעסן זיך אַזוי, דערהערן זיי אַ מאָדנעם מענערישן זינגען און דערזעען משהלע דער מלמד אָנגעטאָן מיט איין שליאַפּע איבער דער אַנדערער אין עטלעכע גאָרן אויף זיין קאָפּ:

— איך האָב פאַר אייך אַ סוד הערט זיך איין, הערט זיך איין —
אַ סוד זאָג איך אייך.
איר הערט? —
גאָט איז געקומען קיין ברוסילאָוו. גאָט.
ער טראָגט די לבנה ווי אַ לאַמטערן אין זיין האַנט.
גאָט איז געקומען קיין ברוסילאָוו.
און די שליאַפּעס זענען מיינע. מיינע.
שאַ, שטיל זאָל איר זיין. —
גאָט איז געקומען קיין ברוסילאָוו.
ער זוכט מיט אַ לאַמטערן אין זיין האַנט.
היט זיך, די שליאַפּעס זענען מיינע. מיינע!

***

דער הימל וואָס שפּרייט זיך איבער אַלע שטעט פון דער וועלט פירט איך יעדער שטאָט אַריין אַ נייע זון פאַר יעדן טאָג און אַ נייע לבנה פאַר יעדן חודש. און ער פירט אויך קיין ברוסילאָוו אין דער געהעריקער צייט, איר זון און איר לבנה. קיין ברוסילאָוו ווערט אויך אויף פּויערישע וועגענער, ווינטערצייט אַריינגעפירט קוליעס שטרוי און פורלעד האָלץ אויף צו הייצן, — און זומער־צייט —

גרינצייג אויף צום עסן. זענען זיך אַזוי מיט זומערס און מיט ווינטערס, מיט זונען און לבנהס געלאָפן טעג, חדשים, וואָכן און יאָרן. ברוסילאָוו האָט אָפּגעאַרבעט פאַר דעם — מיט וואַסערמילן און ווינטמילן, מיט רעדער פאַר וועגענער, מיט וועגענער, מיט אַקעראייזנס, מיט שטריק, מיט שטיוול, מיט קליידער, מיט שמידעריי, מיט באָנדעריי, מיט קעמלען, מיט באַרשטן, מיט גאַרבעריי, מיט קלייקאָכעריי, מיט סטאָלעריי, מיט קרעמעריי און מיט מאַרקטעג און יאַרידן.

יאַנקל וואָס איז געוואָרן אַ באָנדער כדי מען זאָל אים נעמען רופן יאַנקל באָנדער און נישט יאַנקל פּירניק, האָט שוין לאַנג אויסגעפונען זיין ביטערן טעות. פלעגן די יינגלעך אים טרעפן אין גאַס אָדער שבת אין שול צי אין בית־מדרש, פלעגן זיי אים רופן יאַנקל פּירניק.

— איך בין נישט קיין פּירניק. איך בין אַ באָנדער. איך הייס יאַנקל באָנדער.

אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפן. זיי פלעגן אים נאָך מער אַנטקעגן טראָגן אָט־דעם צונאָמען, דעם נאָמען יאַנקל פּירניק.

אויף שבת פלעגט ער קומען אַהיים, כדי צו האַלטן שבת מיטן טאַטן און מיט דער מאַמע. פלעגט מיטן טאַטן גיין דאַוונען אין רביס בית־מדרש ווי אַלע מאָל. דעם טאַטנס „שטאָט“ איז געווען לעבן פּאָליש, לעבן אַ הרובע, צווישן די שניידער, די שוסטער און אַנדערע בעלי־מלאכות, וואָס פלעגן אין שטאָט אַלע גיין אונטער איין נאָמען „די חייטניקעס“. ווען די קינדער פון די אויבנאָניקע בעלי־בתים פלעגן פאַרבייגיין און דערזען יאַנקלען פלעגן זיי כלומרשט חבריש אויסרופן צו אים:

— אָ פּירניק! ווי גייט דאָס דיר ביי באָנדעריי?

יאַנקל האָט ליב געהאַט צו קומען אַהיים אויף שבת צו טאַטע־מאַמע. די מאַמע פלעגט זיין אַזוי גליקלעך, אַז יאַנקל פלעגט זיך אזש שעמען צו קוקן איר אין פּנים. יאַנקל פלעגט אַלץ דאַרפן גנבענען אַ קוק אויף איר. וואָרעם זי פלעגט אַלץ מער און מער קוקן אויף אים. גרינגער צו קענען אָנשטעלן זיינע אויגן איז יאַנקלען געווען צו קוקן אויפן טאַטן, און יאַנקל האָט טאַקע ליב געהאַט צו קוקן אויפן טאַטנס קנאָכיק פּנים, אויף זיין האַרטלעכער באָרד, אויף זיינע ברייטע אַקסלען. דער טאַטע האָט נישט געהאַלטן אין קוקן אויף יאַנקלען. האָט דער טאַטע געגעסן איז ער געווען פאַרטון אין עסן, האָט ער געזונגען זמירות, איז ער געווען פאַרטון אין דעם זינגען, און ביים פלאַטערן פון די ליכט, געבענטשטע פון דער מאַמע, איז געווען גוט צו קוקן אויף דעם טאַטעס טונקל־הויטיק און שוואַרץ־געשניטן פּנים. אָבער צו גיין מיטן טאַטן אין רביס קלויז איז געוואָרן אַלץ שווערער פאַר יאַנקלען. האָט ער באַשלאָסן ער וויל בלייבן ביים פעטער אויף שבת. ער וויל גיין שבת דאַוונען אין שול. פרייטיק צו נאַכט האָט אים טאַקע דאָרט קיינער נישט געטשעפּעט. דעם פעטערס „שטאָט“ איז אויך געווען ביים פּאָליש. די יינגלעך דאָרט האָבן אים נישט דערוואַרט צו זען און האָבן אים נישט געזען. גייענדיק פון שול מיטן פעטער און זיינע קינדער

אַהיים האָט יאַנקל אַ באַפרייטער געקוקט פאַר זיך. דער טונקעלער הימל איז געווען פאַרשאָטן מיט מילי־מיליאָסן פינקלענדיקע שטערן, די מאַרקפּלעצער זענען געווען ליידיק. די קראָמען אַלע פאַרשלאָסן. פון די הייזער אַרום די מאַרקפּלעצער האָבן היימלעך געבררענט די גאָלדענע פייערלעך פון די שבת־ליכט אין מעשענע און זילבערנע לייכטער ביי די רייכערע און גלעזער מיט זאַמד און אין קאַרטאָפל — ביי די אָרעמערע. מלאכים האָבן באַגלייט אַלע ייִדן אַהיים. אָפּגעזאָגט „גוט־שבת" צו דער מומע, האָט מען זיך גענומען זינגען צו די מלאכים „שלום־עליכם". ביים טיר זענען געשטאַנען די מלאכים וואָס האָבן באַגלייט אַהיים. און יאַנקל, דער צופרידענער און באַפרייטער, האָט מיט דאַנק און מיט ליבּ מיטגעזונגען:

„שלום צו אייך מלאכים פון פרידן,
מלאכים פון אויבערשטן
מלאכים פון דעם הערשער איבער אַלע הערשער,
געבענטשט און געלויבט איז זיין נאָמען.
אייער קומען איז פרידן מלאכים פון פרידן.
מלאכים פון דעם הערשער איבער אַלע הערשער,
מלאכים פון דעם הערשער איבער אַלע הערשער
געבענטשט און געליבט איז זיין נאָמען."

יאַנקל האָט די אַלע שלום־עליכמס געקענט אויסנווייניק און קלינגענדיק געזונגען יעדן פּסוק דריי מאָל. דער פעטער און די קינדער האָבן נאָכגעזונגען פון סידור אַרויס. גוט איז געווען יאַנקלען. ער האָט זיך געפילט אַ באַפרייטער, ער האָט זיינס אויסגעפירט. ער הייסט נישט מער יאַנקל פּירניק. שווער און שווערער איז אים אָבער געוואָרן אויפן האַרצן ווען ער האָט זיך געזעצט צום טיש. דעם פעטערס פּנים, זיין רוסיאַווע באָרד, די גוטע מומע מיטן זיידטיכל אויפן קאָפּ זענען געוואָרן צוויי פרעמדע מענטשן. דעם פעטערס פּנים איז דאָך אַלעמאָל געווען ראָזעווע און זיין באָרד רוסיאַווע, איז פאַרוואָס איז ער איצט געוואָרן אַזוי פרעמד? די מאַמע אין איר ציצן־טיכל, דער טאַטע מיט זיין טונקל־קנאָכיק פּנים און שוואַרצער באָרד — זיצן איצט אַליין ביים טיש דאָרט, אַליין..
„כל מקדש" האָט יאַנקל געזונגען מיט פרייד ווי אַ ייִד דאַרף זינגען. דער פעטער און די מומע האָבן זיך גאַר מחיה געווען. דאָס האַרץ האָט יאַנקלען גענאָגט צום שטאַרבן, אָבער יאַנקל האָט זיך געשטאַרקט און געפּרווט הייבן זיין קול אַלץ העכער און קלינגענדיקער.

ווען יאַנקל האָט זיך געלייגט שלאָפן דעם שבת־צו־נאַכט האָט ער געפילט טרערן אין זיינע אויגן. אָבער וואָס זאָל ער טון? ער וויל נישט הייסן יאַנקל פּירניק. ער וויל נישט.

אויף מאָרגן אָבער האָט יונה דער טעפּערינס דערזען יאַנקלען ביים לייענען:

ווען די קינדער און בעלי־מלאכות זענען אַרויס אין פּאָליש און אין דרויסן:

— וואָס טוט דאָ יאַנקל פּירניק?

— יאַנקל פּירניק אַרבעט דאָך ביי זיין פעטער דעם באָנדער.

— אָ, יאָ, דער פּירניק איז געוואָרן אַ באָנדער.

— אַ שיינע מעשה — אַ באָנדער אַ פּירניק.

יאַנקל האָט געוווסט, אַז ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט נישט שלאָגן. עס איז אים אָבער געוואָרן קאַלט אונטערן האַרצן. ער האָט אַזוי ווי גענומען פרירן פון כעס. איז ער קאַלט און זיכער צוגעגאַנגען, אָנגענומען איינעם פון די מיוחסימלעך ביים אָרעם. ער האָט נישט געוואָלט שלאָגן, ער האָט אים נאָר געוואָלט אַ נעם־טון ביים אָרים. דאָס בחורל האָט אָבער גלייך גענומען שרייען:

— גוואַלד, ער הרגעט מיך!

איז צוגעלאָפן יונה דער טעפּערינס, דער ברודער פון דער שיינער שוועס־טערל און גענומען שרייען אויף יאַנקלען: — לאָז אָפּ, דו היצעל איינער! און ער האָט זיך פאַרמאָסטן אויף יאַנקלען.

לייבל, דודל דעם גנבס, איז דאָ ווי אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד און דערלאַנגט יונהן אַ זעץ אין פּנים, אויסשרייענדיק:

— וווהין שטופּסטו זיך? ווער דאַרף דיך דאָ האָבן?

אַ פּאָר בעלי־בתים האָבן זיך אַריינגעמישט:

— וואָס איז דאָ, דו שייגעץ איינער!

— וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנפאַלן אויף מענטשן?

— אָ, ברענט אויפן פייער! ווער איז דאָ אָנגעפאַלן?

— דער פּירניק איז אָנגעפאַלן.

— ברעכט רוק און לענד! יאַנקל איז נישט אָנגעפאַלן.

לייבלען האָט מען נישט געדאַרפט דערציילן ווער עס איז אָנגעפאַלן. ער איז געווען אַ גאַנצער גענעראַל. פלעגט יעדן שבת צעטיילן זיין אַרמיי יינגלעך אין צוויי מחנות און אָנפירן געשלעגן צווישן זיי.

— וואָס מיינסטו דיר, דו וועסט קומען אין שול אַריין בויאַנעווען!

— אייערע ווערעמדיקע זינדלעך האָבן זיך די ערשטע גענומען בויאַנעווען

— אַלע האָבן געזען ווי דער פּירניק האָט אָנגעכאַפּט געצלען ביי דער האַנט.

— וואָס געפעלט איך אַזוי נישט יאַנקל, — האָט זיך אַריינגעמישט יהושע דער קוימענקערער — ער האָט ביי איך פאַרנומען די קאַטשקעס אויפן וואַסער?

— אַזאַ יאָר אויף מיר וואָסער אַ גאָלדן קינד ער איז — האָט זיך אַריינ־געמישט דער פעטער.

— עס איז אַ חילול־השם צו קומען שבת אין אַ שול און מאַכן געשלעגן.

— אַ חילול־השם!

לײבל איז זיך געשטאַנען צװישן פּאָר בעלי־עגלות, שנײַדערס, שוסטערס און נאָך אַ פּאָר בעלי־מלאכות װאָס פּלעגן געװײנלעך אין צײַט פון לײענען מער װי אַנדערע אַרױסגײן אין פּאָליש, װײל זײ האָבן אױף קײן עליות נישט געװאַרט. די בעלי־בתּים פּלעגן זײ מיט פּאַראַכטונג אַלע אָנרופן מיט אײן נאָמען „די חײטניקעס" און די פּאָר בעלי־בתּים װאָס האָבן זיך דאָ געפונען און גענומען שרײַען „חילול־השם", האָבן דאָס געמײנט לערנען די חײטניקעס דרך־ארץ.

— עס איז דעם בעל־שמס שולי! — האָט נאָך אַן אַנדערער צוגעלײגט, דאָס צװואָרפנדיק צו די חײטניקעס. — דרך־ארץ!

— און אַז דעם בעל־שמס איז װאָס? — האָט זיך דאָ אָנגענומען יהושע דער קוימענקערער. — דער בעל־שם איז אַלעמענס.

— און אַלץ װידער דעם פּירניק? — האָט אַ סוחר אַ ייד אױסגעשריגן. — װאָס טוט זיך דאָ?

יאַנקל איז געשטאַנען און דאָס אַלץ צוגעקוקט און צוגעהערט. אין פּאָליש איז װי אין אַלע פּאָלישן געװוען האַלב־טונקל און יאַנקל האָט געפּילט אַ פינצ־טערניש פאַר די אױגן. די ערד אונטער אים האָט זיך, דאַכט זיך געעפנט, נאָר ער איז אָבער אין איר נישט אַרײַנגעפאַלן. איבער אַ צעעפנטער ערד איז ער געשטאַנען און רױט איז אים געװוען דאָס פּנים און פינצטער פאַר די אױגן. און אָט צעעפנט זיך בײַ אים דאָס מױל און ער זאָגט צו די בעלי־מלאכות, די חײטניקעס:

— פאַר װאָס דאַװנט איר מיט זײ אין אײן שולי?! אױף װאָס דאַרפט איר זײ האָבן?!

יאַנקל האָט די װערטער אױסגעשריגן מיט אַ כּעס און אַזױ הױך, אַז די מענטשן האָבן זיך דערשראָקן און זענען צעטומלט געװאָרן.

— װאָס מײנסטו? יידן דאַרפן דאָך גײן דאַװנען — האָט זיך אָנגערופן חיים דער שנײַדער. — װאָס אַ קינד קען אײנפאַלן!

— און איך זאָג אײך, אַז דער יאַנקל איז גאָר נישט קײן קינד, — האָט זיך אָנגערופן יהושע דער קוימענקערער, — אָט דאָס ייִנגל איז אַ מענטש אַ בר־דעת. אַזױ פיל בעלי־מלאכות אין שטאָט, פאַרװאָס זאָל מען טאַקע נישט אַ טראַכט־טון װעגן אַן אײגענער שול?

— אַ שׂכל איז דאָס, — האָט זיך אָנגערופן יאַנקל שוסטער.

— װײ איז מיר, — האָט אױסגעשריגן יאָשע דער תּבואה־הענדלער — עד היכן הדברים מגיעים! איר הערט װאָס דאָ טוט זיך, װאָס אַ ייִנגל אַ פּירניק קען דאָ אױפטון?

— לאָך זיך אױס פון זײ! אַ ניכפּה אין זײ אַלע! האָב קײן מורא יאַנקל — האָט אױסגעשריגן לײבל, דודל דעם גנבֿס. מירן זײ אונטערשלאָגן די זײטן טאָמער הײבן זײ אַ פינגער אױף דיר.

— זאָרג זיך נישט, לייב — האָט זיך אָנגערופן יהושע דער קוימענקערען — יאַנקל קען זיין שטעטל אַליין באַשטיין. האָסט געזען יאָשעס זינדל האָט געגנומען שרייען גוואַלד, ווי נאָר ער האָט אים אָנגענומען אונטערן אָרעם. — און איר, רב יאָשע, האָט זיך יהושע געווענדט צום תבואה־הענדלער, אים אי־בערקרייענדיק: „עד כאן הדברים מגיעים!", אַזוי זענען מיר אויך ווי מאַזאָליעס פאַר די אויגן . די עמי־הארצים, די נחות־דרגאס, ווען טאָמער ווילן מיר גאָט בעטן און אָך און ווי איז מיר: „עד היכן הדברים מגיעים!"... נישקשה, אין דער תורה שטייט געשריבן: מפני עוללים ויונקים ינערוך עוז. לערנט זיך אויס צו האָבן אַ ביסל דרך־ארץ. ייִדן זענען ייִדן און דער ייִדישער גאָט איז נישט בלויז אייער גאָט. מיר האָבן אין אים אויך אַ שטיקל חלק...

דאָס דאַוונען איז שוין נאָכדעם געווען אַ ביסל אַ צערודערטס. ווען ייִדן זענען נאָכדעם פון דער שול אַהיימגעגאַנגען, האָט דאָרט זיך די זון גאַנץ אַנ־דערש געשיינט איבער די שטיבער און איבער די מאַרקפּלעצער פון דער שבת־דיקער שטאָט. דאָס קנאַקן פון די צווי בושעלס וואָס האָבן אין זייערע רויטע שנאָבלען און אין דעם ליכט פון דער זון געבראַכט פרישע שפּייז צו זייערע יונגע וואָס אין דער גרויסער נעסט וואָס אויף דעם שול־דאַך — האָבן דאַכט זיך היל־כיקער געקנאַקט מיט זייערע צינגער. און איבערן מאַרקפּלאַץ, קעגן דער שול איז די ייִדן אַנטקעגן געקומען משהלע דער מלמד מיט אַ פּאָר הויכע שליאַפּעס. איינע אויף איינער אויף זיין קאָפּ און געזונגען:

„גאָט איז געקומען קיין ברוסילאָוו!
גאָט איז געקומען קיין ברוסילאָוו.
ער טראָגט די לבנה ווי אַ לאַמטערן אין זיין האַנט".

יאַנקל האָט געקוקט אויף דעם וואָס איז זיך מיט אים פּאַרלאָפן אין שול, ווי אויף אַ שטראָף פאַר דעם וואָס ער האָט פאַרשטערט דעם שבת פון זיין פאָ־טערס הויז, און ער האָט זיך געגנומען גיין צו טאַטע־מאַמע אויף שבת, און אויך ווידער גיין מיטן טאַטן צוריק אין רבס קלויז. עס איז געווען ביטער צו הערן אין דער קלויז ווי די „סמאַרקעס" רופן אים פירניק, גאָר אָן אַ שום פאַרוואָס און פאַרוואָן. די שטאַרקע הענט זיינע וואָס זענען געוואָרן אַלץ שטאַרקער, וואָס לענגער ער האָט געאַרבעט ביי באַנדעריי, האָבן זיך ממש געריסן צו געבן קלעפּ. אָבער — אָט דער טאַטע האַלט אויס און שלאָגט נישט. און גאָט, ווען ער וואָלט וועלן שלאָגן יעדן מענטשן אויף וועלכן ער איז אין כעס... ניין מען שלאָגט נישט מען דאַרף נישט. — אָבער שווער איז יאַנקלען געווען.

איין טרייסט נאָר האָט יאַנקל געהאַט. די גאַנצע וואָך ביים פּעטער צווישן זיינע געזעלן און צווישן די סטאָליאַרישע געזעלן וואָס האָבן געאַרבעט ביי בערל דעם סטאָליער אין דעם פּעטערס אויבערשטן גאָרן, האָט ער נישט געהאַט אָט־די פּלאָג — ביי זיי אַלעמען האָט ער געהייסן פּשוט, יאַנקל.

און נאָך אַ טרייסט האָט ער געהאַט — דעם פּעטערס הויז איז געווען קעגנ־איבער חיה דער טעפּערינס הויז און איר שיין טעכטערל פלעגט זיך יעדן פאַר־נאַכט אַ פריש־איבערגעטאָענע אַרויסגיין שפּילן מיט נאָך עטלעכע חברטעס אין דעם שאָטן פון איר הויז. בלויז איין שמאָלער שפּיץ פון איר הויז פלעגט זיך פאַרנאַכט פאַרציִען צו דער זייט פון פּעטערס הויז. די גאַנצע גרויס פון דעם שאָטן פון איר הויז פלעגט פאַלן אויפן וועג צום פּריסטאַווס גאָרטן. פלעגט זיך יאַנקל אָפּט פאַרגנבענען הינטער דעם פּלויט פון פּעטערס הויף אָדער הינ־טער דעם פּריסטאַווס שטאַל, און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און קלאַפּנדיק האַרץ קוקן אויף איר, — ווי שיין עס באַוועגט זיך איר ברייט־פאַרפלאָכטענער צאָפּ. ווי שיין עס טאַנצט דאָס שנירל קרעלן אויף איר ווייסן האַלדז, ווי עס פאַרפלאַמען זיך ביי איר די באַקן ביים שפּילן זיך, ווי עס לייכטן זיך ביי איר אַלץ מער און מער פאַנאַנדער אירע אויגן. שענער פון אַלע מיידלעך אין דער וועלט איז זי געווען. און אינדערפרי, ביים דאַוונען, ביים דרייען די רצועות אויף זיין אָרעם, ביים מאַכן דעם שין אויף זיין האַנט — פלעגט ער געדענקען אָן איר און אין דעם אַז די אַרבעטער רופן אים נישט פּירניק.

יאַנקל האָט זיך ביי זיין פּעטער דעם באָנדער אויסגעלערנט צו ווייקן און פאַרען האָלץ אַזוי אַז עס זאָל זיך לאָזן בייגן צו מאַכן קלעפּקעס, רייפן און אויף צו מאַכן פון די קלעפּקעס בייכיקע פעסער און פעסלעך, צו מאַכן דוייניצעס פאַר פּוטער וואָס זעען אויס ווי מיידלעך, צו מאַכן שלעסער פאַר עמערס און פאַר באַליעס, און פון די רייפן צו מאַכן אויערן, צו קאַרבן דאָס האָלץ אאַ״וו. ער האָט אָנגעהויבן ליב צו האָבן די אַנדערשקייטן פון די אַלערליי האָלצן, צו פאַרשטיין די מעגלעכקייטן וואָס עס ליגן ווי סודות אין יעדן סאָרט האָלץ. ער האָט גענומען ליב האָבן דעם האַמער, די דלאָטע, דעם הובל, די זעג און די האַק.

דעם פּעטערס הויז איז געווען אַ צוויי־גאָרנדיקע. דעם אונטערשטן גאָרן און דעם גרויסן הויף אונטערן הויז האָט דער פּעטער גענוצט פאַר זיך און פאַר זיין באָנדעריי. דעם אויבערשטן גאָרן האָט ער פאַרדונגען צו בערל דעם סטאָ־ליער. דער סטאָליער האָט געהאַט פיינערע דלאָטעס און בעסערע הובלען און אויך אַ צאָל קלענערע זעגעלעך און ער פלעגט מאַכן שאַפעס, בעטן, טישן און בענקלעך. פלעגט יאַנקל ליב האָבן אַריינצוקומען צום סטאָליער, אים אַמאָל אַ ביסל צוהעלפן, ווייל ער האָט ליב געקראָגן דאָס האָלץ און די נייערע סאָרטן האָלץ וואָס אַ סטאָליער באַנוצט און אויך די אַנדערע געווערקצייגן וואָס אַ סטאָליער באַנוצט.

— יאַנקל, דו האָסט אַ גוט קעפּל — האָט אים בערל סטאָליער אַ פּאָר מאָל געזאָגט. — דו באַנעמסט זייער גיך. פאַרוואָס זאָלסטו נישט ווערן אַ סטאָליער דו וואָלסט דאָך געקענט ווערן אַ גאָר גוטער בעל־מלאכה.

—איך זויל נישט. איך וויל בלייבן אַ באָנדער. נאָר איר, רב בערל, אָט

אויף דער שאַפע וואָס איר מאַכט דאָ פאַר חיה דער טעפעריך וואָלט איך אויף די בײדע טירן אַרויפגעלײגט צװײ לעקעכער מיט צװײ טײבעלעך.

— וואָס מײנסטו?

— איר זעט, אַ ראָם צו דער שאַפע האָט איר, נאָר אינמיטן איז ליידיק. צוויי לעקעכער און צוויי טייבעלעך אָדער צוויי פישעלעך וואָלטן אָפּגעלעבט די בײדע טירן.

— אַ קעפּל האָסטו אַ גוטס, יאַנקל, איך האָב דיר געזאָגט. אָבער וואָס מײנסטו דיר פישעלעך און טייבעלעך? ווו זאָל איך דיר אַזוינס נעמען?

— רב בערל, איך אַליין האָב אַזוינע צוויי לעקעכער.

ווען יאַנקל האָט אַרויפגעבראַכט זײנע לעקעכער און זיי צוגעשטעלט צו דער שאַפע, איז בערל סטאָליער געבליבן אַ פאַרגאַפטער:

— ווען האָסטו דאָס געמאַכט? און וואָס מײנסטו, איך וועל דער טעפעריך אַוועקגעבן אַזוינע צוויי לעקעכער פאַר גאָר נישט? אַ מכה אין אירע בײנער, קראַנק איז זי צו באַצאָלן פאַר אַזוינע לעקעכער? זינט ברוסילאָוו איז ברוסילאָוו, האָט דאָך דאָס נאָך אַזוינס נישט געזען. און בערל האָט צוגערופן זײנע געזעלן — נאַט אײך, אַ רוח אין אײערע בײנער אַרײַן. קענט איר אַזוינס מאַכן? פאַרשטאָפּטע קעפּ! אין אײער טאַטנס טאַטן אַרײַן! פרעסן ווייסט איר נאָר.

די אַרבעטער זענען אויך געבליבן שטיין פאַרוווּנדערט און דער עלטערער האָט אויסגערופן:

— וואָס אַ פּירניק קען!

יאַנקלען האָט זיך אָפּגעריסן אין האַרצן פון דעם.

בערל סטאָליער האָט דערווייל געפרעגט יאַנקלען:

— וואָסערע צוויי לעקעכער זאָגסטו זאָל איך ווייזן דער טעפעריך, די מיט די טייבעלעך, צי מיט די פישעלעך?

— אויב מיט די פישעלעך, וועט מען דאַרפן מאַכן אַזוינע קאַרבן אין דער ראָם, אַז עס זאָל דערמאָנען אָן כוואַליעס, ווייל פישעלעך האָבן ליב שווימען; אויב אָבער די טייבעלעך, איז די ראָם גוט ווי זי איז, ווייל טייבעלעך דאַרפן גאָר נישט. טייבעלעך דאַרפן קענען פליִען אין דער לופטן און אין אַ גע־קאַרבטער ראָם וועלן זיי זיין ווי אין אַ שטײג.

— פון וואַנען פאַרט ווייסטו דאָס אַט־די אַלע זאַכן?

— וואָס מײנט איר, פון וואַנען? ער איז דאָך אַ פּירניק, ער פלעגט דאָך מאַכן פון טייג אַזוינע צוקער־לעקעכלעך און זיי פאַרקויפן אויפן מאַרק, — האָט זיך אָנגערופן דער עלטסטער געזעל. די אַרבעטער איז גראָד געפעלן געוואָרן אַט דאָס קונציקע שטיקל אַרבעט פון יאַנקלען, אָבער אין כעס זענען זיי געווען וואָס יאַנקל שטופּט זיין נאָז, ווו מען דאַרף נישט און פאַרדרייט דאָ דעם בעל־הבית אַ קאָפּ.

אויף מאָרגן, ווען יאַנקל האָט ביים אינדערפריאיקן דאַוונען געדרייט די רצועה אויף זיין האַנט, נאָך אַ שווערער אומרויִקער נאַכט און זיך דערנענטערט צום שין אויף זיין האַנט, האָט ער זיך געכאַפּט אַז דאָס האַרץ רעדט אין אים:

— גאָט, גאָט! פאַרוואָס האָבן מיר אויך די בעלי־מלאכות גענומען רופן מיט דעם צונעמעניש? אפשר האָב איך געזינדיקט? און ווי אַז די טעפּעריין וועט נישט וועלן באַצאָלן בערלען פאַר די לעקעכער. ווען זיי דאָך נישט זיין ביי איר אין הויז און איר טעכטערל וואָס איז שיין ווי אַ מלאך, וועט אויף זיי נישט קוקן. גאָט, האָב רחמנות! גאָט דערבאַרעם זיך, איך בין אַ שלעכט און זינדיק יינגל! האָב רחמנות אויף מיר, העלף מיר, ראַטעווע מיך! יידל דער דיין וועט ביי דיר בעטן פאַר מיר. איך בין געוועזן אויף זיין קבר. ער ווייסט, אַז איך וויל זיין גוט. איך וויל נאָר וויסן פאַרוואָס איז אַלץ אַזוי? העלף מיר, גאָט, ראַטעווע, — פאַרוואָס האָבן מיר אויך די בעלי־מלאכות גענומען רופן פירניק? מיט וואָס האָב איך קעגן זיי געזינדיקט?

און יאַנקל איז פאַר אַ מינוט פאַרזונקען געוואָרן אין טראַכטן פאַר זיך און פאַר גאָט, — אפשר האָב איך קעגן זיי געזינדיקט, כאָטש איך האָב גאָר נישט געמיינט צו זינדיקן... אָבער געזינדיקט האָב איך קעגן זיי סיי־ווי־סיי. אפשר האָב איך געזינדיקט וואָס איך בין אַוועק פון חדר, גאָט, איך זאָג דיר צו אַז איך וועל זיך ווידער נעמען צום לערנען. אפשר האָב איך געזינדיקט וואָס איך בין געוואָרן אַ באַנדער. אפשר בין איך אַוועק צו ווערן אַ באַנדער ביי מיין פעטער, בדי איך זאָל דאָ יעדן טאָג פון באַהעלטעניש קענען קוקן אויף דער טעפּעריינס טעכטערל? און אפשר האָב איך געזינדיקט קעגן טאַטע־מאַמע. משהלע דער מלמד איז אפשר איבער מיר אַראָפּ פון זינען... איצט איז איבער מיר אפשר גאָט געקומען קיין ברוסילאָוו. שטראָף מיך, גאָט, שטראָף מיך. גיב מיר כוח אַריבער־צוטראָגן די שטראָף. — רבונו־של־עולם, האַר פון דער וועלט. איך האָב געזינ־דיקט. איך האָב געפעלשט.

און יאַנקל האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַזאַ זינדיקן ווי אים מעג מען אָנרופן פירניק. עס איז אַן אָפּקומעניש פאַר די זינד, און אויף צו העלפן אויסקויפן זיינע זינד, וועט ער זיך נעמען אַריינצוגיין אין די ליידיקע אָוונטן אין רבס שול און פרוון אַריינקוקן אין אַ ספר, פרוון לערנען גאָטס תורה, פרוון צוהעלפן דעם אַלטן שמש. ער געדענקט גוט ווי דער אַלטער פיניע האָט אים געדאַנקט ווען ער האָט פאַר אים פון ברונעם געבראַכט אַ פאַר עמער וואַסער און ער וועט ווייטער מער נישט שניצן פאַר קיין שאַפעס. די פיר לעקעכער וואָס ער האָט אויסגעשניצט איז שוין פאַרפאַלן. בערל דער סטאָליער ווייסט דאָך שוין פון זיי. ווייטער, אויב ער וועט שניצן, וועט דאָס זיין נאָר פון גאָטס וועגן .

נאָך איידער יאַנקל האָט צייט געהאַט אויסצוטאָן די תפילין און זיי מיט אַ קוש אַריינלייגן אין תפילין־זעקל, איז באַלד דעם סטאָליערס אַ געהילף אַראָפּ־געלאָפן צו אים.

— קום יאַנקל. דער בעל־הבית וויל דו זאָלסט אַרויפקומען מיט דיינע לע־קעכער. חיה די טעפּערין מיט איר טעכטערל זענען דאָרט.

יאַנקל איז אַ פּאַרגליווערטער, אַ צעשראָקענער אַרויף מיט די פיר לעקע־כער אין זיינע הענט.

יאַנקל האָט בלויז איין גוטן קוק־געטון אויף דעם טעכטערל. אַזוי נאָענט האָט ער זי נאָך קיינמאָל נישט געזען. עס איז געווען איבער זיינע כוחות צו האַלטן לאַנג אויפגעהויבן די דעקלעך פון זיינע אויגן, האָט ער זיי אַראָפּגעלאָזט און זיי שוין נאָכדעם די גאַנצע צייט אַראָפּגעלאָזן. נעכאַמקע אָבער האָט גאַנץ געוואַגט געקוקט אויף אים. נעכאַמקע האָט גוט געוווּסט, אַז יאַנקל קוקט איר נאָך פון באַהעלטענישן אין די פאַרנאַכטן. זי פלעגט זיך דערפאַר אַלע פאַרנאַכט זיך פאַרקאַמען און זיך איבערטאָן. יאַנקל אָבער האָט פון דעם נישט געוווּסט. ער איז געווען זיכער, אַז קיינער זעט אים נישט, און טאָמער פלעגט ער שוין יאָ באַמערקן, אַז עמעצער האָט אים געזען, איז פון וואַנען זאָל יענער וויסן פאַרוואָס אַ יינגל באַהאַלט זיך. אפשר וואַרט ער עמעצן אָפּ, אפשר איז דאָס אַ יינגלשער שפּיל אין באַהעלטעניש?

— ווייז דאָ דיינע לעקעכער, יאַנקל — האָט בערל באַפעלעריש געזאָגט.

— אָט נאָט אייך — ווייזט, — האָט יאַנקל געזאָגט נישט אויפהייבנדיק די אויגן. און אַרויסגעקומען איז דאָס ווי אַ באַפעל אויף אַ באַפעל.

— אָ, סאַ שעמעוודיקער בחור דו ביזט — האָט זיך בערל אָנגערופן. — וואָס בלאָזטו זיך? און ער האָט גענומען די צוויי לעקעכער מיט די טייבעלעך פון יאַנקלס האַנט. נעכאַמקע איז רויט געוואָרן, נישט־וויסנדיק פאַרוואָס. בערל האָט צוגעלייגט די לעקעכער צו די טירן און גענומען רעדן:

— איר זעט, ווען איר לייגט אַוועק אַזאַ לעקעך צו אַ טיר, ווערט די טיר דיקער. די גאַנצע שטיק מעבל ווערט מאַסיווער. עס ווערט גאָר אַן אַנדער שטיק מעבל.

— מאַמע, האָט נעכאַמקע אָנגעכאַפּט די מוטער ביי דעם קלייד. מאַמע, די צוויי טייבעלעך פליען דאָך. ווי אַזוי מאַכט ער אַז זיי זאָלן פליען?

— אַ גליק האָט מיך געטראָפן! איך האָב ביזטיק געדאַרפט אַז זאָלסט מיר נאָכגיין. זיך אָנגעטשעפּעט — נאָר זי וויל מיטגיין.

— מאַמע איך וויל די טייבעלעך!

— נו, און איצט, בערל, וועסטו זיך מן־הסתם שוין הייסן אָפּגילטן.

— ניין, חיה, אונדזער אַ מענטש באַרייסט נישט. אונדזער אַ מענטש וויל בלויז מאַכן אַ לעבן. מ'עט דאַרפן דעם יינגל געבן אַ פּאָר רובל פאַר די לעקעכער און מיר אַ פּאָר רובל פאַר אַריינאַרבעטן זיי. אָבער וואַרט, ער האָט אויך אַנדערע צוויי לעקעכער מיט פיש. דאָ אָבער וועט זיין אַ סך מער אַרבעט. מ'עט דאַרפן ענדערן די גאַנצע ראַם פון דער שאַפע, עס זאָל אויסקומען ווי די פיש שווימען אין וואַסער.

— ניין, עס וועט נישט טויגן — האָט יאַנקל צו אַלעמענס שטוינען געזאָגט.

— פאַרוואָס?

יאַנקל האָט דאָ מיט אַמאָל דערפילט ווי די ערד האָט זיך אונטער אים געעפנט, נאָר אַריינפאַלן אין איר קען ער נישט. אָט ווי עס האָט מיט אים שוין איינמאָל געטראָפן אין שול. און ער האָט גענומען רעדן:

— די פיש וועט זיין ענג אויף דער שאַפע. די פיש דאַרפן אַ קאָמאָד מיט צוויי לאַנגע שופלאָדן. אין דער ראָם פון איין שופלאָד וועט שווימען פון רעכטס צו לינקס איין פיש, און אין דער ראָם פון צווייטן שופלאָד וועט שווימען פון לינקס צו רעכטס די צווייטע.

אַלע האָבן זיך דאָ אומגעקוקט אויף יאַנקלען וואָס האָט אַלץ די אויגן נישט אויפגעהויבן און בערל סטאָליער האָט מיט שטוינען צוגעלייגט:

— די איינפאַלן וואָס דער מענטש האָט! איר האָט שוין געזען אַ יינגל מיט אַזוינע איינפאַלן? לאָז פונדעסטוועגן אַ קוק־טון אויף די אַנדערע צוויי לעקעכער. מיר וועלן פון זיי חלילה נישט בייסן קיין שטיקער.

יאַנקל איז דאָ אינגאַנצן ברוגז געוואָרן, האָט איבערגעלאָזן אַלעמען און איז אַוועק.

— ווּהין לויפסטו? וואָס האָט מען דיר געטון? — האָט בערל נאָכגעשריגן אים פּרוונדיק צוריקהאַלטן.

— גאָר נישט. דער פעטער דאַרף מיך — האָט יאַנקל געענטפערט, נישט אומקערנדיק זיך.

אויף יענער זייט טיר איז יאַנקל געבליבן שטיין. דאָס האַרץ, דאָס לייב, די ביינער, אַלץ אין אים האָט גערעדט צו גאָט, צו דעם גאָט צו וועלכן ער האָט נאָרוואָס געדאַוונט: — גאָט, העלף מיר, העלף מיר! ווי רויט גאָלד זענען אירע האָר, די ברעמען ווי מיט פיין ווייסלעך גאָלד אָנגעהעפט אין די אויגנדעקלעך וואָס זענען אַראָפּגעלאָזן איבער אירע בלויע אויגן. — העלף מיר, גאָט, העלף מיר! איך וועל זיין גוט, איך וועל זיין פרום, איך וועל דאַווענען צו דיר מיט כוונה דריי מאָל אַ טאָג. איך וועל הערן יעדעס וואָרט, איך וועל היטן דעם נאָכקוק און זען ווי ער גייט אויף צו דיר. — העלף מיר גאָט, העלף מיר.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מאָדנע יינגל? — האָט חיה די טעפּערין געפרעגט
— ווו האָסטו אים גענומען?

— וואָס, איר ווייסט נישט? דאָס איז דאָך יאַנקל, יחיאל דעם בעקערס.

— וואָס, דאָס איז דער יאַנקל פּירניק?! אַלע בייזע...

— מאַמע! —האָט נעכאַמקע אומדערוואַרט אויסגעשריגן ווי עמעצער וואָלט זי פּלוצים אַ ביס־געטון און דערביי האָט זי פעסט אָנגעכאַפּט די מוטער ביי איר קלייד.

— וואָס איז?! וואָס רייסטו פון מיר שטיקער?!

נעכאַמקע האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר איר פּלוצימדיקן אויסגעשריי
— ציּ עס האָט איר וויי־געטון אָט־דאָס וואָס די מוטער האָט אָנגערופן יאַנקלען
„פּירניק", צי זי האָט מורא געהאַט, טאָמער האָט דאָס יאַנקל דערהערט — אָבער
פאַרשעמט איז זי געוואָרן און דערשראָקן האָט זי זיך. זי האָט נאָכגעלאָזט דער
מאַמעס קלייד, און פון עקשנות געזאָגט:

— איך וויל די טייבעלעך!

— ווי צו מיינע יאָרן, דאַרף מען אַזוי שרייען? און פאַר פרעמדע מענטשן
אין די אויגן?

— איך האָב נישט געשריגן — האָט נעכאַמקע אַן איינגעשטילטע און אַ
פאַרשעמטע געזאָגט. — איך וויל טייבעלעך. — און טרערן און עקשנות זענען
געשטאַנען אין אירע בלויע אויגן. — נעכאַמקע האָט דערפילט — זי האָט נישט
געטאָרט שרייען. די מאַמע אָבער האָט נישט געטאָרט זאָגן „פּירניק". יאַנקל
מאַכט שוין גאַנצע פעסער. זי האָט אים אַליין געזען קלאַפּן רייפן איבער אַ גרוי־
סער פאַס. און ער קוקט אויף איר באַהאַלטענערהייט יעדן אָוונט פון צווישן די
ברעטער פון אויף יענער זייט פאַרקן, אָדער פון די ווינקלען פון דעם פריסטאַווס
שטאַל. און אַלע יינגלעך האָבן מורא פאַר אים, כאָטש זיי רופן אים „פּירניק",
איר אייגענער ברודער יונה, וואָס איז אַ שלעכטער ברודער און האָט ליב זי אַ
ריס־טון פאַר דער האַנט, ווען זי פאָלגט אים נישט, זאָגט אַליין, אַז יאַנקלס הענט
זענען פון אייזן. נעמט ער מיט זיין האַנט עמעצן אַןביים אָרעם, נעמט דער ביין
טרעשטשען. און ער שניצט טייבעלעך און ער שניידט פיש ווי זיי שווימען. די
מאַמע וועט מוזן קויפן, זי וועט מוזן.

— מאַמע, באַשטעל די טייבעלעך!

חיה האָט זיך אומגעקוקט אויף איר טעכטערל, צוגענומען די אויגן פון איר
און זיך געווענדט צו בערל סטאָליער:

— בערל, וואָס טוט מען מיט אַ מיזינקע, וואָס ווייזט אַז זי איז אַ מיזינקע?

***

שבת נאָכמיטיק גייען ברוסילאָווער יינגלעך אין וואַלד. די יינגלעך פון דער
בייער שטאָט גייען געוויינלעך אין דעם דעמבענעם וואַלד. די יינגלעך פון דער
אַלט שטאָט צו דעם בערעזאָוון וואַלד. אין דעם דעמבענעם וואַלד זענען די
ביימער העכער און געוויסע מינים פייגל פילן זיך זיכערער צו מאַכן זייערע
נעסטן אויף זיי. קלעטערן יינגלעך אויף די ביימער, זוכן צו כאַפּן און אַז זיי כאַפּן
נישט קיין פויגל, כאַפּן זיי די יונגע, נאָך ווייניק באַפעדערטע פייגעלעך, אָדער
נעמען אַרויס פון די נעסטן די שיינע אַלערליי פאַרביקן אייעלעך. אַמאָל נעמט
מען אויך איינאיינעם מיט די אייעלעך דעם גאַנצן נעסט מיט מיט זיך. לייבל,
דוד דעם גנבס, האָט זיך אַלץ געוואָלט כאַפּן אַ קוקו־פויגל, — האָט ער ביי זיך

אָפּגעמאַכט אויף אַ געוויסער לאָך אין אַ בוים, אַז דאָס איז די היים פון דעם קוקו־פויגל. האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאַפּאָטע און זיך גענומען קלעטערן, — ער וועט דאָ פאַרלייגן אַ נעץ, אָדער גאָר פאַרלייגן זיין היטל אויף דער נעסט. די אַנדערע פון זיין חברה האָבן גענומען קלעטערן אויף די דערבייִקעביימער — טאָמער דאַרף דאָרט לייבל זייער הילף. און אַז לייבל האָט דאָרט אויבן דערזען, אַז דאָס איז אַ נעסט פון פלעדערמייז, האָט ער מיט פרייד אויסגעשריִען:

— חברה, ס'איז דאָ! אַראָפּ פון די ביימער!

חברה האָבן גענומען קריכן פון די ביימער. לייבל האָט ביים אַראָפּקלעטערן גענוצט די פיס און בלויז איין האַנט, וואָרעם אין דער צווייטער האָט ער געהאַלטן אַן אָנגעפּילטע היטל, און ווען ער איז אַראָפּ, האָט ער פאַר זיין חברה צעעפנט דאָס היטל און זע — דאָס איז אַ היטל פול מיט פלעדערמייז.

— וואָס שרעקט איר זיך, נאַראָנים, דאָס איז אַ מזלדיקע זאַך. אַ פלעדערמויז, אַז מען קוילעט זי מיט אַ גאָלדן רענדל און מען באַגראָבט זי אונטערן שוועל פון הויז איז מזלדיק.

חברה האָבן אויף לייבלס באַפעל אָנגעשטעלט די היטלען און לייבל האָט אַריינגעלייגט אַ פלעדערמויז אין יעדן היטל. יאַנקל און נאָך עטלעכע ייִנגלעך זענען געבליבן אָן פלעדערמייזלעך. לייבל האָט זיך דערפילט שולדיק פאַר דעם וואָס ער האָט יאַנקלען פאַרטיילט.

— נאַ, יאַנקל, נעם דיר מיינע. איך וועל פאַר זיך כאַפּן אַן אַנדערע אַ צווייט מאָל. אַבי איך ווייס שוין וווּ זיי האַלטן זיך אויף.

יאַנקל האָט זיך אָבער בכיוון געהאַלטן פון הינטן ביים אויסטייל, — ערשטנס — וואָס וועט ער גיין נאָכדעם אַהיים איבערן שטאָט אָן אַ היטל? אַפילו צווישן אָט־די הויכע שטומע ביימער פון וואַלד וועט ער דאָך נישט בלייבן שטיין אָן אַ היטל. און צווייטנס איז אַ פלעדערמויז — פּאָרט אַ מייזל. אָט דער דין־הויטיקער פליגל וואָס ציט זיך ווי אַ שוואַרץ שפּינגעוועב, וואָס האַלט אין זיך איינגעוועבט די אַלע פיר פיסלעך און דעם עק, מאַכט אַז דאָס זאָל אויסזען אי ווי אַ מייזל, אי ווי אַ שפּין. עס איז מוקצה. ער וועט זיך צו דעם נישט צורירן. און יאַנקל האָט זיך אָנגערופן:

— ווי אַזוי וועט איר אַריין אין שטאָט אָן היטלען? אין די גויִשע גאַסן וועט מען מיינען אַז איר זענט שקצים און די ייִדן וועלן מיינען אַז איר זענט גויִים.

אַ צווייטן מאָל האָט לייבל ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז דעם מאָל ווייסט ער אויף זיכער דעם נעסט פון אַ קוקו־פויגל אין וואַלד. ער האָט אַליין געהערט דאָס קוקון פון אַ געוויסן בוים און האָט נאָכדעם דערזען אַ פויגל אַרויספליִען פון אַ נעסט אויף אַ הויכן צווייג פון דעם בוים. האָט ער געהייסן עטלעכע פון

זיינע חברה אַרויפקלעטערן אויף דערבייִקע ביימער און זיי זאָלן מיט אָפּגע־בראָכענע צווייגן אין זייערע הענט טרייבן דעם פויגל, אויב נאָר ער וועט זיך דערנענטערן צו איינעם פון זייערע ביימער.

ער, לייבל אַליין, האָט גלייך אַראָפּגעוואָרפן די שיך און זיין רעקל פון זיך און פלינק ווי אַ קאַץ גענומען קלעטערן אויפן בוים וווּ די נעסט איז געווען, און ווי שטיקער זונפלעקן האָבן אויך די אַנדערע גענומען באַרוועסע קלעטערן אויף די אַרומיקע ביימער. אַרויפגעקלעטערט פון דעם טונקל־שטאַמיקן טייל פון דעם וואַלד צו דעם זוניקן צווייגהאַפטן טייל פון וואַלד און זיך דאָרט באַוואָפנט מיט צווייגן וואָס זיי האָבן דאָרט פריש אָפּגעבראָכן פאַר זיך. דער פויגל וואָס איז באַלד מיט אַ קוויטשעריי אַרויס פון זיין נעסט, האָט גענומען פליען פון ביים צו בוים און איז ביז ווילדקייט געטריבן געוואָרן פון די חברה וואָס אויף די אַנדערע ביימער. זיי האָבן געטריבן מיט די היטלען און מיט די צווייגן אין זייערע הענט. זיי האָבן געשריגן, זיי האָבן געפייפלט און געקלאַפּט מיט זייערע פיס די צווייגן פון די ביימער אויף וועלכע זיי זענען געשטאַנען, ווי עס שלאָגן מיט זייערע פיס פישער די וואַסערן אַרום זייערע פישער־נעצן, ווי אַן אויפגע־לויכטענער גרינער טייך איז פאַר זיי געווען דער אויפגעלויכטענער גרינער טייל פון וואַלד. זייערע קולות האָבן זיך פאַר זיי געקאַטשעט אין ווייטע ווידערקלאַנגען, וואָס קלינגען אָפּ שטילער, לאַנגזאַמער... ווייטער און ווייטער... דער איינציקער וואָס איז געזעסן שטיל, רויק און ווי פאַרגליווערט אויף זיין בוים איז געווען לייבל. ער איז געוואָרן ווי אַ פאַרגליווערטער טייל פון בוים איינגעטוליעט אין דעם שטאַם מיטן פּנים צום שטאַם און געוואַרט. עס האָבן זיך איבער די ביימער מיט די יינגלעך באַוויזן נאָך עטלעכע פייגל פון דעם אייגענעם מין. אַלע האָבן פאַרצווייפלט געקוויטשעט. די מאַמע־פויגל איז אַ פאָר מאָל צוגעפלויגן אין דער באַגלייטונג פון עטלעכע מיטפליענדיקע און מיטשרייענדיקע פייגל־חברים צו איר נעסט מיט די קליינע פּישטשענדיקע פייגעלעך, וואָס האָבן געהאַט פעדער־לעך בלויז אויף די קעפּעלעך און אויף די ברעגן פון די נאַקעט־לייביקע פליי־געלעך, זיי האָבן געהאַט בלויז קליינע שנאָבלען און אַזוי ווי גאָלדענע ליפּן ווי אויף ביידע זייטן פון די שנאָבלען. די מאַמע איז אַזוי עטלעכע מאָל צו צום נעסט, זיך דערשראָקן און גלייך צוריק אָפּגעפלויגן. די באַגלייטנדיקע פייגל־חברים האָבן זיך ביסלעכוויז איינגעשטילט. אַ פאָר האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אויף די אויבערשטע צווייגן פון דעם שטיק בוים און גלייך צוריק אָפּגעפלויגן. אַ באַרויקטע פון דער שטילקייט פון לייבלס פרעמדן קערפּער אויף דעם בוים, און פון דעם וואָס דאָס איז דאָך איצט געווען דער איינציקער שטילער בוים אין וואַלד, איז די מאַמע־פויגל אַריין און זיך אַוועקגעזעצט, צו וואַרעמען מיט אירע פעדערן די נאָך נישט־באַפעדערטע קערפּערלעך פון אירע קינדער. דאָ האָט לייבל בליצשנעל אַ וואָרף־געטון זיין היטל אויף דער נעסט.

די אַנדערע פייגל האָבן מיט אַ גראָב גרויס שרייענדיק פּישטשען אויפ־

געפּאַטשט און זיך ווי געלאָזט צו לייבלס פּנים. אָבער לייבלען האָט דאָס נישט געאַרט און נישט געשראָקן, ווייל די מאַמע־פויגל איז דאָ ווי אַריינגעפלויגן אין זיין היטל אַריין, אין זיין האַנט אַריין. אַלע האָבן זיך איינאיינעם מיט לייבלען גענומען אַרונטערלאָזן פון זייערעביימער און זענען ווי קליינע יונגע גזלנים אַראָפּגעשפּרונגען מיט זייערע באָרוועסע פיס אויף דעם טונקעלן פאַרווילדעטן ווייכן וואַלדיקן באָדן וואָס איז געווען אָנגעבעט מיט פאַרפוילטע אַלטע צווייגן און מיט פון דורות און דורות אָנגעפאַלענע געלע בלעטער. די פרייד איז געווען גרויס. חברה האָבן אַרומגערינגלט לייבלען.

— אַ נו, וויזו!

— לאָז אַ קוק טון!

— איז דאָס טאַקע די קוקו?

— די אמתע קוקו געכאַפּט?

לייבל האָט פאַרזיכטיק גענומען שטופּן אַ פינגער פון זיין פרייער האַנט אין דעם פאַרמאַכטן היטל וואָס אין זיין רעכטער האַנט. דער בייזער פויגל האָט אים אָבער געגעבן אַזאַ פּיק אין פינגער, אַז ער האָט אים גיך מיט אַ קללה צוריקגעכאַפּט אַ פאַרבלוטיקטן.

— אַ כאַליערע אין זיינע ביינער — האָט ער אויסגעשריגן. אַ קוק־געטון אויפן פינגער — ער האָט מיר אויסגעריסן אַ שטיק פלייש.

לייבל האָט צוגעטראָגן דעם פינגער צום מויל, אָפּגעזויגן דאָס בלוט, אָפּגעשפּיגן, און נאָכדעם גענומען מיט די פינגער גיין צום היטל פון דער אַנדערער זייט, אַזוי אַז דער פאָדערשטער טייל פון דעם פויגל איז געבליבן אין דעם היטל, ביז ער האָט אָנגענומען דעם גאַנצן אונטערשטן טייל פון דעם פויגל מיט די פליגלען מיט די פיסלעך אין זיין לינקער האַנט און נאָכדעם האָט ער אַראָפּגענומען דאָס היטל, און אַלע האָבן פאַר זיך אין דער טונקלקייט פון וואַלד דערזען אַ נישט איבעריק גרויסן בלויען פויגל מיט אַ בייז צעעפנטן ווייסן שנאָבל. ער האָט זיך מיט זיין שנאָבל געפּרוווט בייסן לייבלס פינגער, און אַז ער האָט זיך איבערצייגט, אַז לייבל האַלט אים אַזוי קלוג, אַז ער קען אים מיט זיין שנאָבל נישט גרייכן, האָט ער אויפגעהערט זוכן זיינע פינגער, אָבער דעם צעעפנטן שנאָבל פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט צומאַכן.

חברה האָבן זיך נאָכדעם געלאָזט אַהיים, אַרויס פון וואַלד, אַרויס אויף די אָפענע פעלדער. לייבל איז געגאַנגען פאָרויס מיטן פויגל אין דער האַנט. חברה זענען אים נאָכגעגאַנגען ווי חסידים נאָך אַ רבין, גערעדט און געשריגן, געטאַנצט און שפּרינגענדיק פאַרהילכט די לופט. יאַנקל האָט זיך אויך באַטייליקט. עס איז געווען אַ גרויסע געשעעניש צו זיצן דאָרט אויבן אויף די ביימער און זיך באַטייליקן אין דעם געיעג פון דעם פויגל. נאָר וואָס וויטער ער און די חברה זענען אָפּגעגאַנגען פון וואַלד אַלץ מער האָט יאַנקל גענומען טראַכטן פון די קליינע נאַקעטע פייגעלעך וואָס זענען געבליבן אין נעסט דאָרט, אויבן

אויפן בוים. ביי לייבלען אין הויז האָבן זיך אַלע באַטייליקט אין אויפשטעלן אַ שטייג פאַרן פויגל וואָס האָט אַלץ נישט געוואָלט צומאַכן דעם שנאָבל.

— געדאַרפט אפשר מיטנעמען דער גאַנצער נעסט, — האָט אַ ייִנגל געזאָגט, שוין נאָכדעם ווי דער פויגל איז שוין געזעסן אין שטייג.

מען האָט אין דער שטייג געלייגט צוקער, קערנער, געלייגט אין אַ קעסטעלע וואַטע אין דער שטייג, געשטעלט וואַסער. דער פויגל האָט זיך אָבער אַלץ נישט אונטערגעגעבן, זיך צו קיין זאַך נישט צוגערירט. בלויז ווען ער האָט דערזען אַ פינגער פון אַ ייִנגל לעבן דער שטייג האָט זיך זיין צעעפנטער שנאָבל אַ באַוועג געטון, גרייט איינצובייסן.

— דאָ וואָלטן די קינדער־פייגעלעך געהאַט אַ מאַמע און זי וואָלט זיי דאָ אויסגעהאָדעוועט.

די גרויסע זון האָט זיך געגומען זעצן איבערן וואַלד. דאָס איז פּונקט די צייט ווען דער קוקו־פויגל זינגט זיך פאַנאַנדער. די ייִנגלעך האָבן געוואַרט. לייבל האָט געוואַרט איינאיינעם מיט זיי. אַלע זענען געווען זיכער אַז אַ קוקו־פויגל דאַרף פּונקט איצט נעמען זינגען. ערגעץ פון ווייטן וואַלד האָט זיך טאַקע גענומען דערטראָגן צום שטאָט דאָס כּישופדיקע רופן פון אַ פּאָר קוקו־פייגל. דער פויגל אין שטייג האָט נישט געקוקוט, נישט געזונגען, נישט געפּישטשעט אַפילו.

— זאָל דאָס זיין ווייל ער איז אין כּעס, צי ווייל ער איז נישט קיין קוקו־פויגל? — האָט לייבל זיך געווענדט צו יאַנקלען.

די ייִנגלעך וואָס האָבן גראָד אַלע געוווּסט, אַז אַ פלעדערמויז איז אַ סגולה פון מזל, האָבן אָבער נישט געוווּסט, אַז ערגעץ אין דער וועלט זענען פאַראַן מענטשן וואָס נעמען גראָד יאָ אָן, אַז אַ בלויער פויגל איז מזל; און זיי האָבן אויך נישט געוווּסט, אַז אַ קוקו איז נישט קיין בלוי־קאָלירטער פויגל. יאַנקל האָט נישט געוווּסט צי דאָס איז אַ קוקו צי נישט. אָבער געוווּסט האָט יאַנקל אַן אַנדער זאַך און ער האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— אין דער תּורה שטייט געשריבן, אַז ווען דו קומסט אויף אַ נעסט פון אַ מאַמע־פויגל מיט קינדער־פייגל זאָלסטו טון שיקן און אַוועקשיקן די מאַמע, די קינדער קענסטו נעמען צו זיך.

לייבל האָט אָנגעשטעלט זיינע אויגן אויף יאַנקלען. מען האָט געמיינט, אַז ער וועט אים דאָ באַלד אַ זידל־טון. אָבער לייבל האָט אין זיך געטראָגן אַ דרך־ארץ פאַר יאַנקלען. עס איז אים אָנגעקומען שווער ביז ער האָט געכאַפּט אָט־דעם פויגל — וואָס קען זיין, אַז ער איז אַן אמתער קוקו. דער פויגל האָט אים אויך אויסגעפּיקט אַ שטיק פליש פון זיין פינגער. דער פינגער שמאַרצט אַזוי שטאַרק, אַציַנדערט אָבער —

— וואָס זאָגסטו יאַנקל? עס שטייט אין דער תּורה: מען טאָר נישט. נו, ווילסט אים? נאָ דיר. נעם. טו וואָס דו ווילסט!

און לייבל האָט צו אַלעמענס שטוינען דערלאַנגט יאַנקלען די שטייג מיט דעם פויגל. יאַנקל האָט גלייך גענומען די שטייג אין די הענט אַריין. און איידער די ייִנגלעך האָבן נאָך צייט געהאַט זיך פאַנאַנדערצוקלייבן וועגן דעם וואָס עס קומט דאָ פאָר, זענען זיי שוין געשטאַנען מיט יאַנקלען אויף יענער זייט טיר און זיי האָבן צוגעזען: — יאַנקל גיט אַן עפן אויף די שטייג, — דער בלויער פויגל גיט אַ פאַטש מיט די פליגל און אַ שאַרפן פישטש אין דער לופט, און אָט זעט מען שוין נאָר פון אים אַ קליין שוואַרץ פינטעלע אין דער לופט אויף דעם וועג צום וואַלד.

— אָ, וועלן זיך באַלד די קינדער־פייגעלעך דערפרייען! — האָט אַ ייִנגל מיטאַמאָל אויסגעשריגן מיט אומדערוואַרטעטער פרייד, כאָטש ערגעץ האָט אים אויך באַנג־געטון וואָס זיי האָבן פאַרלוירן דעם פויגל, און מיט דעם אייגענעם געפיל פון פאַרלוסט און פון פרייד, האָבן חברה גענומען איבערשרייען איינער דעם צווייטן:

— אָי, וועלן זיך דאָרט אין נעסט באַלד די קינדער־פייגעלעך דערפרייען!

— זיי מוזן דאָרט זיין גוט הונגעריק.

— און קאַלט מוז זיי זיין.

— איצט וועט זיי די מאַמע געבן עסן.

— וועט זיי אָנוואַרעמען.

— וועט זיי לייגן שלאָפן.

**
*

די ייִנגלעך זענען זיך נאָכדעם פאַנאַנדערגעגאַנגען צו זייערע היימען. יאַנקלען האָבן זיי אַזוי ווי געפירט צווישן זיך ווי אַ העלד זייערן. יאַנקל האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט זיך און שווייגנדיק און עפּעס ווי אַ שולדיקער צוגעהערט זייערע באַגייסטערטע אויסרופן וועגן זיך, וועגן לייבלען, וועגן וואַלד און וועגן דעם געכאַפּטן און אָפּגעלאָזטן פויגל. און אַז יאַנקל איז גערעכט — אויב עס שטייט אַזוי אין דער תורה געשריבן — אַז אָפּלאָזן — דאַרף מען אָפּלאָזן. פונדעסטוועגן האָבן זייערע רייד אויך געקלונגען ווי אַ פאַרוווּרף, אָט ווי יאַנקל וואָלט ביי זיי עפּעס אַרויסגעריסן פון די הענט. אַ נישט־באַקוועמער און אַ שולדיקער איז יאַנקל מיט זיי אַזוי געגאַנגען ביז זיי זענען אָנגעקומען צו יאַנקל ביילעס אַריינפאָר־הויז, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ ראָג פון אַ גאַס, ביים אָנהייב פון דער אַלטער שטאָט. איבערן וועג, אַנטקעגן דעם אַריינפאָר־הויז, האָבן זיך געפונען די הילצערנע קלייטן — הינטער די הילצערנע קלייטן האָט זיך געפונען דעם רבס ווייס־געקאַלכטע קלויז. דאָס אַריינפאָר־הויז איז אויך געווען ווייס־געקאַלכט און האָט זיך אָפּגעשלאָגן מיט זיין ווייסקייט פון די הילצערנע און לייַמענע הייזלעך, פון זיינע אייגענע גרויסע נישט־געפאַרבטע הילצערנע טויערן. איין פאָר טויערן אויף איין זייט פון דעם הויז צו דעם הויפּטשליאַך פון דער

שטאָט, די צווייטע פֿאַר טויערן אויף דער צווייטער זייט פֿון דעם הויז צו דער גאַס פֿון די שוסטערס, שניידערס, בעלי־עגלות, קאָוואַלעס און די יאַטקעס און קצבים־קלייטן. דיביידע גרויסע טויערן אויף ביידע זייטן פֿון דעם צוויי־גאָרנדיקן ווייסן הויז, האָבן אויסגעזען ווי צוויי גרויע פֿליגלען פֿון אַ גרויסן ווייסן פֿויגל. פֿאַר דעם אַריינפֿאָר־הויז, וואָס מען פֿלעגט אויך רופֿן „די אכסניא", איז געווען צוגעבויט אַ ברייטער הילצערנער גאַניק. אויף דעם גאַניק און אַרום דעם גאַניק זענען איצט, ווי אין אַלע אַנדערע שבת־פֿאַרנאַכטן, געזעסן און געשטאַנען נישט נאָר בעלי־עגלות, נאָר אויך אַנדערע בעלי־מלאכות, גערעדט פֿון פֿאַרשידענע זאַכן און אויך פֿון די גאַס־סטראַפּטשעס, וואָס מאָנען אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן נאָר פֿון זייערטוועגן.

צווישן דעם עולם איז דאָ אויך געווען דעם מאָל יאַנקלס פֿאָטער, יחיאל דער בעקער און לייבלס פֿאָטער, דודל גנב. יחיאל מיט זיין צעקנאָכטן פּנים, ברע־נענדיקע אויגן און האַרט־געקרויזטער באָרד — איז געווען אַ שווייגער, איז ער געזעסן און געשוויגן. דודל וואָס האָט, נישט געקוקט אויף זיינע יאָרן, נאָך אַלץ געהאַט אַ מין יינגלשקייט אין זיין נישט־הויכן אָבער דאָך שלאַנקן קערפּער, איז געווען אַ באַרעדעוודיקער. איז ער איצט געשטאַנען צווישן יחיאלן און נאָך אַ פּאָר יידן און געטענהט, אַז די „באַלעבאַטים" גראַבעזניקעס, ווען ער קען וואָלט ער זיי אַלע אָוועקגעזעצט רייטנדיק אויף נישט איינגעבראָכענע פֿערד און זאָלן זיי ברעכן רוק און לענד. — וואָס זאָגט איר, יחיאל, עס וואָלט געווען אַ שיינער שפּיל? אָדער זיי אפֿשר גאָר אַוועקשטעלן באַקן ברויט, אָדער אַוועקזעצן זיי אויף דער קעלניע טרייבן פֿערד אין אַ בלאָטיקער פּאַגאָדע. עס וואָלט געווען אַ שיינער באַקן און אַ שיינער פֿאָרן! וואָס האָט איר דאָ מורא געהאַט פֿאַר אייער יאַנקלס פּלאַן. קראַנק זענען מיר אויפֿצובויען אַן אייגן בית־מדרש און זאָלן זיי זיך דאָרט שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט אין זייערע אייגענע בתי־מדרשים.

— וואָס ווילט איר פֿון יאַנקלען? לאָזט אים צורו, ער איז נאָך אַ יינגל.

— אויף אַלע יידישע קינדער אַזוינע יינגלעך געזאָגט געוואָרן, — האָט זיך אָנגערופֿן דער שניידער — וואָס איר ווייסט נישט, יחיאל, אַז ער איז אַן אבן־טוב?

און איך אַליין האָב געהערט דעם שמש פֿון רבס שול דרשנען, אַז מען דאַרף זיך אומקוקן אויף די קינדער. פֿון די קינדער און פֿון זויגקינדער אַפֿילו קען גאָט אָפּשטעלן זיין כּוח, ווי עס שטייט געשריבן: „מפּי עוללים ויונקים יסדת עוז". און אַ פּאָר אונדזעריקע האָבן טאַקע נאָך צווישן זיך געזאָגט, אַז ער מיינט יאַנקלען. ער האָט ליב אייער יאַנקלען ווי דאָס לעבן, און ער וואָלט וועלן אַז זיין זונדל זאָל זיצן מיט יאַנקלען אין אַ כּיתה און ער וועט מיט זיי לערנען — האָט יהושע דער קוימענקערער געזאָגט.

— נאָר ווער לאָזט אים נישט? — פֿרעגט דודל.

— דאָס זונדל זיינס וויל נישט. ער שעמט זיך. עס שטייט אים נישט אָן.

— אין זיין טאַטנס זון אַריין... עס שטייט אים נישט אָן.

— ווייסט איר גאָר וואָס, יחיאל, מיר איז דאָ איינגעפאַלן, אַז איר ווינט דאָך אין אַ פינצטערער, נידעריקער קעלער־שטוב און מען קען דאָך אויפבויען אַ גאַנצע הויז און דאָרט קענט איר האָבן פאַר זיך אַ ליכטיקע שטוב צום ווינען און אַ שטוב פאַר אַ קלויז.

— דאָס איז אַ גוטער געדאַנק. ערשטנס, וועט מען נישט דאַרפן אָנקומען צום פריץ, ימח־שמו, פאַר אַ דערלויבעניש צו בויען, וואָס ער און דער פריסטאַוו וועלן דאָך קיינמאָל נישט דערלויבן, און צווייטנס, וועסטו קריגן מער פלאַץ פאַר דיין בעקעריי.

— איי, געלט? — פרעגט זיסל שוסטער.

— וועלן מיר יחיאלן אויסלייען צו עטלעכע רובל, — זאָגט דודל.

— איר דאַרפט מיר נישט לייען, — האָט יחיאל זיך אָנגערופן.

אין דער מינוט זענען אָנגעקומען די יינגלעך מיט יאַנקלען, און דער־זעענדיק דודלען צווישן די יידן זענען זיי צו אים צוגעלאָפן; און איינער פאַר דעם צווייטן האָט גענומען דערציילן וועגן דעם קוקו־פויגל וואָס לייבל האָט גע־כאַפּט אין דעמבענעם וואַלד און וועגן דער בריהשאַפט ווי אַזוי לייבל האָט אים געכאַפּט, און ווי זיי זענען אַלע געקראָכן אויף די הויכע דעמבענעביימער און געהאָלפן.

דודלס האַרץ איז געוואָרן גרויס פון זיין יינגלס אויפטו, — אַט זאָלן יידן וויסן אַז ער האָט אויך אַ זונדל מיט וועלכן מען מעג זיך איבערנעמען. דודל האָט מיט הנאה אָפּגעמאָסטן די באַגייסטערטע יינגלעך און ביי זיי געפרעגט:

— ווי זעט אויס דער פויגל?

— בלוי, מיט אַ צעעפנטן ווייסן שנאָבל.

— איז פון וואַנען חברה ווייסט איר אַז דאָס איז דער קוקו־פויגל?

— וואָסערע דען פויגל איז דאָס?

— אַזוי גאָר, — אויב איר ווייסט נישט, איז פון דעם געדרונגען אַז דאָס איז דער קוקו?

די חברה איז געבליבן צעטומלט. דודל האָט ווייטער געפרעגט:

— האָט איר אים געהערט קוקון?

— ניין, יאַנקל האָט אים אָפּגעלאָזט.

— אָפּגעלאָזט. פאַר וואָס? צוליב וואָס כאַפּן און אָפּלאָזן?

די לעצטע פראַגע האָט דודל געשטעלט צו יאַנקלען. אָבער יאַנקל, אַ פאַר־שעמטער, האָט נישט געענטפערט. אַן אַנדער יינגל האָט זיך אָנגערופן:

— יאַנקל האָט געזאָגט, אַז אין דער תורה שטייט געשריבן, אַז מען טאָר פון אַ נעסט נישט צונעמען די מאַמע פון אירע קינדער, אַז מען דאַרף צוריק־שיקן די מאַמע.

יידן האָבן זיך דאָ פאַר דעם אַריינפאָר־הויז אַרומגעשטעלט אַרום יאַנקלען און די קינדער. פּאַרט אַ געשעעניש מיט אַ מעשה פון פאַרפלאָמטע קינדער, געכאַפּט אַ בלויען פויגל אין דעם דעמבענעם וואַלד, טאַקע אפשר די קוקו אַליין, און נאָכדעם אָפּגעלאָזט. די קינדער האָבן גענומען דערציילן און דודל האָט דאָ נאָך אַ קורצן נאָכטראַכטן אָפּגעפּסקנט:

— נו, אויב יאַנקל האָט געזאָגט אַז אין דער תורה שטייט געשריבן, מן־הסתם שטייט דאָך דאָרט געשריבן. און דאָס וואָס מיין לייבל האָט דיך געפאָלגט איז גוט. ווער דען זאָל אים געפעלן? די קינדער פון די טאַטעס וואָס נאַרן־אָפּ דעם אָרעמען ביים וועגן דאָס ביסל ווייץ וואָס זיי קויפן? און שאָקלען זיך נאָכדעם ביים דאַווענען?

צו אַלעמענס שטוינען האָט דער שעמעוודיקער יאַנקל דאָ געעפנט זיין מויל און געזאָגט:

— און דער פויער ציילעמט זיך און שיט נאָכדעם אַריין זאַמד אָדער לייגט אַ שטיין אין דעם זאַק תבואה?

דודל האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. אָבער יהושע דער קוימענקערער איז געקומען צו־הילף:

—הייסט עס, יאַנקל, עס איז ווי אין דער גמרא שטייט: „הגונב מן הגנב פטור".

יאַנקל האָט דאָ אַ קוק געטון אויף ברוכן און אויף אַלעמען און געזאָגט:

— אין דער תורה שטייט: לא תגנוב! דו זאָלסט נישט גנבענען!

אַרויסגעקומען איז דאָס אומדערוואַרטעט און טראַציק, אָבער די עלטערע יידן איז דאָס געפעלן געוואָרן, — אָט שטייט דיר אַ יינגל אינמיטן מאַרק און זאָגט זיי אַלעמען וואָס ער וויל און גיי טו אים עפּעס. און אַז יהושע קוימענקערער זאָגט, אַז אין דער גמרא שטייט, זאָגט ער דיר: אין דער תורה שטייט. און וואָס קענסטו זאָגן? האָ? אים אַרט אַפילו נישט וואָס דודל פערד־גנב איז דאָ געבליבן ווי אַן אויסגעפּאַטשטער.

יחיאל בעקער, דער שוויגער, האָט זיך געכאַפּט אַז זיין יינגל גייט דאָ אַוועק צו ווייט, האָט ער זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— וווהין גייסטו איצט?

— צום רבס בית־מדרש. נאָך מנחה און מעריב העלף איך ישראל שמש אויפראַמען און אָנשעפּן וואַסער פון ברונעם.

דער פאָטער האָט דאָ אַראָפּגעלאָזט די אויגן צום יאַנקלס קעשענעס. דער־זען אַז זיי זענען פול. יאַנקל האָט דאָס דערזען, איז געוואָרן רויט. האָט זיך אויס־געדרייט און אַוועק. אַריבערגעגאַנגען דעם שליאַך, פאַרבייגעגאַנגען די היל־צערנע קלייטן אויף דער צווייטער זייט שליאַך און אַרויס אויף דעם אָפענעם פּירעקיקן מאַרקפּלאַץ וואָס פאַר דעם רבס בית־מדרש. אינמיטן מאַרקפּלאַץ איז געווען דער ברונעם, וואָס מען פלעגט טאַקע רופן: דעם רבס ברונעם. דער ברו־

בעם איז געווען אַ טיפער, דער „זשוראַוועל“ וואָס איז געשטאַנען לעבן אים, איז געווען אַ הויכער. די שטאַנג איבער אים איז געווען אַ לאַנגע. אויף איין זייט פון דער שטאַנג איז געהאַנגען דער לאַנגער שטעקן, צו וועלכן מען פלעגט צו־טשעפּען דעם עמער אויף צו שעפּן. אויף דער צווייטער זייט פון דעם שטאַנג איז געהאַנגען אַ הילצערנער קלאָץ, וואָס האָט געמאַכט גרינגער אַרויסצושלעפּן דעם אָנגעפילטן עמער פון דעם טיפן ברונעם. דורך די לבנה־נעכט פלעגט אָט־דער פאַרריסענער עק פון דעם שטאַנג אויסזען ווי אַ טייטל וואָס טייטלט צום הימל, צו דער לבנה. דורך די טעג האָט אָט דאָס גאַנצע געשטעל לעבן ברונעם אויס־געזען ווי אַ זשוראַוול־פויגל — ווי אַ בושעל־פויגל פון רבה בר חנאס גוזמא־דיקער גרויס, וואָס האָט זיך דאָ אַוועקגעשטעלט אויף איין פוס און מיט זיין פאַריסענעם לאַנגן האַלדז און קאָפּ באַקוקט ער און באַטראַכט די שטאָט. אָט דאַכט זיך קוקט ער אויף איין זייט צו משהלע מלמדס הויז מיט דער ציג אויף דעם ערדענעם דאַך, צום טייך און צו דער וואַסערמיל. אָט דאַכט זיך קוקט ער אַנטקעגן אַריבער די הייזער צום טאַטנס קעלער־שטוב. דער טאַטע האָט געזען אַז איך האָב פולע קעשענעס. דאָס זענען געווען זשאַלידעס (ניסלעך) און שי־סעלעך פון זשאַלידעס, און שיסעלעך וואָס האַלטן נאָך די זשאַלידעס אין זיך, די זשאַלידעס האָט ער געזאָלט ברענגען דער מאַמען. זי טרייבט זיי אין אַ פייער־פאַן, צעשטויסט זיי, מישט זיי נאָכדעם מיט פוטער און מיט צוקער, קאָכט זיי אויף און אַז עס ווערט פאַרגליווערט, ווערט דאָס שאָקאָלאַדע, וואָס איז גוט צו נאַשן קאַלטערהייט און צו טרינקען אויף אויפגעקאָכטער מילך. איצט קען ער זיי שוין מער אַהיים נישט ברענגען. דער טאַטע וועט זאָגן: — דו האָסט זיי געטראָגן אום שבת. דו ווייסט ווי צו זאָגן אַנדערע וואָס אין דער תורה שטייט נו, און טראָגן אום שבת מעג אַ ייִדיש ייִנגל?...

און יאַנקל איז דאָ ערשט פונדאַסניי רויט געוואָרן. און שוין נאָכדעם, שטייענדיק שמונה־עשרה אין דעם רבס קלויז, האָט ער דערפילט די ניסלעך אין זיינע קעשענעס, ווי שטיקלעך אייזן פרעסן זיי זיך אין אים, ווי צעגליטע שטיקלעך אייזן.

דאָס מויל אָבער דאַווענט מיט כוונה און דאָס האַרץ בעט זיך און פרעגט אינאיינעם מיט די תפילות צו גאָט: — גאָט פאַר וואָס איז דאָס אַזוי? פאַרוואָס האָב איך געקליבן די זשאַלידעס? פאַרוואָס האָב איך זיי נישט אַרויסגעוואָרפן, כאָטש דאָרט, לעבן ברונעם? פאַרוואָס בין איך אַ זינדיק ייִנגל? גאָט, גאָט! פאַר־וואָס איז דאָס אַזוי?

נאָכן דאַווענען האָט ער אָנגעשעפּט וואַסער און געהאָלפן דעם שמש צו־ראַמען. ייִדן האָבן דערביי געקוקט מיט מאָדנע אויגן אויף יאַנקלען. עפּעס גע־רעדט. דער שמש האָט זיך דאָרט אַריינגעמישט:

— אַזאַ ייִנגל איז אַ גאָטס ברכה. דער דעמבענער וואַלד איז טאַקע אַ ביסל

צו־וויט, אָבער אפשר האָט עמעצער אָוועקגעלייגט אַן ערוב. אפשר איז ער אַהינגעגאַנגען, ווייל עס איז אים באַשערט געווען מקיים זיין אַ מצוה מדאורייתא?

יאַנקלען איז דאָ קלאָר געוואָרן, אַז מ'ויעדט פון אים און פון דעם פויגל וואָס ער האָט דאָרט אָפּגעלאָזט. דאָס האָט בלויז פאַרגרעסערט זיין צערודערט־קייט; האָט ער שוין נישט געקענט טראַכטן פון עפּעס א ספר היינט און אַריינקוקן אַהין אַליין אָדער מיט דעם שמשס הילף, און ער האָט זיך אַרויסגעשלייכט פון קלויז און גאָר נישט טראַכטנדיק אַוועק צו דער מאַמע. — נו וועט דער טאַטע דאָרט זאָגן! איז וואָס? — עס קומט דאָך מיר אַ שטראָף.

אויף זיין „גוטוואָך" וואָס ער האָט מיט זיך אַריינגעבראַכט אין דער קעלער־שטוב, גלייך מיטן אַריבערטרעטן די שוועל פון דער צעעפנטער טיר — האָט אים דער פאָטער מיט אַ פרייד אין פנים געענטפערט:

— גוטוואָך, גוטיאָר!

און די מוטער: — אַ גוטע וואָך דיר יאַנקל, אַ גוטע וואָך, גוט יאָר!

ווי אַ זון האָט פאַר יאַנקלען אַנטקעגן געלויכטן איר אויפגעשיינט פּנים מיט די גוטע אויפגעווייטעטע אויגן. אַפילו די אַלטע קעראָסין־לאָמפּ האָט אין דער מינוט צוגעקראָגן ווי אַ נייע נשמה און האָט מיט אַ באַזונדער ליבשאַפט באַלויכטן די היימישע ווענט. דאָס שטיקל סערוועט אויפן הילצערנעם טיש, די נאַקעטע הילצערנע באַנק לעבן אים און אויך די האַלבע און גאַנצע זעקלעך מיט מעל וואָס ביי די זייטן פון די ווענט, און אויך די נאָך נישט געצונדענע הבדלה־ליכט, דאָס פלעשל ראָזשינקע־וויין מיט דעם קידוש־גלעזל לעבן אים.

— אַבי דיין מאַמע האָט זיך געזאָרגט — דער שבת־אויבס וואָס זי האָט פאַר דיר פאַרגרייט איז איר פאַרבליבן, — האָט דער פאָטער געזאָגט — און איך זאָג איר: אַז אַ מענטש האָט איינזעעניש מיט אַ ווילדן פויגל אין וואַלד, וועט ער גיין איבערלאָזן דיין שבת־אויבס? ווי שיקט זיך דאָס?

— ווייסט, דער טאַטע האָט נאָך נישט געמאַכט קיין הבדלה. ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן צוליב דיר.

יאַנקל איז צוגעגאַנגען, פאַרשאַרט אַביסל דעם טישטוך, אָפּגעדעקט זיין נאַקעט וואַכעדיק האַלץ, אָנגעגאָסן ביז פול וויין אין דעם קידוש־בעכער, אָנגעצונדן דאָס הבדלה־ליכט. דער פאָטער האָט זיך פון דעם דערפילט זייער דער־הויבן. דאָס פייער פון דעם געפלאַכטן און קאָלירטן הבדלה־ליכט אין די הענט פון זיין זון איז געווען ווי אַ היילונג פאַר אַלע צרות און ווייטיקן. ער האָט זיך אויפגעהויבן, אַרויפגעשטעלט דאָס אָנגעפילטע קידוש־גלעזל אויף זיין האַנט און גענומען זינגען:

„הנה אל ישועתי אבטח..."

דער זון און די מאַמע האָבן געענטפערט „אמן". נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעטרונקען אַ טייל פון דעם וויין האָט ער געגעבן פאַרזוכן דער ווייב און דעם

זון, און ערשט נאָכדעם אויסגעגאָסן פון דעם איבערגעבליבענעם אַביסל אויף דעם הילצערנעם טיש, גענומען פון יאַנקלס האַנט די אַנגעצונדענע הבדלה, דאָס איינגעטונקט און אויסגעלאָשן אין דעם ביסל אויסגעגאָסענעם ווײַן אויפן טיש, אַ שמעק־געטון דעם אויסגעלאָשענעם קנויט, זאָגנדיק דערבײַ אַ לויב דעם וואָס טיילט אָפּ שבת פון דער וואָך, און נאָכדעם גענומען טונקען די צען פינגער פון זײַנע הענט און זיי לייגן אין די קעשענעס, זאָגנדיק דערבײַ: „אַ לויב צו דעם וואָס גיט צו דיר״.

די מאַמע האָט נאָכדעם ווידער פאַרדעקט דעם טיש ביז אויף האַלב מיט אַ סערוועט, אַרויפגעשטעלט ברויט, זאַלץ און פעפער, געבראַכט פאַרבליבענע פּעטשאַ, קאַלטע פיש, קאַלטע פלייש. מען האָט געשטעלט דעם בלעכענעם סאַמאָוואַר וואָס האָט באַלד גענומען רעדן ווי אַ לעבעדיקע פּערטע באַשעפעניש אין דער שטוב; און העלפנדיק דער מאַמע ברענגען אַ פרישן עמער וואַסער פאַרן סאַמאָוואַר, האָט יאַנקל געפונען אַ געלעגנהייט אויסצולײדיקן די זשאַליודעס פון זײַנע קעשענעס אַזוי, אַז די מאַמע זאָל זיי נאָכדעם קאָנען געפינען.

די מאַמע האָט בײַם טיש דערציילט אַ ביסל פון מאַרק, דער טאַטע פון זײַנע צרות מיט די סוחרים, די מעלהענדלער און פון זײַנע צוויי פויערשע געהילפן. און פלוצים אַזוי אַ פרעג־געטון:

— וואָס דערציילט מען, אַז דו שניצסט דאָרט פון האָלץ פייגל וואָס פליען, פיש וואָס שווימען. ווי אַזוי מאַכסטו דאָס?

— גאָר נישט, טאַטע, דאָס איז גאָרנישט; דאָס האָב איך דאָך טאַקע געלערנט בײַ דיר: אַז דו נעמסט טייג און מאַכסט אַ פויגל צי אַ פישל.

— וואָס מיינסטו?

— גאָרנישט, טאַטע! מען דאַרף נאָר וויסן וואָסער האָלץ עס לאָזט זיך שניצן אַזוי און וואָסער האָלץ עס לאָזט זיך שניצן אַנדערש.

— אָבער האָלץ איז דאָך נישט טייג?

— איז טאַקע דערפאַר בעסער.

— דו מיינסט ווײַל מ׳קען דאָס נישט אויפעסן?

— ניין, טאַטע, עס איז בעסער צו שנײַדן. עס נעמט דיך אָן גאָר אַן אַנדער חשק.

— און איצט הער איך, אַז דער טעפּערינס מיזינקע רעדט שוין וועגן אַ קאַמאָד מיט פיש וואָס דו האָסט אויסגעשניצט.

יאַנקל האָט דאָ אַראָפּגעלאָזט די אויגן און דער טאַטע האָט פאַרגעזעצט:

— אָבער דאָס קען זי שוין וועלן ביז עס וועט זיך איר איבערגלוסטן. זי קען נישט איר מאַמע.

— אָבער אַ פישל, אַ צוקערלעקעכל איז דאָך זיס — האָט די מאַמע געזאָגט.

— יאָ, מאַמע — אָבער אַ באַשעפעניש פון האָלץ קומט אַרויס אַזוי שיין, אַז דו קענסט אויף דעם קוקן און קוקן.

**
*

פאַרן גיין אַהיים, האָט די מאַמע אַריינגעלייגט יאַנקלען אין די קעשענעס דאָס צוגעגרייטע שבת־אויבס.

ביים אַרויסגיין פון טאַטע־מאַמעס קעלער־שטוב, האָט יאַנקל אויסגעדרייט דעם קאָפּ, געכאַפּט אַ לאַנגן קוק אויף דעם טייך וואָס האָט זיך דאָרט נידעריק באַרג־אַראָפּ געבליט אין דער נאַכט. ער האָט ליב געהאַט דעם טייך. עס איז אויך שיין געווען דעם גלחס בריקל, וואָס האָט זיך אויף זיינע לאַנגע הילצערנע פיס אויפגעהויבן איבערן וואַסער ווי אַ סמיק איבערן פידל.

יאַנקל איז געגאַנגען פון טאַטע־מאַמעס הויז מיט טריט וואָס זענען געווען אַ סך גרינגער ווי די וואָס האָבן אים געבראַכט אַהין. ווען ער איז צוגעקומען נאָענט צום הויז פון זיין פעטער דעם באַנדער, האָט ער זיך ניט אַן אומדערוואַרטער געוואַגטקייט אַ קער־געטון צו חיה דער טעפּערינס הויז, און לעבן דער פּריזבע, ביי דעם אָרט וווּ איר טעכטערל קומט זיך אָפּט אַרויס שפּילן, האָט ער אויסגעשאָטן די שיסעלעך, וואָס ער האָט אין דעם דעמבענעם וואַלד אָנגעקליבן פאַר איר. יאַנקל האָט זיך אָבער מיטאַמאָל דערשראָקן, זיך אומגעקערט: און ווי אַז עמעצער דערזעט אים?... דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז זי רעדט פון אַ קאָמאָד מיט מיינע געשניצטע פיש, נאָר אַז זי וועט עס ביי איר מאַמען נישט אויספירן.

און יאַנקל מאַכט ביי זיך אָפּ: אויב ער גייט דאָ אַרויס צוריק ביז דעם אָפּענעם מאַרק און קיינער דערזעט אים נישט, איז אַ סימן, אַז זי וועט ביי איר מאַמען יאָ אויספירן.

און יאַנקל האָט מיט אַ האַרץ וואָס ציטערט מיט גלויבן און מיט שרעק געגומען גיין פון דעם פאַרשאָטנטן געסל צום אָפענעם מאַרקפּלאַץ, וואָס האָט אונטער דעם ליכט פון דער ברוסילאָווער לבנה, געשיינט מיט אַ פּאָר אויסגעצ־לייגטע קי, וואָס האָבן געקייט, געאָטעמט און געקוקט פאַר זיך. זיי האָבן געווים פאַרנומען זיין נדר. גאָטס באַשעפענישן? אפשר גילגולים אַזוינע... די לבנה האָט אויסגעלייגט זייערע שאָטנס גלייך אויף דער ערד לעבן זיי. אינמיטן איז געלעגן ווי אַן אַרויסגעהויבן באַרגשטיק דער בראַנפן־פּאַדוואַל, דער שאָטן פון דעם ערדענעם פּאַדוואַל, און פון דער הילצערנער צאַם אַרום אים האָט אָבער די לבנה אויסגעצויגן אַזוי, אַז ער האָט מיט זיינעם אַ שפּיץ דערגרייכט כמעט ביז דעם געסל איבער וועלכן יאַנקל האָט געטראָגן זיין פּלאַטערדיק האַרץ, זיינע טריט און די ליכטיקע בליקן פון זיינע ברייט־צעעפנטע אויגן. פון צווישן און גלייך אָט־דאָ בײם שפּיץ פון דעם שאָטן פון די צעפּלאָנטערטע דרענגלעך פון דעם צאַם, זענען ווי פון אונטער דער ערד, אַרויסגעשפּרונגען דער טעפּערינס זינדל מיט אַ פּאָר חברים זיינע, און דאָס זינדל האָט אויסגעשריגן מיט אַ געלעכטער:

— זעט נאָר, אָט איז ער דאָ, דער פּירניק! וואָס טוט ער דאָ? — כאַ־כאַ־כאַ!!!

דאָס האַרץ האָט זיך ביי יאַנקלען ביטער אַ ריס־געטון. — איצטער איז אַלץ פאַרפאַלן... אפשר האָבן זיי געזען מיך ווי איך האָב אַרויסגעשאָטן די שיר־סעלעך?... און זיי זענען געשטאַנען פאַר אים און אַלץ געלאַכט: — ווער האָט דעם פּירניק צעריסן די פּלודערן?

— אוי וויי! — ער איז דאָך נאַקעט, דער פּירניק! — כאַ־כאַ־כאַ!...

יאַנקל האָט זיך דאָ ערשט אין דער רגע דערמאָנט, אַז אַזוי גייענדיק אין שאָטן פון די פּאָר הייזלעך פון געסל, האָט ער זיך מיט איין פּלודער פאַרטשעפּעט אין אַן ארויסגעשטעקטן טשוואָק פון אַ פּריזבע און אָפּגעריסן אַ שטיק פּלודער וואָס איז געבליבן הענגען איבער אַ נאַקעטער שטיק פּוס. יאַנקל איז אַזוי געבליבן שטיין פאַר אַ קורצע ווײַלע. דערפילט די שטיק נאַקעטקייט פון זיין פּוס. דער חשבון פון „שלאָגן, נישט שלאָגן" איז מיטאָמאָל ווי אַוועק פון זיין פּנים. אַנטשלאָסן און מיט פאַרמאַכטע פויסטן האָט ער גענומען גיין גלייך אויף דעם „זינדל" מיט זיינע חברים, די „סמאַרקעס".

— ער גייט ווי אַ גזלן! — האָט איינער פון די חברה אויסגעשריגן. און זיי האָבן זיך אינאיינעם אַלע אָפּגעריסן פון די ערטער און האָבן גענומען לויפן ווו נאָר די אויגן האָבן געטראָגן.

יאַנקל אָבער, איז זיך מיט לבנה־ליכט אויף זיין פּנים און אויף דער שטיק נאַקעטקייט פון זיין פּוס, צוגעקומען מיט פאַרעקשנטע טריט ביז צו דעם אָרט, ווו זיי, די „סמאַרקעס" זענען פריִער געשטאַנען. אויף דעם אָרט איז ער גע־בליבן שטיין. אָט ווי עס וואָלט זיך בלויז געהאַנדלט אין דעם צו באַזיגן אָט־דאָס אָרט דאָ און פון דאַנעט אַ קוק צו טון אויף די פיר חברה וואָס לויפן פון אים אין אַלע זייטן און אויף די קייזיקעס וואָס ליגן צעשפּרייט איבערן מאַרקפּלאַץ און שפּיגלען זיך אין דעם לבנה־ליכט ווי ספּעציעל אויסגעפּרעסטע, אויסגע־שניצטע און אַנגעהויפטע קופּערנע שטיקער. די צעשפּרייטע פליגלען פון דעם גרויסן צווייקעפּיקן אָדלער וואָס איבער דעם אַפּטייקדעכל האָבן ווי געהויבן די גאַנצע שטאָט מיט זיך. קיינער ווייסט נישט פאַרוואָס אַלץ איז אַזוי, — אפשר די בהמות וואָס ליגן, קייַען, אָטעמען און קוקן שטיל — אפשר ווייסן זיי פאַר־וואָס דאָס איז אַלץ אַזוי?... און אָט איז דער שטאָטבאָק אַרויף אויף דעם ערדע־נעם דאַך פון דעם פּאָדוואַל, געבליבן שטיין אויף דעם ערדענעם שאַרף פון דעם דאַך, אַ ציטערדיקן כמעט קינדישן מעקע־געטון. אפשר ווייסט ער פאַרוואָס אַלץ איז אַזוי. ער וויל זינגען און קען נישט. אַלע ציגן בלייבן אין די קאַמערן פון זייערע באַלעבאָסטעס. אַלע ציגן האָבן באַלעבאָסטעס, און ער, דער באָק — האָט נישט קיינעם. און ער האָט אַזוינע לאַנגע האָר, וואָס גרייכן כמעט ביז דער ערד, און ער האָט אַזוינע הויכע צעדרייטע הערנער וואָס שטעכן זיך אַרויף. און ער איז וויס און האָט רויטע פלעקן, און זיין באָרד און זיין פּנים זענען רויט. ווי ביי אַ מענטשן איז דאָס אַנגעזיכט פון זיין פּנים און איז ענלעך אויף

דעם משוגע־געוואָרענעם משהלע דעם מלמד, נאָר אויף דעם אָרט פון האַרטע קאַפּעליושן הייבן זיך פון זיין קאָפּ צווי גרויסע הערנער. ווי ווייס זילבער ווייסן זיך די ווייסע טיילן פון זיין גרויס ציגן־לייב, און ער איז אַליין און אַ רחמנות איז אויף אים, כאָטש ער שיינט דאָ אַזוי פון דעם ערדענעם דאַך. אָבער משהלע דער מלמד מיט די משוגענע אַנגעטאָענע קאַפּעליושן אויף זיין קאָפּ קען זאָגן: „גאָט איז געקומען קיין ברוסילאָוו”. און דער גרויס־הערנערדיקער קאָפּ מיט דער לאַנגער באָרד און גרויסע אויגן קען בלויז זאָגן: „מע־מע־מע!... וועער ווייס וואָס ער זאָגט? — אפשר דער צווייקעפּיקער אָדלער מיט די צעשפּרייטע פליג־לען? אפשר משהלע דער משוגענער?...

יאַנקל האָט געהאַט אַ שלעכטע וואָך נאָך אַט דעם שבת אין דעם דעמבע־נעם וואַלד, נאָך אַט דער מעשה מיט דעם אָפּגעלאָזטן בלויען פויגל. פריִער איז געווען די שרעק אַז איר „ברודערל” האָט דערזען אַז ער האָט אַוועקגעלייגט לעבן דער פּריזבע ווו זיין שוועסטערל שפּילט זיך מיט די שיסעלעך פון די זשאָ־לידעס. נאָכדעם די שרעק פאַר דעם סימן, אַז אויב קיינער וועט אים נישט זען ביז ער וועט אַרויס אויף דעם אָפענעם מאַרקפּלאַץ... דער סימן, אַז איר מאַמע וועט קויפן די צווי געשניצטע פיש. — וועט זי קויפן די צווי פיש? וועט זי קויפן? זי וועט נישט. זי וועט. דער סימן איז דאָך ווי אַ גזר. נאָר גאָט קען דאָס צעררייסן. נאָר גאָט!

יאַנקל האָט געהאַט בייזע חלומות דורך די נעכט. פלעגט אויפשטיין פריִער ווי אַלע טעג און דאַוונען מיט כוונה. שטאַרקער פאַרציִען די רצועות אויף זיין האַנט, אַז די האַנט פלעגט אַזש פאַרלויפן מיט בלוט. — זאָל די האַנט ווי טאָן, זאָל זי ווי טון. ער פלעגט ליידנשאַפטלעך קושן דעם של־יד און דעם של־ראש, ליידנשאַפטלעך קושן די תפילין אין דער שייד, אַלעמאָל אַ קוש־טון דעם אָדער יענעם אָרט ווו עס ווערט דערמאָנט גאָטס נאָמען, אַריינכאַפּן נאָכן דאַוונען אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים. פאַרנאַכט פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן אין רבס שול אַרויסצו־העלפן דעם שמש, אַריינכאַפּן אַ קדושה בציבור, מאַכן אַן עמוד אָדער אַ בלאַט גמרא, און צווישן זמן אינמיטן פון אַלץ תפילהדיק בעטן:

— גאָט פאַרגיב, דערבאַרעם זיך. איך ווייס איך בין אַ זינדיק יינגל, אָבער זי איז דאָך אַ גוטע, זי איז דאָך ווי אַ מלאכל און אירע האָר זענען ווי גינגאָלד רויט און אירע אויגן זענען שוואַרץ און איר הויט איז ווייס. ווי מילך און ווי האָניק איז געשמאַק און זיס דער ריח וואָס גייט אויף פון איר, ווי אַ בענטשונג גייט דאָס אויף, ווי אַ צעשטראַלונג, אַ וואַרעמע. גאָט, זי איז נישט שולדיק. גאָט, שטראָף מיך, נאָר נישט זי. זי וויל מיינע צווי געשניצטע פיש. גאָט זע, אַז זי זאָל זיי האָבן. טו דאָס, כאָטש דער סימן איז געווען אַ שלעכטער. צערייס די גזירה, גאָט. דערבאַרעם זיך — צערייס. נישט פון מיינעטוועגן, נאָר פון אירטוועגן, גאָט.

אַזוי איז אַוועק די גאַנצע וואָך. איין ליכטיקער פונק נאָר איז געווען, ווען ער האָט דורך די שפּאַלטן פון זיין פּאַרקאַן געזען ווי זי האָט זיך געשפּילט מיט די שיסעלעך וואָס ער האָט איבערגעלאָזן לעבן דער פּריזבע פון איר הויז.

— ווו האָסטו גענומען די שיסעלעך? — האָבן איר די מיידלעך געפרעגט.

— זיי קומען פון דעם דעמבבענעם וואַלד!

— פון דעם דעמבבענעם וואַלד?

— איז דער פויגל אינגאַנצן בלוי?

— אין דעם דעמבבענעם וואַלד איז פאַראַן אַ בלויער פויגל.

— ער איז אינגאַנצן בלוי, נאָר דער שנאָבל איז ווייס.

— איז ווי־זשע קומען אָט די אַלע שיסעלעך צו דיר?

— פון דעם דעמבבענעם וואַלד.

— פון דעם דעמבבענעם וואַלד?

— די שיסעלעך פון דעם וואַלד מעג מען נעמען.

— דעם בלויען פויגל טאָר מען נישט.

— פאַרוואָס?

— ווייל מען טאָר נישט נעמען אַ מאַמע פון אירע קינדער.

— מען טאָר נישט! מען טאָר נישט. גאָט קען שטראָפן.

יאַנקל האָט זיך דורך דער וואָך אויך עטלעכע מאָל צעקלאַפּט די פינגער, זיך איינגעשניטן די האַנט ביי דער אַרבעט. דעם קומענדיקן שבת נאָכמיטיק איז יאַנקל מיט נאָך עטלעכע יינגלעך אַוועק אין דעם בערעזענעם וואַלד. דער דאָזיקער וואַלד איז געווען נענטער צו דער שטאָט און פלעגט מיט זיינע בערעזע־ווייסע שטאַמען פריינטלעך אַריבערקוקן איבער גרינע לאָנקעס און פעלדער גלייך אין שטאָט אַריין, אָט ווי אָן אייגענער. דאָ און דאָרט זענען פאַר דעם וואַלד געווען צעשטעלט אַ פּאָר ברייטע, רונדע באַרנביימער. ווילדע קליינע באַרעלעך וואַקסן אויף צעשפּרייטע ביימער. זייערע געדיכטע, האַרטע שטעכיקע צווייגן וואַקסן כמעט ביז די ערד. איבער דער געדיכטקייט פון די האַרטע צווייגן איז שווער צו קלעטערן אויף די ברייטע, בייזע ביימער. קעגן די ווייסע, בייגעוודיקע בע־רעזע־ביימער שטייען זיי בייז און שוואַרץ. פון זייערע באַרעלעך ווערן איילי־ק די ציין און אַ ווייטיקדיקע ביטערניש כאַפּט זיך אַריין אין בויך. אָבער די יינגלעך גייען נישט אַריין אין בערעזע־וואַלד, איידער זיי קלעטערן נישט אויף די באַרנביימער. די שווערקייט און די ביטערקייט אַליין לאָקט. די יינגלעך לייגן זיך אָן קעשענעס מיט באַרעלעך, היטלען און אויך פּאַזוכעס מיט באַרעלעך. נאָכדעם, שוין אין דעם וואַלד און פון דעם וואַלד — נעמט מען פּלאַנעווען ווי אַזוי „איינצולעגערן" די באַרעלעך אין שטרוי אויפן בוידעם, אין קעלער, צי גאָר אין דער ערד. מען רעכנט אויס וויפל די באַרעלעך דאַרפן אַזוי ליגן באַ־האַלטן פון טאַטע־מאַמע ביז זיי וועלן ווערן גוטע באַרעלעך. אַזוי ליגנדיק דאַרפן די באַרעלעך ווערן גוט און זיס ווי האָניק. כאָטש ביי קיינעם האָבן זיך די

באַרעלעך נאָך ביז אַזאַ צייט נישט איינגעהאַלטן. אויף די געדיכטע און שטע־כיקע באַרנביימער צערייסט מען זיך אָפּ די קליידער, מען צעדראַפּעט זיך די הענט, מען צעשניידט אָפּט אויך דאָס פּנים. מען גלייבט אויך, אַז דאָס זענען נישט־גוטע וואָס האָבן זיך פאַרוואַנדלטע אַזוי אָוועקגעשטעלט פאַרן וואַלד אויף אַריינצוגאַרן און אָפּהאַלטן די יינגלעך פון דעם ווייסן בערעזע־וואַלד. אָבער יינגלעך טוען פאַרט עפּעס אָפּ זייערס און לויפן ווי יונגע לאַשיקלעך אין ווייסן וואַלד אַריין, זוכן אויף די יינגערע בערעזעס, בייגן זיי אַרונטער און נעמען זיך הוידען אויף זיי. די יונגע בערעזעס פון דעם גרויסן ברוסילאָוועך וואַלד זענען פול מיט זאַפט, און אַז די יינגלעך כאַפּן זיך אויף זיי אַרויף צו זייערע קעפּ מיט די הינטנס — לאָזן זיי בייגן ביז צו דער ערד. אָבער ווי נאָר דער שפּיץ פינגער פון די יינגלשע פיס רירן אָן די ערד — גיבן זיך די יונגע בערעזעס צוריק אַ הייב־אַרויף אינאיינעם מיט די יינגלעך. אָבער די יינגלעך האַלטן די בערעזקעס ווי רייטער האַלטן פערד ביי דער גריווע, איז ווידער אַרונטער און ווידער אַרויף. דער וואַלד ווערט פאַרהילכט פון פריידיקע געשרייען און איבעררופן און הילכיקע ווידערקלאַנגען. חברה בייטן זיך אָפּט מיט זייערע ווייסע פערדלעך, אָפּט פאַלט עמעצער אַראָפּ, אַמאָל צעשלאָגט מען זיך אויך איבער דעם אָדער יענעם בע־רעזע־בוים. די געשרייען צעשרייען זיך איבערן וואַלד ווי גאַנצע וואַלדיקע מיילער וואַלטן זיך צעקריגט און צעשריגן. און בייט מען זיך איבער, מען נעמט זיך שפּילן אין לויפעניש, אין כאַפּעניש, אין באַהעלטעניש, מיט שפּרינגען איי־נער איבערן צווייטן.

אין וואַלד איז כמעט אַ נאַכטיקע טונקלקייט, אָבער עס איז פאַרט טאָג, און דאָ און דאָרטן ברעכן זיך פאַרט דורך זונפלעקן. און יאַנקלען פאַלט איין: ווי פאַרט זעט אויס דער וואַלד אין דער נאַכט?... עס דאַרף זיין אַן אמתער וימש חושך. עס דאַרף זיין אַ שרעק!... און אַ גרויל גייט איבער איבער יאַנקלס לייב: אַ יינגל, אַליין אין וואַלד ביינאַכט, אַ — סאַראַ שרעק!...

און יאַנקל האָט זיך אָפּגעדרייט פון זיינע חברים, זיך אָוועקגעלייגט אויף דער פאַרבלעטערטער ערד מיטן פּנים אַראָפּ צו די געלע פאַרטריקנטע בלעטער, וואָס ליגן אויף דער וואַלדערד אָנגעפאַלן און אָנגעגעבט פון יאָרן און יאָרן. זיינע אָרעמס האָט ער צונויפגעלייגט אין אַ דערהייבונג פאַרן קאָפּ און האָט מיט אַן אַנטשלאָסענער עקשנות פאַרמאַכט די אויגן, געהערט פאַר אַ צייט דעם פרישן וואַלד און טרוקענעם בלעטער־גערוך, געהערט ווי די יינגלעך רופן אים, שרייען און זוכן אים, ביז ער האָט אויפגעהערט הערן.

יאַנקל האָט שוין היינט געהאַט אַ טאָג אַזאַ: — ווען ער איז היינט נאָכן עסן אַרויס אינדרויסן און די זון מיט איר ליכט, מיט די פרישע גערוכן פון גערטנער און פעלדער — האָט אים אַ צי־געטון צום וואַלד, האָט ער אויף דעם אָפּענעם מאַרקפּלאַץ דערזען דעם רויטן משהלע מיט די שליאַפּעס, איינע אויף איינע, אויף זיין קאָפּ, האָט ער אים געוואָלט אויסמיידן. עס איז אים אַלעמאָל

שווער צו קוקן אויף אים, איבערהויפּט נאָך זינט די שליאַפּעס זענען צעקנייטשט און אָפּגעריבן געוואָרן. אַ ייִנגל האָט מיט אַ שטיינדל אַפילו געמאַכט אַ לאָך אין איינער פון די שליאַפּעס. אָבער גראָד ווי אויף צו־להכעיס האָבן די פיס נישט געוואָלט אָפּקערן פון וועג און האָבן אים געפירט גלייך אַנטקעגן משהלען. און ער האָט נאָך גראָד פאַרהאַלטן זיינע פיס קעגן משהלען און יענער האָט אים אַ לאַך־געטון אין פנים אַריין און אויסגעשריגן:

„גאָט איז געקומען קיין ברוסילאָוו״!

און איבערלאָזן יאַנקלען אַ שאַרפֿן גרויל איבער זיין לייב.

און אויפן וועג פאַרן וואַלד איז ער געבליבן שטיין פאַר די ווילדע באַרנביימער וואָס זענען מיט זייערע צווייגן כמעט ווי געזעסן אויף דער ערד. די ייִנגלעך מיט וועלכע ער האָט זיך אויפן וועג אָנגעטראָפן האָבן דווקא געוואָלט, אַז יאַנקל זאָל זיין דער ערשטער אַרויפצוקלעטערן. יאַנקל האָט גוט געוווּסט, אַז אַ ייִדיש ייִנגל טאָר נישט רייסן קיין באַרן אום שבת, אַז „גאָט וואָס איז געקומען קיין ברוסילאָוו״ קען דערפאַר שטראָפן אים ווי די אַנדערע ייִנגלעך; ער האָט געגלייבט, אַז אַ נישט־גוטער זיצט אין די ביימער און אַז די געדיכטע האַרטע צווייגן זענען אפשר היינט אַזוינע, זיי דאַרפן זיי רייסן, זיי קענען אפשר טון ווער ווייסט וואָס. אָבער ער איז אַרויף און גענומען רייסן און טרייסלען די באַרעלעך. און טאָמער האָט זיך געמאַכט אַ צווייג וואָס האָט אויף זיך געהאַט גרעסערע באַרעלעך און האָט זיך פאַרקליבן אין אַזאַ אָרט פון בוים, אַז עס האָט אויסגעזען, אַז דער נישט־גוטער זוכט דאָ אומיסטן אַזוי צו פאַרנאַרן — האָט יאַנקל טאַקע אַן אָנגעשראָקענער זיך דווקא צוגעקליבן צו אָט־דעם צווייג, און אַפילו אַז עס איז געווען מסירת־נפש.

און נאָכדעם אין וואַלד. יאַנקל האָט גוט געוווּסט, אַז בייגן ביימער איז אַ מלאכה, און אַז אַ ייִד טאָר נישט טון קיין מלאכה אום שבת, און אַז די ביימער קענען נאָך אַמאָל קומען און עדות־זאָגן אויף אים פאַר גאָט. אָבער יאַנקל האָט זיך פאָרט נישט געקענט אָפּהאַלטן און ער האָט געבויגן די ביימער — — —

— פאַרוואָס, פאַרוואָס איז דאָס אַלץ אַזוי?...

**
*

ווי לאַנג יאַנקל איז געלעגן מיטן פנים אַראָפּ אַזוי — האָט ער נישט געוווּסט, נאָר ווען ער האָט צעעפנט די אויגן האָט די פינצטערע נאַכט אין שרעק אים אַ הייב־געטון פון דער ערד. ער האָט גענומען לויפן אין ווילדער שרעק, אָבער דער גערויש פון די אָנגעפּאַלענע טרוקענע בלעטער פון יאָרן און יאָרן האָבן גענומען רוישן און שרייען אונטער זיינע פיס. טויזנטער טייוואָלים יאָגן אים נאָך. זיי האָבן אים אָפּגעוואַרט, זיי האָבן אים אַריינגעכאַפּט איצט דאָ אין וואַלד ביינאַכט אַליין און ער לויפט, און דער גערויש ווערט אַלץ

גרעסער און הילכיקער. זיי צישען, זיי שרייען, זיי לאַכן. יאַנקל פּרוּווט זיך אָפּשטעלן, זיך אַרומקוקן ווו ער איז ערגעץ אין דער וועלט. אָבער דאָס וואָס אַלץ ווערט מיטאַמאָל שטיל ברענגט אַ נייע שרעק. די שטאַמען פון די ווייסע בערעזעס לויפן זיך צונויף אין די הונדערטער, שטעלן זיך אַרום ווי גייסטער, ווי נישט־גוטע, ווי מתים. דער קאָפּ ווערט פאַרדרייט. ער נעמט זיך ווייטער לויפן. ווידער דער טיפער שווערער בלעטער־געראַוויש אונטער אים. דאָס זענען נישט־גוטע, מחנות אַזוינע — לויפן אים נאָך, און מיט זיי לויפן אויך דיביימער נאָך. און אָט־אָ, אַ פלוצימדיקע ליכטיקע עפענונג אינמיטן וואַלד, אינגאַנצן אָנגעפילט מיט לבנה־ליכט. אַזוי פיל לבנה־ליכט. ער שטעלט זיך אָפּ. אויף אַן אָנגעבוי־גענער יונגער בעריאָזע וואָס אינמיטן פון דער עפענונג זיצט אַ פאָרל. אָן דעם וויסן פון טאַטע־מאַמע האָבן זיך אַ ייִנגל און אַ מיידל אַהער פאַרקליבן. זיי רעדן און לאַכן שטיל. אַ פלייט צעשפילט זיך, — אָ, ניין, דאָס איז דער סאָלאָוויי, די נאַכטיגאַל אויף אַ בוים דאָ נישט ווייט. ער פילט אָן די גאַנצע עפענונג מיט זיינע איבערגיסנדיקע העכערע און נידעריקע טענער, וואָס האָבן זיך אָנגע־קניפּט און אָנגעבונדן איינע נאָך די אַנדערע, שנירלעך און שנורן פון טענער וועבן זיך. עס זענען נעצן פון טענער וואָס שפּרייטן זיך און גיסן זיך אָן אויפהער איבער אָט דער ליכטיקער עפענונג אינמיטן פון דעם פינצטערן וואַלד — — — דאָס זענען טענער פון פאַרשידענע כלי־זמר און מענטשלעכע שטימען. עס איז אַ כישוף. דאָס פאָרל אויף דער בערעזע אינמיטן פון דעם לבנה־ליכט און געזאַנג — דאָס איז לילית און דער סמאל. זיי ווילן אים דאָ פאַרכאַפּן אין דער נעץ. דער סאָלאָוויי דאָס איז אַ ווערקצייג זייערס אַזאַ. און יאַנקל נעמט פונדאָסניי לויפן ווו נאָר די אויגן טראָגן, דורך וואַלד־פינצטערניש און בלעטער־געראַוויש. און אַזוי, אַן אויסגעשעפּטער פון אָטעם איז ער דערלאָפן ביז צום סוף פון וואַלד.

גרינג און היימיש האָבן זיך געשפּרייט די גרינע לאָנקעס אויף רעכטס און אויף לינקס. אַ גרויסע פולע לבנה האָט ווי אַ געטרייע מאַמע געקוקט אויפן וואַלד, אויף די לאָנקעס און אויף אים, אויף יאַנקלען. ער נעמט גיין אַהיים מיט רויִקע שטאָלצע טריט. עס איז געווען אַ שווערער טאָג, אַ גרויסער טאָג. עס איז געווען אַ גרויסע שרעק. אָבער עס איז געווען גוט צו בלייבן אַזוי אַליין אין וואַלד אויף נאַכט. עס איז דאָ אַזוי פיל כישוף, אַזוי פיל וווּנדער אויף דער ערד. און אָט גייט ער אַליין אַ ייִנגל אינמיטן פון גרויסע גרינע פעלדער און די לבנה איז אַזוי גוט, ווי אַ היטערין איז זי. און אָט דאָ, ביי דער זייט פון וועג, איז די „כיוואָסע". יאַנקל האָט זיך אַלעמאָל פאָרגעשטעלט, אַז דאָ איז דאָס אָרט ווו דער בעל־שם־טוב האָט געהייסן מיכל גביר און די אַנדערע ייִדן וואַשן די הענט צו מנחה און דאָ האָט ער זיך דאָס אָנגעבויגן און פאַר זיך מיטאַמאָל דערזען אַ ברונעם, און איז אַהין אַריינגעפאַלן, אַהין אין דער וועלט, ווו דער מענטש קריגט אַלץ פאַר אַ דאַנק. קיינער איז דאָרט נישט רייך און קיינער נישט אָרעם. אַ וווּנדערלעכע וועלט אַ גאַנצע ליגט איצט אונטער יאַנקלס פיס און אַ וווּנדער־

לעכע וועלט פאַר די אויגן. ווי אַ מלאך אַ גוטן האָט גאָט אַהערגעשיקט זיין לבנה מיך באַגלייטן אונטן. דער גן־עדן התחתון, אויבן דער גן־עדן של מעלה, און דאָרט אויף דער בערעזע, אינמיטן פון דער עפּענעונג אין וואַלד...

און יאַנקל בלייבט שטיין אינמיטן:

— גאָט, איך נעם אויף זיך אַ נדר, אויב איר מאַמע קומט קויפן אויך מיינע צוויי געשניצטע פיש פאַר אַ קאָמאָד פאַר איר טאָכטער, וועט מיין האַנט ווייטער שניצן זאַכן נאָר פון דיינעטוועגן. איך בין אָרעם, גאָט; זאָל געשען וואָס איך וויל. גאָט, טו דאָס בלויז פאַר אַ דאַנק — — —

אַ בריוו צו זיין זון,

געשריבן אין 1941, נישט אָפּגעשיקט און געפונען צווישן זיינע שרייבטיש־פּאַפּירן

דניאל:

דאָס איז באמת אַ זייער שיינע און אַ זייער אָנגעלייגטע מתנה. אָט־דאָס קליין געשניצטע כינעזישע פיגורל אָטעמט מיט אַזוי פיל גוטסקייט און מיט אַזוי פיל גרויסן מענטשלעכן שכל.

עס איז נישט נאָר אַ ליכטיקע טרייסט ווען עס שטייט אויפן טיש, נאָר עס איז אַזוי גוט צו נעמען דאָס אין האַנט און פילן די פיינע מאָדעלירונג. דו פילסט, דו הערסט ממש ווי די גוטע, פיין־דערגרייכטע קוואַליטעטן שפּראָצן דיר פון האַנט אַרויס. מענטשלעכער טראַגיזם ווערט באַזייטיקט, ווערט אויסגעקויפט. איצט, ווען די מענטשהייט לעבט איבער אַזאַ שווידערלעכע, אַזאַ פאַרצווייפלט ביטערע צייט איז דאָך אַזוי שווער צו רעדן און זאָגן — זעט, אָט דאָס איז אייער טרייסט!

יאָ, דניאל, עס איז שווער, אָבער אַ טרייסט איז דאָס פאָרט, אַ טרייסט וואָס מאַכט נישט גרינגער דאָס גרויס־מענטשלעכע אומגליק פון אונדזערע טעג. ווייל זע — נאָך דעם ווי די מענטשהייט האָט שוין דערגרייכט אַזאַ אומענדלעך פיינעם געפיל פאַר באַלאַנסירן עמאָציעס און געדאַנק, קומען פאָרט פאָר אַזוינע אומגליקן אויף דער וועלט.

אַזויפיל טויזנטער יאָרן האָט דאָס גענומען די כינעזער ביז זיי האָבן אָט־די גרויסע אַלץ־אַרומנעמענדיקע רו דערגרייכט, אַ רו וואָס האָט זיך געדאַרפט אַוועקלייגן ווי אַ זיגל איבער די אַלע מענטשלעכע קליינלעכקייטן, אַ רו, ווי אַ צוים איבער אַלע סיבות וואָס ברענגען צו טראַגיזם, און זע — דער זיגל איז אויפגעריסן, די צוים איז אויפגעבראָכן. נאָר ערגעץ ווערסטו פאָרט געטרייסט פון דעם געדאַנק, אַז מענטשלעכער גייסט וועט זיך פריִער אָדער שפּעטער באַרויִקן. אמת, אַ צו טייערן, אַ ביטערן פרייז וועט ער צאָלן. אַ קאַנאָן, אַ שלאַכט־שיף, ווי גרויס און מעכטיק זיי זאָלן נישט זיין, זענען נאַרישע קינדער־שפּילצייג קעגן דער אמתער, מענטשלעכער, גרויס וואָס ליגט באַהאַלטן אין יעדן ווינקל פון אָט דעם פיגורל. וויפל דו זאָלסט נישט האָבן באַצאָלט פאַר דעם, האָסטו דאָ אַלץ נישט איבערגעצאָלט, דניאל.

אין פאַרלאַג „יידבוך" זענען ביז איצט דערשינען:

1) י. ל. פרץ — דריי חסידישע דערציילונגען
אלבום־פאַרמאַט, געכתיבהט פון קינסטלער משה פייגענבלום.
2) ח. ש. קאַזדאַן — מעטאָדיק פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור (אויספאַרקויפט)
3) י. י. טרונק — כעלעמער חכמים (אויספאַרקויפט)
4) שלמה סיימאָן — אַמאַליקע יידן (אויספאַרקויפט)
5) פּראָפ. ליבמאַן הערש — אויף דער גרעניץ פון צייטן
6) יצחק פערלאָוו — אין אייגענעם לאַנד
7) י. י. טרונק — דער פריילעכסטער ייד אין דער וועלט (אויספאַרקויפט)
8) ש. סיימאָן — תוך־יידישקייט
9) נ. ב. מינקאָוו — זעקס יידישע קריטיקער
פּרעמירט געוואָרן דורך דעם פאָנד פאַר יידישע ליטעראַטור
ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס.
10) אברהם זאַק — אין אומרו פון יאָרן
פּרעמירט געוואָרן דורך דער מ. סטאָלאַר־פּרעמיע
פון „די אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס.
11) יוסף רייך — וואַלד אין פלאַמען
12) מ. וו. בערנשטיין — אין לאַבירינטן פון תקופות (אויספאַרקויפט)
13) לעאָן קאָברין — מיינע 50 יאָר אין אַמעריקע (2 טיילן)
14) יצחק פערלאָוו — דזשעבעליִאַ (ראָמאַן)
15) ברוך ריווקין — ה. לייוויק — זיינע לידער און דראַמאַטישע ווערק
16) מלכה לי — דורך קינדערשע אויגן.
17) יעקב פאַט — די לערערין אסתר (אויספאַרקויפט)
18) שלמה סיימאָן — וואָרצלען
19) משה דלוזשנאָווסקי — „האַרבסט אין וויינגאָרטן"
(דערציילונגען און דראַמעס)
20) מנחם באָריישאָ — עסייען.

21) לעאָן בערנשטיין — ערשטע שפּראָצונגען
22) משה אייזענבוד — געלעבט הינטער קראַטן
23) פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — ייִדישער אומקום און ווידערשטאַנד אין פראַנקרייך.
24) דוד איגנאַטאָוו — „אָפּגעריסענע בלעטער"
25 דער לעבעדיקער (ח. גוטמאַן) — פּאַמפּאַדור

אין דרוק:

נח גאָלדבערג — אויף צעוואָרפענע וועגן.
י. ה. פּישמאַן — געקליבענע דערציילונגען

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina

Copyright by:
D. IGNATOFF
New York

Hecho el Depósito que marca la ley
Industria Argentina

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 15 DE JUNIO DE 1957, EN LOS TALL. GRAF. "ZLOTOPIORO HNOS.", SAN LUIS 3149, BS. AIRES

וועגן אַלע ענינים פון פאַרלאַג זיך ווענדן:

EDITORIAL "IDBUJ"

BOULOGNE SUR MER 671 — T. E. 62-9566 — BUENOS AIRES

DAVID IGNATOFF

"DRIFTED LEAVES"

★

"IDBUJ"
BUENOS AIRES
1957

באַמערקטע דרוק־פעלערן

זייט	שורה	געדרוקט:	דאַרף זיין:
IX	5 (פאָרוואָרט)	טיפן	טיפּן
27	6	אין קלערמאַנס־פּאַרק	אין קלערמאַנט־פּאַרק
29	9 (פון אונטן)	ווען איך מיט	ווען איך האָב מיט
36	7	פון מאָל צו האָבן	פון מאָל צו מאָל
43	1	און די ווייניקער	און די ווייניקער רייפע
45	2	מען וועט איצט לאַכט	מען וועט איצט לאַכן
49	6	פראָסט־פּאָלקישער	פראָסט־פּאָלקישער
49	17	מאַטיאַנען	טאַטיאַנען
55	1 (פון אונטן)	באַקראַט־פריימס	באַקראַם־פריימס
58	6 (פון אונטן)	גרויסן	באַגריסן
59	15	פאַרווענדן	ווענדן
60	4 (פון אונטן)	אין דעם אָפּגענאַרט	אין דעם נישט אָפּגענאַרט
64	1	ווען מען זיך נעמען	ווען מען וועט זיך נעמען
70	5	די מאַסן און די הייזער	די גאַסן און די הייזער
87	7	פאַרגעבן	פאַרגעסן
102	24	געפּרווט מאַכן אַ האַרץ	געפּרווט מאַכן אַ וויץ
105	19	געוויינט	געווינט
179	19	מקורשת	מקודשת
195	6	הויפּטגאַס	הויפּטגאַט
228	7	מיטן אקסן פון טאָג	מיטן וואַקסן פון טאָג
251	14	אַ וועק	אַ וועג
257	4 (פון אונטן)	טריגנט	טרוקנט
270	14	קליידער	איבעריקע שורה
283	4 (פון אונטן)	הינטלעך	הענטלעך
288	1 (פון אונטן)	דערוועז	נערוועז
294	5	איבערקרייענדיק	איבערקרומענדיק
313	9 און 10		זענען פאַרקערט געדרוקט

DAVID IGNATOFF

"HOJAS SUELTAS"

(OPGUERISENE BLETER)

★

Editorial
"IDBUJ"
de la Asociación Pro-Escuelas Laicas Israelitas en la Argentina
BUENOS AIRES — 1957